STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08965

POLITISHE EKONOMYE

Lev Khonanovich Segal

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

ל. סעגאל

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

קורצער קורס

פאר מארקסיסטיש-לענינשע קרײַזלעכ
און פאר זעלבסטבילדונג

★

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע, 1934

ייִדיש — א. קאַנטאָר

רעדאַקטער פֿון דער איבערזעצונג — ל. גאָלדבערג

די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפט

„די ראָליע פונ א פאָרגעשריטענעמ קעמפער קאָנ אויספילנ בלויז די פּארטיי, וואָס האלט זיכ בא א פאָרויסגעשריטענער טעאָריע“ — אזוי האָט לענינ דעפינירט די באדײַטונג פונ טעאָריע פארנ קלאסנקאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט (ווערק, באנד IV, זײַט 380). *

אזא פאָרגעשריטענע רעוואָליוציאָנערע טעאָריע, וואָס באוואָפנט דעמ ארבעטער־קלאס אפ אראָפּווארפנ דעמ קאפּיטאליזמ אונ אופבויענ די קאָמוניסטישע געזעלשאפט, איז די טעאָריע פונ מארקסיזמ־לעניניזמ.

קעדיי צו פירנ דעמ ארבעטער־קלאס צומ ניצאָכנ איבערנ קאפּיטאליזמ, איז נייטיק צו וויסנ די געזעצנ פונ דער אנטוויקלונג אונ אונטערגאנג פונ קאפּיטאליזמ, איז נייטיק צו וויסנ די באדינגונגענ פונ ניצאָכנ איבער אימ. פונקט אזוי, ווי מיר קאָנענ ניט באהערשנ די נאטור־קרעפטנ אונ זיי אונטערווארפנ צו זיכ, ניט האָבנדיק דערלערנט די דאָזיקע קרעפטנ, ניט האָבנדיק באנומענ די נאטור־געזעצנ, אזוי קאָנ אויכ די רעוואָליוציאָנערע פּארטיי פונ פּראָלעטאריאט ניט אויסבויענ אונ דורכפירנ אינ לעבנ א ריכטיקע סטראטעגיע אונ טאקטיק, א ריכטיקע קאמפ־ליניע אפ אראָפּווארפנ דעמ קאפּיטאליזמ אונ אויסבויענ דעמ קאָמוניזמ, אויב זי ווייסט ניט די געזעצנ פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג ביכלאל אונ די געזעצנ פונ דער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ ביפראט.

די געזעצנ פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג האָבנ אנטדעקט מארקס אונ ענגעלס. זיי האָבנ באוויזנ, אז אינעמ יעסאָד פונעמ גאנצנ געזעלשאפטלעכנ לעבנ ליגנ די פּראָדוציר־פארהעלטענישנ צווישנ די מענטשנ.

פּראָדוציר־פאר־העלטענישנ

קיינ שומ געזעלשאפט קאָנ ניט עקזיסטירנ אונ אנטוויקלענ זיכ אָנ דער פּראָדוצירונג פונ אלערליי זאכנ, וואָס זײַנענ נייטיק פאר דער עקזיסטענצ. די עקזיסטענצ־מיטלענ געפינט דער מענטש אינ דער נאטור ניט אינ א פארטיקנ צושטאנד, נאָר ער באקומט זיי ארויס דורכ זײַנ מי. פּראָדוצירנדיק די געברויכ־זאכנ, ענדערט דער מענטש די פאָרמ, ער ארבעט איבער,

* אלע ציטאטעס ווערנ געבראכט לויט דער דריטער (רוסישער) אויפלאגע. — ל. ס.

ער פאסט צו צו זײַנע באדערפענישנ די נאטור-שטאָפ, וואָס ער באקומט ארויס. אינ דער דאָזיקער הינזיכט שטעלט מיט זיכ פאָר די פראָדוקציע דעמ מענטשנס אקטיווע אופווירקונג אפ דער נאטור. אָבער דער מענטש עקזיסטירט אונ פראָדוצירט ניט איזאָלירטערהייט, ניט אָפגעזונדערט פונ אנדערע מענטשנ, נאָר אלס מיטגליד פונ דער געזעלשאפט, וואָס איז אָפהענגיק פונ אנדערע מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט. דער פראָדוציר-פראָצעס שטעלט מיט זיכ דעריבער פאָר ניט בלויז א געוויסע פארהעלטעניש פונ מענטשנ צו דער נאטור, נאָר אויכ א פארהעלטעניש פונ די מענטשנ איינער צומ אנדערנ.

לאָמיר נעמענ די קאפיטאליסטישע פאבריק — לאָמיר זאָגנ א טעקסטיל-פאבריק. אינ איר ווערט די נאטור-שטאָפ — בוימוואָל — באארבעט מיט דער הילפ פונ מאשינעס, וואָס שטעלנ אויכ פאָר מיט זיכ א נאטור-קראפט, וועלכע דער מענטש האָט געענדערט אינ דער פאָרמ אונ באהערשט. אָבער צוזאמענ דערמיט זעענ מיר אינ דער דאָזיקער פאבריק אויכ באשטימטע פארהעלטענישנ צווישנ די מענטשנ: פונ איינ זײַט — די ארבעטער, וואָס זײַנענ ניט קיינ אייגנטימער פונ די פראָדוציר-מיטלענ, אונ פונ דער צווייטער זײַט — דער קאפיטאליסט, וואָס באזיצט די דאָזיקע פראָדוציר-מיטלענ אונ עקספלואטירט די ארבעטער. לאָמיר אצינד נעמענ א סאָציִאַליסטישע טעקסטיל-פאבריק, דאָ ווערט איבערגעארבעט די זעלבע בוימוואָל, פונקט מיט אזוינע מאשינעס עפשער; דאָ ארבעטנ ארבעטער קאָנ זײַנ פונקט פונ אזוינע ספעציִאַליטעטנ, ווי אינ דער קאפיטאליסטישער טעקסטיל-פאבריק. אָבער די פארהעלטענישנ צווישנ די מענטשנ אינעמ פראָדוציר-פראָצעס זײַנענ שוינ דאָ גאָר אנדערע. די פראָדוציר-מיטלענ געהערנ שוינ ניט דעמ קאפיטאליסט, נאָר דעמ ארבעטער-קלאס. דאָ איז קיינ עקספלואטאציע ניטאָ. די פראָדוקציע ווערט דאָ געפירט לויטנ פלאנ, וואָס די פראָלעטארישע מעלוכע שטעלט איינ. אינ דער סאָציִאַליסטישער פאבריק איז אנ אנדער אָרגאניזירונג פונ דער ארבעט, איידער אינ דער קאפיטאליסטישער, אנ אנדער באציִונג פונ די ארבעטער צו דער ארבעט.

אי באמ קאפיטאליזמ אי באמ סאָציִאַליזמ קומט פאָר די אופווירקונג פונ דער געזעלשאפט אפ דער נאטור, דער פראָדוציר-פראָצעס, נאָר די געזעלשאפטלעכע פאָרמ פונ דעמ דאָזיקנ פראָצעס איז אנ אנדערע, אנדערע זײַנענ די פארהעלטענישנ צווישנ די מענטשנ אינעמ געזעלשאפטלעכנ פראָדוציר-פראָצעס, דה. זייערע פראָדוציר-פארהעלטענישנ. אינ דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט פלעגנ איינע פראָדוציר-פארהעלטענישנ פארביטנ ווערנ מיט אנדערע, איינ געזעלשאפטלעכע פראָדוציר-פאָרמ פלעגט פארביטנ ווערנ מיט אנדערע פאָרמענ, אונ דאָס איז פארורזאכט געוועג דורכנ וווּקס פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט.

די דאָזיקע געזעלשאפטלעכע פאָרמענ זײַנענ געווענ: דער פרימיטיווער קאָמוניזמ, די שקלאפנ-באזיצערישע אָרדענונג, דער פעאָדאַליזמ אונ דער קאפיטאליזמ. בא הײַנטיקנ טאָג קומט פאָר אינ פ ס ס ר דער איבערגאנג פונ קאפיטאליזמ צומ קאָמוניזמ, אָט דער איבערגאנג האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע אינ 1917 יאָר. בא אונדז הערשט שוינ דער סאָציִאַליסטישער פראָדוציר-אויפנ.

פרימיטיווער קאָמוניזם

די דאָזיקע אָרדענונג פון פּראָדוציר-פּארהעלטענישן האָט עק-זיסטירט אין פאַרלויף פון א סאך יאָרטויזנטער בא אלע פעלקער אַפ דער סאַמע באַגינענדיקער אַנטוויקלונג-שטופע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. מיט איר, אייגנטלעך גערעדט, הייבט זיך טאַקע אָן די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. די מענטשן זיינען נאָך דאַן געווען אין א האַלב-ווילדן צושטאַנד, זיי האָבן נאָך ניט געהאַט יענע פּראָדוציר-געציַיג, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט און וואָס גיבן דעם מענטשן קימאַט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט איבער דער נאַטור. געשפּייַזט האָבן זיך די מענטשן צוערשט אויסשליס-לעך מיט געוויקסן-שפּייַז, וואָס ווערט געפונען אין דער נאַטור אין א פּאַרטיקן צושטאַנד, — קרייַטעכצער, ווילד-וואַקסנדיקע פרוכטן, ניס. א גרויסע באַדייַטונג האָט געהאַט די אַנטדעקונג פון פייַער, וואָס האָט געגעבן א מעגלעכקייַט צו פּאַרבריי-טערן די שפּייַז-קוואַלן. מע האָט אָנגעהויבן געברויכן אַלס שפּייַז פיש, קרעפּסן (ראַקעס) און אַנדערע וואַסער-באַלעכייַים. דאָס האָט געמאַכט די מענטשן אומאָפּהענגיק פון קלימאַט, און זיי האָבן זיך גענומען באַזעצן בא די ברעגן פון די טייַכן און יאַמען.

די ערשטע געציַיג, וואָס מיט זיי האָבן זיך באַנוצט די מענטשן, זיינען געווען שטעקנס און גראָב אויסגעאַרבעטע, ניט אָפּגעשליפענע שטיינער. ווען ס'איז דער-פונדן געוואָרן דער שפּיז מיטן שטיינערנעם שפּיץ און נאָכדעם דער פייַל און בויגן, איז צו די פריִערדיקע שפּייַז-זאַכן צוגעקומען א נייַער אַרטיקל — דאָס פלייש פון באַלעכייַים. צוזאַמען מיטן זוכן געוויקס-שפּייַז און מיטן פישפאַנג ווערט די יאַגד איינס פון די הויפּט-מיטלען צו באַקומען שפּייַז. א ווייַטערדיקער גרויסער שריט פאָרויס איז געווען דאָס געברויכן געשליפענע שטיינערנע געציַיג. מיט זייער הילף האָט מען שוין געקאָנט גראָב באַאַרבעטן ביימער אַפ אויסבויען א וווינונג.

ווי באַדייַטנדיק ס'איז ניט געווען דער דאָזיקער גאַנצער אַנטוויקלונג-פּראָצעס, וואָס האָט געדויערט יאָרטויזנטער — פון דער האַלב-כייַישער באַשעפעניש ביזן מענטשן, וואָס אַרבעט אויס א שטיינערנע האַק און וואָס בויט זיך א וווינונג, — איז נאָך דאָך דער מענטש פּאַרבליבן זייער שוואַך אין קאַמף קעגן די סטיכייִשע נאַטור-קרעפטן. דאָס האָט זיך פּריִער פון אַלץ אויסגעדריקט אין דעם, וואָס די שפּייַז-קוואַלן זיינען גע-ווען ניט קיין שטענדיקע און ניט קיין זיכערע. די מענטשן זיינען נאָך אַלץ געווען אָפּהענגיק פון דעם, צי וועלן זיי געפינען רויב און געוויקסן-שפּייַז. רע-זערוון צו מאַכן איז ניט געווען פון וואָס. שפּייַז האָט מען נאָך אַלץ געמוזט זוכן טאָג-איין טאָג-אויס, ניט זייַענדיק דערבייַ זיכער אינעם מאָרגעדיקן טאָג.

בא אַזוינע באַדינגונגען האָט די באַפעלקערונג געמוזט זיין ביז גאָר א שיטערע: בא א געדיכטער באַפעלקערונג וואָלט די שפּייַז, וואָס מע האָט געקאָנט אַרויסבא-קומען אַפ דער געגעבענער טעריטאָריע, געווען אַבסאָליוט ניט גענוג.

די מענטשן האָבן געלעבט אין קליינע גרופּעס — אין שוואַטים, וואָס זיינען בא-שטאַנען פון עטלעכע שטאַמען. די שטאַמען האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט גרופּעס פון עטלעכע הונדערט מענטשן. די ווירטשאַפט פון דעם שטאַם איז געפירט געוואָרן געמיינזאַם, קאָמוניסטיש. געמיינזאַמע יאַגד און פישפאַנג, געמיינזאַמע צוגרייטונג און געברויך פון שפּייַז. די וווינונגען זיינען אויך געווען געמיינזאַמע. אין זיין בוך

„די אָפּשטאַמונג פונ פאַמיליע, פּריוואַט-אייגנטומ אונ מעלוכע" ברענגט ענגעלס א ביישפּיל ווענ בא די שוואָטימ, וואָס האָבנ אפ די אינדזלענ פונ שטילנ אָקעאַנ געלעבט אינ א שטאַמ-אָרדענונג, האָט מענ געקאָנט טרעפנ אונטער איינ דאַכ ווירטשאַפטנ, וואָס כאַפּנ אַרומ ביז 700 מענטשנ אונ צומאָל אויכ גאַנצע שוואָטימ.

אזא קאָמוניסטישע אָרדענונג איז געווענ א דירעקטע נויטווענדיקייט פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אפ דער דאָזיקער אַנטוויקלונג-שטופע אירער: בא א צעשפּליטערטנ, אָפּגעזונדערטנ לעבנ וואָלטנ די מענטשנ ניט געקאָנט דערפינדנ זייער ערשטע געצייג. זיי וואָלטנ געווענ אַבסאָליוט אָנמעכטיק אינעמ קאַמפּ קעגנ דער נאַטור אונ וואָלטנ אומגעקומענ. בלויז אינ געמיינזאַמענ לעבנ אפ קאָמוניסטישע יעסוידעס האָבנ די פּרימיטיווע מענטשנ זיכ געקאָנט דערשלאָגנ זייערע ערשטע באַדייטנדיקע דערפאָלגנ אינעמ קאַמפּ קעגנ דער נאַטור. די הויפּט-קראַפט פונ די מענטשנ אינעמ דאָזיקנ קאַמפּ איז געווענ זייער פאַריייניקונג אינעמ קאָמוניסטישנ שטאַמ.

אינ דער פּרימיטיווער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז ניט געווענ אונ עס האָט ניט געקאָנט זיינ קיינ שומ עקספּלואַטאַציע פונ איינ מענטשנ דורכ א צווייטנ. עס האָט עקזיסטירט אנ אַרבעט-צעטיילונג צווישנ מאַנצביל אונ פרוי. עס זיינענ געווענ שוואַכערע אונ שטאַרקערע מיטגלידער פונ שטאַמ. עס איז אפילע געווענ אייגנטומ פונ באַזונדערע מענטשנ אפ די געצייג, וואָס זיי האָבנ אויסגעאַרבעט, עס איז אָבער ניט געווענ קיינ עקספּלואַטאַציע.

„די אַרבעט-צעטיילונג איז פונ ריינ נאַטירלעכער אָפּשטאַמונג; זי עקזיסטירט בלויז צווישנ די געשלעכטנ, דער מאַנ האַלט מילכאָמע, גייט אפ יאַגד אונ פישפאַנג, באַקומט אַרויס שפּייז אינ רויענ צושטאַנד אונ די נייטיקע געצייג דערצו. די פרוי אַרבעט אינ דער היימ אונ איז פאַרנומענ מיט צוגרייטנ שפּייז אונ קליידונג, קאָכט, שפּינט, נייט. אי דער אי יענע זיינענ באַלעבאַטימ יעדערער אינ זיינ געביט: דער מאַנצביל אינ וואַלד, די פרוי אינ הויז. יעדערער איז דער אייגנטימער פונ די געצייג, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אונ געברויכט: דער מאַנ — פונ דעמ געווער, פונ די יעגערישע אונ פישפאַנגערישע מאַכשירימ, די פרוי — פונ דעמ הויז-געשיר. די הויז-ווירטשאַפט ווערט געפירט אפ קאָמוניסטישע יעסוידעס פאַר עטלעכע, אָפטמאָל פאַר פיל פאַמיליעס. דאָס, וואָס ווערט געמאַכט אונ אויסגענוצט געמיינזאַמ, איז געמיינזאַמ אייגנטומ: דאָס הויז, דער גאָרטנ, דאָס שיפל" (ענגעלס, „די אָפּשטאַמונג פונ פאַמיליע, פּריוואַט-אייגנטומ אונ מעלוכע", זייט 160).

די אַרבעט-צעטיילונג אינוויינִיק אינעמ שטאַמ אונ דאָס אייגנטומ פונ די באַזונדערע שטאַמ-מיטגלידער אפ די געצייג, וואָס זיי האָבנ אויפגעאַרבעט, האָבנ ניט געקאָנט ברענגענ צו עקספּלואַטאַציע פריער פאַר אַלצ דערפאַר, ווייל בא דעמ דעמאָלטיקנ ניוואָ פונ די פּראָדוקטיוו-קרעפטנ איז ניט געווענ קיינ איבערפליסיקער פּראָדוקט אָדער מער-פּראָדוקט. עקספּלואַטאַציע איז מעגלעכ בלויז אינ אזא פאַל, ווענ דער מענטש קאָנ פּראָדוצירנ עקזיסטענצ-מיטלענ ניט בלויז פאַר זיכ, נאָר אויכ פאַר אַנדערע מענטשנ. בלויז בא דעמ דאָזיקנ באַדינג איז מעגלעכ, אז איינ מענטש זאָל לעבנ אפנ כעזשבנ פונ דער מי פונ א צווייטנ מענטשנ. וויבאַלד די פּרימיטיווע געזעלשאַפט איז געווענ געצווּונגענ טאָג-איינ טאָג-אויס צו זאָרגנ פאַר שפּייז אונ

איז ניט געווען אימשטאנד צו פּראָדוצירן מער ווי דאָס, וואָס איז נייטיק פאר דער דירעקטער עקזיסטענץ, האָט אויך ניט געקאָנט זײַן קיין עקספּלואטאציע. די געפאנגענע סאָנים פלעגט מען אָדער דערהארגענען (און אָפטמאָל אויך אופעסן), אָדער מע פלעגט זיי אריַינגעמען צו זיך אין שטאַם.

מיר זעען אזויארום, אז די אָפּוועזנהײַט פון עקספּלואטאציע בײַם פּרימיטיוון קאָמוניזם איז באדינגט געווען דורך דעם אנטוויקלונג-ניוואָ פון די פּראָדוקטיוו-קויכעס.

מע טאָר זיך ניט פאָרשטעלן די זאך אזוי, אז די פּרימיטיווע האלב-ווילדע מענטשן האָבן באוווסטזיניק געשאפן די דאָזיקע אָרדענונג. זי האָט זיך אויסגעבילדעט און אנטוויקלט מיט א נאטירלעכער נויטווענדיקײַט אויסער דעם ווילן און באוווסטזײַן פון די מענטשן. „אין דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע פון זייער לעבן טרעטן די מענטשן ארײַן אין באשטימטע נייטיקע, פון זייער ווילן אומאָפּהענגיקע פארהעלטענישן, — אין פּראָדוציר-פארהעלטענישן, וואָס אנטשפּרעכן א באשטימטער אנטוויקלונג-שטופע פון זייערע מאטעריעלע פּראָדוקטיוו-קרעפטן (מ א ר ק ס, „צו דער קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע“. פאָרוואָרט).

די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן אין דער פּרימיטיווער געזעלשאפט — די פארפולקומונג פון די אלטע געצײַג און דאָס דערפינדן נײַע, די אנטשטייונג פון פיצוכט און ערדארבעט, די אָנווענדונג פון מעטאלן האָט געמוזט ארויסרופן אן ענדערונג אין די פּראָדוציר-פארהעלטענישן. מיט דער זעלבער נאטירלעכער נויטווענדיקײַט, מיט וועלכער עס האָט זיך אויסגעבילדעט דער פּרימיטיווער קאָמוניזם, האָט ער געמוזט צעפאלן ווערן און אָפּטרעטן זײַן אָרט דער קלאסן-געזעלשאפט.

צעפאַלונג פון דעם פּרימיטיוון קאָמוניזם

דער פאקטאָר, וואָס האָט געמאכט דעם אָנהייב פאר דער צעפאלונג פון דער פּרימיטיווער קאָמוניסטישער אָרדענונג, איז געווען דאָס פארהיימישן דאָס ווילדע פי און דאָס, וואָס די פיצוכט האָט ארויסגעשטויסן די יאגד. צום ערשטן האָבן זיך פארנומען מיט פיצוכט די שוואָטים, וועלכע האָבן געלעבט אין די ערטער, וואָס זײַנען געווען רײַך מיט פאשע-פלעצער (דאָס איז געווען היפּאטאזאכלעך לעבן די גרויסע טײַכן אין דאָרעם-מײַרעוו אזיע—אין אינדיע, אין די באסיינען פון אמו-דאריא, סיר-דאריא, פון טיגער און עפראט). די פיצוכט האָט געגעבן די דאָזיקע שוואָטים א שטענדיקן קוואל פון מילך- און פלייש-שפּײַז, פון פעל און וואָל. די פאסטעך-שוואָטים האָבן זיך ארויסגעוויזן פאר באזיצער פון אזעלכע געברויך-זאכן, וועלכע עס האָבן ניט באזעסן די ניט פאסטעך-שוואָטים, וואָס האָבן זיי ארומגערינגלט, און דערמיט האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט פון זייערע שכיינים. מיט דער אנטשטייונג פון פיצוכט איז אזויארום אופגעקומען די ערשטע גרויסע געזעלשאפטלעכע ארבעט-צעטיילונג.

לעכאטכילע פלעגט דער אויסטויש צווישן די באזונדערע שוואָטים טראָגן א ריין צופעליקן כאראקטער און ער האָט קיין שום וועזנטלעכע ראָליע אינעם לעבן פון די שוואָטים און פון די שטאמען ניט געשפּילט. די ארבעט-צעטיילונג, וואָס איז מיטן אײַנפירן פיצוכט אנטשטאנען צווישן די פאסטעכערישע און ניט פאסטעכערישע שוואָטים, האָט געשאפן א באָדן פאר ר ע ג ו ל ע ר ן א ו י ס ט ו י ש צווישן זיי.

דער ווײַטערדיקער שריט פאָרויס אינ דער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ איז באַשטאַנענ אינ דער אנטשטייונג פונ *ערדארבעט* (צוערשט גערטנערײַ אונ נאָכדעם די קולטיווירונג פונ טוועס), וואָס האָט געשאפנ א שטענדיקנ קוואל פונ געוויקס-שפּײַז. די דערפינדונג פונעם וועבשטול, וואָס באציט זיך צו דער דאָזיקער צײַט, האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט צו פראָדוצירנ וואָלענע שטאָפנ אונ קליידער. ווײַטער האָבנ זיך די מענטשנ אויסגעלערנט שמעלצנ מעטאל-ארצ — קופער אונ בלײַ (ארויסצובאקומענ אײַזנ האָבנ זיי זיך אויסגעלערנט שפעטער), אונ מאכנ בראָנזענע געצײַג, געווער אונ געפעס.

אָט דאָס אלצ האָט באדײַטנדיק אופגעהויבנ דעם מענטשנס ארבעט-פראָדוקטיווקײַט, זײַנ מאכט איבער דער נאטור, זײַנ באזאָרגטקײַט, אָבער די דאָזיקע נײַע פראָדוקטיוו-קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט האָבנ זיך שוינ ניט געקאָנט אײַנפּאסנ אינ די ראמענ פונעם פרימיטיווג קאָמוניזמ. „די פארגרעסערונג פונ דער פראָדוקציע אינ אלע געביטנ — אינ פיצוכט, ערדארבעט, הויז-מעלאָכעס — האָט פייִק געמאכט דעם מענטשנס ארבעטקראפט צו פראָדוצירנ א גרעסערנ סכום פראָדוקטנ, איידער דאָס איז געווענ נייטיק אפ אונטערצוהאלטנ זי. צוזאמענ דערמיט האָט זי פארגרעסערט דעם טעגלעכנ סכום ארבעט, וואָס איז אויסגעפאלנ אפנ כיילעק פונ יעדנ מיטגליד פונעם שטאמ, פונ דער פאמיליע-געמיינדע אָדער פונ דער באזונדערער פאמיליע. עס איז געוואָרנ געווונטשנ צוציִענ נײַע ארבעטקראפט. די מילכאָמע פלעגט די דאָזיקע ארבעטקראפט צושטעלנ: די קריגס-געפאנגענע האָט מענ אָנגעהויבנ פארוואנדלענ אינ שקלאפנ... פונ דער *ערשטער גרויסער געזעלשאפטלעכער ארבעט-צעטיילונג* איז אנטשטאנענ אויכ *די ערשטע גרויסע צעטיילונג* פונ דער *געזעלשאפט* אפ *צוויי קלאסנ* — אפ *הארנ אונ שקלאפנ*, עקספּלואטאטערס אונ עקספּלואטירטע" (*ענגעלס* — „די אָפּשטאמונג פונ פאמיליע..." זײַט 162, מײַנ קורסיוו, — ל.ס.).

אינ שקלאפנ פלעגנ פארוואנדלט ווערנ פרעמדע מענטשנ, ניט קיינ מיטגלידער פונעם שטאמ. אָבער די אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ אונ דאָס אײַנפירנ שקלאפערײַ האָט איינגיכנ געמוזט ברענגענ אויכ צו א ניטגלײַכהײַט צווישנ די שטאמ-מיטגלידער — אינ דער ערשטער ריי — צווישנ דעם מאנצבל אונ דער פרוי. „פארנאָסע איז שטענדיק געווענ דעם מאנצבלס אייסעק. די מיטלענ דערצו פלעגט ער אויסארבעטנ אונ זיי זײַנענ געווענ זײַנ אייגנטומ. די סטאדעס זײַנענ געווענ א נײַ פארנאָסע-מיטל. דאָס פארהיימישנ צומ ערשטנ דאָס פי אונ די ווײַטערדיקע אופפאסונג אפ דעמ איז געווענ דעם מאנצבלס אייסעק. דעריבער האָט אימ געהערט דאָס פי, אימ האָבנ אויכ געהערט די סכוירעס אונ שקלאפנ, וואָס פלעגנ אויסגעביטנ ווערנ פארנ פי. דער גאנצער איבערפלוס, וואָס די פארנאָסע פלעגט איצט געבנ, פלעגט בלײַבנ פארנ מאנצבל; די פרוי האָט זיך באטייליקט אינ געברויכנ אימ, אָבער זי האָט ניט געהאט קיינ כיילעק אינעמ אייגנטומ" (*דאָרט*, זײַט 162 — 163).

ווײַטער אנטשטייט די פארמעגנ-אומגלײַכהײַט אויכ צווישנ די עלטסטע פונ די באזונדערע פאמיליעס. מיטגעווירקט דערצו האָט די אנטוויקלונג פונעם אויסטויש אינ צוזאמענהאנג מיטנ וווּקס פונ דער ארבעט-צעטיילונג. ווענ מע האָט אָנגעהויבנ באנוצנ אײַזנ, האָט זיך פארגרעסערט די פארשיידנארטיקײַט פונ די אויסגעארבעטע

געצײַג און פון די געברויך-זאכן. עס האָט זיך אויך פארברייטערט די ערדארבעט-אדאנק דער אָנווענדונג פונעם אקער מיט אן אײַזערנעם מעסער; כוץ טוועס האָט מען אָנגעהויבן קולטיווירן אויך אנדערע געוויקסן. „די אזוי פארשיידנארטיקע טעטיקײַט האָט שוין ניט געקאָנט אויספילן איין און די זעלבע פערזאָן; עס איז פאָרגעקומען די צווייטע גרויסע ארבעט-צעטיילונג: די האנטווערקערײַ האָט זיך אָפגעטיילט פון דער ערדארבעט" (אויך דאָרט, זײַט 164).

„צוגלײַך מיט דער אײַנטיילונג אף פרײַע און שקלאפן אנטשטייט דער אונטערשייד צווישן רײַכע און אָרעמע—א נײַע אײַנטיילונג פון דער געזעלשאפט אין קלאסן, וואָס איז א רעזולטאט פון דער נײַער ארבעט-צעטיילונג. די פארמעגן-אונטערשיידן צווישן די באזונדערע עלטסטע פון די פאמיליעס צעשטערן די פרימיטיווע קאָמוניסטישע פאמיליע-געמיינדע אומעטום, ווו זי האָט זיך נאָך אײַנגעהיט; צוזאמען דערמיט ווערט פארשווינדן אויך די געמיינזאמע ערד-באארבעטונג אפן כעזשבן פון דער דאָזיקער געמיינדע. די אקער-ערד ווערט איבערגעגעבן צום באנוץ די באזונדערע פאמיליעס צוערשט אף א באשטימטער צײַט, דערנאָך אף שטענדיק" (דאָרט, זײַט 164—165). עס קומט פאָר אן איבערגאנג צום פולשטענדיקן פריוואט-אייגנטום.

דער וווּקס פון דער געדיכטקײַט פון דער באפעלקערונג, וואָס קומט פאָר אלס רעזולטאט פון דער אויסגעוואקסענער ארבעט-פּראָדוקטיווקײַט, און די פארגרעסערטע פארבינדונגען צווישן די באזונדערע שוואָטים ברענגען ביסלעכווײַז דערצו, אז א סאך שטאמען און שוואָטים גיסן זיך צונויף אין פעלקער. די צעפאלונג ווידער פון דער קאָמוניסטישער געמיינדע-אָרדענונג, די שטײַגנדיקע אומגלײַכקײַט צווישן די געמיינדע-מיטגלידער און באזונדערס די שטײַגנדיקע אָנווענדונג פון שקלאפן-ארבעט ברענגען צו דער אויסבילדונג פון דער מעלוכע אלס אָרגאן פון אונטערדריקן דעם עקספּלואטירטן קלאס דורכן קלאס עקספּלואטאטערס.

אזויארום איז אונטער דער ווירקונג פון דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווקרעפטן, וואָס זי האָט ארויסגעבראכט, צעפאלן געוואָרן די פרימיטיווע קאָמוניסטישע אָרדענונג, וואָס איר אָרט האָט פארנומען די קלאסן-געזעלשאפט.

די פראגע, צי האָט עקזיסטירט דער פרימיטיווער קאָמוניזם אָדער ניט, האָט א גרויסע פּרינציפּיעלע באדײַטונג. די סאָנים פונעם קאָמוניזם באהויפּטן, אז דער פרימיטיווער קאָמוניזם האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט, אז פריוואט-אייגנטום און קלאסן-אײַנטיילונג האָבן שוין געהערשט פונעם סאמע אָנהייב עקזיסטענץ פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט. דערמיט ווילן זיי דערווײַזן, אז דאָס פריוואט-אייגנטום איז אייגנטימלעך דער מענטשלעכער נאטור, אז קיין אנדער אייגנטום כוצן פריוואטן קאָן גאָר ניט זײַן, אז די אײַנטיילונג אין קלאסן האָט שטענדיק עקזיסטירט און אז קיין אָנקלאסנדיקע געזעלשאפט קאָן ניט זײַן. דאָס אָפּלייקענען דעם פּרימיטיוון קאָמוניזם איז נייטיק דער בורזשואזיע און איר מעשאָרעס — דעם סאָציאַל-פאשיזם אין קאמף קעגן דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

מארקס און ענגעלס האָבן נאָך אין 1845 יאָר (אין דער „דײַטשישער אידעאָלאָגיע") דערוויזן, אז די ערשטע געזעלשאפט-פאָרם איז געווען דער פּרימיטיווער קאָמוניזם. אין 30 יאָר ארום (אין 1877 יאָר) איז דער אמעריקאנישער געלערנטער מאָרגאן אײַנגאנצן אומאָפּהענגיק פון מארקס און ענגעלסעס פאָרשונגען, אלײַן

געקומענ צום זעלבנ אויספיר אפנ גרונט פונ פיליאַריקנ שטודירנ די היסטאָרישע מאטעריאלנ אונ דאָס לעבנ פונ די ווילדע אונ האלב־ווילדע שוואַטימ, וואָס האָבנ אינ זייַנ צייַט געלעבט אינ אמעריקע אונ אפ די אינדזלענ פונ שטילנ אָקעאַנ. רעשטלעכ פונ דער פרימיטיווער קאָמוניסטישער אָרדענונג זייַנענ נאָכ פאראנ בא א סאכ פעלקער אינ דער פאָרמ פונעמ אזויגערופענעמ אגרארנ קאָמוניזמ — פונ די דאָרפישע געמיינדעס, וואָס באזיצנ געמיינזאמ די ערד אונ גיבנ זיי אָפ אינ צייַטווייַליקנ באנוצ אייַנצלנע מיטגלידער פונ דער געמיינדע. דער פאקט, אז דער פרימיטיווער קאָמוניזמ האָט עקזיסטירט אלס אָנפאנג־סטאדיע פונ דער אנטוויקלונג פונ אלע פעלקער, איז אויסער יעטווידנ צווייפל.

לאָמיר אצינד אריבערגייַנ צום באטראכטנ די שקלאפנבאזיצערישע אָרדענונג, וואָס איז אויסגעוואַקסנ אפ די כורוועס פונעמ פרימיטיוונ קאָמוניזמ.

די שקלאפנבאזיצערישע אָרדענונג

אינ אָנהייב אנטוויקלונג פונ דער דאָזיקער אָרדענונג פלעגט די שקלאפנ־ארבעט באנוצט ווערנ אינ א לעפיערעכ קלייַנער מאָס אונ האָט געהאט א באהילפיקנ כאראקטער. צוגלייַכ מיט דיווירטשאפטנ, וואָס פלעגנ באנוצנ שקלאפנ־ארבעט, זייַנענ געווענ א סאכ ווירטשאפטנ, וואָס פלעגנ זיכ באגייַנ מיט זייערע אייגענע קרעפטנ. אָבער די אנטוויקלונג פונעמ אויסטויש אונ די אנטשטייונג פונ געלט האָט געבראכט דערצו, אז די גרויסע שקלאפנבאזיצערישע ווירטשאפטנ האָבנ ארויסגעשטופט די קלייַנע. פארגעקומענ איז עס אזוי.

דער וווקס פונ דער ארבעט־צעטיילונג אונ פונ דעמ אויסטויש האָט ארויסגערופנ דעמ האנדל אונ דעמ קלאס סאָכרימ, וואָס קויפנ אופ אונ פארקויפנ סכוירעס. דאָס איז געווענ, ווי ענגעלס זאָגט, די דריטע זייער וויכטיקע ארבעט־צעטיילונג. באנוצנדיק זיכ דערמיט, וואָס די קלייַנע פראָדוצירער זייַנענ געווענ אָפגעריסנ פונעמ מארק, פלעגנ די סאָכרימ קויפנ די סכוירעס פאר נידעריקע פרייַזנ אונ פארקויפנ פאר הויכע. זיי פלעגנ עקספלואטירנ אי די פראָדוצירער אי די געברויכער. דער וווקס פונ דער סכוירע־פראָדוקציע אונ פונ דער געלט־ווירטשאפט האָט געבראכט דערצו, אז „נאָכנ קויפנ די סכוירעס פאר געלט איז אנטשטאנענ די געלט־אוואנסירונג, די האלוואָע, אונ צוזאמענ מיט איר — פראָצענט אונ וווכערייַ" (ענגעלס, „די אָפשטאמונג פונ פאמיליע", זייַט 168).

דער וווכערישער קאפיטאל פארפלאָנטערט די קלייַנע פראָדוצירער—די פויערימ אונ באלמעלאָכעס—אינ א כויוועס־נעצ אונ פארשקלאפט זיי. אינ דעמ אלטערטימלעכנ גריכנלאנד אונ אינ רוימ זייַנענ די מערהייַט קלייַנע פראָדוצירער אינ פארלויפ פונ א פארהעלטניסמעסיק קורצער צייַט ארייַנגעפאלנ אינ שקלאפישער אָפהענגיקייַט צו די פראָצענטניקעס. דער קאמפ צווישנ די קרעדיטאָרנ־פראָצענטניקעס אונ די באלכויוועס איז געווענ די גרונט-פאָרמ פונ קלאסנקאמפ צווישנ דער פרייַער באפעלקערונג. „אינ דער אנטיק-וועלט* שפילט זיכ דער קלאסנקאמפ פאנאנדער הויפטזאכלעכ אינ דער פאָרמ פונ א קאמפ צווישנ דעמ באלכויוו אונ דעמ קרעדיטער, אונ אינ רוימ ענדיקט ער זיכ

* א נ ט י ק - ו ע ל ט — דאָס אלטערטימלעכע גריכנלאנד אונ דער אלטערטימלעכער רוימ.

מיטן אונטערגאנג פונעם באַלכויוו דעם פּלעביי*, וואָס זײַן אָרט פאַרנעמט דער־שקלאַף" (מ א ר ק ס, קאַפּיטאַל, באנד I, זײַט 83).

דער דאָזיקער קאמף האָט זיך געענדיקט מיט דער רויִנירונג פון די קליינע פּראָדוצירער, מיט זייער פאַרוואַנדלונג אין אומפאַרמעגלעכע פּראָלעטאַריער. אָבער די אַלטערטימלעך-רוימישע פּראָלעטאַריער זײַנען ניט געווען קיין פּראָלעטאַריער אינעם הײַנטצײַטיקן זין פון וואָרט. זיי זײַנען ניט געווען קיין אַרבעטער. דאָס איז געווען פּאָשעט א מאסע אָרעמעלײַט. די ערד פון די רויִנירטע פויערים פלעגן צונעמען די גרויסע ערדבאַזיצער און זיי האָבן מיט דער הילף פון שקלאַפּ־שער אַרבעט, וואָס פלעגט באַנוצט ווערן אין ברייטן מאַסשטאַב, געשאַפן גרויסע ווירטשאַפטן (די אַזוי־גערופענע לאַטיפונדיעס), פּיצוכטישע, ערדאַרבעטערשע און סעדעריי־ווירטשאַפטן. אין די האַנטווערקערישע וואַרשטאַטן, וואָס פלעגן אָפטמאָל דערגרייכן א גאַנצ היפּשע גרייס, פלעגט אַלץ מער באַנוצט ווערן שקלאַפן־אַרבעט; אין די אַרצגרובן, בא די גרויסע בויונגען, אין דער וועג־בויונג, אף די שיפן אַלס רודערער—אומעטום האָבן געאַרבעט שקלאַפן. די שקלאַפערײַ איז געווען דער יעסאָד פון דער גאַנצער פּראָדוקציע. די צאָל שקלאַפן האָט פילפאַך איבער־געשטיגן די צאָל פרײַע באַפעלקערונג. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען אין אַטען אף 90 טויזנט מענטשן פרײַע באַפעלקערונג אויסגעקומען 365 טויזנט שקלאַפן און אין קאָרינט — אף 46 טויזנט פרײַע — 460 טויזנט שקלאַפן.

„אַזוי האָבן די רײַכטימער צוזאַמען מיט דער פאַרברייטערונג פונעם האַנדל, מיטן געלט און מיטן געלט-וווּכער, מיטן ערד־אייגנטום און מיט דער היפּאָטעק** שנעל גענומען קאָנצענטרירן און צענטראַליזירן זיך בא א קליינצאָליקן קלאַס אין די הענט און צוזאַמען דערמיט האָט זיך פאַרשטאַרקט די פאַראָרעמונג פון די מאַסן און עס איז געוואַקסן די מאַסע אָרעמעלײַט... און צוגלײַך מיט דעם, ווי די פרײַע באַפעלקערונג האָט זיך גענומען אײַנטיילן אף קלאַסן, אָפּהענגיק פון דער רײַכקײַט, איז פאָרגעקומען, באַזונדערס אין גריכנלאַנד, א קאָלאָסאַלע פאַרגרע־סערונג פון דער צאָל שקלאַפן, וואָס זייער צוואַנג־אַרבעט האָט געבילדעט דעם פונדאַמענט, אף וועלכן עס האָט זיך אויפגעהויבן דער אויבערבוי פון דער נײַער געזעלשאַפט" (ע נ ג ע ל ס—„די אָפּשטאַמונג פון פאַמיליע", זײַט 169).

דער שקלאַף איז א פולשטענדיק אייגנטום פון זײַן באַלעבאָס—דעם שקלאַפן־באַזיצער, וואָס קאָן באַלעבאַטעווען איבער די שקלאַפן פונקט אַזוי, ווי איבערן אַרבעט־פי. די שקלאַפן זײַנען געווען רעכטלאָזע באַשעפעניש, וואָס די שקלאַפן־באַזיצער פלעגן זיי קאָנען דערהאַרגענען אומבאַשטראָפט. עס איז גאַנץ קלאָר, אַז בא אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען די שקלאַפן געקאָנט צווינגען אַרבעטן בלויז מיט גוואַלד. די שקלאַפן פלעגן אַרבעטן אונטערן בײַטש פונעם אויפזעער. די אַכ-

---

* פּ ל ע ב י י — אינעם אַלטערטימלעכן רוים האָבן אַזוי געהייסן די נידעריקסטע שיכטן פרײַע בירגער, וואָס פאַר זיי איז געווען פאַרמאַכט דער צוטריט צו די מעלוכע-אַמטן און דאָס באַנוצן זיך מיט מעלוכע-ערד, וואָס האָבן אָבער געמוזט טראָגן מיליטער-פליכט און צאָלן שטײַער. פּ ל ע ב ע ס מיינט „האַמויו" אין קעגנזאַץ צו די הערשנדיקע פאַרמעגלעכע פניי—צו דער א ר י ס ט אָ ק ר א ט י ע.

** ה י פּ אָ ט ע ק — דאָס פאַרמאַשקענען ערד און ביכלאַל אומבאַוועגלעכע גיטער פאַר א לאַנג־טערמיניקער האַלוואָע.

זאָריעסדיקע עקספּלואַטאַציע פון די שקלאַפן איז געווען די סיבע פון דעם, וואָס זיי פלעגן גיך אָפּגענוצט ווערן. די ניט־אַרבעטספייִקע שקלאַפן פלעגט מען פּאָשעט דערהאַרגענען. אַפּ צו פאַרבײַטן די געפאַלענע שקלאַפן און אַפּן פאַרברייטערן די פּראָדוקציע, וואָס איז באַזירט אַפּ שקלאַפן־אַרבעט, האָט זיך געפאָדערט אַ קעסיידערדיקער צופלוס פון נײַע שקלאַפן. באַקומען פלעגט מען זיי דורך מילכאָמעס, וואָס די שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכעס פלעגן פירן קימאַט אָן אופהער.

די שקלאַפן־עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן, פלעגט ברענגען צו אופשטאַנדן. דער גרעסטער פון די דאָזיקע אופשטאַנדן איז געווען דער שקלאַפן־אופשטאַנד בעראָש מיט ספּאַרטאַקן (אין די יאָרן 73־71 פאַר אונדזער צײַט-רעכענונג). אָבער די דאָזיקע אופשטאַנדן פלעגן זיך ענדיקן מיט מאַפּאָלעס.

די שקלאַפנבאַזיצערישע אָרדענונג איז געווען אַ נייטיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. מיר האָבן אויבן געזען, וויאַזוי די שקלאַפערײַ איז אַנטשטאַנען מיט נאַטירלעכער נויטווענדיקײַט אַפּ אַ באַשטימטער אַנטוויקלונג־סטאַדיע פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פונעם פּרימיטיוון קאָמוניזם (אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטשטייונג פון פיצוכט און ערדאַרבעט). וויבאַלד די שקלאַפערײַ איז אַנטשטאַנען, האָט זי זיך באַ די דעמאָלטיקע באַדינגונגען פון צעפאַלונג פון דער פּרימיטיווער געמיינדע אַרויסגעוויזן אַלס איינציקע באַזע פאַרן וווּקס פון דער פּראָדוקציע אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. „באַ די דעמאָלטיקע באַדינגונגען איז דאָס אײַנפירן שקלאַפערײַ געווען אַ גרויסער שריט פאָרויס. עס איז אויסער צווייפל דער פאַקט, אַז דער מענטש, וואָס איז צוערשט געווען אַ כײַע, האָט זיך גענייטיקט אין באַרבאַרישע, קימאַט כײַישע מיטלען, קעדיי אַרויסצוגיין פון דעם באַרבאַרישן צושטאַנד" (ע נ ג ע ל ס, „אַנטי־דיורינג", זײַט 129).

דער יעסאָד פון דער פּראָדוקציע איז געווען די האַנטאַרבעט. פירן אַ גרויסע פּראָדוקציע באַ דעם דאָזיקן באַדינג איז געווען מעגלעך בלויז אָנווענדנדיק די שקלאַפישע צוואַנג־אַרבעט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. די שקלאַפערײַ האָט געגעבן די מעגלעכקײַט פון אַ ברייטערער אַרבעט־צעטיילונג צווישן דער אינדוסטריע און דער ערדאַרבעט. די שקלאַפישע אַרבעט איז געווען דער יעסאָד פאַרן בויען די גרויסע ביניאָנים פון דער אַלטערטימלעכער וועלט, דער יעסאָד פון שיפערײַ און פון דער אַרויסבאַקום־אינדוסטריע. אָן דער שקלאַפערײַ וואָלט געווען אומעגלעך דער פאַרהעלטנישמעסיק הויכער אַנטוויקלונג־ניוואָ, וואָס עס האָבן דערגרייכט די וויסנשאַפט און קונסט אין דער אַנטיק־וועלט (מאַטעמאַטיק, מעכאַניק, אַסטראָנאָמיע, געאָגראַפיע, אַרכיטעקטור און שיינע קונסט).

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער גאַנצער וווּקס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן איז געגאַנגען צו גונסטן דעם הײַפל עקספּלואַטאַטערס — שקלאַפנבאַזיצער, אָבער פאַר דער מאַסע שקלאַפן האָט ער באַטײַט אָן אַ שיר לײַדן און אָפּקומענישן. אָבער אַזאַ איז ביכלאַל דער געזעץ פון וווּקס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט. „אַזויווי אַלס יעסאָד פון דער ציוויליזאַציע דינט די עקספּלואַטאַציע פון איין קלאַס דורך אַ צווייטן, קומט פאָר איר גאַנצע

אנטוויקלונג אין די באַדינגונגען פון אָנופהערלעכע קעגנזאַצן. יעדער שריט פאָרויס אינעם געביט פון דער פראָדוקציע באַטײַט גלײַכצײַטיק א שריט צוריק אין דער לאַגע פון דעם אונטערדריקטן קלאַס, דה. פון דער באַדײַטנדיקער מערהײַט. יעטווידער וווילזײַן פאַר איינע איז אומבאַדינגט א צאָרע פאַר אנדערע. יעטווידע נײַע באַפרײַונג פאַר איין קלאַס איז א נײַע אונטערדריקונג פאַרן צווייטן. אלס סאַמע העלער בײַשפּיל דערפון דינט דאָס אײַנפירן מאַשינעס, וואָס זייער ווירקונג איז איצט אלעמען באַוווּסט" (ענגעלס, „די אָפּשטאַמונג פון פאַמיליע", זײַט 179, מײַנע קורסיוו. — ל.ס.).

אלזאָ, די שקלאַפערײַ איז געווען א נייטיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרם פאַר דער אנטוויקלונג פון די פראָדוקטיוו־קרעפטן אף א געוויסער שטופע פון דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זי איז אויך געווען די הויפּט־סיבע פון דער ירידע פון דער שקלאַפנבאַזיצערישער געזעלשאַפט. די סיבעס און דעם גאַנג פון דער דאָזיקער ירידע וועלן מיר באַטראַכטן אף בײַשפּילן פון דער רוימישער מעלוכע, ווײַל דער אונטערגאַנג פון דער רוימישער מעלוכע האָט א דירעקטע פאַרבינדונג מיט דער אנטשטייונג פון פעאָדאַליזם — דער דאָזיקער נײַער עקספּלואַטאַציע-סיסטעם, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער שקלאַפנבאַזיצערישער אָרדענונג.

די ירידע פון דער שקלאַפן-באַזיצערישער אָרדענונג און די אנטשטייונג פון פעאָדאַליזם

בא דער שקלאַפנבאַזיצערישער אָרדענונג האָט די טעכניק פון דער פראָדוקציע געהאַט א פאַרגליווערטן כאַראַקטער. אין דעם אַלטערטימלעכן רוים און אין גריכנלאַנד האָט זיך אנטוויקלט הויפּטזאַכלעך די פראָדוקציע פון לוקסוס־זאַכן און באַוואָפענונג, די בויונג פון פאַלאַצן, טעמפּלען, מיליטערישע וועגן. אָבער די טעכניק פון דער פראָדוקציע, — באַזונדערס אין דער לאַנדווירטשאַפט — דעם דאָזיקן גרונט-צווײַג פון דער פראָדוקציע פון יענער צײַט — איז פאַרבליבן קימאַט אָן שום ענדערונגען. דער וווּקס פון דער פראָדוקציע האָט געהאַט אלס זײַן באַזע די ביליקע מאַסנווײַזע ארבעט פון די שקלאַפן. די פאַרברייטערונג פון דער פראָדוקציע האָט געפאָדערט אלץ א שטאַרקערע פאַרגרעסערונג פון דער צאָל שקלאַפן. דער הויפּט־קוואַל אף באַקומען שקלאַפן איז געווען מילכאָמע. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָרהונדערט האָט רוים דעראָבערט קימאַט גאַנץ מײַרעוו־אייראָפּע, פאָדער-אַזיע און די צאָפן-אפריקאַנישע ברעג-ליניע פון מיטללענדישן יאַם.

די פּראָווינצן, וואָס רוים האָט דעראָבערט, פלעגט ער אכזאָריעסדיק עקספּלואַטירן. זיי האָבן געדינט אלס רײַכער שטײַערן-קוואַל פאַר דער רוימישער מעלוכע. די רוימישע באַאַמטע, וואָס האָבן פאַרוואַלטעט מיט די דעראָבערטע געגנטן, און דאָס רוימישע מיליטער פלעגן ראַבירן די באַפעלקערונג פון די דאָזיקע געגנטן. דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע מילכאָמעס און פון דער רויבערישער עקספּלואַטאַציע פון די דעראָבערטע פעלקער איז געווען די אלגעמיינע צעשטערונג פון די פראָדוקטיוו־קרעפטן. „אלגעמיינע פאַראָרעמונג, פאַרערגערונג פון די פאַרקערוועגן און פון די באַציִונגען, ירידע פון דער האַנטווערקערײַ, פון דער קונסט,

פאַרקלענערונג פונ דער באַפעלקערונג, יערידע פונ די שטעט, דער צוריקער פונ דער ערדאַרבעט אפ א נידעריקערער שטופע — אָט דאָס איז געווענ דער ענד־גילטיקער רעזולטאַט פונ דער רוימישער וועלט־הערשאַפט" (ענגעלס, „די אָפּ־שטאַמונג פונ פאַמיליע", זײַט 150).

באַ איר אַנטשטייונג אונ אינ אָנהייב עקזיסטענצ אירער האָט די שקלאַ־פערײַ מיטגעווירקט צום וווקס פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאַפט, די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג ווידער פונ דער שקלאַפּנבאַזיצערישער אָרדענונג, ווי מיר זעענ, רופט אַרויס א צעשטערונג פונ די פּראָדוקטיוו-קרעפטנ. אונ די דאָזיקע יערידע פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ, ווידער, האָט געמוזט אומפאַרמײַדלעכ ברענגענ צום אונטערגאַנג פונ דער שקלאַפּנבאַזיצערישער אָרדענונג, צו דער פאַרניכטונג פונ דער שקלאַפּערײַ. צוזאַמענ מיט דער אַלגעמיינער פאַראָרעמונג, מיט דער יערידע פונעם האַנדל, האַנטווערקערײַ אונ ערדאַרבעט האָט די שקלאַפּנ־אַרבעט ביס־לעכווײַז אופגעהערט צו זײַנ האַכנאָסעדיק. „די אַנטיקע שקלאַפּערײַ האָט זיכ אַליינ איבערגעלעבט. סײַ אינ דער גרויסער לאַנדווירטשאַפט סײַ אינ די שטאָטישע מאַנופאַקטורנ האָט זי שוינ ניט געבראַכט קיינ האַכנאָסע, וואָס זאָל באַרעכטיקנ די פאַרווענדטע מי — דער מאַרק פאַר אירע פּראָדוקטנ איז פאַרשוווּנדנ געוואָרנ" (דאָרט, זײַט 151).

מיט דער יערידע פונ די גרויסע ווירטשאַפטנ, וואָס זײַנענ באַזירט אפ שקלאַפּנ־אַרבעט, ווערט די קליינווירטשאַפט ווידער לוינבאַר. עס וואַקסט דערי־בער די צאָל שקלאַפּנ, וואָס ווערנ אָפּגעלאָזט אפ דער פרײַ, אונ גלײַכצײַטיק דערמיט קומט פאָר א צעברעקלונג פונ די לאַטיפונדיעס אפ קליינע ערדכאַלאָקים, וואָס ווערנ באַאַרבעט פונ קאָלאָנס. א קאָלאָן איז אַנ ערדאַרבעטער, וואָס באַקומט אפנ גאַנצנ לעבנ אינ באַנוצ אַנ ערד־נאַכלע, צאָלט פאַר דעם א באַ־שטימטע סומע געלט אונ מיט נאַטור; ער איז ניט קיינ פרײַער ערד־אַרענדאַ־טער — ער איז צוגעפעסטיקט צו דער ערד-נאַכלע, ער קאָנ זי ניט וואַרפנ, ער קאָנ פאַרקויפט ווערנ צוזאַמענ מיט זײַנ נאַכלע, אָבער ער איז ניט קיינ שקלאַפּ — ער אַליינ איז ניט קיינ דירעקט אייגנטום פונעם ערדבאַזיצער; דער דאָזיקער ערד־באַזיצער קאָנ ניט צווינגענ דעם קאָלאָן אויסצופירנ די אָדער יענע אַרבעט, ער קאָנ ניט אָפּנעמענ באַ אים די מעגלעכקײַט צו באַנוצנ זיכ מיט דער נאַכלע, וואָס צו איר איז ער צוגעפעסטיקט. די קאָלאָנס זײַנענ געווענ די פאָרגייער פונ די מיטלאַלטערלעכע לײַבייגענע. די מאַסע קאָלאָנס האָבנ געבילדעט הויפּטזאַכלעכ די פריִערדיקע שקלאַפּנ, אָבער אינ דער לאַגע פונ קאָלאָנס זײַנענ אַריבער, הא־גאַם אפילע ניט קיינ באַדײַטנדיקע צאָל, אויכ פרײַע.

אָבער דאָס אויסבײַטנ זיכ פונעם קאָלאָנאַט האָט נאָכ ניט געלייזט דעם ווידערשפּרוכ, וואָס די שקלאַפּנבאַזיצערישע אָרדענונג האָט געשאַפנ. „די שקלאַ־פערײַ האָט אופגעהערט צו זײַנ לוינבאַר אונ דעריבער איז זי אָפּגעשטאָרבנ. אָבער די אָפּשטאַרבנדיקע שקלאַפּערײַ האָט איבערגעלאָזט איר גיפט אינ דער פאָרם פונ פאַראַכטונג צו דער פּראָדוקטיווער אַרבעט פונ די פרײַע. דאָס איז געווענ אַנ אויסוועגלאָזער העק, וואָס אהינ איז אַרײַנגעפאַלנ די רוימישע וועלט: די שקלאַפּערײַ איז געוואָרנ עקאָנאָמיש אומעגלעכ, די אַרבעט פונ די פרײַע

פלעגט מענ מאָראליש פאראכטנ. די ערשטע האָט שוינ ניט געקאָנט, די צווייטע האָט נאָכ ניט געקאָנט ווערנ די גרונט־פאָרמ פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע. ארויסגייענדיק פונ דער דאָזיקער לאגע האָט געקאָנט בלויז א פולשטענדיקע רעוואָליוציע" (דאָרט, זייט 151—152).

פונ די אלטע פעלקער, וועלכע עס האָט אונטערדריקט דער שקלאפנבאזיצערישער רוימ, זיינענ די גערמאנער געווענ דאָס גרעסטע פאָלק לויט זייער צאָל, אונ זיי האָבנ קימאט אָנ אויפהער געפירט מילכאָמע קעגנ זייערע אונטערדריקער. צווישנ דער מאסע רוימישע שקלאפנ איז געווענ ניט ווייניק גערמאנער. אונ כאָטש די שקלאפנ־אויפשטאנדנ אינ רוימ פלעגנ זיכ דירעקט ענדיקנ מיט מאפאָלעס, האָבנ זיי פונדעסטוועגנ מיטגעווירקט אפ דער אָפשוואכונג פונ רוימ, וואָס איז אזוי אויכ געגאנגענ צו יערידע איבער דער צעפאלונג פונ דער שקלאפנ־באזיצערישער אָרדענונג. די דאָזיקע אויפשטאנדנ האָבנ פארפולט א פעריאָד פונ עטלעכע יאָרהונדערטנ אונ דערגרייכט א באזונדערע קראפט אינ II אונ I יאָר־הונדערט פאר אונדזער צייט־רעכענונג. אינגאנצנ גענומענ איז דאָס געווענ א רעוואָליוציע פונ די שקלאפנ. די אויפשטאנדנ האָבנ מיטגעווירקט דערצו, אז די גערמאנער זאָלנ באהערשנ רוימ, אונ דאָס האָט פארגיכערט אונ פארענדיקט די ארבעט פונ דער שקלאפנ־רעוואָליוציע — די ליקווידאציע פונ דער שקלאפעריי.

צומ סאָפ V יה. האָט זיכ דער קאמפ פונ די גערמאנער קעגנ רוימ פארענדיקט דערמיט, וואָס די פריערדיקע הערשער זיינענ אינגאנצנ באזיגט געוואָרנ.

די גערמאנישע פעלקער, וואָס זייער צאָל איז געווענ בא 5 מיליאָנ, האָבנ זיכ געפונענ אפ א נידעריקערער אנטוויקלונג־שטופע, די שקלאפעריי איז בא זיי געווענ אינ דער סאמע אנטשטייונג. צוליב דעמ קאמפ פונ די גערמאנער מיט די רוימער, וואָס האָט געדויערט פיל יאָרהונדערטער, האָט די שטאמ־אָרדענונג פונ די גערמאנער געהאט הויפטזאכלעכ א מיליטערישנ כאראקטער. אָבער דער שטאמ פלעגט ארומכאפנ א פארהעלטניסמעסיק ניט גרויסע צאָל מענטשנ אונ דעריבער האָט מענ מיט דער הילפ פונ דער שטאמ־אָרגאניזאציע ניט געקאָנט רעגירנ מיט א גאנצער מעלוכע.

נאָכנ באזיגנ די רוימער האָבנ די גערמאנער דעריבער געמוזט פארלירנ זייער שטאמ־אָרדענונג, שאפנ א נייע מעלוכע־מאכט. די מאכט פונ דעמ מיליטערישנ פירער איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א קיניגלעכער מאכט.

די גערמאנישע דעראָבערער האָבנ אָפגענומענ בא די רוימער צוויי דריטל פונ דער גאנצער ערד, וואָס איז געווענ פאנאנדערגעטיילט צווישנ די שטאמענ אונ איינצלנע ווירטשאפטנ. אָבער א באדייטנדיקנ טייל פונ דער דעראָבערטער ערד האָבנ די קיניגנ צעטיילט צווישנ די מיליטערישע פירער אונ זיי, ווידער, האָבנ צעטיילט די דאָזיקע ערד צווישנ זייערע זעלנער אפ לעבנסלאנגנ באנוצ אָנ דעמ רעכט צו פארקויפנ אָדער איבערגעבנ אנדערע פערזאָנענ. די דאָזיקע ערד איז פארבליבנ אונטער דער העכסטער מאכט פונ קיניג. די ערדבאלאָקימ, וואָס זיינענ צעטיילט געוואָרנ אפ די דאָזיקע יעסוידעס, האָבנ זיכ אָנגערופנ פעאָדנ, זייערע באזיצער פעאָדאלנ.

אין דעם דאָזיקן פעריאָד, וואָס איז געווען רייַך מיט מילכאָמעס סיי ביז און סיי נאָך דעם, ווי די גערמאַנער האָבן איינגענומען די רוימישע אימפעריע, האָט די דריבנע פויערשע ווירטשאַפט ניט געקאָנט עקזיסטירן אָן באַשיצונג מיצאַד די גרויסע פעאָדאַלן, וואָס זיינען גלייכצייטיק געווען אויך מיליטער-לייט. איז אָט אין פאַרלויף פון 400 יאָר נאָך דעם, ווי רוים איז געפאַלן, קומט פאָר א ביסלעכווייזער איבערגאַנג פון די פויערים צו אָפּהענגיקייט פון די פעאָדאַלן. די פויערים זיינען געווען געצוווּנגען אָפּגעבן זייער ערד דעם פּאָרעץ דעם פעאָדאַל צו באַשיצן, די דאָזיקע ערד פלעגט ווערן דאָס פעאָדאַלע אייגנטום פונעם פּאָרעץ (וואָס האָט ניט געהאַט קיין רעכט ניט צו פאַרקויפן ניט איבערגעבן זי). די פויערים, ווידער, פלעגן אַלס קאָמפּענסאַציע דערפאַר צושטעלן דעם פעאָדאַל און זיין דרוזשינע פּראָדוקטן און פלעגן אויספילן פאַרשיידנאַרטיקע אַרבעט-פליכטן. אַזוי האָט זיך צום IX יאָרהונדערט אויסגעבילדעט די פעאָדאַלע אָרדענונג אָדער דער פעאָדאַליזם.

פעאָדאַליזם

דעם עקאָנאָמישן יעסאָד פון דעם פעאָדאַלן פּראָדוציר-אויפן האָבן געבילדעט די דריבנע פויערשע ווירטשאַפטן און די פּראָדוקציע פון די זעלבשטענדיקע דריבנע באַלמעלאָכעס. די גאַנצע פּראָדוקציע האָט געטראָגן היפּשזאַכלעך א נאַטורעלן כאַראַקטער, ד.ה. די פּראָדוקטן פלעגן פּראָדוצירט ווערן היפּשזאַכלעך פאַרן דירעקטן געברויך און ניט פאַרן אויסטויש. די זעלבשטענדיקע האַנטווערקער, וואָס האָבן געוווינט אין די שטעט און וואָס האָבן פּראָדוצירט זייערע האַנטווערקערישע סכוירעס פאַרן פאַרקויף, פלעגן א באַדייטנדיקן טייל פון זייערע באַדערפענישן דעקן מיט פּראָדוקטן פון דער אייגענער פּראָדוקציע (אייגענע פּי גערטנער און אָפּטמאָל אויך פעלדצוכט). דער אויסטויש האָט געטראָגן היפּטזאַכלעך אַן אָרטיקן כאַראַקטער — צווישן דער שטאָט און די אַרומיקע דערפער. עס האָט אויך עקזיסטירט א האַנדל מיט סכוירעס, וואָס מע פלעגט ברענגען צו פירן פון אַנדערע לענדער, היפּטזאַכלעך מיט לוקסוס-זאַכן, געווירצן אאַזוו. אָבער קיין טויש-פאַרבינדונגען צווישן די באַזונדערע טיילן פון יעדן לאַנד זיינען קימאַט ניט געווען. באַם נאַטורעלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע און באַ דער שוואַכער אַנטוויקלונג פונעם אויסטויש, באַ די זייער שלעכטע וועגן און פאַרקער-מיטלען איז געווען אומפאַרמיידלעך די צעברעקלונג פונעם לאַנד אַף זעלבשטענדיקע געגנטן און פּראָווינצן.

די עקספּלואַטאַציע פון די פויערים באַם פעאָדאַליזם איז פּאָרגעקומען אין צוויי גרונט-פּאָרמען: 1) אין דער פאָרם פון צינש, ווען דער פויער פלעגט אָפּגעבן דעם פּאָרעץ דעם פעאָדאַל א טייל פּראָדוקטן פון זיין אייגענער ווירטשאַפט, און 2) אין דער פאָרם פון פּאַנשטשינע — דעם פויערס אומזיסטע אַרבעט אַפן פּאָרעצס פעלד. אין אָנהייב פון דעם פעאָדאַלן פעריאָד איז די דאָזיקע עקספּלואַטאַציע געווען א פאַרהעלטנישמעסיק שוואַכע: אַזויווי דער האַנדל איז געווען ווייניק אַנטוויקלט, פלעגן די פויערשע פליכטן באַגרענעצט ווערן דערמיט, וואָס דער פעאָדאַל און זיין דרוזשינע זיינען געווען אימשטאַנד צו פאַרברויכן. דער פויער האָט געהאַט רעכט אַוועקצוגיין פון זיין פעאָדאַל צו א צווייטן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט פּאָטער ווערן פון דער פעאָדאַלער אָפּהענגיקייט בִיכלאַל.

די שטעט, ווו עס האָבן געוווינט היפּשזאַכלעך די באַלמעלאָכעס און סאָכרים,

זײַנענ געווענ זעלבשטענדיק. זיי האָבנ געהאט זייערע דרוזשינעס אונ זײַנענ אינ דער מערהײַט פאלנ געווענ באפעסטיקט. די באלמעלאָכעס זײַנענ געווענ פארייניקט אינ צעכ-אָרגאניזאציעס לויט די פאכנ. די דאָזיקע פארייניקונג האָט זיכ גענומענ פונ דער נויטווענדיקײַט אײַנצואָרדענענ געמיינזאמע מאגאזינענ אונ צו רעגולירנ די פרײַזנ אונ די קוואליטעט פונ דער פראָדוקציע, קעדיי אויסצומײַדנ קאָנקורענצ. די סאָכרימ האָבנ אויכ געהאט זייער אָרגאניזאציע (גילדעס). די נייטיקײַט צו פארטיידיקנ זייער אומאָפהענגיקײַט פונ די פעאָדאלנ האָט מיטגעווירקט דערצו, אז די דאָזיקע אָרגאניזאציע פונ די שטעט זאָל אײַנגעהיט אונ פארפעסטיקט ווערנ. צו דער פעאָדאלער אָרדענונג פונ דער לאנדווירטשאפט איז צוגעקומענ די האנטווערקעריש-צעכישע אָרדענונג אינ די שטעט.

ביסלעכווײַז, צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג פונעמ אויסטויש, פארשטארקט זיכ די עקספלואטאציע פונעמ פויערטומ. דאָס קומט פאָר צוליב פאָלגנדיקע סיבעס. וואָס מער עס פארברייטערט זיכ דער אויסטויש, אלצ מער קאָנ דער פעאָדאל קויפנ סײַ לוקסוס-זאכנ אונ סײַ באוואָפענונג פאר דער דרוזשינע. אָבער צוליב דעמ דארפ ער ארויספאָמפענ מער מיטלענ פונ די פויערימ, וואָס זײַנענ אָפהענגיק פונ אימ. די פעלדער פונ די פריצימ פארגרעסערנ זיכ אפנ כעזשבנ פונ די ערדנ, וואָס פריִער האָבנ זיכ מיט זיי באנוצט די פויערימ. עס פארגרעסערט זיכ די פאנשטשינע, עס וואקסט דער צינש.

די עקספלואטאציע פונעמ פויערטומ פארשטארקט זיכ אויכ אדאנק דער אויסבילדונג פונ צענטראליזירטע מעלוכעס פונ די צעלרײַכע קליינע פעאָדאלע גיטער. דער אנטוויקלונג פונעמ האנדל האָט געשטערט די פראָווינציעלע צעברעקלטקײַט, ווײַל יעדער פעאָדאל פלעגט אײַנשטעלנ זײַנע שטײַערנ באמ דורכפירנ די סכוירעס דורכ זײַנע גיטער, פלעגט אײַנשטעלנ זײַנ מאטבייע אאוו. האנדל איז ביכלאל געווענ א ריזיקאלער אייסעק צוליב די אָפטע אָנפאלנ פונ די פעאָדאלע דרוזשינעס אפ די טראנספאָרטנ מיט סכוירעס. צוליב דעמ אלעמ האָט דאָס סאָכרימטומ געשטרעבט צו פארניכטנ די זעלבשטענדיקײַט פונ די באזונדערע פעאָדאלנ. זיי פלעגנ אויסנוצנ דעמ קאמפ, וואָס איז פאָרגעקומענ צווישנ די פעאָדאלע פירשטנ, פלעגנ זיכ שטעלנ אפ דער זײַט פונעמ שטארקערנ פונ זיי, פלעגנ אימ באזאָרגנ מיט געלט אונ געווער אונ פלעגנ אימ העלפנ אונטערווארפנ אונטער זיכ די איבעריקע פעאָדאלנ. מיטנ אויסבילדנ זיכ פונ דער צענטראליזירטער מעלוכע-מאכט ווערנ אָפגעשאפט די דרוזשינעס פונ די פעאָדאלנ אונ עס ווערט געגרינדעט א צענטראליזירטע ארמיי. צו די פליכטנ, וואָס דער פויער טראָגט בענעגייע צומ פאָרעצ, קומענ צו נײַע מעלוכישע פליכטנ אפ אויסצוהאלטנ די פריצישע מעלוכע. די דאָזיקע אלגעמיינ-מעלוכישע פליכטנ ווערנ אלצ מער אונ מער אופגעמאָנט מיט געלט, פונ נאטורעלע פליכטנ ווערנ זיי געלט-פליכטנ. קעדיי צו באקומענ געלט אפ צו באצאָלנ די שטײַערנ, איז דער פויער געצווונגענ צו פארקויפנ זײַנע פראָדוקטנ אפנ מארק, עס קומט אזויארומ פאָר א וווקס פונ דער סכוירע-פראָדוקציע. צוזאמענ דערמיט פאלט דער פויער ארײַנ אינ א נײַער אָפהענגיקײַט, ער ווערט אָפהענגיק פונעמ אופקויפער אונ פראָצענטניק.

דער וווקס פונ דער עקספלואטאציע פונ פויערטומ האָט געדינט אלס סיבע דער-

פונ, וואָס די פויערים פלעגנ אנטלויפנ פונ די פריצים. קעדיי דאָס ניט צו דערלאָזנ, איז איינגעפירט געוואָרנ דאָס צופעסטיקנ די פויערים צו דער ערד, די פויערים זיינענ געוואָרנ לייביגענע, די פעאָדאלע אָרדענונג האָט זיכ פארוואנדלט אינ א פעאָדאל-לייבייגטימערישער אָרדענונג.

דער דאָזיקער וווּקס פונ דער עקספלואטאציע פונעמ פויערטומ איז געווענ די סיבע פונ די גרויסע פויערשע אופשטאנדנ (זשאקעריע אינ פראנקרייכ אינ XIV יאָרהונדערט, דער אופשטאנד פונ וואָט טיילער אינ ענגלאנד אינ XIV יאָרהונדערט, די פויערשע מילכאָמע אינ דייטשלאנד אינ XVI יאָרהונדערט, ראזינס אופשטאנד אינ רוסלאנד אינ XVII אונ פוגאטשאָווס אינ XVIII יאָרהונדערט), וואָס האָבנ זיכ געענדיקט מיט מאפאָלעס פארנ פויערטומ, ווייל דאָס פויערטומ האָט ניט געהאט קיינ פארבינדעטע אינ די שטעט, — דער היינטצייטיקער פראָלעטאריאט איז נאָכ דאנ ניט געווענ.

דער דאָזיקער אנטוויקלונג פונ פעאָדאליזם אנטשפרעכנ אויכ די ענדערונגענ, וואָס זיינענ פארגעקומענ אינ דער שטאָטישער אָרדענונג. אינ די שטעט ווערנ פארשארפט די באציִונגענ צווישנ די באלמעלאָכישע מייסטערס אונ זייערע געזעלנ, צווישנ די צעכישע באלמעלאָכעס אונ דעמ סאָכרימטומ. אינעמ ערשטנ פעריאָד פונעמ פעאָדאליזמ, ווענ די שטעט זיינענ געווענ אומאָפהענגיקע אונ די שטאָטישע איינוווינער האָבנ געהאט פערזענלעכע פרייהייט, זיינענ געווענ אָפטע פאלנ, ווענ די פויערים פלעגנ אנטלויפנ אינ די שטעט. די שטאָטישע באפעלקערונג איז געוואָקסנ הויפטזאכלעכ אפנ דאָזיקנ כעזשבנ. לעכאטכילע איז דאָס געווענ לוינבאר פאר די שטעט, ווייל די אנטלאָפענע פויערים פלעגנ פארגרעסערנ די קראפט פונ די שטעט אינ זייער קאמפ קעגנ די פעאָדאלנ. אָבער צוזאמענ מיטנ וווּקס פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג איז אנטשטאנענ די געפאר פונ א קאָנקורענצ צווישנ די באלמעלאָכעס. דעריבער באגרענעצנ די צעכנ דעמ אופנעמ פונ נייע מיטגלידער, פארלענגערנ די שילעריי-טערמינענ, פארגרעסערנ די עקספלואטאציע פונ די געזעלנ אזוי, אז זיי ווערט אלצ שווערער ארופצוארבעטנ זיכ אונ ווערנ זעלבשטענדיקע מייסטערס. כדי דעמ פירנ איינ די צעכנ פארבאָטנ אפ נייע באארבעטונג-אופאנימ אונ קעמפנ קעגנ דעמ האנדל מיט ארייגעפירטע סכוירעס. אפנ דאָזיקנ באָדנ אנטשטייט דער קאמפ צווישנ די באלמעלאָכעס-צעכנ אונ דעמ סאָכרימטומ.

די צעפאלונג פונ פעאָדאליזמ אונ די אנטשטייונג פונ קאפיטאליזמ

מיר זעענ, אז די צעכאָווע האנטווערקער-אָרגאניזאציע ווערט א שטערונג פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע-פראָדוקציע. אינ דער זעלבער צייט האָבנ די גרויסע געאָגראפישע אנטדעקונגענ פונעמ XV יאָרהונדערט (די אנטדעקונג פונעמ יאמוועג קיינ אינדיע אונ די אנטדעקונג פונ אמעריקע) געגעבנ א שטארקנ שטויס דער אנטוויקלונג פונעמ האנדל. „דער אויסער-אייראָפייִשער האנדל, וואָס איז פאָרגעקומענ ביז דאנ בלויז צווישנ איטאליע אונ דעמ לעוואנט*, האָט זיכ איצט פארשפרייט קיינ אמעריקע אונ אינדיע אונ האָט איינגיכנ איבערגעשטיגנ לויט זיינ באדייטונג סיי דעמ סכוירע-אויסטויש צווישנ די פארשיידענע אייראָפייִשע מעלוכעס סיי דעמ

* לעוואנט האָט מענ דאנ אָנגערופנ אלע לענדער, וואָס ליגנ אפ די ברעגנ פונ מיטללענדישנ יאמ צו מיזרעכ פונ איטאליע.

אינערלעכנ האנדל פונ יעדנ לאנד באזונדער. דאָס אמעריקאנישע גאָלד און זילבער האָבנ פארפלייצט אייראָפע, זײַנענ אריינגעדרונגענ ווי א צעשטערנדיקער עלעמענט אינ אלע שפעלטעלעכ, שפארונעס, פאָרעס פונ דער פעאָדאלער געזעלשאפט. די האנטווערקערישע פראָדוקציע האָט שוינ ניט געקאָנט באפרידיקנ דעם אויסגעוואקסענעם נאָכפרעג; אינ די אָנפירנדיקע צווײַגנ פונ דער אינדוסטריע פונ די סאמע פאָרגעשריטענע לענדער איז זי פארביטנ געוואָרנ מיט דער מאנופאקטור” (ענגעלס — אנטי-דירינג, זײַט 73—74).

די אויסבילדונג פונ דער קאפיטאליסטישער מאנופאקטור איז פאָרגעקומענ אפ אזא אופנ. אזוי ווי אינ די שטעט האָט די דריבנע צעכישע האנטווערקערײַ געהאט דעם מאָנאָפאָל, האָט דער סאָכרישער קאפיטאל, וואָס איז געווענ פאראינטערעסירט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע-פראָדוקציע, גענומענ פארשפרייטנ זײַנ טעטיקײַט אויסער די שטעט. דער סאָכרישער קאפיטאל גיט א שטארקנ שטויס דער אנטוויקלונג פונ דער קוסטארישער פראָדוקציע אינ די דערפער, הויפטזאכלעכ פונ דער וועבערײַ. אזוי ווי דער קוסטאר איז אָפגעריסנ פונ זײַנ אָפזאץ-מארק, ווערט ער אָפהענגיק פונעם אופקויפער. די דאָזיקע אָפהענגיקײַט דריקט זיכ אויס צוערשט אינ דעם, וואָס דער קוסטאר פארקויפט זײַנ פראָדוקציע פאר נידעריקע פרײַזנ, נאָכדעם הייבט ער אָנ צו באקומענ פונעם אופקויפער געלט- און רויווארג-האלוואָעס. צולעצט ווערט ער פארוואנדלט אינ אנ ארבעטער, וואָס ארבעט שוינ איבער דעם אופקויפערס רויווארג. דער קוסטאר ארבעט בלויז מיט זײַנע אינסטרומענטנ און פארדינט קוים אפ זײַנ כאיונע.

דער ווײַטערדיקער שריט פונעם האנדל-קאפיטאל איז דאָס צונויפזאמלענ די צעשפליטערטע קוסטארנ אינ איינ געבײַדע, ווו זיי ארבעטנ שוינ אלס לוינ-ארבעטער, וואָס באזיצנ ניט קיינ שום פראָדוציר-מיטלענ. דער סאָכרישער קאפיטאל ווערט פארוואנדלט אינ אנ אינדוסטריעלנ קאפיטאל. זײַט בא זײַט מיט דער דריבנער סכוירע-פראָדוקציע אנטשטייט די גרויס-קאפיטאליסטישע סכוירע-פראָדוקציע אינ דער פאָרמ פונ מאנופאקטור.

די קאפיטאליסטישע מאנופאקטור שטעלט מיט זיכ פאָר אינגאנצנ א נײַע פראָדוקטיוו-קראפט, א סאכ א העכערע, איידער די פראָדוקטיוו-קראפט פונ די דריבנע סכוירע-פראָדוצירער. אינ דער מאנופאקטור ארבעטנ א סאכ לוינארבעטער, וואָס די ארבעט צווישנ זיי איז שטרענג צעטיילט. יעדער פונ זיי פילט אויס א באשטימטע טייל-ווײַזע ארבעט. און די ארבעט פונ די דאָזיקע אלע ארבעטער צוזאמענ גענומענ דערגרייכט אזא פראָדוקטיווקײַט, וואָס קאָנ גאָרניט געמאָלט זײַנ בא דער צעשפליטערטער ארבעט פונ די דריבנע פראָדוצירער. ביז דער אנטשטייונג פונ דער מאנופאקטור האָט די געזעלשאפטלעכע ארבעט-צעטיילונג עקזיסטירט בלויז צווישנ די באזונדערע זעלבשטענדיקע דריבנע פראָדוצירער, וואָס די פארבינדונג צווישנ זיי פלעגט פארווירקלעכט ווערנ דורכנ מארק. איצט ווערט שוינ די געזעלשאפטלעכע ארבעט-צעטיילונג פארווירקלעכט אויכ אינ דער פאָרמ פונ א פלאנמעסיקער ארבעט-צעטיילונג אינווייניק אינ דער קאפיטאליסטישער מאנופאקטור.

דער דאָזיקער נײַער פראָדוקטיוו-קראפט אנטשפרעכנ נײַע פראָדוציר-פארהעלטענישנ. פריִער האָט דער קאפיטאל עקזיסטירט בלויז אינ דער פאָרמ פונ סאָכרישנ

און וווכערישן קאפיטאל. דער פראָדוציר־אויפן גופא איז ניט געווען קיין קאפי־טאליסטישער. דער אופקויפער און פראָצענטניק פלעגן עקספלואטירן די דריבנע פראָדוצירער, וואָס פלעגן פארקויפן זייערע סכוירעס. דער לוינארבעטער פארקויפט שוין ניט די סכוירע, וואָס ער האָט אויסגעארבעט. ער פארקויפט דעם קאפיטאליסט זײַן ארבעטקראפט. די פראָדוציר־מיטלען געהערן דעם קאפיטאליסט. אים געהערן אויך די סכוירעס, וואָס דער ארבעטער האָט פראָדוצירט. דער ארבעטער באקומט פון קאפיטא־ליסט ארבעטלוין, וואָס דעקט דעם ווערט פון דער פארווענדטער ארבעטקראפט, אָבער אלץ, וואָס ער פראָדוצירט כוץ דעם, פארייגנט דער קאפיטאליסט, און דאָס בילדעט זײַן מערווערט. דער ארבעטער ווערט עקספלואטירט דורכן קאפיטאליסט. אזוי־ארום ווערט דער פראָדוציר־אויפן גופא א קאפיטאליסטישער. צוזאמען מיטן וווקס פון די פראָדוקטיוו־קרעפטן זײַנען אנטשטאנען די נײַע, קאפיטאליסטישע פראָ־דוציר־פארהעלטענישן.

אָבער די פעאָדאלע אָרדענונג, וואָס אין אירע טיפענישן זײַנען אנטשטאנען די דאָזיקע נײַע פראָדוקטיוו־קרעפטן און די נײַע פראָדוציר־פארהעלטענישן, וואָס אנט־שפרעכן זיי, שטערט זייער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג. מיר האָבן אויבן געזען, ווי דער דאָזיקער אנטוויקלונג שטערט די האנטווערקעריש־צעכישע אָרדענונג אין די שטעט, וואָס איז א באשטאנד־טייל פונעם פעאָדאליזם. ניט אין א קלענערער מאָס שטערן דער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע די פעאָדאלע לײַבייגנטימערישע פארהעלטענישן אין דאָרף, ווײַל די לײַבייגנטימערישע אָפּהענגיקײַט פונעם פויערטום נעמט אָפּ בא די קאפיטאליסטן די ביליקע ארבעטקראפט. אזוי־ארום איז די פעאָדאלע אָרדענונג, וואָס האָט בא איר אנטשטייונג אנטשפראָכן דעם ניוואָ פון די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטן און איז געווען די פאָרם פון זייער אנטוויקלונג, קומט מיט דער צײַט אין א צוזאמענשטויס מיט די אויס־געוואקסענע פראָדוקטיוו־קרעפטן און איר באזײַטיקונג ווערט א היסטאָרישע נויט־ווענדיקײַט.

ווען די אונטערדריקונג, וואָס די פויערשע, שטאָטישע קליינבירגערלעכע און פראָלעטארישע מאסן האָבן אויסצושטיין פון דער פריציש־לײַבייגנטימערישער מע־לוכע, ווערט באזונדערס שטארק, קומט פאָר א בורזשואזע רעוואָלוציע, וואָס פארניכטעט די פעאָדאלע לײַבייגנטימערישע פארהעלטענישן און ראַמט אָפּ דעם וועג פאר דער פרײַער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם. אזוינע בורזשואזע רעוואָליו־ציעס זײַנען פאָרגעקומען אין XVII יאָרהונדערט אין ענגלאנד און אין סאָף XVIII יאָרהונדערט אין פראנקרײַך *. „אין געשטאלט פון זייער פאָרשטייערן, דער בורזשואזיע, זײַנען די פראָדוקטיוו־קרעפטן אופגעשטאנען קעגן דעם פראָדוציר־אויפן, וואָס די פעאָדאלע ערדבאזיצער און די צעך־מײַסטערס האָבן פארטיידיקט“ (ענגעלס, לודוויג פײַערבאך, זײַט 48).

---

* אין די לענדער, ווו דער קאפיטאליזם האָט זיך אנטוויקלט שפעטער און ווו די בורזשואזע רעוואָליוציע איז פאָרגעקומען, ווען עס איז שוין געווען א פאבריק־זאוואָדישער פראָלעטאריאט (דײַטש־לאנד אין 1848 יאָר, באזונדערס רוסלאנד אין 1905 יאָר), פלעגט די בורזשואזיע זען דורכ־קומען מיט דער פרייצישער מעלוכע.

די קעגנזאצן פונעם קאפיטאליזם און די נייטיקייט פון קאָמוניזם

דער קאפיטאליזם איז, ווי מיר האָבן געזען, אנטשטאנען פון דער סכוירע־פּראָדוקציע. אָבער ביזוואנען עס איז אנטשטאנען דער קאפיטאליזם, איז די סכוירע־פּראָדוקציע ניט געווען קיין הערשנדיקע — געהערשט האָט די נאטורעלעווירטשאפט. ניט געקוקט אפ דעם, וואָס בא דער שקלאפנבאזיצערישער אָרדענונג און באם פעאָדאליזם האָבן עקזיסטירט אויסטויש, געלט, האנדל צווישן די לענדער, — פלעגט די הויפּט־מאסע פּראָדוקטן פּראָדוצירט ווערן ניט פארן פארקויף. ערשט באם קאפיטאליזם ווערט די סכוירע־פּראָדוקציע אן אלגעמיינע און הערשנדיקע. דער קאפיטאליזם פארברייטערט ביז גאָר די געזעלשאפטלעכע ארבעט-צעטיילונג. פון דער קאפיטאליסטישער מאנופאקטור, ווו דער יעסאָד פון דער פּראָדוקציע איז די האנטארבעט, וואקסט אויס די קאפיטאליסטישע פאבריק מיט א מעכטיקער מאשינ־טעכניק. אינ צוזאמענהאנג דערמיט וואקסט אויס אומגעהייער די פּראָדוקטיוו-קראפט פון דער ארבעט. עס אנטשטייען נייע מינים פּראָדוקציעס, עס וואקסט די צאָל אינדוסטריע־צווייגן. דער קאפיטאליזם צעשטערט טיילווייז די רעשטלעך פאָריקע פּראָדוציר־אויפאנים און טיילווייז ווארפט ער זיי אונטער אונטער זיך. דער קאפיטאליזם אנטוויקלט די פארקער- און פארבינדונג־מיטלען. ער דרינגט ארײַן אין אלע ווינקלען פונעם ערדקײַלעך, ער שאפט א וועלט־מארק, א קאפיטאליסטישע וועלט-ווירטשאפט.

אָבער באם קאפיטאליזם ווערט די פּראָדוקציע געפירט ניט מיטן צוועק צו באפרידיקן די באדערפענישן פון דער געזעלשאפט, נאָר מיטן צוועק צו באריַיכערן די קאפיטאליסטן. די יאָגעניש נאָך פּראָפיט — אָט וואָס דאָ איז די טרײַבקראפט פון דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע. קעדיי צו באקומען א וואָס גרעסערן רעווער, שטרעבט יעדער קאפיטאליסט אונטערן דרוק פון דער קאָנקורענץ צו פארברייטערן די פּראָדוקציע, צו פארשטארקן די עקספּלואטאציע פון די ארבעטער, צום אײַנפירן נײַע און פארפולקומטע מאשינעס.

מיר האָבן שוין אויבן (זע זײַט 13) געבראכט ענגעלסעס ווערטער וועגן דעם, אז אין דער קלאסן-געזעלשאפט „באטײַט יעדער שריט פאָרויס אין געביט פון דער פּראָדוקציע גלײַכצײַטיק א שריט צוריק אין דער לאגע פון דעם אונטערדריקטן קלאס, דה. פון דער באדײַטנדיקער מערהײַט". דער קאפיטאליזם דערפירט דעם דאָזיקן קעגנזאץ פון דער קלאסן-געזעלשאפט צו דער העכסטער שטופע. „אלס פּראָדוצירער פון פרעמדער ארבעטזאמקײַט, אלס אויסזויגער פון דער מערארבעט און אלס עקספּלואטאטער פון דער ארבעטקראפט שטײַגט איבער דער קאפיטאל לויט דער ענערגיע, לויט דער אומדערזעטלעכקײַט און אקטיווקײַט אלע פריערדיקע פּראָדוציר-סיסטעמען, וואָס באזירן זיך אפ דער דירעקטער צוואנג-ארבעט" (מ א ר ק ס, „קאפיטאל", באנד I, זײַט 230).

אנטוויקלענדיק די פּראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער געזעלשאפט אין א גיגאנטישער מאָס, ווערט דער קאפיטאליזם אלץ ווייניקער אימשטאנד צו ספּראווען זיך מיט זיי. אלס באווײַז דערצו דינען די קריזיסן, וואָס טרייסלען אופ פעריאָדיש די גאנצע קאפיטאליסטישע סיסטעם און פארניכטן א טייל פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן. דער קאפיטאליזם ווערט אלץ מער און מער א שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פון די פּראָ-

דוקטיוו-קרעפטן, וואָס ער האָט געשאפן. די רעוואָליוציאָנערע פארניכטונג פונעם קאַפּיטאַליזם, דאָס פארבײַטן אים מיטן קאָמוניזם, ד. ה. מיט אזא געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, וואָס בא איר געפינען זיך אלע געזעלשאפטלעכע פראָדוציר-מיטלען אין אייגנטום פון דער גאנצער געזעלשאפט, — ווערט א דירעקטע היסטאָרישע נויטווענדיקײַט.

אזוי־ארום שאפט די אנטוויקלונג גופא פונעם קאַפּיטאַליזם פון איין זײַט די מאַטעריעל-טעכנישע פאָרהאַנאָכעס, די באַדינגונגען, וואָס זײַנען נייטיק אפ אויסבויען די קאָמוניסטישע געזעלשאפט, און פון דער צווייטער זײַט שאפט זי די קראַפט, וואָס איז באַרופן אראָפּצוווארפן דעם קאַפּיטאַליזם — דעם רעוואָליוציאָנערן ארבעטער-קלאַס, וואָס זײַן לאַגע ווערט צוזאַמען מיט דער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אלץ מער פארערגערט און וואָס פאר אים איז דער איינציקער אויסוועג אראָפּווארפן דעם קאַפּיטאַליזם און אויסבויען א קאָמוניסטישע געזעלשאפט.

דער ווידערשפרוך צווישן די פראָדוקטיוו-קרעפטן און די פראָדוציר-פאַרהעלטענישן

דער קורצער איבערזיכט פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט, וואָס מיר האָבן געמאכט, באַווײַזט, אז דער פאַרבײַט פון איין פראָדוקטיוו-אויפן מיט א צווייטן קומט פאָר ניט אדאַנק א צופאַל, נאָר ער נעמט זיך פון דער אנטוויקלונג כונעם ווידערשפרוך צווישן די פראָדוציר-קרעפטן און די פראָדוציר-פאַרהעלטענישן. מארקס פאָרמולירט אפ אזא אויפן די דאָזיקע געזעצמעסיקײַט פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג:

„אין דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע פון זייער לעבן טרעטן די מענטשן אַרײַן אין באַשטימטע נייטיקע פאַרהעלטענישן, וואָס זײַנען ניט אָפּהענגיק פון זייער ווילן — אין פראָדוציר-פאַרהעלטענישן, וואָס אַנטשפּרעכן א באַשטימטער אַנטוויקלונג-שטופע פון זייערע מאַטעריעלע פראָדוקטיוו-קרעפטן... אפ א געוויסער שטופע פון זייער אנטוויקלונג קומען די מאַטעריעלע פראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער געזעלשאפט אין א ווידערשפרוך מיט די עקזיסטירנדיקע פראָדוציר-פאַרהעלטענישן, אָדער — וואָס איז בלויז דער יורידישער אויסדרוק דערפון — מיט די אייגנטום-פאַרהעלטענישן, וואָס אינעווייניק אין זיי האָבן זיי זיך ביז איצט אנטוויקלט. פון פאָרמען צו אנטוויקלען די פראָדוציר-קרעפטן ווערן די דאָזיקע פאַרהעלטענישן פאַרוואַנדלט אין זייערע קייטן. דאַן קומט אָן די עפּאָכע פון סאָציאַלער רעוואָליוציע" (מארקס, „צו דער קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע", פאָרוואָרט, זײַט 42—43. מײַנע קורסיוו. — ל. ס.).

יעטווידע סטרוקטור פון די פראָדוציר-פאַרהעלטענישן אָדער יעטווידע געזעלשאפטלעכע פאָרמאַציע — דער פרימיטיווער קאָמוניזם, די שקלאַפנבאַזיצערישע אָרדענונג, דער קאַפּיטאַליזם, דער סאָציאַליזם — האָט זײַנע אייגנטימלעכקײַטן און דעריבער האָבן די ווידערשפרוכן צווישן די פראָדוקטיוו-קרעפטן און די פראָדוציר-פאַרהעלטענישן אין יעדער פון די דאָזיקע געזעלשאפטלעכע פאָרמאַציעס א באַזונדערן כאַראַקטער. אָבער אויב מיר וועלן נעמען יענע דרײַ פראָדוציר-אויפאַנים, וואָס זײַנען געקומען נאָכן פרימיטיוון קאָמוניזם, וועלן מיר זען, אז זיי אלע באַזיצן איין געמיינזאַמען שטריך:

די פראָדוציר-פאַרהעלטענישנ זײַנענ דאָ קלאַסנ-פאַרהעלטענישנ. די דאָזיקע פראָדו-ציר-אויפנאַנימ איז אײגנטימלעכ דער קלאַסנ-אַנטאַגאָניזמ; דער גרונטיקער, דעפינירנדיקער שטריכ פונעמ גאַנצנ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ איז דאָ דער קלאַסנקאַמפ. דער קאַפּיטאַ-ליזמ איז די לעצטע אַנטאַגאָניסטישע קלאַסנ-געזעלשאַפט; אַפ פאַרנעמענ איר אָרט קומט די אָנקלאַסנדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס איר אויסבויונג הײבט זיכ אָנ מיטנ זיג פונ דער פראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, מיטנ אײַנשטעלנ די דיק-טאַטור פונ פראָלעטאַריאַט.

אַלע פריערדיקע רעוואָליוציעס פלעגנ זיכ אויסלאָזנ צומ פאַרבײַטנ אײנ עקספּלו-אַטאַטאָרישע אָרדענונג מיט אַ צווײטער, די פראָלעטאַרישע רעוואָליוציע, אָבער פאַר-ניכטעט יעטווידע עקספּלואַטאַציע. „בלויז אונדזער סאָוועטישע רעוואָליוציע, בלויז אונדזער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט געשטעלט די פראַגע אַזוי, אַז מע זאָל ניט בײַטנ אײנע עקספּלואַטאַטאָרס אַפ אַנדערע, ניט בײַטנ אײנ עקספּלואַטאַציע-פאָרמ אַפ אַנ אַנדערער, נאָר אויסוואָרצלענ יעטווידע עקספּלואַטאַציע, אויסוואָרצלענ אַלע אונ יעטווידער עקספּלואַטאַטאָרס, אַלערלײ גווירימ אונ אונטערדריקער, אַי די אַל-טע אַי די נײַע" (סטאַלינ, רעדע אַפנ אַלפאַרבאַנדישנ צוזאַמענפאָר פונ די קאָלווירטניקעס-שלאָגלער).

אינ דער קלאַסנ-געזעלשאַפט ווערט די נאַטור אונטערגעוואָרפנ דעמ מענטשנ דורכ דעמ, וואָס אַ קלײנ הײַפל עקספּלואַטאַטאָרס באַצווינגט אונ עקספּלואַטירט די אי-בערוועגנדיקע מערהײַט פונ דער געזעלשאַפט אונ דעריבער איז דאָ יעטווידער שריט פאָרויס אינ געביט פונ דער פראָדוקציע אַ שריט אַפ צוריק אינ דער לאַגע פונ די אַר-בעטנדיקע. אינ קעגנזאַצ דערצו עפנט אויפ די פראָלעטאַרישע רעוואָליוציע גאָר אַ נײַע טקופע אינ דער מענטשלעכער געשיכטע, ווענ יעטווידער שריט פאָרויס אינ געביט פונ דער פראָדוקציע באַטײַט גלײַכצײַטיק אַ שריט פאָרויס אינ דער לאַגע פונ די אַרבעטנדיקע, ווענ די געזעלשאַפט ווערט צומ ערשטנ מאָל דערווירקלעכער הערשער פונ דער נאַטור אונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ פונ דער געזעלשאַפט אַנט-וויקלענ זיכ מיט אַזאַ שנעלקײַט, וואָס איז אַבסאָליוט אומדערגרײכבאַר פאַר דער קלאַסנ-געזעלשאַפט.

די באַדײַטונג פונ דער מאַרק-סיסטיש-לענינ-שער פאָליטישער עקאָנאָמיע

די אַנטוויקלונג-געזעצנ פונ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט האָבנ אויפגעדעקט מאַרקס אונ ענגעלס, וואָס האָבנ אַפ דער דאָזיקער באַזע דערוויזנ די היסטאָרישע נייטיקײַט פונעמ קאָמוניזמ אונ פונ דער דיקטאַטור פונ פראָלעטאַריאַט אַלס איבערגאַנג-פאָרמ צומ קאָמוניזמ. דעמ הויפּט-אינהאַלט פונ מאַרקס אונ ענגעלסעס טעאָריע בילדעט זײער עקאָנאָמישע לערע, די לערע וועגנ דער אַנטוויקלונג פונ די פראָדוציר-פאַרהעלטענישנ אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנט-וויקלונג פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ. „די טיפסטע, אַלזײַטיקע אונ דעטאַלע באַ-שטעטיקונג אונ אָנווענדונג פונ מאַרקס טעאָריע איז זײַנ עקאָנאָמישע לערע" (לענינ, באַנד XVIII, זײַט 15).

זײער גרונט-אויפמערקזאַמקײַט האָבנ מאַרקס אונ ענגעלס קאָנצענטרירט אַפ דערלערנענ די געזעצנ וועגנ דער אַנטשטײונג, אַנטוויקלונג אונ וועגנ דעמ אונ-טערגאַנג פונעמ קאַפּיטאַליזמ, ווײַל די אויפגאַבע, וואָס איז פאַר זײ געשטאַנענ,

איז באשטאנען אין געפינען דעם וועג צו באפרייען דעם פראָלעטאריאט פון דעם קאפיטאליסטישן יאָך. די טעאָריע פון מארקסיזם „שטעלט דירעקט פאר זיך די אופגאבע אופצודעקן אלע פאָרמען אנטאגאָניזם און עקספּלואטאציע אין דער היינטצייטיקער געזעלשאפט, דורכקאָנטראָלירן זייער עוואָליוציע, דערוויזן זייער איבערגאנג־כאראקטער, די אומפארמיידלעכקייט פון זייער פארוואנדלונג אין אן אנדער פאָרם און דינען אזויארום דעם פראָלעטאריאט, קעדיי ער זאָל וואָס גיכער און וואָס לייכטער מאכן א סאָף צו יעטווי־דער עקספּלואטאציע" (לענין, באנד I, זייט 225).

מארקס עקאָנאָמישע לערע איז דעריבער א מעכטיק געווער פונעם פראָלע־טאריאטס קלאסנקאמף פאר אראָפּווארפן דעם קאפיטאליזם און אויסבויען דעם סאָציאליזם.

מארקס און ענגעלס האָבן געלעבט און געקעמפט אין דער עפּאָכע, ווען די ווידערשפרוכן פונעם קאפיטאליזם האָבן נאָך ניט געהאט דערגרייכט זייער העכסטע אנטוויקלונג־שטופע. זיי האָבן דעריבער ניט געקאָנט אויספאָרשן יענע נייע באדינגונ־גען, וואָס ווערן געשאפן דורכן קאפיטאליזם אפן העכסטן און לעצטן עטאפּ פון זיין אנטוויקלונג. די געזעצמעסיקייטן פונעם דאָזיקן עטאפּ פון קאפיטאליזם, די געזעצמעסיקייטן פון אימפעריאליזם האָט אויסגעפאָרשט לענין.

אפ דער באזע פון די אנטוויקלונג־געזעצן פון קאפיטאליזם, וואָס מארקס האָט אנטדעקט, האָט לענין באוויזן, אז דער אימפעריאליזם איז דער אָפּשטארבנ־דיקער, פארפוילנדיקער קאפיטאליזם, אז אין דער עפּאָכע פון אימפעריאליזם ווערט די פראָלעטארישע רעוואָלוציע א דרינגענדיקע פּראקטישע נויטווענדיקייט, אז אין די נייע באדינגונגען, וואָס ווערן געשאפן דורכן אימפעריאליזם, ווערט מעגלעך דער ניצאָכן פונעם סאָציאליזם צוערשט אין איין באזונדער גענומענע קאפיטאליסטיש לאנד. אין העסקעם מיט די נייע אופגאבן, וואָס האָבן זיך גע־שטעלט פארן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט, האָט לענין אנטוויקלט אלע גרונט־פראגן פון מארקסיזם, דערונטער אויך די גרונט-פראגן פון פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע.

די ווייטערדיקע אנטוויקלונג און קאָנקרעטיזירונג פונעם מארקסיזם-לעניניזם אין העסקעם מיט די אופגאבן פונעם פּראָלעטאריאט אין די באדינגונגען פונעם אלגעמיינעם קריזיס פונעם קאפיטאליזם און פון דער סאָציאַליסטישער בויונג איז פארזן זיינען געגעבן געוואָרן אין כ׳ סטאלינס ארבעטן, אין די באשלוסן פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל און פון אונדזער פארטיי.

די סכוירע-פּראָדוקציע און אירע ווידערשפּרוכן

מיר האָבן געזען אינעם פאָריקן קאַפּיטל, אַז דער קאַפּיטאַליזם אַנטשטייט אַף אַ געוויסער אַנטוויקלונג-שטופּע פון דער סכוירע-פּראָדוקציע. דער קאַפּיטאַליזם פאַרניכטעט ניט די סכוירע־פּראָדוקציע, נאָר, פאַרקערט, ער אַנטוויקלט זי ווײַטער. ערשט באַם קאַפּיטאַליזם באַקומט די סכוירע-פּראָדוקציע אַלגעמיינע פאַרשפּרייטונג און ווערט די הערשנדיקע.

ווײַבאַלד עס הערשט די סכוירע-פּראָדוקציע, דריקן זיך די פּראָדוקציע-באַציִונגען צווישן די מענטשן אינעם פּראָצעס פון זייער געזעלשאַפטלעכן פּראָדוצירן אָדער זייערע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן אויך אויס אין סכוירע-פאַרהעלטענישן. לאָמיר נעמען די גרונטיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטעניש אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — די עקספּלואַטאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט דורך דער בורזשואַזיע. כּדי דער קאַפּיטאַליסט זאָל קאָנען עקספּלואַטירן דעם אַרבעטער, דאַרף דער אַרבעטער פאַרקויפן אים זײַן אַרבעטקראַפט, וואָס איז אַזוי־אַרום אַ סכוירע. דער אַרבעטער באַקומט באַם קאַפּיטאַליסט אַרבעטלוין, געלט, פאַר וועלכן ער קויפט סכוירעס — עקזיסטענץ-מיטלען.

לאָמיר ווײַטער נעמען די פאַרהעלטענישן צווישן די קאַפּיטאַליסטן גופא. זיי קויפן איינער באַם אַנדערן און פאַרקויפן איינער דעם אַנדערן סכוירעס.

דער גאַנצער פאַרמעגן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט טרעט אַרויס אין דער פאָרם פון אַ גוואַלדיקער סכוירעס-אָנזאַמלונג.

אין די סכוירעס דריקן זיך אַזוי־אַרום אויס די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

סכוירע, ווי מאַרקס זאָגט, איז דאָס „עקאָנאָמישע קעמערל" פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אָדער די „עלעמענטאַרע פאָרם פון איר רײַכטום". די אויספאָרשונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע הייבט מאַרקס דעריבער אָן פון דער סכוירע.

1. די סכוירע און אירע אייגנשאפטן

„סכוירע איז, ערשטנס, א זאך, וואָס באפרידיקט דעם מענטשנס אוועלכע-ניט-איז באדערפעניש; צווייטנס, א זאך, וואָס ווערט אויסגעטוישט אפ א צווייטער זאך (לענין, באנד XVIII, זײַט 15. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

געברויך-ווערט

די אייגנשאפט פון דער סכוירע צו באפרידיקן די אָדער יענע באדערפעניש רופט זיך געברויך-ווערט. יעדע סכוירע דארף זײַנ א געברויך-ווערט; אָנ דעם קאָנ זי ניט זײַנ קיינ סכוירע.

קעדיי אוועלכע-ניט-איז זאך זאָל זײַנ א געברויך-ווערט, איז אבסאָליוט אלציינס וואָס פאר א באדערפעניש זי באפרידיקט: צי די באדערפעניש איז שפײַז, קליידער אאוו., אָדער די באדערפעניש איז לוקסוס-זאכנ. עס איז וויכטיק, אז די באדערפעניש זאָל עקזיסטירנ און אז די געגעבענע סכוירע זאָל קאָנענ באפרידיקנ די דאָזיקע באדערפעניש. „די נאטור פון דער דאָזיקער באדערפעניש, — צי זי ווערט, לעמאָשל, ארויסגערופנ פונעם מאָגנ צי פון דער פאנטאזיע, — ענדערט גאָרניט אינ דעם איניענ" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, ז. 1).

דער געברויך-ווערט באפרידיקט די באדערפענישנ דירעקט אלס עקזיסטענצ-מיטל (עסנווארג, וווינונג, קליידונג אאוו.) אָדער אומדירעקט אלס פראָדוציר-מיטל (מאשינעס, רויע מאטעריאלנ).

יעדע סכוירע דארפ זײַנ א געברויך-ווערט, אָבער ניט יעדער געברויך-ווערט איז א סכוירע, לעמאָשל, לופט איז א געברויך-ווערט, אָבער זי איז ניט קיינ סכוירע. אָדער דאָס ברויט, וואָס דער פויער פראָדוצירט דירעקט פארנ אייגענעם געברויך און ניט פארנ אויסטויש. אינ דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט וועלנ אלע אויסגעארבעטע פראָדוקטנ האָבנ א געברויך-ווערט, אָבער זיי וועלנ ניט זײַנ קיינ סכוירעס. א זאך, וואָס האָט א געברויך-ווערט, איז א סכוירע בלויז דאנ, ווענ זי ווערט פראָדוצירט פארנ אויסטויש.

סכוירע-אויסטויש

אלעמענ איז באוווסט, אז אפנ מארק קומט ניט פאָר קיינ דירעקטער אויסטויש פונ איינ סכוירע אפ דער צווייטער, נאָר די סכוירעס ווערנ פארקויפט און געקויפט פאר געלט. אָבער קעדיי צו פארשטיינ, וואָס פאר א געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ דריקנ זיך אויס אינעם קויפ און פארקויפ, דארפנ מיר דערווײַל לאָזנ אָנ א זײַט די ראָליע פונעם געלט און באטראכטנ דעם דירעקטנ אויסטויש פונ סכוירע אפ סכוירע. אזא דירעקטער אויסטויש האָט עקזיסטירט אינ די ערשטע אנטוויקלונג-סטאדיעס פונ דער סכוירע-פראָדוקציע. דעם מעהוס פונ געלט און אויכ דאָס קויפנ און פארקויפנ סכוירעס וועלנ מיר קאָנענ פארשטיינ ערשט נאָכ דעם, ווי מיר וועלנ באטראכטנ די מער איינפאכע פארהעלטענישנ פונ דירעקטנ סכוירע-אויסטויש.

עס איז אבסאָליוט קלאָר, אז אויסטוישנ קאָנ מענ ניט איינע און די זעלבע, נאָר פארשיידענע סכוירעס. עס וואָלט געווענ אנ אומזינ אויסצוטוישנ ברויט אפ ברויט אָדער שטיוול אפ פונקט אזוינע שטיוול. אפנ מארק טוישט מענ פארשיידענע געברויכ-

ווערטן, וואָס אונטערשיידן זיך איינער פֿון דעם אַנדערן, לעמאָשל, ברויט אַפֿ שטיוול. אָבער די סכוירעס ווערן אויסגעטוישט אין אַ באַשטימטן סכום. דער פּויער גיט פֿאַר שטיוול ברויט, נאָר ניט אָן אַ שיר, לאָמיר זאָגן 5 פּוד, און דער שוסטער גיט דעם פּויער פֿאַר 5 פּוד ברויט שטיוול, נאָר אויך ניט וויפֿל ער וויל, נאָר בלויז איין פּאָר. דער דאָזיקער סכום ברויט, וואָס ווערט אויסגעטוישט אַפֿ שטיוול, ווערט איינגעשטעלט ניט צווישן איין פּויער און איין שוסטער: יעטווידער פּויער, וואָס וויל אויסטוישן ברויט אַפֿ שטיוול, דאַרף הײַנט געבן יעטווידן שוסטער 5 פּוד ברויט פֿאַר שטיוול פֿון אַ באַשטימטער קוואַליטעט. מיט אַנדערע ווערטער, ברויט, ביכלאַל, ווערט אויסגעטוישט אַפֿ שטיוול אין אַזאַ פֿאַרהעלטעניש, אַז פֿאַר 5 פּוד ברויט גיט מען איין פּאָר שטיוול.

טויש-ווערט

די דאָזיקע סכום-פֿאַרהעלטעניש, אין וועלכער איין סכוירע ווערט אויסגעטוישט אַפֿ דער צווייטער, שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם **טויש-ווערט פֿון דער סכוירע**. אין אונדזער בײַשפּיל וועט דער טויש-ווערט פֿון איין פּאָר שטיוול זײַן 5 פּוד ברויט און דער טויש-ווערט פֿון פֿינף פּוד ברויט וועט זײַן איין פּאָר שטיוול.

אָבער דורך וואָס ווערט באַשטימט דער טויש-ווערט פֿון אַ סכוירע? פֿאַרוואָס ווערט איין פּאָר שטיוול אויסגעטוישט ניט אַפֿ 7 און ניט אַפֿ 3, נאָר גראָד אַפֿ 5 פּוד ברויט?

דער אויסטויש פֿון די סכוירעס איינע אַפֿ דער צווייטער אין אַ באַשטימטער פּראָפּאָרץ (סכוירע-פֿאַרהעלטעניש) באַטײַט, אַז ווי טויש-ווערטן ווערן די סכוירעס אַפֿ אַ געוויסן אויפֿן צוגעגליכן איינע צו דער אַנדערער. חיאָזוי קאָן מען אָבער צוגלײַכן אַזוינע סכוירעס, ווי ברויט און שטיוול? דאָס זײַנען דאָך אַבסאָליוט פֿאַרשיידענע געברויך-ווערטן. יעדערע פֿון זיי באַפֿרידיקט אַבסאָליוט אַן אַנדער באַדערפֿעניש עס איז קלאָר, אַז צוגלײַכן קאָן מען בלויז זאַכן, וואָס לאָזן זיך **פֿאַרגלײַכן**. איך קאָן פֿאַרגלײַכן די לענג פֿון צימער מיט דער לענג פֿון טיש, די וואָג פֿון אײַזן מיט דער וואָג פֿון אַ בוך און זאָגן, אַז דאָס צימער איז לענגער פֿונעם טיש, און דאָס דאָזיקע שטיק אײַזן איז שווערער פֿאַרן דאָזיקן בוך. אָבער מע קאָן ניט פֿאַרגלײַכן די לענג פֿונעם צימער מיט דער וואָג פֿון אײַזן. פֿאַרגלײַכן זאַכן און צוגלײַכן זיי איינע צו דער אַנדערער קאָן מען בלויז דאַן, ווען די דאָזיקע זאַכן האָבן עפּעס געמיינזאַמעס. מיר נעמען די געמיינזאַמע אייגנשאַפֿט פֿונעם צימער און טיש — די רוימלעכקײַט — און מיר פֿאַרגלײַכן זיי לויטן דאָזיקן סימען. אָדער מיר פֿאַרגלײַכן דאָס אײַזן און דעם בוך לויט זייער געמיינזאַמער אייגנשאַפֿט — לויט דער שווערקײַט.

די סכוירעס, וואָס ווערן אויסגעטוישט, האָבן אַ **פֿאַרשיידענעם** געברויך-ווערט און דאָך ווערן זיי צוגעגליכן איינע צו דער אַנדערער. „די אַלטעגלעכע דערפֿאַרונגען באַווײַזט אונדז, אַז מיליאָנען און מיליאַרדן אַזוינע אויסטוישן גלײַכן צו קעסיידער איינס מיטן אַנדערן אַלע און קאָלערליי סאַמע פֿאַרשיידענע ניט פֿאַרגלײַכבאַרע געברויך-ווערטן" (**לענין**, ב. XVIII, ז. 16).

וויבאַלד די סכוירעס ווערן אין טויש-פּראָצעס פֿאַרגליכן איינע צו די צווייטע, הייסט עס, אַז זיי האָבן עפּעס אַ געמיינזאַמע אייגנשאַפֿט. די דאָזיקע געמיינ-

זאַמע אײגנשאַפט פון די אױסגעטױשטע סכױרעס קאָן ניט זײַן זײער געברױך-װערט, װײַל עס װערן אױסגעטױשט בלױז סכױרעס מיט אַ פאַרשײדענעם געברױך-װערט. װאָס-זשע איז אין אַזאַ פאַל פאַראַן געמײנזאַמעס אין אַלע סכױרעס? „אױב מע זאָל זיך אַבסטראַהירן פונעם געברױך-װערט פון די סכױרע-קערפּערס, — זאָגט מאַרקס, — פאַרבלײַבט בא זײ בלױז אײן אײגנשאַפט. נעמלעך, דאָס, װאָס זײ זײַנען פּראָדוקטן פון אַרבעט" („קאַפּיטאַל", באַנד I, זײַט 3). הײסט עס, אַז באַליביקע סכױרעס, װאָס פאַר אַ געברױך-װערט זײ זאָלן ניט האָבן, קאָנען פאַרגלײַכט װערן אױף דעם גרונט, װאָס זײ זײַנען פּראָדוקטן פון אַרבעט, װאָס אױף פּראָדוצירן זײ װערט פאַרװענדט מענטשלעכע אַרבעט.

שטעלט זיך אַזאַ פראַגע: פונקט װי די סכױרעס, װאָס װערן אױסגעטױשט — ברױט, שטיװל — שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשײדענע געברױך-װערטן, איז דאָך אױך דעם פױערס אַרבעט און דעם שוסטערס אַרבעט גאַנץ פאַרשײדן אײנע פון דער צװײטער; דער פױער באַאַרבעט די ערד, באַקומט קערנער, און דער שוסטער באַאַרבעט פעל. זײ אַרבעטן מיט אַבסאָליוט פאַרשײדענע אַרבעט-געצײַג, אַבסאָליוט פאַרשײדן זײַנען די אַרבעט-אָפּעראַציעס, װאָס זײ מאַכן. װיִאַזױ-זשע, פרעגט זיך, קאָנען דעם פױערס אַרבעט און דעם שוסטערס אַרבעט, װאָס אונטערשײדן זיך אַזױ שאַרף אײנע פון דער אַנדערער, בילדן דאָס געמײנזאַמע, װאָס איז פאַראַן אינעם ברױט און אין די שטיװל, װאָס מאַכט זײ פאַרגלײַכבאַר?

דער צװײיִקער כאַראַקטער פון דער אַרבעט, װאָס איז פאָרגעשטעלט אין די סכױרעס

װען מיר זאָגן, אַז די געמײנזאַמע אײגנשאַפט פון אַלע סכױרעס איז די אַרבעט, װאָס איז פאַרװענדט געװאָרן אױף פּראָדוצירן זײ, מײנען מיר דערמיט ניט די באַזונדערע מינים אַרבעט, ניט דאָס, װאָס אונטערשײדט דעם שוסטערס אַרבעט פונעם פױערס אַרבעט. מיר מײנען די אַרבעט אַלס פאַרװענדונג פון מענטשלעכער אַרבעטקראַפט אין פיזיִאָלאָגישן זין, אומאָפּהענגיק פון דעם, אין װאָס פאַר אַ פאָרם עס קומט פאָר די דאָזיקע פאַרװענדונג, — צי אין דער פאָרם פונעם שוסטערס אַרבעט אָדער אין דער פאָרם פון ערדאַרבעט, פון שנײַדערײַ אאַװ. „סײַ שנײַדערײַ און סײַ װעבערײַ, ניט געקוקט אױף דעם קװאַליטאַטיװן אונטערשײד פון די דאָזיקע מינים פּראָדוקטיװער טעטיקײַט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּראָדוקטיװע פאַרװענדונג פונעם מענטשנס מאַרך, מוסקולן, נערװן, הענט אאַװ. און אינעם דאָזיקן זין זײַנען זײ אײנע און די זעלבע מענטשלעכע אַרבעט: דאָס זײַנען בלױז צװײ פאַרשײדענע פאָרמען פון פאַרװענדן מענטשלעכע אַרבעטקראַפט" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, ב. I, ז. 8).

מיר זעען, אַז די אַרבעט, װאָס פּראָדוצירט סכױרעס, האָט אַ צװײיִקן כאַראַקטער. פון אײן זײַט, איז דאָס אַ באַשטימטע נוצלעכע אַרבעט, אַן אַרבעט פון אַ באַשטימטער קװאַליטעט, פון אַ באַשטימטן מין, פון אַ באַשטימטער ספּעציִאַליטעט — קאָנקרעטע אַרבעט, װאָס שאַפט אַ באַשטימטן געברױך-װערט. פון דער צװײטער זײַט, איז דאָס אַ „ניט אונטערשײדבאַרע מענטשלעכע אַרבעט, ד. ה. פאַרװענדונג פון מענטשלעכער אַרבעטקראַפט אָן שום שײַכעס צו דער פאָרם פון דער דאָזיקער פאַרװענדונג" (מאַרקס, „קאַפּיטאַל", באַנד I, ז. 4) אָדער מיט אַנדערע װערטער — אַבסטראַקט-מענטשלעכע אַרבעט, אַרבעט בכלל.

עס איז אינגאנצן קלאָר, אז ניט די קאָנקרעטע ארבעט גיט צו די סכוירעס דאָס געמיינזאמע, וואָס אנטהאלט זיך אין זיי און וואָס אפ דעם גרונט קאָנען זיי ווערן צוגעגליכן איינע צו די אנדערע, ווײַל גראָד די קאָנקרעטע ארבעט שאפט אין די סכוירעס דאָס, וואָס דערמיט אונטערשיידן זיי זיך איינע פון די אנדערע, נעמלעך, זייער געברויך-ווערט. צוגעגליכן ווערן אָבער די סכוירעס איינע צו די אנדערע אלס זאכן, וואָס אנטהאלטן אין זיך עפּעס געמיינזאמעס. „הייסט עס, אז דאָס געמיינזאמע, וואָס איז פאראן אין אלע סכוירעס, איז ניט די קאָנקרעטע ארבעט פון א באשטימטן פּראָדוקציע-צווײַג, ניט ארבעט פון איין מין, נאָר די אבסטראקטע מענטשלעכע ארבעט, מענטשלעכע ארבעט ביכלאל“ (לענין, באנד XVIII, זײַט 16).

ווערט

מע דארף אונטערשיידן די עצעם ארבעט פון דער סכוירע, ווי אן ארבעט-פּראָדוקט. ארבעט איז דער פּראָצעס פון פארוועגדן מענטשלעכע ארבעטקראפט. ווען די סכוירע איז פּראָדוצירט געוואָרן, איז שוין דער ארבעט-פּראָצעס גופא פארענדיקט. עס עקזיסטירט שוין ניט קיין ארבעט, נאָר סכוירע. אָבער די דאָזיקע סכוירע שטעלט פאָר אָדער דריקט אויס די אבסטראקט-מענטשלעכע ארבעט, וואָס איז פארוועגדט געוואָרן אפ פּראָדוצירן זי. די סכוירע איז א מין קאָנדענסאט פון דער ארבעט, וואָס איז פארוועגדט געוואָרן אפ פּראָדוצירן זי. די דאָזיקע געמיינזאמע אייגנשאפט פון אלע סכוירעס, דה. דאָס, וואָס זיי שטעלן פאָר די אבסטראקט-מענטשלעכע ארבעט, וואָס איז פארוועגדט געוואָרן אפ פּראָדוצירן זיי, רופן מיר אָן סכוירע-ווערט. „אין דעם ווערט פון דער סכוירע דריקט זיך אויס פּאָשעט די מענטשלעכע ארבעט, די פארוועגדונג פון מענטשלעכער ארבעט ביכלאל“ (מארקס, קאפּיטאל, באנד I, ז. 8. מײַן קורסיוו.—ל. ס.).

סכוירע באזיצט, אזויארום, צוויי אייגנשאפטן: זי איז גלײַכצײַטיק א געברויך-ווערט און א ווערט. דער טויש-ווערט פון דער סכוירע, דה. יענע קוואנטיטאטיווע (צאָליקע) פארהעלטעניש, וואָס לויט איר ווערט איין סכוירע אויסגעטוישט אפ א צווייטער סכוירע, ווערט באשטימט ניט דורכן געברויך-ווערט פון די דאָזיקע סכוירעס, וואָס ווערן אויסגעטוישט, נאָר דורכן זייער ווערט.

וויבאלד דער ווערט פון דער סכוירע ווערט באשטימט דורך דער ארבעט, וואָס איז פארוועגדט אפ פּראָדוצירן זי, איז וואָס מער ארבעט עס איז פארוועגדט אפ פּראָדוצירן זי, אלץ גרעסער דארף זײַן איר ווערט. אויב אפ פּראָדוצירן איין פּאָר שטיוול זײַנען פארוועגדט געוואָרן 20 ארבעט-שעה און אפ פּראָדוצירן איין פּוד ברויט—4 שעה ארבעט, וועט דער ווערט פון איין פּאָר שטיוול זײַן אין 5 מאָל גרעסער איידער דער ווערט פון איין פּוד ברויט. דעריבער ווערט א פּאָר שטיוול געטוישט ניט אפ איין פּוד, נאָר אפ 5 פּוד ברויט.

די געזעלשאפטלעך-נייטיקע ארבעטצײַט

קאָן מען מיינען, אז וואָס פוילער, וואָס ווייניקער געניט עס איז דער געגעבענער סכוירע-פּראָדוצירער, וואָס לאנגזאמער ער ארבעט, אלץ א גרעסערן ווערט דארף האָבן די סכוירע, וואָס ער האָט פּראָדוצירט, ווײַל ער פארוועגדט מער ארבעט (וואָס ווערט געמאָסטן לויט דער ארבעטצײַט), איידער אנדערע סכוירע-פּראָדוצירער. אויב, לעמאָשל, אלע שוסטערס פארוועגדן אפ פּראָדוצירן איין פּאָר שטיוול 20 שעה ארבעט, און אזעלכער-

ניט-איז שוסטער פאַרווענדט 24 שאָ, וועט עפּשער זײַן פּאָר שטיוול האָבן א גרעסערן ווערט, וועט זי עפּשער קאָנען אויסגעטוישט ווערן אף 6 פּוד ברויט?

דאָס קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט פּאַסירן, ווײַל דער ווערט פון דער סכוירע ווערט באַשטימט ניט דורך דער אינדיווידועלער ארבעטצײַט פון יעדן סכוירע-פּראָדוצירער באַזונדער: ער ווערט באַשטימט דורך דער ארבעטצײַט, וואָס איז דורכשניטלעך נייטיק, אָדער וואָס עס איז געזעלשאַפטלעך-נייטיק אף פּראָדוצירן די געגעבענע סכוירע.

אויב בא די פּראָדוציר-באַדינגונגען, וואָס עקזיסטירן אין דער געזעלשאַפט, פּאָדערט זיך אף אויסארבעטן איין פּאָר שטיוול דורכשניטלעך 20 שאָ, מעג דער אָדער יענער שטיוול-פּראָדוצירער באַזונדער פאַרווענדן אף איין פּאָר 25 שאָ אָדער 15 שאָ — וועט אויך זײַן סכוירע אנטהאַלטן 20 שאָ געזעלשאַפטלעך-נייטיקע ארבעט.

„די געזעלשאַפטלעך-נייטיקע ארבעטצײַט איז יענע ארבעטצײַט, וואָס פּאָדערט זיך אף אויסארבעטן א וועלכן-ניט-איז געברויך-ווערט בא די פאַראַנענע געזעלשאַפטלעך-נאָרמאַלע פּראָדוציר-באַדינגונגען און באַם דורכשניטלעכן ניוואָ פון דער ארבעט-אינטענסיווקייט און געשיקטקייט אין דער געגעבענער געזעלשאַפט“ (מאַרקס, „קאַפּיטאַל“, ב. I, ז. 4. מײַן קורסיוו. — ל. ס.).

די גרייס פונעם ווערט און די ארבעט-פּראָדוקטיווקייט

אויב עס ווערט אײַנגעפירט אוועלכע-ניט-איז טעכנישע פאַרפולקומונג, א נײַע מאַשין אָדער א נײַער באַארבעטונג-מעטאָד, וואָס גיבן א מעגלעכקייט אין דער זעלבער ארבעטצײַט, ווי פריער, פּראָדוצירן א גרעסערן סכום פון דער געגעבענער סכוירע, ווערט דער סכום ארבעט, וואָס פּאָדערט זיך אף פּראָדוצירן איין שטיק פון דער דאָזיקער סכוירע, פאַרקלענערט און דעריבער ווערט אויך פאַרקלענערט דער ווערט פון דער דאָזיקער סכוירע.

וואָס העכער עס איז די ארבעט-פּראָדוקטיווקייט אין דער געזעלשאַפט, דה. וואָס מער סכוירע-איינסן מע קאָן פאַר דעם געגעבענעם צײַט-אָפּשניט פּראָדוצירן, אלץ קלענער איז דער ווערט פונעם סכוירע-איינס און פאַרקערט — וואָס נידעריקער עס איז די פּראָדוקטיווקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט, וואָס מער געזעלשאַפטלעך-נייטיקע ארבעטצײַט עס פּאָדערט זיך אף פּראָדוצירן די געגעבענע סכוירע, אלץ העכער וועט זײַן דער ווערט פון דער דאָזיקער סכוירע.

2. ווערט איז א געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש

אלזאָ, דער ווערט פון א סכוירע ווערט באַשטימט דורך דער געזעלשאַפטלעך-נייטיקער ארבעט, וואָס ווערט פאַרווענדט אף פּראָדוצירן זי. יעדערער ווייס אָבער, אז באַם סכוירע-אויסטויש פרעגט קיינער ניט, וויפל די געגעבענע סכוירע אנטהאַלט אין זיך געזעלשאַפטלעך-נייטיקע ארבעטצײַט. נאָכמער, קיין איין סכוירע-פּראָדוצירער ווייס ניט, וויפל ארבעטצײַט עס אנטהאַלט זיך אין דער סכוירע, וואָס ער אליין

האָט פראָדוצירט. דער סטאָליער, לעמאָשל, ווייס עפשער אויסגעצייכנט, וויפל צײַט אים איז נייטיק אפ פארוואנדלענ דאָס האָלצ אינ א טיש, אָבער ער קאָנ פאָרויס ניט וויסנ, וויפל געזעלשאפטלעכ-נייטיקע ארבעטצײַט עס פאָדערט זיכ פאר דער דאָזיקער אָפעראציע. ער ווייס אויכ ניט, וויפל געזעלשאפטלעכ-נייטיקע ארבעט עס אנטהאלט זיכ אינעם האָלצ, אינ דער זעג, אינעם הובל אונ אינ אנדערע פראָדוציר-מיטלענ זײַנע, וועלכע מע דארפ פארווענדנ באם פראָדוצירנ דעמ טיש. די דאָזיקע אלע פראגנ אינטערעסירנ אימ גאָרניט. אימ אינטערעסירט, וויפל געלט ער האָט פארווענדט אפ די מאטעריאלנ אונ אינסטרומענטנ. וויפל צײַט ער דארפ האָבנ אפ באארבעטנ דעמ מאטעריאל, וויפל געלט ער וועט באקומענ פאר זײַנ טיש אונ וויפל אונ וואָסערע אנדערע סכוירעס ער וועט קאָנענ קויפנ פארנ דאָזיקנ געלט.

פרעגט זיכ נאטירלעכ: וואָס-זשע פאר א באַדײַטונג האָט אונדזער טעאָריע, וואָס באהויפט, אז דער טיש-ווערט איז אָפהענגיק פונ זייער ווערט אונ אז דער דאָזיקער ווערט איז באשטימט דורכ דער ארבעט? וואָס פאר א באַדײַטונג האָט די דאָזיקע טעאָריע, אויב אינ דער פראקטיק טראכט גאָר אפילע קיינער ניט צו מעסטנ דעמ ווערט מיט דער ארבעט?

די באַדײַטונג פונ מארקס טעאָריע באשטייט ניט אינ דעמ, אז זי זאָל געבנ די סכוירע-פראָדוצירער קלאָלימ ווי צו פירנ זיכ, לערנענ זיי, ווי צו מעסטנ דעמ ווערט פונ זייערע סכוירעס אונ וויאזוי זיי זאָלנ די דאָזיקע סכוירעס לוינבארער פארקויפנ.

מארקס שטעלט זיכ אנ אופגאבע צו דערלערנענ דאָס, וואָס עס קומט פאָר אינ דער ווירקלעכקײַט באם אויסטוישנ די סכוירעס, אומאָפהענגיק דערפונ, וואָס די סכוירע-פראָדוצירער גופע טראכטנ וועגנ דאָזיקנ טויש. „צוגלײַכנדיק אייגעמ צומ אנ-דערנ באם אויסטוישנ די פארשיידנארטיקע פראָדוקטנ ווי ווערטנ, גלײַכנ די מענטשנ דערמיט צו איינע צו די אנדערע זייערע פארשיידענע ארבעטנ אלס מענטשלעכע ארבעט ביכלאל, זיי באווײַזנ עס ניט, אָבער זיי טוענ עס" (מארקס, „קאפיטאל", ב. I, ז. 33).

דער אומשטאנד, וואָס דער ווערט פונ די סכוירעס ווערט באשטימט דורכ דער ארבעט, דאָס, וואָס דער סכוירע-פראָדוצירער גופע מעסט אימ ניט מיט דער ארבעטצײַט, איז געוויס א ווידערשפרוכ. אָבער דאָס איז ניט קיינ ווידערשפרוכ צווישנ מארקס טעאָריע אונ דער ווירקלעכקײַט, נאָר א ווידערשפרוכ פונ דער ווירקלעכקײַט גופע, וואָס דרינגט אומפארמײַדלעכ ארויס פונעמ סטיכיעדיקנ כאראקטער פונ דער סכוירע-פראָדוקציע.

ארבעטס-צעטיילונג יעדער סכוירע-פראָדוצירער פראָדוצירט ניט פארנ דירעקטנ אייגענעמ געברויכ, נאָר פארנ אויסטויש. די פראָדוקטנ, אינ וועלכע עס נייטיקט זיכ יעדער סכוירע-פראָדוצירער אונ וואָס ער אליינ פראָדוצירט ניט, באקומט ער בא אנדערע סכוירע-פראָדוצירער, אויסטוישנדיק אפ זײַנע סכוירעס. דאָס איז מעגלעכ דערפאר, ווײַל אויכ אנדערע סכוירע-פראָדוצירער ארבעטנ אויס זייערע פראָדוקטנ פארנ אויסטויש, ד"ה. זיי פראָדוצירנ זיי אלס סכוירעס.

יעדער פראָדוצירט אוועלכנ-ניט-איז איינ געברויכ-ווערט, וואָס באפרידיקט א

געוויסע באדערפעניש. איינער פראָדוצירט ברויט, א צווייטער — קליידער, א דריטער — הויז־כפייצים, א פערטער — אינסטרומענטן אאוו. אאוו.

אָט די ארבעט־צעטיילונג באַטײַט, אז אלע סכוירע־פראָדוצירער צוזאמען געטומען שטעלן מיט זיך פאָר א מין גרויסן פראָדוציר־קאָלעקטיוו, וואָס זײַנע מיטגלידער זײַנען אלזײַטיק אָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן. קיינ איינ סכוירע־פראָדוצירער קאָן זיך ניט פארנעמען מיט פראָדוצירן אויסשליסלעך די געגעבענע סכוירע, אויב אנדערע סכוירע־פראָדוצירער וועלן גלײַכצײַטיק זיך ניט פארנעמען מיט פראָדוצירן דעם מאטעריאל, וואָס איז אים נייטיק, די אינסטרומענטן און די פראָדוקטן, וואָס ער מוז האָבן פאר זײַן עקזיסטענץ. וואָס מער די ארבעט איז צעטיילט אין דער געזעלשאפט, וואָס מער עס זײַנען פאראן פראָדוציר־צווײַגן און מינים ארבעטן, אלץ גרעסער איז די אלזײַטיקע אָפּהענגיקײַט בא אלע סכוירע־פראָדוצירער איינער פון דעם אנדערן, אלץ אן ענגערע פארבינדונג עקזיסטירט צווישן זיי.

דער גרונט־ווידערשפרוך פון דער סכוירע־פראָדוקציע

ארבעט־צעטיילונג באַטײַט, אז די ארבעט פון יעדן סכוירע־פראָ־דוצירער איז א געזעלשאפטלעכע ארבעט, א טיילעכל פון דער געמיינזאמער ארבעט אין דער גאנצער געזעלשאפט. יעדער סכוירע־פראָדוצירער איז א טיילווײַזער פראָדוצירער אין דער סיסטעם פון דער געמיינזאמער געזעלשאפטלעכער ארבעט. אָבער גלײַכצײַטיק איז יעדער סכוירע־פראָדוצירער א פריוואט־אייגנטימער פון זײַנע פראָ־דוציר־מיטלען און פון זײַנע פראָדוקטן. די ארבעט אין דער סכוירע־פראָדוצירנ־דיקער געזעלשאפט איז פארטיילט ניט פלאנמעסיק. יעדער סכוירע־פראָדוצירער באקומט ניט פון דער געזעלשאפט קיינ דירעקטע אויפגאבע, וואָסערע געברויכ־ווערטן ער זאָל פראָדוצירן און אינ וואָס פאר א צאָל. זײַענדיק אינ דערווירקלעכקײַט אָפּהענגיק פון דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע, ארבעט אויס יעדער סכוירע־פראָדוצירער זײַנע סכוירעס אינגאנצן זעלבשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון די אנדערע.

די ארבעט פון יעדן סכוירע־פראָדוצירער איז אינ טאָכ א געזעלשאפטלעכע ארבעט. גלײַכצײַטיק אָבער איז זי א פריוואטע, זעלבשטענדיקע, ניט געזעלשאפטלעכע ארבעט. דערינ באשטייט דער גרונט־ווידערשפרוכ פונ דער סכוירע־פראָדוקציע, נעמלעכ, דער ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער און פריוואטער ארבעט. זײַענדיק אינ טאָכ א געזעלשאפטלעכע, טרעט ארויס די ארבעט פונעם סכוירע־פראָדוצירער דירעקט ווי א פרי־וואטע ארבעט. דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פון דער ארבעט איז דאָ פארבאָרגן, מע זעט אים ניט; די ארבעט איז ניט קיינ דירעקטע געזעלשאפטלעכע ארבעט.

ווי־אזוי־זשע אנטפלעקט זיך אינ אזא געזעלשאפט דער געזעלשאפטלעכער כא־ראקטער פון דער ארבעט? ער אנטפלעקט זיך דאן, ווען די צעשטויבטע סכוירע־פראָדוצירער טרעטן ארײַן אין א טויש־פארבינדונג איינער מיטן אנדערן, ער אנט־פלעקט זיך מיט דער הילפ פונעם סכוירע־אויסטויש.

און אָט דאָ שטעלט מארקס די פראגע: וואָס קומט ווירקלעכ פאָר אינעם דאָ־

זיקנ סכוירע-אויסטויש? וואָסערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש זײַנע אינ אימ פאַרבאָרגנ? ער שטעלט די פראַגע ניט וועגנ דעמ, וואָס די מענטשנ טראַכטנ, נאָר וואָס זיי טוענ פאַקטיש, ווענ זיי טוישנ זייערע סכוירעס, וועגנ דעמ, וואָס איז פאַרבאָרגנ הינטער זייערע האַנדלונגענ. אונ מאַרקס, ווי מיר האָבנ געזענ, באַווײַזט, אַז אינעמ אויסטויש פאַרגלײַכנ פאַקטיש די מענטשנ זייערע פאַרשיידענע מינימ אַרבעט אַלס מענטשלעכע אַרבעט ביכלאַל. אינעמ אויסטויש אַנטפּלעקט זיכ אַזויאַרומ די אַלזײַטיקע אַרבעט-פאַרבינדונג פונ די סכוירע-פּראָדוצירער. „דער סכוירע-אויסטויש דריקט אויס די פאַרבינדונג צווישנ די איינ-צלנע פּראָדוצירער מיט דער הילפ פונעמ מאַרק" (לעניג, ב. XVI, ז. 351. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.). די דאָזיקע פאַרבינדונג ווערט אײַנגעשטעלט ניט דורכנ אויסטויש, זי עקזיסטירט נאָכ איידער די סכוירע-פּראָדוצירער גייענ אַרויס אפנ מאַרק מיט זייער סכוירע. די דאָזיקע פאַרבינדונג, ווי מיר האָבנ געזענ, עקזיסטירט שוינ, אינ דער פּראָדוקציע גופע. אָבער דאָ געפינט זי זיכ אינ א פאַרבאָרגענעמ צושטאַנד; די דאָזיקע פאַרבינדונג אַנטפּלעקט זיכ, טרעט אַרויס אינ דרויסנ מיט דער הילפ פונעמ מאַרק דורכנ אויסטויש.

ווערט איז די פאַרזאַכלעכטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש

אינ דער סכוירע-פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט טרעט אַרויס די אַרבעט-פאַרבינדונג צווישנ די מענטשנ ניט דירעקט, נאָר אומדי-רעקט דורכנ סכוירע-אויסטויש. דעריבער קאָנ אויכ די אַרבעט, וואָס ווערט פאַרווענדעט אפ פּראָדוצירנ די סכוירעס, ניט אויס-דריקנ זיכ דירעקט אינ אַרבעט-שאָענ, זי קאָנ אויסגעדריקט ווערנ בלויז אומדירעקט, אפ אנ אַרומיקנ וועג, דורכ דער טויש-פאַרהעלטעניש פונ צוויי סכוירעס.

ווערט — דאָס איז ניט פּשוטע אַרבעט, נאָר אנ אַרבעט, וואָס ווערט פאַרווענדעט אפ פּראָדוצירנ די סכוירע. אנ אַרבעט, אַזוי צו זאָגנ, וואָס איז אָנגעזאַמלט אינ דער סכוירע, וואָס איז פאַרזאַכלעכט אינ איר. אָט די אַרבעט טרעט אַרויס אַלס אייגנשאַפט פונ דער סכוירע, אַלס איר ווערט. דער ווערט דריקט אויס ניט קיינ פי-זישע, כימישע אָדער אַנדערע אייגנטימלעכקײַטנ פונ דעמ סכוירע-קערפּער גופע. ער דריקט אויס די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט-פאַרהעלטעניש צווישנ מענטשנ, וואָס אַנטפּלעקט זיכ דורכ די זאַכנ. מיט אַנדערע ווערטער, ווערט איז א פאַרזאַכ-לעכטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש. א געזעלשאַפטלעכע „פאַרהעלטעניש, וואָס איז פאַרדעקט מיט א זאַכ-הײַטל" (לעניג, ב. XVIII, ז. 16. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

פונ דעמ אַלצ, וואָס איז געזאָגט געוואָרנ, איז געדרונגענ, אַז דער ווערט פונ איינ סכוירע קאָנ זיכ אויסדריקנ בלויז אינ איר טויש-פאַרהעלטעניש צו דער צווייטער סכוירע. אָבער מיר ווייסנ שוינ, אַז די פאַרהעלטעניש, אינ וועלכער איינ סכוירע ווערט אויסגעטוישט אפ א צווייטער סכוירע, איז דער טויש-ווערט. אַזוי אַרומ איז דער טויש-ווערט יענע פאָרמ, וואָס אינ איר דריקט זיכ אויס אונ ווערט אויס-געמאָסטנ דער ווערט פונ דער סכוירע. אָדער קירצער: דער טויש-ווערט איז די פאָרמ פונ ווערט.

לאָמיר נעענטער באַטראַכטנ די דאָזיקע פאָרמ.

3. ווערט־פאָרם

די פאָרם פונעם ווערט איז ניט געבליבנ אומפארענדערט אפ די פארשיידענע אנטוויקלונג-שטופעס פונ דער סכוירע-פראָדוקציע, נאָר זי האָט זיכ אנטוויקלט צוזאמענ מיט איר. די מער אנטוויקלטע ווערט-פאָרם איז די געלט-פאָרם. נאָר קעדיי צו פארשטיינ וויאַזוי דאָס געלט דריקט אויס דעם ווערט פונ די סכוירעס, איז נייטיק צו דערלערנענ די מער פאָשעטע ווערט-פאָרמענ, וואָס זיינענ געוועןנ פאר דער געלט-פאָרם און וואָס פונ זיי איז זי אנטשטאנענ.

די פאָשעטע ווערט־פאָרם

לעכאטכילע, ווענ די סכוירע־פראָדוקציע האָט ערשט אָנגעהויבנ צו אנטשטיינ, זיינענ די פראָדוקטנ אויסגעארבעט געוואָרנ פארנ דירעקטנ פארברויכ, אָבער ניט פארנ אויסטויש. מע האָט געטוישט פראָדוקטנ פונ די צופעליק אויסגעבילדעטע מויסרעס, און דער אויסטויש גופע איז אויכ געווענ א צופעליקע דערשיינונג. דער סכום פראָדוקטנ, וועלכע האָבנ זיכ אזויארום פארוואנדלט אינ סכוירע, איז געווענ ביז גאָר א באגרעניצטער. א געוויסע סכוירע פלעגט געטוישט ווערנ דירעקט אפ עפעס א צווייטער סכוירע. די טויש-פארהעלטעניש האָט יעדעס מאָל אנטהאלטנ אינ זיכ צוויי באשטימטע סכויירעס. לעמאָשל, 1 פאָר שטיוול = 5 פוד ברויט; 10 ארשינ ליינוונט = 1 שעפס. אינ יעדער פונ אָט די טויש-פארהעלטענישנ האָבנ מיר א *פאָשעטע, איינצלנע אָדער צופעליקע ווערט־פאָרם*. יעדערע פונ די געטוישטע סכוירעס האָט אויסגעדריקט איר ווערט אינ איינ און בלויז אינ איינ סכוירע.

אינ דער טויש-פארהעלטעניש 1 פאָר שטיוול = 5 פוד ברויט איז דער טויש-ווערט פונ איינ פאָר שטיוול 5 פוד ברויט, און, פארקערט, דער טויש-ווערט פונ 5 פוד ברויט איז איינ פאָר שטיוול. וויאַזוי דריקט זיכ דאָ אויס דער ווערט פונ די שטיוול? ער דריקט זיכ אויס אינ 5 פוד ברויט, דה. ער דריקט זיכ אויס ניט דירעקט, ניט אינ ארבעט-שאָענ, נאָר בלויז אומדירעקט, אינ א צווייטער סכוירע. דער ווערט פונ איינ פאָר שטיוול דריקט זיכ דאָ אויס ניט אינ איר גופע, ניט אינ דער איינ פאָר שטיוול, נאָר *רעלאטיוו*, *אינ דער פארהעלטעניש* פונ אָט דער סכוירע צו א צווייטער סכוירע — צו 5 פוד ברויט.

דערביי בלייבט די צאָל שאָענ, וואָס איז פארוועדנט געוואָרנ אפ פראָדוצירנ סיי דאָס ברויט סיי די שטיוול, אומבאוווּסט.

„ווענ איכ זאָג, אז דער דאָזיקער זייגער האָט פונקט דעם זעלבנ ווערט, ווי דאָס דאָזיקע שטיק געוואנט, און אז יעדערער פונ זיי קאָסט 50 מארק, זאָג איכ דערמיט גופע: אינעם זייגער, אינעם געוואנט און אינעם געלט אנטהאלט זיכ איינ און דער זעלביקער סכום געזעלשאפטלעכע ארבעט. דערמיט גופע שטעל איכ פעסט, אז די געזעלשאפטלעכע ארבעטצייט, וואָס איז אינ זיי פאָרגעשטעלט, האָט די געזעלשאפט אויסגעמאָסטנ און אנערקענט פאר גלייכ. אָבער ניט אפ א דירעקטנ אויפנ, ניט אבסאָליוט, ווי עס ווערט ביכלאל אויסגעמאָסטנ ארבעטצייט, אינ ארבעט-שאָענ, טעג אאוו., נאָר בלויז מיט א זייטיקנ וועג, מיט דער הילפ פונ אויסטויש, רעלאטיוו. איכ קאָנ דעריבער אויסדריקנ פעסטגעשטעלטנ סכום ארבעטצייט

ניט אין ארבעט-שאָען, וואָס זייער צאָל פארבלייבט פאר מיר אומבאוווסט, נאָר אויך בלויז מיט א זייטיקן וועג, רעלאטיוו מיט אן אנדער סכוירע, וואָס שטעלט פאָר א גלייכן סכום געזעלשאפטלעכע ארבעטצייט. דער זייבער האָט פונקט אזא ווערט, ווי דאָס דאָזיקע שטיק געוואנט" (ענגעלס, „אנטי-דיורינג", ז. 223).

די סכוירע, וועלכע דריקט אויס אין דער טויש-פארהעלטעניש דעם ווערט פון דער צווייטער סכוירע, רופט זיך עקוויוואלענט (גלייכווערט). אין אונדזער ביי-שפיל זיינען די 5 פוד ברויט דער עקוויוואלענט פון איין פאָר שטיוול. דאָס ברויט שפילט דאָ די ראָליע פון א מאטעריאל, אין וועלכן עס ווערט אויסגעדריקט דער ווערט פון די שטיוול.

קעדיי דאָס צו פארשטיין, לאָמיר נעמען אזא פארגלייך. ווען מיר ווילן זיך דערוויסן די וואָג פון א וואָסערן-ניט-איז קערפּער, לאָמיר זאָגן, פון א לעבל ברויט, לייגן מיר אף איין וואָגשאָל דאָס ברויט און אף דער צווייטער — א געוויסע צאָל שטיקער אייזן, וואָס זייער וואָג איז אונדז באוווסט פון פריער. די דאָזיקע שטיקער אייזן דריקן דאָ אויס די וואָג פונעם ברויט. עס איז אבסאָליוט אלצייינס, וואָס דאָס איז גראָד אייזן: דאָס געוויכט קאָן געמאכט זיין פון קופער אָדער פון אן אנדער מעטאל. אף אויסדריקן די וואָג פונעם ברויט האָט עס ניט קיין שום באדייטונג. דאָס אייזן טרעט דאָ בלויז ארויס אלס אויסדרוק פון דער וואָג, וואָס דאָס ברויט האָט.

אן ענלעכע ראָליע שפּילט אין דער טויש-פארהעלטעניש דער עקוויוואלענט. אין דער איינפאכער ווערט-פאָרם (איין פאָר שטיוול = 5 פוד ברויט) טרעט ארויס דאָס ברויט ניט אלס ברויט, דה. ניט אלס באשטימטער געברויך-ווערט, נאָר אויסשליס-לעכ אלס אויסדרוק פונעם ווערט פון דער פאָר שטיוול, אלס זייער עקוויוואלענט. איין פאָר שטיוול דריקט אויס זייער ווערט רעלאטיוו, אין ברויט, און ניט אין זיך גופא. די פאָר שטיוול טרעט דאָ ארויס ווי א פאָר שטיוול, ווי א באשטימטער גע-ברויך-ווערט, אָבער ניט ווי א ווערט.

דער געברויך-ווערט און דער ווערט האָבן זיך, אזויארום, אין דער איינפאכער ווערט-פאָרם אזוי ווי אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן. איין סכוירע, נעמלעך, די, וואָס איר ווערט דריקט זיך אויס (איין פאָר שטיוול), טרעט ארויס אלס גע-ברויך-ווערט, די צווייטע סכוירע, נעמלעך, די, וואָס דריקט אויס דעם ווערט (5 פוד ברויט), טרעט ארויס אויסשליסלעך אלס פארקערפּערונג פונעם ווערט.

פונקט ווי די ערשטע סכוירע קאָן ניט אויסדריקן איר ווערט אין זיך אליין און נאָר אין א צווייטער סכוירע, אזוי איז אויך די צווייטע סכוירע, וואָס איז דער עקוויוואלענט, קאָן זי ניט אויסדריקן איר ווערט אין זיך אליין. אין אונדזער ביישפּיל דריקט אויס דאָס ברויט זיין ווערט אין איין פאָר שטיוול, דה. רעלא-טיוו. אין דעם דאָזיקן פאל, ווען עס האנדלט זיך וועגן אויסדריקן דעם ווערט פון ברויט, איז שוין דער עקוויוואלענט ניט דאָס ברויט, נאָר די 1 פאָר שטיוול.

די פולע ווערט־פאָרם

די איינפאכע ווערט-פאָרם, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אנט-שפּרעכט דער סאמע אָנפאנגלעכער אנטוויקלונג-שטופע פון דער סכוירע-פּראָדוקציע, ווען עס פלעגן געטוישט ווערן צופעליק געשא-פענע מוסרעס. די פארברייטערונג פון דעם אויסטויש מיט די מוסרעס ברענגט

אָבער דערצו אז מע הייבט אָן אויסארבעטן מויסרעס ספעציעל פארנ אויסטויש, דערנאָכדעם הייבט זיכ אָנ ביכלאל דאָס פראָדוצירנ פראָדוקטנ פארנ אויסטויש. בא אזוינע באדינגונגענ איז שוינ דער אויסטויש ניט קיינ צופעליקער. דאָ איז שוינ פאראנ א מארק, וואָס אפ אים זײַנען קעגנגעשטעלט א סאַכ סכוירעס איינע קעגנ די אנדערע: יעדע סכוירע קאָנ אויסגעטוישט ווערנ ניט אפ איינ איינציקער סכוירע, נאָר אפ יעדערער פונ די אלע איבעריקע סכוירעס.

1 פאָר שטיוול = 5 פוד ברויט

1 פאָר שטיוול = 10 ארשינ לײַוונט

1 פאָר שטיוול = 1 שעפס

1 פאָר שטיוול = 1 האק

1 פאָר שטיוול = 1 קאפטנ אאוו. אאוו.

די דאָזיקע ווערט-פאָרם, וואָס בא איר קאָנ דער ווערט פונ איינ סכוירע אויסגעדריקט ווערנ אינ א סאַכ אנדערע סכוירעס, רופט זיכ אָנ פולע אָדער פאַנאנדערגעוויקלטע ווערט-פאָרם.

די פולע ווערט-פאָרם שטעלט מיט זיכ פאָר א העכערע אנטוויקלונג-שטופע, איידער די איינפאכע ווערט-פאָרם. אויכ אינ דער איינפאכער ווערט-פאָרם האָבנ מיר, ווי עס איז אויבנ באוויזנ געוואָרנ, אנ אָפגעשיידטקײַט צווישנ ווערט אונ געברויכ-ווערט. אָבער דאָ איז די דאָזיקע אָפגעשיידטקײַט קוימ צו באמערקנ: דער ווערט פונ איינ פאָר שטיוול דריקט זיכ אויס בלויז אינ 5 פוד ברויט, דה. אינ איינ איינציקנ, אינ א באזונדערנ געברויכ-ווערט. אינ דער פולער ווערט-פאָרם אָבער דריקט זיכ אויס דער ווערט פונ איינ פאָר שטיוול אינ יעטווידער סכוירע — אָנ אונטערשייד, וואָס פאר א געברויכ-ווערט זי האָט. דערמיט גופע ווײַזט זיכ ארויס, אז ווערט איז עטוואָס גאנצ אנדערש ווי דער געברויכ-ווערט, אז ווערט איז אבסטראקט-מענטשלעכע ארבעט, וואָס איז פארזאכלעכט אינ דער סכוירע, מענטשלעכע ארבעט ביכלאל, אומאָפהענגיק פונ איר קאָנקרעטער פאָרם.

די אלגעמיינע ווערט-פאָרם

די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ דער סכוירע-פראָדוקציע אונ פונ אויסטויש פירנ דערצו, אז עס אנטשטייט די אלגעמיינע ווערט-פאָרם.

אינ דער גאנצער סכוירע-מאסע זײַנענ פאראנ סכוירעס, וואָס איינע פונ זיי ווערנ געטוישט ניט אזוי אָפט אונ אנדערע אָפטער. אויב אוועלכע-ניט-איז סכוירע ווערט געטוישט זייער אָפט, הייסט עס, אז א סאַכ אנדערע סכוירעס דריקנ אָפט אויס אינ איר זייער ווערט, אז די דאָזיקע סכוירע טרעט ארויס אָפטער איידער אנדערע סכוירעס אינ דער ראָליע פונ אנ עקוויוואלענט. די סכוירע, וואָס ווערט אָפטער ווי אנדערע געטוישט, הייבט ביסלעכווײַז אָנ שפילנ די ראָליע פונ אנ אלגעמיינעמ עקוויוואלענט פאר אלע איבעריקע סכוירעס. לעמאָשל, אויב אָפטער, איידער אלע אנדערע סכוירעס, ווערנ געטוישט פעל, דריקט אויס דער גאנצער קרײַז סכוירעס, וואָס ווערנ אויסגעטוישט אפ פעל, זײַנ ווערט אינ פעל, אונ פעל ווערט דער אלגעמיינער עקוויוואלענט. די דאָזיקע אלגעמיינע ווערט-פאָרם קאָנ אויסגעדריקט ווערנ אפ אזא אופנ:

1 פּאָר שטיוול =
5 פּוד ברויט =
10 אַרשין לײַוונט = } 1 שעפּס
1 האַק =
אאַזוו.

אינ פאַרגלײַכ מיט דער פולער ווערט-פאָרם שטעלט מיט זיכ פאָר די אַלגעמיינע ווערט-פאָרם א העכערע אנטוויקלונג-שטופּע. בא דער פולער ווערט-פאָרם האָט יעדע סכוירע אויסגעדריקט איר ווערט אינ א סאַכ אַנדערע סכוירעס. זי האָט געהאַט א סאַכ עקוויוואַלענטנ. בא דער אַלגעמיינער ווערט-פאָרם דריקנ אויס אַ ל ע סכוירעס זייער ווערט אי נ איינ או נ דעם זעלבנ עקוויוואַלענט, דערמיט גופּע ווײַזט זיכ אַרויס, אַז אַלס ווערטנ שטעלנ אַלע סכוירעס מיט זיכ פּאָר איינ און די זעלבע אייגנשאַפט. די סכוירעס ווערנ צוגעגליכנ איינע צו דער צווייטער שוינ ניט דירעקט, נאָר מיט דער הילפּ פונ א דריטער סכוירע, פונ אַנ אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט. אַזוי, לעמאָשל, איז איינ פּאָר שטיוול גלײַכ צו 5 פּוד ברויט אַפּ אַזויפיל, אַפּ וויפל יעדערע פונ די דאָזיקע סכוירעס באַזונדער איז גלײַכ צו דער דריטער סכוירע — צו איינ שעפּס, וואָס דריקט אויס און מעסט אויס די געמיינזאַמע אייגנשאַפט פונ די דאָזיקע ביידע סכוירעס.

די געלט-פאָרם פונעם ווערט

דער אַלגעמיינער עקוויוואַלענט איז אַנטשטאַנענ פונ די באַדערפעניש פונעם זיכ אַנטוויקלענדיקנ אויסטויש ניט לויט א פאָרויס דורכגעטראַכטנ און קאָאָרדינירטנ פּלאַנ פונ די סכוירע-פּראָדוצירער, נאָר אַפּ א ריינ סטיכיישנ אויפנ: דער אַלגעמיינער עקוויוואַלענט איז געוואָרנ יענע סכוירע, וואָס איז געטוישט געוואָרנ אָפטער, איידער אַלע איבעריקע סכוירעס. אינ פאַרשיידענע צײַטנ און אינ פאַרשיידענע ערטער האָבנ די ראָליע פונ אַנ אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט געשפּילט פאַרשיידענע סכוירעס — דאָס זײַנענ געווענ פי, רויכוואַרג, פעלנ, שטיקער אײַזנ, קופּער, העלפאַנדביינ אאַזוו.

אָבער צוזאַמענ מיט דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע און מיט דער פאַרברייטערונג פונ די טויש-פאַרבינדונגענ ווערנ די דאָזיקע סכוירעס, וואָס שפּילנ די ראָליע פונ אַנ אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט, אַרויסגעשטויסנ דורכ איינ סכוירע, — נעמלעכ, — דורכ די איידעלע מעטאַלנ, גאָלד און זילבער. ווענ די פונקציע פונ אַנ אַלגעמיינער ווערט-פאָרם איז אַריבער אומעטום און ענדגילטיק צו גאָלד און זילבער, איז די אַלגעמיינע ווערט-פאָרם פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ דער געלט-פאָרם פונ ווערט און דער אַלגעמיינער עקוויוואַלענט איז פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ געלט.

געלט — דאָס איז א באַשטימטע סכוירע, גאָלד און זילבער, וואָס איז די איינציקע, וועמענ עס געהערט די געזעלשאַפטלעכע פונקציע אויסצודריקנ דעמ ווערט פונ אַלע איבעריקע סכוירעס און וואָס באַזיצט מאָנאָפּאָל די דאָזיקע פונקציע.

זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אַז ווענ גאָלד און זילבער וואָלטנ ניט געווענ קיינ סכוירע, ד. ה. ווענ זיי וואָלטנ ניט געהאַט קיינ געברויכ-ווערט און קיינ ווערט, וואָלטנ זיי ניט געקאָנט אויסדריקנ מיט זיכ דעמ ווערט פונ אַנדערע סכוירעס, וואָלטנ זיי ניט געקאָנט זײַנ קיינ עקוויוואַלענט, און בעמיילע אויכ ניט קיינ געלט.

גאָלד אונ זילבער האָבנ פאַרנומענ דאָס אָרט פונ אַנ אַלגעמײַנעמ עקוויוואַלענט דערפאַר, ווײַל לויט זייערע אייגנשאַפטנ באַזיצנ זיי אינ פאַרגלײַכ מיט אַנדערע סכוירעס אַ גאַנצע רײ מײַלעס אַפ אויסצופילנ די דאָזיקע פונקציע: זיי ווערנ ניט קאַליע פונ דער נאַטור-ווירקונג (ווערנ ניט פאַרזשאַווערט, ווערנ ניט צעלייגט), לאָזנ זיכ טיילנ אַפ קליינע טיילנ, זיי זײַנענ באַקוועמ אַפ אַריבערצוטראָגנ אאַוו.

אַלע סכוירעס מעסטנ אונ דריקנ אויס זייער ווערט אינ געלט. ד ע ר ו ו ע ר ט פונ דער סכוירע, וואָס איז אויסגעדריקט אינ געלט, איז איר פ ר ײַ ז. ווענ מיר זאָגנ, אַז דער דאָזיקער טיש קאָסט 20 רובל, באַטײַט עס, אַז אינעמ טיש אַנטהאַלט זיכ פונקט אַזויפיל געזעלשאַפטלעכ-נייטיקע אַרבעטצײַט, וויפל זי אַנטהאַלט זיכ אינ 2 גאָלדענע 10-רובלדיקע מאַטבייעס. דער סכוירע-ווערט דריקט זיכ אויס אונ ווערט געמאָסטנ אינ געלט ניט אַבסאָליוט, ניט אינ אַרבעט-שאָענ, נאָר בלויז רעלאַטיוו.

גאָלד אונ זילבער האָבנ אַליינ אַ ווערט, וואָס זײַנ גרויס איז אָפּהענגיק פונ דער געזעלשאַפטלעכ-נייטיקער אַרבעטצײַט, וואָס איז פאַרווענדט געוואָרנ אַפ פּראָדוצירנ זיי. אָבער דער דאָזיקער ווערט פונעמ גאָלד אונ זילבער קאָנ אויסגעדריקט ווערנ ניט אינ זיי גופע, נאָר בלויז אינ אַנדערע סכוירעס. דאָס געלט האָט דעריבער ניט קיינ פרײַז, ווײַל פרײַז איז דער אויסדרוק פונעמ ווערט אינ געלט, אונ דאָס געלט אינ זיכ גופע קאָנ נימ אויסדריקנ זײַנ ווערט.

4. די ראָליע פונעמ ווערט אינ דער סכוירע־פּראָדוקציע

עס וואָלט געווענ ניט ריכטיק צו מיינענ, אַז די סכוירעס ווערנ ש ט ע נ ד י ק פאַרקויפט אונ געקויפט לויט זייער ווערט, דה. אַז די סכוירע אַנטהאַלט שטענדיק פונקט אַזויפיל געזעלשאַפטלעכ-נייטיקע אַרבעטצײַט, וויפל אינעמ געלט, וואָס ווערט פאַר איר באַצאָלט.

מאַרקס קעגנער פּרווונ זיכ אָפּלייקענענ זײַנ לערע מיט דעמ פאַקט, וואָס די סכוירעס ווערנ אָפטמאָל פאַרקויפט ניט לויט זייער ווערט. עס איז ניטאָ קיינ פאַלשערע זאַכ, איידער די דאָזיקע „אָפּלייקענונג", ווײַל מאַרקס האָט קיינמאָל אינ ערגעצ ניט געזאָגט, אַז די סכוירעס ווערנ שטענדיק פאַרקויפט אָדער געטוישט לויט זייער ווערט. פאַרקערט, דאַפקע מאַרקס האָט באַוויזנ, אַז זייער אָפט, אַפילע אינ די מערסטע פאַלנ ווערנ די סכוירעס פאַרקויפט העכער אָדער נידעריקער פונ זייער ווערט, אונ אַז בלויז בײַ באַשטימטע באַדינגונגענ ווערנ די סכוירעס פאַרקויפט לויט זייער ווערט.

די פרײַז־אָפּװײַכונג פונעמ ווערט

דער פרײַז איז די געלט-פאָרמ פונעמ ווערט, דעריבער ווערט די פרײַזנ-באַוועגונג אינ גרונט באַשטימט דורכ די ענדערונגענ פונעמ סכוירע-ווערט. ווענ עס שטײַגט די פּראָדוקטיווקײַט פונ דער מענטשלעכער אַרבעט, קומט אויכ פאָר אַ פאַרקלענערונג פונעמ סכוירע-ווערט אונ געוויינלעכ צוזאַמענ מיט אימ אויכ אַ פאַרקלענערונג פונ פרײַז.

אָבער דער ווערט, ווי מיר ווייסנ, איז דאָכ אַ באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש אינ דער סכוירע-פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט. אַזוי-ווי די אַרבעט אינ אַזאַ

געזעלשאפט איז צעטיילט ניט פּלאנמעסיק, נאָר סטיכייִש, אזויווי יעדער סכוירע-פּראָדוצירער באלעבאטעוועט זעלבשטענדיק אונ ווייס ניט אונ קאָנ ניט וויסנ, וויפל סכוירעס פונעם געגעבענעם מינ עס פּאָדערט זיכ פארנ מארק, פארווענדט ער פּאקטיש זײַנ ארבעט, ניט רעכענענדיק זיכ מיט דעם, וויפל אזוינע סכוירעס דער מארק דארפ האָבנ. עס איז אבסאָליוט אומפארמײַדלעכ, אז אזעלכע-ניט-איז סכוירע, לאָמיר זאָגנ טישנ, ווערט אינ איינ פאל פּראָדוצירט אינ א גרעסערער צאָל, איידער דער מארק פּאָדערט, אונ אינ א צווייטנ פאל — אינ א קלענערער צאָל.

וואָס וועט פּאָרקומענ אינעם ערשטנ פאל, ד.ה. ווענ טישנ איז פּראָדוצירט געוואָרנ מערער, ווי ס'איז נייטיק געווענ? אפ פּראָדוצירנ יעדנ טיש איז פארווענדט געוואָרנ געזעלשאפטלעכ-נייטיקע ארבעטצײַט. אָבער אזויווי טישנ גופא האָט מענ פּראָדוצירט מער, איידער מע דארפ, באקומט זיכ, אז אפ פּראָדוצירנ טישנ בכלל האָט די געזעלשאפט פארווענדט מער צײַט, איידער מע האָט באדארפט. יעדער סטאָליער וועט אונטערנ דרוק פונ דער קאָנקורענצ מיצאד אנדערע סטאָליערס זיכ סטארענ אָפּזעצנ וואָס גיכער זײַנע טישנ, אונ צוליב דעם דארפ ער פריִער פארביליקנ זייער פּרײַז. דער פּרײַז פונ טיש וועט פאלנ נידעריקער פונ זײַנ ווערט. אינ רעזולטאט דערפונ וועלנ אייניקע טישנ-פּראָדוצירער רויִנירט ווערנ, אנדערע וועלנ אָנהייבנ פּראָדוצירנ ווייניקער טישנ אונ סאָפּקאָלסאָפּ וועט זיכ פארקלענערנ דער אָנבאָט אונ דער פּרײַז וועט ווידער שטײַגנ. דער פּרײַז גלײַכט זיכ אויס מיטנ ווערט.

פארקערט, דער פּרײַז וועט זײַנ העכער פונעם ווערט אינ דעם פאל, ווענ א וואָסערע-ניט-איז סכוירע וועט פּראָדוצירט ווערנ אינ א קלענערנ סכום, איידער עס פּאָדערט זיכ פארנ מארק. אינעם דאָזיקנ פאל וועט מענ אָנהייבנ פּראָדוצירנ מער טישנ, דער פּרײַז אפ טישנ וועט פאלנ אונ וועט זיכ אויסגלײַכנ מיטנ ווערט.

אנ אראָפּזעצונג פונ די פּרײַזנ אפ סכוירעס נידעריקער פונ זייער ווערט קומט פאָר אויכ אינ דעם פאל, ווענ אינ אלע פּראָדוקציע-צווײַגנ איז אויסגעארבעט געוואָרנ מער סכוירעס, איידער דער צאָלפייִקער נאָכפרעג, וואָס איז פאראנ אפ זיי, ד.ה. בא די אלגעמיינע קריזיסנ פונ איבערפּראָדוקציע.

ווענ די פּרײַזנ פאלנ נידעריקער פונעם ווערט, — אלציינס צי דאָס איז אינ איינ פּראָדוקציע-צווײַג אָדער אינ אלע צווײַגנ, — קומט די אויסגלײַכונג פונעם פּרײַז מיטנ ווערט פאָר ניט בלויז דורכ דער פארקלענערונג פונעם סכוירע-אָנבאָט (צערויִנירונג פונ א טייל פּראָדוצירער, פארקירצונג פונ דער פּראָדוקציע), נאָר אויכ דורכ דעם, וואָס עס ענדערט זיכ דער ווערט גופא. די קאָנקורענצ, וואָס האלט זיכ אינ איינ פארשטארקנ, צווינגט יעדנ סכוירע-פּראָדוצירער צו פארפולקומענ די פּראָדוקציע אונ צו העכערנ די ארבעט-פּראָדוקטיוקײַט. אָבער די העכערונג פונ דער פּראָדוקטיוקײַט ברענגט מיט זיכ אנ אראָפּזעצונג פונעם ווערט פונ דער סכוירע אונ ער דערנעענטערט זיכ אזויארום צום אראָפּגעזעצטנ פּרײַז. הייסט עס, אז דאָס פאלנ פונעם פּרײַז נידעריקער פונעם ווערט ברענגט אומדירעקט צום פאלנ פונעם ווערט.

די ווירקונג פאַר־נעמ וואַרט־געזעצ דורכ דער פּרײַז־אָפּוווײַכונג פאַר־נעמ וואַרט

מיר זעענ, אַז דאָס, וואָס דער פּרײַז ווײַכט אָפּ פונעמ וואַרט איז אַבסאָליוט אומפאַרמײַדלעכ. דאָס נעמט זיכ פונעמ ווידער־שפּרוכ אינ דער סכוירע־פּראָדוקציע, פונ דעמ, וואָס די געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט ווערט פאַרווירקלעכט אינ דער פאָרמ פונ פּריוואַטער אַרבעט פונ צעשפּליטערטע סכוירע־פּראָדוצירער. דער פּרײַז פונ יעדער סכוירע באַזונדער קאָנ דעריבער ניט ווי א קלאַל צונויפאַלנ מיט איר וואַרט. דער קלאַל איז פאַרקערט, אַז דער פּרײַז ווײַכט אָפּ פונעמ וואַרט. אָבער דורכ די דאָזיקע אָפּווײַכונגענ דריקט זיכ דורכשניטלעכ אויס דער וואַרט פונ דער סכוירע: די אָפּווײַכונגענ פונ די פּרײַזנ אַפּ איי־ניקע סכוירעס אַמאָל אַרופּ אונ אַמאָל אַראָפּ פונ זייער וואַרט דעקנ זיכ קעגנזײַטיק, אונ פאַר דער גאַנצער סכוירע־מאַסע פאַר א מער אָדער ווייניקער דויערנדיקער צײַט פאַלט צונויפ דער דורכשניטלעכער פּרײַז פונ דער סכוירע מיט איר וואַרט.

„עס איז גאַנצ נאַטירלעכ, אַז אינ א געזעלשאַפט פונ צע־שפּליטערטע סכוירע־פּראָדוצירער, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ בלויז דורכנ מאַרק, קאָנ די געזעצמעסיקײַט (דה. דאָס באַ־שטימענ דעמ פּרײַז פונ דער סכוירע דורכ דער גרייס פונ איר וואַרט — ל. ס.) זיכ ניט אַנטפּלעקנ אַנדערש, סײַדנ אינ דער דורכשניטלעכער געזעלשאַפטלעכער מאַסעווער געזעצמעסיקײַט באַמ קעגנזײַ־טיקנ דעקנ די אינדיווידועלע אָפּווײַכונגענ אינ דער אָדער יענער זײַט" (לענינ, באַנד XVIII, זײַט 21).

הייסט עס, אַז דערמיט, וואָס דער פּרײַז פונ דער סכוירע ווײַכט אָפּ פונעמ וואַרט, „שאַפט" ער ניט אָפּ דעמ וואַרט: דער פאַקט פונ דער דאָזיקער אָפּווײַכונג לייקנט ניט אָפּ מאַרקס וואַרט־טעאָריע. פאַרקערט, דאַפקע דורכ דעמ, וואָס די פּרײַזנ ווײַכנ אָפּ פונ די וואַרטנ, ווערט פאַרווירקלעכט די גילטיקײַט פונ דעמ וואַרט־געזעצ. מאַרקס, אונ בלויז מאַרקס, האָט באַוויזנ אַפּ וואָס פאַר אַנ אויפנ דער וואַרט פירט אָנ מיט דער פּרײַזנ־באַוועגונג.

וואַרט אונ די פאַרטיילונג פונ דער געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט

דורכ דער פּרײַזנ־אָפּווײַכונג פונ די וואַרטנ ווערט פאַרווירקלעכט די, סטיכיייִשע פאַרטיילונג פונ דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צווישנ די פאַרשיידענע פּראָדוקציע־צווײַגנ. מיר האָבנ געזענ, אַז ווענ אינעמ געגעבענעמ צווײַג ווערט פאַרווענדט מער געזעלשאַפט־לעכע אַרבעט איידער עס איז נייטיק אַפּ באַפרידיקנ דעמ מאַרק־נעבערויכ, פאַלט דער פּרײַז פונ די סכוירעס אינעמ דאָזיקנ צווײַג נידעריקער פונ זייער וואַרט — אונ אינ רעזולטאַט דערפונ פאַרקלענערט זיכ די אַלגעמיינע מאַסע אַרבעט, וואָס ווערט פאַרווענדט אינ דעמ צווײַג. ווענ אינ דעמ געגעבענעמ צווײַג ווערט פאַרווענדט ווייניקער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, איידער עס פאָדערט זיכ אַפּ באַפרידיקנ דעמ מאַרק־נאָכפרעג, הייבט זיכ דער פּרײַז העכער פונעמ וואַרט; דער סאָפּ איז, אַז עס קומט פאָר א צופלוס פונ אַרבעט אינ דעמ דאָזיקנ צווײַג.

די פּרײַזנ־וואַקלונגענ אַרומ דעמ וואַרט דריקנ אַזויאַרומ

אויס די געזעלשאפטלעכע ארבעט-פארטײלונג צווישן די פראָדוקציע-צווײַגן.

„די פאָרם, וואָס אין איר אנטפּלעקט זיך די דאָזיקע פּראָפּאָרציאָנעלע ארבעט פארטײלונג בא אזא געזעלשאפטלעכער אײַנאָרדענונג, ווען די פארבינדונג פון דער געזעלשאפטלעכער ארבעט עקזיסטירט אין דער פאָרם פון פּריוואטן אויסטויש פון אינדיווידועלע ארבעט-פּראָדוקטן, אָט די דאָזיקע פאָרם איז עס דער טויש-ווערט פון די דאָזיקע פּראָדוקטן" (מ א ר ק ס, אין זײַן בריוו צו קוגעלמאנען, „בריוו פון מארקס און ענגעלס", ז. 211 און 212, „פארטיזדאט", 1932).

די דאָזיקע פּראָפּאָרציאָנעלע ארבעט-פארטײלונג טאָר מען ניט פארשטײן אין דעם זין, אז בא דער סכוירע-פּראָדוקציע איז קעסײדער פאראן א פּראָפּאָרץ אָדער אנטשפּרעכיקײַט צווישן די באזונדערע צווײַגן פון דער פּראָדוקציע, אז די צעשטערונג פון דער דאָזיקער פּראָפּאָרץ איז בלויז א צײַטווײַליקע און צופעליקע דערשײַנונג. אזא שטאנדפּונקט האָט ניט קײן שום געמײנזאמעס מיט מארקסיזם-לעניניזם: ער איז א מעכאניסטישע פארקריפּלונג פונעם מארקסיזם און בילדעט די טעאָרעטישע באזע פון רעכטן אָפּאָרטוניזם.

דעם דאָזיקן שטאנדפּונקט האָט פארטײדיקט דער כ' בוכארין, דער געוועזענער טעאָרעטישער פירער פון רעכטן אָפּאָרטוניזם. נאָך אין 1919 יאָר האָט ער אין זײַ בוך „די עקאָנאָמיק פונעם איבערגאנג-פּעריאָד" געשריבן, אז אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט „קאָנען זײַנע אלערלײ אָפּנײגן, וואקלונגען, די גאנצע סיסטעם פארברײטערט זיך, ווערט מער קאָמפּליצירט, אנטוויקלט זיך, געפינט זיך אין קעסײדערדיקער באוועגונג און אין וואקלונג, אָבער אין אלגעמײן און אינגאנצן געפינט זי זיך אין א צושטאנד פון גלײַכגעוויכט" (זײַט 128). מיר וועלן ווײַטער באווײַזן, וואָס פאר א פארבינדונג עס עקזיסטירט צווישן דער דאָזיקער טעאָריע פון גלײַכגעוויכט און דער רעכט-אָפּאָרטוניסטישער טעאָריע וועגן דעם ארײַנוואקסן פונעם באלעבוס אין סאָציאליזם, דעם אָפּזאָגן זיך פון די גיכע אינדוסטריאליזאציע- און קאָלעקטיוויזאציע-טעמפּן. דערווײַל אָבער וועלן מיר פארצײכענען, אז די דאָזיקע טעאָריע ווידערשפּרעכט שארף מארקס ווערט-טעאָריע.

אוןווירקלעך, דער פּרײַזן-אָפּווײַך פון די ווערטן קומט פאָר קעסײדער; וועגן צוליב דעם, וואָס דער פּרײַז ווײַכט אָפּ נידעריקער פונעם ווערט, פארקירצט זיך די פּראָדוקציע פון דער געגעבענער סכוירע, גלײַכט זיך דער פּרײַז ווידעראמאָל אויס מיטן ווערט בלויז אף א קורצער צײַט. דער אָנבאָט האָט איבערגעשטיגן דעם נאָכפרעג און האָט געבראכט דערצו, אז דער פּרײַז איז געפאלן נידעריקער פונעם ווערט. דאָס איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס די געזעלשאפטלעכע פּראָדוקציע איז צעשפּליטערט צווישן די אָפּגעזונדערטע זעלבשטענדיקע סכוירע-פּראָדוצירער. צוליב דער זעלבער סיבע וועט די פארקירצונג פון דער פּראָדוקציע זיך ניט אָפּשטעלן אף דעם ניוואָ, אף וועלכן דער אָנבאָט מיטן נאָכפרעג און דער פּרײַז מיטן ווערט גלײַכן זיך אויס. די דאָזיקע פארקירצונג וועט ווײַטער דויערן, דער אָנבאָט וועט ווערן קלענער פונעם נאָכפרעג, און דער פּרײַז וועט זיך דעריבער אופהײבן העכער פונעם ווערט אאוו. דאָס אויסגלײַכן זיך פון די פּרײַזן מיטן ווערט איז אזוי-ארום בלויז א קורצווײַליקע אויסגלײַכונג.

פונקט אזוי װי דער װערט-געזעצ װירקט דורכ דעם, װאָס דער פּרײַז װײַכט אָפּ פונעם װערט, אזוי „אנטפּלעקט זיכ אויכ די *קעסיידערדיקע טענדענצ* (שטרעבונג—ל. ס.) *פונ די פּארשיידענע פּראָדוקציע-ספערנ צום גלײַכגעװיכט* *בלויז אלס רעאקציע* (קעגנװירקונג — ל. ס.) *קעגנ דער קעסיידערדיקער צעשטערונג פונ דעם דאָזיקנ גלײַכגעװיכט*" (*מארקס*, „קאפּיטאל", ב. I, ז. 68, מײַנ קורסיװ. — ל. ס.).

װערט איז דער באַװעגונג־געזעצ פונ דער סכוירע־פּראָדוקציע

אזויארום איז װערט ניט קיינ געזעצ װעגנ גלײַכגעװיכט פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע. באטראכטנ דעם װערט אלס גלײַכגעװיכט-געזעצ הייסט איגנאָרירנ די װידערשפּרוכנ פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע, װאָס דריקנ זיכ אויס אינ װערט.

„דער באגריפ װערט איז דער סאמע אלגעמיינער אונ דעריבער דער פולסטער אויסדרוק פונ די עקאָנאָמישע באדינגונגענ פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע" (*ענגעלס*, „אנטי-דיורינג" ז. 225). די באדײַטונג פונ װערט באשטייט דעריבער קוידעמקאָל װאָס אינ אימ באקומענ זייער סאמע אלגעמיינעמ אונ פולסטנ אויסדרוק די װידערשפּרוכנ פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע.

מיר האָבנ געזענ, אז אינ דער סכוירע-פּראָדוקציע נעמט אָנ די געזעלשאפטלעכע ארבעט דעמ אָנבליק פונ װערט, אז זי דריקט זיכ אויס ניט אלס אזעלכע, נאָר אלס אייגנשאפט פונ דער זאכ — פונ דער סכוירע. דאָס דרינגט ארויס פונעם גרונט-װידערשפּרוכ אינ דער סכוירע-פּראָדוקציע, פונעם װידערשפּרוכ צװישנ דער געזעלשאפטלעכער אונ פּריװאטער ארבעט.

אפ דער באזע פונעם דאָזיקנ װידערשפּרוכ קומט פאָר די אנטװיקלונג פונ דער װערט-פאָרמ פונ דער איינפאכער פאָרמ ביז דער געלט-פאָרמ. דער װידערשפּרוכ צװישנ דער געזעלשאפטלעכער אונ פּריװאטער ארבעט דריקט זיכ אויס אצינד דערינ, װאָס דאָס געלט איז קעגנגעשטעלט אלע סכוירעס אלס פארקערפּערונג פונ זייער װערט. פונדאנענ דרינגט ארויס די מעגלעכקײַט, אז דער פּרײַז פונ דער סכוירע זאָל ניט צונויפאלנ מיט איר װערט. די דאָזיקע קעסיידערדיקע אָפּװײַכונגענ, װאָס דער פּרײַז מאכט פונעמ װערט, זײַנענ די פאָרמ פונ דער סטיכיישער פארטיילונג פונ דער געזעלשאפטלעכער ארבעט לויט די צװײַגנ פונ דער פּראָדוקציע. זײַענדיק דער אויסדרוק פונ די װידערשפּרוכנ פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע, אנטװיקלט דער װערט אויכ פונ זײַנ זײַט די דאָזיקע װידערשפּרוכנ.

געלט שטעלט מיט זיכ פאָר א פארזאכלעכונג פונ דער מענטשלעכער ארבעט. אויכ אינ יעדער סכוירע איז פארזאכלעכט די מענטשלעכע ארבעט, אָבער פארזאכלעכט אינ א באזונדערער פאָרמ. דאָס געלט אָבער שטעלט מיט זיכ פאָר אנ *אלגעמיינע* פאָרמ פונ דער פארזאכלעכטער מענטשלעכער ארבעט. האָבנדיק געלט, קאָנ מענ קויפנ *יעטװידע* סכוירע. אינעם געלט איז אזוי װי קאָנצענטרירט די מאכט איבער דער גאנצער סכוירע-װעלט. דאָס געלט איז אינעם דאָזיקנ זינ אנ אבסאָליוטע (אומבאדינגטע) פאָרמ פונ רײַכטום אינ דער סכוירע-געזעלשאפט.

„מיט דער פארברייטערונג פונ דער סכוירע-צירקוליאציע װאקסט די מאכט פונ געלט, פונ דער דאָזיקער אבסאָליוט-געזעלשאפטלעכער רײַכטום-פאָרמ, װאָס געפינט זיכ שטענדיק אינ א צושטאנד פונ שלאכט-גרייטקײַט" (*מארקס*, „קאפּיטאל", ב. I, ז. 79—80).

געלט קאָנ מענ אָנזאמלענ. ווענ עס קומט פאָר די געלט-אָנזאמלונג, קומט פאָר, אזוי צו זאָגנ, די אָנזאמלונג פונ דער מאכט איבער די פראָדוקטנ פונ דער מענטש-לעכער ארבעט און איבער דער ארבעט גופא, ווײַל פאר געלט קאָנ מענ קויפנ ניט בלויז די פראָדוקטנ פונ דער ארבעט, נאָר אויכ דעמ עצעמ קוואל פונ דער ארבעט — די מענטשלעכע ארבעטקראפט. עס קומט אופ אפ אײנ זײַט דער קאפיטאל, און אפ דער צווייטער — די לוינ-ארבעט, וואָס דער קאפיטאל עקספלואטירט.

דער קאפיטאליזמ איז אנ אומפארמײַדלעכער רעזולטאט פונ דער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע-פראָדוקציע. „אינעמ ווערט איז עמברי׳אָנעל אײַנגעשלאָסנ ניט בלויז דאָס געלט, נאָר אויכ אלע מער אנטוויקלטע פאָרמענ פונ דער סכוירע-פראָדוקציע און פונ סכוירע-אויסטויש... אינ דער ווערט-פאָרמ (דה. אינ דער סכוירע-פאָרמ — ל. ס.) פונעמ פראָדוקט געפינט זיכ שוינ אינ עמברי׳אָנ די גאנצע קאפיטאליסטישע פראָדוקציע-פאָרמ, דער קעגנזאצ צווישנ די קאפיטאליסטנ און די לוינ-ארבעטער, די אינדוסטרי׳עלע רעזערוו-ארמײ (ארבעטלאָזיקײַט — ל. ס.), די קריזיסנ" (ענגעלס, אנטי-דיורינג, ז. 225 — 226).

ווײַבאלד די געזעלשאפט איז ארופגעטראָטנ אפנ וועג פונ סכוירע-פראָדוקציע, ווײַבאלד די געזעלשאפטלעכע ארבעט איז ניט קײנ דירעקט געזעלשאפטלעכע, נאָר זי עקזיסטירט אינ דער פאָרמ פונ ווערט, איז פונדאנענ אבסאָליוט אומפארמײַדלעכ די אנטשטײונג פונ קאפיטאליזמ, און די אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ באטײַט די פארשארפונג פונ זײַנע ווידערשפרוכנ און זײַנ אומפארמײַדלעכע רעוואָליוצי׳אָנערע פארוואנדלונג אינ א קאָמוניסטישער געזעלשאפט.

אינעמ דאָזיקנ זינ זאָגנ מיר, אז ווערט איז דער אנטוויקלונג-געזעץ אָדער דער באוועגונג-געזעץ פונ דער סכוירע-פראָדוקציע.

5. סכוירע-פעטישיזמ

מיר האָבנ פרי׳ער באוויזנ, אז דער ווערט און אלע דערשײַנונגענ, וואָס זײַנענ מיט אימ פארבונדנ, נעמענ זיכ פונעמ גרונטיקנ ווידערשפרוכ אינ דער סכוירע-פראָדוקציע — פונעמ ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער און פריוואטער ארבעט. פונדאנענ איז געדרונגענ, אז מיטנ פארניכטנ די סכוירע-פראָדוקציע, מיטנ פארניכטנ די סכוירע-פאָרמ פונ דעמ ארבעט-פראָדוקט וועט מוזנ פארשווינדנ סײַ דער צווײ׳יקער כאראקטער פונ ארבעט סײַ דער ווערט אאוו.

דער היסטאָרישער כאראקטער פונ סכוירע און ווערט

אינדערעמעסנ, לאָמיר פארגלײַכנ די סכוירע-פראָדוקציע מיט דער פראָדוקציע אינ דער סאָצי׳אליסטישער געזעלשאפט, ווו דער ארבעט-פראָדוקט נעמט ניט אָנ קײנ סכוירע-פאָרמ. דאָ איז ניטאָ קײנ פריוואט-אייגנטומ אפ די פראָדוציר-מיטלענ: זיי געהערנ דער גאנצער געזעלשאפט. יעדער פראָדוצירער איז ניט קײנ זעלבשטענדיקער פראָדוצירער, אנ אָפגעזונדערטער פונ די איבעריקע, נאָר ער פראָדוצירט ווי א מיטגליד פונ א פלאנמעסיק אָרגאניזירטנ קאָלעקטיוו, לויט א פאָרויס אײַנ-

געשטעלטנ פּלאנ. דער דאָזיקער פּלאנ ווערט צונויפגעשטעלט אזוי, אז עס ווערט גענומענ אינ אכט, וואָסערע געברויכ־ווערטנ (דה. פּראָדוציר־מיטלענ אונ געברויכ־זאכנ) דארפנ פּראָדוצירט ווערנ אונ וויפל עס דארפ אפּ זיי פארווענדט ווערנ געזעלשאפטלעכע ארבעטצײַט. יעדער ארבעטער באקומט פונ דער געזעלשאפט זײַנ אר־בעט־פארגעבונג אונ זײַנ כיילעק געברויכ־פּראָדוקטנ באקומט ער אינ העסקעם מיט דעמ, ווי ער האָט אויסגעפילט זײַנ פארגעבונג.

דאָ ווערנ די פּראָדוצירער ניט קעגנגעשטעלט אײנער דעמ אנדערנ ווי זעלב־שטענדיקע פּראָדוצירער. די מענטשנ שטעלנ ניט דעריבער אנטקעגנ די פּראָדוקטנ פונ זייער ארבעט, אלס סכוירעס, ווײַל די פארבינדונג פונ די מענטשנ ווערט פארווירקלעכט ניט דורכנ פּריוואטנ אויסטויש פונ די פּראָדוצירער, נאָר זי ווערט אײַנגעשטעלט דירעקט. דעריבער נעמט ניט אָנ די געזעלשאפטלעכע ארבעט קיינ פאָרמ פונ סכוירע־ווערט, דה. זי טרעט ניט ארויס אלס אייגנשאפט פונ דער זאכ, נאָר זי איז א דירעקטע געזעלשאפטלעכע ארבעט.

„אינוועיניק אינ דער כאווערישער געזעלשאפט, וואָס איז באזירט אפּנ אלגעמיינעמ אייגנטומ אפּ די פּראָדוציר־מיטלענ, טוישנ ניט די פּראָדוצירער זייערע פּראָדוקטנ, אונ אויכ די ארבעט, וואָס איז פארווענדט געוואָרנ אפּ פּראָדוצירנ די פּראָדוקטנ, טרעט ניט ארויס אלס ווערט פונ די דאָזיקע פּראָדוקטנ, אלס זאכיקע אייגנשאפט, וואָס זיי באזיצנ, ווײַל אינ קעגנזאצ צו דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט זײַנענ די אינדי־ווידועלע ארבעטנ אצינד באשטאנד־טיילנ פונ דער פאריייניקטער ארבעט שוינ ניט אומדירעקט, נאָר דירעקט" (מארקס, „קריטיק פונ דער גאָטער פּראָגראמ", ז. 25).

אינ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט נעמענ ניט אָנ די געזעלשאפטלעכע פאר־העלטענישנ פונ די מענטשנ קיינ זאכיקע פאָרמ, וואָס פארבאָרגט די דאָזיקע פאר־העלטענישנ. „די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ פונ די מענטשנ צו זייערע ארבעטנ אונ צו זייערע ארבעט־פּראָדוקטנ פארבלײַבנ דאָ דורכזיכטיק קלאָר סײַ אינ דער פּראָדוקציע אונ סײַ אינ דער פארטיילונג" (מארקס, „קאפּיטאל", ב. I, ז. 37).

דער ספּעציפי־שער געזעל־שאפטלעכער כא־ראקטער פונ דער ארבעט בא דער סכוירע־פּראָדוק־ציע

גאָר אנדערש איז עס בא דער סכוירע־פּראָדוקציע. דאָ, ווי מיר האָבנ געזענ, זײַנענ די פּראָדוצירער אומאָפּהענגיק אונ אינ דער זעלביקער צײַט אָפּהענגיק איינער פונ צווייטנ. זייער ארבעט איז גלײַכצײַטיק א פּריוואטע אונ א געזעלשאפטלעכע. דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פונ דער ארבעט אנטפּלעקט זיכ ניט דירעקט, נאָר אומדירעקט, אפּ אנ ארומיקנ אויפנ. בא דער סכוירע־פּראָדוקציע „עקזיסטירט די פארבינדונג פונ דער געזעלשאפטלעכער ארבעט אינ דער פאָרמ פונ פּריוואטנ אויסטוישנ די אינדיווידועלע אר־בעט־פּראָדוקטנ" (מארקס, בריוו, ז.ז. 211—212. „פארטיזדאט", 1932).

די געזעלשאפטלעכע ארבעט־פארבינדונג צווישנ די סכוירע־פּראָדוצירער עקזיס־טירט אינ דער פאָרמ פונ פּריוואטנ אויסטויש, דה. אינ דער פאָרמ פונ די באציונ־גענ פונ צוויי פּראָדוצירער אײנער צומ אנדערנ, דעריבער קאָנ דער געזעלשאפט־לעכער כאראקטער פונ זייער ארבעט אויסגעדריקט ווערנ נאָר אינ דער פאָרמ פונ א גלײַכונג, אינ דער פאָרמ פונ דער זעלביקײַט פונ פארשיידענע טיילנ ארבעטנ פונ די

אינדיווידועלע סכוירע-פּראָדוצירער, דאָס הייסט, אין דער פאָרם פון א גלײַכונג פון דער פּריוואטער ארבעט פון איין סכוירע-פּראָדוצירער צו דער פּריוואטער ארבעט פון א צווייטן סכוירע-פּראָדוצירער. אָבער גלײַכע און איינע און די זעלבע זײַנען אלע פּריוואטע ארבעטן בלויז אין דער הינזיכט, וואָס זיי אלע שטעלן מיט זיך פאָר פארוועגדונג פונעם מענטשנס ארבעטקראפט אין פיזיאָלאָגישן זין. מיט אנדערע ווערטער: דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פון דער פּריוואטער ארבעט פון די סכוירע-פּראָדוצירער טרעט ארויס אין דער פאָרם פון אבסטראקט-מענטשלעכער ארבעט. דאָס איז ספּעציפיש געזעלשאפטלעכע ארבעט, דה. א באזונדערע, אייגנ-ארטיקע געזעלשאפטלעכע ארבעט, וואָס איז אייגנטימלעך נאָר דער סכוירע-פּראָדוקציע. „בלויז פאר דער געגעבענער באזונדערער פאָרם פון דער פּראָדוקציע, פאר דער סכוירע-פּראָדוקציע איז ריכטיק, אז דער ספּעציפיש-געזעלשאפטלעכער כאראקטער פון די איינע פון דער אנדערער אומאָפּהענגיקע פּריוואטע ארבעטן באשטייט אין זייער גלײַכקײַט, אלס מענטשלעכע ארבעט ביכלל, וואָס זי נעמט אָן די פאָרם פונעם ווערט פון די ארבעט-פּראָדוקטן (מ א ר ק ס, קאפּיטאל, באנד I, ז. 33).

ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז אויך באַם סאָציאליזם איז די ארבעט א פארווענדונג פון מענטשלעכער ארבעטקראפט אין פיזיאָלאָגישן זין, דה. א פארווענדונג פון מוסקולן, נערוון, מארך אאוו. אָבער ניט דערין דריקט זיך דאָ אויס דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פון דער ארבעט. דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פון דער ארבעט באַם טוער פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט דריקט זיך אויס אין יענער קאָנקרעטער באזונדערער ארבעט, אין יענער באזונדערער פונקציע, וואָס די געזעלשאפט האָט אים געגעבן. טאקע דערפאר איז זײַן ארבעט א דירעקט געזעלשאפטלעכע ארבעט, וואָס האָט ניט דעם צווייִקן כאראקטער אלס א קאָנקרעטע און אן אבסטראקטע ארבעט. נאָר בא דער סכוירע-פּראָדוקציע, ווו די ארבעט איז א ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ע ארבעט פון פּ ר י וו א ט ע סכוירע-פּראָדוצירער, דריקט זיך אויס דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פון אָט דער ארבעט אין דער פאָרם פון גלײַכהײַט, פון א י ד ע נ ט י ש ק ײַ ט פון די פ א ר ש יי ד ע נ ע מינים ארבעט, דאָס הייסט, אין דער פאָרם פון אבסטראקט-מענטשלעכער ארבעט. נאָר דאָ האָט די ארבעט א צווייִקן כאראקטער.

פונעם גרונט-ווידערשפּרוך אין דער סכוירע-פּראָדוקציע דרינגט

דער סכוירע־פעטישיזם

ארויס דער פאקט, וואָס די ארבעט נעמט אָן די ווערט-פאָרם פון אן ארבעט-פּראָדוקט, וואָס זי טרעט ארויס אלס אייגנשאפט פון דער סכוירע. ווערט איז אן ארבעט, וואָס איז פ א ר ז א כ ל ע כ ט אין דער סכוירע, דה. וואָס איז פארקערפּערט אין דער זאך, אינעם געגנשטאנד, וואָס איז קעגנגעשטעלט דעם פּראָדוצירער, ווי עטוואָס אזוינס, וואָס איז זעלבשטענדיק און ניט אָפּהענגיק פון אים. אינדערעמעסן, די סכוירע, קוים איז זי נאָר פארטיק געוואָרן, געפינט זי זיך שוין מער ניט אונטערן פּראָדוצירערס קאָנטראָל. די פארהעלטעניש פונעם אָנבאָט און נאָכפרעג אף דער געגעבענער סכוירע, די פרײַזנ-וואקלונגען — דאָס אלץ קומט פאָר קעגן דעם ווילן און באוווסטזײַן פונעם סכוירע-פּראָ-דוצירער. יעדער סכוירע-פּראָדוצירער סטארעט זיך פארקויפן זײַן סכוירע פאר א העכערן, מער לוינבארן פרײַז, נאָר צי דאָס וועט אים געלינגען, צי ס'וועט אים

געלינגענע ביכלאַל צו פאַרקויפֿן זײַן סכוירע — דאָס הענגט אָפּ פֿון אַזױנע באַדינגונגען וואָס בילדן זיך אויס, ווי מאַרקס זאָגט, בײַ די סכוירע-פּראָדוצירער „הינטער דער פּליי-צע". יעדער סכוירע-פּראָדוצירער באַטײליקט זיך מיט זײַנע מײַסים (מיטן פּראָדוצירן און פאַרקויפֿן די סכוירעס) אין שאַפֿן די דאָזיקע באַדינגונגען. נאָר די דאָזיקע מײַסים זײַנען סטיכיישע, אַנאַרכישע און דעריבער זײַנען ניט די סכוירע-פּראָדוצירער די באַלעבאַטים פֿון זײערע אײגענע פאַרהעלטענישן. די געזעלשאַפֿטלעכע פאַרהעלטע-נישן צווישן די מענטשן ווערן פאַרווירקלעכט דורך די פאַרהעלטענישן צווישן די זאַכן, די געזעלשאַפֿטלעכע פאַרהעלטענישן נעמען אָן אַ זאַכן-כאַראַקטער. ניט די פּראָדוצירער הערשן איבער זײער אַרבעט-פּראָדוקט און איבער זײערע אײגענע פאַרהעלטענישן, נאָר פּונקט קאַפּויער, דער אַרבעט-פּראָדוקט הערשט איבער די פּראָ-דוצירער און איבער זײערע פאַרהעלטענישן.

די דאָזיקע דערשײַנונג, וואָס די פּראָדוקטן פֿון דער מענטשלעכער אַרבעט טרעטן אַרויס אַלס עטוואָס זעלבשטענדיקעס בענגעיע צום מענטשן, אַלס אַ זאַך, וואָס איז אומאָפּהענגיק פֿונעם מענטשן און וואָס הערשט איבער אים, — אָט דאָס רופֿט מאַרקס אָן סכוירע-פֿעטישיזם.* ער גיט דעם דאָזיקן נאָמען לויט אַן אַנאַלאָגיע מיט רעליגיעזע דערשײַנונגען: דער מענטש טראַכט זיך אַלײן אויס אַ גאָט, אָבער דער גאָט, דוכט זיך אים, עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקײַט. אין דער רעליגיע „ווערן די פּראָדוקטן פֿון מענטשלעכן מאַרך פֿאַרגעשטעלט, ווי זעלב-שטענדיקע באַשעפֿענישן, וואָס זײַנען באַשאָנקען מיט אַן אײגן לעבן, וואָס שטײען אין באַשטימטע פאַרהעלטענישן מיט די מענטשן און אײנער מיטן אַנדערן. פּונקט אַזאַ ראָליע אין דער וועלט פֿון סכוירעס שפּילן די פּראָדוקטן פֿון די מענטשלעכע הענט" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד I, זײַט 32).

דער סכוירע-פֿעטישיזם באַטײַט, אַז די דאָזיקע געזעלשאַפֿטלעכע זאַכן-פאַרהעלטע-נישן הערשן אויך איבערן מענטשנס באַוווּסטזײַן. מיר ווײסן, אַז ווערט איז ניט קײן נאַטירלעכע אײגנשאַפֿט פֿון דער סכוירע אַלס אַ זאַך, נאָר ס'איז אַ געזעלשאַפֿט-לעכע פאַרהעלטעניש צווישן די מענטשן, וואָס איז פאַרזאַכלעכט אין דער סכוירע. נאָר די סכוירע-פּראָדוצירער דאַכט זיך, אַז אַ ווערט האָבן די סכוירעס ווי זאַכן פֿאַר די סכוירע-פּראָדוצירער „טרעטן די געזעלשאַפֿטלעכע פאַרהעלטענישן פֿון זײערע פּריוואַטע אַרבעטן אַרויס, ווי דאָס, וואָס זײ זײַנען. דה. ניט ווי דירעקטע געזעל-שאַפֿטלעכע פאַרהעלטענישן פֿון די פּערזאָנען גופֿא אין פּראָצעס פֿון זײערע אַר-בעטן, נאָר פאַרקערט, ווי זאַכן-פאַרהעלטענישן פֿון פּערזאָנען און געזעלשאַפֿטלעכע פאַרהעלטענישן פֿון זאַכן" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד I, זײַט 32).

מיט אַנדערע ווערטער, בײַ דער סכוירע-פּראָדוקציע נעמען אָן די געזעלשאַפֿט-לעכע פאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן די פֿאָרם פֿון פאַרהעלטענישן צווישן זאַכן, און דעריבער מוז אַבסאָליוט אומפֿאַרמײַדלעך אַנטשטײן בײַ די סכוירע-פּראָדוצירער די פֿאָרשטעלונג, אַז ווערט איז אַ נאַטירלעכע אײגנשאַפֿט פֿון דער סכוירע.

* פֿעטיש — אַן אָפּגאָט.

די דאָזיקע פאַלשע פאָרשטעלונג ווערט נאָך פארשטארקט דערמיט, וואָס אלע סכוירעס דריקן אויס זייער ווערט ניט אין זיך אליין, נאָר אין געלט. דעריבער באַקומט זיך א שיינבארקייט, אז אלע סכוירעס פארמאָגן קלוימערשט א ווערט דערפאר, ווייל זיי ווערן געטוישט אפ געלט, כאָטש אינדערעמעסן קאָנען זיי געטוישט ווערן אפ געלט בלויז דערפאר, ווייל זיי אליין האָבן א ווערט. די געלט-פאָרם פונעם ווערט באהאלט אזויארום דעם עצעם טאָך פונעם ווערט, זי לאָזט ניט דערזען דעם פאקט, אז ווערט איז די געזעלשאפטלעכע ארבעט, וואָס איז פארזאכלעכט אין דער סכוירע.

„זייענדיק דער העכסטער פראָדוקט פון דער אנטוויקלונג פונעם אויסטויש און פון דער סכוירע-פראָדוקציע, פארטושירט, פארדעקט דאָס געלט דעם געזעלשאפטלעכן כאראקטער פון די פריוואטע ארבעטן, די געזעלשאפטלעכע פארבינדונג צווישן די באזונדערע פראָדוצירער, וואָס זיינען פארייניקט דורכן מארק (לענין, ב. XVIII, ז. 17. מיין קורסיוו. — ל. ס.).

די פארקריפלטע פאָרשטעלונגען פון די סכוירע-פראָדוצירער וועגן זייערע אייגענע פארהעלטענישן זיינען, אזויארום, פארוואָרצלט אין דער לעבעדיקערווירקלעכקייט דער סכוירע-פראָדוצירער זעט בלויז דאָס, וואָס עס געפינט זיך אפ דער אויבערפלאַך פון געזעלשאפטלעכן לעבן, ער זעט דאָס זאך-הייטל, וואָס פארדעקט די ווירקלעכע פארהעלטענישן צווישן די מענטשן. דער פאקט, וואָס דער גורל פון די סכוירע-פראָדוצירער גופע הענגט אָפ פון דער באוועגונג פון די סכוירעס און פון זייערע פרייַזן, פארשטארקט נאָך מער בא זיי אָט די פארקריפלטע פאָרשטעלונג וועגן זייערע אייגענע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן.

אזויארום שאפט דער עצעם כאראקטער פון די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן אין דער סכוירע-פראָדוקציע די אנטשפרעכיקע פאָרשטעלונגען, דעם אנטשפרעכיקן באוווסטזיין אין מענטשנס מויעך.

6. די בורזשואזע טעאָריעס און די באדייטונג פון מארקס ווערט-טעאָריע

דער קלאסן-כאראקטער פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאפט

דעם פאקט, אז דער ווערט פון די סכוירעס ווערט געשאפן דורך דער ארבעט, האָט אנטדעקט ניט מארקס. דעם אָנהייב פון דער ארבעט-טעאָריע פון ווערט האָט נאָך פריִער פאר אים געשאפן דער ענגלישער בורזשואזער עקאָנאָמיסט פעטי (1687—1623) דערנאָך האָבן די דאָזיקע טעאָריע אנטוויקלט סמיט (1790—1723) און ריקארדאָ (1823—1772), באזונדערס דער לעצטער. אָבער זיי זיינען געווען בורזשואזע עקאָנאָמיסטן און זיי האָבן געהאלטן דעם קאפיטאליזם און די סכוירע-פראָדוקציע ביכלאל פאר אן אייביקער ניט קיין איבערגייענדיקער עקאָנאָמישער אָרדענונג, וואָס אנטשפרעכט דער נאטור פונעם מענטש, דעריבער האָבן זיי ניט געזען און ניט געקאָנט זען, אז די ארבעט, וואָס שאפט דעם ווערט, איז עפעס

אנ אייגנארטיקע, א באזונדערע ארבעט. בלויז מארקס, וואָס האָט אנטדעקט דעמ ווידערשפרוכ אינ דער סכוירע-פראָדוקציע אונ דעמ צווייִקנ כאראקטער פונ דער ארבעט, וואָס איז פאָרגעשטעלט אינ דער סכוירע, האָט געקאָנט ביזנ סאָפ אנטוויקלענ די ארבעט-טעאָריע פונעמ ווערט אונ באווײַזנ, פארוואָס דארפ די ארבעט אינ דער סכוירע-געזעלשאפט אָנעמענ די פאָרמ פונ א סכוירע-ווערט, אזא פאָרמ, וואָס פארבאָרגט די דאָזיקע ארבעט. „דאָרטנ, ווו די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ האָבנ געזענ א זאכנ-פארהעלטעניש (דעמ אויסטויש פונ סכוירע אפ סכוירע), דאָרט האָט מארקס אופגעדעקט די פארהעלטעניש צווישנ מענטשנ“ (לענינ, באנד XVI, ז. 51ר).

דאָס וויסנשאפטלעכע פאנאנדערארבעטנ די ארבעט-טעאָריע פונעמ ווערט האָט אומפארמײַדלעכ געמוזט ברענגענ צומ אופדעקנ די קלאסנ-ווידערשפרוכנ אינ דער בורזשואזער געזעלשאפט אונ צומ אופדעקנ די געהיימניש פונ דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע. די דאָזיקע אופגאבע האָט אויסגעפילט מארקס, וואָס האָט אפ דער באזע פונ אנאליזירנ די ווידערשפרוכנ פונ קאפיטאליזמ באוויזנ די אומפארמײַדלעכקײַט פונ דער פראָלעטארישער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. פונ דאנ אָנ הערט אופ די בורזשואזע פאָליטישע עקאָנאָמיע צו זײַנ א וויסנשאפט; זי האָט זיכ פארוואנדלט אינ א וואולגארער פאָליטעקאָנאָמיע, דה. זי באגרענעצט זיכ דערמיט, וואָס זי זעט אפ דער אויבערפלאכ פונ געזעלשאפטלעכנ לעבנ, ניט פרוווּנדיק ארײַנקוקנ טיפער; זי איז געוואָרנ אנ אפאָלאָגעטישע פאָליטעקאָנאָמיע, דה. זי שטרעבט פאר יעדנ פרײַז, טראָצ דעמ עמעס, טראָצ דער ווירקלעכקײַט, בארעכטיקנ דעמ קאפיטאליזמ, פאָרשטעלנ אימ אלס די בעסטע פונ די וועלטנ.

צוזאמענ מיט דער פארשארפונג פונ קלאסנקאמפ „האָט געשלאָגנ די טויט-שאָ פאר דער וויסנשאפטלעכער בורזשואזער עקאָנאָמיע. פונ איצט אָנ איז פארנ בורזשואזנ עקאָנאָמיסט די פראגע שוינ ניט אינ דעמ, צי איז ריכטיק אָדער ניט ריכטיק די אָדער יענע טעאָרעמע, נאָר אינ דעמ, צי איז זי נוצלעכ פארנ קאפיטאל אָדער שעדלעכ, באקוועמ אָדער אומבאקוועמ, צי שטימט זי מיט די פאָליציייִשע מאָטיוונ אָדער ניט. די אָנפניִעסדיקע אויספאָרשונג טרעט אָפ דאָס אָרט די שלאכטנ פונ די געדונגענע פענשמירער. די אָנפניִעסדיקע וויסנשאפטלעכע פאָרשונגענ ווערנ פארביטנ מיט א פאָרויסגעשאפענער כניפישער אפאָלאָגעטיק (בארעכטיקונג)“ (מארקס, „קאפיטאל“, באנד I, נאָכוואָרט צו דער צווייטער אופלאגע, זײַט XIX).

דער קאמפ פאר א וויסנשאפטלעכער פאָליטישער עקאָנאָמיע, פונקט ווי פאר אלע געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטנ, ווערט א זאכ פונעמ פראָלעטאריאט, פונ דעמ סאמע אונטערדריקטנ קלאס אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, דעמ קלאס, וואָס האָט ניט וואָס מוירע צו האָבנ פאר אופדעקנ די געהיימנישנ פונ קאפיטאליזמ אונ וואָס איז, אדעראבע, פארינטערעסירט אופצודעקנ די דאָזיקע געהיימנישנ צוליב זײַנ באפרײַונג. די איינציקע וויסנשאפטלעכע איז די פאָליטישע עקאָנאָמיע פונעמ פראָלעטאריאט, די מארקסיסטיש-לענינשע פאָליטישע עקאָנאָמיע, ווײַל דער קלאסנ-אינטערעס פונעמ פראָלעטאריאט אנטשפרעכט דער אופגאבע פונ דער וויסנשאפט, דער אופגאבע אופצודעקנ אָנ שומ מוירע די געהיימניש, וואָס וויקלט

ארומ די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ אונ די אנטוויקלונג-געזעצנ פונ דער געזעלשאפט.

אז, פארקערט, די קלאסנ-אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע ווידערשפרעכנ דער אנטוויקלונג פונ דער וויסנשאפט, באווײַזט פאָלגנדיקער פאקט. ווענ די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ זײַנענ ארויס מילכאָמע האלטנ קעגנ דער ארבעט-טעאָריע פונ ווערט, האָט איינער פונ זיי, א שילער פונעמ ענגלישנ גאלעכ מאלטוס (וועלכער האָט זיכ באַרימט געמאכט דערמיט, וואָס ער האָט „וויסנשאפטלעכ דערוויזנ", אז אָרעמ-קײַט אונ ארבעטלאָזיקײַט דארפנ אייביק עקזיסטירנ), געשריבנ אינ 1832 יאָר: „די לערע, אז ארבעט איז דער איינציקער קוואַל פונ רײַכטומ, איז ניט בלויז א פאלשע, נאָר אויכ א געפערלעכע, ווײַל זי העלפט יענע, וואָס באהויפּטנ, אז אלע רײַכטימער דארפנ געהערנ די ארבעטנדיקע קלאסנ אונ אז דאָס, וואָס אנדערע קלאסנ באקומענ, ראבירנ זיי אָדער זיי גאנוועגנ בא די ארבעטנדיקע קלאסנ" (ציטירט לויט מארקס, מערווערט-טעאָריע, באנד III, זײַט 45). אזויארומ באהויפּטנ די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ גאנצ אָפנ, אז די וויסנשאפט איז שעדלעכ, ווײַל זי איז געפערלעכ פאר דער בורזשואזיע.

די בורזשואזע אונ סאָציאַל-דעמאָקראטישע ווערט-טעאָריעס

זינט מארקס האָט געגעבנ א פארגאנצטע ווערט-טעאָריע אונ אופגעדעקט אפ איר באזע די געהיימניש פונ דער קאפיטאליסטישער עקספּלואטאציע אונ האָט דערוויזנ די נייטיקײַט אונ אומפארמײַדלעכקײַט פונ דעמ, אז דער פראָלעטאריאט זאָל אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ אראָפּווארפנ דעמ קאפיטאליזמ, האלט אלע בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ פאר זייער „ערנ-כויוו" אָפּצולייקענענ מארקס ווערט-טעאָריע. אפ אלע אופאנימ פרווונ זיי זיכ אלע דערווײַזנ, אז ווערט שאפט זיפ דורכ אלצ אינ דער וועלט, אָבער נאָר ניט דורכ ארבעט.

די סאמע „הארמאָנישע" בורזשואזע ווערט-טעאָריע, וואָס האָט געזאָלט אָפּלייקענענ מארקס טעאָריע, האָט געשאפנ דער עסטרײַכישער בורזשואזער עקאָנאָמיסט בעמ-באווערק, וועלכער דערקלערט אינ גרונט דעמ ווערט מיט דער נוצלעכקײַט פונ דער סכוירע, דה. מיטנ געברויכ-ווערט. דערבײַ קומט אויס לויט בעמ-באווערק, אז ווערט באזיצנ ניט בלויז סכוירעס, נאָר נוצלעכע זאכנ ביכלאל, דה. אויכ די זאכנ, וואָס ווערנ פראָדוצירט פארנ דירעקטנ געברויכ, אונ אפילע די זאכנ, וואָס די נאטור גופע האָט געגעבנ, אויב זיי זײַנענ פאראנ אינ א באגרענעצטנ סכומ, לעמאָשל, די ערד, אָדער דאָס וואסער אינ א געגנט, וואָס האָט ווייניק וואסער. אָבער מיר האָבנ שוינ געזענ, אז מיטנ געברויכ-ווערט, דה. מיט דער נוצלעכקײַט פונ דער סכוירע קאָנ מענ ניט דערקלערנ איר ווערט, ווײַל דער געברויכ-ווערט פונ די סכוירעס, וואָס ווערנ אויסגעטוישט, איז א פארשיידענער אונ צוגעגליכנ ווערנ קאָנענ די סכוירעס בלויז אפנ גרונט פונ דעמ געמיינזאמענ, וואָס איז אינ זיי פאראנ. כוצ דעמ איז דער גראד נוצלעכקײַט פונ איינ אונ דער זעלבער סכוירע פארשיידנ פאר פארשיידענע פערזאָנענ, אינ דער צײַט, ווענ די גרייס פונעמ ווערט פונ דער סכוירע (וואָס ווערט אויסגעדריקט דורכ איר פרײַז) איז ניט אָפּהענגיק פונ די פערזענלעכע אָפּשאצונגענ מיצאד איינצלנע מענטשנ. אפ דער סכוירע ווערנ ניט אײַנגעשטעלט קיינ פארשיידענע פרײַזנ פאר פארשיידענע קויפער.

די דאָזיקע טעאָריע בעמ-באַוועוקס אונטערשיידט זיך ניט אין טאָך מיט גאָרניט פון די אָנשייינגענע פונעם וווּלגארן עקאָנאָמיסט ביילי, וואָס האָט נאָך אין 1825 אָר געשריבן: „רײַכקײַט (געברויך-ווערט) איז אן אטריבוט (אייגנשאפט — ל. ס.) פונעם מענטשן, דער ווערט איז אן אטריבוט פון דער סכוירע... דער מענטש אָדער די געזעלשאפט זײַנען רײַך; א פערל אָדער א דימענט זײַנען זייער טײַער... דער פערל אָדער דימענט האָבן א ווערט אלס פערל אָדער דימענט" (ציטירט לויט מארקסן, „קאפיטאל", באנד, I, ז. 41). די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן ווילן ניט און קאָנען ניט גיין ווײַטער פון דער שײַנבארקײַט פון די דערשײַנונגען. זיי האָבן בעסער געוואָלט פארבלײַבן אונטער דער מאכט פונעם סכוירע-פעטישיזם, אבי ניט צו אנערקענען, אז ווערט שאפט זיך דורך ארבעט, אבי צו פארבאהאלטן די ווידערשפרוכן פון דער סכוירע-פראָדוקציע אין דעם קאפיטאליזם.

אפן בורזשואזן שטאנדפונקט שטייען אויך די סאָציאַל-פאשיסטישע „טעאָרעטיקער", וואָס פרוּוון זיך נאָך פארדעקן מיט מארקס נאָמען. צוזאמען מיט די נײַסטע בורזשואזע עקאָנאָמיסטן אידענטיפיצירן זיי דעם ווערט מיטן פרײַז און דערקלערן די גרייס פון ווערט מיט די אויסטויש-באדינגונגען, דה. זיי פרוּוון זיך פאקטיש דערקלערן דעם סכוירע-ווערט ניט מיט דער פראָדוצירונג פון די סכוירעס, נאָר מיט זייער צירקוליאציע (קויף און פארקויף, אויסטויש). דערמיט גופא לייקענען אויך זיי אָפּ, אז דער ווערט שאפט זיך דורך ארבעט. בא אונדז אין ראטנפארבאנד איז דער פאָרשטייער פון די דאָזיקע סאָציאַל-פאשיסטישע טעאָרעטיקער געווען דער מענשעוויק-שעדיקער רובין, וואָס האָט זיך געפרוּווט דורכשמוגלען די דאָזיקע טעאָריע, מאסקירנדיק זיך צוגעפאסט צו די באדינגונגען פון דער פראָלעטארישער דיקטאטור.

רובין לייקנט אָפּ די מאטעריעלקײַט פון דער אבסטראקט-מענטשלעכער ארבעט, וואָס דריקט קלוימערשט אויס בלויז די גלײַכקײַט פון די סכוירע-פראָדוצירער אינעם אויסטויש. לויט רובינען אנטהאלט ניט די אבסטראקטע ארבעט קיין איין טייטעלכל מאטעריע. מיט אנדערע ווערטער, די אבסטראקטע ארבעט איז קלאל ניט קיין ארבעט, דה. ניט קיין מאטעריעלע טעטיקײַט פונעם מענטשן, נאָר עפעס א געהיימנישפולע גלײַכקײַט פון די מענטשן, וואָס נעמט זיך פונעם אויסטויש. פון דאנען איז געדרונגען, אז אויך ווערט דריקט מיט זיך אויס ניט די ארבעט-פארהעלטענישן, נאָר די טויש-פארהעלטענישן. אויסהוילנדיק פון דער אבסטראקטער ארבעט איר מאטעריעלן אינהאלט, אָפרײַסנדיק דעם אויסטויש פון דער פראָדוקציע און באטראכטנדיק דעם ווערט ניט אלס אויסדרוק פון די פראָדוצירישע ארבעט-פארהעלטענישן, נאָר אלס אויסדרוק פון די טויש-פארהעלטענישן, „אבסטראהירט" זיך רובין פון די עקספּלואטאציע-פארהעלטענישן, וואָס זײַנען פאראן אין דער פראָדוקציע. רובינס באנעם פון ווערט איז דעריבער ניט קיין אנדער זאך, ווי א סאָציאַל-פאשיסטישע פארשמירונג און אָפּלייקענונג פון די קלאסן-ווידערשפרוכן פון קאפיטאליזם.

די דאָזיקע סאָציאַל-פאשיסטישע טעאָריע, וואָס לויט איר ווערט דער ווערט באשטימט ניט דורך דער פראָדוצירונג, נאָר דורכן אויסטויש, דינט אלס באזיס פאר א צווייטער סאָציאַל-פאשיסטישער טעאָריע, וואָס לויט איר איז פארן סאָציאַליזם ניט נייטיק צו נאציאָנאליזירן די פראָדוקציע דורך עקספּראָפּריִרן די קאפיטאליסטן,

נאָר עס איז געגוג בלויז, אז צו דער מעלוכע (דערבײַ צו דער בורזשואזער!) איג די הענט זאָלג אריבערגייג די אָרגאנענ, וואָס רעגולירג די ציר קו ל יאצי ע (די דאָזיקע טעאָריע רופט זיכ טאקע „סאָציַאליזאציע דורכ צירקוליאציע"). די סאָציַאל-פאשיסטנ פאלסיפיצירנ מארקס ווערט-טעאָריע, קעדיי צו פארדעקנ זייער אָפּזאָגנ זיכ פונ סאָציַאליזמ אונ דעמ אריבערגאנג זייערנ אפ דער זײַט פונ דער בורזשואזיע, קעדיי צו באגרינדנ טעאָרעטיש זייער קאמפ קעגנ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

די מעכאניסטישע פארקריפלונגענ פונ מארקס ווערט־טעאָריע

דער סכוירע-אויסטויש איז ניט עפּעס אזוינס, וואָס איז אבסאָליוט זעלבשטענדיק אונ אומאָפּהענגיק פונ דער פּראָדוקציע. אינעמ אויסטויש ווערנ די פּראָדוציר-פארהעלטעגישנ בלויז אנטפּלעקט, אָבער זיי ווערנ ניט געשאפנ דורכנ אויסטויש. דער ווערט שאפט זיכ ניט דורכנ אויסטויש, נאָר ער אנטפּלעקט זיכ איג אימ. די אבסטראקט-מענטשלעכע ארבעט איז ניט עפּעס אנ אידעאלע, ניט-מאטעריעלע ארבעט. זי איז, ווי מיר האָבנ געזענ, א פארווענדונג פונ מענטשלעכער ארבעטקראפט איג פיזיאָלאָגישנ זינ. דאָס איז א ספּעציפיש-געזעלשאפטלעכע ארבעט, וואָס איז אייגנטימלעכ נאָר פאר דער סכוירע-געזעלשאפט, ווו די ארבעט איז ניט דירעקט א געזעלשאפטלעכע אונ ווו איר געזעלשאפטלעכער כאראקטער טרעט ארויס איג דער פאָרמ פונ דער ארבעט-גלײַכקײַט בא די איינער קעגנ דעמ אנדערנ אנטקעגנגעשטעלטע זעלבשטענדיקע פּראָדוצירער. נאָר פונ דעמ הערט זי נאָכ ניט אופ צו זײַנ אנ ארבעט, דה. א מאטעריעלער פּראָצעס פונ פארווענדנ מענטשלעכע מוסקולנ, מארכ, נערווג אאוו.

אויב דער אידעאליסט דער מענשעוויעק רובינ פארקריפּלט מארקס ווערט-טעאָריע, אָפּלייקענענדיק דעמ מאטעריעלנ אינהאלט פונ די פּראָדוציר-פארהעלטענישנ אונ דערפירנדיק זיי בלויז צו איינ פאָרמ, צו זייער אנטפּלעקונג אינעמ אויסטויש, באשטייט די צווייטע מעכאניסטישע פארקריפּלונג פונ מארקס טעאָריע אינעמ איגנאָרירנ די באזונדערקײַטנ פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע.

אזוי איז לויט דער פאָרשטעלונג פונ די מעכאניסטנ די אבסטראקטע ארבעט אייגנטימלעכ ניט בלויז דער סכוירע-פּראָדוקציע: אפ וויפל די ארבעט איז שטענדיק א פארווענדונג פונ מענטשלעכער ארבעטקראפט איג פיזיאָלאָגישנ זינ, האָט אויכ די אבסטראקטע ארבעט שטענדיק עקזיסטירט אונ וועט שטענדיק עקזיסטירנ.

אינעמ דאָזיקנ מעכאניסטישנ באנעמ פונ דער אבסטראקט-מענטשלעכער ארבעט פארשווינדנ אבסאָליוט די אייגנטימלעכקײַטנ פונ די פּראָדוציר-פארהעלטענישנ, וואָס זײַנענ כאראקטעריסטיש פאר יעדער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, באזונדערס ווערט פארשווונדנ די גרונט-אייגנטימלעכקײַט פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע איג אונטערשייד פונ דער סאָציַאליסטישער פּראָדוקציע. דער ארבעט-פּראָצעס איז, פארשטייט זיכ, שטענדיק א מאטעריעלער פּראָצעס פונ פארווענדנ מענטשלעכע ארבעטקראפט. אָבער איג דער סאָציַאליסטישער געזעלשאפט, ווו עס איז ניטאָ קיינ פּריוואט-אייגנטומ אפ די פּראָדוציר-מיטלענ, ווו די מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט זײַנענ ניט קיינ זעלבשטענדיקע פּראָדוצירער, וואָס זײַנענ קעגנגעשטעלט איינער קעגנ אנדערנ, ווו יעדער מיטגליד פונ דער געזעלשאפט איז דירעקט א מיטגליד פונ אנ איינהײַטלעכנ ארבעט-קאָלעקטיוו, ווו די ארבעט-פּראָדוקטנ נעמענ ניט אָנ קיינ סכוירע-פאָרמ,—

אינ אזא געזעלשאפט, ווי מיר האָבנ אויבנ אָנגעוויזנ, קאָנ ניט די געזעלשאפטלעכע ארבעט זיכ אויסדריקנ מיט א זײַטיקנ וועג אינ דער פאָרמ פונ אבסטראקט־מענטשלעכער ארבעט, ווײַל די ארבעט איז דאָ א דירעקט געזעלשאפטלעכע ארבעט׳

רעדוצירנדיק די אבסטראקטע ארבעט צו פיזיאָלאָגישער פארווענדונג פונ ארבעטקראפט, אומאָפהענגיק פונ דער געזעלשאפטלעכער פאָרמ פונ דער דאָזיקער פארווענדונג, אבסטראהירנ זיכ דערמיט גופע די מעכאניסטנ פונ די אייגנטימלעכקײַטנ פונ די פראָדוציר־פארהעלטענישנ באמ קאפיטאליזמ און פונ זייער קלאסנ־כאראקטער. פונדאנענ איז אומפארמײַדלעכ דער אויספיר וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ פרידלעכנ, אָנווייטעקדיקנ „איבערוואקסנ" פונ איינע פראָדוציר־פארהעלטענישנ אינ אנדערע. דערפונ דרינגט ארויס די רעכט־אָפּאָרטוניסטישע טעאָריע פונ „פרידלעכנ ארײַנוואקסנ פונעמ באלעגופ אינ סאָציאַליזמ".

די באדײַטונג פונ מארקס ווערט־טעאָריע

מיר זעענ, אז מארקס ווערט־טעאָריע איז ניט קיינ לערע, וואָס איז אָפּגעריסנ פונ די ברענענדיקע פראגנ פונ קלאסנקאמפ. דער, וואָס טרעט ארויס קעגנ אָט דער טעאָריע, יענער טרעט ארויס קעגנ דעמ פראָלעטאריאט, ווער עס גייט אוועק פונ איר מיט דעמ אָדער יענעמ אויסרייד, אָפּנ אָדער מאסקירנדיק זיכ מיט „מארקסיסטישע" פראזעס, יענער גייט אוועק פונעמ פראָלעטאריאט און צוזאמענ דערמיט אויכ פונ דער וויסנשאפט און שטעלט זיכ אפ דער זײַט פונ דער בורזשואזיע.

מארקס ווערט־טעאָריע באווײַזט, ערשטנס, אז דער אינהאלט פונעמ ווערט איז ארבעט; פונדאנענ דרינגט ארויס, אז ניט די בורזשואזיע, נאָר דער פראָלעטאריאט שאפט אלע רײַכטימער פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט. צווייטנס, די דאָזיקע טעאָריע דעקט אופ דעמ עמעסנ כאראקטער פונ די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ אינ דער סכוירע־געזעלשאפט, וואָס זײַנענ פארדעקט מיט א זאכ־הײַטל. זי איז דעריבער א געצײַג אפ אופדעקנ די געהיימניש פונ דער קאפיטאליסטישער עקספּלואטאציע, וואָס איז אויכ פארבאָרגנ מיט דעמ זאכ־הײַטל פונ די סכוירע־פארהעלטענישנ צווישנ דעמ ארבעטער און דעמ קאפיטאליסט(דער ארבעטער פארקויפט זײַנ ארבעטקראפט און קויפט באמ קאפיטאליסט פאר זיכ עקזיסטענצ־מיטלענ). דריטנס, באווײַזט די דאָזיקע טעאָריע, אז דער ווערט איז אנ עקאָנאָמישער געזעצ פונ דער באוועגונג פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע בלויז אינ אזא געזעלשאפט, אינ וועלכער עס הערשט די סכוירע־פראָדוקציע, אינ וועלכער עס עקזיסטירט פריוואט־אייגנטומ אפ די פראָדוציר־מיטלענ; אז אינ דער דאָזיקער געזעלשאפט הערשט ניט דער מענטש איבערנ פראָדוקט פונ זײַנ ארבעט, נאָר דער פראָדוקט פונ דער ארבעט הערשט איבערנ מענטשנ; אז מיט דער פארניכטונג פונ קאפיטאליזמ און פונ דער סכוירע־פראָדוקציע ביכלאל ווערט פארשווונדנ אויכ דער געזעצ פונ ווערט

און די מענטשנ אליינ פירנ אָנ באוווסטזיניק מיט זייערע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ.

מארקס ווערט-טעאָריע, פונקט ווי זײַנ גאנצע עקאָנאָמישע לערע, איז, לויט ענגעלסעס אויסדרוק, די סאָציִאַליסטישע קריטיק פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט.

★

מארקס אונ ענגעלסעס לערע וועגנ דער אומפארמײַדלעכקײַט פונ דעמ, אז פונ דער סכוירע-פראָדוקציע זאָל אנטשטיינ דער קאפיטאליזמ, האָט באזונדערס גענוי פאנאנדערגעארבעט אונ אנטוויקלט לענינ נאָכ בייסנ קאמפ קעגנ די פאָלקיסטנ, וועלכע האָבנ געטײַנעט, אז רוסלאנד דארפ אויסמײַדנ דעמ קאפיטאליסטישנ אנטוויקלונג-וועג, ווײַל אינ רוסלאנד הערשט קלוימערשט די געמיינדע- („אָבשטשינע"-) ווירטשאפט, וואָס איז קימאט א קאָמוניסטישע ווירטשאפט. שטיצנדיק זיכ אפ מארקס לערע וועגנ סכוירע-פראָדוקציע, האָט לענינ מיט א קאָלאָסאלנ מאטעריאל באוויזנ ווי ווײַט עס איז שוינ דערגאנגענ די צעפאלונג פונ דער פויערשער געמיינדע-ווירטשאפט, וויאַזוי דאָס געלט פארוואנדלט די נאטורעלע ווירטשאפט אינ א סכוירע-ווירטשאפט, וויאַזוי מיט דער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע-פראָדוקציע בילדנ זיכ אויס די קאפיטאליסטישע פארהעלטענישנ. לענינ האָט ניט איינ מאָל זיכ אומגעקערט צו דער דאָזיקער פראגע. באלד נאָכ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע אונ שפעטער, באמ איבערגיינ פונ קריגס-קאָמוניזמ צומ נעפ האָט לענינ באוויזנ, אז אפילע אינ די באדינגונגענ פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור געבוירט די קליינע פראָדוקציע דעמ קאפיטאליזמ. די פאָליטיק פונ דער פראָלעטארישער מעלוכע דארפ באשטיינ אינ פארהאלטנ אונ באגרענעצנ דעמ וווקס פונ קאפיטאליזמ, וואָס די קליינ-פראָדוקציע געבוירט, גלײַכצײַטיק צוגרייטנ די באדינגונגענ אפ איבערבויענ די קליינ-פראָדוקציע אינ א גרויסער סאָציִאַליסטישער, אונ אפ דער דאָזיקער באזע ענדגילטיק ליקווידירנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ.

נאָכ שפעטער, ווענ די פארטיי איז צוגעקומענ הארט צו דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע, האָט די דאָזיקע פראגע געשטעלט דער כ' סטאלינ, צוגעפאסט צו די נײַע באדינגונגענ פונעמ פאנאנדערגעוויקלטנ סאָציִאַליסטישנ אָנגריפ אינ קאמפ קעגנ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ, וואָס זײַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ דער קאָלעקטיוויזאציע אונטער דער פאָנ פונ דער טעאָריע וועגנ דעמ פרידלעכנ ארײַנוואקסנ פונעמ באלעגופ אינ סאָציִאַליזמ. דער כ' סטאלינ האָט דערוויזנ, אז דער קאמפ קעגנ קאָלעקטיוויזאציע איז א קאמפ פאר פארייביקנ די קליינע סכוירע-פראָדוקציע אונ דערמיט גופע — פאר פארייביקנ דעמ קאפיטאליזמ, וואָס די סכוירע-פראָדוקציע געבוירט, אונ אז דעריבער איז דער רעכטער אָפּאָרטוניזמ א באלעגופישע אגענטור אינ די רייענ פונעמ ארבעטער-קלאס אונ אינ די רייענ פונ דער פארטיי.

„די קליינ-פראָדוקציע געבוירט דעמ קאפיטאליזמ אונ די בורזשואזיע קעסיידער, טאָג-טעגלעכ, יעדע שעה, סטיכייִש אונ אינ א מאסנ-מאסשטאב" (לענינ, באנד XXV, זײַט 173). אָט דאָס איז איינער פונ די וויכטיקסטע אויספירנ פונ דער מארקסיסטיש-לענינישער טעאָריע.

7. די גרונטיקע געזעצמעסיקייַט פונעם איבערגאנג-פעריִאָד

מיר האָבנ שוינ פריִער באוויזנ, אז אינ דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט נעמט די ארבעט ניט אָנ קיינ ווערט-פאָרם, זי טרעט ניט ארויס ווי אנ אייגנשאפט פונ דער זאכ—סכוירע. אָבער דאָס באטייַט ניט, אז דער געזעצ פונ ווערט הערט אופ צו גילטנ ערשט דאנ, ווענ עס איז שוינ אינגאנצנ אויסגעבויט די סאָציִאליסטישע געזעלשאפט, אונ אז אינעם איבערגאנג-פעריִאָד צום סאָציִאליזם איז נאָכ דער געזעצ פונ ווערט גילטיק.

פארניכטונג פונעם ווערט-געזעצ

דער ווערט-געזעצ אלס געזעצ פונ דער באוועגונג פונ דער געזעלשאפט ווערט פארניכטעט, הערט אופ צו גילטנ שוינ אינ סאמע אָנהייב פונעם איבערגאנג-פעריִאָד. מיט דער אייַנשטעלונג פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור טרעט ארופ די געזעלשאפט אפנ וועג פונ פארניכטנ די סכוירע-פראָדוקציע מיט איר כאראקטעריסטישנ באוועגונג-געזעצ אונ הייבט אָנ פארבייַטנ די סכוירע-קאפיטאליסטישע פראָדוקציע מיט דער סאָציִאליסטישער פראָדוקציע.

אָבער די סאָציִאליסטישע פראָדוקציע ווערט ניט מיטאמאָל די אבסאָליוט-דאָמינירנדיקע אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט. די קליינע סכוירע-פראָדוקציע ווערט ניט מיטאמאָל פארוואנדלט אינ א גרויסער סאָציִאליסטישער אונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ ווערנ פארניכטעט ניט מיטאמאָל, טייקעפ נאָכ דעם, ווי עס ווערט אייַנגעשטעלט די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.

אָבער שוינ פונעם סאמע אָנהייב פונעם איבערגאנג-פעריִאָד, פונ דעם מאָמענט אָנ, זינט עס קומט פאָר די עקספראָפריִאציע פונ דער בורזשואזיע אונ ווענ די גרויס-אינדוסטריע, דער טראנספאָרט, דער הורטאָווער האנדל אונ די בענק גייענ אריבער אינ די הענט צו דער פראָלעטארישער מעלוכע אונ פארוואנדלענ זיכ, אזויארום, אינ אונטערנעמונגענ פונ קאָנסעקווענט-סאָציִאליסטישנ טיפ,—שוינ פונעם דאָזיקנ מאָמענט אָנ איז דער באשטימענדיקער קויעכ פונ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג די דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט, וואָס שאפט די סאָציִאליסטישע געזעלשאפט אינ פראָצעס פונ שארפנ קאמפ קעגנ די רעשטנ פונ די קאפיטאליסטישע קלאסנ.

אינ מעשעכ פונעם איבערגאנג-פעריִאָד ווערט נאָכ אייַנגעהיט די סכוירע- אונ געלט-פאָרם. דאָס קומט פאָר, ערשטנס, אדאנק דעם, וואָס אינ לאנד איז נאָכ פאראנ די קליינ-סכוירעדיקע פראָדוקציע, אונ, צווייטנס, דערפאר, ווייַל אויכ אינ די מעלוכע-אונטערנעמונגענ איז ניט מעגלעכ דער דירעקטער איבערגאנג צו ניט-געלטיקע פאָרמענ פונ דיסקאָנט אונ קאָנטראָל, קאָלזמאנ עס איז ניט פארענדיקט די אויסבויונג פונ דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט.

אפ די פארשיידענע עטאפנ פונעם איבערגאנג-פעריִאָד ווערט די ראָליע פונ דער סכוירע- אונ געלט-פאָרם, פארשטייט זיכ, געענדערט, אָפהענגיק פונ דעם פארשיידענעם גראד פארגעזעלשאפטלעכנ די פאָלקווירטשאפט, אָפהענגיק פונ די קויכעס-פארהעלטענישנ צווישנ דעם סאָציִאליסטישנ, קאפיטאליסטישנ אונ קליינסכוירעדיקנ שטייגער אינ דער עקאָנאָמיק פונעם איבערגאנג-פעריִאָד. אָבער שוינ פונ סאמע אָנהייב פונעם איבערגאנג-פעריִאָד נוצט אויס די פראָלעטארישע דיקטאטור די סכוירעדיקע געלט-

פאָרמ פארנ קאמפ קעגנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, קעדיי איבערמאכנ די קליינע פראָדוקציע, קעדיי אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ. צוליב דעמ ענדערט זיכ פרינציפיעל די ראָליע פונ דער סכוירעדיקער געלט-פאָרמ אינ פארגלײַכ מיט איר ראָליע בא דער הערשאפט פונעמ קאפיטאליזמ.

אינ דער מעלוכישער סאָציאַליסטישער ווירטשאפט ווערנ די „סכוירעס" פראָדוצירט ניט אינ יעדער אונטערנעמונג באזונדער, אפ איר אייגענער אכרײַעס, נאָר לויט אנ אלגעמיינ-מעלוכישנ פלאנ, וואָס ווערט אײַנגעשטעלט אינ העסקעמ מיט די אינטערעסנ אונ אופגאבנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אויכ די פראָדוקציע פונעמ קאָלווירטישנ טייל פונ סאָציאַליסטישנ סעקטער קומט פאָר לויט אנ איינהײַטלעכנ פלאנ, וואָס איז א טייל פונעמ אלגעמיינ-מעלוכישנ פלאנ. דער דאָזיקער אלגעמיינער מעלוכישער פלאנ שליסט אײַנ אינ זיכ די מאָסמיטלענ צו רעגולירנ די פראָדוקציע אינ דער אינדיווידועלער ווירטשאפט אונ צו איבערבויענ זי אפ א סאָציאַליסטישנ שטייגער. בענעגייע די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ נוצט אויס די פראָלעטארישע מעלוכע די סכוירע- אונ געלט-פאָרמ ווי א וויכטיקסטנ געצײַג אינ קלאסנקאמפ פאר דער סאָציאַליסטישער בויונג.

„די זאכ באשטייט קלאל ניט דערינ, וואָס דער האנדל אונ די געלט-סיסטעמ זײַנענ מעטאָדנ פונ דער „קאפיטאליסטישער עקאָנאָמיע". די זאכ באשטייט דערינ, וואָס די סאָציאַליסטישע עלעמענטנ פונ אונדזער ווירטשאפט, קעמפנדיק קעגנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, באהערשנ די דאָזיקע מעטאָדנ אונ דאָס געווער פונ דער בורזשואזיע אפ בײַקומענ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ, וואָס זיי נוצנ זיי אויס מיט ד ע ר פ אָ ל ג ק ע ג נ דעמ קאפיטאליזמ. זיי נוצנ זיי אויס מיט ד ע ר פ אָ ל ג אפ אויסצובויענ דעמ סאָציאַליסטישנ פונדאמענט פונ אונדזער עקאָנאָמיק. די זאכ באשטייט דערינ, הייסט עס, וואָס אדאנק דער דיאַלעקטיק פונ אונדזער אנטוויקלונג, בײַטנ זיכ פ ר י נ צ י פ י ע ל די פונקציעס אונ די ציל-באשטימונג פונ די דאָזיקע אינסטרומענטנ פונ דער בורזשואזיע, זיי בײַטנ זיכ ראדיקאל צו גונסטנ דעמ סאָציאַליזמ, צומ שאָדנ דעמ קאפיטאליזמ" (ס ט א ל י נ, שלוסוואָרט אפנ פערצנטנ צוזאמענפאָר פונ אלקפ(ב) אינ 1925 יאָר, סטענ. באריכט פונ צוזאמענפאָר, זײַט 496).

די סכוירע- אונ געלט-פאָרמ היט אײַנ איר באטײַט אויכ אפנ איצטיקנ עטאפ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, ווענ דער קאפיטאליסטישער שטייגער אינ אונדזער ווירטשאפט עקזיסטירט שוינ ניט, ווענ די קאָלווירטישע אָרדענונג האָט ענדגילטיק אפ שטענדיק געזיגט אונ די קליינסכוירעדיקע אינדיווידועלע פראָדוקציע איז אָפגעדרוקט געוואָרנ אפ די צווייטראנגיקע פאָזיציעס אונ ווענ „דער סאָציאַליסטישער שטייגער איז די אומצעטיילבאר הערשנדיקע אונ די איינציק קאָמאנדירנדיקע קראפט אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט" (ס ט א ל י נ, באריכט-פאָרטראָג דעמ XVII פארטיי-צוזאמענפאָר וועגנ דער ארבעט פונ צק אלקפ (ב).

זעלבסטפארשטענדלעכ, אז אפנ איצטיקנ עטאפ איז דער סאָוועטישער האנדל גאָר אנ אנדערער, ווי דער האנדל, וואָס מיר האָבנ געהאט אינ דער ערשטער סטאדיע פונ נעפ, ווענ א באדײַטנדיקע ראָליע אינעמ האנדל האָט געשפילט דער פריוואטער קאפיטאל, ווענ די קאָלווירטנ אונ ראטווירטנ האָבנ באטראָפנ גאָר אומבאמערקבארע גרייסנ אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט, ווענ מיר האָבנ נאָכ ניט פאר

מאָגט אזא מעכטיקע אינדוסטריע און אזא ברייט צעצווײַגטע מעלוכישע און קאָאָפּעראטיווע האנדל-נעץ, ווי מיר פארמאָגנ אצינד. מיטנ אויסבויענ דעם פונדאמענט פונ דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק האָט זיכ געענדערט די עצעם פראָדוציר-באזע פונ סאָוועטישנ האנדל. „דער סאָוועטישער האנדל איז א האנדל אָנ קאפּיטאליסטנ — סײַ גרויסע סײַ קליינע, א האנדל אָנ ספּעקוליאנטנ, — סײַ גרויסע סײַ קליינע. דאָס איז א באזונדער מינ האנדל, וואָס די געשיכטע האָט ביז איצט ניט געוווּסט, וואָס בלויז מיר, באָלשעוויקעס, פּראקטיקירנ אינ די באדינגונגענ פונ דער סאָוועטישער אנטוויקלונג" (סטאלינ. די סאכאקלענ פונעמ ערשטנ פינפיאָר).

דער סאָוועטישער האנדל — דאָס איז א האנדל, וואָס איז אָרגאניזירט אפ דער באזע פונ דער גרויסער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און פונ טראנספּאָרט, אפ דער באזע פונ די ראטווירטנ און קאָלווירטנ. פונעמ האנדל אפ אזא פּראָדוציר־באזע קאָנ ניט וואקסנ דער קאפּיטאליזמ. אינעמ דאָזיקנ האנדל הערשט ניט די מארק-סטיכיי, נאָר דער סאָציאַליסטישער פּלאנ. פארנ ווײַטערדיקנ וווּקס פונ דער סאָציאַליסטישערווירטשאפט, פארנ וווּקס פונ דער פּראָדוקציע און פארנ אופשטײַג פונעמ לעבנ-ניוואָ פונ די מאסנ פאָדערט זיכ ניט צונויפּוויקלענ, נאָר פאנאנדערוויקלענ דעמ סאָוועטישנ האנדל.

דער אריבערגאנג פונ האנדל צו דירעקטנ פּראָדוקטנ־אויסטויש און צוזאמענ דערמיט צומ ליקווידירנ די סכוירעדיקע געלט־פאָרמ וועט קאָנענ געמאכט ווערנ ערשט נאָכ דעמ, ווי עס וועט אויסגעבויט און פארענדיקט ווערנ די אָנקלאסנדיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט. „געלט וועט נאָכ בא אונדז לאנג פארבלײַבנ, ביזנ סאמע פארענדיקנ די ערשטע סטאדיע פונ קאָמוניזמ, — דער סאָציאַליסטישער אנטוויקלונג־סטאדיע... געלט איז יענער אינסטרומענט פונ דער בורזשואזער עקאָנאָמיק, וואָס די ראטנמאכט האָט גענומענ צו זיכ אינ די הענט און האָט צוגעפּאסט צו די אינטערעסנ פונ סאָציאַליזמ, קעדיי צו פאנאנדערוויקלענ אינ א פולער מאָס דעמ סאָוועטישנ האנדל און דערמיט גופע צוגרייטנ די באדינגונגענ פארנ דירעקטנ פּראָדוקטנ־אויסטויש... דער פּראָדוקטנ-אויסטויש קאָנ קומענ ערשט אפנ אָרט און אינ רעזולטאט פונ אנ אידעאל אָרגאניזירטנ סאָוועטישנ האנדל" (סטאלינ, באריכט־פאָרטראָג דעמ XVII פארטיי־צוזאמענפאָר וועגנ דער ארבעט פונ צק אלקפ(ב).

מיר זעענ אזויארומ, אז דאָס, וואָס אינעמ איבערגאנג-פעריִאָד איז פאראנ די סכוירעדיקע געלט-פאָרמ, באטײַט עס ניט, אז דער געזעץ וועגנ ווערט איז דער אנטוויקלונג־געזעץ פונ דער איבערגאנג־עקאָנאָמיק.

די אנטשיידנדיקע ראָליע פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור אינ דער אנטוויקלונג פונ דער עקאָנאָמיק אינ איבערגאנג־פעריִאָד

בא דער הערשאפט פונעמ ווערט-געזעץ, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, הערשט ניט דער פּראָדוצירער איבערנ פּראָדוקט פונ זײַנ ארבעט, נאָר פארקערט, דער ארבעט-פּראָדוקט הערשט איבערנ פּראָדוצירער, די מענטשנ זײַנענ ניט קיינ באלעבאטימ אפ זייערע אייגענע פארהעלטענישנ. דער געזעץ, וואָס באשטימט די באוועגונג פונ דער געזעלשאפט, בילדעט זיכ אויס און ווירקט אויסער דעמ ווילנ און באוווּסטזײַנ פונ די סכוירע-פּראָדוצירער, „הינטערייער פּלייצע", ווי א בלינדע סטיכיײַשע נאטור-קראפט.

אינ קעגנזאצ דערצו גייט די אנטוויקלונג פונ אונדזער עקאָנאָמיק ניט בלינדערהייט, ניט טראָצ דעם ווילנ אונ באוווסטזײַנ פונעם ארבעטער-קלאס, וואָס פארווירקלעכט זײַנ דיקטאטור. אינ אונדזער עקאָנאָמיק איז ניט פאראנ אונ ס׳קאָנ ניט זײַנ עפּעס א באזונדער געזעצ פונ באוועגונג צום סאָציאַליזם, וואָס זאָל ווירקנ אָנ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט: יעדער עקאָנאָמישער געזעצ, וואָס וואָלט געווירקט אויסער דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, וואָלט געווענ ניט קיינ געזעצ פונ באוועגונג צום סאָציאַליזם, נאָר א געזעצ אָפּ צוריקפּויזענ צום קאַפּיטאליזם, ווײַל די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט איז יענע גרונטיקע קראפט, וואָס ווענדט די גאנצע באוועגונג צום סאָציאַליזם. די אנטשיידנדיקע קראפט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק, אלס אנ איבערגאנג-עקאָנאָמיק צום סאָציאַליזם, איז די דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. דער ארבעטער-קלאס, וואָס פארווירקלעכט זײַנ דיקטאטור, וואָס איז באוואָפנט מיטנ וויסנ די געזעצנ פונ דער היסטאָרישער אנטוויקלונג — מיט דער מארקסיסטיש-לענינשער טעאָריע, וואָס קענ דיסקאָנטירנ אונ פאָרויסזענ אלע אָביעקטיווע באדינגונגענ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, וואָס קענ איבערמאכנ די דאָזיקע באדינגונגענ אונ באזיגנ אלע פײַנטלעכע קויכעס פונ דער אלטער וועלט — אָט וואָס פאר א קראפט עס ווענדט די גאנצע באוועגונג צו דער אָנקלאסנדיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט.

אונ גאָר ניט צופעליק האָבנ די טראָצקיסטנ אונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ געפּרווט באגרינדנ זייער קאמפּ קעגנ דער גענעראלער ליניע פונ דער פּארטיי מיט די „אָביעקטיווע" געזעצנ פונ דער באוועגונג, וואָס ווירקנ קלוימערשט אויסער דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט. דאָס באטײַט פאקטיש אָפּלייקענענ די ראָליע פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, באזונדערס איר ראָליע אינ סאָציאַליסטישנ איבעראנדערשנ די קליינ-פּראָדוקציע.

די איינפאכע סכוירע-ווירטשאפט אינעם איבערגאנג-פּעריאָד

די קליינע סכוירע-ווירטשאפט — דאָס איז אינ גרונט אנ איינפאכע סכוירע-ווירטשאפט, דה. אזא, וואָס באנוצט ניט קיינ לוינ-ארבעט. אָפּנ באָדנ פונ דער איינפאכער סכוירע-פּראָדוקציע אונ פונ איר וואקסט אויפאַרמײַדלעכ דער קאַפּיטאליזם, אָבער זי גופא איז נאָכ דירעקט ניט קאַפּיטאליזם. די נאטור פונעם קליינעם פּראָדוצירער איז א צווייִקע: „דער פּויער אלס האָרעפּאשניק ציט צום סאָציאַליזם. אימ געפעלט בעסער די דיקטאטור פונ די ארבעטער, איידער די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. דער פּויער אלס ברויט-פארקויפער ציט צו דער בורזשואזיע, צום פרײַענ האנדל, דה. צוריק צום „אײַנגעוווינטנ" אמאָל, צום „דויר-דויערסדיקנ" קאַפּיטאליזם" (לענינ, באנד XXIV, זײַט 314).

די מעגלעכקײַט סאָציאַליסטיש איבערצובויענ די קליינע סכוירע-פּראָדוקציע אינ די באדינגונגענ פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור דרינגט ארויס דערפונ, וואָס דער קליינער פּראָדוצירער איז א האָרעפּאשניק אונ וואָס דעריבער זײַנענ די ווידערשפּרוכנ צווישנ דעם פּראָלעטאריאט אונ די קליינע סכוירע-פּראָדוצירער ניט אזוינע ווידערשפּרוכנ, וואָס קאָנענ ניט באזיגט ווערנ.

דער טראָצקיזם לייקנט אָפּ די צווייִקע נאטור פונעם קליינעם סכוירע-פּראָדוצירער, ער איגנאָרירט דעם אומשטאנד, אז דער קליינער פּראָדוצירער איז א האָרע-

פאשניק, ער זעט בלויז די קאפּיטאליסטישע טענדענצ פונ דער קליינ-פּראָדוקציע אונ ער האלט, אז צווישנ די קליינע פּראָדוצירער אונ דעמ פּראָלעטאריאט איז פאראנג קלוימערשט א ווידערשפּרוך, וואָס קאָנ ניט באזיגט ווערנ. די קליינע סכוירע-ווירטשאפט קאָנ ניט, פונעמ טראָצקיסטישנ שטאנדפּונקט, פ א ר ו א נ ד ל ט ווערנ אינ א גרויס-סאָציאַליסטישער. זי דארפ פארניכטעט ווערנ דורכנ רויִנירנ אונ פּראָלעטאריזירנ די קליינע פּראָדוצירער, אָדער, ווי יע. פּרעאָבראזשענסקי, דער טעאָרעטיקער פונ טראָצקיזמ, האָט זיכ אויסגעדריקט, די מעלוכישע סאָציאַליסטישע ווירטשאפט דארפ „איַינשלינגענ" די איינפאכע סכוירע-ווירטשאפט.

פּרעאָבראזשענסקי האָט באהויפּט, אז אפ צו פארשטיינ די באוועגונג פונ דער סאָוועטישער עקאָנאָמיק מוז מענ זיכ אבסטראהירנ פונ דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פונ דער ראטנמאכט אונ געפינענ דעמ אָביעקטיוונ געזעצ, וואָס ווירקט טראָצ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור. אזא געזעצ איז נאָכ פּרעאָבראזשענסקיס מיינונג „דער געזעצ פונ דער אָנפאנגלעכער סאָציאַליסטישער אָנזאמלונג", וואָס לויט אימ ווערט דער סאָציאַליזמ געשאפנ דורכ דעמ, וואָס די מעלוכישע סאָציאַליסטישע ווירטשאפט „פרעסט" אויטאָמאטיש אופּ די קליינע ווירטשאפט.

די דאָזיקע „טעאָריע", וואָס לייקנט אָפּ די מעגלעכקייט פונ א בונד צווישנ אונ-בעטער-קלאס מיטנ מיטלפויערטומ אונ די מעגלעכקייט אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ, וואָס האָט געבראכט דעמ טראָצקיזמ צו זיינ הייִנטצייַטיקער ראָליע אלס אוואנגארד פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע, — די דאָזיקע „טעאָריע" גייט ארויס פונעמ אָפּלייקענענ די העגעמאָניע פונעמ פּראָלעטאריאט בענעגייע צומ פויערטומ, זי גייט ארויס דערפונ, אז די פּראָלעטארישע מעלוכע קאָנ ניט ריכטנ די אנטוויקלונג פונ דער איינפאכער סכוירע-ווירטשאפט אפ סאָציאַליסטישע רעלסנ.

די קליינע סכוירע-פּראָדוקציע געבוירט קאפּיטאליזמ. די פּראָלעטארישע דיקטאטור אָבער, שטיצנדיק זיכ אפ דער וואקסנדיקער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע, שוואכט אָפּ די דאָזיקע טענדענצ פונ דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג פונ דער קליינסכוירעדיקער פּראָדוקציע, פּאראליזירט אונ פארניכטעט זי דערנאָכ. אופווירקנדיק אפ דער קליינער סכוירע-ווירטשאפט דורכ א גאנצער ריי מאָסמיטלענ, באגרענעצט די פּראָלעטארישע מעלוכע סיי דעמ פּראָצעס גופע פונ אויסטיילנ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ פונ דער קליינער סכוירע-ווירטשאפט סיי דעמ וווקס פונ די שוינ אויסגעבילדעטע קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ. מיט דעמ ווערנ געשאפנ די באדינגונגענ אפ צו פארוואנדלענ די קליינ-פּראָדוקציע אינ א גרויס-סאָציאַליסטישער דורכ דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע. אזויארומ ווערט פארניכטעט דער באָדנ גופע, וואָס געבוירט דעמ קאפּיטאליזמ, אונ אפ דער דאָזיקער באזע ווערנ ליקווידירט די רעשטנ פונ קאפּיטאליזמ, וואָס זייַנענ נאָכ פאראנ, ס'ווערט ליקווידירט דאָס באלעבאָסטעווע אלס קלאס.

די צווייִקע נאטור פונעמ קליינ-פּראָדוצירער לייקנט אָפּ ניט נאָר דער טראָצקיזמ, נאָר אויכ דער רעכטער אָפּאָרטוניזמ. אָבער צומ אונטערשייד פונ די טראָצקיסטנ, בא וועלכע די קליינע ווירטשאפט איז א קאפּיטאליסטישע ווירטשאפט, זעענ די רעכטע איינעמ קליינעמ סכוירע-פּראָדוצירער בלויז א האָרעפּאשניק אונ „אבסטראהירנ זיכ" פונ זיינע קאפּיטאליסטישע טענדענצנ.

די דאָזיקע טעאָריע פונ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ איז פארבונדנ מיט דעמ מעכאַניסטישנ באַנעמ פונ ווערט, וואָס איז שוינ אויבנ אַנאַליזירט געוואָרנ.

די אבסטראַקט-מענטשלעכע אַרבעט, וואָס שאַפט דעמ ווערט, איז, לויט דער פאָרשטעלונג פונ די מעכאַניסטנ, א פאַרוועַנדונג פונ דער מענטשלעכער אַרבעטקראַפט אומאָפּהענגיק דערפונ, וואָס פאַר א געזעלשאַפטלעכע פאָרמ ס'נעמט אָנ די דאָזיקע פאַרוועַנדונג; די אבסטראַקט-מענטשלעכע אַרבעט איז ניט קיינ ספּעציפיש-געזעלשאַפטלעכע פאָרמ פונ אַרבעט אינ דער סכוירע-פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט, נאָר אַנ אַרבעט-פאַרוועַנדונג בא יעטווידער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. דערצו אַנטשפּרעכט די אַנטימאַרקסיסטישע און אַנטילענינשע פאָרשטעלונג פונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ וועגנ דער איינפאַכער סכוירע-ווירטשאַפט, ווי וועגנ א ווירטשאַפט, וואָס איז פונ איינ טיפּ מיט דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. דער אומשטאַנד, וואָס די איינפאַכע סכוירע-ווירטשאַפט איז א ס כ ו י ר ע-ווירטשאַפט, וואָס זי געבוירט דעמ קאַפּיטאַליזמ און איז דעריבער לויט איר טיפּ קעגנזעצלעכ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, — דעמ דאָזיקנ אומשטאַנד איגנאָרירנ די רעכטע. פונדאַנענ נעמט זיכ די טעאָריע פונ די רעכטע וועגנ דעמ, אַז די קליינ-פּראָדוקציע וואַקסט אויטאָמאַטיש איבער אינ א סאָציאַליסטישער, אַז דער באַלעגופּ וואַקסט פרידלעכ אַרייַנ אינ סאָציאַליזמ.

די קריטיק פונעמ „געזעצ פונ אַר־בעט־פאַרוועַנ־דונג"

די דאָזיקע טעאָריע איז ענג פארבונדנ מיטנ אויסגעטראַכטנעמ „געזעצ פונ אַרבעט-פאַרוועַנדונג".

כ' בוכאַרינ האָט באַהויפּט, אַז עס עקזיסטירט אַנ אַלגעמיינער „געזעצ פונ אַרבעט-פאַרוועַנדונג", וואָס ווירקט אינ יעדער געזעלשאַפט, סיי אינ דער סכוירע-קאַפּיטאַליסטישער און סיי אינ דער סאָציאַליסטישער, א געזעצ, וואָס טיילט פאַנאַנדער די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט לויט די פּראָדוקציע-צווייַגנ און וואָס שטעלט איינ דאָס גלייַכגעוויכט פונ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע. בא דער הערשאַפט פונ דער סכוירע-קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע ווירקט דער דאָזיקער „געזעצ" אינ דער פאָרמ פונעמ ווערט-געזעצ, דה. וואָס איז פאַרדעקט מיטנ פעטישיסטישנ הייַטל פונ ווערט, באַמ סאָציאַליזמ אָבער ווירקט ער דירעקט, אזוי צו זאָגנ „אינ דער הוילער פאָרמ". עס בייַט זיכ בלויז די פאָרמ, דער אינהאַלט בלייַבט, קלוימערשט, ניט געענדערט.

פונ דעמ שטאַנדפּונקט דרינגט ווידעראַמאָל אַרויס, אַז די קליינסכוירעדיקע פּראָדוקציע איז אונטערגעוואָרפנ די זעלבע געזעצנ, וואָס די סאָציאַליסטישע, און אַז זי קאָנ און דאַרפ בלויז דורכ די מאַרק-פאַרבינדונגענ מיט דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט פאַרוואַנדלט ווערנ פונ זיכ אַליינ אינ א סאָציאַליסטישער. ניט בלויז די קליינע פּריוואַטע ווירטשאַפטנ, נאָר אויכ די באַלעגופּישע קאָנענ, קלוימערשט, פרידלעכ אויסוואַקסנ אַרייַנוואַקסנ אינ סאָציאַליזמ. פונדאַנענ נעמט זיכ אויכ די טעאָריע, אַז דער קלאַסנקאַמפּ ווערט אינעמ איבערגאַנג-פּעריאָד ביסלעכווייַז „אויסגעלאָשנ".

דער דאָזיקער „געזעצ פונ אַרבעט-פאַרוועַנדונג" שטעלט מיט זיכ פאָר אַנ אָפּלייקענונג פונ דער ראָליע פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אינ דער באַוועגונג פונ אונדזער עקאָנאָמיק. אינדערעמעסנ, ווייבאַלד עס עקזיסטירט אַנ אייביקער אומפאַרענדערלעכער געזעצ „וועגנ די אַרבעט-פאַרוועַנדונגענ", בלייַבט פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור נאָר צו אונטערוואַרפנ זיכ איט, אַנדערע פאַרהעלטענישנ אינ

דערווירטשאפט, אויסער די, וואָס דער געזעץ דיקטירט, קאָן זי ניט אײַנ-שטעלן. און אין העסקעם מיט דעם „געזעץ" האָט דער כ' בוכארין געשריבן, אז די אויפגאבע פון פלאנירן איז פאָרויסזען דאָס, וואָס עס וואָלט זיך געשאפן בא דער סטיכייִשער רעגולירונג. מיט אנדערע ווערטער, דער ווירטשאפט-פלאן, וואָס די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט שטעלט צונויף און פירט דורך, דארף ניט ברעכן די פראָפּאָרציעס און פארהעלטענישן צווישן די פראָדוקציע-צווײַגן, וואָס וואָלטן זיך געשאפן, ווען קיין פלאן וואָלט ניט געווען. ניט צופעליק איז דעריבער דער קאמף פון די רעכטע קעגן דעם פינפיאָריקן פלאן, ניט צופעליק איז דער אומשטאנד, אז ווען די פארטיי איז צוגעטראָטן צו דער מאסנווײַזער קאָלעקטיוויזאציע, דה. צו פארײַניקן די קליינע ווירטשאפטן אין גרויסע און דערמיט גופע צו ענדערן דעם עצעם טיפ פון דער פּ ר אָ ד ו ק צ י ע אין דער לאנדווירטשאפט, האָבן די רעכטע אָפּאָרטוניסטן דער-קלערט א קאמף דער דאָזיקער פּאָליטיק פון דער פארטיי: די דאָזיקע פּאָליטיק צע-שטערט, קלוימערשט, דאָס נויטווענדיקע גלײַכגעוויכט צווישן דער לאנדווירטשאפט און דער אינדוסטריע, זי איז אויוועק אף דעם אלגעמיינעם „געזעץ פון דער ארבעט-פארוועגדונג".

אין דער ווירקלעכקײַט האָט די דאָזיקע גלײַכגעוויכט-טעאָריע „אָביעקטיוו אלס איר ציל צו באשיצן די פּאָזיציעס פון דער אינדיווידועלער פויערשער ווירטשאפט, באוואָפענען די באלעבאטישע עלעמענטן מיט א „נײַעם" טעאָרעטישן געווער אין זייער קאמף קעגן די קאָלווירטן און דיסקרעדיטירן די פּאָזיציעס פון די קאָלווירטן" (ס ט א-ל י נ, „פראגעס פון לעניניזם", זײַט 444).

דאָס מעכאניסטישע באנעמען די אבסטראקט-מענטשלעכע ארבעט און דער „גע-זעץ פון ארבעט-פארוועגדונג" און די גלײַכגעוויכט-טעאָריע, וואָס זײַנען דערמיט פארבונדן, שטעלן מיט זיך פאָר אן אָפּלייקענונג פון די ווידערשפּרוכן, וואָס זײַנען אינערלעך כאראקטעריסטיש פאר דער סכוירע-פראָדוקציע און וואָס פירן זי אפן וועג פון דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג.

דער אומשטאנד, וואָס דער קליינער סכוירע-פראָדוצירער איז א האָרעפּאשניק, איז אומגעהייער וויכטיק פאר דער גאנצער פּאָליטיק פון דער פּראָלעטארישער דיק-טאטור. אָט פונדאנען טאקע דרינגט ארויס די מעגלעכקײַט פון א בונד פונעם ארבע-טער-קלאס מיטן מיטלפויערטום און די מעגלעכקײַט סאָציאַליסטיש איבערצואנדערשן די קליינע סכוירע-פראָדוקציע. אָבער אין דער זעלבער צײַט איז די ארבעט פונעם קליינעם סכוירע-פראָדוצירער ניט סטאם אן ארבעט, נאָר אן ארבעט פון א פּריוואט-אייגנטימער. מע קאָן זיך ניט „אבסטראהירן" פון דער דאָזיקער געזעלשאפטלעכער ארבעט-פאָרם, מע קאָן ניט ניט זען זי, ווײַל גראָד דערין ליגט דער וואָרצל פון דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג-טענדענץ פון דער איינפאכער סכוירע-ווירטשאפט.

עס איז אבסאָליוט אנטימארקסיסטיש די פאָרשטעלונג וועגן עפּעס אן אייביקן, אומפארענדערלעכן, וואָס איז גילטיק פאר אלע צײַטן און בא אלע פעלקער, „געזעץ פון ארבעט-פארוועגדונג", וואָס בײַט בלויז זײַן פאָרם. די פאָרם קאָן זיך ניט ענדערן, אָדער פארשוווּנדן ווערן, אויב עס האָט זיך ניט געענדערט דער עצעם אינהאלט. אין יעסאָד פון דער סכוירע-פראָדוקציע ליגט דאָס פּריוואט-אייגנטום אף די פּראָדו-ציר-מיטלען, און אין יעסאָד פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע — דאָס געזעל-

שאפטלעכע אייגנטום. די סכוירע-פראָדוקציע און די סאָציאַליסטישע זײַנען לויט זייער טיפ קעגנזעצלעכע איינע דער אנדערער. דעריבער קאָן די סאָציאַליסטישע איבעראנדערשונג פון דער קליינער סכוירע-פראָדוקציע פאָרקומען בלויז אין קאמפ קעגן אירע קאפיטאליסטישע טענדענצן. די דאָזיקע איבעראנדערשונג קאָן ניט פאָרקומען סטיכייִש, מיט זעלבשטראָם. שטיצנדיק זיך אפן ארבעט-כאראקטער פון דער קליינער ווירטשאפט, פירט די פראָלעטארישע מעלוכע א קאמפ (אויסנוצנדיק דערביי אויך די סכוירעדיקע געלט-פאָרם פון פארבינדונג און אופווירקונג) קעגן אירע קאפיטאליסטישע טענדענצן און ציט ארײַן די מאסע קליינע סכוירע-פראָדוצירער אין קאמף קעגן די קאפיטאליסטישע עלעמענטן, וואָס ווערן געשאפן פון דער קליינ-פראָדוקציע.

„דער בונד פונעם ארבעטער-קלאס מיטן פויערטום קאָן זײַן פעסט נאָר אין דעם פאל, אויב ער באזירט זיך אפן קאמף קעגן די זעלבע קאפיטאליסטישע עלעמענטן, וואָס דאָס פויערטום טיילט אויס פון זיך" (סטאלין, „פראגעס פון לענינין זם", זײַט 403).

מיר זעען אזויארום, אז די באשטימענדיקע אנטוויקלונג-קראפט אין דער איבערגאנג-עקאָנאָמיק איז די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט, וואָס ריכטעט אקטיוו די גאנצע באוועגונג צום סאָציאַליזם. יעדער פרווו ווידער· צו שאפן אוועלכנ-ניט-איז געזעצ פון דער באוועגונג פון דער איבערגאנג-עקאָנאָמיק, וואָס ווירקט אויסער אָדער קעגן דער פראָלעטארישער דיקטאטור, הייסט אָפּלייקענען די היסטאָרישע ראָליע פון דער פראָלעטארישער דיקטאטור, הייסט א קאמף קעגן דער סאָציאַליסטישער בויונג און דער דיקטאטור פון פראָלעטאריאט.

געלט

די מאָס פונ ווערט

אינעמ געלט דריקנ אלע סכוירעס אויס זייער ווערט. פונדאנענ שטאמט די פונקציע פונ געלט אלס מאָס פונ ווערט פאר אלע סכוירעס. דער ווערט פונ די סכוירעס ווערט געמאָסטנ מיט זייער פרײַז. אָבער דער דאָזיקער געלט-אויסדרוק פונ ווערט איז, ווי מיר האָבנ שוינ געזענ, בלויז א רעלאטיווער אויסדרוק.

מיט דער אנטשטייונג פונ געלט ווערנ די סכוירעס צוגעגליכנ איינע צו די אנדערע שוינ ניט דירעקט, נאָר מיט דער הילפ פונ געלט. אָבער ניט בלויז דאָס צוגלײַכנ די סכוירעס, נאָר אויכ דער עצעמ אויסטויש הייבט אָנ פאָרקומענ מיט דער הילפ פונ געלט.

דער דירעקטער סכוירע-אויסטויש, וואָס קומט פאָר אפ די אָנפאנגלעכע אנטוויקלונג-סטאדיעס פונ דער סכוירע-פראָדוקציע, ווערט מיט דער אנטשטייונג פונ געלט פארוואנדלט אינ א קויפ-פארקויפ, אינ א סכוירע-צירקוליאציע. אינ דער דאָזיקער סכוירע-צירקוליאציע פילט אויס דאָס געלט די פונקציע פונ א צירקוליאציע-מיטל.

סכוירע-צירקוליאציע. געלט אלס צירקוליאציע-מיטל

באמ דירעקטנ סכוירע-אויסטויש קומט פאָר דער עצעמ טויש-אקט יעדעס מאָל בלויז צווישנ צוויי סכוירע-באזיצער. לעמאָשל, באמ אויסטוישנ שטיוול אפ ברויט גיט דער שוסטער אָפּ די שטיוול דעמ פויער אונ דער פויער גיט אָפּ דאָס ברויט דעמ שוסטער. די דאָזיקע טויש-אָפּעראציע איז ניט פארבונדנ מיט אנדערע טויש-אָפּעראציעס, וואָס קומענ פאָר צווישנ אנדערע סכוירע-פראָדוצירער. יעדער טויש-אקט איז אינגאנצנ איזאָלירט פונ אלע איבעריקע טויש-אקטנ.

ווענ עס אנטשטייט געלט, ווערט די פארבינדונג צווישנ די סכוירע-פראָדוצירער אנ אלוײַטיקע, יעדע טויש-אָפּעראציע צווישנ וועלכע-ניט-איז צוויי סכוירע-פראָדוצירער איז פארבונדנ מיטנ גאנצנ סכומ טויש-אָפּעראציעס צווישנ די איבעריקע סכוירע-פראָדוצירער. לעמאָשל, דער שוסטער פארקויפט זײַנע שטיוול אונ פארנ באקומענעמ געלט קויפט ער באמ פויער ברויט. ער האָט פארוואנדלט צוערשט זײַנ סכוירע אינ געלט אונ נאָכדעמ האָט ער דאָס געלט פארוואנדלט אינ אנ אנדער סכוירע. די דאָזיקע פארוואנדלונג קאָנענ מיר פאָרשטעלנ אפ אזא אויפנ:

ס — ג — ס,

וו מ באטײַט סכוירע און ג געלט.

פונעם שוסטערס שטאנדפונקט איז די זאך פולשטענדיק אלציינס, ווי ער וואָלט דירעקט אויסגעביטנ די שטיוול אפ ברויט. אָבער אינ דערווירקלעכקײַט, ווענ מיר נעמענ די דאָזיקע פארוואנדלונג פונ שטיוול אינ געלט און נאָכדעם פונעם געלט אינ ברויט, אונטערשיידט זי זיך אפ א וועזנטלעכנ אויפנ פונ דירעקטנ אויסטוישנ די שטיוול אפ ברויט. לאָמיר זיך פאָרשטעלנ, אז ער האָט פארקויפט די שטיוול א וועבער. פונוואנענ האָט דער וועבער גענומענ געלט אפ קויפנ די שטיוול? עס איז קלאָר, אז איידער ער האָט געקויפט די שטיוול האָט דער וועבער געמוזט פארקויפנ עמעצנ זײַנ סכוירע, לאָמיר זאָגנ, לײַוונט. הייסט עס, אז דער שוסטער קאָנ פארקויפנ זײַנ סכוירע בלויז בא דעם באדינג, אז דער וועבער זאָל פריִער פארקויפנ זײַנ לײַוונט. לאָמיר גייג נאָך ווײַטער — דער וועבער האָט עמעצנ פארקויפט זײַנ לײַוונט; דאָס הייסט, אז דער קוינע פונעם לײַוונט דארפ, איידער ער קויפט די לײַוונט, פארקויפנ זײַנ סכוירע אאוו. אאוו. און ענדלעכ, דער פויער, וואָס פארקויפט דאָס ברויט דעם שוסטער, וועט קויפנ די סכוירע, וואָס איז אים נייטיק, בא אנ אנדער סכוירע-פראָדוצירער.

מיר זעענ, אז באם קויפ און פארקויפ פונ סכוירעס ווערט געשאפנ אנ אלזײַטיקע אָפהענגיקײַט פונ אלע סכוירע-פראָדוצירער. פאר יעדנ סכוירע-פראָדוצירער איז די פארוואנדלונג פונ זײַנ סכוירע אינ געלט און פונעם געלט אינ אנדער סכוירע א פארענדיקטער קרײַזלויפ: די באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבנ פונ סכוירע און ענדיקט זיך מיט סכוירע (שטיוול — געלט — ברויט). אָבער באם שוסטער איז די פארוואנדלונג פונ די שטיוול אינ געלט דער אָנהייב פונעם קרײַזלויפ, און באם וועבער, וואָס קויפט די דאָזיקע שטיוול, איז דאָס די פארענדיקונג פונעם קרײַזלויפ פאר זײַנ סכוירע — פארנ לײַוונט.

אזויארום איז דער קרײַזלויפ פונ יעדער באזונדערער סכוירע פעסט צונויפגעפלאָכטנ מיט די קרײַזלויפנ פונ אלע איבעריקע סכוירעס. דער דאָזיקער גאנצער באוועגונג-פראָצעס פונ די סכוירעס אינ זייער קעגנזײַטיקער פארבינדונג און אָפהענגיקײַט רופט זיך סכוירע-צירקוליאציע. אינעם דאָזיקנ פראָצעס פילט אויס דאָס געלט די פונקציע פונ א מיטל פונ דער סכוירע-צירקוליאציע.

בא דער סכוירע-צירקוליאציע איז שוינ יעדע אָפעראציע צווישנ צוויי סכוירע-פראָדוצירער, פונקט פארקערט, ווי אינ דירעקטנ סכוירע-אויסטויש, ניט איזאָלירט און ניט אומאָפהענגיק פונ די אָפעראציעס צווישנ אנדערע סכוירע-פראָדוצירער.

אזויארום ווערנ בא דער סכוירע-צירקוליאציע פארפעסטיקט און פארקאָמפליצירט די פארבינדונגענ צווישנ די סכוירע-פראָדוצירער. „דער סכוירע-אויסטויש דריקט אויס די פארבינדונג צווישנ די איינצלנע פראָדוצירער דורכנ מארק. דאָס געלט באטײַט, אז די דאָזיקע פארבינדונג ווערט אלץ ענגער, פעסט פארייניקנדיק דאָס גאנצע ווירטשאפטלעכע לעבנ פונ די איינצלנע פראָדוצירער אינ איינ גאנצעס (לעניג, באנד XVI, ז. 351).

די מעגלעכקייַטנ פונ קריזיסנ

באַם דירעקטנ סכוירע-אויסטויש פאַלנ דער קויפ און פאַרקויפ צונויפ. ווענ דער שוסטער טוישט אויס שטיוול אפ ברויט, איז דאָס פאַרקויפנ די שטיוול באַטייַט בא אים גלייַכצייַטיק קויפנ דאָס ברויט, און דעם פויערס פאַרקויפנ דאָס ברויט באַטייַט קויפנ גלייַכצייַטיק שטיוול. כוצ דעם איז דער דאָזיקער טויש-אַקט צווישנ דעם שוסטער און דעם פויער, ווי מיר האָבנ שויג פריִער געזענ, מיט גאָרניט ניט פאַרבונדנ מיט די טויש-אָפּעראַציעס, וואָס עס מאַכנ אַנדערע סכוירע-פּראָדוצירער. דעריבער איז אויב אַוועלכער-ניט-איז אַנדערער סכוירע-פּראָדוצירער, לעמאָשל, דער וועבער, קאָנ ניט אויסטוישנ זייַנ סכוירע, וועט זיכ דאָס אַבסאָליוט ניט אָפּרופנ אפנ אויסטויש פונ די שטיוול און ברויט.

אַנדערש איז בא דער סכוירע-צירקוליאַציע. אויב דער וועבער וועט ניט קאָנענ פאַרקויפנ זייַנ לייַוונט, וועט ער ניט קאָנענ קויפנ קיינ שטיוול, דער שוסטער וועט, הייסט עס, ניט קאָנענ פאַרקויפנ די שטיוול און דער פויער וועט ניט קאָנענ פאַרקויפנ דעם שוסטער זייַנ ברויט. אויב אינ אַוועלכנ-ניט-איז פונקט פונ דער סכוירע-צירקוליאַציע ווערט אָפּגעשטעלט דער קרייַזלויפ פונ א סכוירע, שטעלט עס אויכ אָפּ אַלע איבעריקע קרייַזלויפנ פונ די סכוירעס, וואָס זייַנענ מיט אים פאַרבונדנ.

בא דער סכוירע-צירקוליאַציע, פאַרקערט, ווי באַם דירעקטנ אויסטויש, קומט פאָר אַנ אָפּזונדערונג צווישנ דעם קויפ און פאַרקויפ: ערשטנס, ווערט די סכוירע פאַרקויפט איינ פערזאָנ און ווערט געקויפט בא אַנ אַנדער פערזאָנ (לעמאָשל, דער שוסטער פאַרקויפט די שטיוול דעם וועבער און קויפט ברויט באַם פויער), צווייטנס, ווערט די סכוירע פאַרקויפט ניט גלייַכצייַטיק, ווי עס ווערט געקויפט די צווייטע סכוירע, נאָר איידער זי ווערט געקויפט (דער שוסטער קויפט דאָס ברויט נאָכ דעם, ווי ער האָט פאַרקויפט די שטיוול). צוליב דעם ווערט געשאַפנ א מעגלעכקייַט ניט צו קויפנ גלייַכ נאָכנ פאַרקויפ: דער וועבער קאָנ פאַרקויפנ די לייַוונט, אָבער אָפּלייגנ אפ א לענגערער צייַט דאָס קויפנ די שטיוול. אינ רעזולטאַט וועט דער שוסטער, וואָס האָט איצט ניט פאַרקויפט זייַנ סכוירע, ניט קאָנענ קויפנ קיינ ברויט: דער שוסטער און דער פויער בלייַבנ מיט ניט פאַרקויפטער סכוירע. פאַרבינדנדיק אַזוי-אַרום אינ איינ גאַנצעס אַלע ווירטשאַפטנ פונ די סכוירע-פּראָדוצירער, שאַפט גלייַכצייַטיק דאָס געלט די מעגלעכקייַט צו צעשטערנ די דאָזיקע פאַרבינדונג. צוליב דעם, וואָס עס אַנטוויקלט זיכ די פונקציע פונ געלט אַלס צירקוליאַציע-מיטל, ווערט געשאַפנ די מעגלעכקייַט פונ אַזעלכע דערשיַינונגענ, ווי קריזיסנ, וואָס זייַנענ געווענ אומעגלעכ באַם דירעקטנ סכוירע-אויסטויש.

געלט אַלס אוצער

ווענ דאָס געלט פילט אויס די פונקציע פונ א צירקוליאַציע-מיטל, גייט עס יעדעס מאָל אַרויס פונ דער צירקוליאַציע, קעדיי גלייַכ צוריק אַרייַנצוטרעטנ אינ איר. ווענ דער שוסטער פאַרקויפט די שטיוול, קעדיי צו קויפנ ברויט, גייט דאָס געלט באַם קויפנ די שטיוול אַרויס פונ דער צירקוליאַציע און באַם קויפנ דאָס ברויט טרעט עס צוריק אַרייַנ אינ דער צירקוליאַציע. אָבער אויב נאָכנ פאַרקויפנ קומט ניט גלייַכ דאָס קויפנ, פאַרבלייַבט דאָס געלט באַם שוסטער אינ די הענט און עס פונקציאָנירט ניט אַלס צירקוליאַציע-מיטל. דאָס געלט ווערט אפ א מער-ווייניקער דויערנדיקער צייַט אַרויסגענומענ פונ דער צירקוליאַציע.

געלט, ווי מיר האָבן געזען (זע ז. 42), איז די אבסאָליוטע פאָרם פון רײַכטום אין דער סכוירע־געזעלשאַפט. אז מע האָט געלט, קאָן מען קויפן יעטווידע סכוירע. ווען מע פארקויפט די סכוירע ניט מיטן צוועק צו קויפן אן אנדער סכוירע, נאָר מיטן צוועק אופצוהיטן דעם ווערט — די פארזאכלעכטע מענטשלעכע אַרבעט — אין דער פאָרם פון געלט, פילט דעמלט דאָס געלט אויס די פונקציע פון אן אויצער.

שוין אפ די ערשטע אנטוויקלונג־שטופעס פון דער סכוירע־פּראָדוקציע איז אופגעקומען די גיריקײַט אָנצוזאמלען געלט מיטן צוועק צו שאפן אויצרעס אלס אזעלכע. אָבער צוזאמען מיט דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער סכוירע־פּראָדוקציע און פון דער צירקוליאציע ווערט די פונקציע פון געלט אלס אויצער א נויטווענדיקײַט, וואָס דרינגט ארויס פון די עצעם באדינגונגען פון דער סכוירע־פּראָדוקציע. די פּראָדוקציע פון א סאך מינים רעזערוו, באזונדערס פון לאנדווירטשאפטלעכע רעזערוו, טראָגט א סעזאָן־כאראקטער. די סכוירע־פּראָדוצירער, וואָס נייטיקן זיך אין דעם דאָזיקן רעזערוו, מוזן דעריבער קעסיידער אָנזאמלען א רעזערוו פון געלט אפ אײַנצוקויפן דאָס דאָזיקע רעזערוו. א געוויסע סומע געלט מוז זײַן אלס רעזערוו אויך אפ דעם פאל, טאָמער וועלן שטײַגן די פרײַזן אפ די פּראָדוציר־מיטלען: ליגנדיק אלס געלט־רעזערוו, פילט דאָס געלט אויס די פונקציע פון אן אויצער.

געלט אלס צאָלונג־מיטל

מיט דער אנטוויקלונג פון דער סכוירע־פּראָדוקציע קומט אופ און אנטוויקלט זיך די פונקציע פון געלט אלס צאָלונג־מיטל. דאָס געלט פילט אויס די פונקציע פון א צאָלונג־מיטל אינעם פאל, ווען די סכוירע ווערט פארקויפט אפ באָרג, אין קרעדיט. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז דער שוסטער פארקויפט דעם פויער שטיוול אפ באָרג און אז דער פויער פארפליכטעט זיך צו באצאָלן אים צו א באשטימטן טערמין נאָכן אראָפּנעמען די גערעטעניש און נאָכן פארקויפן דאָס ברויט. באם דאָזיקן פארקויף אפ באָרג פילט דאָס געלט ניט אויס די פונקציע פון א צירקוליאציע־מיטל, ווײַל די סכוירע — די שטיוול — גייט אריבער צום פויער אין די הענט אָן דער הילף פון געלט. ווען עס קומט אָן דער אָפּגערעדטער טערמין, דארף דער פויער באצאָלן די סומע, וואָס קומט פון אים, דערבײַ איז דאָס דאָזיקע געלט א צאָלונג־מיטל.

ווען ער קויפט די סכוירע אפ באָרג, איז שוין דער באלכויוו געצוווּנגען צו פארקויפן זײַן סכוירע צו א באשטימטן טערמין, ווײַל ער איז מעכוייעוו צום באשטימטן טערמין אָפּצאָלן זײַן כויוו. צי דער פויער וויל, צי ער וויל ניט, מוז ער פארקויפן זײַן ברויט, ווײַל אנדערש וועט ער ניט קאָנען באצאָלן צו דער צײַט דעם שוסטער. לאָמיר ווײַטער גיין: דער שוסטער, וואָס האָט פארקויפט אפ באָרג די שטיוול, האָט געקויפט בא א גארבער לעדער אויך אפ באָרג און האָט זיך פארפליכטעט צו באצאָלן דעמלט, ווען דער פויער וועט אים באצאָלן פאר די שטיוול, וועלכע דער דאָזיקער פויער האָט בא אים געקויפט אפ באָרג. לאָמיר זיך ווײַטער פאָרשטעלן, אז דער גארבער פון זײַן זײַט קויפט די סכוירעס, וואָס זײַנען אים נייטיק, אויך אפ באָרג, אויסרעכענענדיק, אז צום באשטימטן טערמין וועט ער באקומען באצאָלט פונעם שוסטער. עס ווערט, אזויארום,

געשאַפנ אַ רינג פונ כויוו-פאַרפליכטונגענ, וואָס פאַרבינדנ נאָכ ענגער די סקוירע-פּראָדוצירער. אײנעם פאַל, אויב באַם פּויער אַפ די פעלדער וועט זײַנ אַנ אומגערעטעניש, אָדער ער וועט צומ טערמינ ניט קאָנענ פאַרקויפנ זײַנ ברויט אַפ דעמ פּרײַז, וואָס איז אים נייטיק, וועט ער דעמלט ניט קאָנענ באַצאָלנ זײַנ כויוו דעמ שוסטער, דער שוסטער וועט ניט קאָנענ באַצאָלנ דעמ גאַרבער און דער גאַרבער וועט ניט קאָנענ באַצאָלנ זײַנע קרעדיטאָרנ.

די פונקציע פונ געלט אַלס צאָלונג-מיטל פאַרשטאַרקט די מעגלעכקײַט פונ אַ קריזיס. אײַב, לעמאָשל, דער באַלכויוו באַצאָלט ניט זײַנ כויוו דעמ קרעדיטער, איז דער קרעדיטער ניט אימשטאַנד צו קויפנ די פּראָדוציר-מיטלענ און געברויכ-זאַכנ, וואָס זײַנענ אים נייטיק און וואָס פאַרבלײַבנ, אַזויאַרומ, ניט פאַרקויפט.

באַ דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ דער סקוירע-פּראָדוקציע, ד.ה. ווענ זי פאַרוואַנדלט זיכ אינ אַ קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, ווערט די מעגלעכקײַט פונ קריזיסנ פאַרוואַנדלט אינ דער נייטיקײַט פונ קריזיסנ.*

אַלוועלטלעכ געלט

אינ די גרענעצנ פונ יעדנ לאַנד האָט דאָס געלט די פאָרמ פונ באַשטימטע מאַטבייעס — רובלענ, מאַרקנ, פראַנקנ אאַוו. יעדע מאַטבייע שטעלט פאָר אַ געוויסנ סכומ גאָלד אָדער זילבער, אַ פעסטגעשטעלטנ דורכ דער מעלוכע-מאַכט. ווי מיר וועלנ ווײַטער זענ, קאָנענ די דאָזיקע מאַטבייעס פאַרביטנ ווערנ אינ דער צירקוליאַציע מיט פּאַפּיר-געלט אָדער קרעדיט-געלט. אָבער אינעמ צווישנפעלקערלעכנ האַנדל און אינ די צווישנפעלקערלעכע כעזשבוינעס פאַרלירנ די מאַטבייע-אייגנסנ, וואָס זײַנענ אײַנגעשטעלט אינ יעדנ לאַנד, זייער באַדײַטונג, און דאָס געלט טרעט דאַנ אַרויס אינ דער פאָרמ פונ גוסשטיקער פונ די איידעלע מעטאַלנ — גאָלד און זילבער. דאָ פילנ זיי אויס די פונקציע פונ *אַלוועלטלעכ געלט*.

דער סכומ געלט, וואָס איז נייטיק פאַר צירקוליאַציע

מיר האָבנ געזענ, אַז דאָס געלט צירקולירט אינ צוויי פונקציעס: אינ דער פונקציע פונ אַ צירקוליר-מיטל און אינ דער פונקציע פונ אַ צאָלונג-מיטל. אָבער וואָס באַשטימט דעמ אַלגעמיינעמ געלט-סכומ, וואָס איז נייטיק פאַר צירקוליאַציע? זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אַז דער דאָזיקער סכומ איז ניט עפּעס אַנ אומפאַרענדערלעכע גרייס, ער איז אָפּהענגיק פונ אַ גאַנצער ריי פאַקטאָרנ. די גרונט-פאַקטאָרנ, וואָס באַשטימענ דעמ סכומ צירקולירנדיק געלט, זײַנענ פאָלגנדיקע:

1. *די סומע פּרײַזנ פונ די סקוירעס, וואָס ווערנ פאַרקויפט.* וואָס מער סקוירעס עס ווערנ פאַרקויפט אָדער רעאַליזירט אינעמ געגעבענעמ לאַנד און אינ דער געגעבענער צײַט, אַלצ מער געלט דאַרפ מענ פאַר זייער רעאַליזירונג. עס איז פולשטענדיק קלאָר, אַז קעדיי צו פאַרקויפנ פאַר מעזומענ אַ מאַסע סקוירעס, וואָס די פּרײַזנ זייערע באַטרעפנ סאַכאַקל 100 מיליאָנ רובל, וועט זיכ פאָדערנ אינ צוויי מאָל וויניקער געלט, איידער אינעמ פאַל, ווענ אַפנ מאַרק ווערט פאַרקויפט אַ מאַסע סקוירעס אַפ 200 מיליאָנ רובל.

2. *די שנעלקײַט פונ דער געלט-צירקוליאַציע.* אויב דער וווּקס

* אַ גענויע אָפּהאַנדלונג פונ דער טעאָריע וועגנ קריזיסנ גיבנ מיר ווײַטער, אינעמ קאַפּיטל X.

פונ דער סומע סכוירע-פרײַזנ רופט ארויס א וווקס פונעם סכום צירקולירנדיק געלט, פארקלענערט די פארשנעלערונג פונ דער געלט-צירקוליאציע דעם דאָזיקנ סכום געלט. לאָמיר נעמענ פאָלגנדיקנ בײַשפּיל: לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז אפנ מארק ווערנ פארקויפט 5 וועלכע-ניט-איז סכוירעס צו 5 רובל יעדערע, לאָמיר זאָגנ, 5 פוד ברויט, 1 פאָר שטיוול אונ צענ ארשינ לײַוונט. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז יעדערער פונ די דאָזיקע פארקויפנ איז ניט פארבונדנ מיט די איבעריקע צוויי. לעמאָשל, A פארקויפט B ברויט, C פארקויפט D שטיוול אונ E פארקויפט F לײַוונט. אינעם דאָזיקנ פאל גייט דורכ יעדע מאטבייע בלויז איינ מאָל פונ האנט צו האנט, דה. זי מאכט איינ אומלויפ. דער סכום צירקולירנדיק געלט וועט זײַנ גלײַכ צו דער סומע סכוירע-פרײַזנ, דה. 15 רובל.

איצט לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז די דאָזיקע אלע דרײַ פארקויפנ פלעכטנ זיכ דורכ צווישנ זיכ אזוי, אז A פארקויפט B ברויט אונ פאר די באקומענע 5 רובל קויפט ער שטיוול בא C, C, ווידער, קויפט לײַוונט בא E. אינעם דאָזיקנ פאל זײַנענ די סכוירעס, וואָס זייער סומע האָט באטראָפנ 15 רובל, רעאליזירט געוואָרנ מיט דער הילפ פונ איינ פינפרובלדיקער מאטבייע. דאָס איז דערפאר, ווײַל דאָס געלט האָט דאָ געמאכט דרײַ אומלויפנ, עס איז דרײַ מאָל אריבער פונ האנט צו האנט: פונ B צו A, פונ A צו C אונ פונ C צו E. פונדאנענ קאָנ מענ מאכנ דעם אויספיר, אז וואָס גרעסער עס איז די שנעלקײַט פונ דער געלט-צירקוליאציע, אלצ קלענער וועט זײַנ דער סכום געלט, וואָס צירקולירט.

3. *פארקויפ אינ קרעדיט*. אינ יעדנ געגעבענעמ מאָמענט ווערנ פארקויפט סכוירעס ניט בלויז פאר מזומנ, נאָר אויכ אינ קרעדיט. דאָס פארקלענערט דעמ סכום געלט, וואָס איז נייטיק אפ רעאליזירנ די סכוירעס.

4. *די סומע צאָלונגענ, וואָס זייער טערמינ איז אָנגעקומענ*. גלײַכצײַטיק מיטנ פארקויפנ אינ קרעדיט א ריי סכוירעס קומענ אָנ די צאָלונג-טערמינענ פאר די פריער געמאכטע פארקויפנ אינ קרעדיט אונ אפ דער אנטשפּרעכיקער סומע דארפ פארגרעסערט ווערנ דער סכום געלט, וואָס צירקולירט.

5. *קעגנזײַטיק-דעקנדיקע צאָלונגענ*. א טייל צאָלונגענ קאָנ געדעקט ווערנ אָנ דער הילפ פונ געלט. לעמאָשל, A איז שולדיק B 10 רובל. B, ווידער, איז שולדיק C 10 רובל, C איז שולדיק D 10 רובל אונ D איז שולדיק A 10 רובל. די סומע צאָלונגענ איז דאָ 40 רובל, אָבער עס איז קלאָר, אז זיי קאָנענ געדעקט ווערנ דורכ אנ איינפאכער קעגנשטעלונג פונ די כויוועס אָנ געלט. פונדאנענ איז דער אויספיר, אז וואָס מערער עס איז פאראנ קעגנזײַטיק-דעקנדיקע צאָלונגענ, אלצ ווייניקער איז דער סכום צירקולירנדיק געלט.

אָט דאָס זײַנענ די *גרונט*-פאקטאָרנ, וואָס באשטימענ דעם אלגעמיינעמ געלט-סכום, וואָס איז נייטיק פאר צירקוליאציע. וואָס גרעסער עס איז די סומע סכוירע-פרײַזנ, וואָס ווייניקער עס איז די שנעלקײַט פונ דער געלט-צירקוליאציע, וואָס ווייניקער פארקויפנ עס זײַנענ געמאכט געוואָרנ אינ קרעדיט, וואָס מער כויוועס-צאָלונגענ עס זײַנענ פאראנ, וואָס ווייניקער קעגנזײַטיק-דעקנדיקע צאָלונגענ, — אלצ גרעסער וועט זײַנ די געלט-סומע, וואָס איז נייטיק פאר צירקוליאציע.

ווענ אינ דער צירקוליאציע געפינט זיכ בלויז גאָלד- אונ זילבער-געלט, איז אינעם פאל,

ווען עס פאַרקלענערט זיך דער אַלגעמיינער סכום געלט, וואָס איז נייטיק פאַר דער צירקוליאַציע, וועט דאָס איבעריקע געלט אַוועקגיין פון דער צירקוליאַציע. אויב אין דער צירקוליאַציע איז געווען 1 מיליאַרד רובל גאָלד-געלט, נאָך דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נייטיק, לאָמיר זאָגן, 800 מיליאָן רובל, וועט דער רעשט 200 מיליאָן רובל ניט ברענגען צו העכערן די סכוירע-פּרייזן. דער פּרייז איז דער געלט-אויסדרוק פון ווערט, ער איז אָפּהענגיק פונעם סכוירע-ווערט, פונעם גאָלד-ווערט. סיי דער סכוירע-ווערט און סיי דער גאָלד-ווערט איז אָפּהענגיק פון דעם סכום אַרבעט, וואָס איז פאַרוואַנדט געוואָרן אָפּ פּראָדוצירן זיי. ווען מע וואָלט פאַר איין און דער זעלבער גאָלדענער מאַטבייע געקומען געבן ווייניקער סכוירע ניט דערפאַר, ווייל ס'האָט זיך פאַרגרעסערט דער ווערט פון דער סכוירע אָדער ס'האָט זיך פאַרקלענערט דער ווערט פונעם גאָלד, נאָר דערפאַר, ווייל אין אומלויף האָט זיך אַרויסגעוויזן אָפּ 200 מיליאָן רובל מער, איידער ס'איז נייטיק, וואָלט דער דאָזיקער רעשט אַוועקגיין פון דער צירקוליאַציע. אַנדערש וועט אָבער זיין די לאַגע, ווען אין דער צירקוליאַציע געפינט זיך פּאַפּיר-געלט.

פּאַפּיר- און קרע־דיט־געלט

פּאַפּיר-געלט אַנטשטייט פון דער פונקציע פונעם געלט אַלס צירקוליאַציע-מיטל. אין דער דאָזיקער פונקציע גייט דאָס געלט קעסיידער אַריבער פון האַנט צו האַנט, באַדינענדיק די באַוועגונג פון די סכוירעס דער דאָזיקער אויגנבליקלעכער כאַראַקטער פון דער געלט-פונקציע אַלס צירקוליאַציע-מיטל ברענגט דערצו, אַז דאָס אָרט פונעם גאָלדענעם געלט אין דער צירקוליאַציע פאַרנעמען איינפאַכע געלט-צייכנס — פּאַפּיר-געלט, וואָס ווערן אין דער צירקוליאַציע די שטעלפאַרטרעטער פונעם גאָלדענעם געלט.

פּאַפּיר-געלט לאָזט אַרויס די מעלוכע, דערביי פאַרפליכטעט זי זיך ניט אויסצובייטן עס אָפּ גאָלדן געלט. דאָס פּאַפּיר-געלט איז מיט גאָרניט באַוואָרנט און יעדערער איז מעכוייעו צו נעמען עס אָנשטאָט גאָלד-געלט. די מעלוכע לאָזט אַרויס פּאַפּיר-געלט, ווען אירע האַכנאָסעס (פון שטייערן און אַנדערע קוועלן) זיינען קלענער, איידער אירע הויצאָעס. אָט דעם דאָזיקן איבערפלוס פון די הויצאָעס לעגאַבע די אַכנאָסעס (דעפיציט) דעקט די מעלוכע מיט אַרויסלאָזן פּאַפּיר-געלט.

אויב פּאַפּיר-געלט איז אַרויסגעלאָזן אין אַזאַ סכום, וואָס שטייגט ניט איבער דעם סכום געלט, וואָס איז נייטיק פאַרן אומלויף, ווערט דאָס פּאַפּיר-געלט ניט אַנטווערט. לעמאָשל, אויב פאַרן אומלויף פאָדערט זיך גאָלד-געלט אָפּ 1 מיליאַרד רובל און אינעם אומלויף געפינט זיך אָפּ 1 מיליאַרד רובל פּאַפּיר-געלט, פאַרנעמט יעדער פּאַפּירענער רובל דאָס אָרט פון איין גאָלדענעם רובל. פאַר אַ פּאַפּירענעם רובל גיט מען פונקט אַזויפיל סכוירעס, וויפל מע וואָלט געגעבן פאַר אַ גאָלדענעם רובל. אויב אָבער באַ אַן אַלגעמיינער געלט-באַדערפעניש פון 1 מיליאַרד רובל וועט אַרויסגעלאָזט ווערן פאַרן אומלויף פאַר 2 מיליאַרד רובל פּאַפּיר-געלט, פאַרנעמען די דאָזיקע צוויי מיליאַרד רובל ניט דאָס אָרט פון צוויי מיליאַרד גאָלד, נאָר בלויז פון 1 מיליאַרד. וויבאַלד דאָס פּאַפּירענע געלט פאַרבייט דאָס גאָלדענע בלויז אינעם אומלויף, פאַרנעמט די מאַסע פּאַפּיר-געלט, פון וויפל זי זאָל ניט באַשטיין, בלויז דאָס אָרט פון דעם סכום גאָלד, וואָס פאָדערט זיך פאַרן אומלויף.

באַ אַ גאָלד-צירקוליאַציע גייט דער געלט-איבערפלוס אַוועק פון דעם אומלויף.

גאָלדענע געלט האָט א ווערט, עס קאָנ איבערגעשמאָלצנ ווערנ אינ גאָלדענע כפייצימ, עס קאָנ אײַנגעהיט ווערנ אלס אויצער. אָבער פאפיר-געלט האָט ניט קיינ ווערט (דער אבסאָליוט נישטיקער ווערט פונעמ דרוקנ דאָס פאפיר-געלט האָט ניט קיינ באַדײַטונג), פאפיר-געלט פילט בלויז אויס די פונקציע פונ א צירקוליאציע-מיטל. דעריבער גייט ניט אוועק דער איבערפלוס פאפיר-געלט פונעמ אומלויפ. אויב אינעמ אומלויפ איז פאַראנ 2 מיליארד רובל פאפיר-געלט אונ עס פאָדערט זיכ איינ מיליארד גאָלד, פארנעמענ די דאָזיקע צוויי מיליארד פאפיר-געלט דאָס אָרט פונ איינ מיליארד גאָלד-רובל, אונ יעדער פאפירענער רובל פארנעמט בלויז דאָס אָרט פונ 50 קאָפּעקעס גאָלד. די סכוירע, וואָס קאָסט איינ גאָלד-רובל, וועט פארקויפט ווערנ פאר 2 רובל פאפיר-געלט. עס איז פאָרגעקומענ א פאלנ פונעמ קורס פונ פאפיר-געלט, דה. עס איז געפאלנ דער סכומ גאָלד-געלט, וואָס מע גיט פאר פאפיר-געלט.

אויב די פונקציע פונ געלט אלס צירקוליאציע-מיטל רופט ארויס די באדערפעניש פונ פאפיר-געלט, ברענגט די פונקציע פונ געלט אלס צאָלונג-מיטל צו דער אנטשטייונג פונ קרעדיט-געלט. באמ פארקויפנ סכוירעס אינ קרעדיט גיט ארויס דער קוינע (באלכויוו) דעמ פארקויפער (קרעדיטער) א שריפטלעכע פארפליכטונג, אז ער וועט אינ אזא אונ אזא טערמינ באצאָלנ די סומע, וואָס קומט פונ אימ. די דאָזיקע פארפליכטונג רופט זיכ וועקסל. לעמאָשל, איוואנאָוו, וואָס האָט פארקויפט פעטראָוונ אפ באָרג פאר 100 רובל סכוירע, באקומט פונ אימ א וועקסל אפ 100 רובל, וואָס פעטראָוו פארפליכטעט זיכ צו באצאָלנ דעמ 1-טנ יאנוואר. איוואנאָוו, ווידער, וואָס קויפט סכוירעס בא פאוולאָוונ אונ האָט ניט קיינ מעזומענ געלט (ווײַל זײַנ סכוירע האָט ער פארקויפט אפ באָרג), פארפליכטעט זיכ אויכ צו באצאָלנ צומ 1-טנ יאנוואר. אָבער אָנשטאָט ארויסצוגעבנ פאוולאָוונ זײַנ וועקסל, גיט ער אימ אָפּ דעמ וועקסל, וואָס ער האָט באקומענ פונ פעטראָוונ ביטנײַ, אז פאוולאָוו זאָל דעמ 1-טנ יאנוואר באקומענ געלט ניט פונ איוואנאָוונ, נאָר פונ פעטראָוונ. פאוולאָוו, ווידער, קאָנ באצאָלנ מיטנ זעלבנ וועקסל זײַנ קרעדיטער אאוו. צירקולירנדיק אפ אזא מינ אויפנ, פילט אויס דער וועקסל די ראָליע פונ געלט.

מיט דער אנטוויקלונג פונ קרעדיט אונ פונ די בענק* ווערנ די וועקסלענ אלצ מער קאָנצענטרירט אינ די בענק. איוואנאָוו, וואָס האָט באקומענ פונ פעטראָוונ א וועקסל אפ 100 רובל, גיט אָפּ דעמ דאָזיקנ וועקסל דעמ באנק אונ באקומט פאר אימ געלט (דאָס רופט זיכ דיסקאָנט פונעמ וועקסל), אונ פעטראָוו, ווענ עס קומט דער צאָלונג-טערמינ, באצאָלט שוינ דעמ באנק. דער באנק, וואָס קאָנצענטרירט בא זיכ א סאכ פריוואטע וועקסלענ, קאָנ ארויסלאָזנ אינ אומלויפ זײַנע וועקסלענ, די אזויגערופענע באנק-בילעטנ אָדער באנקנאָטנ מיט א פארפליכטונג אויסבובײַטנ זיי צו יעטווידנ מאָמענט אפ גאָלדענע מאטבייעס.

דער באנק גיט ארויס האלוואָעס אונ דיסקאָנטירט די פריוואטע וועקסלענ דורכ די דאָזיקע באנקנאָטנ זײַנע. די באנקנאָטנ זײַנענ באוואָרנט אזויארומ מיט פריוואטע וועקסלענ. אויב די באלכויוועס פונעמ באנק באנקראָטירנ, קאָנ אויכ דער באנק ניט אָפּ-

---

* גענויער וועגנ בענק אינעמ קאפיטל VII.

צאָלנ פאר זײַנע באנקנאָטנ, ווענ מע שטעלט זיי אימ צו צומ צאָלנ. דעריבער שטעלט געוויינלעכ אײַנ דער געזעצ, אז די באנקנאָטנ דארפנ טיילווײַז זײַנ באוואָרנט מיט גאָלד. אינ אייניקע לענדער האָט בלויז דער מעלוכע-באנק דאָס רעכט ארויסצולאָזנ באנקנאָטנ.

אָבער אזויווי די באנקנאָטנ זײַנענ באוואָרנט מיט גאָלד בלויז טיילווײַז, אונ זייער גרונט-באוואָרענונג זײַנענ די פריוואטע וועקסלענ, איז אינ די קריזיס-באדינגונגענ, לעמאָשל, ווענ א סאכ קאפיטאליסטנ באנקראָטירנ, פארלירנ אינ א באדײַטנדיקער מאָס די וועקסלענ, וואָס געפינענ זיכ אינ באנק, זייער ווערט אונ דעריבער איז אויכ אומפארמײַדלעכ א גרעסערע אָדער קלענערע אנטווערטונג פונ די באנקנאָטנ אונ זייער קורס פאלט דערבײַ. בא געוויסע באדינגונגענ ווערנ די באנקנאָטנ פארוואנדלט אינ פאפיר-געלט, וואָס זײַנענ מיט גאָרניט באוואָרנט. אזוי איז געווענ אינ דער צײַט פונ דער וועלט-מילכאָמע, אינ די יאָרנ 1914 — 1918, אונ עטלעכע יאָר נאָכ איר. אפ דעקנ זייערע קאָלאָסאלע אויסגאבנ האָבנ די רעגירונגענ פונ די מילכאָמע-האלטנדיקע מעלוכעס ארויסגעלאָזנ דורכנ מעלוכע-באנק א סאכ באנקנאָטנ. הגאם אפ די דאָזיקע באנקנאָטנ איז אפילע געווענ אָנגעשריבנ, אז זיי זײַנענ אינ אזא אונ אזא מאָס באוואָרנט מיט גאָלד אונ אז דער באנק איז מעכויעוו אויסצובײַטנ זיי אפ גאָלד-געלט, איז אָבער דער אויסטויש פונ די באנקנאָטנ אפ גאָלד, דורכ די ספּעציעלע געזעצנ, וואָס זײַנענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ בייס דער מילכאָמע, אָפּגעשטעלט געוואָרנ, אונ פאקטיש זײַנענ די באנקנאָטנ פארוואנדלט געוואָרנ פונ באוואָרנט קרעדיט-געלט אינ ניט באוואָרנט פאפיר-געלט.

אינפליאציע

דאָס ארויסלאָזנ פאפיר-געלט אינ אזא מאָס, וואָס שטײַגט איבער דעמ סכומ גאָלד-געלט, וואָס איז נייטיק פארנ אומלויפ, רופט זיכ אָנ אינפליאציע. בא אינפליאציע מוז אומפארמײַדלעכ פאלנ דער קורס פונעמ פאפיר-געלט אונ עס מוזנ וואקסנ די פרײַזנ. דאָס דרינגט ארויס פונ די באדינגונגענ גופע, בא וועלכע עס קומט געוויינלעכ פאָר די אינפליאציע. די מעלוכע לאָזט ארויס אפ א פאָרסירטנ אויפנ פאפיר-געלט דאנ, ווענ דער דעפיציט פונעמ מעלוכע-בודזשעט קאָנ ניט געדעקט ווערנ אפ א נאָרמאלנ אויפנ דורכ שטײַערנ אונ האלוואָעס. דאָס קומט פאָר דאנ, ווענ עס פאלט שארפ די פראָדוקציע אונ די צירקוליאציע פונ סכוירעס, ווי בייס א קריזיס, אונ נאָכ אינ א שטארקערער מאָס דאנ, ווענ גלײַכצײַטיק מיטנ פאלנ פונ דער פראָדוקציע אונ פונ דער צירקוליאציע שטײַגנ די הוצאָעס פונ דער מעלוכע, ווי לעמאָשל, בייס א מילכאָמע.

שוינ די פארקירצונג אליינ פונ דער סכוירעס-צירקוליאציע פארקירצט דעמ סכומ געלט, וואָס איז נייטיק פאר דער צירקוליאציע, אָבער דאָס פאפיר-געלט, ווי מיר האָבנ געזענ, גייט ניט אוועק פונעמ אומלויפ. עס קומט פאָר א העכערונג פונ די פרײַזנ אונ דאָס פאלנ פונעמ קורס פונ דעמ פאפיר-געלט. אָבער בא אזוינע באדינגונגענ סטארעט זיכ יעדערער אָפּצוזעצנ דאָס געלט, וואָס בא אימ איז פאראנ, אונ קויפנ סכוירעס. צוליב דעמ ווערט פארגיכערט די שנעלקײַט פונעמ געלט-אומלויפ. וואָס שנעלער עס קומט פאָר דער געלט-אומלויפ, אלצ ווייניקער געלט פאָדערט זיכ פארנ אומלויפ: אָבער אינעמ אומלויפ איז פאראנ א סאכ געלט. אונ דעריבער, וואָס מער עס וואקסט די שנעלקײַט, מיט וועלכער דאָס פאפיר-געלט מאכט דעמ אומלויפ,

אלצ מער פאלט זײַנ קורס, אלצ מער וואקסנ די פרײַזנ. מיט דער הילפ פונ ארויס-לאָזנ פאפיר-געלט באקומט ארויס די מעלוכע פונעמ מארק די סכוירעס, אָבער אזוי-ווי דער רעזולטאט פונ ארויסלאָזנ דאָס פאפיר-געלט איז דאָס, וואָס עס וואקסנ די פרײַזנ, דארפ די מעלוכע אפ באקומענ אײנע אונ די זעלבע מאסע סכוירעס יעדעס מאָל ארויסלאָזנ אלצ מער געלט, אונ דאָס ברענגט צו א נאָכ גרעסערנ וווקס פונ די פרײַזנ. דאָס, ווידער, רופט ארויס די נײטיקײַט ארויסצולאָזנ נאָכ א גרעסערע מאסע פאפיר-געלט אאוו. אאוו.

די אינפליאציע האָט אנ אומגעהײער גרויסע סאָציאלע באדײַטונג.

דער וויכטיקסטער רעזולטאט פונ דער אינפליאציע איז דאָס, וואָס עס פאלט דער רעאלער ארבעטלוינ. האגאט דער ארבעטלוינ אינ געלט (אינ פאפיר-געלט) שטײַגט, שטײַגט ער אָבער לאנגזאמער, אײדער די סכוירע-פרײַזנ. דעריבער קאָנ דער ארבעטער בא אינפליאציע קויפנ אלצ ווײניקער סכוירעס אונ ער קאָנ ניט אופשטעלנ זײַנ ארבעטקראפט. זײַנ רעאלער ארבעטלוינ פאלט. דאָס איז זײער לוינ-באר פאר די קאפיטאליסטנ, ווײַל דאָס פאלנ פונעמ רעאלנ ארבעטלוינ באטײַט, אז עס פאלנ די פראָדוציר-הוצאָעס אונ עס וואקסט די עקספלואטאציע פונעמ ארבע-טער-קלאס, עס וואקסנ די פראָפיטנ פונ די קאפיטאליסטנ.

בא הײַנטיקנ טאָג פרוווט זיכ די בורזשואזיע אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער צו געפינענ אנ ארויסוועג פונעמ קריזיס אפנ כעזשבנ פונעמ ארבעטער-קלאס דורכ דעמ, וואָס זי זעצט שטארק אראָפ זײַנ לעבנ-ניוואָ. אײנס פונ די הויפט-מיטלענ בא דער בורזשואזיע אינ די הענט איז דערבײַ די אינפליאציע. מיט דער דאָזיקער שטרעבונג טאקע פונ דער בורזשואזיע צו געפינענ אנ ארויסוועג פונעמ קריזיס אפנ כעזשבנ פונעמ ארבעטער-קלאס דערקלערט זיכ הויפטזאכלעכ דער אינפליאציע-פראָצעס, וואָס מיר באָבאכטנ אצינד אינ די וויכטיקסטע קאפיטאליסטישע לענדער, אינ דער ערשטער רײ אינ די פשא אונ אינ ענגלאנד.

קאפיטאל און מערווערט

1. דער גרונט־ווידערשפרוך פון קאפיטאליזם

ריידנדיק אינעם צווייטן קאפיטל וועגן דער סכוירע-פראָדוקציע, האָבן מיר די גאנצע צײַט געהאט אין זינען דעם אויסטויש צווישן אזוינע סכוירע-פראָדוצירער, וואָס זײַנען אליין די אייגנטימער פון זייערע פראָדוציר-מיטלען, וואָס פראָדוצירן אליין, ניט באנוצנדיק קיין לוין-ארבעט, זייערע סכוירעס און פארקויפן זיי אפן מארק. אזא סכוירע-פראָדוקציע איז נאָך ניט קיין קאפיטאליסטישע פראָדוקציע, דאָס איז די אזויגערופענע איינפאכע (ניט-קאפיטאליסטישע) סכוירע-פראָדוקציע.

אָבער דער גרונט-געזעץ פון דער סכוירע-פראָדוקציע, וואָס מיר האָבן קלאָר געמאכט — דער ווערט — היט אײַן זײַן פולע קראפט אויך פאר דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע, ווײַל די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע איז אויך א סכוירע-פראָדוקציע. נאָכמער, בלויז באם קאפיטאליזם אנטוויקלט זיך פולשטענדיק און ווערט ווירקלעך א הערשנדיקע די סכוירע-פראָדוקציע.

די קליינע סכוירע-פראָדוקציע געבוירט דעם קאפיטאליזם. אָבער עס וואָלט געווען ניט ריכטיק פאָרצושטעלן זיך די זאך אזוי, אז דער קאפיטאליזם איז קלוימערשט אנטשטאנען דורך א לאנגזאמער און בישלעכווײַזער פארוואנדלונג פון די קליינע זעלבשטענדיקע סכוירע-פראָדוצירער, פון איין זײַט, אין פראָלעטאריער (לוין-ארבעטער) און פון דער צווייטער — אין קאפיטאליסטן. אזוי האָבן ליב פאָרצושטעלן די זאך די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן, וואָס שטרעבן אום יעדן פרײַז צו „דערווײַזן” די ארבעט-אָפשטאמונג פון די קאפיטאליסטן.

מיט פאָלגנדיקע ווערטער לאכט מארקס בײַסיק אויס די דאָזיקע פאָרשטעלונגען: „די אנטשטייונג (פון קאפיטאליזם) דערקלערט מען, דערציילנדיק וועגן איר, ווי וועגן א היסטאָרישן אנעקדאָט, וואָס האָט פאסירט אין די גאָר אלטע צײַטן. אין די גאָר אמאָליקע צײַטן האָט עקזיסטירט, פון איין זײַט, א הײַפל ארבעטזאמע און קוידעמקאָל שפּאָרזאמע אויסדערוויילטע כאכאָמים, און פון דער צווייטער זײַט — א מאסע פויליאקעס, האָלאָדראנצעס, וואָס פלעגן פארהולטײַעווען אלץ, וואָס בא זיי

איז געווען, און אפילע מער. אָט אזוי האָט פאסירט, אז די ערשטע האָבן אָנגעזאמלט רייַכטימער און בא די לעצטע איז סאָפקאָלסאָפ גאָרנישט געבליבן צום פארקויפן אויסער זייער אייגענער פעל. פון דעמלט אָן עקזיסטירט א ברייטע מאסע אָרעמשאפט, וואָס ניט געקוקט אפ איר גאנצער מי, האָט זי גאָרנישט צו פארקויפן אויסער זיך אליין, און א קליין הייַפל רייַכע, וועמעס רייַכטום עס וואקסט קעסיידער, כאָטש זיי האָבן שוין גאָר לאנג אופגעהערט צו ארבעטן" (מ א ר ק ס, קאפיטאל, באנד I, ז. 572).

אין דער ווירקלעכקייַט איז די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע אנטשטאנען ניט אפ אזא פרידלעכן אידילישן אויפן.

די באדינגונגען פון דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע

די קאפיטאליסטישע אָרדענונג פון דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע איז אזא אָרדענונג פון דער סכוירע־פראָדוקציע, בא וועלכער: 1) דער אומיטלבארער פראָדוצירער, דער ארבעטער, באזיצט ניט קיין פראָדוציר-מיטלען און ער איז דעריבער געצוווּנגען, קעדיי אופצוהאלטן זייַן עקזיסטענץ, צו פארקויפן זייַן ארבעטקראפט; 2) די פראָדוציר-מיטלען און די עקזיסטענץ־מיטלען געהערן די ניט־ארבעטנדיקע, די קאפיטאליסטן, וואָס עקספלואטירן די לוין־ארבעטער, קעדיי צו באקומען פראָפיט.

דעריבער זייַנען פאר דער אנטשטייוּנג פון דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע נייטיק געווען צוויי באדינגונגען.

די ערשטע באדינגונג: די אויסבילדונג פון א מאסע מענטשן, וואָס האָבן ניט ניט קיין פראָדוציר־מיטלען און ניט קיין עקזיסטענץ־מיטלען, וואָס זייַנען געצוווּנגען און קאָנען פארקויפן זייער ארבעטקראפט. הייסט עס, עס איז נייטיק געווען אָפצורייַסן די קליינע פראָדוצירער פון זייערע פראָדוציר-מיטלען, באראויבן זייער אייגנטום (עקספּראָפּריִרן זיי), פארשקלאפן און רויִנירן די קליינע האנטווערקער, פארטרייַבן פון דער ערד די קליינע פויערים אאוו. צוזאמען דערמיט איז נייטיק געווען, אז די „פרייַע" פון פראָדוציר-מיטלען פראָדוצירער, וואָס זייַנען דעריבער געצוווּנגען צו פארקויפן זייער ארבעטקראפט, זאָלן זייַן פרייַ אויך אין פערזענלעכער הינזיכט, דה. זיי זאָלן קאָנען פארקויפן זייער ארבעטקראפט, זיי זאָלן זיך ניט געפינען אין פערזענלעכער לייַבייגנטימערישער אָפּהענגיקייַט פון די פריצים.

די צווייטע באדינגונג פאר דער אנטשטייוּנג פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג: די קאפיטאליסטן דארפן קאָנצענטרירן אין זייערע הענט די פראָדוציר-מיטלען, וואָס זייַנען אָפּגענומען געוואָרן בא די אומיטלבארע קליינע פראָדוצירער, און גרויסע געלט־סומעס; מיט איין וואָרט, קאָנצענטרירן אין זייערע הענט גרויסע קאפיטאלן, ווייַל די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע איז פון אָנהייב אָן א גרויס־פראָדוקציע.

די אָנפאנגלעכע אָנזאמלונג פונ קאפיטאל

די דאָזיקע באדינגונגענ פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע זײַנען געשאפנ געוואָרנ אינ פעריאָד פונ דער אזויגערופענער אָנפאנגלעכער קאפיטאל-אָנזאמלונג, ווענ די פויערים זײַנען באפרײַט געוואָרנ פונ דער לײַבייגנשום-אָפהענגיקײַט און צוזאמען דערמיט איז פאָרגעקומענ זייער געצוווּנגענע „באפרײַונג" פונ דער ערד, וואָס איז באגלייט געוואָרנ, אינ ענגלאנד לעמאָשל, מיט דער פארניכטונג פונ גאנצע דער-פער, מיט דער פארוואנדלונג פונ די פויערים און דאָרפישע קוסטארנ אינ בעטלער און שלעפער; ווענ, פונ דער צווייטער זײַט, האָבנ די האנדל-קאפיטאליסטנ אָנגעזאמלט גרויסע געלט-קאפיטאלנ, באַרויבנדיק אומדערבארעמדיק די קאָלאָניעס, באַרויבנדיק דורכ שטײַערנ די באפעלקערונג אינ די אייגענע לענדער, צעשלעפנדיק מיט דער הילפ פונ האלוואָעס די מעלוכישע מיטלענ און דורכ אנדערע ענלעכע מעטאָדנ.

„די אזויגערופענע אָנפאנגלעכע אָנזאמלונג איז בלויז א היסטאָרישער פראָצעס פונ אָפטיילנ דעם פראָדוצירער פונ די פראָדוציר-מיטלענ" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, זײַט 573). די עקספראָפּריִאציע פונ די דירעקטע פראָדוצירער „איז ארײַנגעשריבנ געוואָרנ אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט מיט דער פלאמיקער שפראכ פונ שווערד און פײַער" (דאָרט, ז. 574) *.

גוואלדטאט איז אזויארום געווענ די „הייאבאם" באם געבורט פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע.

די קליינע סכוירע-פראָדוקציע, וואָס האָט עקזיסטירט ביז דער אנטשטייונג פונ דעם קאפיטאליסטישנ פראָדוציר-אויפנ און וועלכע האָט זיכ באזירט אפ קליינע קוסטא-רישע „קארליקשע" ארבעט-געצײַג, וואָס ווערנ געבראכט אינ באוועגונג מיט דער פיזישער קראפט פונ איינ מענטשנ, האָט ניט געקאָנט גיכ זיכ פארברייטערנ און באפרידיקנ די שנעל וואקסנדיקע פאָדערונגענ פונ מארק און פונ דער סכוירע-ווירטשאפט, וואָס האָט זיכ געהאלטנ אינ אנטוויקלענ.

„די היסטאָרישע ראָליע פונ קאפיטאליזם און פונ זײַנ טרעגער — דער בורזשואזיע — איז באשטאנענ גראָד אינ דער קאָנצענטרירונג פונ די דאָזיקע צעזייטע קליינע פראָדוציר-מיטלענ, אינ צוגעבנ זיי א ברייטערנ פארנעם, אינ פארוואנדלענ זיי אינ הײַנטצײַטיקע מעכטיקע הייבער פונ דער פראָדוקציע" (ענגעלס, „אנטי-דיורינג", ז. 192. מײַנ קורסיוו — ל. ס.).

די עקספראָפּריִאציע פונ די קליינע סכוירע-פראָדוצירער און די קאָנצענטרירונג פונ די פראָדוציר-מיטלענ בא די קאפיטאליסטנ אינ די הענט האָבנ באטײַט דעם איבערגאנג פונ דער קליינער פראָדוקציע צו דער גרויסער. די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע איז געווענ די פאָרם, וואָס אינ איר האָבנ די פראָדוקטיווע קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט באקומענ א מעגלעכקײַט פאר זייער ווײַטערדיקער און דערצו מער שנעלער אנטוויקלונג.

---

* די געשיכטע פונ דער אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג אינ ענגלאנד האָט מארקס פּאָפּולער איבערגעגעבנ אינעם 24-טנ קאפיטל פונעם ערשטנ באנד „קאפיטאל".

אָבער דאָס, וואָס די קליינע ״סכוירע-פראָדוקציע איז פארביטן געוואָרן מיט דער קאפיטאליסטישער גרויס-פראָדוקציע, האָט ניט באטײַט די ליקווידירונג פון דער סכוירע-פראָדוקציע בכלל. דער קאפיטאליזם איז אנטשטאנען אף דער באזע פון דער סכוירע-פראָדוקציע און זײַן ראָליע איז באשטאנען אין דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער סכוירע-פראָדוקציע. דעריבער באטײַט די קאפיטאליס-טישע פראָדוקציע ניט די פארניכטונג פונעם גרונט-ווידער-שפרוך אין דער סכוירע-פראָדוקציע, נאָר זײַן ווײַטער-דיקע אנטוויקלונג.

דער גרונט־ווידערשפרוך פון קאפיטא־ליזם

ווי מיר ווייסן, באשטייט דער גרונט-ווידערשפרוך פון דער סכוירע-פראָדוקציע אינעם ווידערשפרוך צווישן דער געזעלשאפטלעכער און פריוואטער ארבעט. אָבער אין דער איינפאכער, ניט-קאפיטא-ליסטישער סכוירע-פראָדוקציע איז ניטאָ קיין ווידערשפרוך צווישן דעם כאראקטער פון דער פראָדוקציע און דעם אופן פונעם פאַרייגענען.

בא דער איינפאכער סכוירע-פראָדוקציע האָט „די פראגע, וועמען דארפן געהערן די פראָדוקטן פון דער ארבעט, ניט געקאָנט אפילו אנטשטיין. זיי פלעגט אויסאר-בעטן יעדער פראָדוצירער באזונדער פון אייגענעם מאטעריאל, וואָס ער אליין האָט אָפטמאָל פראָדוצירט, מיט די אייגענע געצײַג און מיט די אייגענע הענט אָדער מיט די הענט פון דער פאמיליע. אזא פראָדוצירער האָט ניט געדארפט פאַרייגענען זײַנע פראָדוקטן. זיי האָבן אים געהערט לויטן עצם טאָכ פון דער זאך. אזוי, אז דאָס אייגנטום-רעכט אף די פראָדוקטן האָט זיך באזירט אף דער פערזענלעכער ארבעט" (ענגעלס, אנטי-דיורינג, ז. 193).

אן אנדער זאך איז אין דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע. דאָ דריקט זיך אויס דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פון דער ארבעט ניט בלויז אין דער ברייטער ארבעט-צעטיילונג צווישן די אונטערנעמונגען, נאָר אויך אין איר פלאנמעסיקער אָרגאניזירונג אין דער איינצלנער אונטערנעמונג גופא. אין יעדער קאפיטאליסטישער אונטערנעמונג ארבעט ניט איין ארבעטער, נאָר צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער ארבעטער. יעדערער פון זיי פילט אויס בלויז א טיילווײַזע אָפעראציע. די ארבעט-געצײַג זײַנען דאָ ניט קיין קליינע, נאָר גרויסע. אין דער קאפי-טאליסטישער אונטערנעמונג איז פאראן ניט איין מאשין, נאָר א ריי קאָמפליציר-טע מאשינעס, וואָס זײַנען איינע מיט דער אנדערער פארבונדן. די דאָזיקע ארבעט-געצײַג קאָנען געבראכט ווערן אין באוועגונג בלויז דורך דער פלאנמעסיק אָרגא-ניזירטער ארבעט פון א סאך ארבעטער אין דער פאבריק.

„פארוואנדלענדיק די באגרענעצטע פראָדוציר-מיטלען אין קאָלאָסאלע הײַנטצײַ-טיקע פראָדוקטיוו-קרעפטן, האָט די בורזשואזיע ניט געקאָנט ניט פארוואנדלען זיי צוזאמען דערמיט פון פריוואטע אין געזעלשאפטלעכע, וואָס ווערן גע-בראכט אין באוועגונג בלויז דורך די אָנשטרענגונגען פון א סאך מענטשן... פונקט ווי די פראָדוציר-מיטלען איז אויך די פראָדוקציע גופא פארוואנדלט געוואָרן פון א ריי צעשפליטערטע אָנשטרענגונגען פון יעכידים אין א ריי געזעלשאפטלעכע אקציעס און די פראָדוקטן זײַנען פארוואנדלט געוואָרן פון א יאָכידס ווערק אין

ווערק פון דער גאנצער געזעלשאפט. די שפינגעוועבן, שטאָפן, מעטאל-סכוירעס, וואָס גייען אצינד ארויס פון די פאבריקן און זאוואָדן, שטעלן מיט זיך פאָר אן ארבעט-פּראָדוקט פון א סאך ארבעטער, וועלכע האָבן אלע, לויט דער ריי, אָנגע-ווענדט צו אים זייער מי, איידער זיי האָבן אים צוגעגעבן די ענדגילטיקע פאָרם. קיינער באזונדער קאָן ניט זאָגן וועגן זיי: „דאָס האָב איך געמאכט, דאָס איז מײַן פּראָדוקט" (ענגעלס, דאָרט, ז. 192—193).

לויט זייער טאָכ געזעלשאפטלעכע, זײַנען די פּראָדוציר-מיטלען א פּריוואט-אייגנ-טום, אָבער ניט דאָס אייגנטום פון די ארבעטער, וואָס ווענדן אָן די דאָזיקע פּראָדו-ציר-מיטלען, נאָר דאָס אייגנטום פון די ניט-ארבעטנדיקע, דאָס אייגנטום פון די קא-פּיטאליסטן. די פּראָדוקטן, וואָס זײַנען אין טאָכ געזעלשאפטלעכע, פאררייגענען ניט די ארבעטער, וואָס האָבן זיי געשאפן, נאָר די קאפּיטאליסטן.

אזויארום אנטוויקלט זיך דער גרונט-ווידערשפּרוך פון דער סכוירע-פּראָדוקציע באם קאפּיטאליזם (דער ווידערשפּרוך צווישן געזעלשאפטלעכער און פּריוואטער אר-בעט) אין א ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאפטלעכער פּראָ-דוקציע און דער קאפּיטאליסטישער פאררייגענונג. דאָס איז דער גרונט-ווידערשפּרוך פונעם קאפּיטאליזם.

דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע און דער קאפּיטאליס-טישער פאררייגענונג דריקט זיך קוידעמקאָל אויס אינעם קלאסן-אנטאגאָניזם פון דער בור-זשואזיע און פון פּראָלעטאריאט. אינדערעמעסן, דער קלאס דער טרעגער פון דער גע-זעלשאפטלעכער פּראָדוקציע איז דער פּראָלעטאריאט, דער קלאס אָבער, וואָס פאררייגנט דעם פּראָדוקט פון דער געזעלשאפטלעכער ארבעט, איז די בורזשואזיע. אין וואָס בא-שטייען די פּראָדוציר-פארהעלטענישן צווישן דער בורזשואזיע און דעם פּראָלע-טאריאט, אין וואָס באשטייט דער מעהוס פון דער קאפּיטאליסטישער עקספּלו-אטאציע — דאָס דערקלערט אונדז מארקס לערע וועגן מערווערט און קאפּיטאל, וואָס בילדעט די דירעקטע אנטוויקלונג פון זײַן לערע וועגן ווערט.

2. מערווערט

דער קאפּיטאליסט קויפט אפּ מארק די פּראָדוציר-מיטלען (מאשינעס, רויוואַרג און הילפ-מאטעריאלן) און די ארבעטקראפט. זײַן ציל דערבײַ איז צו באקומען פונעם פארקויפן די אויסגעארבעטע סכוירעס מער געלט, איידער ער האָט אויסגעגעבן אפּ פּראָדוצירן זיי.

דאָס געלט איז פארן קאפּיטאליסט ניט סטאם געלט: דאָס איז פאר אים קאפּי-טאל. דה. עס דארף אים ברענגען מער געלט. אינעם פארוואנדלונג-פּראָצעס פונעם געלט אין סכוירע און פון דער צוריק-פאר-וואנדלונג פון דער סכוירע אין געלט קומט פאָר א צוּוואוקס פונעם ווערט, וואָס דער קאפּיטאליסט האָט געלאָזט אין אומ-זאץ. „מערווערט רופט אָן מארקס דעם דאָזיקן צוּוואוקס פונעם אָנפאנגלעכן ווערט פונעם געלט, וואָס ווערט געלאָזט אין אומזאץ" (לענין, באנד XVIII, ז. 17. מײַן קורסיוו. — ל. ס.).

מערווערט — די אנטוויקלונג פון ווערט

פונוואנענ נעמט זיך דער דאָזיקער מערווערט? אייניקע בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ דערקלערנ עס דערמיט, וואָס דער קאַפּיטאליסט פארקויפט די סכוירע פאר א העכערנ פרייַז, איידער ער האָט זי געקויפט, דערמיט, וואָס ער האָט זי פארקויפט העכער פונ איר ווערט. אָבער אזא דערקלערונג דערקלערט גאָרניט. אינדערעמעסנ, בא וועמענ קויפט דער קאַפּיטאליסט די סכוירע? בא א צווייטנ קאַפּיטאליסט. אָבער דער דאָזיקער צווייטער קאַפּיטאליסט דארפ דאָך דאנ אויך פארקויפנ זייַנ סכוירע העכער פונעמ ווערט. קומט אויס, אז אונדזער ערשטער קאַפּיטאליסט, וואָס פארקויפט זייַנ סכוירע העכער פונעמ ווערט, איז געצוווּנגענ צו קויפנ די סכוירעס העכער פונעמ ווערט. דאָס, וואָס ער געווינט פונ פארקויפנ די סכוירעס, פארלירט ער באַמ קויפנ זיי. עמעס, אוועלכער-ניט-איז קאַפּיטאליסט — א פלינקער כעוורעמאנ קאָנ אמאָל דורכ א קונצ קויפנ בא זייַנע לייַט סכוירעס לויט זייער ווערט און פארקויפנ די סכוירעס העכער פונעמ ווערט. אָבער דאָס קאָנ זייַנ בלויז אנ אויסנאַמ. אלע קאַפּיטאליסטנ קאָנענ ניט אפ אזא אויפנ פארגרעסערנ דעמ ווערט, וואָס זיי לאָזנ אוועק אינ אומזאצ, אונ דאָך באקומענ זיי אלע מערווערט.

מארקס דערקלערט די אנטשטייונג פונ מערווערט, ארויסגייענדיק ניט דערפונ, וואָס די סכוירעס ווערנ פארקויפט העכער פונ זייער ווערט, נאָר דערפונ, וואָס די סכוירעס ווערנ פארקויפט לויט זייער ווערט. דאָס האָט אנ אומגעהייער גרויסע באדייַטונג: דערמיט באווייַזט מארקס, אז אפילע דאנ, ווענ דער ארבעטער פארקויפט דעמ קאַפּיטאליסט זייַנ ארבעטקראפט לויט איר פולנ ווערט אונ קויפט באַמ קאַפּיטאליסט די עקזיסטענצ-מיטלענ לויט זייער ווערט, באקומענ דאָך די קאַפּיטאליסטנ מערווערט.

ארויסגייענדיק פונ דער פאָרהאנאָכע, אז די סכוירעס ווערנ פארקויפט לויט זייער ווערט, באווייַזט מארקס, אז דער מערווערט איז ניט קיינ שטערונג פונעמ ווערט, נאָר זייַנ ווייַטערדיקע אנטוויקלונג. די קליינבירגערלעכע „סאָציאליסטנ" זאָגנ, אז דער קאַפּיטאליזמ צעשטערט דעמ אויסטויש לויט די עקוויוואלענטנ אונ דערמיט גופע שטערט ער די „עמעסע" אונ „יושערדיקע" געזעצנ פונ ווערט אונ פונ סכוירעפּראָדוקציע, זיי ווילנ די פארניכטונג פונ קאַפּיטאליזמ, אָבער עס זאָל פארבלייַבנ די סכוירע-פּראָדוקציע, אופּרעקנדיק, אפ וואָס פאר אנ אויפנ דער מערווערט ווערט געשאפנ באַמ פארקויפנ אונ קויפנ סכוירעס לויט זייער ווערט, באווייַזט מארקס טעאָרעטיש דערמיט גופע, אז דער מערווערט ווידערשפּרעכט ניט דעמ ווערט, אז דער קאַפּיטאליזמ איז די ווייַטערדיקע אנטוויקלונג, אָבער ניט די „שטערונג", ניט די ארונטערייַסונג פונ די געזעצנ פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע.

אלזאָ, דער קאַפּיטאליסט קויפט די פּראָדוציר-מיטלענ לויט זייער ווערט, דה. ער גיט פאר זיי אזא געלט-סומע, וואָס אנטהאלט פונקט אזויפיל געזעלשאפטלעכנייטיקע ארבעטצייַט, וויפל זי אנטהאלט זיך אינ די פּראָדוציר-מיטלענ, וואָס ער האָט געקויפט. ער קויפט ווייַטער די ארבעטקראפט אונ באצאָלט דעמ ארבעטער איר ווערט. אָבער דאָ אנטשטייט גלייַך די פראגע: וואָס איז עס אזוינס דער דאָזיקער ווערט פונ דער ארבעטקראפט? דער ווערט פונ די פּראָדוציר-מיטלענ, וואָס דער

קאפיטאליסט האָט געקויפט, איז אונדז קלאָר: דאָס איז די געזעלשאפטלעכע ארבעט, וואָס איז פארווענדט אפ פראָדוצירן זיי. אָבער וואָס איז אזוינס דער ווערט פון דער ארבעט־קראפט? מיט וואָס ווערט ער באשטימט? וואָס איז אזוינס ביכלאל ארבעטקראפט?

„אונטער ארבעטקראפט אָדער ארבעטפייִקייט פארשטייען מיר דעם סכום פיזישע און גייסטיקע פייִקייטן, וואָס עקזיס־טירן אין דער קערפערלעכקייט, אין עם מענטשנס לעבעדיקער פערזענלעכקייט און וואָס ער לאָזט אין גאנג יעדעס מאָל ווען ער פראָדוצירט ווערלכע־ניט־איז געברויך־ווערטן" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, ז. 110. מײַן קורסיוו.—ל.ס.).

אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז א סכוירע ניט דער ארבעטער אליין, נאָר זײַן ארבעטקראפט. ווען דער ארבעטער אליין וואָלט געווען די סכוירע, וואָלט ער ניט געווען קיין לוין־ארבעטער, נאָר א שקלאף, וואָס האָט ניט קיין דייע איבער זײַן ארבעטקראפט און קאָן זי ניט פארקויפן.

פונקט אזוי ווי יעדע סכוירע, דארף די ארבעטקראפט האָבן א געברויך־ווערט און א ווערט.

דער געברויך־ווערט און דער ווערט פון דער ארבעטקראפט

מע טאָר ניט צונויפמישן ארבעטקראפט מיט ארבעט. ארבעט איז דער פראָצעס פון פארווענדן ארבעטקראפט. מע קאָן, פארשטייט זיך, ניט ארבעטן, ניט האָבנדיק קיין ארבעט־קראפט, מע קאָן אָבער האָבן ארבעטקראפט און ניט ארבעטן, ניט אָנווענדן זי, ניט לאָזן אין טאט. לעמאָשל, אן ארבעטלאָזער ארבעטער. ארבעטקראפט — דאָס איז די פייִקייט צו ארבעטן, און ארבעט — דאָס איז ארבעטקראפט, וואָס איז געלאָזט געוואָרן אין טאט, די פארווענדונג פון ארבעט־קראפט. די נוצלעכקייט פון ארבעטקראפט, איר געברויך־ווערט באשטייט אין דעם, וואָס איר פארווענדונג (די ארבעט) שאפט ווערט. אָדער, מיט אנדערע ווער־טער: דער געברויך־ווערט פון דער ארבעטקראפט באשטייט אין דעם, וואָס ער איז א קוואַל פון ווערט.

לאָמיר אצינד באטראכטן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער ווערט פון ארבעט־קראפט. דער ווערט פון יעטווידער סכוירע ווערט באשטימט לויטן סכום געזעל־שאפטלעך־נייטיקער ארבעט, וואָס איז פארווענדט געוואָרן אפ פראָדוצירן זי. הייסט עס, אז אויך דער ווערט פון דער סכוירע „ארבעטקראפט" דארף באשטימט ווערן לויטן סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק צו פארווענדן אפ פראָדוצירן די ארבעטקראפט. פרעגט זיך אָבער, וויאזוי ווערט פראָדוצירט דעם מענטשנס ארבעטקראפט?

די ארבעטקראפט עקזיסטירט ניט אויסערן מענטשן, זי עקזיסטירט „אלס פייִקייט פונעם לעבעדיקן אינדיווידוום" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, ז. 113), נאָר אפ וויפל דער מענטש עקזיסטירט, באשטייט די פראָדוצירונג פון דער ארבעטקראפט אין איר טאָג־טעגלעכער אופשטעלונג. פארווענדנדיק אין פארלויף פונעם ארבעטטאָג זײַן ארבעטקראפט, שטעלט זי אופ דער ארבעטער, ער רעפראָדוצירט זי (פראָדוצירט זי פונדאָסנײַ), פארברויכנדיק א באשטימטן סכום עקזיסטענץ־מיטלען — שפּײַז, קליי־דונג, הייצוואַרג, וווינונג אאוו. די ארבעט, וואָס איז פארווענדט געוואָרן אפ פראָ־דוצירן די דאָזיקע עקזיסטענץ־מיטלען, וואָס דער ארבעטער פארברויכט אפ אופ־

שטעלנ זײַנ ארבעטקראפט, איז צוזאמענ דערמיט אויכ די ארבעט, וואָס ווערט פאר-וועגדט אפ רעפּראָדוצירנ די דאָזיקע ארבעטקראפט. לעמאָשל, אויב אפ פּראָדוצירנ די עקזיסטענצ-מיטלענ, וואָס דער ארבעטער פארברויכט, איז פארווענדט געוואָרנ, לאָמיר זאָגנ, 6 שאָ געזעלשאפטלעכע ארבעט, זײַנענ די דאָזיקע 6 שאָ אינ טאָכ פאר-ווענדט געוואָרנ אפ רעפּראָדוצירנ די ארבעטקראפט. דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט אינעם געגעבענעמ פאל איז גלײַכ צו 6 שאָ ארבעט. דער טאָג-ווערט פונ דער ארבעטקראפט באשטייט אזויארומ אינעם ווערט פונ די עקזיס-טענצ-מיטלענ, וואָס דער ארבעטער פארברויכט יעדנ טאָג אפ אופשטעלנ זײַנ ארבעטקראפט.

די קוואנטיטעט אונ קוואליטעט גופע פונ דעמ ארבעטערס נייטיקע עקזיסטענצ-מיטלענ ענדערנ זיכ לויט די קלימאטישע אונ אנדערע באדינגונגענ פונ פארשיידענע לענדער. זיי זײַנענ אויכ אָפּהענגיק פונ די קולטורעלע באדינגונגענ אינ לאנד, אונ אינ א באדײַטנדיקער מאָס — פונעמ באדערפעניש-ניוואָ, וואָס איז געווענ, ווענ די קליינע פּראָדוצירער זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ א קלאס לוינ-ארבעטער. „אלזאָ, אינ קעגנזאצ צו אנדערע סכוירעס, שליסט אײַנ אינ זיכ די דעפיניציע פונעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט א היסטאָרישנ אונ מאָראלישנ עלעמענט. אָבער פאר א באַ-שטימט לאנד אונ פאר א באשטימטנ פעריאָד איז דער דורכשניטלעכער סכומ עקזיסטענצ-מיטלענ, וואָס זײַנענ נייטיק פארנ ארבעטער, א געגעבענע גרייס" (מארקס, דאָרט, ז. 113)

אזויווי פאר דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע איז נייטיק, אז אפנ מארק זאָל זיכ שטענדיק געפינענ ארבעטקראפט, אזויווי דער ארבעטער איז שטערבלעכ אונ דעריבער איז נייטיק צו פארבײַטנ אימ מיט אנדערע ארבעטער, איז גאנצ קלאָר, אז אינעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט דארפ ארײַנגיינ אויכ דער ווערט פונ די עק-זיסטענצ-מיטלענ פאר זײַנע קינדער, פאר זײַנ פאמיליע. צולעצט, דער מענטש איז ניט פונ געבורט אָנ אנ ארבעטער פונ דער אָדער יענער פּראָפעסיע אָדער ספּע-ציאַליטעט: אפ שאפנ קוואליפיצירטע ארבעטקראפט פאָדערנ זיכ באשטימטע אויס-גאבנ אפ בילדונג, אפ אויסשולונג, הויצאָעס, וואָס קאָנענ זײַנ גרעסערע אָדער קלע-נערע, אָפּהענגיק פונעמ ארבעטערס קוואליפיקאציע-ניוואָ. די דאָזיקע לערע-אויסגאבנ גייענ אויכ ארײַנ אינ באשטאנד פונעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט. וואָס העכער עס איז דעמ ארבעטערס קוואליפיקאציע, אלצ מער ארבעט איז פארווענדט געוואָרנ אפ לערנענ אימ, אלצ העכער וועט זײַנ דער ווערט פונ זײַנ ארבעטקראפט.

דער ווערט פונ דער ארבעט-קראפט אונ דער ווערט, וואָס ווערט געשאפנ דורכ דער פארווענדונג פונ דער ארבעט-קראפט

פונקט אזוי ווי מע דארפ אונטערשיידנ ארבעט פונ ארבעטקראפט, אזוי דארפ מענ אויכ אונטערשיידנ אונ אינ קיינ פאל ניט צונויפ-מישנ דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט מיטנ ווערט, וואָס ווערט געשאפנ דורכנ פארווענדנ די דאָזיקע ארבעטקראפט. ארבעטנדיק אינ א קאפּיטאליסטישער אונטערנעמונג, לאָמיר זאָגנ 12 שאָ א טאָג, שאפט דער ארבעטער א 12-שאָיִקנ ווערט. אָבער דערפונ איז נאָכ קלאָל ניט געדרונגענ, אז אפ פּראָדוצירנ זײַנע עקזיס-טענצ-מיטלענ דארפ פארווענדט ווערנ 12 שאָ. אפ קלאָר מאכנ דעמ דאָזיקנ אונטערשייד וועלנ מיר נעמענ פאָלגנדיקנ בײַשפּיל. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ צוליב אײַנפאכקײַט, אז אלע עקזיסטענצ-מיטלענ דעמ ארבעטערס באשטייענ אינ א

באשטימטע סכום ברויט, לאָמיר זאָגן אין 2 קילאָ ברויט א טאָג. דער דאָזיקער סכום ברויט אנטהאלט אין זיך אזויפיל שפּײַז־שטאָף, אז ווען דער ארבעטער פארברויכט דעם דאָזיקן ברויט, באקומט ער א סכום ענערגיע, וואָס דערלויבט אים ארבעטן 12 שאָ א טאָג און שאפן טעגלעך א 12־שאָיִקן ווערט. די צײַט, אין פארלויף פון וועלכער ער איז פייִיק צו ארבעטן, פארווענדנדיק נאָרמאַל זײַן ארבעטקראפט, איז אבסאָ־ליוט ניט אָפּהענגיק דערפון, וויפל צײַט עס פאָדערט זיך אפּ פּראָדוצירן די 2 קילאָ ברויט. לאָמיר זאָגן, אז אפּ פּראָדוצירן 2 קילאָ ברויט פאָדערן זיך הײַנט 10 שאָ, און אין א כוידעש אָדער אין א יאָר ארום צוליבן אופשטײַג פון דער ארבעט־פּראָדוק־טיווקײַט אין דער ערדארבעט, אינעם מילנערײַ ־אָדער בעקער־ וועזן, וועט זיך שוין פאָדערן 6 שאָ — אלצייַנס אנטהאלטן אין זיך 2 קילאָ ברויט אזויפיל שפּײַז־שטאָפן, וואָס פארברויכנדיק זיי קאָן דער ארבעטער נאָרמאַל ארבעטן 12 שאָ.

„דער טעגלעכער אָדער וועכנטלעכער ווערט פון דער ארבעטקראפט איז גאנץ פארשיידן פון איר טעגלעכער אָדער וועכנטלעכער ארבעט, פונקט אזוי, ווי דער פוראזש, וואָס דאָס פערד פרעסט אוף, און די צײַט, אין פארלויף פון וועלכער דאָס פערד קאָן טראָגן דעם רײַטער, שטעלן פאָר צוויי גאנצ פארשיידענע זאכן. **ד ע ר ס כ ו ם א ר ב ע ט, ד ו ר כ ו ו ע ל כ ן ע ס א י ז ב א ג ר ע נ ע צ ט ד ע ר ו ו ע ר ט פ ו ן ד ע ר א ר ב ע ט־ק ר א פ ט** (דה. דער סכום ארבעט, וואָס פאָדערט זיך אפּ פּראָדוצירן די עקזיס־טענצ־מיטלען פארן ארבעטער — ל.ס.), **ב י ל ד ע ט נ י ט א י ן ק ײ ן ש ו ם פ א ל ק ײ ן ג ר ע נ ע צ פ א ר ן ס כ ו ם א ר ב ע ט, ו ו אָ ס ע ס ק אָ ן ג ע ב ן ד י א ר ב ע ט ק ר א פ ט״** (מ א ר ק ס, ארבעטלוין, פרײַז און רעווועכ״, ז. 40. מײַן קורסיוו. — ל.ס.). דאָס הייסט, אז דער ארבעטער קאָן ארבעטן מער צײַט, איידער די צײַט, וואָס איז נייטיק אפּ פּראָ־דוצירן זײַנע עקזיסטענצ־מיטלען, **א ז ד ע ר א ר ב ע ט ע ר ק אָ ן פּ ר אָ ד ו צ י ר ן א ג ר ע ס ע ר ן ו ו ע ר ט, א י ד ע ר ד ע ר ו ו ע ר ט פ ו ן ז ײַ ן א ר ב ע ט ק ר א פ ט**.

די דאָזיקע פייִקײַט דעם ארבעטערס צו פּראָדוצירן א גרעסערן ווערט, איידער דער ווערט פון זײַן ארבעטקראפט, איז ניט עפּעס וווּנדערבארעס, איבערנאטירלעכעס אין דער דאָזיקער פייִקײַט דריקט זיך אויס די פּראָדוקטיווע קראפט פון דער גע־זעלשאפטלעכער ארבעט, וואָס איז א פּראָדוקט פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג. אין די אוראלטע צײַטן אפּ די אורשפּרינגלעכע קולטור־שטאפלען, ווען דער מענטש איז אָקאָרשט ארויס פון באלעכײַים־צושטאנד, האָט ער געדארפט די גאנצע צײַט זײַנע פארווענדן אפּ באקומען די נייטיקע עקזיסטענצ־מיטלען. ביסלעכווײַז, אינעם ערעכ, ווי עס האָבן זיך אנטוויקלט די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, האָט מען אפּ פּראָדוצירן די ניי־טיקע עקזיסטענצ־מיטלען אָנגעהויבן פארווענדן ווייניקער צײַט, עס האָבן זיך אויס־געבילדעט **מ ו י ס ר ע ס** פון די אויסגעארבעטע פּראָדוקטן. עס איז אזויארום אנטשטא־נען די מעגלעכקײַט פון עקזיסטענצ פאר איין טייל געזעלשאפט אפּן כעזשבן פון דער ארבעט פון איר צווייטן טייל, דה. א מעגלעכקײַט צו עקספּלואטירן. די געזעלשאפט איז צעפאלן געוואָרן אפּ קלאסן, אפּ עקספּלואטאטערס און עקספּלואטירטע.

יעטווידע עקספּלואטאציע זעצט פאָרויס א געוויסן גראד פּראָדוקטיווקײַט פון דער גע־זעלשאפטלעכער ארבעט. אויב דער ארבעטער איז געצוווּנגען צו פארווענדן די גאנצע צײַט, וואָס ער האָט אין זײַן רעשוס, אפּ פּראָדוצירן די נייטיקע עקזיסטענצ־מיט־לען פאר זיך און פאר זײַן פאמיליע, וועט בא אים, פארשטייט זיך, ניט פארבלײַבן

קיינ צײַט צו ארבעטנ אומזיסט אפ אנדערע פערזאָנענ. קאָלומאנ, אזויארום, די ארבעט-פראָדוקטיווקײַט האָט ניט דערגרייכט קיינ באַשטימטנ ניוואָ, האָט ניט דער ארבעטער יענע גיבעריקע צײַט, וואָס אָנ איר איז ניט מעגלעכ קיינ מערארבעט, זײַנענ בעמיילע ניט מעגלעכ אויכ קיינ קאפיטאליסטנ, אָבער אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ אויכ ניט מעגלעכ קיינ שקלאפנ-באזיצער, פעאָדאלע באראָנענ, מיט איינ וואָרט, אוועלכער-ניט-איז קלאַס גרויסע אייגנטימער" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, ז. 397).

ווענ עס איז אנטשטאנענ די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע, האָט זי שוינ געטראָפנ אזא אנטוויקלונג-ניוואָ פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ אינ דער געזעלשאפט, ווענ דער ארבעטער קאָנ ארבעטנ מער צײַט, איידער עס איז נייטיק אפ פראָדוצירנ זײַנע עקזיסטענצ-מיטלענ. דער קאפיטאליזמ אנטוויקלט נאָכ מער די פראָדוקטיווקײַט פונ דער געזעלשאפטלעכער ארבעט אונ פארקלענערט דערמיט גופע די צײַט, וואָס איז נייטיק אפ פראָדוצירנ דעמ ארבעטערס עקזיסטענצ-מיטלענ. אָבער דאָס ווירקט לאַבלוטנ ניט אפ דער צײַט, אינ משעכ פונ וועלכער דער ארבעטער קאָנ ארבעטנ, ווענ ער פארברויכט די דאָזיקע עקזיסטענצ-מיטלענ.

די פײַיקײַט פונ דעמ לוינ-ארבעטער צו פראָדוצירנ א גרעסערנ ווערט, איידער דער ווערט פונ זײַנ ארבעטקראפט, דרינגט ארויס, אזויארום, ניט פונעמ ארבעטערס ריינ-פיזישע נאטירלעכע אייגנשאפטנ, — די דאָזיקע פײַיקײַט איז א רעזולטאט פונ דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפט.

„דער קאפיטאל אלס געזעלשאפטלעכע פארהעלטעניש אנטשטייט אפנ עקאָנאָמישנ באָדנ, וואָס שטעלט פאָר א פראָדוקט פונ א דויערנדיקנ אנטוויקלונג-פראָצעס. די פארהאנענע ארבעט-פראָדוקטיווקײַט, וואָס פונ איר גייט ער ארויס ווי פונ זײַנ באזע, איז ניט קיינ געשאנק פונ דער נאטור, נאָר א געשאנק פונ דער געשיכטע, וואָס כאפט ארומ פעריאָדנ ניט פונ יאָרהונדערטער, נאָר פונ טויזנטער יאָרהונדערטער" (מארקס, קאפיטאל. ב. I, זײַט 398, מײַנ קורסיוו. — ל.ס.).

לאָמיר אצינד אונטערציִענ א סאכאקל דערפונ, וואָס מיר האָבנ זיכ דערוווּסט וועגנ דער ארבעטקראפט אונ וועגנ אירע אייגנטימלעכקײַטנ. ארבעטקראפט איז דעמ מענטשנס פײַיקײַט צו ארבעטנ. אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז די ארבעטקראפט א סכוירע. דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט באשטימט דער סכומ ארבעט, וואָס איז נייטיק אפ פראָדוצירנ די עקזיסטענצ-מיטלענ פארנ ארבעטער אונ פאר זײַנ פאמיליע. דער דאָזיקער ווערט איז קלענער פונעמ ווערט, וואָס דער ארבעטער קאָנ שאפנ, פארברויכנדיק די דאָזיקע עקזיסטענצ-מיטלענ, ווײַל די פראָדוקטיוו-קראפט פונ דער געזעלשאפטלעכער ארבעט איז אזוי, אז דער ארבעטער קאָנ ארבעטנ מער צײַט, איידער די צײַט, וואָס איז נייטיק אפ פראָדוצירנ זײַנע עקזיסטענצ-מיטלענ.

פראָדוצירונג פונ מערווערט

נאָכ דעמ אלעמענ איז שוינ ניט שווער צו פארשטיינ, אפ וואָס פאר אנ אופנ עס ווערט געשאפנ דער מערווערט, וויאַזוי עס וואקסט דער ווערט, וואָס דער קאפיטאליסט לאָזט אינ אומזאצ. דער קאפיטאליסט קויפט די פראָדוציר-מיטלענ אונ די ארבעטקראפט. די פראָדוציר-מיטלענ באשטייענ פונ גאָר פארשיידנארטיקע זאכנ, אָבער זיי אלע קאָנענ אײַנגעטיילט ווערנ אינ צוויי גרופעס:

1) ארבעט-געגנשטאנד — דאָס, וואָס ווערט באארבעט, וואָס דערפונ ווערט אויסגעארבעט די געגעבענע סכוירע. לעמאָשל, באם פּראָדוצירנ גארנ איז דער ארבעט-געגנשטאנד בוימוואָל, לײַנ, וואָל; באם פּראָדוצירנ שטאָפנ איז דער ארבעט-געגנשטאנד גארנ; באם פּראָדוצירנ אײַזנ איז דער ארבעט-געגנשטאנד — אײַזנארצ; באם פּראָדוצירנ מאשינעס — איז דער ארבעט-געגנשטאנד — אײַזנ אאוו. אויב דער ארבעט-געגנשטאנד איז שוינ א פּראָדוקט פונ ארבעט, רופט ער זיכ אָנ רוי-מאטעריאל, לעמאָשל, בוימוואָל, אײַזנארצ, אײַזנ. אָבער אזוינע ארבעט-געגנשטאנדנ, ווי האָלצ אינ א ניט-גערירטנ ווואלד, פלאסטנ שטיינקוילנ, זײַנענ ניט קיינ רוי-מאטעריאלנ, ווײַל צו זיי איז נאָכ ניט אָנגעווענדט געוואָרנ קיינ ארבעט.

2) ארבעט-מיטל — דאָס, וואָס דערמיט ווערט באארבעט דער ארבעט-געגנשטאנד: מאשינעס, אינסטרומענטנ; אהער געהערנ אויכ די הײַזער אונ געבײַדעס, וואָס שפּילנ די ראָליע פונ א מאטעריעלנ באדינג פאר דער פּראָדוקציע.

צו די פּראָדוציר-מיטלענ געהערנ אויכ די הילפ-מאטעריאלנ, דעהײַנע: הייצוואַרג, שמיר-אייל, פארב אאוו.

לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז מיר האָבנ צו טאָנ מיט דער פּראָדוקציע פונ באוולנע גארנ. לאָמיר דערלאָזנ, אז: 1) איינ קילאָ בוימוואָל אנטהאלט שוינ אינ זיכ איינ שאָ ארבעט; 2) באם פארוואנדלענ איינ קילאָ בוימוואָל אינ איינ קילאָ גארנ ווערט אָפּגענוצט אזא סכום מאשינעס, אינסטרומענטנ, געבײַדע אונ באהילפיקע מאטעריאלנ וואָס אנטהאלט אינ זיכ א פערטל שאָ ארבעט; 3) אפ פארוואנדלענ איינ קילאָ בוימוואָל אינ איינ קילאָ גארנ איז געזעלשאפטלעכ נייטיק נאָכ איינ שאָ ארבעט; 4) דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט איז גלײַכ צו 6 שאָ אונ, צולעצט, 5) איינ שאָ געזעלשאפטלעכע ארבעט האָט א געלט-אויסדרוק אינ איינ רובל.

וויפל וועט בא די דאָזיקע באדינגונגענ זײַנ דער ווערט פונ איינ קילאָ גארנ? ער וועט באטרעפנ:

	שאָענ	רובל
1. דער ווערט פונ 1 קילאָ בוימוואָל	1	1
2. דער ווערט פונ די אָפּגענוצטע ארבעט-געצײַג . . .	$1/4$	0,25
3. דער ווערט, וואָס דעמ שפּינערס ארבעט האָט פונדאָסנײַ געשאפנ	1	1
סאכאקל . . .	$2\,1/4$	2,25

ווענ דער ארבעטער וואָלט געארבעט בלויז 6 שאָ, דה. פונקט אזויפיל, וויפל עס איז נייטיק אפ פּראָדוצירנ זײַנע עקזיסטענצ-מיטלענ אָדער אפ אופשטעלנ דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט, וואָלט זיכ באקומענ אזא רעזולטאט: אינ פארלויפ פונ 6 שאָ ארבעט דער ארבעטער איבער 6 קילאָ בוימוואָל. דער ווערט פונ די פּראָדוצירטע 6 קילאָ גארנ בילדעט זיכ אפ אזא אויפנ:

	שאָענ	רובל
1. דער ווערט פונ 6 קג. בוימוואָל	6	6
2. דער ווערט פונ דער אָפּגענוצטער אויסשטאטונג — $1/4 \times 6$	$1\,1/2$	1,50
3. דער ווערט, וואָס דעמ שפּינערס ארבעט האָט פונדאָסנײַ געשאפנ	6	6
סאכאקל . .	$13\,1/2$	13,50

וויפל קאָסטנ אונדזוער קאַפּיטאַליסט די דאָזיקע 6 קג. גארנ?

ער האָט געקויפט די פּראָדוציר-מיטלענ אונ די ארבעטקראַפט לויט זייער ווערט; זיי האָבנ אים, הייסט עס, געקאָסט: 1) 6 קג. בוימוואָל — 6 רובל, 2) די אָפּנוצונג פונ דער אויסשטאַטונג — 1 ר. 50 קאָפּ., 3) אונ די ארבעטקראַפט — 6 ר., סאַכאַקל 13 ר. 50 קאָפּ.

הייסט עס, אז ווענ דער ארבעטער ארבעט 6 שאָ, וועט דער קאַפּיטאַליסט ניט באַקומענ קיינ שום מערווערט.

אָבער דער ארבעטער האָט דאָכ פארקויפט זײַנ ארבעטקראַפט דעמ קאַפּיטאַליסט, אונ דעריבער געהערט שוינ דאָס רעכט צו באַנוצנ די ארבעטקראַפט ניט דעמ ארבעטער, נאָר דעמ קאַפּיטאַליסט; דעמ קאַפּיטאַליסט אונ ניט דעמ ארבעטער געהערט דער געברויכ-ווערט פונ דער ארבעטקראַפט. אונ די אייגנטימלעכקײַט פונ דער ארבעטקראַפט באַשטייט דערינ, וואָס זי קאָנ פונקציאָנירנ מער צײַט, איידער די צײַט, וואָס איז נייטיק אפ רעפּראָדוצירנ איר אייגענעמ ווערט. אויב אפ שאַפנ דעמ ארבעטערס עקזיסטענצ-מיטלענ איז געזעלשאַפטלעכ נייטיק 6 שאָ ארבעט, קאָנ דער ארבעטער ארבעטנ מער שאָ, ווײַל דער סכומ ארבעט, דורכ וועלכנ עס איז באַגרענעצט דער ווערט פונ דער ארבעטקראַפט, בילדעט ניט אינ קיינ שומ פאַל קיינ גרענעצ פארנ סכומ ארבעט, וואָס עס קאָנ געבנ די ארבעטקראַפט" (מאַרקס, „ארבעטלוינ, פּרײַז אונ רעווע̇כ", קאַפּיטל 8).

אויב, פארברויכנדיק די נייטיקע עקזיסטענצ-מיטלענ, קאָנ דער ארבעטער ארבעטנ, לאָמיר זאָגנ, 12 שאָ, דארפ ער, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס די דאָזיקע עקזיסטענצ-מיטלענ אנטהאַלטנ בלויז 6 שאָ ארבעט, ארבעטנ 12 שאָ, ווײַל ער האָט פארקויפט דעמ קאַפּיטאַליסט די ארבעטקראַפט, וואָס איר געברויכ-ווערט באַטרעפט 12 שאָ ארבעט. אונ דער ווערט פונ דעמ סכומ גארנ, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרנ אינ 12 שאָ, וועט צונויפגעשטעלט ווערנ: 1) פונ דעמ ווערט, וואָס עס האָבנ די איבערגעארבעטע 12 קג. בוימוואָל, = 12 שאָ = 12 רובל; 2) פונעמ ווערט פונ דער אויסשטאַטונג, וואָס איז דערבײַ אָפּגענוצט געוואָרנ, = אַ 1/4 שאָ × 12 = 3 שאָ = 3 רובל אונ 3) דעמ ווערט, וואָס דער שפּינער האָט פונדאָסנײַ געשאַפנ אונ צוגעגעבנ צומ בוימוואָל אינ פּראָצעס פונ פארוואַנדלענ דעמ בוימוואָל אינ גארנ, = 12 שאָ = 12 רובל. סאַכאַקל — 27 שאָ = 27 רובל. אונ דער קאַפּיטאַליסט האָט פארווענדט אפ פּראָדוצירנ די דאָזיקע 12 קג. גארנ: 1) 12 רובל אפנ בוימוואָל; 2) 3 רובל — אפ דער אָפּנוצונג פונ דער אויסשטאַטונג אונ 3) 6 רובל אפ דער ארבעטקראַפט — סאַכאַקל 21 רובל. ער פארקויפט 12 קג. גארנ פאַר 27 רובל, דה. לויט זייער ווערט, אונ באַקומט 6 רובל מערווערט. ער האָט געקויפט די סכוירעס — די פּראָדוציר-מיטלענ אונ די ארבעטקראַפט — לויט זייער ווערט אונ פארקויפט די סכוירעס לויט זייער ווערט אונ דאָכ באַקומט ער מערווערט.

די דעפיניציע פונ מערווערט

דער ווערט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט געלאָזנ אינ אומזאַצ, איז אויסגעוואָקסנ דערפאַר, ווײַל דער ווערט, וואָס דער ארבעטער האָט געשאַפנ אינעמ פּראָדוציר-פּראָצעס, איז גרעסער איידער דער ווערט פונ זײַנ ארבעטקראַפט. דער דאָזיקער ווערט-איבערפלוס, וואָס דער ארבעטער האָט געשאַפנ, וואָס שטײַגט איבער דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראַפט, אָדער דער אונטערשייד

צווישנ דעמ ווערט, וואָס דער אַרבעטער האָט געשאַפנ, אונ דעמ ווערט פונ זײַנ אַרבעטקראַפט, איז עס דער מערווערט.

א טײל פונ זײַנ אַרבעטטאָג אַרבעט דער אַרבעטער אָנ געצאָלט פאַרנ קאַ־פּיטאַליסט. דער קאַפּיטאַליסט פאַרײגנט אָנ געצאָלט דעמ ווערט, וואָס דער אַרבעטער האָט געשאַפנ אינ פאַרלויפ פונעמ דאָזיקנ טײל אַרבעטטאָג. די פאַר־גרעסערונג פונעמ ווערט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט לאָזט אינ אומזאַצ, קומט פאָר דורכ עקספּלואַטירנ דעמ אַרבעטער.

דער קאַפּיטאַל אונ זײַנע באַשטאַנד־טײלנ

דער קאַפּיטאַל

נאָכ דעמ, ווי דער קאַפּיטאַליסט האָט געקויפט פּראָדוציר־מיטלענ אונ אַרבעטקראַפט, עקזיסטירט איצט זײַנ קאַפּיטאַל, וואָס האָט פּרײַער עקזיסטירט אינ דער פּאָרמ פונ געלט, אינ דער פּאָרמ פונ פּראָדוציר־מיט־לענ אונ אַרבעטקראַפט. די לעצטע זײַנענ אויכ א ווערט, אונ זײער ציל־באַשטימונג באַשטײט אויכ אינעמ אָנוווקס פונ דעמ ווערט. ווענ עס ענדיקט זיכ דער פּראָדוציר־פּראָצעס, עקזיסטירט דער קאַפּיטאַל אינ דער פּאָרמ פונ סכוירע. אָבער דער ווערט פונ דער דאָזיקער סכוירע איז גרעסער, אײדער דער אָנפאַנגלעכער ווערט, וואָס איז געלאָזט געוואָרנ אינ אומזאַצ: ער אַנטהאַלט דעמ אָנ־פאַנגלעכנ ווערט, וואָס האָט זיכ פאַרגרעסערט אפנ מערווערט. נאָכנ פאַרקויפנ די דאָזיקע סכוירע עקזיסטירט ווידער דער קאַפּיטאַל אינ א געלט־פּאָרמ.

אפ אַלע סטאַדיעס פונ זײַנ באַוועגונג דורכ די פאַרשײדענע פּאָרמענ (געלט־פּאָרמ — פּאָרמ פונ פּראָדוציר־מיטלענ אונ אַרבעטקראַפט — סכוירע־פּאָרמ — געלט־פּאָרמ) פאַרבלײַבט דער קאַפּיטאַל א ווערט, וואָס שטײַגט אינ דער דאָזיקער באַ־וועגונג זײַנער, נעמלעכ — אינ דעמ פּעריאָד פונ זײַנ באַוועגונג, ווענ עס קומט פאָר דער פּראָדוציר־פּראָצעס. דער קאַפּיטאַל איז א ווערט, וואָס ברענגט מערווערט.

דאָס אריבער־טראָגנ דעמ ווערט אונ דאָס שאפנ נײַעמ ווערט

אויב מיר וועלנ זיכ צוקוקנ צו די באַזונדערע טײלנ פונעמ קאַפּיטאַל, וועלנ מיר דערזענ, אַז יעדער פונ זײ שפּילט א גאַנצ פאַרשײדענע ראָ־לע אינ זײַנ אָנוווקס. לאָמיר נעמענ די פּראָדוציר־מיטלענ—דעמ אַר־בעט־געגנשטאַנד אונ די אַרבעט־מיטלענ. דער אַרבעט־געגנשטאַנד האָט א באַשטימטנ ווערט. זײַנ ווערט גײט אריבער אינעמ ווערט פונ־נעמ פאַרטיקנ פּראָדוקט; אינ אונדזער בײַשפּיל גײט אריבער דער ווערט פונעמ בוימוואָל אינעמ ווערט פונ גאַרנ. אָבער ווי־אַזוי גײט ער אריבער? דערמיט גופע, וואָס דער אַרבעטער אַרבעט איבער דעמ בוימוואָל אינ גאַרנ, היט ער אײַנ דעמ ווערט פונ בוימוואָל, אריבערטראָגנדיק אימ אינ דעמ פאַרטיקנ פּראָדוקט, אינעמ גאַרנ.

דאָס אריבערטראָגנ דעמ ווערט פונ די פּראָדוציר־מיטלענ איז ניט אומבאַ־דינגט פאַרבונדנ מיט דעמ, וואָס די שטאָפ גופע פונ די פּראָדוציר־מיטלענ גײט אריבער אינעמ פאַרטיקנ פּראָדוקט. די שטאָפ פונעמ בוימוואָל גײט אַרי־בער אינעמ גאַרנ; גאַרנ — דאָס איז בוימוואָל, וואָס מע האָט אימ צוגעגעבנ א

באשטימטע פאָרם. אָבער אויב מיר וועלנ נעמענ ארבעט-געצײַג, לאָמיר זאָגנ, די שפּינערײַ־מאַשינעס, איז דאָ די לאַגע א ביסל אנ אנדערע. די שטאָף פונעם ארבעט-געצײַג גייט ניט ארײַנ אינעם פּארטיקנ פּראָדוקט, אָבער דער ווערט זײַנער גייט ארײַנ אינעם באשטאנד פונעם ווערט פונעם פּארטיקנ פּראָדוקט. אָבער דער ווערט פונעם ארבעט-געצײַג גייט יעדעס מאָל ארײַנ אינעם ווערט פונעם פּארטיקנ פּראָדוקט ניט אינ זײַנ פולער מאָס, ווי דער ווערט פונ דעמ ארבעט-געגנשטאנד (דער ווערט פונ איינ קילאָ בוימוואָל גייט אינגאנצנ ארײַנ אינעמ ווערט פונ איינ קילאָ גארנ), נאָר בלויז טיילווײַז — אינ דער מאָס, אינ וועלכער עס ווערט אָפּגענוצט. אונ ווידעראמאָל ווערט דער דאָזיקער ווערט פונעמ ארבעט־געצײַג אריבערגעטראָגנ דורכ דעמ ארבעטער אינעמ פּארטיקנ פּראָדוקט אינ פּראָצעס פונ זײַנ ארבעט.

אָבער גאָר אנדערש איז די לאַגע מיטנ צווייטנ טייל קאַפּיטאל — מיטנ ווערט פונ דער ארבעטקראפט. קעדיי מיט דער הילפ פונעמ ארבעט־געצײַג איבערארבעטנ 12 קג. בוימוואָל אינ 12 קג. גארנ, דארפ דער ארבעטער פארווענדנ 12 שאָ ארבעט. אינ פארלויפ פונ דער דאָזיקער צײַט שאפט ער א נײַעמ ווערט: א ווערט, וואָס האָט פריִער ביז זײַנ ארבעט ניט עקזיסטירט. דער ווערט פונעמ בוימוואָל אונ פונ דער שפּינערײַ־מאַשינ איז א ווערט, וואָס האָט עקזיסטירט נאָכ איידער דער ארבעטער האָט אָנגעהויבנ איבערארבעטנ דעמ בוימוואָל אינ גארנ. זייער ווערט האָט געשאפנ ניט דעמ שפּינערס ארבעט, נאָר די ארבעט פונעמ בוימוואָל־ציכטלער, די ארבעט פונ די ארבעטער, וואָס האָבנ אויסגעבויט די שפּינערײַ־מאַשינעס. אָבער די ארבעט פונ די דאָזיקע ארבעטער איז א *פריִערדיקע* ארבעט בענעגייע צומ שפּינערס *איצטיקער ארבעט*. זי איז א *טויטע ארבעט*, וואָס עקזיסטירט אינ די פּראָדוציר-מיטלענ, אנ ארבעט, וואָס האָט זיכ שוינ פארוואנדלט אינ א ווערט; אָבער דעמ שפּינערס ארבעט, ווענ ער פארוואנדלט דעמ בוימוואָל אינ גארנ, איז א *לעבעדיקע ארבעט*. די ארבעטקראפט איז דעריבער דער קוואל פונ א נײַעמ ווערט, וואָס האָט פריִער ניט עקזיסטירט, אינ קעגנזאצ צו די פּראָדוציר-מיטלענ, וואָס זײַנענ ביכלאל ניט קיינ קוואל פונ ווערט, ווײַל זיי זײַנענ ניט קיינ קוואל פונ ארבעט.

הייסט עס, אז דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט ווערט ניט אריבערגעטראָגנ אפנ פּארטיקנ פּראָדוקט, נאָר ער ווערט רעפּראָדוצירט דורכ שאפנ א נײַעמ ווערט.

אָבער וויִאזוי קאָנ דער ארבעטער גלײַכצײַטיק אי שאפנ א נײַעמ ווערט, אי אריבערטראָגנ אינעמ פּארטיקנ פּראָדוקט דעמ ווערט פונ די פּראָדוציר־מיטלענ? פארוואנדלענדיק דעמ בוימוואָל אינ גארנ, פּראָדוצירט דער ארבעטער א באשטימטנ געברויכ־ווערט. ער פּראָדוצירט טאקע אָט דעמ אונ ניט קיינ אנדערנ געברויכ־ווערט ניט דערפאר, ווײַל ער פארווענדט ביכלאל זײַנ ארבעטקראפט, נאָר דערפאר, ווײַל ער פארווענדט זי אינ א באשטימטער פאָרמ, אינ דער פאָרמ פונעמ שפּינערס ארבעט. אונ אלס שפּינער טראָגט ער אריבער מיט זײַנ קאָנקרעטער ארבעט, — טאקע דערמיט, וואָס ער פארוואנדלט דאָס בוימוואָל אינ גארנ, — דעמ ווערט פונעמ בוימוואָל אפנ גארנ. אָבער אזויווי זײַנ ארבעט איז גלײַכצײַטיק א פאר-

ווענדונג פונ ארבעטקראפט ביכלאַל, אנ אבסטראקט-מענטשלעכע ארבעט, גיט ער צו צו דעמ ארבעט-געגנשטאנד א נייַעמ ווערט.

דאָס אריבערטראָגנ דעמ ווערט אונ דאָס שאפנ א נייַעמ ווערט זייַנענ ניט קיינ צוויי באזונדערע ארבעטנ, וואָס ווערנ אָפגעטאָנ איינע נאָכ דער אנדערער, ווייַל די אבסטראקט-מענטשלעכע ארבעט אונ די קאָנקרעטע ארבעט זייַנענ בלויז צוויי זייַטנ, צוויי אייגנשאפטנ פונ איינ אונ דער זעלבער ארבעט. גלייַכצייַטיק טראָגט דער ארבעטער אריבער דעמ ווערט פונ די פראָדוציר-מיטלענ אפנ פראָדוקט אונ ער שאפט א נייַעמ ווערט. דער דאָזיקער צווייִקער רעזולטאט פונ זייַנ ארבעט איז ארויסגערופנ דורכנ צווייִקנ כאראקטער פונ זייַנ ארבעט אלס קאָנקרעטע אונ אלס אבסטראקט-מענטשלעכע ארבעט.

אינ איר אבסטראקטער אלגעמיינער אייגנשאפט, אלס פארווענדונג פונ מענטשלעכער ארבעטקראפט, גיט צו דעמ שפינערס ארבעט צו דעמ ווערט פונ בוימוואָל אונ פונ די שפינדלעכ א נייַעמ ווערט, אונ אינ איר קאָנקרעטער, באזונדערער, נוצלעכער אייגנשאפט, אלס שפינערייַ-פראָצעס, טראָגט זי אריבער אפנ פראָדוקט דעמ ווערט פונ די דאָזיקע פראָדוציר-מיטלענ אונ זי היט אייַנ אזוי-ארומ איר ווערט אינעמ פראָדוקט. פונדאנענ נעמט זיכ די צווייִקייַט אינ דעמ רעזולטאט פונ דער ארבעט, וואָס ווערט אָפגעטאָנ אינ איינ אונ דער זעלבער צייַט" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, זייַט 138. מייַנ קורסיוו.—ל. ס.).

לאָמיר קלאָר מאכנ דעמ אונטערשייד צווישנ אריבערטראָגנ דעמ ווערט אונ שאפנ ווערט אפ פאָלגנדיקנ בייַשפיל. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז דעמ שפינערס ארבעט איז געוואָרנ אינ צוויי מאָל מער פראָדוקטיוו, אז אינ 12 שאָ ארבעט ער איבער אינ גארנ ניט 12, נאָר 24 קג. בוימוואָל. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז די ארבעט-פראָדוקטיווקייַט פונעמ בוימוואָל-ציכטלער האָט זיכ ניט געענדערט אונ אז דער ווערט פונעמ בוימוואָל איז דעריבער פארבליבנ דער פריִערדיקער, דה. אז אינ איינ קילאָ בוימוואָל איז פארזאכלעכט איינ שאָ ארבעט. איבערארבעטנדיק איצט אינ 12 שאָ 24 קג. בוימוואָל, טראָגט אונדזער שפינער אריבער אפנ גארנ 24 שאָ פריִערדיקע ארבעט, אונ צוגעבנ גיט ער צו צו דער דאָזיקער ארבעט, פונקט אזוי ווי פריִער, 12 שאָ לעבעדיקע ארבעט.

דער קאָנסטאנטער אונ פארענדערלעכער קאפיטאל

מיר זעענ אזוי-ארומ, אז בענעגייע דעמ אָנוווקס פונעמ ווערט פונ קאפיטאל עקזיסטירט א גרינטלעכער, פרינציפיִעלער אונטערשייד צווישנ די פראָדוציר-מיטלענ אונ דער ארבעטקראפט. די פראָדוציר-מיטלענ זייַנענ זאכיקע באדינגונגענ פונ דער ארבעט, דאָס זייַנענ נעמלעכ די פראָדוציר-מיטלענ אינ בוכשטעבלעכנ זינ פונעמ דאָזיקנ וואָרט, דער ווערט פונ די פראָדוציר-מיטלענ ענדערט זיכ ניט אינעמ פראָדוציר-פראָצעס, נאָר ער איז קאָנסטאנט. זיי זייַנענ בלויז א באדינג פארנ אָנוווקס פונעמ ווערט. דער איינציקער קוואל פארנ אָנוווקס פונעמ ווערט פונ קאפיטאל איז בלויז די ארבעטקראפט. אינ זייַנ ווערט פארגרעסערט זיכ בלויז יענער טייל פונעמ קאפיטאל, וואָס איז פארווענדט געוואָרנ אפ דער ארבעטקראפט. די

גרייס פונ עמ דאָזיקנ טייל ענדערט זיכ אינעמ פראָדוציר-פראָצעס, זי וואקסט, זי איז — א פארענדערלעכע גרייס.

יענעמ טייל קאפיטאל, וואָס ווערט פארווענדט אפ די פראָדוציר-מיטלענ, רופט אָנ דעריבער מארקס קאָנסטאנטער (באשטענדיקער) טייל פונ קאפיטאל, אָדער קירצער — *קאָנסטאנטער קאפיטאל*, אונ דעמ טייל קאפיטאל, וואָס ווערט פארווענדט אפ קויפנ די ארבעטקראפט, — *פארענדערלעכער קאפיטאל*.

דעמ פאקט, אז דער קאפיטאל טיילט זיכ אפ קאָנסטאנטנ אונ פארענדערלעכנ קאפיטאל, האָט אנטדעקט מארקס. די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ לייקענענ אָפ די עקזיסטענצ פונעמ דאָזיקנ פאקט, ווייל זיי האלטנ ביכלאל, אז ניט די ארבעט שאפט דעמ ווערט. זיי וויסנ בלויז יענע טיילונג פונ קאפיטאל, וואָס בא איר האלט זיכ דער קאפיטאליסט אינ דער פראקטיק בא זיינע קאָמערציעלע כעזשבוינעס, נעמלעכ: די טיילונג פונעמ קאפיטאל אפ גרונט-קאפיטאל אונ אומזאצ-קאפיטאל.

גרונט - קאפיטאל און אומזאצ-קאפיטאל

דער גרונט-קאפיטאל דאָס איז דער ווערט פונ די מאשינעס, פונ דער אויסשטאטונג, געביידעס, דה. יענער טייל קאפיטאל, וואָס ווערט ארייַנגעלייגט אינ דער פראָדוקציע אפ א דויערנדיקנ טערמינ אונ וואָס זייַנ ווערט קערט זיכ אומ צוריק טיילווייַז. *אומזאצ-קאפיטאל* איז דער טייל קאפיטאל, וואָס ווערט ארייַנגעלייגט אינעמ רוי-מאטעריאל אונ אינ דער ארבעטקראפט. דער ווערט פונ דעמ דאָזיקנ טייל קערט זיכ אומ צוריק צומ קאפיטאליסט אינ דער פולער מאָס באמ פארקויפנ די סכוירע.

דער דאָזיקער אונטערשייד צווישנ דעמ גרונט-קאפיטאל אונ אומזאצ-קאפיטאל דרינגט ארויס פונ די פראָדוציר-באדינגונגענ, נעמלעכ: פונעמ פארשיידענעמ אויפנ פונ אריבערטראָגנ דעמ ווערט פונ פארשיידענע טיילנ קאפיטאל אפנ פראָדוקט.

מיר האָבנ אויבנ געזענ, אז דער ווערט פונ דעמ ארבעט-געצייַג ווערט אריבערגעטראָגנ אפנ פארטיקנ פראָדוקט טיילווייַז, אונ דער ווערט פונעמ ארבעט-געגנשטאנד טראָגט זיכ אריבער אינ זייַנ פולער מאָס. דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט טראָגט זיכ ניט אריבער אפנ פראָדוקט, נאָר ווערט רעפראָדוצירט אינעמ פראָדוקט דורכ דעמ, וואָס עס ווערט געשאפנ א נייַער ווערט. אָבער דער דאָזיקער אומשטאנד איז אבסאָליוט אלציינס פאר דער טיילונג פונעמ קאפיטאל אפ גרונט- אונ אומזאצ-קאפיטאל. פאר דער דאָזיקער טיילונג איז וויכטיק בלויז, אז דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט, פונקט אזוי ווי דער ווערט פונ דעמ ארבעט-געגנשטאנד, גייט אינ דער פולער מאָס ארייַנ אינעמ ווערט-באשטאנד פונ דעמ פראָדוקט, אינ דער צייַט, ווענ דער ווערט פונעמ גרונט-קאפיטאל ווערט אריבערגעטראָגנ אפנ פראָדוקט טיילווייַז.

אינ דער דאָזיקער טיילונג פונעמ קאפיטאל אפ גרונט- אונ אומזאצ-קאפיטאל ווערט דער גרונט-אונטערשייד צווישנ די פראָדוציר-מיטלענ אונ דער ארבעטקראפט אינגאנצנ פארטושירט: די ארבעטקראפט פאלט דאָ ארייַנ אינ איינ גרופע, אינ איינ רובריק מיט איינ טייל פונ די פראָדוציר-מיטלענ, נעמלעכ מיטנ רויוואָרג אונ צוזאמענ מיט אימ ווערט זי קעגנגעשטעלט דעמ צווייטנ טייל פראָדוציר-מיטלענ. די דאָזיקע צעטיילונג פארבאָרגט אינגאנצנ דיווירקלעכע, באזונדערע ראָליע פונ דער ארבעטקראפט אלס איינציקנ קוואל פונעמ מערווערט. די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ האלטנ זיכ בא דער טיילונג אפנ גרונט- אונ אומזאצ-קאפיטאל אונ גייענ ניט ווייַטער דער-

פונ, וואָס מע זעט אפ דער אויבערפלאכ פונ דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע. די צעטיילונג פונ קאפּיטאל אפ קאָנסטאנטנ אונ פארענדערלעכנ קאפּיטאל איז אזויארום א פאקט, וואָס ניט צופעליק אינטערעסירט ער ניט דעם קאפּיטאליסט אונ זײַנ געלערנטנ מעשאָרעס — דעם בורזשואזנ עקאָנאָמיסט.

אנטדעקנדיק די צעטיילונג פונ קאפּיטאל אפ קאָנסטאנטנ אונ פארענדערלעכנ, האָט מארקס דעמאסקירט דעם סאָד פונ קאפּיטאל, וואָס באשטייט דערינ, אז דער קאפּיטאל איז א ווערט, וועלכער ברענגט מערווערט דורכ דעם, וואָס דער קאפּיטאליסט עקספּלואטירט דעם לוינ-ארבעטער.

4. די מעטאָדנ צו פארגרעסערנ דעם מערווערט. אבסאָליוטער אונ רעלאטיווער מערווערט

מארקס האָט ניט בלויז אופגעדעקט דעם טאָכ פונ די פּראָדוציר-פארהעלטענישנ צווישנ דער בורזשואזיע אונ פּראָלעטאריאט; ער האָט זיכ ניט באנוגנט מיט באווײַזנ, אפ וואָס פאר אנ אויפנ עס קומט פאָר די עקספּלואטאציע פונעם לוינ-ארבעטער; ער האָט אויכ באוויזנ, אז וויבאלד די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע איז אנטשטאנענ, פירט זי צום וווּקס פונ עקספּלואטאציע, אז די עצעם אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזם איז א וווּקס פונ דער עקספּלואטאציע פונעם פּראָלעטאריאט מיצאד דער בורזשואזיע.

דער גראד פונ עקספּלואטאציע

מיר האָבנ געזענ, אז דער ווערט, וואָס דער ארבעטער האָט געשאפנ אינ פארלויפ פונ גאנצנ ארבעטסטאָג, אָדער דער נײַער ווערט, וואָס ער גיט צו צו דעם ווערט פונ די פּראָדוציר-מיטלענ, וואָס האָט פריִער עקזיסטירט, טיילט זיכ אפ צוויי טיילנ: איינער פונ זיי דעקט דעם ווערט פונ דער ארבעטסקראפט אָדער דעם ווערט פונעם פארענדערלעכנ קאפּיטאל, אונ דער צווייטער בילדעט דעם מערווערט. אינ העסקעם דערמיט טיילט זיכ אויכ דעם ארבעטערס ארבעטסטאָג אפ צוויי טיילנ: 1) אפ דער צײַט, וואָס איז נייטיק אפ שאפנ דעם ווערט, וועלכער איז גלײַכ צום ווערט פונ דער ארבעטסקראפט, אונ 2) אפ דער צײַט, אינ פארלויפ פונ וועלכער עס ווערט פּראָדוצירט דער מערווערט. דעם טייל ארבעטסטאָג, אינ וועלכנ דער ארבעטער רעפּראָדוצירט דעם ווערט פונ דער ארבעטסקראפט, רופט מארקס אָנ די נייטיקע צײַט,* אונ די צײַט, אינ פארלויפ פונ וועלכער ער שאפט דעם מערווערט, — מערצײַט. אינ אונדזער אויבנ געבראכטנ בײַשפּיל טיילט זיכ דעם שפּינערס ארבעטסטאָג אפ 6 שאָ נייטיקע אונ 6 שאָ מערצײַט. די ארבעט, וואָס ווערט פארווענדט אינ פארלויפ פונ דער נייטיקער צײַט, איז נייטיקע ארבעט אונ די ארבעט, וואָס ווערט פארווענדט אינ דער מערצײַט, איז מערארבעט.

---

* מע דארפ ניט צונויפמישנ דעם אויסדרוק „נייטיקע צײַט“ מיטנ אויסדרוק, וואָס איז שוינ אונדז באקאנט פונעם ערשטנ קאפּיטל, „געזעלשאפטלעכ-נייטיקע ארבעטצײַט“. אונטערנ לעצטנ אויסדרוק ווערט פארשטאנענ די צײַט, וואָס איז נייטיק אפ פּראָדוצירנ איינ שטיק פונ דער געגעבענער

די פאַרהעלטעניש פון דער מערצײַט צו דער נייטיקער דריקט אויס דעם גראַד עקספּלואַטאַציע פונעם אַרבעטער דורכן קאַפּיטאַליסט.

אין אונדזער בײַשפּיל איז די פאַרהעלטעניש פון דער מערצײַט צו דער נייטיקער גלײַך 100%, ד. ה. דער אַרבעטער אַרבעט אויפן קאַפּיטאַליסט פּונקט אַזויפיל שעה, וויפל ער אַרבעט אויף זיך. וואָס גרעסער עס איז די מערצײַט לעגאַבע צו דער נייטיקער, אַלץ גרעסער איז דער גראַד עקספּלואַטאַציע. ווען די נייטיקע צײַט וואָלט באַטראָפן 4 שעה, און די מערצײַט — 8 שעה, וואָלט דער גראַד עקספּלואַטאַציע זיך פאַרגרעסערן, האַגאַם דער אַרבעטטאָג איז פאַרבליבן דער פריערדיקער (12 שעה): זי באַטרעפט אַצינד 200% (8 צו 4), ד. ה. דער אַרבעטער אַרבעט אויפן קאַפּיטאַליסט אין צוויי מאָל מער צײַט, איידער ער אַרבעט אויף זיך.

די מערווערט-נאָרמע

אויב מע זאָל נעמען די פאַרהעלטעניש פונעם מערווערט צום פאַראַנדערלעכן קאַפּיטאַל, וועלן מיר שטענדיק באַקומען אַ גרייס, וואָס איז גלײַך דעם גראַד עקספּלואַטאַציע, ווײַל דער מערווערט ווערט דאָך פּראָדוצירט אין פאַרלויף פון דער מערצײַט, און דער פאַראַנדערלעכער קאַפּיטאַל ווערט רעפּראָדוצירט אין פאַרלויף פון דער נייטיקער צײַט. *די פאַרהעלטעניש פונעם מערווערט צום פאַראַנדערלעכן קאַפּיטאַל רופט זיך מערווערט-נאָרמע.*

אַזוי ווי די קאַפּיטאַליסטן און בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן אַנערקענען ניט דעם פאַקט, אַז דער קאַפּיטאַל טיילט זיך אויף קאָנסטאַנטן און פאַראַנדערלעכן, עקזיסטירט אויך ניט פאַר זיי קיין מערווערט-נאָרמע. זיי באַטראַכטן דעם מערווערט בלויז אין זײַן פאַרהעלטעניש *צום גאַנצן קאַפּיטאַל*,* ווײַל דעם עצם מערווערט האַלטן די קאַפּיטאַליסטן אַלס רעזולטאַט פון גאַנצן קאַפּיטאַל. דערמיט ווערט ווידעראַמאָל פאַרבאָרגן דער פאַקט, אַז דער מערווערט האָט צו פאַרדאַנקען זײַן אַנטשטייונג בלויז דער עקספּלואַטאַציע פונעם לוין-אַרבעטער, און די זאַך ווערט פאָרגעשטעלט אַזוי, אַז דאָס געלט, די מאַשינעס, דאָס רויוואַרג אַאַוו. זײַנען פאַר זיך אַליין געגומען אימשטאַנד צו שאַפן מערווערט.

אַבסאָליוטער און רעלאַטיווער מערווערט

פון דעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם גראַד פון עקספּלואַטאַציע, דרינגט אַרויס, אַז ער קאָן פאַרגרעסערט ווערן אויף צוויי אופנים. דער ערשטער אופן — דאָס איז פאַרלענגערן דעם אַרבעטטאָג. אויב דער אַרבעטטאָג אין אונדזער בײַשפּיל וועט פאַרלענגערט ווערן פון 12 ביז 15 שעה וועט, די מערצײַט

סכוירע, בײַם אונטערן אויסדרוק „נייטיקע צײַט“ ווערט פאַרשטאַנען אַ באַשטימטער טייל פון אַרבעטטאָג. לעמאָשל, אויב מע זאָל דעם אַרבעטערס אַלע עקזיסטענץ-מיטלען פאָרשטעלן אין דער פאָרם פון 2 קילאָ ברויט אַ טאָג און אויב אויף פּראָדוצירן איין קילאָ ברויט איז געזעלשאַפטלעך נייטיק צו פאַרווענדן 2 שעה אַרבעט, וועט די „געזעלשאַפטלעך-נייטיקע צײַט“, וואָס פאָדערט זיך אויף פּראָדוצירן איין קג. ברויט, זײַן 2 שעה, און די „נייטיקע צײַט“, אַלס די צײַט, וואָס איז נייטיק צו שאַפן דעם ווערט פון דער אַרבעטקראַפט, וועט זײַן 4 שעה.

* די דאָזיקע פאַרהעלטעניש פונעם מערווערט צום גאַנצן קאַפּיטאַל רופט זיך *רעוועכנאָרמע*. וועגן דעם וועלן מיר ריידן ווײַטער, אין קאַפּיטל VII.

זײַנע שוין ניט 6 שאָ, נאָר 9 שאָ, און די פאַרהעלטעניש פון דער מערצײַט צו דער נייטיקער צײַט וועט זײַן ניט 100%, נאָר 9 שאָ צו 6 שאָ, אָדער 150%. דער מעטאָד פון פאַרגרעסערן דעם מערווערט דורך פאַרלענגערן דעם אַרבעטסטאָג רופט זיך פּראָדוצירן אַבסאָליוטן מערווערט. דער צווייטער מעטאָד באַשטייט אין דעם, אַז אָן דער פאַרלענגערונג פונעם אַרבעטסטאָג אײַנגאַנצן גענומען קומט פאָר אַ פאַרקירצונג פון דער נייטיקער אַרבעטסצײַט. אויב אין אונדזער בײַשפּיל וועט די נייטיקע אַרבעטסצײַט זיך פאַרקירצן ביז 4 שאָ בײַ דער פריִערדיקער צוועלפשאָ־ טיקער לענג פונעם אַרבעטסטאָג, וועט די מערצײַט זיך פאַרגרעסערן פון 6 ביז 8 שאָ, און דער גראַד פון עקספּלואַטאַציע וועט זיך הייבן ביז 200% (8 שאָ מערצײַט צו 4 שאָ נייטיקער צײַט). דער דאָזיקער מעטאָד פון פאַרגרעסערן דעם מערווערט דורך פאַרלענגערן די מערצײַט אַפּן כּעזשבן פון פאַרקירצן די נייטיקע צײַט רופט זיך פּראָדוצירן רעלאַטיוון מערווערט.

איידער מיר וועלן באַווײַזן, אַף וואָס פאַר אַן אופן עס ווערט געמאַכט אַזאַ פאַרקירצונג פון דעם נייטיקן טייל פונעם אַרבעטסטאָג, וועלן מיר צוערשט באַטראַכטן די דערשײַנונגען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער פּראָדוצירונג פונעם אַבסאָליוטן מערווערט.

דער קאַמף פאַר דער לענג פונעם אַרבעטסטאָג

דער אַבסאָליוטער מערווערט ווערט פּראָדוצירט דורך דער פאַרלענגערונג פונעם אַרבעטסטאָג. פרעגט זיך אָבער, ביז וואָס פאַר אַ גרענעץ קאָן פאַרלענגערט ווערן דער אַרבעטסטאָג? וואָסערע איז בכּלל די נאָרמאַלע לענג פונעם אַרבעטסטאָג?

אַלס נאָרמאַלער אַרבעטסטאָג דאַרף זיך רעכענען דער אַרבעטסטאָג מיט אַזאַ לענג, בײַ וועלכן דער אַרבעטער פאַרווענדט אַזויפיל אַרבעטקראַפט, וויפל ער איז אימשטאַנד אופצושטעלן טעגלעך און דערבײַ ניט אָפּנוצן פריצײַטיק זײַן אָרגאַניזם, ניט אַלט ווערן פאַר דער צײַט. מע קאָן אין פאַרלויף פון אַ סאַך טעג און וואָכן און אַפילע אין מעשעך פון עטלעכע יאָר טעגלעך אַזויפיל אַרבעטן, אַז דערנאָך איז שוין אוממעגלעך אופצושטעלן די פאַרווענדטע און אָפּגענוצטע אַרבעטקראַפט. אינעם דאָזיקן פאַל ווערט אין פאַרלויף פון איין אַרבעטסטאָג אָבער אומבאַמערקט פאַרן אַרבעטער פאַקטיש פאַרווענדט מער איידער אַן איינטאָגיקע אַרבעטקראַפט. עס קומט אָן פאַר דער צײַט די ניט־אַרבעטספייִקײַט, די עלטער און דער טויט. אַ נאָרמאַלער אַרבעטסטאָג, הייסט עס, איז דער אַרבעטסטאָג מיט אַזאַ לענג, בײַ וועלכער עס ווערט פאַרווענדט אַן איינטאָגיקע אַרבעטקראַפט, וואָס אַנטשפּרעכט דעם דורכשניטלעכן נאָרמאַלן לעבן־דויער.

אָבער דעם קאַפּיטאַליסט אינטערעסירט לאַכּלוטן ניט די פראַגע וועגן דער נאָרמאַלער לענג פונעם אַרבעטסטאָג. „דער קאַפּיטאַל פרעגט ניט וועגן דעם לעבן־דויער פון דער אַרבעטקראַפט. אים אינטערעסירט אויסשליסלעך דער מאַקסימום אַרבעטקראַפט, וואָס מע קאָן ברענגען אין באַוועגונג אין פאַרלויף פונעם אַרבעטסטאָג. ער דערגרייכט דעם דאָזיקן ציל פאַרקירצנדיק דאָס לעבן פון דער אַרבעטקראַפט,

פונקט ווי דעם גיריקן דאָרפישן באַלעבאָס גיט זיך איין אופצוהייבן די האַכ־נאָסעדיקייט פון דער ערד, פאַרוויסטנדיק די פּרוכטבאַרקייט פונעם באָדן... די קאַ־פּיטאַליסטישע פּראָדוקציע ברענגט צו דער פריצייטיקער אויסצערונג און פאַרניכ־טונג פון דער אַרבעטקראַפט, זי פאַרלענגערט די פּראָדוצירונג־צייט פאַרן אַרבע־טער אין פאַרלויף פון אַ באַשטימטן טערמין און ברענגט אַזויאַרום צו אַ פאַר־קירצונג פון זיין לעבנ-דויער" (מ אַ ר ק ס, קאַפּיטאַל, באַנד I, זייט 191).

דער אַרבעטער פאַרקויפט דעם קאַפּיטאַליסט אַן איינטאָגיקע אַרבעטקראַפט און פאָדערט אַזאַ לענג פון אַרבעטטאָג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער פאַרווענדונג פון אַן א י י נ ט אָ ג י ק ע ר אַרבעטקראַפט. אָבער דער קאַפּיטאַליסט טענהט, אַז ווי באַלד ער האָט געקויפט די אַרבעטקראַפט, האָט ער רעכט אויסצונוצן איר גאַנצן געברויכ־ווערט, דה. ווי ווייט מעגלעך צו פאַרלענגערן דעם אַרבעטטאָג. ביידע — אי דער אַרבעטער אי דער קאַפּיטאַליסט — פאַרופן זיך מיט גלייכן רעכט אַפ די געזעצן פון סכוירע־אויסטויש. אָבער „באַם צוזאַמענשטויס פון צוויי רעכטן געהערט דאָס וואָרט דער קראַפט. אין דער געשיכטע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע טרעט, אַזויאַרום, אַרויס די נאָרמירונג פון אַרבעטטאָג אַלס קאַמף פאַר די גרענעצן פונעם אַרבעטטאָג — דער קאַמף צווישן דעם קאָלעקטיוון קאַפּיטאַ־ליסט, דה. דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, און דעם קאָלעקטיוון אַרבעטער, דה. דעם אַרבעטער־קלאַס" (ד אָ ר ט, זייט 165). „ד אָ ס א י י נ ש ט ע ל ן א נ אָ ר מ אַ ל ן אַ ר ב ע ט ט אָ ג א י ז אַ פּ ר אָ ד ו ק ט פ ו ן אַ ד ו י ע ר נ ד י ק ן, מ ע ר אָ ד ע ר ו י י נ י ק ע ר פ אַ ר ב אָ ר ג ע נ ע ם ב י ר ג ע ר ק ר י ג צ ו ו י ש ן ד ע ם ק ל אַ ס ק אַ־פּ י ט אַ ל י ס ט נ א ו ן ד ע ם אַ ר ב ע ט ע ר ־ ק ל אַ ס" (ד אָ ר ט, זייט 220. מיין קור־סיוו. — ל. ס.).

אין אָנהייב אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם האָט די מעלוכע אַפ אַ געזעצגע־בערישן אופן פאַרלענגערט דעם אַרבעטטאָג, אָבער צוזאַמען מיטן וווּקס פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון זיין קאַמף פאַר פאַרקירצן דעם אַרבעטטאָג איז די מעלוכע (באַזונדערס אינעם XIX יאָרהונדערט) ג ע ו ו ע ן ג ע צ ו ו ו נ ג ע ן צו פאַר־קירצן דעם אַרבעטטאָג אַפ אַ געזעצגעבערישן אופן.

ביז דער מילכאָמע האָט דער אַרבעטער-קלאַס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער געפירט אַ קאַמף פאַר אַן 8־שאָ׳יקן אַרבעטטאָג. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מילכאָמע, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די מעכטיקע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, האָט זיך דער אַרבעטער־קלאַס קימאַט אין אַלע וויכטיקסטע קאַפּיטאַליס־טישע לענדער דערשלאָגן אַן 8־שאָ׳יקן אַרבעטטאָג. אָבער אָנהייבנדיק פון 1924 יאָר, נאָך דעם, ווי די ערשטע רעוואָליוציאָנערע כוואַליע איז אָפּגעפאַלן, האָט זיך אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָנגעהויבן אַ פאַרלענגערונג פונעם אַר־בעטטאָג ביז 10 און 12 שאָ, עס זיינען אַפילע פאַראַן פאַלן פון אַ 16־שאָ׳יקן אַרבעטטאָג.

בלויז דער קאָנסעקווענטער, ניט בלויז עקאָנאָמישער, נאָר אויך פּאָליטישער קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס לייזט די פראַגע וועגן דער לענג פונעם אַרבעט־טאָג. אַ נאָרמאַלן אַרבעטטאָג קאָן דער אַרבעטער־קלאַס פעסט איינשטעלן בלויז נאָך דעם, ווען ער וואַרפט אַראָפּ די בורזשואַזיע און שטעלט איין זיין דיקטאַטור.

דאָס באַווײַזט אָנשױליכ דער בײַשפּיל פונ פּססר, ווו מיר זײַנענ אריבער פונ אנ 8־שאָ‏ָקנ ארבעטסטאָג צו א 7־שאָ‏ָקנ ארבעטסטאָג, קעדײ נאָכדעם אריבערגײנ צו א 6־שאָ‏ָקנ ארבעטסטאָג.

די פּראָדוצירונג פונ רעלאַטיוונ מערווערט

דער קאמפּ פונעמ ארבעטער־קלאס פאר פארקירצנ דעמ ארבעטסטאָג אונ די קאָנקורענצ פונ די קאַפּיטאַליסטנ צווישנ זיכ ברענגט צומ פּראָדוצירנ רעלאַטיוונ מערווערט. ווי עס איז אויבנ געזאָגט געוואָרנ, באשטײט דער דאָזיקער מעטאָד פונ פארגרעסערנ די עקספּלואטאציע דערינ, וואָס עס ווערט פארקירצט די נײטיקע צײַט, אינ פארלויפ פונ וועלכער דער ארבעטער רעפּראָדוצירט דעמ ווערט פונ זײַנ ארבעטקראפט, אונ אפנ דאָזיקנ כעזשבנ ווערט פארגרעסערט די מערצײַט. אָבער וויאַזוי קאָנ פארקירצט ווערנ די נײטיקע צײַט? מיר לאָזנ דאָ אָנ א זײַט די אראָפּזעצונג פונעמ ארבעטלוינ נידעריקער אײדער דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט, וואָס דערבײַ ווערט א טײל נײטיקע צײַט פארוואנדלט אינ מערצײַט. די פראגע איז, וויאַזוי ווערט פארקירצט די נײטיקע צײַט אונ פארגרעסערט די מערצײַט, ווענ די ארבעטקראפט ווערט באצאָלט לויט איר ווערט.

מיר ווײסנ, אז דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט באשטימט דער סכומ ארבעט, וואָס איז נײטיק צו פארווענדנ אפ פּראָדוצירנ דעמ ארבעטערס עקזיסטענצ־מיטלענ. אויב עס קומט פאָר א וווקס פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אינ די צווײַגנ, וואָס שאפנ די געברויכ־געגנשטאנדנ פארנ ארבעטער־קלאס, וועט זיכ פארקלענערנ די צײַט, וואָס איז נײטיק אפ שאפנ די דאָזיקע געברויכ־געגנשטאנדנ, אונ עס וועט זיכ בעמײלע פארקלענערנ אויכ זײער ווערט, אונ דערײַבער וועט זיכ אויכ פארקלענערנ דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט. דער ארבעטער וועט פארברויכנ פונקט אזא סכומ ברויט, פלײש, קלײדונג אאוו., ווי פריִער, אָבער דער ווערט פונ די דאָזיקע עקזיסטענצ-מיטלענ וועט זײַנ קלענער אונ דעריבער וועט זײַנ קלענער אויכ דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט אונ בעמײלע אויכ די נײטיקע צײַט. די מערצײַט וועט זיכ פארגרעסערנ אפנ דאָזיקנ כעזשבנ.

אלזאָ, דער רעלאַטיווער מערווערט איז א רעזולטאט פונ העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אינ די צווײַגנ, וואָס ארבעטנ אויס עקזיסטענצ-מיטלענ פארנ ארבעטער־קלאס. אָבער די דאָזיקע צווײַגנ זײַנענ אפנ ענגסטנ אויפנ פארבונדנ מיט אלע איבעריקע צווײַגנ. דער ווערט פונ קלײדער וועט אראָפּגעזעצט ווערנ ניט בלויז אלס רעזולטאט דערפונ, וואָס עס וואקסט די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט פונ די ארבעטער, וועלכע זײַנענ פארנומענ מיט פּראָדוצירנ פארטיקע קלײדער. אויב עס וועט זיכ אופהײבנ די פּראָדוקטיווקײַט פונעמ וועבער, וואָס ארבעט אויס שטאָפ פאר די קלײדער, די פּראָדוקטיווקײַט פונ די ארבעטער, וואָס ארבעטנ אויס די נײ־מאשינעס, די פּראָדוקטיווקײַט פונ די שפּינערס, וואָס ארבעטנ אויס דעמ גארנ, וועלכע דער וועבער פארוואנדלט נאָכדעמ אינ שטאָפ, די פּראָדוקטיווקײַט פונ די ארבעטער, וואָס פּראָדוצירנ די וועבערײַ־ אונ שפּינערײַ־ווארשטאטנ, די פּראָדוקטיווקײַט פונ די ארבעטער, וואָס פּראָדוצירנ מעטאל אפ מאכנ די דאָזיקע מאשינעס אאוו.—וועט דאָס אלצ אינ א גרעסערער אָדער

קלענערער מאָס אראָפּזעצנ דעם ווערט פונ די קליידער, אונ בעמיילע וועט אויכ אראָפּגעזעצט ווערנ דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט. מיר זעענ, אז דער רעלאַטיווער מערווערט איז א רעזולטאט פונעם וווּקס פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיוויטעט אינ די צווײַגנ, וואָס פּראָדוצירנ געברויכ־געגנשטאנדנ פארנ ארבעטער־קלאס אונ (האגאם אינ א קלענערער מאָס) אינ די צווײַגנ, וואָס שאפנ די פּראָדוציר־מיטלענ, וועלכע זײַנענ נייטיק אפ אויסארבעטנ די דאָזיקע געברויכ־געגנשטאנדנ. דער אופשטײַג פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיוויטעט אינ די צווײַגנ, וואָס פּראָדוצירנ לוקסוס־זאכנ פאר דער בורזשואזיע, וועט זיכ, פארשטייט זיכ, ניט אָפּרופנ אפנ ווערט פונ דער ארבעטקראפט.

דער איבערפּלי־סיקער מערווערט

דאָס אופהייבנ די ארבעט־פּראָדוקטיוויטעט איז ניט קיינ גלײַכמעסיקער פּראָצעס: אמאָל אינ איינער, אמאָל אינ א צווייטער אונטערנעמונג קומט פאָר א וווּקס פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיוויטעט, אינ דער צײַט, ווענ אינ די איבעריקע אונטערנעמונגענ פארבלײַבט די פריערדיקע פּראָדוקטיוויטעט. אלס רעזולטאט דערפונ באקומט אמאָל דער, אמאָל יענער קאַפּיטאליסט אנ איבערפּליסיקנ מערווערט אינ פארגלײַכ מיט די אנדערע קאַפּיטאליסטנ.

לאָמיר דאָס קלאָר מאכנ אפנ פאָלגנדיקנ בײַשפּיל. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז איינ שאָ געזעלשאפטלעכ־נייטיקע ארבעטצײַט דריקט זיכ אויס אינ איינ רובל. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז אינ פארלויפ פונ א 10־שאָיקנ ארבעטטאָג ווערנ פּראָדוצירט 5 שטיק פונ אוועלכער־ניט־איז סכוירע אונ אז אפ איינ שטיק פונ דער דאָזיקער סכוירע ווערט פארווענדט פאר 3 רובל פּראָדוציר־מיטלענ. דאנ וועט דער ווערט פונ איינ שטיק פונ דער דאָזיקער סכוירע זיכ אויסדריקנ אינ 5 רובל (3 רובל פּראָדוציר־מיטלענ אונ 2 רובל די צוגעקומענע ארבעט). לאָמיר זיכ ווײַטער פאָרשטעלנ, אז דער ארבעטטאָג טיילט זיכ אפ 5 שאָ נייטיקע צײַט אונ 5 שאָ מערצײַט; אינ אזא פאל וועט דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט זײַנ 5 רובל אונ דער מערווערט אויכ 5 רובל. דער גראד עקספּלואטאציע וועט אפ אזא אופנ באטרעפנ 100%.

לאָמיר אצינד אָננעמענ, אז אינ איינ אונטערנעמונג פונ דעם געגעבענעם אינדוסטריע־צווײַג איז פאָרגעקומענ א וווּקס פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיוויטעט אינ צוויי מאָל לעגאבע אלע איבעריקע אונטערנעמונגענ, וואָס ארבעטנ אויס די דאָזיקע סכוירע: אינ דער צײַט, ווענ אינ אלע אונטערנעמונגענ פּראָדוצירט איינ ארבעטער, ווי פריער, אינ פארלויפ פונ א 10־שאָיקנ ארבעטטאָג 5 שטיק סכוירע, איז אינ דער דאָזיקער אונטערנעמונג פּראָדוצירט איינ ארבעטער פאר 10 שאָ 10 סכוירע־איינסנ. וואָס וועט זײַנ דער ווערט פונ דער דאָזיקער סכוירע, וועלכע ווערט פּראָדוצירט אינ דער דאָזיקער אונטערנעמונג? אויב אינ דער דאָזיקער אונטערנעמונג פאָדערט זיכ, ווי פריער, אפ 3 רובל פּראָדוציר־מיטלענ, קעדיי אויסארבעטנ א סכוירע־איינס, איז קלאָר, אז דער ווערט פונ דער דאָזיקער סכוירע וועט זײַנ 4 שאָ: 3 שאָ אינ פּראָדוציר־מיטלענ אונ 1 שאָ אינ דער צוגעקומענער ארבעט. דער דאָזיקער ווערט וועט זיכ אויסדריקנ אינ 4 רובל.

אָבער די גרייס פונעם ווערט פון דער סכוירע באַשטימט ניט די אינדיווידועלע, נאָר די געזעלשאַפטלעך-נייטיקע אַרבעטצײַט. ניט געקוקט דעריבער אַף דעם, וואָס אַף פּראָדוצירן איין שטיק סכוירע אין אַן אונטערנעמונג, ווו עס איז פאָרגעקומען אַן אויסשליסלעכער ווּקס פון דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקײַט, ווערט פאַרווענדט איין שאָ לעבעדיקע אַרבעט, וועט דער געזעלשאַפטלעכער ווערט פון אַ סכוירע-איינס זײַן ניט 4 שאָ, נאָר 5 שאָ: אין פאַרלויף פון 1 שאָ פון זײַן אַרבעט שאַפט דער אַרבעטער אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג אַ געזעלשאַפטלעכן ווערט פון 2 שאָ אָדער פון 2 רובל, ווײַל אַף אויסאַרבעטן איין סכוירע-איינס זײַנען געזעלשאַפטלעך נייטיק 2 שאָ אַרבעט און ניט 1 שאָ. אונדזער קאַפּיטאַליסט פאַרקויפט די סכוירע ניט לויט איר אינדיווידועלן ווערט, נאָר לויט איר געזעלשאַפטלעכן ווערט, דה. פאַר 5 רובל. צען שטיק סכוירע פאַרקויפט ער פאַר 50 רובל, אַף די פּראָדוציר-מיטלען האָט ער אויסגעגעבן 30 רובל, און אַפן אַרבעטלוין—5 רובל, סאַכאַקל 35 רובל, אַזוי אַז דער מערווערט וועט באַטרעפן 15 רובל און די מערווערט-נאָרמע — 300%. דער דאָזיקער קאַפּיטאַליסט באַקומט אין פאַרגלײַך מיט די איבעריקע קאַפּיטאַליסטן אַ צוגאָב-מערווערט פון 10 רובל.

עס ווערט אויך פאַרקירצט די נייטיקע אַרבעטצײַט און עס ווערט אין דער אַנטשפּרעכיקער מאָס פאַרלענגערט די מערצײַט. דער אַרבעטער, עמעס, הערט ניט אויף צו באַקומען די 5 רובל, פאַר וועלכע ער קויפט דעם זעלבן סכום עקזיסטענץ-מיטלען ווי פריִער. אָבער דעם ווערט פון די דאָזיקע 5 רובל רעפּראָדוצירט ער ניט אין 5 שאָ, נאָר אין $2^1/_2$ שאָ, ווײַל אין פאַרלויף פון איין אַרבעט-שאָ פּראָדוצירט ער אַ 2-שאָיִקן געזעלשאַפטלעכן ווערט. אַזוי אַז די נייטיקע אַרבעטצײַט אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג וועט באַטרעפן $2^1/_2$ שאָ, די מערצײַט — $7^1/_2$ שאָ, און דער גראַד עקספּלואַטאַציע — 300%. דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרקירצונג פון דער נייטיקער אַרבעטצײַט, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דער ווערט פון דעם אַרבעטערס עקזיסטענץ-מיטלען און בעמיילע אויך דער ווערט פון דער אַרבעטקראַפט זײַנען פאַרבליבן ניט געענדערט.

מיר זעען, אַז דער באַדינג אַף פּראָדוצירן דעם איבערפּליסיקן מערווערט איז די דיפערענץ צווישן דער אינדיווידועלער פּראָדוקטיווקײַט אין איין אונטערנעמונג פון אַ וועלכן-ניט-איז צווײַג און דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקטיווקײַט אין אַלע איבעריקע אונטערנעמונגען פונעם זעלבן צווײַג. דערבײַ איז אַבסאָלוט אַלצייינס, צי אינעם דאָזיקן צווײַג ווערן פּראָדוצירט עקזיסטענץ-מיטלען פאַר די אַרבעטער אָדער לוקסוס-זאַכן פאַר דער בורזשואַזיע. עס איז וויכטיק בלויז, אַז עס זאָל זײַן דער אונטערשייד אין דער אינדיווידועלער און געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקטיווקײַט.

דער דאָזיקער אונטערשייד האָט אַ צײַטווײַליקן, גיך איבערגייענדיקן כאַראַקטער. אונטער דער ווירקונג פון קאָנקורענץ מוז ער פריִער אָדער שפּעטער פאַרשווינדן.

אינדערעמעסן, קעדיי אַרויסצושטויסן זײַנע קאָנקורענטן פונעם מאַרק, וועט דער

קאפּיטאליסט, וואָס איז זײַנ אונטערנעמונג איז די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט העכער, איידער אינ די איבעריקע אונטערנעמונגענ, פארקויפנ זײַנ סכוירע פאר א פּרײַז, וואָס איז נידעריקער פונ איר געזעלשאפטלעכנ ווערט, אָבער העכער פונ איר אינדיווידועלנ ווערט, לאָמיר זאָגנ פאר 4 רובל 75 קאָפּ. בא דעמ דאָזיקנ פּרײַז וועט זײַנ מערווערט באטרעפנ 1 רובל 25 קאָפּ., אינ דער צײַט, ווענ בא די איבעריקע קאפּיטאליסטנ וועט דער מערווערט באטרעפנ 1 רובל אפ א סכוירע־איינס. אָבער קעדיי אײַנצוהיטנ זייערע פּאָזיציעס אפנ מארק, וועלנ אויכ די איבעריקע קאפּיטאליסטנ דארפנ העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט פונ די א־בעטער, וואָס זײַנענ בא זיי באשעפטיקט. אויב אויכ אינ זייערע אונטערנעמונגענ וועט זיכ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אופהייבנ אינ צוויי מאָל, וועט שוינ איינ ארבעטער אינ אלע אונטערנעמונגענ פונעמ דאָזיקנ צווײַג פאר א 10־שאָ:קנ ארבעטטאָג פּראָדוצירנ 10 סכוירע־איינסנ, דער געזעלשאפטלעכער ווערט פונ א סכוירע־איינס וועט שוינ זײַנ ניט 5 רובל, נאָר 4 רובל, עס וועט פארשווינדנ דער אונטערשייד צווישנ דעמ אינדיווידועלנ אונ געזעלשאפטלעכנ ווערט אונ צוזאמענ מיט אימ וועט אויכ פארשווינדנ דער איבערפליסיקער מערווערט.

אָבער דערמיט איז נאָכ די זאכ ניט געענדיקט. יעדער קאפּיטאליסט שטרעבט אונטערנ דרוק פונ קאָנקורענצ צו העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט פונ די ארבעטער, וואָס זײַנענ בא אימ פארנומענ, מיטנ צוועק צו באקומענ איבערפליסיקנ מערווערט. דעריבער ווערט אומפארמײַדלעכ ווידער געשאפנ אנ אונטערשייד צווישנ דער אינדיווידועלער אונ געזעלשאפטלעכער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט. אמאָל אינ איינער אונ אמאָל אינ דער צווייטער אונטערנעמונג ווערט די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט העכער פונ דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקטיווקײַט. דער דאָזיקער אונטערשייד אמאָל פארשווינדט ער, אמאָל אנטשטייט ער פונדאָסנײַ. דער רעזולטאט אָבער איז דער אלגעמיינער וווקס פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אינ אלע אונטערנעמונגענ אונ אינ אלע צווײַגנ פונ דער פּראָדוקציע, דאָס פאלנ פונעמ ווערט פונ די נייטיקע עקזיסטענצ־מיטלענ אונ, דאָס הייסט, אויכ פונעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט. עס קומט פאָר אנ א ל ג ע מ יי נ ע פארקירצונג פונ דער נייטיקער ארבעטצײַט אונ די געהעריקע פארגרעסערונג פונ דער מער־צײַט, עס קומט פאָר די פּראָדוצירונג פונ רעלאטיוונ מערווערט. יאָגנדיק זיכ נאָכ איבערפליסיקנ מערווערט, העלפט יעדער קאפּיטאליסט פּראָדוצירנ רעלאטיוונ מערווערט.

„ווענ דער איינצלנער קאפּיטאליסט מאכט ביליקער זײַנ סכוירע, לעג אָשך, א העמד, העכערנדיק די פּראָדוקטיוו־קראפט פונ דער ארבעט, שטעלט ער זיכ דערבײַ קלאל ניט דעמ ציל ארויפצוזעצנ אינ אנ אנטשפּרעכיקער מאָס דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט אונ בעמיילע אויכ די נייטיקע ארבעטצײַט; דאָכ בלויז אפ אזויפיל, אפ וויפל עס ווירקט מיט סאָפּקאָלסאָפּ דעמ דאָזיקנ רעזולטאט, אפ אזויפיל ווירקט ער, אז עס זאָל זיכ העכערנ די אלגעמיינע מערווערט־נאָרמע" (מ א ר ק ס, קאפּיטאל, באנד I, ז. 235).

ארבעט־אינטענסיווקײַט און ארבעט־פראָדוקטיווקײַט

מיר האָבן באטראכט צוויי מעטאָדן צו העכערן דעם גראַד עקספּלואטאציע, פונעם ארבעטער־קלאס: 1) דאָס פּראָדוצירן אבסאָליוטן מערווערט, פארלענגערנדיק דעם ארבעטסטאָג, און 2) דאָס פּראָדוצירן רעלאַטיוון מערווערט, פארגרעסערנדיק די מערארבעט אפּן כעזשבן פון פארקירצן די נייטיקע ארבעט. אונדז בלײַבט נאָך איבער צו באטראכטן די פראגע וועגן דעם, צו וועלכן פון די דאָזיקע צוויי מעטאָדן געהערט דאָס העכערן דעם גראַד עקספּלואטאציע, וואָס קומט פאָר באַם וווּקס פון דער ארבעט־אינטענסיווקײַט.

אונטער ארבעט־אינטענסיווקײַט דארף מען פארשטיין דעם גראַד אָנגעשטרענגטקײַט פון דער ארבעט. אין איין ארבעט־שאָ קאָן מען פארווענדן מער אָדער ווייניקער ארבעט, אָפּהענגיק פון דעם, צי מע ארבעט גיכער אָדער לאנגזאמער, מער אָנגעשטרענגט אָדער ווייניקער אָנגעשטרענגט. דער וווּקס פון דער ארבעט־אינטענסיווקײַט קאָן פאָרקומען אָן וועלכע־עס־איז טעכנישע ענדערונגען אין די פּראָדוציר־באַדינגונגען, למשל, באַם אײַנפירן שטיק־ארבעט אָנשטאָט טאָג־ארבעט.

אויב אין משך פון א 10־שעהיקן ארבעטסטאָג הייבט אָן דער ארבעטער, צוליב דעם, וואָס עס איז אינצווייען גרעסער געוואָרן די ארבעט־אינטענסיווקײַט, צו פּראָדוצירן צען סכוירע־אײנסן אָנשטאָט די פריערדיקע פינף אײנסן, וועט דער ווערט פון א סכוירע־אײנס ניט פאלן. האגאם אפ צו פּראָדוצירן איין סכוירע־שטיק פאָדערט זיך שוין איין שעה אָנשטאָט די פריערדיקע צוויי, אָבער אין משך פון דער דאָזיקער איין שעה פארווענדט דער ארבעטער פּונקט אזוי פיל ארבעט, וויפל ער האָט פריער פארווענדט אין צוויי שעה. די סכוירע־מאסע, וועלכע ער האָט פּראָדוצירט אין משך פון א צען־שעהיקן ארבעטסטאָג, האָט איצט א ווערט אינצווייען א גרעסערן ווי פריער. איין שעה פון מער אינטענסיווער ארבעט איז גלײַך לויט דער פארווענדונג פון דער ארבעט צו צוויי, דרײַ אאוו. שעהען פון ווייניקער אינטענסיווער ארבעט, אָפּהענגיק פון דעם גראַד וווּקס פון דער ארבעט־אינטענסיווקײַט. א מער אינטענסיווע ארבעט מיט א קלענערער דויערהאפטיקײַט קאָן מען דעריבער באטראכטן ווי א ווייניקער אינטענסיווע ארבעט מיט א גרעסערער דויערהאפטיקײַט. באַם וווּקס פון דער ארבעט־אינטענסיווקײַט בלײַבט דער ווערט פון סכוירע־אײנס ניט געענדערט, אָבער דער ווערט פון דער סכוירע־מאסע, וואָס דער ארבעטער האָט פּראָדוצירט פארן געגעבענעם צײַט־משך, ווערט גרעסער.

אנדערש איז עס באַם וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט. אונטער וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט דארף מען פארשטיין אזא וווּקס פון דער צאָל סכוירעס, וואָס ווערן פּראָדוצירט פאר איין און דעם זעלבן צײַט־משך, וועלכער קומט פאָר צוליב דעם פארפולקומען די טעכניק פון דער פּראָדוקציע. זאָל דער ארבעטער אין רעזולטאט פון פארטאָפּלען די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אין משך פון א צען־שעהיקן ארבעטסטאָג פּראָדוצירן צען שטיק סכוירע אָנשטאָט

די פֿריִערדיקע פֿינף. אויב די אינטענסיווקײַט פֿונ זײַנ ארבעט איז דערבײַ געבליבנ די פֿריִערדיקע, וועט דער ווערט פֿונ איינ שטיק־סכוירע פֿארקלענערט ווערנ אינצווייענ (מיר אבסטראהירנ זיכ דאָ פֿונ דעמ ווערט פֿונ די פּראָדוציר־מיטלענ), ווײַל אפֿ פּראָדוצירנ זי פֿאָדערט זיכ איצט אינ צוויי מאָל ווייניקער ארבעט, ווי פֿריִער, אונ דער ווערט פֿונ דער גאנצער סכוירע-מאסע, וואָס איז געשאפֿנ געוואָרנ פֿאר א צענשאָ־קנ ארבעטסטאָג, בלײַבט אומפֿארענדערט: צענ סכוירע־איינסנ האָבנ פּונקט אזוי ווערט, ווי ס׳האָבנ פֿריִער געהאט פֿינף איינסנ.

פֿרעגט זיכ, ווי ווירקט די העכערונג פֿונ דער ארבעט־אינטענסיווקײַט אפֿנ גראד פֿונ דער עקספּלואטאציע? אזויווי די העכערונג פֿונ דער ארבעט־אינטענסיווקײַט איז גלײַכ ווי מע וואָלט פֿארלענגערט דעמ ארבעטסטאָג בא דער פֿריִערדיקער אינטענסיווקײַט (צומבײַשפּיל, צענ ארבעט־שאָ בא א פֿארטאָפּלטער אינטענסיווקײַט זײַנענ גלײַכ צו 20 ארבעט-שאָ בא דער פֿריִערדיקער אינטענסיווקײַט), באטײַט די דאָזיקע העכערונג א פּראָדוצירונג פֿונ אבסאָליוטנ מערווערט. אָבער דאָ רעדט זיכ בלויז וועגנ יענע פֿאלנ, ווענ די העכערונג פֿונ דער אינטענסיווקײַט איז ניט קיינ אלגעמיינע, נאָר זי קומט פֿאָר בלויז אינ אייניקע אונטערנעמונגענ אָדער צווײַגנ.

„ווענ די ארבעט־אינטענסיווקײַט וואָלט געשטיגנ אינ אלע צווײַגנ פֿונ דער אינדוסטריע גלײַכצײַטיק אונ גלײַכמעסיק, וואָלט דער נײַער געהעכערטער גראד פֿונ אינטענסיווקײַט געוואָרנ א געוויינלעכער געזעלשאפֿטלעכ-נאָרמאלער ניוואָ אונ, הייסט עס, זי וואָלט שוינ ניט דיסקאָנטירט געוואָרנ ווי אנ עקסטענסיווע* גרייס" (מארקס, קאפּיטאל, באנד I, זײַט 408).

ביכלאל איז דאָכ ניטאָ קיינ ארבעט אָנ א באשטימטנ גראד אינטענסיווקײַט. דער ווערט פֿונ דער סכוירע ווערט באשטימט מיט דער געזעלשאפֿטלעכ־נייטיקער ארבעטצײַט, אונ „די געזעלשאפֿטלעכ-נייטיקע ארבעטצײַט איז יענע ארבעטצײַט, וואָס פֿאָדערט זיכ אפֿ צו פֿארגרייטנ אוועלכנ־עס־איז געברויכ־ווערט בא די פֿאראנענע געזעלשאפֿטלעכ-נאָרמאלע פּראָדוציר־באדינגונגענ אונ בא דער דורכשניטלעכער אינ דער געגעבענער געזעלשאפֿט שטופֿע פֿונ קענטעניש אונ ארבעט-אינטענסיווקײַט" (מארקס, „קאפּיטאל", באנד I, ז. 4. מײַנ קורסיוו.—ל. ס.). אויב עס קומט פֿאָר אנ אלגעמיינע העכערונג פֿונ דער אינטענסיווקײַט, באקומט זיכ שוינ א נײַע דורכשניטלעכע שטופֿע פֿונ אינטענסיווקײַט אונ דעריבער ווערט פֿארקירצט די געזעלשאפֿטלעכ-נייטיקע צײַט, וואָס פֿאָדערט זיכ אפֿ פּראָדוצירנ די סכוירע. הייסט עס, אז **די אלגעמיינע העכערונג פֿונ דער אינטענסיווקײַט איז גלײַכ לויט איר ווירקונג אפֿנ ווערט פֿונ דער סכוירע צומ וווּקס פֿונ דער ארבעט-פּראָדוקטיווקײַט אונ מעמײלע איז בא אנ אלגעמיינער העכערונג פֿונ דער אינטענסיווקײַט קומט פֿאָר דאָס פּראָדוצירנ רעלאטיוונ מערווערט.**

---

* דה. אלס גרייס פֿונ א גרעסערער דויערהאפֿטיקײַט.

933—7

די איינהייטלעכ־קייט פון דעם אבסאָליוטן און רעלאַטיוון מער־ווערט און דער אונטערשייד צווישן זיי

סײַ דער אבסאָליוטער און סײַ דער רעלאַטיווער מערווערט שטעלן מיט זיך פאָר מערווערט, דה. א ווערט, וואָס דער ארבעטער האָט געשאַפן העכער פארן ווערט פון זײַן ארבעט־קראַפט און וואָס דער קאַפּיטאַליסט פאַרייגנט אָן געצאָלט. פון דער דאָזיקער זײַט עקזיסטירט ניט קיין שום אונטערשייד צווישן דעם אבסאָליוטן און רעלאַטיוון מערווערט. ערשטנס, איז יעדער מער־ווערט (אויך דער רעלאַטיווער) אַן אבסאָליוטער מערווערט אין דעם זין, וואָס ער איז א רעזולטאַט פון פארלענגערן אבסאָליוט די ארבעטצײַט מער פון דער נייטיקער ארבעטצײַט, אין פארלויף פון וועלכער דער ארבעטער פּראָדוצירט דעם ווערט פון זײַן ארבעטקראַפט. צווייטנס, יעדער מערווערט (אויך דער אבסאָליוטער) איז א רעלאַטיווער מערווערט, ווײַל אָן א באַשטימטן אנטוויק־לונג־גראַד פון דער פּראָדוקטיווקײַט פון דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט איז ניט מעגלעך ביכלאל קיין מערארבעט (זע אויבן זײַט 80). ווען די פּראָדוקטיווקײַט פון דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט וואָלט געווען אזוי נידעריק, אז דער מענטש וואָלט די גאַנצע צײַט זײַנע געדאַרפט פארווענדן אַפּ פּראָדוצירן די נייטיקע עקזיס־טענץ־מיטלען, וואָלט דער גאַנצער ארבעטטאָג פאָרגעשטעלט מיט זיך די נייטיקע ארבעטצײַט.

דער אונטערשייד, און דערבײַ זייער א וועזנטלעכער אונטערשייד, צווישן דעם אבסאָליוטן און רעלאַטיוון מערווערט טרעט ארויס דאַן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די מעטאָדן ווי צו פאַרגרעסערן דעם גראַד פון עקספּלואַטאַציע. די דאָזיקע פאַר־גרעסערונג קומט פאָר אָדער דורכן פארלענגערן די ארבעטצײַט, אָדער דורכן העכערן די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט, אָדער אַפּ דעם און אַפּ יענעם אויפן גלײַכצײַטיק. די העכערונג פון דער ארבעט־אינטענסיווקײַט שאַפט סײַ דעם אבסאָליוטן סײַ דעם רעלאַטיוון מערווערט.

אַפּ די פריִערע אנטוויקלונג־שטופעס פון קאַפּיטאַליזם, ווען די פּראָדוקציע האָט זיך נאָך באַזירט אַפּ האַנטארבעט און ווען, הייסט עס, די ראַמען פון דעם וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט און אינטענסיווקײַט זײַנען בעמיילע געווען זייער ענג, איז דער גרונט־מעטאָד פון פאַרגרעסערן דעם גראַד עקספּלואַטאַציע גע־ווען די פארלענגערונג פון דעם ארבעטסטאָג. אָבער ווען די באַזע פון קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן די מאַשינ־פּראָדוקציע און עס האָבן זיך אומגעהײַער פאַרגרעסערט די מעגלעכקייטן פארן וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט, ווען עס האָט זיך גע־נומען פארשטאַרקן דער קאַמף פונעם ארבעטער־קלאַס פאַר פאַרקירצן דעם ארבעטס־טאָג, איז דער גרונט־מעטאָד פון העכערן דעם גראַד פון דער עקספּלואַטאַציע גע־וואָרן די פּראָדוצירונג פון רעלאַטיוון מערווערט. דערבײַ איז דער וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט באַגלייט געוואָרן מיטן וווּקס פון איר אינטענ־סיווקײַט.

**די גרונטיקע אנט־
וויקלונג־עטאפּן
פון דער ארבעט־
פּראָדוקטיווקײַט באַם
קאַפּיטאַליזם**

באַ זײַן אנטשטייונג נוצט אויס דער קאַפּיטאַליזם יענע פאָרמען
פון טעכניק, וועלכע ער האָט געטראָפן, נעמלעך די טעכניק
פון די קליינע סכוירע־פּראָדוצירער. אָבער דערבײַ מאַכט דער
קאַפּיטאַליזם א שפּרונג: ער פירט גלײַך די פּראָדוקציע אין א
גרויסן מאַסשטאַב. אין איין ווארשטאט ארבעטן א סאַך וועבער,
א סאַך שפּינער אאַוו. צווישן זיי איז פאַראַן א מיטארבעט.
אָבער דאָס איז אַן *איינפאַכע מיטארבעט* (איינפאַכע קאָאָפּעראַציע): יעדע־
רער פון זיי פּילט אויס איין און די זעלבע ארבעט, אָבער זיי אלע צוזאַמען
פּילן זי אויס געמיינזאַם, און אָט דאָס גיט צו אַן אנדער ריטם און טעמפּ דער
דאָזיקער ארבעט. זיי אלע געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון קאַפּיטאַל, וואָס
טרײַבט זיי אונטער.

די ארבעטער, וואָס ארבעטן געמיינזאַם, אנטוויקלען שוין באַ דער איינפאַ־
כער קאָאָפּעראַציע א סאַך א גרעסערע פּראָדוקטיוו־קראַפט, ווי דאַן, ווען זיי אר־
בעטן צעשפּליטערט. די אלגעמיינע ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט פון פינף מענטשן, וואָס
פּילן אויס געמיינזאַם איין און די זעלבע ארבעט, וועט זײַן העכער פון זייער
אלגעמיינער פּראָדוקטיווקײַט אינעם פאַל פון א צעשפּליטערטער ארבעט. די דאָזי־
קע נײַע, ריין געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו־קראַפט קאָסט גאָרניט דעם קאַפּיטאַליסט,
ווײַל ער צאָלט אָפּ פאַר דער אינדיווידועלער ארבעטקראַפט פון יעדן ארבעטער באַזונדער.

צוגלײַך מיט דער איינפאַכער מיטארבעט אנטוויקלט זיך די קאָמפּליצירטע
מיטארבעט, די *ארבעט־צעטיילונג* אינעווייניק אין דער אונטערנעמונג. יעדער
ארבעטער פּילט אויס בלויז איין אָפּעראַציע, וואָס איז נייטיק אָפּ אויסארבעטן די
געגעבענע סכוירע. יעדער ארבעטער ווערט פאַרוואַנדלט אין א טיילוויַיזן ארבע־
טער. די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט וואַקסט נאָך מער. אָבער אויך דאָ ווערט נאָך די
ארבעט געטאָן מיט דער האַנט. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע האָט זיך א לאַנ־
גע צײַט געהאַלטן באַ דער דאָזיקער *מאַנופאַקטור־פאָרם*. באַ אַזאַ באַדינג
איז די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט, הַאָגאַם זי איז געוואָקסן צוזאַמען מיטן וווּקס פון
דער ארבעט־צעטיילונג אין דער אונטערנעמונג, איז זי אָבער געוואָקסן זייער
לאַנגזאַם: די גרענעץ פאַרן וווּקס פון דער פּראָדוקטיווקײַט איז געווען דעם
מענטשנס פיזישע קראַפט.

דאָס דערשײַנען פון *מאַשינעס* רעוואָליוציאָניזירט מיטאַמאָל די פּראָדוק־
ציע. צוערשט באַווײַזט זיך די אַזויגערופענע ארבעט־מאַשין, וואָס מאַכט די אָפּע־
ראַציעס, וואָס פריִער האָט זיי געמאַכט דער ארבעטער, דערבײַ פאַרבײַט איין מאַ־
שין א סאַך ארבעטער. אָבער ברענגען אין באַוועגונג אַזוינע מאַשינעס איז שוין
איבער די קויכעס פאַר איין ארבעטער: עס ווערט דערפונדן א מעכאַנישער באַ־
וועגער — די דאַמפּ־מאַשין, וואָס ברענגט אין באַוועגונג גלײַכצײַטיק א סאַך אר־
בעט־מאַשינעס. צוערשט ווערן די מאַשינעס געמאַכט מיט די הענט, אָבער שפּע־
טערצו באַווײַזן זיך מאַשינעס אָפּ פּראָדוצירן מאַשינעס, עס אנטוויקלט זיך די
מאַשינבוי־אינדוסטריע. די מאַנופאַקטור ווערט אינגאַנצן ארויסגעשטויסן דורך
דער *גרויסער מאַשין־פּראָדוקציע*; עס אנטשטייט די קאַפּיטאַליסטי־
שע פאַבריק.

דער קאמף פון די ארבעטער פאר פארקירצנ דעם ארבעטסטאָג, פאר העכערנ דעם ארבעטלוינ און די קאָנקורענצ צווישנ די קאפיטאליסטנ צווינגט זיי איינצופירנ אלצ נייע און נייע פארפולקומונגענ. די מאשינעס ווערנ פארגרעסערט, עס ווערט פארגרעסערט די שנעלקייט פון זייער באוועגונג, עס ווערנ דערפונדנ אלצ נייע און נייע מאשינעס, עס ווערנ איינגעפירט נייע מאטעריאלנ, צוגלייכ מיטנ דאמפ־באוועגער באווייזנ זיכ באוועגער פונ אינערלעכער ברענונג און עלעקטרישע באוועגער, עס ווערנ דערפונדנ אוטאָמאטישע ווערקשטעלנ, די אונטערנעמונגענ וואקסנ אויס ביז א קאָלאָסאלער מאָס.

אָבער דער דאָזיקער גאנצער וווקס פון דער טעכניק, וואָס באַטייט אינ טאָכ א וווקס פון דעם מענטשנס הערשאפט איבער דער נאטור, פארלייכטערט ניט דעם ארבעטערס ארבעט, נאָר ער מאכט זי נאָכ שווערער, ער ווארפט זי אלצ מער און מער אונטער דער מאכט פון קאפיטאל. „דער פראָגרעס פון דער טעכניק און וויסנשאפט באטייט אינ דער קאפיטאַליסטישער געזעלשאפט א פראָגרעס אינ דער קונסט פון אויספרעסנ שווייס" (לענינ, באנד XVI, ז. 340. מיינ קורסיוו.—ל.ס.).

די ווירקונג פונ דער מאשינ אפנ ארבעטער

די מאשינ אליינ פאר זיכ איז אנ ארבעט־געצייג, וואָס מיט איר הילפ פראָדוצירט דער ארבעטער געוויסע געברויכ־ווערטנ. אָבער אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז די מאשינ ניט פּאָשעט א מאשינ,—דאָס איז אנ עקזיסטענצ־פאָרם פונ קאפיטאל, דאָס איז א מיטל פונ אויסזויגנ ניט־באַלוינטע ארבעט, א מיטל אפ עקספּלואטירנ דעמ ארבעטער. פונ דער זייט איז „ניט דער ארבעטער ווענדט אָנ די ארבעט-באדינגונגענ, נאָר, פארקערט, די ארבעט־באדינגונגענ ווענדנ אָנ דעמ ארבעטער" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, ז. 324). דער ארבעטער איז א צוגאָב צו דער מאשינ.

די מאשינ, וואָס אליינ פאר זיכ דארפ זי פארלייכטערנ די ארבעט, מאכט זי נאָכ שווערער. דעמ ארבעטערס באוועגונגענ ווערנ אונטערגעוואָרפנ דער מאָנאָטאָנער באוועגונג פונ די מאשינעס, די ארבעט ווערט א מאָנאָטאָנע און דעריבער אנ אינהאלטלאָזע. „פארכאפנדיק ביז גאָר די נערוונ־סיסטעמ, אונטערדריקט די מאשינ־ארבעט די פילזייטיקע שפּיל פונ די מוסקולנ און נעמט אָפּ באמ מענטשנ יעטווידע מעגלעכקייט פונ פרייער פיזישער און גייסטיקער טעטיקייט. אפילע די פארלייכטערונג פונ דער ארבעט ווערט א קוואל פונ פייניקונג, ווייל די מאשינ באפרייט ניט דעמ ארבעטער פונ זיינ ארבעט, נאָר זי באפרייט זיינ ארבעט פונ יעטווידנ אינהאלט" (מארקס, דאָרט, ז. 323—324).

איינס פונ די וויכטיקסטע מיטלענ צו פארפולקומענ די מאשינעס איז דאָס פארגרעסערנ די שנעלקייט פונ זייער באוועגונג. אָבער דאָס ברענגט דערצו, אז דער ארבעטער איז געצוווּנגענ צו ארבעטנ מער אָנגעשטרענגט, צו פארווענדנ אינ פארלויפ פונ איינ און דער זעלבער צייט א גרעסערנ סכום ענערגיע. די אנטוויקלונג פונ די מאשינעס ברענגט אזויארום צום וווּקס פונ דער ארבעט־אינטענסיווקייט.

באַזונדערס שטאַרק איז אויסגעוואַקסן די אַרבעט־אינטענסיוויקייט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאָכמילכאָמעדיקער ראַציאָנאַליזאַציע. אָט וואָס עס שרייַבט, לעמאָשל, דער דייַטשישער בורזשואַזער פּראָפ. שלעזינגער וועגן פאָרדס אונטערנעמונגען אין אַמעריקע: „די ציפערן וועגן דער פליסעוודיקייט פון דער אַרבעטקראַפט בא פאָרדן באַווייַזן, אַז ניט געקוקט אפ דעם הויכן אַרבעטלוין אין פאָרדס אונטערנעמונגען, איז דעם אַרבעטער שווער לאַנג אויסצוהאַלטן די דאָזיקע אַרבעט. שוין די ערשטע דירעקטע באַקאַנטשאַפט מיטן קאָנווייער האָט געמאַכט אַן אומגעהייער שטאַרקן אייַנדרוק, און דער צושויער, וועלכער איז אַפילע צוגעוווינט צו די הייַנטצייַטיקע אַרבעט־באַדינגונגען, שטעלט זיך ניט ווילנדיק די פראַגע: וויאַזוי קאָן דער אַרבעטער אויסהאַלטן די מאָנאָ־טאָנקייַט פון אַזאַ אַרבעט?.. פאָרד דינגט יערלעך 100 טויזנט נייַע אַרבעטער און שטעלט זייערע נערוון פאַר אַן אויספּרווו מיט דער הילף פון דער מאָנאָטאָנער אַר־בעט, וואָס רויִנירט דעם קערפּער און גייַסט". אָט אַזאַ אָדער אומגעפער אַזאַ איז די לאַגע אין אַלע „ראַציאָנאַליזירטע" קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען.

זייַענדיק אַליין פאַר זיך אַ מיטל אפ צו פאַרקירצן די אַרבעטצייַט, איז באַם קאַפּיטאַליזם די מאַשין אַ מיטל אפ צו פאַרלענגערן זי. די מאַשין ווערט אָפּגענוצט ניט בלויז דאַן, ווען זי אַרבעט, נאָר אויך דאַן, ווען זי שטייט אָן אַרבעט. דערמיט דערקלערט זיך די שטרעבונג פון די קאַפּיטאַליסטן צו פאַרלענ־גערן דעם אַרבעטטאָג, קעדיי צו פאַרקלענערן די ניט־פּראָדוקטיווע אָפּנוצונג פון דער מאַשין.

די מאַשין פאַרייַנפאַכט די אַרבעט, און דעריבער ווערט מעגלעך צו באַנוצן די אַרבעטקראַפט פון פרויען און קינדער. זי צעשטערט די אַרבעטער־פאַמיליע. די פרויען און יוגנטלעכע, אַלס שוואַכערע און ווייניקער אָרגאַניזירטער, מער אָפּגעשטאַנענער טייל פונעם אַרבעטער־קלאַס, ווערן אַכזאָריעסדיק עקספּלואַ־טירט. דאָס אַרייַנציִען אין דער פּראָדוקציע די פרויען און קינדער פאַרגרעסערט די קאָנקורענץ אפן אַרבעט־מאַרק, זעצט אַראָפּ דעם אַרבעטלוין פון די דערוואַק־סענע אַרבעטער — פון די מענער. די מאַשין שטויסט צולעצט אַרויס דעם אַרבע־טער פונעם פּראָדוציר־פּראָצעס, שאַפט אַרבעטלאָזיקייַט.*

די מאַשין מאַכט אַזוי־אַרום אונטערטעניק דעם אַרבעטער צום קאַפּיטאַליסט אינגאַנצן און פולשטענדיק. אָבער דאָס נעמט זיך ניט פון דער אייגנשאַפט פון דער מאַשין אַלס אַזעלכע, נאָר דערפון, וואָס זי ווערט אָנגעווענדט אַלס קאַפּיטאַל. „די מאַשין אַליין פאַר זיך פאַרקירצט די אַרבעטצייַט, איר קאַפּיטאַליסטישע אָנווענדונג פאַרלענגערט דעם אַרבעטטאָג; אַליין פאַר זיך פאַרלייַכטערט זי די אַרבעט, אָבער איר קאַפּי־טאַליסטישע אָנווענדונג העכערט די אינטענסיווקייַט פון דער אַרבעט; אַליין פאַר זיך איז זי דעם מענטשנס אַ זיג איבער דער קראַפט פון דער נאַטור, דאָס קאַפּיטאַליסטישע אָנווענדן זי אָבער פאַרשקלאַפט דעם מענטשן צו דער קראַפט פון דער נאַ־

* גענויער וועגן אַרבעטלאָזיקייַט זע קאַפּיטאַל VI.

טור; אליין פאר זיך פארגרעסערט זי דעם פראָדוצירערס רייַכטום, אָבער אין איר קאפיטאליסטישער אָנווענדונג פארוואנדלט זי אים אין אן אָרעמאן" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, ז. 339—340. מייַן קורסיוו. — ל.ס.).

די מאשין פארשקלאפט דעם ארבעטער־קלאס ניט אלס אזעלכע, נאָר דערפאר, ווייַל זי געהערט די קאפיטאליסטן, ווייַל זי איז קעגנגעשטעלט קעגן דעם ארבעטער־קלאס אלס פרעמדע קראפט, אלס קראפט פון קאפיטאל, וואָס הערשט איבער אים.

5. קאפיטאל און מערווערט זייַנען א געזעלשאפטלעכע פארהעלטעניש

דער קאפיטאליסטישער פראָדוציר־פראָצעס איז אן אייַנהייַט פונעם ארבעט־פראָצעס און פונעם פראָצעס פון פארגרעסערן דעם ווערט

די פראָדוציר־מיטלען זייַנען קאפיטאל ניט פאר זיך אליין גענומען, פונקט אזוי ווי דער מענטש איז ניט פאר זיך אליין גענומען קיין ארבעטער אָדער קיין קאפיטאליסט, שקלאף אָדער שקלאפנבאזיצער. „א נעגער איז א נעגער. בלויז בא געוויסע באדינגונגען ווערט ער א שקלאף. די באוול־שפינערייַ־מאשין איז א מאשין אפ שפינען באוול. בלויז בא געוויסע באדינגונגען ווערט זי קאפיטאל. אויסער די דאָזיקע באדינגונגען איז זי פונקט אזוי ווייניק קאפיטאל, ווי גאָלד איז פאר זיך אליין גענומען — געלט, אָדער צוקער — דער פרייַז פון צוקער" (מארקס, לוין־ארבעט און קאפיטאל, ז. 27).

די פראָדוציר־מיטלען זייַנען שטענדיק נייטיק פאר דער פראָדוקציע אין יעדער געזעלשאפט, פונקט אזוי ווי דעם מענטשנס ארבעט. אָבער ניט שטענדיק זייַנען זיי קאפיטאל און ניט שטענדיק איז די ארבעט לוין־ארבעט. די גאנצע זאך באשטייט דערין, וואָס פאר א געזעלשאפטלעכע פאָרם עס האָט די פראָדוקציע.

דער ארבעט־פראָצעס — דאָס איז דער פראָצעס פון פראָדוצירן געברויך־ווערטן. נאָר דער קאפיטאליסט צווינגט דעם ארבעטער צו פראָדוצירן געברויך־ווערטן — סכוירעס, קעדיי צו באקומען מערווערט. ער שטעלט זיך קלאל ניט קיין אופגאבע צו באפרידיקן די באדערפענישן פון דער געזעלשאפט. אים איז אבסאָליוט אלצייינס, וואָסערע געברויך־ווערטן ער פראָדוצירט. אים איז וויכטיק צו פארגרעסערן דעם ווערט פון זייַן קאפיטאל. פארן קאפיטאליזם איז די פראָדוצירונג פון די געברויך־ווערטן בלויז א באדינג אפ פראָדוצירן מערווערט. דאָס איז פאר אים, אזוי צו זאָגן, אן אומפארמיידלעך בייז.

די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע איז אזויאַרום אן אייַנהייַט פון דעם ארבעט־פראָצעס (אלס פראָצעס פון שאפן געברויך־ווערטן) און פונעם פראָצעס פון פארגרעסערן דעם ווערט פון קאפיטאל. אָבער די דאָזיקע אייַנהייַט שליסט אייַן אין זיך א ווידערשפרוך, וואָס דריקט זיך אויס קוידעמקאָל אין דעם, וואָס דער ארבעטער־קלאס, וואָס מער ער פראָדוצירט געברויך־ווערטן, אלץ ווייניקער קאָן ער באפרידיקן זייַנע באדערפענישן. באזונדער אָנשוילעך טרעט דאָס ארויס אין דער צייַט פון די קריזיסן פון איבערפראָדוקציע, ווען פון איין זייַט איז פאראן

א מאַסע פראָדוצירטע סכױרעס, װאָס געפֿינענ ניט קײנ אָפּזאַצ, אונ פֿונ דער צװײטער — א מאַסע הונגערנדיקע ארבעטער. דער דאָזיקער װידערשפּרוכ צװישנ דער פראָדוצירונג פֿונ געברויכ־װערטנ אונ דער פראָדוצירונג פֿונ מערװערט איז דער אױסדרוק פֿונעם גרונט־װידערשפּרוכ פֿונ קאַפּיטאַליזם — פֿונעם װידערשפּרוכ צװישנ דעם געזעלשאַפֿטלעכנ כאַראַקטער פֿונ דער פראָדוקציע אונ דעם קאַפּיטאַליסטישנ כאַראַקטער פֿונ דער צוײגענונג.

לױנ־ארבעט איז לױנ־שקלאַפֿערײַ

דער ארבעטער אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, װאָס איז פֿאָרמעל א פֿרײַער אונ גלײַכבארעכטיקטער מענטש מיטנ קאַפּיטאַליסט אונ װאָס פֿארקויפֿט אים פֿאָרמעל פֿרײַװיליק זײַנ ארבעטקראַפֿט, איז אינ דער װירקלעכקײַט א שקלאַף, האגאַם אַפֿילע א לױנ־שקלאַף. „דער לױנ־ארבעטער באַקומט א דערלױבעניש צו ארבעטנ, קעדײ צו לעבנ, דה. א דערלױבעניש אַפֿ לעבנ בלױז אַפֿ אַזױפֿיל, אַפֿ װיפֿל ער ארבעט א געװיסע צײַט אומזיסט פֿארנ קאַפּיטאַליסט; די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע פראָדוציר־סיסטעמ דרײט זיכ ארום דעם, צו פֿארלענגערנ די דאָזיקע אומזיסטע ארבעט, פֿארלענגערנדיק דעם ארבעטסטאָג אָדער אנטװיקלענדיק די פראָדוקטיװקײַט, אָדער דורכ א גרעסערער אָנשטרענגונג פֿונ דער ארבעטקראַפֿט אאַװ.; די לױנארבעט־סיסטעמ איז א סיסטעמ פֿונ שקלאַפֿערײַ אונ דערצו פֿונ אזא שקלאַפֿערײַ, װאָס װערט אַלצ הארבער צוזאַמענ מיט דער אנטװיקלונג פֿונ די געזעלשאַפֿטלעכע פראָדוקטיװע ארבעט־קרעפֿטנ, אַלצײנס, צי באַקומט דער ארבעטער א בעסערנ אָדער א נ ערגערנ געצאָלט" (מאַרקס, צו דער קריטיק פֿונ דער גאָטער פראָגראַמ, קאַפּיטל II. מײַנ קורסיװ. — ל. ס.).

דער שקלאַף געהערט פֿולשטענדיק אונ אינגאַנצנ זײַנ באַלעבאָס — דעם שקלאַפֿנ־באַזיצער. דער ארבעטער אַלײנ געהערט ניט דעם אײנצלנעם קאַפּיטאַליסט. דער ארבעטער פֿארקויפֿט זײַנ ארבעטקראַפֿט ניט אַפֿנ גאַנצנ לעבנ, נאָר בלױז אַפֿ א געװיסער צײַט. ער קאָנ „פֿרײַ" אױסקלײַבנ דעם קאַפּיטאַליסט, װאָס װעט אים עקספּלואַטירנ, נאָר ער איז פֿארװורטײלט אַפֿ לױנ־שקלאַפֿערײַ צומ קלאַס קאַפּיטאַליסטנ. „דער רױמישער שקלאַף איז געװענ צוגעשמידט מיט קײטנ, דער לױנ־ארבעטער איז צוגעבונדנ מיט אומזיכטבאַרע פֿעדעמ צו זײַנ אײגנטימער. אָבער דער דאָזיקער אײגנטימער איז ניט דער אײנצלנער קאַפּיטאַליסט, נאָר דער קלאַס קאַפּיטאַליסטנ" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד I, ז. 450).

די לױנ־שקלאַפֿערײַ אונטערשײדט זיכ פֿונ דער געװײנלעכער שקלאַפֿערײַ בלױז מיט איר פֿאָרמ. דער שקלאַף באַקומט ניט קײנ ארבעטלױנ, ער באַקומט ביכלאַל גאָרניט פֿאַר זײַנ ארבעט. די שפּײַז, װאָס אים גיט זײַנ באַלעבאָס — דער שקלאַפֿנבאַזיצער, קאָנ מענ פּונקט אַזױ װײניק אָנרופֿנ, אז ס'איז לױנ פֿאַר זײַנ ארבעט, װי דעמ פֿוראַזש, װאָס מע גיט דעמ פֿערד, אז ס'איז געצאָלט פֿאַר זײַנ ארבעט. דער לױנ־ארבעטער באַקומט זײַנע עקזיסטענצ־מיטלענ פֿונ די קאַפּיטאַליסטנ אינ דער פֿאָרמ פֿונ ארבעטלױנ, דה. אינ דער פֿאָרמ פֿונ געצאָלט פֿארנ װערט פֿונ דער ארבעטקראַפֿט, װאָס דער ארבעטער, אַלס באַזיצער פֿונ דער דאָזיקער אײגנאַרטיקער סכױרע, פֿארקויפֿט דעם קאַפּיטאַליסט „פֿרײַ" אונ „פֿרײַװיליק". אױב

דער געוויינלעכער שקלאַפנבאַזיצער זאָרגט אליינ וועגנ אָפּהיטנ דעמ שקלאַפּס אר־בעטקראַפט, פּונקט אזוי ווי ער זאָרגט וועגנ זײַנ פערד, לאָזט דער קאַפּיטאַליס־טישער שקלאַפנבאַזיצער דעמ ארבעטער, אז ער זאָל אליינ זאָרגנ וועגנ דעמ. אָבער אינ טאָכ גענומענ איז, ניט געקוקט אפ דעמ אונטערשייד אינ דער פאָרמ, גיט אי דער אי יענער עקזיסטענצ־מיטלענ די פּראָדוצירער, וואָס זיי עקספּלואטירנ, כדי זיי ווײַטער צו עקספּלואטירנ.

„בלויז יענע פאָרמ, אינ וועלכער די דאָזיקע מעראַרבעט ווערט ארויסגעפּרעסט פונ דעמ דירעקטנ פּראָדוצירער, פונעמ ארבעטער, אונטערשיידט די עקאָנאָמישע געזעלשאַפט־פאָרמאַציע, למשל, די שקלאַפנ־געזעלשאַפט פונ דער לוינ־ארבעט־געזעלשאַפט" (מארקס, קאַפּיטאַל, ב. I, ז. 151. מײַנ קורסיוו. — ל.ס.).

קאַפּיטאַל און מערוועַרט זײַנענ בלויז א באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע פאַר־העלטעניש פונ דער פּראָדוקציע, נעמלעכ די עקספּלואטאַציע־פאַרהעלטעניש, וואָס איז צוגעדעקט מיט דער זאַכיקער פאָרמ פונ קאַפּיטאַל און מיט דער פאָרמעלער, יורידישער פרײַהײַט פונעמ ארבעטער.

דער קאַפּיטאַל איז די קראַפט, וואָס הערשט אי־בערנ ארבעטער־קלאַס

אינעמ פּראָדוציר־פּראָצעס געהערט די ארבעטקראַפט ניט דעמ ארבעטער, נאָר דעמ קאַפּיטאַליסט. דער קאַפּיטאַליסט זאַמלט צו־נויפ די ארבעטער אינ דער אונטערנעמונג. דאָס מאַכט ער פונ זיי א געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו־קראַפט. דעריבער טרעט ארויס די פּראָדוקטיוו־קראַפט פונ דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט אלס פּראָדוקטיוו־קראַפט פונ קאַפּיטאַל. אינעמ פּראָדוציר־פּראָצעס געהערט דער ארבעטער ניט זיכ, נאָר דעמ קאַפּיטאַל. די געזעלשאַפטלעכע ארבעט געפינט זיכ אונטער דער קאָמאַנדע פונ קאַפּיטאַל, וועלכע פאַרשטאַרקט זיכ צוזאַמענ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט און באַזונדערס צוזאַמענ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער גרויסער מאַשינ־אינדוסטריע.

די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס אליינ זײַנענ זיי בלויז א נאַטור־קראַפט, וואָס דער ארבעטער באַנוצט, ווערנ, ווענ זיי נעמענ אָנ די פאָרמ פונ קאַפּיטאַל, א קראַפט, וואָס איז אנטקעגנגעשטעלט קעגנ דעמ ארבעטער און הערשט איבער אימ. אָבער די דאָזיקע קראַפט איז ניט קיינ קראַפט פונ די פּראָדוציר־מיטלענ גופא, נאָר די קראַפט פונ דער בורזשואַזער הערשאַפט איבערנ ארבעטער־קלאַס, די אונ־טערגעוואָרפנקײַט פונ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרייגענונג, די אונטערגעוואָרפנקײַט פונ די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוצירער דעמ קאַפּיטאַליסטישנ פאַרייגענער.

די פּראָדוציר־מיטלענ — דאָס איז פריערדיקע טויטע ארבעט אינ פאַרגלײַכ מיט דער לעבעדיקער ארבעט פונ דעמ ארבעטער, וואָס באַנוצט די פּראָדוציר־מיטלענ, דאָס איז אָנגעזאַמלטע געזעלשאַפטלעכע ארבעט. אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט הערשט די דאָזיקע פריערדיקע ארבעט איבער דער לעבעדיקער אר־בעט. „בלויז די הערשאַפט פונ דער אָנגעזאַמלטער, פריערדיקער,

פארזאכלעכטער ארבעט איבער דער דירעקטער, לעבעדיקער ארבעט פארוואנדלט די אָנגעזאמלטע ארבעט אין קאפיטאל. דער אונטערשייד-סימען פונעם קאפיטאל באשטייט ניט אין דעם, וואָס די אָנגעזאמלטע ארבעט דינט דער לעבעדיקער ארבעט אלס מיטל פאר נייער פראָדוצירונג, נאָר דערין, וואָס די לעבעדיקע ארבעט דינט דער אָנגעזאמלטער ארבעט אלס מיטל אייַנצוהיטן און צו פארגרעסערן איר טויש-ווערט" (מארקס, לוין-ארבעט און קאפיטאל, ז. 29. מייַן קורסיוו. — ל.ס.).

וואָס מער דער קאפיטאל זאפט איַין אין זיך לעבעדיקע ארבעט, אלץ בעסער פילט ער אויס זייַן ראָליע. דער ארבעטער איז פארן קאפיטאל בלויז א קוואל, וואָס פון אים שעפט ער די דאָזיקע לעבעדיקע ארבעט אפ פארוואנדלען זי אין ווערט, דה. אין טויטער ארבעט. אין פארגלייַך מיט דער אָרדענונג פון דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע, וואָס איז געווען פארן קאפיטאליזם, אנטוויקלט דער קאפיטאל די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיווע קרעפטן, אָבער ער אנטוויקלט זיי אזוי, אז ער צערויבט און צעשטערט די גרונטיקע פראָדוקטיווע קראפט פון דער געזעלשאפט, די ארבעטקראפט. די דאָזיקע אנטוויקלונג פון די פראָדוקטיווע קרעפטן דורך צעשטערן זיי ליגט אינעם גרונט-ווידערשפרוך פון קאפיטאליזם — דעם ווידערשפרוך צווישן דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און דער קאפיטאליסטישער פארייגענונג.

דער קאפיטאל איז א פארזאכלעכטע פראָדוציר-פארהעלטעניש

די קאפיטאליסטישע עקספלואטאציע טרעט ארויס ניט אָפן: זי איז פארמאסקירט מיט דער זאכיקער פאָרם — מיט דער פאָרם פון געלט, פון פראָדוציר-מיטלען און סכוירע. און פונקט אזוי, ווי דער בורזשואזער עקאָנאָמיסט האלט דעם ווערט פאר א נאטירלעכער אייביקער אייגנשאפט פון דער סכוירע אלס זאך (סכוירע-פעטישיזם), אזוי נעמט ער אויך אָן דעם קאפיטאל ניט אלס א געזעלשאפטלעכע עקספלואטאציע-פארהעלטעניש, וואָס ווערט פארדעקט מיט דער זאך, נאָר אלס אייגנשאפט פון דער זאך גופע, וואָס זי באזיצט אייביק. דער פעטישיסטישער כאראקטער פון דער סכוירע ווערט פארוואנדלט אינעם פעטישיסטישן כאראקטער פון קאפיטאל. אָט איז א בייַשפיל: איינער אן ענגלישער בורזשואזער עקאָנאָמיסט, ר. טאָרענס, האָט געשריבן אין 1836 יאָר: „אינעם ערשטן שטיין, וואָס דערווילדער מענטש ווארפט אפ דער כייַע, וואָס ער פארפאָלגט, אינעם ערשטן שטעקן, וואָס ער נעמט, קעדיי צוציִען די פרוכט, וועלכע ער קאָן ניט דערלאנגען מיט די הענט, זעען מיר די פארייגענונג פון איין זאך מיטן צוועק, קעדיי צו דערווערבן א צווייטע, און אזויארום אנטדעקן מיר דעם אָנהייב פון קאפיטאל" (ציטירט בא מארקסן, קאפיטאל, באנד I, ז. 125).

דער בורזשואזער עקאָנאָמיסט זעט ניט און איז ניט פארינטערעסירט צו זען, אז די פראָדוציר-מיטלען ווערן קאפיטאל בלויז בא באשטימטע געזעלשאפטלעכע באדינגונגען. ער וויל פאָרשטעלן יעטווידן פראָדוציר-מיטל אלס קאפיטאל, קעדיי פאָרצושטעלן דעם קאפיטאל און צוזאמען דערמיט אויך די קאפיטאליסטישע עקס-

פלואטאציע אלס אייביקן, נאטירלעכן עקזיסטענץ־באדינג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, וואָס דרינגט ארויס פון דעם מענטשנס נאטור גופא. די בורזשואזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע וויל פארייביקן דעם קאפּיטאליזם.

100 יאָר זיינען אוועק, זינט טאָרענס האָט געמאכט זיין „אנטדעקונג“, און אָט אין 1929 יאָר שרייבט דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פּראָפעסער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, נעלטינג, וואָס האלט זיך פאר א מארקסיסט, אין זיין לערנבוך פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע פאר די ארבעטער־שולן: „זיין א באַהילפיק מיטל צו פארלייכטערן די ארבעט — אָט דאָס איז די ציל־באשטימונג פון קאפּיטאל אין פּאָלקווירטשאפטלעכן זין. זיין ערשטיקע פאָרם איז די אורשפרינגלעכע געצייג, וואָס מיט זייער הילף באקומט ארויס דער ווילדער מענטש און באארבעט די זאכן פון דער נאטור“. אויך די סאָציאַל־פאשיסטישע טעאָרעטיקער צוזאמען מיט דער בורזשואזיע ווילן, אז דער קאפּיטאליזם זאָל אייביק עקזיסטירן. ניט אומזיסט האָט די סאָציאַל־דעמאָקראטיע זיך דערקלערט אָפיציעל אלס רופע פון קאפּיטאליזם און סטארעט זיך מיט אלע מיטלען צו ראטעווען אים פון אונטערגאנג, פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע.

די בורזשואזע און סאָציאַל־פאשיסטישע טעאָרעטיקער דערקלערן אלס קאפּיטאל די פּראָדוציר־מיטלען ביכלאל. וויאזוי דערקלערן זיי דערביי דעם מערווערט?

6. די בורזשואזע און סאָציאַל־פאשיסטישע טעאָריעס און די באדייטונג פון מארקס מערווערט־טעאָריע

דאָס דערקלערן די האכנאָסע פון די קאפּיטאליסטן מיצאד די בורזשואזע און סאָציאַל־פאשיסטישע טעאָרעטיקער אנטשפּרעכט ביז גאָר זייער פארשטיין דעם קאפּיטאל. קוידעמקאָל ריידן די בורזשואזע און סאָציאַל־פאשיסטישע טעאָרעטיקער ניט וועגן מערווערט, נאָר וועגן רעווער. דעם באגריף מערווערט געפינען מיר בלויז אין מארקס פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

דער מערווערט, וואָס דער ארבעטער־קלאס פּראָדוצירט, פארבלייבט ניט אינגאנצן בא יענע קאפּיטאליסטן, וואָס עקספּלואטירן דירעקט די ארבעטער אינעם פּראָדוציר־פּראָצעס: א טייל פונעם דאָזיקן מערווערט פאלט אריין צו די האנדל־קאפּיטאליסטן אין דער פאָרם פון האנדל־רעווער, א טייל — צו די געלט־קאפּיטאליסטן — די באנקירן אין דער פאָרם פון פּראָצענט, א טייל דערפון גייט צו די ערדבאזיצער אין קעשענע אין דער פאָרם פון ערד־רענטע, און דער איבעריקער טייל פארבלייבט באם אינדוסטריעלן קאפּיטאליסט אין דער פאָרם פון רעווער. דער מערווערט טיילט זיך אזויארום אף פארשיידענע טיילן און נעמט אָן באזונדערע פאָרמען — פאָרמען פון רעווער (האנדלשן און אינדוסטריעלן), פּראָצענט און רענטע *.

די דאָזיקע באזונדערע מערווערט־פאָרמען באהאלטן דעם פאקט, אז רעווער,

* גענויער וועגן די דאָזיקע באזונדערע מערווערט־פאָרמען זע וייטער אין קאפּיטל VII.

ערד־רענטע און פּראָצענט זײַנען בלויז טײלן פונעם מערװערט. אזױװי דעם אינדוסטריעלן רעװעך באקומט דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט, דעם האנדל־רעװעך — דער האנדל־קאפּיטאליסט, פּראָצענט — דער געלט־קאפּיטאליסט, און די רענטע — דער ערד־אײגנטימער, זעט עס אויס, אז דער אינדוסטריעלער רעװעך נעמט זיך, קלומערשט, פון די פּראָדוציר־מיטלען, דער האנדל־רעװעך — פונעם אומזאץ, דער פּראָצענט — פונעם געלט, און די רענטע — פון דער ערד, און אז די ארבעט שאפט בלויז דעם ארבעטלוין.

די טעאָריע פון דרײַ האכנאָסע־קוואַלן

און װירקלעך, אין דער גאנצער בורזשואזער עקאָנאָמישער ליטעראטור הערשט אין דער אָדער יענער פאָרם די אזױגערופענע טעאָריע פון דרײַ האכנאָסע־קוואַלן. לויט דער דאָזיקער טעאָריע װערט דער װערט פון די סכוירעס געשאפן אדאנק דער געמײנזאמער װירקונג פון דער ארבעט, פון קאפּיטאל און פון די נאטור־קרעפטן. יעדערער פון די דאָזיקע פאקטאָרן פּילט אויס אין דעם פּראָדוציר־פּראָצעס א „פּראָדוקטיװע דינסט", װאָס קײן אײנער פון די איבעריקע צװײ פאקטאָרן קאָן ניט טאָן. יעדערער פון זײ איז נײטיק פארן פּראָדוציר־פּראָצעס. דעריבער באקומט יעדערער פון זײ זײַן כײלעק אין דעם אלגעמײנעם פּראָדוקט, װאָס איז געשאפן געװאָרן דורך דער געמײנזאמער װירקונג פון די דאָזיקע דרײַ פאקטאָרן: דער ארבעטער באקומט פאר זײַן ארבעט דעם טײל, װאָס רופט זיך אָן ארבעט־לוין, דער קאפּיטאליסט באקומט פאר די „דינסטן" פון זײַן קאפּיטאל רעװעך, און דער ערד־אײגנטימער באקומט פאר די „דינסטן" פון דער ערד, װאָס געהערט אים, — רענטע. אָט אזוי װערט, לויט דער בורזשואזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, דערקלערט די האכנאָסע פון פארשײדענע קלאסן, א דערקלערונג, װאָס הערשט נאָך ביז הײַנט צו טאָג.

די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן װילן פאָרשטעלן די זאך אזוי, אז די האכנאָסע פון די קאפּיטאליסטן נעמט זיך, קלומערשט, ניט פון דעם ארבעטערס ארבעט. צוליב דעם גיבן זײ צו די פּראָדוציר־מיטלען די קישעף־קראפט צו שאפן װערט. אָבער אויב דער רעװעך און די רענטע האָבן ניט קײן שום שײַכעס צום ארבעטערס ארבעט, אויב זײ נעמען זיך פון די פּראָדוציר־מיטלען און פון דער ערד, קומט אויס, אז דער ארבעטלוין איז א פולער לוין פאר דער ארבעט, אז דעם ארבעטערס גאנצע ארבעט װערט אָפּגעצאָלט, אז ער װערט ניט עקספּלואטירט. אָט דאָס טאקע האָבן אין זינען די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן מיט זײער טעאָריע װעגן דרײַ פּראָדוקציע־פאקטאָרן, װעלכע זײ שטעלן פאר אלס דרײַ זעלבשטענדיקע האכנאָסע־קוואַלן.

ניט בלויז די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן, װאָס טרעטן ארויס אָפן קעגן סאָציאליזם, נאָר אויך די סאָציאל־פאשיסטן, װאָס פארדעקן זיך מיט סאָציאליסטישער און מארקסיסטישער פראזעאָלאָגיע, האלטן זיך בא דער זעלבער טעאָריע פון די דרײַ האכנאָסע־קוואַלן. אזוי, לעמאָשל, שרײַבט אײנער פון די טעאָרעטיקער פון דער דײַטשישער סאָציאל־דעמאָקראטיע, א. בראונטאל, אין זײַן „סאָציאליסטישן" לערנבוך פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע: „בלויז דער, װאָס באטײליקט זיך אין פּראָדוציר־פּראָצעס אין ענגן זין פון װאָרט, אלצײנס, צי דאָס איז אן

אַרבעטער אָדער אַ באַזיצער פֿון די פּראָדוציר־מיטלען אָדער ערד, באַקומט דע־ריבער די ערשטיקע האַכנאָסע". אַלזאָ, לויטן סאָציאַל־פֿאַשיסט בראַונטאַל באַטיי־ליקט זיך דער קאַפּיטאַליסט צוגלייַך מיטן אַרבעטער אינעם פּראָדוציר־פּראָצעס און זייַן האַכנאָסע איז ניט קיין געדרונגענע האַכנאָסע, ד. ה. אַזאַ, וואָס דרינגט אַרויס ניט פֿון דעם אַרבעטערס אַרבעט, נאָר אַ ן ע ר ש ט י ק ע האַכ־נאָסע, וואָס האָט איר זעלבשטענדיקן קוואַל — די פּראָדוציר־מיטלען, וואָס גע־הערן דעם קאַפּיטאַליסט.

די טעאָריע וועגן האַרמאָניע פֿון די קלאַסן־אינ־טערעסן

עס איז פֿולשטענדיק קלאָר, אַז די טעאָריע וועגן די זעלבשטענדיקע האַכנאָסע־קוואַלן איז בלויז אַ טעאָריע, וואָס פּריידיקט קלאַסן־האַרמאָניע (דאָס צונויפֿפֿאַלן פֿון די אינטערעסן, פֿרידלעכע צוזאַ־מענאַרבעט). ווייַל אויב דער קאַפּיטאַליסט עקספּלואַטירט ניט די אַרבעט, אויב דער רעוועך האָט זייַן אָפּשטאַמונג צו פֿאַר־דאַנקען ניט דער עקספּלואַטאַציע, נאָר די פּראָדוציר־מיטלען, זייַנען אַלע — אי דער קאַפּיטאַליסט אי דער ערדבאַזיצער אי דער אַ ר ב ע ט ע ר — פֿאַרינטערע־סירט אין איינס און דאָס זעלבע, אין דער גרעסטער פּראָדוקטיווקייַט פֿון זייערע „דינסטן", ווייַל וואָס מער עס וועט פּראָדוצירט ווערן, אַלץ מער וועט יעדערער פֿון זיי באַקומען. און בראַונטאַל, וואָס טרעט אַרויס אַלס „פֿאָרשטייער" פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, רופֿט די אַרבעטער צו פּראָדוצירן וואָס מער: „עס קאָן ניט צעטיילט ווערן מער, איידער עס איז פּראָדוצירט געוואָרן, און וואָס מער עס ווערט פּראָדוצירט, אַלץ מער קאָן פֿאַרטיילט ווערן. דעריבער איז דער אַרבעטער אָן ספֿק פֿאַרינטערעסירט, אַז די פּראָדוקטיווקייַט זאָל וואַקסן וואָס מער". אָבער אַזוי ווי אין דער ווירקלעכקייַט ווייַזט אַרויס בלויז דער אַרבעטער „פּראָדוקטיווע „דינסט" און די פּראָדוציר־מיטלען אַליין פּראָדוצירן גאָרניט, איז בראַונטאַלס רוף ניט מער ווי אַ רוף צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן פּראָדוצירן וואָס מער פֿאַר... די קאַפּיטאַליסטן.

די טעאָריע וועגן דרייַ זעלבשטענדיקע האַכנאָסע־קוואַלן לייקנט ניט אָפּ דעם קאַמף צווישן די אַרבעטער, קאַפּיטאַליסטן און ערדבאַזיצער, נאָר זי באַטראַכט דעם דאָזיקן קאַמף בלויז אַלס קאַמף פֿאַר דער פֿאַרטיילונג פֿונעם פּראָדוקט, וואָס זיי האָבן געמיינזאַם פּראָדוצירט. אָבער אַזאַ קאַמף דרינגט אַרויס פֿון דער געמיינזאַמקייַט פֿון זייערע אינטערעסן. לויט מאַרקס אויסדרוק „טרעט ער אַרויס אַלס סטימולירנדיקער אויסדרוק פֿון זייער האַרמאָניע" (מ אַ ר ק ס, מער־ווערט־טעאָריע, באַנד III, זייַט 368, אויסגאַבע פֿון 1932 יאָר), ווייַל קעדיי צו באַקומען בײַ דער צעטיילונג וואָס מער, דאַרף יעדערער זיך סטאַרען פּראָדוצירן וואָס מער „פֿאַרן אַלגעמיינעם וווילזייַן". אַזוי־אַרום לאָזן זיך אויס די קלאַסן־פֿאַרהעלטענישן לויט דער דאָזיקער טעאָריע צו פֿאַרטיילונג־פֿאַרהעלטענישן. דער זעלבער בראַונטאַל, למשל, שרייַבט: „דער גוואַלדיקער קלאַסנקאַמף, וואָס קומט פֿאָר אין דער הייַנטצייַטיקער געזעלשאַפֿט, איז אין דער ערשטער ריי אַ קאַמף פֿאַר דער פֿאַרטיילונג פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן פּראָדוקט, און ערשט אין דער צווייטער ריי טרעטן אַרויס די פֿראַגן וועגן דער אָרגאַניזירונג פֿון דער ווירט־שאַפֿט". מיט אַנדערע ווערטער, דער קלאַסנקאַמף צווישן דער בורזשואַזיע און

דעם פּראָלעטאַריאַט גייט ניט אַרום דעם, וויאַזוי עס דאַרף אָרגאַניזירט ווערן די געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט, צי דאַרף זי זײַן אָרגאַניזירט אַף קאַפּיטאַליסטישע אָדער אַף קאָמוניסטישע יעסוידעס, — דאָס איז, הייסט עס, אַ צווייטראַנגיקע פראַגע; דעריקער איז די פראַגע, וויאַזוי צו פאַרטיילן אַף דער באַזע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע דעם געזעלשאַפטלעכן (דה. אַזאַ, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן, קלוימערשט, פּראָדוצירט צוזאַמען מיט די אַרבעטער) פּראָדוקט.

אָבער פון אַזאַ שטאַנדפּונקט דרינגט אַרויס, אַז באַם קאַפּיטאַליזם איז מעגלעך אַזאַ פאַרטיילונג פונעם פּראָדוקט, וואָס באַפרידיקט פולשטענדיק דעם אַרבעטער-קלאַס און דעריבער איז אַבסאָליוט ניטאָ צוליב וואָס צו פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם און שאַפן אַ סאָציִאַליסטישע אָרדענונג.

די באַדײַטונג פון מאַרקס מערווערט־טעאָריע

באַטראַכטנדיק די אויסבילדונג פונעם מערווערט אומאָפּהענגיק פון די באַזונדערע פאָרמען, וואָס ער נעמט אָן באַ די פאַרשיידענע גרופּעס עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן אין די הענט, דעמאַסקירט מאַרקס די לעגענדע וועגן די דרײַ זעלבשטענדיקע האַכנאָסע-קוואַלן און באַווײַזט, אַז די האַכנאָסעס פונעם גאַנצן עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס, אַף וואָסערע גרופּעס ער זאָל זיך ניט טיילן, האָבן בלויז איין קוואַל — די ניט באַלוינטע אַרבעט פונעם אַרבעטער־קלאַס. אין איינעם פון זײַנע בריוו צו ענגעלסן (דעם 24־טן אויגוסט 1867 יאָר) שרײַבט מאַרקס: „דאָס בעסטע אין מײַן בוך איז דאָס באַטראַכטן דעם מערווערט אומאָפּהענגיק פון זײַנע באַזונדערע פאָרמען אַלס רעווער, פּראָצענט, רענטע אאַוו.“ (מ אַ ר ק ס, בריוו, ז. 198, „פּאַרטיזדאַט“, 1932). מאַרקס האָט דערמיט גופא אופגעדעקט דעם טהאָם, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און אַלע עקספּלואַטאַטאָרס, ער האָט אופגעדעקט און אַנטבלויזט דעם גרונטיקן קלאַסן־ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם.

מאַרקס האָט באַוויזן, אַז די עקספּלואַטאַציע פונעם אַרבעטער-קלאַס קומט פאָר אינעם פּראָדוציר־פּראָצעס, אַז די פאַרהעלטענישן צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דער בורזשואַזיע זײַנען פּ ר אָ ד ו צ י ר ־ פ אַ ר ה ע ל ט ע נ י ש ן. די פאַרייגענונג פון דער מעראַרבעט, וואָס די בורזשואַזע און סאָציִאַל־פאַשיסטישע טעאָרעטיקער רופן אָן „פאַרטיילונג“, דרינגט אַרויס פון די דאָזיקע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן. מע קאָן דעריבער ניט ענדערן אַף אַ גרינטלעכן אופן די געזעלשאַפטלעכע פאַרטיילונג, ניט ענדערנדיק גרינטלעך די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פון דער פּראָדוקציע. קעדיי צו פאַרניכטן די קאַפּיטאַליסטישע פאַרטיילונג, דאַרף מען פאַרניכטן דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום אַף די פּראָדוציר־מיטלען און פאַרוואַנדלען זיי אין אַ געזעלשאַפטלעך אייגנטום. אָבער דאָס הייסט, אַז ניט מיט דער הילף פון רעפאָרמעס אַף דער באַזע פון קאַפּיטאַליזם, נאָר אַף אַ רעוואָליוציִאָנערן אופן קאָן מען פאַרניכטן די עקספּלואַטאַציע. אָט פאַרוואָס לענין זאָגט, אַז „די מערווערט־לערע איז דער ווינקלשטיין פון מאַרקס עקאָנאָמישער טעאָריע“ (ל ע נ י נ, באַנד XVI, זײַט 351).

. די סאָציאַליסטישע פּראָדוציר־פּאַרהעלטענישן אין פסםר

אויפדעקנדיק די געהיימניש פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, באַווייזנדיק, אַז קאַפּיטאַל — דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכע פּאַרהעלטעניש, אַז די מאַשינעס און ביכלאַל די פּראָדוציר־מיטלען זיינען ניט פון דער נאַטור קאַפּיטאַל, נאָר זיי ווערן עס בלויז בײַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, האָט מאַרקס דערמיט גופא דערוויזן, אַז קאַפּיטאַל און מערווערט שטעלן מיט זיך פאָר אַ היסטאָריש־איבערגייענדיקע דערשײַנונג. די סאַמע בוילעטע פּראַקטישע באַשטעטיקונג דערפון גיט די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט אין פסםר.

אין וואָס באַשטייט דער גרונט־אונטערשייד צווישן אונדזערע סאָציאַליסטישע פּראָדוציר־פּאַרהעלטענישן און די קאַפּיטאַליסטישע?

פּאַרניכטונג פון דער לוין־שקלאַפעריי

קוידעמקאָל איז דער פּראָלעטאַריאַט בײַ אונדז שוין ניט קיין פּראָלעטאַריאַט אין אייגנטלעכן זין פונעם דאָזיקן וואָרט. דער פּראָלעטאַריאַט איז אַ קלאַס פון לוין־אַרבעטער, וואָס האָט ניט קיין אייגענע פּראָדוציר־מיטלען. בײַ אונדז געהערן די גרונטיקע פּראָדוציר־מיטלען דעם פּראָלעטאַריאַט אין געשטאַלט פון זײַן מעלוכע. דער אַרבעטער־קלאַס באַזיצט אַזויאַרום שוין ניט בלויז זײַן אייגענע אַרבעטקראַפט, נאָר אויך פּראָדוציר־מיטלען. די אַרבעטקראַפט גופא איז שוין ניט קיין סחוירע. אויסערלעך דוכט זיך, אַז אויך בײַ אונדז פאַרקויפט דער אַרבעטער זײַן אַרבעטקראַפט: ער פאַרדינגט זיך אין דער מעלוכע־אונטערנעמונג, באַקומט אַרבעטלוין אאַוו. אָבער וועמען פאַרקויפט דער אַרבעטער זײַן אַרבעטקראַפט? בײַם קאַפּיטאַליזם פאַרקויפט יעדער אַרבעטער באַזונדער זײַן אַרבעטקראַפט דעם קאַפּיטאַליסט און אַזויאַרום פאַרקויפט אויך דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס זײַן קאָלעקטיווע אַרבעטקראַפט דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, דער אַרבעטער־קלאַס גיט אַוועק זײַן אַרבעטקראַפט דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, וואָס עקספּלואַטירט אים. בײַ אונדז אָבער „פאַרקויפט" דער אַרבעטער־קלאַס אינגאַנצן גענומען זײַן אַרבעטקראַפט קיינעם ניט, אַכוץ זיך אַליין. אָבער פאַרקויפן זיך אַליין הייסט ניט פאַרקויפן. דאָס, וואָס יעדער אַרבעטער באַזונדער פאַרקויפט זײַן אַרבעטקראַפט זײַן אייגענער מעלוכע, הייסט ניט פאַרקויפן אין אייגנטלעכן זין. דאָס איז בלויז אַ פאָרם, אין וועלכער יעדער אַרבעטער באַטייליקט זיך אין דער אַלגעמיינער אַרבעט און אינעם פּראָדוקט פון דער דאָזיקער אַרבעט.

דער גרונט־אונטערשייד צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם ליגט אין דער פאָרם פון אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. „דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר־אויפן באַזירט זיך אויף דעם, וואָס די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע אין דער פאָרם פון אייגנטום אויף קאַפּיטאַל און פון אייגנטום אויף דער ערד געפינען זיך ניט בײַ די אַרבעטער אין די הענט, אין דער צײַט, ווען דאָס איינציקע אייגנטום פון דער אַרבעטער־מאַסע איז דער פּערזענלעכער פּראָדוציר־באַדינג — איר אַרבעטקראַפט".
(מאַרקס, קריטיק פון דער גאָטער פּראָגראַם, ז. 29).

בײַם סאָציאַליזם „ווערן די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע בילדן דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום פון די אַרבעטער גופא" (דאָרט).

דאָס, וואָס די פּראָדוציר־מיטלען געהערן דער ארבעטער־מעלוכע, מאַכט דעריבער אונדזערע מעלוכע־אונטערנעמונגען פאַר אונטערנעמונגען פון קאָנסעקווענט־סאָציאַ־ליסטישן טיפּ. דעריבער האָט זיך בא אונדז אויסגעבילדעט און עס אַנטוויקלט זיך נאָר אַן אַנדער באַציִונג צו דער ארבעט, איידער באַם קאַפּיטאַליזם.

סאָציאַליסטישע באַציִונג צו דער ארבעט

אין דער צײַט, ווען באַם קאַפּיטאַליזם איז די לוין־ארבעט לוין־שקלאַפערײַ, איז בא אונדז די ארבעט **א פרײַע ארבעט פאַר זיך.** די פרײַע ארבעט באַשטייט, פאַרשטייט זיך, ניט דערינ, וואָס יעדער איינער איז פרײַ צו ארבעטן אָדער ניט צו ארבעטן. ארבעט איז שטענדיק געווען און וועט שטענדיק זײַן דער גרונט־באַדינג פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. פרײַהײַט פון ארבעט באַשטייט אין אויספירן זיך, פאַרן אייגענעם קלאַס, אָבער ניט פאַר פּאַראַזיטן. דעריבער מאַקע הערשט בא אונדז גאָר אַן אַנדער באַציִונג צו דער ארבעט, איידער באַם קאַפּיטאַליזם. באַם קאַ־פּיטאַליזם „איז דער ארבעטער־קלאַס אַן עקספּלואַטירטער קלאַס, וואָס ארבעט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר א פרעמדן קלאַס, פאַרן קלאַס עקספּלואַטאַטערס" (סטאַלינ, פּראַגעס פון לעניניזם, ז. 538).

אין פּסער „איז דער ארבעטער־קלאַס דער באַלעבאָס פון לאַנד און ארבעט ניט פאַר די קאַפּיטאַליסטן, נאָר פאַר זײַן אייגענעם קלאַס" (דאָרט). דעריבער מאַקע ווערט בא אונדז די ארבעט פאַרוואַנדלט „פון א שענדלעכער און שווערער לאַסט, ווי זי האָט זיך גערעכנט פריִער, אין א זאַך פון קאָוועד, אין א זאַך פון רום, אין א זאַך פון מוט און העלדישקײַט" (דאָרט ז. 534).

די פּראָדוציר־מיטלען זײַנען שוין ניט מער קיין פאַרקערפּערונג פון דער קראַפט פונעם קאַפּיטאַל, וואָס איז קעגנגעשטעלט קעגן דעם ארבעטער און וואָס הערשט איבער אים. זיי זײַנען אונטערגעוואָרפן דעם ארבעטער־קלאַס און זײַנען בא אים אין די הענט ווירקלעכ פּראָדוציר־מיטלען אָפּ אויסצובויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט און אָפּ העכערן קעסיידער דעם וווילשטאַנד פון די מאַסן. זייער פונקציע באַשטייט שוין ניט אין אײַנזאַפּן אָן א שיר פרעמדע ארבעט, — זיי שטעלן שוין ווירקלעך מיט זיך פאָר „אָנגעזאַמלטע ארבעט", וואָס דינט „דער לעבעדיקער ארבעט אַלס מיטל פאַר נײַער פּראָדוצירונג" (מאַרקס, לוין־ארבעט און קאַפּיטאַל, ז. 29). „די אַנט־וויקלונג פון דער פּראָדוקציע איז אונטערגעוואָרפן ניט דעם פּרינציפּ פון קאָנקורענץ און פון באַוואָרענען דעם קאַפּיטאַליסטישן רעווען, נאָר דעם פּרינציפּ פון פּלאַנישער אָנפירונג און פון סיסטעמאַטישן אופהייבן דעם מאַטעריעלן און קול־טורעלן ניוואָ פון די ארבעטנדיקע" (סטאַלינ, פּראַגעס פון לעניניזם, ז. 538).

אַדאַנק דעם איז פאַרניכטעט געוואָרן דער מערוועט. די גאַנצע ארבעט פון די ארבעטער איז אַן ארבעט פאַר זיך, אַן ארבעט, וואָס האָט דעם ציל אויסצובויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. פון דעם גאַנצן ארבעט־פּראָדוקט גייט א טייל אָפּן די־רעקטן געברויכ און א צווייטער טייל אָפּ דער סאָציאַליסטישער אָנזאַמלונג. דער דאָזיקער טייל פונעם פּראָדוקט, וואָס ווערט אָנגעזאַמלט, פאַרבלײַבט דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום פון ארבעטער־קלאַס אין געשטאַלט פון זײַן מעלוכע, ער ווערט ניט פאַרייגנט דורכ אַן אַנדער קלאַס, ער איז דעריבער ניט קיין מערוועט.

פונ די דאָזיקע סאָציִאַליסטישע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישנ דרינגט שוינ ארויס גאָר אנ אנדער לאַגע פאַרנ ארבעטער אינעם פּראָדוציר־פּראָצעס גופע.

די מאשינ און דער ארבעטער

„די מאשינ, אלײנ גענומענ, פאַרקירצט די ארבעטצײַט, אָבער װענ זי װערט אָנגעװענדט אפ א קאפּיטאליסטישנ אופנ, פאַרלענגערט זי דעמ ארבעטסטאָג" (מ א ר ק ס, קאַפּיטאַל, באַנד I, ז. 339). בא אונדז װערט די מאשינ באַנוצט ניט קאפּיטאליסטיש און דעריבער איז די גרונט-טענדענצ בא אונדז ניט די פאַרלענגערונג, נאָר די פ א ר ק י ר צ ו נ ג פ ו נ ד ע מ א ר ב ע ט - ט אָ ג. מיר האָבנ פאַרניכטעט די פּאַראזיטישע קלאסנ, װאָס האָבנ אריבערגעלײגט די ארבעט אפנ ארבעטער-קלאס און אפ די ארבעטנדיקע מאסנ פויערטומ. מיר ציִענ ארײַנ אינ דער פּראָדוקציע די גאנצע ארבעטספײִקע באפעלקערונג. „דער טײל פונעמ געזעלשאפטלעכנ ארבעטסטאָג, װאָס איז נײטיק פאַר דער מאטעריעלער פּראָדוקציע, איז דעריבער אפ אזויפיל קירצער און די צײַט, װאָס בלײַבט איבער פאַר דער פרײַער גײַסטיקער און געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט פונ אינדיװידוומ, איז בעמײלע אפ אזויפיל גרעסער, אפ װיפל גלײַכמעסיקער עס איז פאַנאנדערגעטײלט די ארבעט צװישנ אלע ארבעטספײִקע מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט, אפ װיפל װײניקער עס איז די מעגלעכקײַט פאַר אײנ געזעלשאפטלעכנ שיכט אראָפּצװוארפנ פונ זיכ און ארופ-לײגנ אפ אנ אנדער געזעלשאפטלעכנ שיכט די נאַטירלעכע נויטװענדיקײַט פונ אר-בעט" (מ א ר ק ס, קאַפּיטאַל, באַנד I, זײַט 412). אנטװיקלענדיק די פּראָדוקטיװע קרעפטנ אפ דער באַזע פונ אויסגעבויטנ און שוינ פאַרענדיקטנ פונדאמענט פונ דער סאָציִאַליסטישער עקאָנאָמיק און פאַרװירקלעכנדיק דעמ איבערגאַנג צו א 7-שעָה־יקנ ארבעטסטאָג, גרײטנ מיר צו די באַדינגונגענ פאַרנ אריבערגײנ פונ א 7-שעָה־יקנ צו א 6-שעָה־יקנ ארבעטסטאָג.

„די מאשינ אלײנ פאַר זיכ פאַרלײַכטערט די ארבעט, אָבער איר קאפּיטאליסטישע אָנװענדונג העכערט די אינטענסיװקײַט פונ דער ארבעט" (מ א ר ק ס, קאַפּיטאַל, ב. I, ז. 339). די ברײטע מעכאניזאציע און עלעקטריפיקאַציע, װאָס מיר פירנ דורכ אינ אלע געביטנ פונ דער פּראָדוקציע, האָט אלס איר אויפגאַבע צו פאַרלײַכטערנ די ארבעט אפ װיפל אָבער בא אונדז קומט פאָר אנ אינטענסיפיצירונג פונ דער ארבעט, שטײַגט זי ניט איבער די נאָרמאלע ראַמענ און װערט קאָמפּענסירט דורכ דער פאַר-קירצונג פונ דער ארבעטצײַט און דורכ די מאָסמיטלענ פאַר ארבעטשוצ. אינ דער צו-קונפט, נאָכנ פאַרענדיקנ די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע פונ דער גאנצער װירט-שאפט, װעלנ מיר אפ דער דאָזיקער באַזע אָנהײבנ אריבערגײנ צו אװטאָמאטי-זירטער פּראָדוצירונג אינ א ברײטנ מאסשטאב, װו די ארבעט װעט באַשטײנ אינ אויפזיכט און קאָנטראָל איבער די מאשינעס-אװטאָמאטנ און איבער די פאבריקנ-אװטאָמאטנ.

„די מאשינ, אלײנ גענומענ, איז דעמ מענטשנס א זיג איבער דער קראפט פונ דער נאטור, דאָס קאפּיטאליסטישע אָנװענדנ זי אָבער פאַרשקלאפט דעמ מענטשנ צו דער קראפט פונ דער נאטור" (מ א ר ק ס, קאַפּיטאַל, ב. I, ז. 339—340). באַמ קאפּיטא-ליזמ „װערט אפילע די פאַרלײַכטערונג פונ דער ארבעט א קװאַל פונ פּײַניקונג, װײַל די מאשינ באַפרײַט ניט דעמ ארבעטער פונ זײַנ ארבעט, נאָר זי באַפרײַט זײַנ ארבעט פונ יעטװידנ אינהאַלט" (ד אָ ר ט, ז. 324). באַמ קאפּיטאליזמ איז דער

אַרבעטער אַ צוגאָב צו דער מאַשין ניט בלויז אין עקאָנאָמיש, נאָר אויך אין טעכניש זין. בא אונדז איז דער אַרבעטער-קלאַס ניט בלויז עקאָנאָמיש דער באַלעבאָס פון דער פּראָדוקציע, נאָר אויך טעכניש באַהערשט ער זי אַזוי, אַז די אַרבעטער-מאַסע אַנטוויקלט אינעם עצם פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע אַלזייטיק אירע שעפערישע פייִקייטן. דורכן סאָצגעוועט אין אַלע זיינע פאָרמען, דורך טעכנישער לערע אינעם פּראָדוציר-פּראָצעס באַהערשט דער אַרבעטער די טעכניק פונעם גאַנצן פּראָדוציר-פּראָצעס און ווערט ווירקלעך אַ באַוווסטזיניקער הערשער איבער די נאַטור-קרעפטן. עס ווערן געשאַפן די באַדינגונגען אַף צו פאַרניכטן די קעגנזאַצן צווישן דער גייסטיקער און פיזישער אַרבעט.

„די מאַשין אַליין פאַר זיך פאַרגרעסערט דעם פּראָדוצירערס רייכטום, אָבער אין איר קאַפּיטאַליסטישער אָנווענדונג פאַרוואַנדלט זי אים אין אַן אָרעמאַן" (ד אָ ר ט , ז. 340) זיוויי בא אונדז ווערט די מאַשין באַנוצט ניט קאַפּיטאַליסטיש, נאָר זי איז דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום פונעם אַרבעטער-קלאַס, פאַרגרעסערט זי, אין קעגנזאַץ צום קאַפּיטאַליזם, „דעם פּראָדוצירערס רייכטום", דה. זי איז אַ מיטל אַף אויפהייבן דעם ווילשטאַנד פונעם אַרבעטער-קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע מאַסן ביכלאַל.

דער גרונט-ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם — דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג — ברענגט, ווי עס איז אויבן באַווייזן געוואָרן, דערצו, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן באַם קאַפּיטאַליזם קומט פאַר מיט דער הילף פון אויסנוצן רויבעריש די גרונטיקע פּראָדוקטיווע קראַפט פון דער געזעלשאַפט — די אַרבעטקראַפט פונעם פּראָלעטאַריאַט. אַדאַנק דעם, וואָס מיר האָבן פאַרניכטעט דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך, באַטייט בא אונדז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, אַז עס וואַקסט די קראַפט און דער ווילשטאַנד פון דעם אַרבעטער-קלאַס. דאַפקע אונדזער סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט-סיסטעם גיט אונדז אַ מעגלעכקייט צו באַוועגן זיך מיט אַזעלכע טעמפּן, וואָס האָבן ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון קאַפּיטאַליזם. און באַשטימט פאָרויס דעם ניצחון פון סאָציאַליזם אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב.

ארבעטלוין

1. דער טאָכ פון ארבעטלוין

דער ארבעטלוין איז א פארוואנדלטע פאָרם פונעם ווערט און פרייז פון דער ארבעטקראפט

דער ארבעטער פארקויפט דעם קאפיטאליסט זײַן ארבעטקראפט. דעם ווערט פון דער ארבעטקראפט באקומט ער באם קאפיטאליסט אין דער פאָרם פון ארבעטלוין. באם דינגען דעם ארבעטער ווערט אײַנגעשטעלט א באשטימטער ארבעטלוין פאר א באשטימטער צאָל ארבעט-שעה א טאָג, לאָמיר זאָגן, 3 רובל פאר א 12-שעהיקן ארבעטטאָג, אָדער 25 קאָפּעקעס פאר איין ארבעט-שעה. דער נאָמען אליין „ארבעטלוין" באטײַט לוין פאר ארבעט.

דער ארבעטער פארקויפט זײַן ארבעטקראפט, אָבער עס דוכט זיך, אז ער פארקויפט זײַן ארבעט; ער באקומט ארבעטלוין אלס געלט-אויסדרוק פונעם ווערט פון זײַן ארבעטקראפט, אָבער עס דוכט זיך, אז דער ארבעטלוין איז דער געלט-אויסדרוק פונעם ווערט פון דער ארבעט, אָבער ניט פונעם ווערט פון דער ארבעטקראפט. „אפ דער אויבערפלאך פון דער בורזשואזער געזעלשאפט טרעט ארויס דעם ארבעטערס געצאָלט אלס פרײַז פאר דער ארבעט, אלס א באשטימטער סכום געלט, וואָס ווערט באצאָלט פאר א באשטימטן סכום ארבעט. דאָ רעדט מען וועגן ווערט פון דער ארבעט און זײַן געלט-אויסדרוק רופט מען אָן זײַן נייטיקער אָדער נאטירלעכער פרײַז" (מ א ר ק ס, קאפיטאל, באנד I, ז. 417).

ארבעט האָט ניט און קאָן ניט האָבן קיין שום ווערט. „רײדן וועגן דעם ווערט פון ארבעט און פרוּוון דעפינירן אים וואָלט געהאט פונקט אזא זין, ווי רײדן וועגן דעם ווערט פונעם ווערט גופא אָדער וועלן דעפינירן די וואָג ניט פון אוואָסערן-ניט-איז שווערן קערפער, נאָר די וואָג פון דער שווערקײַט גופא" (ע נ ג ע ל ס, אנטי-דיורינג, ז. 143).

פארוואָס-זשע, ניט געקוקט אפ דעם, וואָס דער ארבעטער פארקויפט זײַן ארבעטקראפט און ניט זײַן ארבעט, ניט געקוקט אפ דעם, וואָס די ארבעט האָט ניט קיין ווערט, — ווערט דער ארבעטלוין אויסגעצאָלט ניט אלס פרײַז פון דער ארבעטקראפט, נאָר אלס פרײַז פון דער ארבעט?

מיר ווייסן שוין, אז אין דער סכוירע-פּראָדוקציע ביכלאַל און אין דער

קאַפּיטאַליסטישער ביפראַט דריקנ זיכ אויס די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ אינ אַזאַ פאָרמ, וואָס פאַרבאָרגט און מאַכט ניט צו דערקענענ דעמ ווירקלעכנ טאָכ פונ די דאָזיקע פאַרהעלטענישנ. אַזוי נעמט אָנ די ארבעט די פאָרמ פונ ווערט און טרעט ארויס אַלס אייגנשאַפט פונ דער זאַכ; דער קאַפּיטאַל — די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש פונ דער עקספּלואַטאַציע — נעמט אָנ די פאָרמ פונ פּראָדוציר־מיטלענ און טרעט ארויס אַלס אייגנשאַפט פונ די פּראָדוציר־מיטלענ ביכלאַל.

אַזויאַרומ איז שוינ צוליב דעמ אַליינ, וואָס די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ באַמ קאַפּיטאַליזמ זײַנענ אײַנגעהילט אינ אַ זאַכ־הײַטל, דאַרפ דער ווערט פונ דער ארבעטקראַפט אָנעמענ אַזאַ פאָרמ, וואָס פאַרשטעלט דעמ אינהאַלט, וואָס איז פאַרבאָרגנ הינטער דער דאָזיקער פאָרמ. דערצו קומט נאָכ צו אויכ די אייגנטימלעכקײַט פונ דער סכוירע „ארבעטקראַפט", וואָס די מאָס פאַרנ פאַרקויפטנ סכומ ארבעטקראַפט איז די צאָל ארבעט־שאָענ. די ארבעט איז דאָכ די פאַרווענדונג פונ ארבעטקראַפט. וואָס מער שאָענ דער ארבעטער ארבעט, אַלצ מער פאַרווענדט ער ארבעטקראַפט אָדער אַלצ אַ גרעסערנ סכומ ארבעטקראַפט פאַרקויפט ער דעמ קאַפּיטאַליסט. אַזויווי די מאָס פונ דעמ סכומ פאַרווענדטער ארבעטקראַפט איז די צאָל ארבעטשאָענ, קאָנ אויכ דאָס געצאָלט פאַרנ ווערט פונ דער ארבעטקראַפט ניט פאָרקומענ אַנדערש, ווי אינ דער פאָרמ פונ געצאָלט פאַר דער ארבעט. עס באַקומט זיכ דעריבער דאָס אויסזענ, אַז דער ארבעטער פאַרקויפט ניט זײַנ ארבעטקראַפט, נאָר די ארבעט, און אַז די ארבעט גופא האָט קלוימערשט אַ ווערט.

דער אויסדרוק „ווערט פונ דער ארבעט" איז „אַנ אײַנגעבילדעטער (אַנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקײַט) אויסדרוק, ווי לעמאָשל, דער ווערט פונ דער ערד. אָבער די דאָזיקע אײַנגעבילדעטע אויסדרוקנ נעמענ זיכ פונ די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ גופא" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד I, ז. 419).

אַלזאָ, די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ גופא באַמ קאַפּיטאַליזמ ברענגענ דערצו, אַז דער ארבעטלוינ, וואָס איז אינ טאָכ דער געלט־אויסדרוק אָדער פּרײַז פונ דער **ארבעטקראַפט**, טרעט ארויס אַלס פּרײַז פונ דער ארבעט. **ארבעטלוינ איז, אַזויאַרומ, אַ פאַרוואַנדלטע פאָרמ פונעמ ווערט פונ דער ארבעטקראַפט: ער איז דער פּרײַז פונ דער ארבעטקראַפט, וואָס איז פאָרגעשטעלט אַלס פּרײַז פונ דער ארבעט.**

דער ארבעטלוינ פאַרבאָרגט די עקספּלואַטאַציע

וויבאַלד דער ארבעטלוינ שטעלט פאָר דעמ געצאָלט פאַר דער ארבעטקראַפט אַלס געצאָלט פאַר דער ארבעט, אַנטשטייט אומפאַרמײַדלעכ די פאָרשטעלונג, אַז מיטנ ארבעטלוינ ווערט אָפּגעצאָלט די **גאַנצע** ארבעט פונעמ ארבעטער. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אַז אַפּ פּראָדוצירנ דעמ ארבעטערס עקזיסטענצ־מיטלענ פאָדערט זיכ 6 שאָ געזעלשאַפטלעכ־נייטיקע ארבעטסצײַט. אויב 1 שאָ געזעלשאַפטלעכע ארבעט דריקט זיכ אויס אינ 50 קאָפּ., וועט דער ווערט פונ דער ארבעטקראַפט, וואָס איז אויסגעדריקט אינ געלט, זײַנ 3 רובל. אויב די ארבעטקראַפט ווערט באַצאָלט לויט איר פולנ ווערט און אויב דער ארבעטער ארבעט 12 שאָ, וועט דער אר־

בעטלוינ פונ 3 רובל פאר א 12־שאָ‏ַקנ ארבעטסטאָג זיכ פאָרשטעלנ אלס געצאָלט צו 25 קאָפּ. פאר 1 ארבעט־שאָ.

אינ דער ווירקלעכקײַט ווערט איינ שאָ געזעלשאפטלעכע ארבעט פארקערפערט אינ 50 קאָפּ., אונ דעריבער, ווענ דער קאפיטאליסט צאָלט אָפּ פאר א שאָ ארבעט 25 קאָפּ., צאָלט ער אָפּ בלויז פאר א האלבער שאָ, פאר דער אנדערער האלבער שאָ ווערט ניט אָפּגעצאָלט. אויב אינעם 12־שאָ‏ַקנ ארבעטסטאָג ווערט פאר יעדער שאָ אָפּגעצאָלט בלויז א העלפט, הייסט עס, אז פונעם גאנצנ ארבעטסטאָג ווערט אָפּגעצאָלט בלויז א העלפט, דה. 6 שאָ; די איבעריקע 6 שאָ זײַנענ ניט באלוינטע ארבעט, מעראַרבעט, וואָס שאפט מערווערט. אָבער דער אומשטאנד, וואָס די געלט־סומע (3 רובל), וועלכע דריקט אויס בלויז דעם באצאָלטנ טייל ארבעט־טאָג (6 שאָ), איז פאנאנדערגעטיילט אפנ גאנצנ טאָג (12 שאָ), שאפט די שײַנ־לעכקײַט, אז מ׳האָט אָפּגעצאָלט פארנ גאנצנ ארבעטסטאָג.

„די פאָרמ פונ ארבעטלוינ ווישט אָפּ יעטווידנ שפור פונ צעטיילנ דעמ ארבעטסטאָג אפ נייטיקער ארבעט אונ מער־ארבעט, אפ באלוינטער אונ ניט־באלוינטער ארבעט. יעט־ווידע ארבעט ווערט פאָרגעשטעלט אלס באצאָלטע ארבעט... בא שקלאפנ־ארבעט ווערט אפילע דער טייל ארבעטסטאָג, אינ פארלויפ פונ וועלכנ דער שקלאפ דעקט בלויז דעמ ווערט פונ זײַנע אייגענע עקזיסטענצ־מיט־לענ, אינ פארלויפ פונ וועלכנ ער ארבעט פאקטיש בלויז פאר זיכ אליינ, פאָר־געשטעלט אלס ארבעט אפנ באלעבאָס. די גאנצע ארבעט זײַנע ווערט פאָרגע־שטעלט אלס ניט־באלוינטע ארבעט. פארקערט, בא דער לוינ־ארבעט־סיס־טעמ שטעלט זיכ פאָר די מעראַרבעט אָדער די ניט באלוינטע ארבעט אלס באלוינטע. דאָרט פארבאָרגט די אייגנטומ־פארהעלטעניש דעמ שקלאפס ארבעט פאר זיכ אליינ, דאָ פארבאָרגנ די געלט־פארהעלטענישנ די אומ־זיסטע ארבעט פונעמ לוינ־ארבעטער" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, זײַט 421. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

דער ארבעטלוינ פארבאָרגט אזויארומ דעמ פאקט פונ דער קאפיטאליסטישער עקספּלואטאציע. די שײַנלעכקײַט, וואָס ער שאפט, אז עס ווערט אָפּגעצאָלט די גאנצע ארבעט, רופט ארויס די אנטשפּרעכיקע פאָרשטעלונגענ ניט בלויז באמ קאפיטאליסט, נאָר אויכ באמ ארבעטער, ווײַל דער קאפיטאליסט צאָלט אויס אונ דער ארבעטער באקומט דעמ ארבעטלוינ אלס געצאָלט פאר יעדער שאָ, טאָג אָדער וואָכ ארבעט.

די באַדײַטונג פונ מאַרקס ארבעט־לוינ־טעאָריע

די בורזשואזיע איז אינגאנצנ פארינטערעסירט אונטערצוהאלטנ אינעמ באוווסטזײַנ פונעמ ארבעטער־קלאס די דאָזיקע שײַנלעכ־קײַט, וואָס ווערט געשאפנ דורכ דער פאָרמ פונ ארבעטלוינ. די בורזשואזיע איז פארינטערעסירט, דער ארבעטער זאָל מיי־נענ, אז זי עקספּלואטירט אימ ניט אונ ער זאָל דעריבער ניט האָבנ קיינ סטימול ארויפצוווארפנ דעמ קאפיטאליזמ. קעדיי אײַנצוהיטנ איר הערשאפט, קעדיי אײַנ־צוהיטנ די לוינ־שקלאפערײַ, דארפ די בורזשואזיע האלטנ דעמ ארבעטער־קלאס אונטער איר אידעאָלאָגישער ווירקונג. דעריבער קאָנ די באפרײַונג פונעמ ארבע־

טער־קלאס פונ אונטער דער קאפיטאליסטישער דיקטאטור ניט פאָרקומענ, אויב דער פראָלעטאריאט ווערט ניט באפרײַט פונ דער בורזשואזיעס אידעאָלאָגישער ווירקונג. דאָס באטײַט, אז די פאָרמענ פונ פראָלעטארישנ קלאסנקאמפ זײַנענ ניט בלויז דער עקאָנאָמישער און פאָליטישער קאמפ, נאָר אויכ דער טעאָרעטישער קאמפ.

אינ זײַנ ארבעטלוינ־טעאָריע, וואָס איז א דירעקטע פאָרזעצונג און אנטוויקלונג פונ דער ווערט־ און מערווערט-טעאָריע, האָט מארקס באוויזנ, אפ וואָס עס באזירט זיכ די מעגלעכקײַט פונ דער אידעאָלאָגישער ווירקונג פונ דער בורזשואזיע אפנ פראָלעטאריאט: די דאָזיקע מעגלעכקײַט דרינגט ארויס פונעם עצעם כאראקטער פונ די פראָדוציר־פארהעלטענישנ פונ קאפיטאליזם. „אפ דער דאָזיקער אויסערלעכער אנטפלעקונג־פאָרם (דה. אפ דער ארבעטלוינ־פאָרם—ל.ס.), וואָס פארבאָרגט די ווירקלעכע פארהעלטעניש און וואָס שאפט די שײַנלעכקײַט פונ א דירעקט קעגנזעצלעכער פארהעלטעניש, באזירנ זיכ אלע רעכטלעכע פאָרשטעלונגענ סײַ פונעם ארבעטער סײַ פונעם קאפיטאליסט, אלע מיסטיפיקאציעס (פאלשע פאָרשטעלונגענ—ל.ס.) פונ דעם קאפיטאליסטישנ פראָדוציר־אויפנ, אלע אילוזיעס וועגנ פרײַהײַט, וואָס נעמענ זיכ פונ אים, אלע אפאָלאָגעטישע שפיצלעכ פונ דער וולגארער עקאָנאָמיע" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, ז. 421).

אופדעקנדיק דעם סאָד פונ דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע און באווײַזנדיק, אפ וואָס פאר אנ אויפנ די דאָזיקע עקספלואטאציע ווערט מאסקירט, האָט מארקס געגעבנ דעם פראָלעטאריאט א טעאָרעטיש געווער אפ צו באפרײַענ זיכ פונ דער אידעאָלאָגישער ווירקונג פונ דער בורזשואזיע און דערמיט גופע דאָס געווער פונעם קלאסנקאמפ פונעם פראָלעטאריאט אפ אראָפוואַרפנ דעם קאפיטאליזם.

אינ דעם פעריאָד, ווענ ס'האָבנ זיכ ביז גאָר פארשארפט אלע ווידערשפרוכנ אינעם קאפיטאליזם, אינעם פעריאָד פונ אימפעריאליזם, באזונדערס אינעם פעריאָד פונעם אלגעמײנעם קאפיטאליסטישנ קריזיס, ווענ דער שנעל וואקסנדיקער סאָציאליזם אינ פססר ווירקט אפ א רעוואָליוציאָניזירנדיקנ אויפנ אפנ פראָלעטאריאט פונ דער גאנצער וועלט, קאָנ שוינ מער ניט די בורזשואזיע, וואָס באנוצט אלצ מער די מעטאָדנ פונ אונטערדריקנ אָפנ דעם ארבעטער-קלאס (פאשיזם), דורכפירנ אלײנ דירעקט איר ווירקונג אפנ ארבעטער־קלאס, און זי טוט עס מיט דער הילפ פונעם סאָציאל־פאשיזם. מיר האָבנ שוינ אויבנ געזענ, וויאזוי די סאָציאל־פאשיסטישע טעאָרעטיקער פרײדיקנ הארמאָניע פונ די קלאסנ־אינטערעסנ. אינ פולנ העסקעם דערמיט זײַנענ אויכ זײערע אָנשוויונגענ אפנ ארבעטלוינ. אזוי שרײַבט דער סאָציאל־פאשיסטישער פראָפעסער נעלטינג, וועלכנ מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, אינ זײַנ לערנבוכ פאר די פראָפאראײנישע שולנ, דה. אינעם בוכ, וואָס איז באשטימט אפ „דערציענ" די אונטערשטע אָנפירער פונ די מאסעווע עקאָנאָמישע אָרגאניזאציעס פונעם ארבעטער־קלאס: „די פראגע וועגנ דעם טויש־ווערט פונ דער סכוירע „ארבעטקראפט" איז אנ אומזיניקע. עס עקזיסטירט בלויז די פראגע וועגנ דעם ווערט פונ דער ארבעט". די סאָציאל־פאשיסטנ שטרעבנ אונטערצוהאלטנ אינעם ארבעטער־קלאס די אילוזיעס וועגנ פרײַהײַט און וועגנ דעם, אז עס איז ניטאָ קײנ עקספלואטאציע, די אילוזיעס, וואָס ווערנ געשאפנ אדאנק דער פאָרם פונ ארבעטלוינ.

ניט אומזיסט האָט ענגעלס געשריבן, אַז „פאַרן סאָציאַליזם, וואָס וויל באַפרײַען די מענטשלעכע אַרבעטקראַפט פון איר לאַגע אַלס סכוירע, האָט א גרויסע באַדײַטונג דאָס פאַרשטיין, אַז אַרבעט האָט ניט קיין ווערט און קאָן עס ניט האָבן" (ענגעלס, אַנטי־דיורינג, ז. 144).

מיר זעען, אַז אַזאַ אַבסטראַקטע פראַגע, וואָס זעט אויס פון ערשטן אויגנבליק אָפּגעריסן פונעם לעבן, די פראַגע וועגן דעם אונטערשייד צווישן דער אַרבעט און אַרבעטקראַפט, האָט אין דערווירקלעכקײַט די גרעסטע באַדײַטונג פאַרן קלאַסנקאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט.

2. פאָרמען פון אַרבעטלוין

אַזוי ווי דער אַרבעטלוין פאַרבאָרגט די עקספּלואַטאַציע און שטעלט פאָר די גאַנצע אַרבעט פונעם אַרבעטער אַלס באַלוינטע אַרבעט, דינט ער באַם קאַפּיטאַליסט אין די הענט אויך אַלס מיטל אָפּ פאַרשטאַרקן די עקספּלואַטאַציע. לאָמיר דאָס באַטראַכטן אָפּן בײַשפּיל פון די צוויי פאָרמען אַרבעטלוין — צײַט־לוין און שטיק־לוין.

עס זײַנען פאַראַן פיל אַרבעטלוין־סיסטעמען, באַזונדערס פאַרשיידנאַרטיק זײַנען די סיסטעמען פונעם אַזויגערופענעם פּרעמיאַלן אַרבעטלוין. אָבער אַלע סיסטעמען און פאָרמען פון אַרבעטלוין קאָנען רעדוצירט ווערן צו די צוויי גרונט־פאָרמען — צום צײַט־לוין און שטיק־לוין.

צײַט־לוין

דער צײַט־לוין איז אַן אַרבעטלוין, וואָס ווערט אָפּגעצאָלט פאַרן אַרבעטסטאָג פון א באַשטימטער לענג, לעמאָשל, 3 רובל פאַר א 12־שעהיקן אַרבעטסטאָג. דערבײַ איז די מאָס פונעם אַרבעט־פרײַז (לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז די אַרבעט האָט ניט קיין ווערט און האָט דעריבער אויך ניט קיין פרײַז; מיר געברויכן דאָ דעם אויסדרוק „אַרבעט־פרײַז" בלויז אין זין פון א פאַרוואַנדלטער פאָרם פונעם ווערט פון דער אַרבעטקראַפט) דער פרײַז פון איין אַרבעט־שעה. אין אונדזער בײַשפּיל איז דער פרײַז פון איין אַרבעט־שעה — 25 קאָפּ.

דער אַרבעט־פרײַז קאָן פאַרבלײַבן א באַשטענדיקער, און דער אַרבעטלוין קאָן זיך פאַרקלענערן אָדער פאַרגרעסערן. אויב, לעמאָשל, עס פאַרקלענערט זיך דער אַרבעטסטאָג און עס פאַרבלײַבט די פריערדיקע שעה־געצאָלט, וועט די סומע אַרבעטלוין זיך פאַרקלענערן. אויב, לאָמיר זאָגן, אין אונדזער בײַשפּיל וועט זיך דער אַרבעטסטאָג פאַרקלענערן פון 12 שעה ביז 8 שעה און דער פרײַז פון אַן אַרבעט־שעה וועט פאַרבלײַבן 25 קאָפּ., וועט דער אַרבעטלוין באַטרעפן 2 רובל. עס קאָן זיך אויסדוכטן, אַז דער אַרבעטער איז ניט געבליבן באַאוולט: ער באַקומט דאָך ווייניקער דערפאַר, ווײַל ער אַרבעט ווייניקער, דער „אַרבעט־פרײַז" איז דאָך ניט געפאַלן, דער קאַפּיטאַליסט צאָלט דאָך אים, דוכט זיך, דעם פריערדיקן פרײַז פאַר דער אַרבעט. אָבער אין דער ווירקלעכקײַט קומט דאָ פאָר אַן אַראָפּזעצונג פונעם אַרבעטלוין נידעריקער, איידער דער ווערט פון דער אַרבעטקראַפט.

דער ווערט פון דער אַרבעטקראַפט איז אונדזער בײַשפּיל באַטרעפט ניט צוויי, נאָר דרײַ רובל. באַקומענדיק צוויי רובל, איז דער אַרבעטער ניט אימשטאַנד אויפ-

צושטעלן זײַן ארבעטקראפט. דער קאפּיטאליסט באצאָלט אזויארום פאר דער ארבעטקראפט נידעריקער פון איר ווערט. אָבער דער דאָזיקער פאקט ווערט פאר-באָרגן דורכן „ארבעט-פרייז". עס באקומט זיך א שײַנלעכקײַט, אז עס איז, קלוי-מערשט, אָפּגעצאָלט געוואָרן פארן ארבעטערס גאנצער ארבעט, און אזוי ווי די שאָ-גע-צאָלט האָט זיך ניט געענדערט, קומט אויס, אז דער ארבעטער דארף ניט האָבן קיין שום פּרעטענזיעס צום קאפּיטאליסט. „פריִער האָבן מיר געזען די צע-שטערנדיקע רעזולטאטן פון ארבעטן איבער די קויכעס, — דאָ אנטפּלעקט זיך פאר אונדז דער קוואל פון יענע יעסו-ריִע, וואָס דער ארבעטער האָט אויסצושטיין, ווען ער איז גע-צוווּנגען צו ארבעטן ניט קיין פולע צײַט" (מארקס, קאפּיטאל, באנד I, ז. 425. מײַן קורסיוו.—ל. ס.).

אין אלע קאפּיטאליסטישע לענדער קומט אצינד פאָר ניט בלויז א פארקירצונג פון דער צאָל ארבעטער, דה. ניט בלויז די פארוואנדלונג פון א טייל ארבעטער אין ארבעטלאָזע, נאָר אויך א פארקירצונג פון דער ארבעטצײַט בײַ יענע ארבע-טער, וואָס פארבלײַבן נאָך ארבעטן. און דערבײַ פארקלענערן, פארשטייט זיך, די קאפּיטאליסטן אויך דעם ארבעטלוין, פארענטפערנדיק זיך דערמיט, וואָס די אר-בעטצײַט ווערט פארקירצט (ניט קיין פולע ארבעט-וואָך). א קאָלאָסאלע טויווע דער בורזשואזיע בײַ דעם דאָזיקן באראבעווען דעם ארבעטער-קלאס טוען די סאָציאל-פאשיסטן. אזוי האָט דער געוועזענער דײַטשישער ארבעט-מיניסטער, דער סאָציאל-דעמאָקראט וויסעל, געשריבן: „א פארקירצונג פון דער ארבעטצײַט קאָן געמאכט ווערן בלויז בײַ דער אנטשפּרעכיקער פארקירצונג פונעם ארבעטלוין". די קאָמוניס-טישע פארטייען אין די קאפּיטאליסטישע לענדער קעמפן פאר פארקירצן די ארבעט-צײַט, נאָר מיטן באדינג, אז דערבײַ זאָל דער ארבעטלוין ניט אראָפּגעזעצט ווערן.

דאָס פאלן פונעם ארבעטלוין נידעריקער פון דעם ווערט פון דער ארבעטקראפט קומט פאָר אויך דאַן, ווען עס ווערט פארלענגערט די ארבעטצײַט און עס בלײַבט די פריִערדיקע שאָ-געצאָלט. אויב אין אונדזער בײַשפּיל וועט דער ארבעטטאָג פארלענגערט ווערן ביז 15 שאָ, וועט דער ארבעטלוין באם פריִערדיקן שאָ-געצאָלט צו 25 קאָפּ. זיך אויפהייבן ביז 3 רובל 75 קאָפּ. ווידעראמאָל דוכט זיך אויסערלעך, אז דער אר-בעטער דארף ניט האָבן קיין שום פּרעטענזיעס צום קאפּיטאליסט. ארבעטנדיק מער שאָען, פארווענדט דער ארבעטער מער ארבעטקראפט, דערפאר אָבער באקומט ער מער אפּ אויפצושטעלן זײַן ארבעטקראפט. דוכט זיך, אז אלץ איז אין אָרדענונג. אָבער אין דער ווירקלעכקײַט פאָדערן די לעצטע שאָען ארבעט א סך מער ענערגיע-פארווענדונג, איידער די ערשטע שאָען ארבעט. דעריבער „וואקסט די אָפּנוצונג פון דער ארבעטקראפט, און בעמיילע אויך דער ווערט פון דער ארבעטקראפט צוזאמען מיטן וווּקס פון איר פונקציאָנירונג-דויער און דערבײַ וואקסט איר טעגלע-כער ווערט אין א שנעלערער פּראָפּאָרץ, איידער דער דויער פון דער פונקציאָנירונג" (מארקס, קאפּיטאל, באנד I, ז. 426). אין אונדזער בײַשפּיל זײַנען שוין די דאָ-זיקע 3 רובל 75 קאָפּ. ניט גענוג אפּ אויפצושטעלן די ארבעטקראפט: דאָ איז דער ארבעטלוין נידעריקער, איידער דער ווערט פון דער ארבעטקראפט.

בא דער פאַרגרעסערונג פון דער אַרבעטצײַט שטעלן דעריבער די אַרבעטער ארויס די פאָדערונג צו פאַרגרעסערן די שאָ-געצאָלט. אָבער די פאַרלענגערונג פו-נעם אַרבעטסטאָג פאַרשטאַרקט די קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער. בא דער פאַרגרעסערונג, לעמאָשל, פונעם אַרבעטסטאָג פון 12 ביז 15 שאָ פּילן אויס פיר אַרבעטער די זעלבע אַרבעט, וואָס פריִער האָבן אויסגעפילט 5 אַרבעטער. די פאַרשטאַרקונג פון דער קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער גיט א מעגלעכקײַט דעם קאַפּיטאַליסט אַראָפּ-צוזעצן דעם „אַרבעט-פּרײַז", דה. די שאָ-געצאָלט. קעדיי אָבער בא א נידעריקערן שאָ-געצאָלט אײַנהיטן דעם פריִערדיקן פאַרדינסט, דאַרף מען אַרבעטן מער שאָען. אַזוי ווערט דער אַרבעטער געצווּנגען צו אַרבעטן איבערשאָען, וואָס צערט אויס דעם אַרבעטערס קראַפט און וואָס פאַרגרעסערט נאָך מער די קאָנקורענץ צווישן די אַר-בעטער און דאָס, ווײַטער, פאַרגרעסערט ווידעראַמאָל די קראַפט פון דעם דרוק מי-צאַד די קאַפּיטאַליסטן אַף די אַרבעטער.

מיר זעען, ווי דער אַרבעטלוין גופע, וואָס איז א פאַרוואַנדלטע פאָרם פונעם ווערט פון דער אַרבעטקראַפט, דה. דער געלט-אויסדרוק פונעם ווערט פון דער אַרבעטקראַפט, וואָס איז פאָרגעשטעלט אַלס דער „אַרבעט-פּרײַז", וויאַזוי די דאָזיקע פאָרם דינט באַם קאַפּיטאַליסט אין די הענט אַלס געצײַג אַף פאַר-גרעסערן די עקספּלואַטאַציע דורך אַראָפּזעצן דעם פּרײַז פון דער אַרבעטקראַפט נידעריקער פון איר ווערט, דערבײַ דוכט זיך, אַז קיין שום פאַרקלענערונג איז דאָ ניטאָ און אַלץ קומט פאָר לויט די געזעצן פון סכוירע-אויסטויש, אַז די „סכוירע אַרבעט" ווערט אָפּגעצאָלט לויטן פולן ווערט.

א סאַך א שטאַרקערער מיטל אַף פאַרגרעסערן די עקספּלואַטאַציע איז דער שטיק-לוין.

שטיק-לוין

בא שטיק-לוין ווערט דער אַרבעטלוין אויסגעצאָלט דעם אַרבע-טער פאַר יעדער שטיק סכוירע, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט. אָבער אין דערווירקלעכקײַט איז דער שטיק-לוין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי א פאַרוואַנדלטע פאָרם פון צײַט-לוין. אינדערעמעסן, וויאַזוי ווערט אײַנגעשטעלט דער שטיק-לוין? ער ווערט דאָך אײַנגעשטעלט ניט צופעליק. באַם אײַנשטעלן איִם גייט מען ארויס פונעם סכום סכוירעס, וואָס דער אַרבעטער אַרבעט אויס פאַר דער געגעבענער צײַט. אויב אין פאַרלויף פון 12 שאָ אַר-בעט אויס דער אַרבעטער 24 שטיק פון וועלכער-ניט-איז סכוירע, אויב זײַן צײַט-געצאָלט איז געווען 3 רובל, וועט די שטיק-געצאָלט זײַן 12,5 קאָפּ. פאַר יעדער שטיק סכוירע.

פונקט אַזוי ווי בא דעם צײַט-לוין איז דער שאָ-לוין קאָל ניט קיין גע-צאָלט פאַרן ווערט, וואָס דער אַרבעטער האָט געשאַפן אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער שאָ, אַזוי איז אויך דער שטיק-לוין ניט קיין געצאָלט פאַר דער אַר-בעט, וואָס דער אַרבעטער האָט פאַרווענדט אַף פּראָדוצירן די געגעבענע שטיק סכוירע. בא שטיק-לוין „איז ניט דער ווערט פון דער שטיק סכוירע ווערט אויסגעמאָסטן מיט דער אַרבעטצײַט, וואָס איז אין איר פאַרקערפּערט, נאָר, פאַרקערט, די אַרבעט, וואָס דער אַרבעטער האָט פאַרווענדט, ווערט אויסגעמאָסטן

מיט דער צאָל פונ די סכוירע-שטיקער, וואָס ער האָט פראָדוצירט" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, ז. 431).

אויב שוינ דער צײַט-לוינ שאפט די שײַנלעכקײַט, אז עס ווערט אָפגעצאָלט ניט די ארבעטקראפט, נאָר די ארבעט, פארבאהאלט דער שטיק-לוינ נאָכ מער די עקספלואטאציע. דאָ ווערט געשאפנ דער אײַנדרוק, אז אָפגעצאָלט ווערט די פארזאכלעכטע ארבעט, אז דער ארבעטער טרעט קלוימערשט ארויס אלס פארקויפער פונ דער סכוירע, וואָס ער האָט אויסגעארבעט.

די אײגנטימלעכקײַט פונעם שטיק-לוינ באשטײט דערינ, וואָס די אלגעמײנע סומע ארבעטלוינ איז דאָ אָפהענגיק פונ דעמ ארבעטערס אויסארבעטונג. דעריבער ווירקט דער שטיק-לוינ ווי אנ אווטאָמאטיש מיטל אפ צו פארגרעסערנ אָנ א שיר די ארבעט-אינטענסיווקײַט. דער וווּקס פונ דער אינטענסיווקײַט באטײַט א געהעכערטע פארוועגדונג פונ דער ארבעטקראפט אינ פארלויפ פונ יעדער שאָ. דער רעזולטאט דערפונ איז דער זעלבער, ווי בא דער פארלענגערונג פונעם ארבעטטאָג: דער ארבעטלוינ פאלט נידעריקער, אײדער דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט, דער רעזולטאט איז די שנעלע אָפנוצונג פונעם ארבעטערס אָרגאניזמ.

דער צײַט- אונ דער שטיק-לוינ זײַנענ די גרונט-פאָרמענ ארבעטלוינ. זײ ליגנ אינ יעסאָד פונ אלע ארבעטלוינ-סיסטעמענ. אָבער „די אונטערשײדנ אינ די פאָרמענ פונ ארויסגעבנ דעמ ארבעטלוינ ענדערנ אפ קײנ האָר ניט זײַנ טאָכ, הagגאמ אײנע פונ די דאָזיקע פאָרמענ מעג זײַנ מער גינסטיק פאר דער אנטוויקלונג פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע, אײדער די צווײטע" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, זײַט 430 — 431).

אלע פאָרמענ פונ ארבעטלוינ פארבאָרגנ די קאפיטאליסטישע עקספלואטאציע אונ אלע דינענ זײ אלס מיטל אפ אראָפזעצנ דעמ פרײַז פונ דער ארבעטקראפט אונטער איר ווערט. דעמ מערווערט, ווי עס איז באוויזנ געוואָרנ אינעמ פאָריקנ קאפיטל, שאפט דער ארבעטער אויכ אינ דעמ פאל, ווענ די ארבעטקראפט ווערט אָפגעצאָלט לויט איר פולנ ווערט. נאָכ גרעסער דארפ זײַנ דער מערווערט, ווענ דער ארבעטלוינ פאלט נידעריקער, אײדער דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט. א טײל פונ דער נײטיקער ארבעטצײַט ווערט פארוואנדלט אינ מערצײַט.

באמ דערקלערנ דעמ מערווערט גײט מארקס ארויס פונ דער פאָרהאנאָכע, אז די ארבעטקראפט ווערט אָפגעצאָלט לויט איר ווערט, אָבער צוזאמענ דערמיט ווײַזט ער אָנ, אז דער מעטאָד צו פארגרעסערנ דעמ מערווערט דורכ אראָפזעצנ דעמ ארבעטלוינ נידעריקער, אײדער דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט, „שפילט זײער א וויכטיקע ראָליע אינ דער ווירקלעכער באוועגונג פונעם ארבעטלוינ" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, זײַט 234). די גרונט-טענדענצ פונעם קאפיטאליזמ באשטײט דערינ, וואָס די ארבעטקראפט ווערט אָפגעצאָלט ניט לויט איר פולנ ווערט. „די טעאָריע פונ קאפיטאל מײנט, אז דער ארבעטער-קלאס באקומט דעמ פולנ ווערט פונ זײַנ ארבעטקראפט. דאָס איז דער אידעאל פונ קאפיטאליזמ, אָבער קלאל ניט זײַנ ווירקלעכקײַט" (לענינ, באנד II, זײַט 415).

ווי איז די ווירקלעכע באוועגונג פון דעם ארבעטלוין באם קאפיטאליזם, וועלן מיר באטראכטן אין פאָלגנדיקן קאפיטל אין צוזאמענהאנג מיטן געזעץ פון פאראָרעמונג פונעם ארבעטער־קלאס באם קאפיטאליזם.

3. די באדייטונג פונעם ארבעטלוין אינעם איבערגאנג־פעריאָד

די ארבעטקראפט, ווי עס איז געווען אָנגעוויזן אינעם פאַריקן קאפיטל, איז בא אונדז ניט קיין סכוירע. עס איז פארניכטעט געוואָרן די עקספּלואטאציע און צוזאמען מיט איר אויך דער ארבעטלוין אלס געצייג פון דער דאָזיקער עקספּלואטאציע.

דער ארבעטלוין איז אונדזערע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען אונטערשיידט זיך לויט זיין טאָכ אפ א גרונטלעכן אויפן פונעם ארבעטלוין באם קאפיטאליזם. ער איז שוין ניט קיין ארבעטלוין אין אייגנטלעכן זין פונעם דאָזיקן וואָרט דער „ארבעטלוין" אין אונדזערע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען שטעלט מיט זיך פאָר די פאָרם פון א געזעלשאפטלעכן ארבעט־פאיאָק, ער איז א מיטל, וואָס מיט זיין הילף ווערט פארווירקלעכט דער סאָציאַליסטישער פּרינציפּ פון פאנאנ־דערטיילן לויט דער קוואנטיטעט און קוואליטעט פון דער ארבעט.

באם קאָמוניזם, ווען, פון איין זייט, וועלן די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאפט אויסוואקסן אפ אזויפיל, אז דער וווקס פון דער פּראָדוקציע וועט אריבעריאָגן דעם וווקס פון די באדערפענישן, און פון דער צווייטער זייט, וועט פארניכטעט ווערן דער קעגנזאַץ צווישן דער גייסטיקער און פיזישער אר־בעט, צווישן דער קוואליפיצירטער און ניט־קוואליפיצירטער ארבעט, — וועט די געזעלשאפט אריבערגיין צום פּרינציפּ: „יעדערער לויט די פעיִקייטן, יעדערן לויט די באדערפענישן".

אָבער אין דער אָנקלאסעווער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט וועט נאָך הערשן דער פּרינציפּ פון פארטיילן די פּראָדוקטן פּראָפּאָרציאָנעל צום סכום ארבעט, וואָס יעדער ארבעטער גיט אָפּ דער געזעלשאפט. נאָך ווייניקער קאָן דער דאָזיקער פּרינציפּ פארניכטעט ווערן אין דעם פעריאָד, ווען עס בויט זיך די אָנקלאסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט, ווען אין דער עקאָנאָמיק און אינעם באוווסטזיין פון די מענטשן זיינען נאָך פאראן איבערבלייבענישן פון קאפיטאליזם.

דער סאָציאַליסטישער פּרינציפּ פון פארטיילן די פּראָדוקטן לויט דער קוואנ־טיטעט און קוואליטעט פון דער פארוועגדטער ארבעט באטייט, אז דער, וואָס האָט פארווענדט מער ארבעט, באקומט מער געברויך־זאכן. דעריבער טאקע שאפן אונדזער ארבעטלוין־פּאָליטיק און די סיסטעם פון דער ארבעטער־באזאָרגונג, וואָס איז מיט איר ענג פארבונדן און וואָס אפ איר באזע ליגט דער דאָזיקער פּרינ־ציפּ, — די סטימולן אפ אופצוהייבן די ארבעט־פּראָדוקטיוויקייט, זיי זיינען א גע־צייג פון קאמפּ פאר דער סאָציאַליסטישער ארבעט־דיסציפּלין, א געצייג פון קאָנטראָל איבער דער מאָס פון דער ארבעט און מאָס פון געברויך.

דאָס פערזענלעכע סטימולירן יעדן ארבעטער באזונדער אופצוהייבן די אר־בעט־פּראָדוקטיוויקייט ווידערשפּרעכט אבסאָליוט ניט דער נייער סאָציאַליסטישער

באַציִונג צו דער אַרבעט, וואָס אַנטוויקלט זיכ באַ אונדז. דער פּראָצעס פונ ביַיקומען די איבערבלײַבענישן פונ קאַפּיטאַליזם אינעם באַוווסטזיַין האָט זיכ נאָכ ניט פאַרענדיקט. דעריבער איז דער סאָציאַליסטישער געוועט, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר אַ מעכטיקן פאַקטאָר פאַר אונדזער אַנטוויקלונג און פאַרן אויסאַרבעטן דעם סאָציאַליסטישן באַוווסטזיַין, ניט נאָר וואָס ער שאַפט ניט אָפּ די נייטיקייט פונ פּערזענלעכער סטימולירונג, נאָר פאַרקערט, ער קאָן פאַרווירקלעכט ווערן בלויז אין פעסטער פאַרבינדונג מיט איר.

די לינקאַטשישע קליינבירגערלעכע אויסגלײַכעריַי איז איינער פונ די שטאַרקסטע טאָרמאָזן פאַר דער סאָציאַליסטישער בויונג. זי פאַרניכטעט די סטימולן אויפצוהייבן די אַרבעט־פּראָדוקטיוויקיַיט און צו העכערן די קוואַליפיקאַציע. זי צעוואַקלט די אַרבעט־דיסציפּלין און סטימולירט קליינבירגערלעכע אַנאַרכישע צעלאָזנקיַיט.

די פּערזענלעכע סטימולירונג, וואָס מיר פירן דורכ, איז אַבסאָליוט קעגנזעצלעכ יענער „סטימולירונג”, וואָס די קאַפּיטאַליסטן פירן דורכ מיט זייערע אַרבעט־לוינ־סיסטעמען. אין די באַדינגונגען פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אין די באַדינגונגען, באַ וועלכע עס איז ניטאָ קיין עקספּלואַטאַציע, באַטיַיט די פּערזענלעכע סטימולירונג צום אַרבעטן ניט קיין פאַרערגערונג פונ דער לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס, ווי באַם קאַפּיטאַליזם, נאָר פאַרקערט, זי פירט צו אַ קעסיידערדיקן אויפשטיַיג פונ זיַין לעבנ־ניוואָ, וויַיל דער געזעצ פונ אונדזער אַנטוויקלונג איז דאָס פאַרבעסערן די מאַטעריעל־שטייגערישע און קולטורעלע לעבנ־באַדינגונגען פונ די אַרבעטנדיקע.

אַז די לאַגע איז טאַקע אַזוי, וועט אונדז באַוויַיזן אַ פאַרגליַיכ צווישן דער לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין ססר און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס מיר וועלן מאַכן אין סאָפ פאָלגנדיקן קאַפּיטל נאָכן באַטראַכטן דעם געזעצ וועגן דער פאַראָרעמונג פונעם אַרבעטער־קלאַס באַם קאַפּיטאַליזם.

די אָנזאמלונג פונ קאפיטאל אונ די פאראָרעמונג פונעמ ארבעטער-קלאס

אינ די פאָריקע קאפיטלענ האָבנ מיר קלאָר געמאכט וואָס עס איז אזוינס מערווערט אונ אופגעדעקט דעמ מעהוס פונ דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע. דאָס גיט אונדז די באזע אפ צו פארשטיינ, וויאזוי עס ווירקט אפ דער לאגע פונעמ ארבעטער-קלאס די אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ.

די רעפראָדוצירונג

קאפיטאל — דאָס איז ווערט, וואָס שטייַגט אינ זייַנ באוועגונג. ווענ דער קאפיטאליסט וואָלט נאָכ דעמ, ווי ער פארענדיקט דעמ פראָדוציר-פראָצעס אונ פארוואנדלט די סכוירע אינ געלט, ניט פארוואנדלט ווידעראמאָל דאָס געלט אינ פראָדוציר־מיטלענ אונ אינ ארבעטקראפט מיטנ צוועק צו פראָדוצירנ נייַעמ מערווערט, וואָלט ער אופגעהערט צו זייַנ א קאפיטאליסט. דאָס זעלבע איז גילטיק אויכ פארנ גאנצנ קלאס קאפיטאליסטנ.

דער קאפיטאליסטישער פראָדוציר־אויפנ מיינט דעריבער די שטענדיקע איבערכאזערונג פונעמ פראָדוציר־פראָצעס, דה. רעפראָדוצירונג.

אָנ א שטענדיקער איבערכאזערונג פונ דער פראָדוצירונג וואָלט קיינ שומ געזעלשאפט ביכלאל ניט געקאָנט עקזיסטירנ. די רעפראָדוצירונג איז דעריבער דער עקזיסטענצ־באדינג פונ יעטווידער געזעלשאפט. אפ וויפל דער פראָדוציר־פראָצעס האָט א קאפיטאליסטישע פאָרמ איז אויכ דער רעפראָדוציר־פראָצעס א פראָצעס פונ קאפיטאליסטישער רעפראָדוצירונג.

מע דארפ אונטערשיידנ די איינפאכע רעפראָדוצירונג אונ די פארברייטערטע רעפראָדוצירונג.

בא דער איינפאכער רעפראָדוצירונג קומט פאָר יעדער נייַער פראָדוציר־ציקל פונקט אינ אזא מאסשטאב ווי דער פאָריקער. דאָס באטייַט, אז דער קאפיטאל פארגרעסערט זיכ ניט, אז דעמ געשאפענעמ מערווערט פארטוט ניט דער קאפיטאליסט אפ פארגרעסערנ דעמ קאפיטאל. בא דער פארברייטערטער רעפראָדוצירונג קומט פאָר יעדער נייַער פראָדוציר־ציקל אינ א גרעסערנ מאסשטאב אינ פארגלייַכ מיטנ פאָריקנ, אדאנק דעמ, וואָס א טייל מער־

ווערט, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אינעם פאַריקן ציקל, ווערט צוגעגעבן צומ אלטנ קאפּיטאל און ווערט פארוואנדלט אינ קאפּיטאל. אזויארומ באטײַט די פאר־ברייטערטע רעפּראָדוצירונג קאפּיטאל־אָנזאמלונג, ד.ה. זײַנ פארגרעסערונג מיט דער הילפ פונ פארוואנדלענ דעמ מערווערט אינ קאפּיטאל.

1. איינפאכע רעפּראָדוצירונג

שוינ די איינפאכע רעפּראָדוצירונג דעקט אופ אינ די פארהעלטענישנ צווישנ דער בורזשואזיע און דעמ פּראָלעטאריאט אזוינע שטריכנ, וואָס קאָנענ ניט ארויס־טרעטנ אינ דרויסנ באמ באטראכטנ דעמ מעהוס פונ דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע אינ די ראמענ פונ איינ פּראָדוציר־ציקל.

דער ארבעטלוינ איז ניט קיינ ווערט, וואָס איז אוואנסירט פונ קאפּיטאליסט

דער ארבעטער באקומט דעמ ארבעטלוינ ניט אינ דעמ מאָ־מענט, ווענ ער פארקויפט דעמ קאפּיטאליסט זײַנ ארבעט־קראפט, ניט באמ שליסנ דעמ אָפּמאכ ווענג דעמ לוינ, נאָר ערשט נאָכ דעמ, ווי ער האָט אויסגעפילט די ארבעט, וואָס איז אויסגערעדט געוואָרנ אינעמ אָפּמאכ, ד.ה. נאָכ דעמ, ווי דער קאפּיטאליסט האָט פארברויכט זײַנ ארבעטקראפט. מיט אנדערע ווערטער: דער ארבעטער קרעדיטירט דעמ קאפּיטאליסט, ווײַל ער פּראָדוצירט ווערטנ, וואָס זײַנענ גלײַכ צו דעמ ווערט פונ זײַנ ארבעט־קראפט, איידער דער קאפּיטאליסט באצאָלט אימ דעמ ווערט פונ דער געקויפטער ארבעטקראפט. עמעס, דער קאפּיטאליסט צאָלט אימ דעמ ארבעטלוינ נאָכ איידער ער האָט באוויזנ צו פארקויפנ די פּראָדוצירטע סכוירע, וואָס אינ איר אנטהאלט זיכ דער דאָזיקער ווערט פונ דער ארבעטקראפט, וואָס דער ארבעטער האָט רע־פּראָדוצירט. דעריבער באקומט עס דעמ אויסזענ, אזוי ווי דער קאפּיטאליסט וואָלט אוואנסירנ דעמ ארבעטער דעמ ארבעטלוינ. אָבער דער דאָזיקער אויסזענ פארשווינדט, ווי נאָר מיר גייענ ארויס פונ די גרענעצנ פונ אנ איינצלנעמ פּראָדוציר־ציקל און מיר באטראכטנ די פארהעלטענישנ צווישנ דעמ ארבעטער־קלאס און דעמ קלאס קאפּיטאליסטנ אינעמ רעפּראָדוציר־פּראָצעס.

לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז דער ארבעטלוינ ווערט אויסגעצאָלט וועכנטלעכ צומ סאָפ פונ יעדער וואָכ. ווענ דער קאפּיטאליסט פארקויפט אינ פארלויפ פונ דער צווייטער וואָכ די סכוירע, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרנ אינ פארלויפ פונ דער ערשטער וואָכ, פארוואנדלט ער אינ געלט דעמ ווערט, וואָס דער ארבעטער האָט געשאפנ אינ פארלויפ פונ דער ערשטער וואָכ, און מיטנ דאָזיקנ געלט באצאָלט ער אימ דעמ ארבעטלוינ צומ סאָפ פונ דער צווייטער וואָכ. „זײַנ (דעמ ארבעטערס. — ל.ס.) ארבעט אינ פארלויפ פונ דער פאָריקער וואָכ אָדער פונעמ לעצטנ האלביאָר, — אָט פונ וואָס פאר א קוואל עס ווערט אָפּגעצאָלט זײַנ הײַנטיקע ארבעט אָדער די אר־בעט פונעמ אָנקומענדיקנ האלביאָר... אינ דער געלט־פאָרמ גיט דער קלאס קאפּיטאליסטנ קעסיידער ארויס דעמ ארבע־טער־קלאס טשעקנ אפ באקומענ א געוויסנ טייל פונעמ פּראָדוקט,

וואָס די ארבעטער האָבן פּראָדוצירט און די קאפּיטאליסטן האָבן פארייגנט. די דאָזיקע טשעקן גיט דער ארבעטער אויך פּונקט אזוי רעגולער אָפּ צוריק דעם קלאס קאפּיטאליסטן און פאר דעם באקומט ער דעם טייל פון זײַן אייגענעם פּראָדוקט, וואָס אים קומט" (מארקס, קאפּיטאל, באנד I, ז. 445. מײַנ קורסיוו. — ל.ס.).

יעטווידער קאפּי־טאל איז אָנגעזאמלטער מער־ווערט

זאָל זײַן, וועט זאָגן דער בורזשואזער עקאָנאָמיסט, אז דער קא־פּיטאליסט צאָלט אויס צום סאָף פון דער צווייטער וואָך דעם ארבעטלוין פון דעם געלט, וואָס ער האָט באקומען באם פארקויפן די סכוירע, וואָס דער ארבעטער האָט פּראָדוצירט אין דער ער־שטער וואָך. אָבער צום סאָף פון דער ערשטער וואָך האָט נאָך דער קאפּיטאליסט ניט געהאט פארקויפט קיין שום סכוירע און דעריבער איז דער ארבעטלוין, וואָס ער צאָלט אויס סאָף ערשטע וואָך, דער ווערט, וואָס דער קאפּיטאליסט אוואנסירט. אזא דערווידערונג, וואָס די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן מאכן געוויינלעך, האָט איר ציל צו דערווײַזן, אז ניט דער ארבעטער קרעדיטירט דעם קאפּיטאליסט (דערמיט, וואָס ער באקומט דעם ארבעטלוין שוין נאָך דעם, ווי דער קאפּיטאליסט האָט פארברויכט זײַן ארבעטקראפט), נאָר, אז פארקערט, דער קאפּיטאליסט קרעדיטירט דעם אר־בעטער (דערמיט, וואָס ער צאָלט אים ארויס דעם ארבעטלוין איידער ער פארקויפט די סכוירע). די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן ווילן דערמיט דערווײַזן, אז די קאפּיטא־ליסטן צאָלן דעם ארבעטלוין ניט פונעם ווערט, וואָס דער ארבעטער-קלאס שאפט, זיי ווילן אומדירעקט דערווײַזן, אז דעם קאפּיטאל (דער ארבעטלוין איז דאָך א טייל פון קאפּיטאל — דער פארענדערלעכער קאפּיטאל) האָבן די קאפּיטאליסטן ערלעך פארדינט.

אָבער די דאָזיקע דערווידערונג איז אבסאָליוט ניט קיין ריכטיקע. מיר האָבן שוין געזען אין אָנהייב פון פערטן קאפּיטל, אז די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע איז אנטשטאנען דורך בארויבונג און עקספּראָפּרייִרן די דירעקטע קליינע פּראָדוצירער (די אזויגערופענע אָנפאנגלעכע אָנזאמלונג). אזויארום איז שוין היסטאָריש דער קאפּיטאל אן אָנגעזאמלטע פרעמדע ארבעט. נאָר אויב אפילע מע זאָל דערלאָזן אפּ א מאָמענט, אז אוועלכער-ניט-איז קאפּיטאליסט אָדער אפילע דער גאנצער קלאס קאפּיטאליסטן האָט ערלעך, מיט זײַן אייגענער מי, אָנגעזאמלט זײַן אָנפאנג־לעכן קאפּיטאל, וועט זיך דאָך ארויסווײַזן, אז שוין אינעם פּראָצעס פון איינ־פאכער רעפּראָדוצירונג ווערט יעטווידער קאפּיטאל פארוואנדלט אין אָנגעזאמלטן מערווערט.

לאָמיר נעמען פאר א בײַשפּיל א קאפּיטאל פון 10 טויזנט רובל, וואָס שאפט יערלעך א מערווערט פון 2000 רובל, וואָס דער קאפּיטאליסט פארברויכט אינגאנצן. אין פארלויף פון 5 יאָר האָט דער קאפּיטאליסט פארברויכט א ווערט פון 10 טויזנט רובל, ד.ה. דעם ווערט פון זײַן גאנצן קאפּיטאל. עמעס, נאָך דעם פארבלײַבט באם קאפּיטאליסט דער זעלבער קאפּיטאל פון 10 טויזנט רובל. אָבער דער דאָזיקער קאפּי־טאל איז שוין לויט זײַן ווערט ניט קיין שום אנדער זאך ווי אָנגעזאמלטער מערווערט. די לאגע ענדערט זיך אפּ קיין האָר ניט דערפון, וואָס דער קאפּיטאליסט האלט, אז

ער האָט פאַרברויכט ניט דעם ווערט פון קאַפּיטאַל, נאָר דעם מערווערט. „אויב ווער-ניט-איז האָט פאַרשווענדט דעם גאַנצן פאַרמעגן, אָנמאַכנדיק כויוועס אפּ א סומע, וואָס באַטרעפט אַזויפיל, וויפיל דער דאָזיקער פאַרמעגן, שטעלט דעמלט מיט זיך פאַר זײַן גאַנצער פאַרמעגן בלויז די אַלגעמיינע סומע פון זײַנע כויוועס" (מ א ר ק ס, קאַפּיטאַל, באַנד I, ז. 447).

אויב מע זאָל אַזויאַרום אפילו זיך פאָרשטעלן, אז דער קאַפּיטאַליסט האָט פאַרדינט לעבאַטכילע זײַן קאַפּיטאַל מיט אייגענער אַרבעט, וועט פריער אָדער שפּעטער זײַן קאַפּיטאַל פאַרוואַנדלט ווערן אין אָנגעזאַמלטער פרעמדער ניט באַלויִנטער אַרבעט. אָבער דאָס באַטײַט, אז דער אַרבעטלוין שטעלט שטענדיק מיט זיך פאָר בלויז די געלט-פאָרם פונעם ווערט, וואָס דער אַרבעטער-קלאַס שאַפט, אז אין דער פאָרם פון אַרבעטלוין טיילן אויס די קאַפּיטאַליסטן דעם אַרבעטער-קלאַס די עקזיסטענץ-מיטלען פון דעם פּראָדוקט, וואָס דער אַרבעטער-קלאַס האָט געשאַפן, נאָר וואָס די קאַפּיטאַליסטן פאַרייגענען.

דער אינדיווידו-עלער געברויך פון די אַרבע-טער אַלס פּראָ-דוקטיווער גע-ברויך

פונדאַנען דרינגט אַרויס נאָך א כאַראַקטעריסטישער שטריך אין די פאַרהעלטענישן צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָ-לעטאַריאַט, וואָס טרעט אַרויס אינעם רעפּראָדוצירונג-פּראָצעס. דער אינדיווידועלער געברויך פונעם אַרבעטער איז פונעם שטאַנד-פּונקט פון דעם פּראָדוציר-פּראָצעס באַזונדער גענומען בלויז זײַן אינדיווידועלער געברויך און האָט ניט קיין שום שײַכעס צו דער פּראָדוקציע. אָבער פונעם שטאַנדפּונקט פון דער רע-פּראָדוצירונג איז ער א פּראָדוקטיווער געברויך, ווײַל ער פּראָדוצירט די אַרבעטקראַפט וואָס איז נייטיק דערצו, אז די רעפּראָדוצירונג פון קאַפּיטאַל זאָל קאָנען פאָר-קומען אומגעשטערט. „די לאַגע ענדערט זיך ניט אפּ קיין האָר דערפון, וואָס דער אַרבעטער פאַרווירקלעכט זײַן אינדיווידועלן געברויך צוליב זיך אַליין, און ניט צו-ליבן קאַפּיטאַליסט. דער געברויך פונעם אַרבעטספי הערדט דאָך ניט אויף צו זײַן א נייטי-קער מאָמענט אינעם פּראָדוציר-פּראָצעס צוליב דעם, וואָס דאָס פי אַליין פאַרברויכט דאָס, וואָס עס עסט" (מ א ר ק ס, קאַפּיטאַל, באַנד I, ז. 449).

אָבער אַזוי ווי דער אינדיווידועלער געברויך פונעם אַרבעטער-קלאַס איז פונעם שטאַנדפּונקט פון רעפּראָדוצירן דעם קאַפּיטאַל א פּראָדוקטיווער געברויך, איז ער א פּראָדוקטיווער בלויז אין אַזאַ מאָס, אין וועלכער דאָס איז נייטיק פאַרן קאַ-פּיטאַל. אַלץ, וואָס דער אַרבעטער-קלאַס געברויכט מער, איידער עס איז נייטיק אפּ באַוואָרענען די קאַפּיטאַליסטישע רעפּראָדוצירונג פון דער אַרבעטקראַפט, איז שוין ניט קיין פּראָדוקטיווער געברויך. דעריבער שטרעבט דער קאַפּיטאַל קעסיידער צו דערפירן דעם אַרבעטערס געברויך ביזן מיני-מום, וואָס איז ווירקלעך נייטיק פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער רעפּראָדוצירונג. פריִער האָבן מיר געזען, אז דער אַרבעטער געהערט דעם קאַפּיטאַליסט אינעם פּראָדוציר-פּראָצעס גופא, ד"ה. דאַן, ווען דער קאַפּיטאַליסט פאַרברויכט די אַרבעטקראַפט, וואָס ער האָט געקויפט. אַצינד זעען מיר, אז „פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז דער קלאַס אַרבעטער אפילו אויסערן דירעקטן אַרבעט-פּראָצעס פּונקט אַזאַ כייפעץ

פונעם קאפיטאל, ווי דער טויטער ארבעט-אינסטרומענט" (מארקס, קאפיטאל, ב. I, ז. 450. מײַן קורסיוו.—ל.ס.).

די רעפּראָדוציִרונג פון דער קאפּיטאליס־טישער פארהעלטעניש

צולעצט, דער כאראקטעריסטישער הויפּט־שטריך, וואָס טרעט ארויס אינעם רעפּראָדוצירונג־פּראָצעס, — דאָס איז די רעפּראָ־דוצירונג פון דער קאפּיטאליסטישער פארהעלטעניש. די סכוירע, וואָס דער ארבעטער פּראָדוצירט, געהערט ניט אים, נאָר דעם קאפּיטאליסט. דער ארבעטער פּראָדוצירט זײַן פּראָדוקט אלס קאפּיטאל, אלס קראפט, וואָס שטייט קעגן אים און הערשט איבער אים. ווען דער פּראָדוציר־פּראָצעס ענדיקט זיך, באזיצט דער קאפּיטאליסט דעם קאפּיטאל־ווערט, וואָס איז אויסגעוואָקסן אפ דער סומע מערווערט, און דער ארבעטער האָט דעם ארבעטלויִן, וואָס ער האָט באקומען. אָבער פאר דעם דאָזיקן ארבעטלוין דארף ער קויפן עקזיסטענץ־מיטלען. געברויכנדיק, דאָס הייסט, פארניכטנדיק די עקזיסטענץ־מיטלען, וואָס ער האָט געקויפט, פארבלײַבט דער ארבעטער ווידעראמאָל אָן עקזיסטענץ־מיטלען און איז ווידעראמאָל געצוווּנגען צו פארקויפן זײַן ארבעטקראפט. דער ארבעטער רעפּראָדוצירט זײַן ארבעטקראפט אלס סכוירע. „אלזאָ, דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוציר־פּראָצעס מיט זײַן גאנג גופא... צווינגט קעסיידער דעם ארבעטער צו פאר-קויפן זײַן ארבעטקראפט, כדי צו לעבן, און גיט קעסיי-דער דעם קאפּיטאליסט די מעגלעכקייט צו קויפן זי, כדי ניסאשער צו ווערן... אין דער ווירקלעכקייט געהערט דער ארבעטער דעם קאפּיטאל נאָך פריִער, איידער ער האָט זיך פארקויפט דעם קאפּיטאליסט" (מארקס, קאפּיטאל, באנד I, ז. 453 — 454. מײַן קורסיוו.— ל. ס.).

אויב דער קאפּיטאליסטישער פּראָצעס פון דער איינפאכער רעפּראָדוצירונג איז שוין די רעפּראָדוצירונג פון דער קלאסן־פארהעלטעניש צווישן פּראָ-לעטאריאט און דער בורזשואזיע, דה. די רעפּראָדוצירונג פון לוין־שקלאפערײַ, איז די פארברייטערטע רעפּראָדוצירונג—די רעפּראָדוצירונג פון די עקזיסטענץ־באדינגונגען פונעם ארבעטער־קלאס, וואָס האלטן זיך אין איין פארערגערן, די פארשארפונג פונעם קאפּיטאליסטישן יאָך איבער דער ארבעט.

2. די פארברייטערטע רעפּראָדוצירונג אָדער קאפּיטאל־אָנזאמלונג

די פארברייטערטע רעפּראָדוצירונג איז אן איבערכאזערונג פון דעם פּראָדו-ציר־פּראָצעס אין א קעסיידער שטײַגנדיקן מאסשטאב דורך פארוואנדלען דעם מערווערט אין קאפּיטאל. לאָמיר נעמען א קאפּיטאל פון 6000 רובל, וואָס בא־שטייט פון 3 טויזנט רובל קאָנסטאנטן קאפּיטאל און 3000 רובל פארענדערלעכן קאפּיטאל. בא א מערווערט־נאָרמע אָדער בא אן עקספּלואטאציע־גראד (זע ז.ז. 88—89) פון 100% וועט די מערווערט־מאסע זײַן 3000 רובל. אויב דער קא־פּיטאליסט וועט פון די באקומענע 3000 רובל מערווערט צוגעבן 2000 רובל צום קאפּיטאל, דערבײַ וועט די פארהעלטעניש צווישן דעם קאָנסטאנטן און פארענ-

דערלעכנ קאפיטאל פארבלײַבנ די פריערדיקע, וועט זיכ באקומענ א נײַער קאפיטאל פונ 8000 רובל, וואָס באשטייט פונ 4000 רובל קאָנסטאנטנ אונ 4000 רובל פארענדערלעכנ קאפיטאל. בא דער מערווערט־נאָרמע פונ 100% וועט די מערווערט־מאסע באטרעפנ 4000 רובל. באם פארוואנדלענ א טייל פונעמ דאָזיקנ מערווערט אינ קאפיטאל וועט זיכ באקומענ א קאפיטאל נאָכ מער ווי 8000 רובל, וואָס וועט שאפנ נאָכ א גרעסערע מערווערט־מאסע אאוו. עס קומט פאָר א קאפיטאל-אָנזאמלונג. *וואָס מער עס זאמלט זיכ אָנ קאפיטאל, אלצ מער ווערט פראָדוצירט מערווערט, אונ וואָס מער עס ווערט פראָדוצירט מערווערט, אלצ שטארקער קומט פאָר די אָנזאמלונג פונ קאפיטאל.*

די פארהעלטעניש צווישנ דעמ קאָנסטאנטנ אונ פארענדערלעכנ קאפיטאל, וואָס ווערט באדינגט דורכ דער הייכ פונעמ טעכנישנ פראָדוציר־ניוואָ, רופט זיכ אָנ *דער אָרגאנישער באשטאנד פונ קאפיטאל.* ווענ עס קומט פאָר א פארגרעסערונג פונ דער מאשינ-אָנווענדונג אונ א פארגרעסערונג פונ דעמ סכומ רויווארג, וואָס איינ ארבעטער ארבעט איבער, פארווענדט דער קאפיטאליסט לעפיערעכ מער אפ דעמ קאָנסטאנטנ קאפיטאל אונ בעערעכ וויניקער אפנ פארענדערלעכנ. עס קומט פאָר דער וווקס פונ דעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפיטאל.

אָנזאמלונג באמ אומפארענדערלעכנ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפיטאל

לאָמיר צוערשט באטראכטנ די אָנזאמלונג בא א ניט־פארענדערלעכנ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפיטאל (דער אָקאָרשט געבראכטער בײַשפיל). אזא אָנזאמלונג איז פאָרגעקומענ הויפטזאכלעכ אפ די אָנפאנגלעכע אנטוויקלונג־שטאפלענ פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע, ווענ קיינ מאשינעס האָט מענ קימאט ניט באנוצט (מאנופאקטור־פעריאָד). בא די דאָזיקע באדינגונגענ האָט יעטווידע פארברייטערונג פונ דער פראָדוקציע געפאָדערט צו פארגרעסערנ דעמ פארענדערלעכנ קאפיטאל אינ דער זעלבער פראָפאָרצ, מיט וועלכער עס האָט זיכ פארגרעסערט דער קאָנסטאנטער קאפיטאל. אָבער דאָס האָט באטײַט, אז דער וווקס פונעמ נאָכפרעג אפ ארבעטקראפט איז אינ אלגעמיינ אונ אינגאנצנ גענומענ פאָרגעקומענ פראָפאָרציאָנעל צומ וווקס פונ דער פראָדוקציע.

אָבער „אזויווי יעדעס יאָר פאָדערט זיכ מער באשעפטיקטע ארבעטער, איידער אינ פאָריקנ, דארפ פריער אָדער שפעטער קומענ דער מאָמענט, ווענ די באדערפענישנ פונ דער אָנזאמלונג הייבנ אָנ אריבערוואקסנ דעמ געוויינלעכנ אָנבאָט פונ ארבעט, ווענ עס קומט מעמיילע אָנ א העכערונג פונעמ ארבעטלוינ“ (מארקס, „קאפיטאל“, באנד I, זײַט 486). אָבער די דאָזיקע העכערונג פונ דעמ ארבעטלוינ קאָנ זײַנ בלויז א צײַטווײַליקע. וויבאלד עס קומט פאָר א העכערונג פונעמ ארבעטלוינ, ווערט בא די אנדערע איבעריקע גלײַכע באדינגונגענ פארקלענערט דער מערווערט. אויב די פארקלענערונג פונעמ מערווערט וועט זײַנ א באדײַטנדיקע, וועט זיכ באדײַטנדיק פארקלענערנ אויכ די אָנזאמלונג. אָבער מיט דער פארקלענערונג פונ דער אָנזאמלונג וועט זיכ פארקלענערנ דער נאָכפרעג אפ דער ארבעטקראפט אונ דעריבער וועט פאלנ אויכ דער ארבעטלוינ.

אזוי־ארום איז די באוועגונג פון דעם ארבעטלויז אונטערגעוואָרפן די באַ־דערפענישן פון דער קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג אפילו דאַן, ווען די אָנזאַמלונג קומט פאָר אף דער באזע פון דעם אומפאַרענדערלעכן אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל.

אָנזאַמלונג אף דער באזע פונעם וווקס פון אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל

די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז פעסט פאַרבונדן מיטן וווקס פונעם אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל. אינעם קאָנקו־רענץ־קאַמף זיגט יענער קאַפּיטאַליסט, וואָס פאַרקויפט די סכוירע פאַר א נידעריקערן פרייז. דעריבער שטרעבט יעדער קאַפּיטאַ־ליסט אַראָפּצוזעצן זיינע פּראָדוציר־אויסגאַבן און צוליב דעם ווערט דירעקט אַראָפּגעזעצט דער אַרבעטלוין און עס ווערן אַריינגעפירט נייע מאַשינעס, וואָס פאַרגרעסערן די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט. אָבער דאָס באַטייט א וווקס פונעם אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל, דה. א פאַרגרעסערונג פונעם כיילעק, וואָס עס פאַרנעמט דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל אינעם גאַנצן קאַפּיטאַל, אָדער א שנעלערן וווקס פונעם קאָנסטאַנטן קאַפּיטאַל אין פאַרגלייך מיטן וווקס פון פאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל.

לאָמיר נעמען דעם פאַבריקן ביישפּיל און לאָמיר מעשאער זיין, אז צוגעבנ־דיק צו זיין קאַפּיטאַל, אָנזאַמלענדיק 2000 רובל מערוועדט, לייגט דער קאַ־פּיטאַליסט אריין אינעם קאָנסטאַנטן און פאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל ניט צו 4000 רובל, נאָר אינעם קאָנסטאַנטן — 4500 רובל און אינעם פאַרענדערלעכן — 3500 רובל. עס איז פאָרגעקומען א פאַרגרעסערונג אי פון דעם אי פון יענעם, נאָר דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל האָט זיך פאַרגרעסערט שנעלער, איידער דער פאַר־ענדערלעכער. אויב די מערוועדט-נאָרמע וועט פאַרבלייבן די פריערדיקע, דה. 100 פּראָצ., וועט די מערוועדט־מאַסע באַטרעפן 3500 רובל, אף 500 רובל מער.

אָבער באַם וווקס פונעם אָרגאַנישן באַשטאַנד פונעם קאַפּיטאַל קומט פאָר א העכערונג פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט, און בא דער העכערונג פון דער פּראָדוקטיווקייט ווערט פּראָדוצירט א רעלאַטיווער מערוועדט, דה. עס קומט פאָר א וווקס פון דער מערוועדט־נאָרמע. אויב די מערוועדט־נאָרמע האָט זיך פאַרגרעסערט אף 50 פּראָצ. און וועט זיין 150 פּראָצ., וועט דער פאַרענדערלעכער קאַפּיטאַל 3500 רובל שאַפן מערוועדט 5250 רובל.

וואָס מער עס וואַקסט דער אָרגאַנישער באַשטאַנד פונעם קאַפּיטאַל, אלץ שנעלער וואַקסט די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט און צוזאַמען דערמיט אויך די נאָרמע און די מאַסע פונעם מערוועדט. אָבער אויב עס וואַקסט שנעלער דער מער־ווערט, וואַקסט שנעלער אויך די קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג, ווייל די קאַפּיטאַל־אָנ־זאַמלונג איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די פאַרוואַנדלונג פון מערוועדט אין קאַפּיטאַל.

מיר זעען, אז דער וווקס פונעם אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל פאַר־גיכערט דעם וווקס פון דער אָנזאַמלונג. אָבער דער וווקס פון דער אָנזאַמלונג באַטייט די קאָנצענטרירונג פון דער פּראָדוקציע, א וווקס פון דער אונטערנעמונג. און אין א גרויסער אונטערנעמונג זיינען פאַראַן מער מעגלעכקייטן אָנצווענדן נייע מאַשינעס, דה. פאַרגרעסערן דעם אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל.

פונדאַנען איז געדרונגען, אז דער פאַרשנעלערטער וווקס פון

דער אָנזאמלונג, וואָס איז א רעזולטאט פונעמ וווּקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפּיטאל, ווערט אויכ א סיבּע אפ צו פארשנעלערנ דעמ וווּקס פונ דעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפּיטאל, וועלכער פארשנעלערט ווידעראמאָל די אָנזאמלונג אאוו.

דער געזעצ פונ קאפּיטאליסטישער פאריייגענונג

מיר האָבנ אויבנ געזענ, אז שוינ בא דער איינפאכער רעפּראָדוצירונג ווערט יעטווידער קאפּיטאל פריִער אָדער שפּעטער פארוואנדלט אינ אָנגעזאמלטנ מערווערט. בא א פארברייטערטער רעפּראָדוצירונג שטעלט דער צוגאָב־קאפּיטאל פונ אָנהייב אָנ מיט זיכ פאָר א מערווערט, וואָס איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ קאפּיטאל. אָט טאקע מיטנ דאָזיקנ מערווערט באצאָלט דער קאפּיטאליסט די פונדאָסנײַ געקויפטע ארבעטקראפט פונ די צוגאָב־ארבעטער, וועלכע שאפנ נאָכ מער מערווערט. דאָס באטײַט, אז דער קאפּיטאליסט באנוצט די פאריייגנטע פרעמדע ארבעט אלס מיטל אויסצוזויגנ נײַע פרעמדע ניט באלוינטע ארבעט.

דער פאקט אליינ, וואָס דער קאפּיטאליסט פאריייגנט די ני־ באלוינטע פרעמדע ארבעט, ווידערשפּרעכט ניט די געזעצנ פונ סכוירע-אויסטויש, נאָר פארקערט, ער דרינגט ארויס פונ די דאָזיקע געזעצנ. דער ארבעטער באקומט דאָכ דעמ פולנ ווערט פונ זײַנ ארבעטקראפט, אונ דעמ מערווערט, וואָס ער האָט פּראָדוצירט, פאריייגנט דער קאפּיטאליסט אָנ געצאָלט טאקע אפנ סמאכ פונ די געזעצנ פונ סכוירע־אויסטויש, ווײַל דער קאפּיטאליסט, וועלכער האָט געקויפט די ארבעטקראפט, ווערט דער באזיצער פונעמ געברויכ־ווערט פונ דער ארבעטקראפט, וואָס באזיצט די פייִקײַט צו פּראָדוצירנ א גרעסערנ ווערט, איידער איר אייגענער ווערט.

דער סכוירע־אויסטויש לויט די עקוויוואלענטנ באזירט זיכ טכילעס אפ אזא פּראָדוציר־אויפנ, וואָס בא זיי האָט דער פּראָדוצירער אליינ פאריייגנט דעמ פּראָדוקט פונ זײַנ ארבעט. די דאָזיקע פאָרמ צוייגענונג האָט זיכ באזירט אפ דער אייגענער ארבעט (זע קאפּיטל IV, ז. 75). אָבער די קאפּיטאליסטישע פאריייגענונג באזירט זיכ ניט אפנ קאפּיטאליסטס אייגענער ארבעט. זי איז א צוייגענונג פונ פרעמדער ניט באצאָלטער ארבעט. „די טויש־פארהעלטעניש צווישנ דעמ קאפּיטאליסט אונ דעמ ארבעטער ווערט אזויארומ אנ איינפאכע שײַנלעכקײַט פונעמ צירקוליאציע-פּראָצעס, אנ איינפאכע פאָרמ, וואָט איז פרעמד איר אייגענעמ אינהאלט אונ פארטונקלט בלויז אירווירקלעכנ זינ. דער שטענדיקער קויפ אונ פארקויפ פונ דער ארבעטקראפט איז די פאָרמ. דער אינהאלט אָבער באשטייט אינ דעמ, וואָס דער קאפּיטאליסט טוישט ווידער אונ ווידער אפ א גרויסער צאָל לעבעדיקער פרעמדער ארבעט דעמ טייל פרעמדע ארבעט, וואָס ער פאריייגנט קעסיידער אָנ אנ עקוויוואלענט אונ וואָס ער האָט שוינ פארזאכלעכט”. „...דאָס אייגנטומ איז פארנ קאפּיטאליזמ דאָס רעכט צוצוייגענענ פרעמדע ניט באצאָלטע ארבעט אָדער איר פּראָדוקט, פארנ ארבעטער איז עס — די אומעגלעכקײַט צוצוייגענענ פאר זיכ זײַנ אייגענעמ פּראָדוקט” (מארקס, קאפּיטאל, ב. I, זײַט 459).

צוייגענענדיק (אפ דער באזע פונ די געזעצנ פונ סכוירע־צירקוליאציע) די פרעמדע ניט באצאָלטע ארבעט, באקומט דער קאפיטאליסט א מעגלעכקײַט צו עקספלואטירנ מער ארבעטער. דאָס באטײַט, אז פראָדוצירנדיק אינ אנ אלצ שטײַגנדיקנ סכומ מערווערט, פראָדוצירט דער ארבעטער אינ אנ אלצ שטײַגנדיקער מאָס קאפיטאל, ד. ה. ער אליינ פראָדוצירט די קראפט, וואָס פארשקלאפט אימ אלצ מער אונ הערשט איבער אימ. קאפיטאל־אָנזאמלונג איז דער וווּקס פונ דער עקספלואטאציע אונ פונ דער פארשקלאפונג פונעמ ארבעטער־קלאס.

3. די קאָנצענטראציע אונ צענטראליזאציע פונ קאפיטאל

דער באגריפ קאָנ־צענטראציע אונ צענטראליזאציע

קאפיטאל־אָנזאמלונג באטײַט אינ דער זעלבער צײַט קאָנצענ־טראציע פונ קאפיטאל. ביכלאל שטעלט פאָר „יעטווי־דער אינדיווידועלער קאפיטאל א גרעסערע אָדער קלענערע קאָנצענטראציע (פארייניקונג אינ אײנע הענט—ל. ס.) פונ די פראָדוציר־מיטלענ מיט דער אנט־שפרעכיקער הערשאפט איבער א גרעסערער אָדער קלענערער ארמײ ארבעטער" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, זײַט 497. מײַנ קור־סיוו.—ל. ס.). קאפיטאל־אָנזאמלונג באטײַט דעמ וווּקס פונ דער קאָנצענטראציע פונ די געזעלשאפטלעכע פראָדוציר־מיטלענ בא אײנצלנע קאפיטאליסטנ אינ די הענט אונ דעמ וווּקס פונ דער הערשאפט פונ קאפיטאל איבער דער ארבעט. מיט אנדערע ווערטער, די קאָנצענטראציע פארשטארקט דעמ גרונט־ווידער־שפרוכ פונ קאפיטאליזמ — דעמ ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג אונ דער קאפיטאליסטישער פארײגענונג.

די קאפיטאל־אָנזאמלונג אונ די קאָנצענטראציע, וואָס זי רופט ארויס, ווערנ באגלייט מיטנ פראָצעס פונ צענטראליזאציע פונ קאפיטאל. אויב די קאָנצענטראציע גייט מיטנ וועג פונ צוגעבנ צומ אלטנ קאפיטאל נײַעמ קאפיטאל דורכ פארוואנדלענ דעמ מערווערט אינ קאפיטאל, איז צענטראליזאציע א פאראייניקונג פונ די שוינ עקזיסטירנדיקע באזונדערע קאפי־טאלנ בא א קלענערער צאָל קאפיטאליסטנ אינ די הענט.

דאָס קומט פאָר דערפאר, ווײַל אינעמ קאָנקורענצ־קאמפ קומענ אומ די שוואכערע קאפיטאליסטנ אונ זייערע אונטערנעמונגענ גייענ אריבער צו די שטארקערע אינ די הענט. עס זיגנ יענע קאפיטאליסטנ, וואָס בא זיי זײַנענ קאָנצענטרירט מער געזעלשאפטלעכע פראָדוציר־מיטלענ אונ די הערשאפט איבער „א גרעסערער ארמײ ארבעטער". אזוי איז אינ דער דאָזיקער הינזיכט קאָנצענטרא־ציע די באזע פונ צענטראליזאציע.

די צענטראליזאציע פונ קאפיטאל קומט אויכ פאָר דורכ דער פארייניקונג פונ עטלעכע אָדער א סאכ קאפיטאלנ אינ אנ אלגעמײנעמ קאפיטאל פונ א גרופּע קאפיטאליסטנ, אינ אנ אזויגערופענער אקציאָנערער געזעלשאפט. די אָנטייל־

נעמער פֿון דער אַקציאָנערער געזעלשאַפֿט װערן שותּפֿים פֿון איין אונטערנעמונג.* דערבײַ בילדעט זיך מיטאַמאָל אויס אַ גרויסע אונטערנעמונג מיט אַ העכערן אָרגאַנישן באַשטאַנד פֿון קאַפּיטאַל; די אָנזאַמלונג און צוזאַמענגיסן דערמיט די קאָנצענטראַציע קומען דאָ פֿאָר שנעלער. הייסט עס, אַז די צענטראַליזאַציע פֿון קאַפּיטאַל, װאָס איז נאָך אַליין געגומען ניט קיין אָנזאַמלונג (װײַל צענטראַליזאַציע איז אַ פֿאַרייניקונג פֿון די שוין פֿריִער אָנגעזאַמלטע קאַפּיטאַלן), פֿירט צום װײַטערדיקן װוּקס פֿון דער אָנזאַמלונג און צו קאָנצענטראַציע, צום װוּקס פֿון דער עקספּלואַטאַציע.

די רעלאַטיװע פֿאַרקלענערונג פֿון פֿאַרענדער־לעכן קאַפּיטאַל

די אָנזאַמלונג באַם װאַקסנדיקן אָרגאַנישן באַשטאַנד פֿון קאַפּיטאַל און די קאָנצענטראַציע, װאָס קומט דערבײַ פֿאָר, ברענגען דערצו, אַז עס פֿאַרקלענערט זיך רעלאַטיװ די צאָל באַשעפֿטיקטע אַרבעטער. קעדיי דאָס קלאָר צו מאַכן זיך, װעלן מיר זיך אומקערן צו די פֿאָריקע בײַשפּילן. אַ קאַפּיטאַל פֿון 6000 רובל, װאָס טיילט זיך אָפּ 3000 רובל קאָנסטאַנטן און 3000 רובל פֿאַרענדער־לעכן, האָט פּראָדוצירט 3000 רובל מערװערט, װאָס 2000 רובל דערפֿון װערן פֿאַרװאַנדלט אין קאַפּיטאַל. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז דערבײַ װערט דער אָרגאַנישער באַשטאַנד פֿונעם אַלטן קאַפּיטאַל (6000 רובל) ניט געענדערט, נאָר עס ענדערט זיך בלויז דער אָרגאַנישער באַשטאַנד פֿונעם נײַעם צוגאָב־קאַפּיטאַל, אַז ער טיילט זיך ניט אָפּ 1000 רובל קאָנסטאַנטן און אָפּ 1000 רובל פֿאַרענדערלעכן, נאָר, לאָמיר זאָגן, אָפּ 1250 ר. קאָנסטאַנטן און 750 ר. פֿאַרענדערלעכן. דאָס מיינט, אַז דער צוגאָב־קאַפּיטאַל 2000 רובל באַשעפֿטיקט אַצינד װייניקער אַרבעטער איידער אינעם פֿאַל, װען זײַן אָרגאַנישער באַשטאַנד װאָלט פֿאַרבליבן ניט געענדערט. דער פֿאַרענדערלעכער קאַפּיטאַל האָט זיך פֿאַרגרעסערט אַבסאָליוט (לויט זײַן אייגענער גרייס, אַליין גענומען) פֿון 3000 רובל ביז 3750 רובל, אָבער רעלאַטיװ האָט ער זיך פֿאַרקלענערט, ער פֿאַרנעמט אַצינד אַ קלענערן טייל אינעם גאַנצן קאַפּיטאַל (53 פּראָצ. קאָנסטאַנטן און 47 פּראָצ. פֿאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל).

אָבער װען עס װעלן אָפּגענוצט װערן די אַלטע פּראָדוציר־מיטלען, װען זיי װעלן פֿאַרביטן װערן מיט נײַע, װעט דער דאָזיקער פֿאַרבײַט פֿאָרקומען אַזוי, אַז עס װעט זיך העכערן דער אָרגאַנישער באַשטאַנד אויך פֿונעם אַלטן קאַפּיטאַל. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז ער טיילט זיך איצט אָפּ 3250 רובל קאָנסטאַנטן און 2750 רובל פֿאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל. דאָס באַטײַט, אַז אַצינד באַשעפֿטיקט ער אַן אַבסאָליוט קלענערע צאָל אַרבעטער, איידער פֿריִער. דער גאַנצער קאַפּיטאַל װעט אַצינד זײַן 4500 רובל (3250 רובל + 1250 רובל) קאָנסטאַנטן און 3500 רובל (2750 רובל + 750 רובל) פֿאַרענדערלעכן. די פֿאַרגרעסערונג פֿונעם פֿאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל איז דאָ אַ קלענערע, איידער אינעם פֿאַל, װען עס קומט פֿאָר אַ העכערונג פֿונעם אָרגאַנישן באַשטאַנד בלויז פֿונעם צוגאָב־קאַפּיטאַל.

---

* געניי װעגן אַקציאָנערע געזעלשאַפֿטן אין קאַפּ. XI.

„מיטנ ווּקס פונ דער קאָנצענטראַציע און פונ דער טעכנישער ווירקונגפייִקייַט פונ די פראָדוציר-מיטלענ זייַנענ זיי אינ אנ אלצ א קלענער מאָס מיטלענ, וואָס גיבנ ארבעט די ארבעטער... פונ איינ זייַט, ציט צו דער צוגאָב־קאַפיטאַל, וואָס בילדעט זיכ אינעם גאנג פונ דער אָנזאמלונג, אלצ ווייניקער און ווייניקער ארבעטער אינ פארגלייַכ מיט זייַנ גרייס. פונ דער צווייטער זייַט,—שטויסט ארויס דער אלטער קאַפיטאַל, וואָס ווערט פעריאָדיש רעפּראָדוצירט אינ א נייַעמ באשטאנד, אלצ מער און מער די ארבעטער, וואָס ער האָט פריִער באשעפטיקט“ (מארקס, „קאַפיטאַל“, באנד I, זייַט 500).

פּראָדוצירנדיק אינ אנ אלצ שטייַגנדיקער מאָס דעמ מערווערט, וואָס די קאפּיטאליסטנ פארוואנדלענ אינ קאפּיטאל, דה. פּראָדוצירנדיק קאפּיטאל אינ אנ אלצ שטייַגנדיקער מאָס, רעפּראָדוצירט אזויארומ דער ארבעטער־קלאס אינ אלצ א וואקסנדיקער מאָס ניט בלויז די מיטלענ פונ זייַנ פארשקלאַפונג און אונטערדריקונג, נאָר אויכ די מיטלענ, וואָס מאכנ פאר איבעריק אלצ גרעסערע מאסנ פונ ארבעטער־קלאס. דאָס איז איינער פונ די וויכטיקסטע אנטוויקלונג־געזעצנ פונעמ קאפּיטאליזמ, וואָס איז ניט בלויז א רעזולטאט, נאָר אויכ דער באדינג פונ דער דאָזיקער אנטוויקלונג, און וואָס האָט, ווי מיר וועלנ באלד זענ, א קאָלאָסאלע ווירקונג אפ דער לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס באמ קאפּיטאליזמ.

4. די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג. דער אלגעמיינער געזעצ פונ דער קאפּיטאליסטישער אָנזאמלונג

דער באגריפ פונ רעלאטיווער איבערבאפעלקערונג און אירע סיבעס

די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע אנטוויקלט זיכ ניט גלייַכמעסיק, דעריבער קומט פאָר אויכ ניט גלייַכמעסיק דער ווּקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפּיטאל און די שאפונג פונ דער איבערפליסיקער ארבעטער-באפעלקערונג, וואָס איז דערמיט פארבונדנ. אינ דער צייַט, ווענ אינ איייניקע צווייַגנ און אונטערנעמונגענ ווערנ די ארבעטער ארויסגעשטויסנ פונ דער פּראָדוקציע, ווערנ אינ אנדערע די ארבעטער ארייַנגעצויגנ. אָבער אינ אלע צווייַגנ פונ דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע אינגאנצנ גענומענ טיילנ זיכ קעסיידער אויס איבערפליסיקע ארבעטער, עס בילדעט זיכ א רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג, א באפעלקערונג, וואָס געפינט ניט קיינ אָנווענדונג פאר איר ארבעטקראפט און וואָס האָט ניט דעריבער קיינ עקזיסטענצ־מיטלענ, דה. קיינ רעכט אפ לעבנ.

„די קאפּיטאליסטישע אָנזאמלונג פּראָדוצירט קעסיידער, און דערבייַ פּראָפּאָרציִאָנעל צו איר ענערגיע און צו איר גרייס, א רעלאטיווו איבערפליסיקע, דה. אנ איבערפליסיקע אינ פארגלייַכ מיט דער דורכשניטלעכער באדערפעניש פונ

קאפיטאל אינ זעלבסט-אופוווקס, אונ דעריבער אנ איבעריקע אָדער צוגאָבלעכע ארבעט-באפעלקערונג, אָדער איבערבאפעלקערונג" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, זייט 501. מײַנ קורסיוו.—ל. ס.).

דאָס איז א געזעצ פונ דעמ קאפיטאליסטישנ אונ דערצו בלויז פונ דעמ קאפיטאליסטישנ פראָדוציר־אויפנ. די איבערבאפעלקערונג דרינגט דאָ ארויס ניט פונ וועלכע־ניט־איז נאטור־געזעצנ, נאָר פונ דער קאפיטאליסטישער פאָרמ פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע: די איבערפליסיקע באפעלקערונג איז אנ איבערפליסיקע בלויז בענוגייע צו די באדערפענישנ פונ קאפיטאל אינ זעלבסט־אופוווקס, אונ קלאָר ניט דערפאר, ווײַל עס זײַנעז ניטאָ אָדער עס קאָנענ ניט געשאפנ ווערנ קיינ פראָדוציר־מיטלענ אפ באשעפטיקנ די דאָזיקע „איבערפליסיקע" באפעלקערונג אונ פראָדוצירנ אירע עקזיסטענצ־מיטלענ.

דער ענגלישער בורזשואזער עקאָנאָמיסט — דער גאלעכ מאלטוס — (1766—1834 יאָרנ) האָט ארויסגערוקט א טעאָריע, לויט וועלכער אָרעמקײַט, דאלעס אונ ארבעטלאָזיקײַט זײַנענ באדינגט דורכ די אייביקע נאטור־געזעצנ: די מענטשהײַט, הייסט עס, פארמערט זיכ שנעלער, איידער עס קאָנ פארגרעסערט ווערנ דער סכומ עקזיסטענצ־מיטלענ. דעריבער איז א טייל מענטשהײַט שטענדיק, קלוימערשט, געוווענ אונ וועט זײַנ פארמישפעט אפ הונגער. מאלטוס האָט געראטנ דעמ ארבעטער־קלאס, קעדיי אויסצומײַדנ דעמ דאָזיקנ גורל, ער זאָל באגרענעצנ דעמ קינדער־געבורט. לויט מאלטוסנ איז די איבערבאפעלקערונג אנ אבסאָליוטער געזעצ פונ דער נאטור אונ ניט קיינ געזעצ פונעמ קאפיטאליסטישנ פראָדוציר־אויפנ.

עס איז גענוג בלויז זיכ צוצוקוקנ צו דער קאפיטאליסטישער ווירקלעכקײַט קעדיי צו איבערצײַגנ זיכ, אז דער „מאלטוס־געזעצ" איז א בעפיירעשער אבסורד לאָמיר נעמענ די קריזיסנ. אינ דער צײַט פונ קריזיס באקומט די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג א באזונדערס גרויסנ פארנעמ. אונ פונדעסטוועגנ האָבנ מיר אינ דער צײַט פונ קריזיס אפ איינ זײַט ניט פונקציאָנירנדיקע פאבריקנ, דה. אנ איבערפלוס פונ פראָדוציר־מיטלענ אונ סכוירעס, וואָס די קאפיטאליסטנ מאכנ קאליע אונ פארניכטנ אונ וואָס געפינענ ניט קיינ אָפזאצ, מיר האָבנ ניט קיי אונטערפראָדוקציע, נאָר אנ איבערפראָדוקציע, אונ אפ דער צווייטער זײַט — קאָלאָסאלע ארמייענ ארבעטלאָזע, וואָס האָבנ ניט קיינ עקזיסטענצ־מיטלענ אונ וואָס געפינענ ניט קיינ אָפזאצ פאר זייער ארבעטקראפט.

„די ארבעטער פארלירנ יעדע עקזיסטענצ־מיטלענ גראָד צוליב דער סיבע, וואָס זיי האָבנ פראָדוצירט די דאָזיקע מיטלענ אינ א צו גרויסנ סכומ" (ענגעלס, אנטי־דיורינג, ז. 198. מײַנ קורסיוו.—ל. ס.).

די זאכ איז, וואָס די פראָדוציר־מיטלענ באמ קאפיטאליזמ זײַנענ ניט פאָשעט פראָדוציר־מיטלענ, נאָר קאפיטאל; די פראָדוצירטע סכוירעס זײַנענ ניט סכוירעס סטאמ, נאָר קאפיטאליסטיש פראָדוצירטע סכוירעס, דה. אזוינע, וואָס שליסנ אײַנ אינ זיכ א באשטימטנ סכומ מערווערט. איידער צו ווערנ געברויכט, דארפנ די דאָזיקע סכוירעס פארוואנדלט ווערנ אינ געלט, זיי דארפנ רעאליזירנ פארנ קאפיטאליסט דעמ מערווערט, וואָס אנטהאלט זיכ אינ זיי. אָנ דעמ דאָזיקנ

באדינג קאָנען די פּראָדוציר־מיטלען ניט פונקציאָנירן אַלס קאפּיטאל. „ווי א געשפּענסט שטייט צווישן די ארבעטער און די פּראָדוציר־ און געברויך־מיטלען די נויטווענדיקײַט פון זייערע אייגנשאפטן אלס קאפּיטאל. בלויז זי אליין לאָזט ניט פאריייניקן די זאכלעכע און פּערזענלעכע פּראָדוציר־באוועגער; בלויז זי אליין שטערט די פּראָדוציר־מיטלען צו פונקציאָנירן און לאָזט ניט די ארבעטער צו לעבן און ארבעטן“ (ע נ ג ע ל ס, אנטי־דיורינג, ז. 198. מײַן קורסיוו. — ל. ס.).

די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג עקזיסטירט, אזויארום, דערפאר, ווײַל עס עקזיסטירט דער קאפּיטאליזם. מיט דער פארניכטונג פון קאפּיטאליזם דארף פארשווינדן ווערן אויך די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג. דער בעסטער באווײַז דערצו איז דער בײַשפּיל פון פססר, ווו די ארבעטלאָזיקײַט איז ליקווידירט געוואָרן ענדגילטיק און אפּ שטענדיק.

די פאָרמען פון דער רעלאטיווער איבערבאפעל־קערונג

די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג עקזיסטירט אין דרײַ פאָרמען. די ע ר ש ט ע פ אָ ר ם פ ו ן ד ע ר ר ע ל א ט י װ ע ר א י ב ע ר ב א פ ע ל ק ע ר ו נ ג איז די פליסעוודיקע איבערבאפעלקערונג. אהער געהערן יענע ארבעטער, וואָס זײַנען צײַטווײַליק ארבעטלאָז, וואָס ווערן ארויסגעשטויסן פון איין אונטערנעמונג אָדער פּראָדוקציע און ווערן אין א געוויסער צײַט ארום ארײַנגעצויגן אין א צווייטער פּראָדוקציע אָדער אונטערנעמונג. דערבײַ איז צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם ווערן די ארבעטער ארײַנגעצויגן אין דער פּראָדוקציע אין א גרעסערער מאָס, איידער זיי ווערן ארויסגעשטויסן פון איר. אָבער דאָך, ניט געקוקט אפן אלגעמיינעם וווקס פון דער צאָל באשעפטיקטע ארבעטער, עקזיסטירט שטענדיק א מאסע איבערפליסיקע ארבעטער, אפילע אין דעם פעריאָד פון אופשטײַג אין דער אינדוסטריע. עס בײַט זיך בלויז איר באשטאנד: אייניקע ארבעטער גייען פון איר אוועק און אנדערע קומען אין איר ארײַן. דעריבער רופט מארקס אָן די דאָזיקע פאָרם פליסעוודיקע איבערבאפעלקערונג. צו דער דאָזיקער פאָרם פון דער רעלאטיווער איבערבאפעלקערונג געהערן אויך די יוגנטלעכע ארבעטער. אין דער גרויסער קאפּיטאליסטישער מאשין־פּראָדוקציע פאָדערט זיך שטענדיק א גרויסע צאָל יוגנטלעכע, וואָס ווערן דאָרטן אויסגענוצט בלויז ביז זייער פוליאָריקײַט. נאָכדעם ווערן זיי ארויסגעוואָרפן פון דער פּראָדוקציע און ביזוואנען זיי געפינען ניט קיין נײַע ארבעט, זײַנען זיי ארבעטלאָז. די פליסעוודיקע איבערבאפעלקערונג (ארבעטלאָזיקײַט אין ענגן זין) פארשטארקט זיך באזונדערס אין דער צײַט פון א קריזיס. אָבער זי עקזיסטירט שטענדיק. אָט זײַנען, לעמאָשל, אָנגאבן פון דײַטשלאנד, ווו דער פּראָצענט ארבעטלאָזע מיטגלידער פון די פּראָפאריינען (מע דארף נעמען אין אכט, אז מיטגלידער פון פּראָפאריינען זײַנען דאָרט ווײַט ניט אלע ארבעטער און אז די ארבעטלאָזיקײַט איז שטארקער גראָד צווישן די ניט פאריין־מיטגלידער) האָט באטראָפן:

יאָרן	פּראָצענט ארבעטלאָזע	יאָרן	פּראָצענט ארבעטלאָזע
1904	2,1	1910	1,9
1905	1,6	1911	1,9
1906	1,1	1912	2,0
1907	1,4	1913	2,9
1908	2,9	1914	7,2
1909	2,8		

אזוי איז די לאגע געווען אין אלע קאפּיטאליסטישע לענדער.

אָבער באזונדערס האָט זיך פארשטארקט די ארבעטלאָזיקייט נאָך דער מילכאָמע, ווען דער קאפּיטאליזם איז ארייַנגעטראָטן אין פּעריאָד פון זייַן אלגעמיינעם קריזיס. אזוי איז אין דייַטשלאנד דער פּראָצענט ארבעטלאָזע נאָך דער מילכאָמע קיינמאָל ניט געפאלן נידעריקער ווי 6—7 און האָט דערגרייכט אין 1933 יאָר בא 45 פּראָצ., ניט רעכענענדיק די, וואָס ארבעטן ניט קיין פולע וואָך, און די פאמיליע־מיטגלידער פון די ארבעטלאָזע. אין ענגלאנד האָט דער פּראָצענט ארבעטלאָזע ביז דער מילכאָמע באטראָפן 1—2 אין די יאָרן פון אינדוסטריעלער אופלעבונג און 6—9 אין די יאָרן פון קריזיס; נאָך דער מילכאָמע איז דער פּראָצענט קיינמאָל ניט געפאלן נידעריקער ווי 7 און האָט אין 1933 יאָר דערגרייכט 47. אין פשא האָט דער פּראָצענט ארבעטלאָזע ביז דער מילכאָמע באטראָפן 1—3 אין די יאָרן פון אופשטייַג און 8—9 פּראָצ. אין די יאָרן פון קריזיס; נאָך דער מילכאָמע אין די יאָרן פון אופשטייַג האָט ער אויסגעמאכט 8—9, און אין 1932 יאָר האָט ער דערגרייכט 40 פּראָצענט. אין אלע קאפּיטאליסטישע לענדער און אין די קאָלאָניעס זייַנען אין 1933 יאָר געווען העכער 50 מיליאָן ארבעטלאָזע ארבעטער און אָנגעשטעלטע, ניט רעכענענדיק די פאמיליע־מיטגלידער.

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן (אינעם לעצטן קאפּיטל) צו דער פראגע וועגן דעם כאראקטער און באדייַטונג פון דער נאָכמילכאָמעדיקער ארבעטלאָזיקייַט. דערווייַל וועלן מיר בלויז באמערקן, אז פון דער קאָלאָסאלער גרייס פון דער דאָזיקער ארבעטלאָזיקייַט טאָר מען ניט מאכן דעם אויספיר, אז ארבעטלאָזיקייַט איז פאראן בלויז אין דער צייַט פון א קריזיס. די אלע אָנגאבן, וואָס מיר האָבן געבראכט, באווייַזן, אז די ארבעטלאָזיקייַט איז א קעסיידערע עקזיסטירנדיקע דערשייַנונג פון קאפּיטאליזם, האגאם די גרייס אירע ענדערט זיך.

די צווייטע פאָרם פון דער רעלאטיווער איבערבאפעלקערונג איז די פארבאָרגענע איבערבאפעלקערונג. אהער געהערן די לאנדווירטשאפטלעכע לוינארבעטער. אין דער לאנדווירטשאפט, אין אונטערשייד פון דער אינדוסטריע, איז די קאפּיטאל־אָנזאמלונג אפ דער באזע פונעם וווּקס פון זייַן אָרגאנישן באשטאנד שטענדיק פארבונדן מיט אן אבסאָליוטער פארקלענערונג פונעם פארענדערלעכן קאפּיטאל און פון די באשעפטיקטע ארבעטער. כוץ דעם טיילן זיך קעסיידער אויס פון פויערטום באדייַטנדיקע מאסן פויערים, וואָס

ווערן רויִנירט. די דאָזיקע גאנצע מאסע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער און רויִנירטע פויערטום איז געצווונגען צו באנוגענען זיך מיט קאפּצאָנישע פאַרדינסטן און גייט גלײַך אריבער אין דער אינדוסטריע, ווי נאָר דאָס ווערט פאַר איר מעגלעך.

די דריטע פאָרם פון דער רעלאטיווער איבערבאפעלקערונג איז די סטאגנירנדיקע איבערבאפעלקערונג. דאָס זײַנען די ארבעטער, וואָס האָבן אינגאנצן פאַרלאָרן די ארבעט, וואָס מאטערן זיך ווי־עס־איז מיט זייער ניט רעגולערע און זייער נידעריקע פאַרדינסטן; אהער געהערן אויך די, וואָס זײַנען באשעפטיקט מיט הויז־ארבעט פאַר די פאבריקן און מאגאזינען. דער דאָזיקער שיכט פירט א האלבהונגער־עקזיסטענץ. ער „כאראקטעריזירט זיך מיטן מאקסימום ארבעטצײַט און מיטן מינימום ארבעטלוין“ און „בילדעט פאַרן קאפּיטאל אן אומויסשעפּלעכן רעזערוואר פון פרײַער ארבעטקראפט“ (*מארקס*, קאפּיטאל, באנד I, זײַט 512).

צו דער דאָזיקער פאָרם פון רעלאטיווער איבערבאפעלקערונג געהערט דער אזויגערופענער לומפּן־פּראָלעטאריאט — „דער פּראָלעטאריאט פון די אָפּגעריסענע“ (בראָדיאגעס, פאַרברעכער, פּראָסטיטוטקעס) — און די געפאלענע, פאַראָרעמטע, די, וואָס האָבן געליטן פון אומגליק־פאלן, קאליקעס, קראנקע, אלמאָנעס פון די אומגעקומענע ארבעטער, יעסוימים, קינדער פון די אלע, וואָס געפינען זיך אין צושטאנד פון פּאופּעריזם (אויסוועגלאָזן דאלעס). „דער פּאופּעריזם שטעלט פאָר אן אינוואלידן־הויז פון דער אקטיווער (וואָס איז באשעפטיקט אין דער פּראָדוקציע — ל. ס.) ארבעטער־ארמיי און דעם באלאסט פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמיי“ (*מארקס*, „קאפּיטאל“, באנד I, זײַט 513).

אלגעמיינער געזעץ פון דער קאפּיטאליסטישער אָנזאמלונג

די דאָזיקע גאנצע מאסע איבערפליסיקע פּראָלעטאריער, אין וואָס פאַר א פאָרמען זי זאָל ניט עקזיסטירן: צי אין א פליסעוודיקער פאָרם, פאַרבאָרגענער אָדער סטאגנירנדיקער איבערבאפעלקערונג, בילדעט די איבערפליסיקע באפעלקערונג פון קאפּיטאליזם, די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג. *אנטשטייענדיק בלויז באם קאפּיטאליזם און זײַענדיק, אזויארום, א רעזולטאט פון קאפּיטאליסטישן פּראָדוציר־אויפן*, ווערט *די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג אויך א באדינג פאַר דער עקזיסטענץ און אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם*. די אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם קומט פאָר דורך א ניטגלײַכמעסיקער שפּרונגארטיקער פאַרברייטערונג פון דער פּראָדוקציע. אזא אנטוויקלונג וואָלט געווען אומעגלעך, ווען די פאַרברייטערונג פון דער פּראָדוקציע וואָלט זיך יעדעס מאָל אָנשטויסן אָפּ א מאנגל אין ארבעטקראפט. שאפנדיק די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג, שאפט דערמיט גופא דער קאפּיטאליזם א *רעזערוו* פון ארבעטקרעפטן, וואָס זוכן קעסיידער אן אָנווענדונג. דעריבער רופט אָן מארקס די רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג *אינדוסטריעלע רעזערוו־ארמיי*.

„די איבערפליסיקע באפעלקערונג, וואָס איז א נייטיקער צוגאָב צו דער איבערפליסיקער פּראָדוקציע, איז א נייטיקע אייגנשאפט פון דער קאפּיטאליסטישער

ווירטשאפט, וואָס אָן איר וואָלט זי ניט געקאָנט ניט עקזיסטירן, ניט אנטוויקלען זיך" (לענין, באנד II, זייט 47).

וואָס ווייטער עס אנטוויקלט זיך דער קאפיטאליזם, אלץ גרעסער דארף ווערן די רעזערוו-ארמיי. „די רעלאטיווע גרייס פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־ארמיי שטייגט פאראלעל צו דעם וווּקס פון די קויכעס פונעם רייכטום (צו דער קאפיטאל-אָנזאמלונג — ל. ס.). אָבער וואָס גרעסער עס איז די דאָזיקע רעזערוו-ארמיי אין פארגלייך מיט דער אקטיווער ארבעטער־ארמיי, אלץ גרעסער איז די שטענדיקע איבערבאפעלקערונג, וואָס איר דאַלעס איז פארקערט פּראָפּאָרציאָנעל צו אירע ארבעט־יעסורים. צולעצט, וואָס גרעסער עס זיינען די דאלעס־שיכטן פונעם ארבעטער־קלאס און די אינדוסטריעלע רעזערוו־ארמיי, אלץ גרעסער איז דער אָפיציעלער (וואָס איז אנערקענט פון דער מאכט) פאופּעריזם. דאָס איז דער אבסאָליוטער אלגעמיינער געזעץ פון דער קאפיטאליסטישער אָנזאמלונג" (מארקס, „קאפיטאל", באנד I, זייט 514).

5. די פאראָרעמונג פונעם ארבעטער-קלאס באם קאפיטאליזם

דער דאלעס פונעם ארבעטער־קלאס איז אומפארמיידלעך באם קאפיטאליזם

די לאגע פונעם ארבעטער־קלאס באם קאפיטאליזם ווערט פאַרבאַדינגט דורכן סאמע מעהוס פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג. באם קאפיטאליזם איז דער ארבעטער פאָרמעל א פרייער און גלייכבארעכטיקטער מיטן קאפיטאליסט. אָבער אין דער ווירקלעכקייט מאסקירט בלויז די דאָזיקע „פרייהייט" דעם ארבעטערס זיין שקלאפריי. אזוי ווי דער ארבעטער איז פריי פון די פראָדוציר־מיטלען, איז ער א לוין-שקלאפ באם קאפיטאליסט, באם באזיצער פון די פראָדוציר-מיטלען. פון שטאנדפונקט פון קאפיטאל האָט דעם ארבעטערס עקזיסטענץ א זינען בלויז דערפאר, ווייל די עקספּלואטאציע פונעם ארבעטער איז א מיטל פארן אופווּקס פונעם ווערט פונעם קאפיטאל, פון זיין אָנזאמלונג. באם קאפיטאליזם האָט דער ארבעטער רעכט אפ לעבן בלויז אפ אזויפיל, אפ וויפל ער פראָדוצירט מערווערט פארן קאפיטאליסט, אפ וויפל ער איז אן עקספּלואטאציע-געגנשטאנד פארן קאפיטאל. „דעריבער, ווי נאָר דעם קאפיטאל פאלט איין א געדאנק אין קאָפּ — אפ א נויטווענדיקן אופן אָדער ווילקירלעך — דער ארבעטער זאָל מער ניט עקזיסטירן, איז ער אליין (דער ארבעטער — ל. ס.) עקזיסטירט ניט מער פאר זיך, ער האָט ניט קיין שום ארבעט, דעריבער קיין שום ארבעטלוין און אזוי ווי ער עקזיסטירט ניט אלס מענטש, נאָר אלס ארבעטער, קאָן ער דערלויבן באגראָבן זיך, קאָן ער שטארבן פון הונגער אאוו." (מארקס, עקאָנאָמיש־פילאָזאָפישע מאנוסקריפטן, 1844 יאָר).

אזוי ווי אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט האָט ניט דער ארבעטער־

קלאס קיין מענטשלעכע עקזיסטענץ־באדינגונגען, איז די לאגע פונעם ארבעטער-
קלאס אין טאָג א לאגע פון דאלעס. „דער דאלעס, — זאָגט מארקס, —
דרינגט ארויס פונעם סאמע מעהוס פון דער היינטצייטיקער ארבעט" (אויך
דאָרט). די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט איז, אזויארום, א „געזעלשאפט, וואָס
איז באזירט אף אָרעמקייט" (מארקס, די אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע). און
וואָס מער עס אנטוויקלט זיך דער קאפיטאליזם, אלץ מער וואקסט די אָרעמקייט
פונעם ארבעטער־קלאס, אלץ שטארקער איז זיין פאראָרעמונג. „די לוינארבעט־
סיסטעם איז א סיסטעם פון שקלאפעריי און דערצו פון אזא שקלאפעריי, וואָס
ווערט אלץ הארבער צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון די געזעלשאפטלעכע
פראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער ארבעט אָן אונטערשייד, צי דער ארבעטער באקומט
א בעסערן אָדער ערגערן געצאָלט" (מארקס, צו דער קריטיק פון דער גאָטער
פראָגראם, ז. 38).

די אָרעמקייט פונעם ארבעטער-קלאס באם קאפיטאליזם דרינגט ארויס דער-
פון, וואָס ער איז א קלאס, וואָס בא אים זיינען אָפגענומען די פראָדוציר-מיט־
לען. מיט דער דאָזיקער קלאסן־לאגע פונעם פראָלעטאריאט ווערט פאָרבאדינגט
דאָס פאלן פון זיין לעבן־ניוואָ באם קאפיטאליזם, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם,
וואָס מיט דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם באפרידיקט דער ארבעטער אין אלץ
א קלענערער מאָס זיינע באדערפענישן.

דער ארבעטער־קלאס קאָן פאָטער ווערן פון דער לוין-שקלאפעריי, קאָן מא-
כן א סאָף צו דער פאראָרעמונג בלויז אף א רעוואָליוציאָנערן אויפן, אראָפ-
ווארפנדיק דעם קאפיטאליזם און איינשטעלנדיק זיין דיקטאטור אף אויסבויען א
קאָמוניסטישע געזעלשאפט. אָט דאָס איז דער וויכטיקסטער אויספיר פון דער
מארקסיסטיש־לענינשער טעאָריע. טאקע דערפאר, וואָס מארקס האָט פון זיין
אנאליז פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, באזונדערס פונעם אנאליז פון דער
לאגע פונעם ארבעטער־קלאס באם קאפיטאליזם ארויסגעדרונגען די נייטיקייט פון
דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, די נייטיקייט פון דער דיקטאטור פון פראָלע-
טאריאט, — פרווון זיך מיט אלע מיטלען די בורזשואזיע און אירע סאָציאל־פאשיס-
טישע לאקייען „אָפלייקענען" מארקס לערע וועגן דער פאראָרעמונג פונעם ארבע-
טער־קלאס באם קאפיטאליזם.

די סאָציאל־פא־
שיסטישע טעאָ־
ריע וועגן פאר־
בעסערונג פון
דער לאגע פונעם
ארבעטער־קלאס
באם קאפיטאליזם

ווען אין XIX יאָרהונדערט האָט זיך גענומען פארשטארקן
דער קלאסנקאמף פונעם פראָלעטאריאט, ווען עס האָט זיך
גענומען ברייט פארשפרייטן אינעם ארבעטער-קלאס מארקס לע־
רע און עס איז אויסגעוואָקסן די אָרגאניזירטע קראפט פונעם
פראָלעטאריאט, איז די בורזשואזיע אונטערן דרוק דערפון גע-
ווען געצוווּנגען דורכצופירן געוויסע מאָסמיטלען פאר סאָציא־
לער סטראכירונג, ארבעט־שוץ און אזוי ווייטער. דער צוועק
פון דער בורזשואזיע איז דערביי געווען מיט דער הילף פון
אייניקע נעדאָוועס דעם ארבעטער־קלאס אָפצושטעלן די רעוואָליוציאָנערע באווע־
גונג. עס איז אופגעקומען א רייי בורזשואזע געלערנטע, וואָס האָבן אף אלערליי
אויפאנים זיך געפרווט דערוויזן, אז באם קאפיטאליזם איז דורך רעפאָרמעס מעג־

לעכ צו פאַרבעסערן און אפילו ראַדיקאַל פאַרבעסערן די לאַגע פונעם אַרבע-טער־קלאַס.

אינעם אַרבעטער־קלאַס איז דער דורכפירער פון דעם דאָזיקן בורזשואַזן אײַנ-פלוס געוואָרן דער רעפאָרמיזם, וואָס דער טעאָרעטישער גרונטלייגער זײַנער איז געווען בערנשטיין, וואָס איז סאָפּ פאָריקן יאָרהונדערט אָפּן אַרויסגעטראָטן קעגן מאַרקסן. בערנשטיין האָט באַהויפּט, אַז די אונטערשיידן אין דער לאַגע פון דער בורזשואַזיע און פונעם פּראָלעטאַריאַט פאַרגרעסערן זיך ניט, נאָר זיי פאַרקלענערן זיך, אַז דער כיילעק פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער האַכנאָסע פאַלט ניט מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, נאָר ער וואַקסט. עס איז דעריבער ניט נייטיק קיין רעוואָלוציע, — מע קאָן מיט בּיסלעכווײַזע רע-פאָרמעס גרינטלעכ פאַרבעסערן די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס באַם קאַפּי-טאַליזם.

די הײַנטצײַטיקע סאָציאַל־פאַשיסטישע טעאָרעטיקער לייקענען אָפּ די אומפאַרמײַדלעכקײַט פון אַרבעטלאָזיקײַט און דאַלעס באַם קאַפּיטאַליזם. אָט שרײַבט איינער פון די פירער פון דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — פ. טאַרנאָוו אין זײַן בוכ „צו וואָס זאָל מען זײַן אָרעם?": „אָרעמקײַט איז ניט קיין עקאָ-נאָמישע נויטווענדיקײַט, נאָר אַ סאָציאַלע קראַנקײַט, וואָס קאָן אָן שום סאָפעק אויסגעהיילט ווערן שוין אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירט-שאַפט". אָבער אויב די אַרבעטלאָזיקײַט, דער דאַלעס און דער הונגער קאָנען פאַרניכטעט ווערן שוין באַם קאַפּיטאַליזם, — איז צו וואָס, פרעגט זיך, דאַרף מען דאַן דעם סאָציאַליזם? ער איז אינגאַנצן ניט נייטיק.

קאַוטסקי, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן בערנשטיינען (אַגעוו, דערקלערט ער איצט, אַז אפילו די דאָזיקע ניט קאָנסעקווענטע אַרויסטרעטונג קעגן בערנשטיי-נען איז געווען אַ פעלערהאַפטע), האָט באַהויפּט, אַז די לאַגע פונעם אַרבעטער-קלאַס באַם קאַפּיטאַליזם פאַרערגערט זיך בלויז רעלאַטיוו, אָבער ניט אַבסאָליוט. קאַוטסקי איז דערבײַ אַרויסגעגאַנגען פון דעם פאַקט, אַז דער אַרבעטלוין איז אין סאָף XIX יאָרהונדערט געוואַקסן. האַגאַם דער כיילעק אַרבעטלוין פאַלט אין דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער האַכנאָסע, דערפאַר אָבער פאַרגרעסערט זיך דער אַר-בעטלוין גופע; האַגאַם ער פאַרגרעסערט זיך לאַנגזאַמער, איידער עס וואַקסן די האַכנאָסעס פון די קאַפּיטאַליסטן, פונדעסטוועגן פאַרגרעסערט ער זיך; די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס פאַרבעסערט זיך אַבסאָליוט, אָבער דער אָפּגרונט צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע פאַרגרעסערט זיך. דער אַרבעטער-קלאַס ווערט, לויט קאַוטסקי, פאַראָרעמט ניט אַבסאָליוט, נאָר בלויז רעלאַטיוו.

מיט זײַן טעאָריע וועגן רעלאַטיווער פאַראָרעמונג האָט קאַוטסקי אין טאָכ שוין אינעם פאַרמילכאָמע־פעריאָד זיך געשטעלט אָפּן זעלבן רעפאָרמיסטישן שטאַנד-פונקט, ווי בערנשטיין. דען אויב דער קאַפּיטאַליזם קאָן זיכערן אַן אַבסאָליוטע פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס, איז דאַן, פאַר-שטייט זיך, גערעכט ניט דער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיזם, נאָר דער רעפאָרמיזם. זאָל זײַן, אַז די האַכנאָסעס פון די קאַפּיטאַליסטן וואַקסן שנעלער, איידער די האַכנאָסעס פון די אַרבעטער, נאָר וויבאַלד די האַכנאָסעס פון די אַרבעטער

וואקסנ אויכ, איז וואָס גייט עס אָנ דעם ארבעטער־קלאס, אויב די האכנאָסעס פונ די קאפיטאליסטנ וואקסנ שנעלער? פארקערט, דער וווּקס פונ די האכנאָסעס פונ די קאפיטאליסטנ דינט אפילע אלס באדינג פארנ וווּקס פונעם ארבעטלוינ. מע דארפ ניט אראָפּוּוארפנ דעם קאפיטאליזמ, נאָר מע דארפ מיט דער הילפ פונ רעפאָרמעס שטרעבנ צו פארבעסערנ ביסלעכווײַז די לאגע פונעם ארבעטער־קלאס אינ די ראמענ פונ קאפיטאליזמ. אָט דאָס איז דער אויספיר, וואָס דרינגט אומפארמײַדלעכ ארויס פונ דער טעאָריע וועגנ רעלאטיווער פאראָרעמונג. די קאוטסקיאנישע טעאָריע וועגנ דער פאראָרעמונג איז אינ טאָכ אנ אָפּלייקענונג פונ דער פאראָרעמונג ביכלאל. אונ ניט צופעליק לייקנט קאוטסקי אצינד אָפּ אפילע די רעלאטיווע פאראָרעמונג. אינ זײַנע לעצטע ביכער באהויפּט ער אָפנ, אז דער קאפיטאליזמ איז פארינטערעסירט אינ דעם אופשטײַג פונעמ קולטורעלנ אונ מאטעריעלנ ווילשטאנד פונעמ ארבעטער־קלאס. ניט צופעליק איז קאוטסקי איינער פונ די סאמע פארברענטסטע פארטיידיקער פונ קאפיטאליזמ אונ פארביסנסטער סוינע פונ ראטנפארבאנד.

די דאָזיקע רעפאָרמיסטישע טעאָריע, וואָס לייקנט אָפּ די אבסאָליוטע פאראָרעמונג פונ ארבעטער־קלאס באמ קאפיטאליזמ, האָט געפונענ איר אָפּשפּיגלונג אי אינ דער טעאָריע אי אינ דער פראקטיק פונעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ. לעמאָשל, כ' בוכארינ האָט געהאלטנ, אז די לאגע פונעמ ארבעטער-קלאס אינ די אימפעריאליסטישע לענדער האָט זיכ די גאנצע צײַט פארבעסערט, אָבער אפנ כעזשבנ פונ די קאָלאָניעס. די אבסאָליוטע פאראָרעמונג קומט פאָר, לויט כ' בוכארינס מיינונג, אינ אלוועלטלעכנ מאסשטאב; וואָס אָנבאלאנגט אָבער דעמ פּראָלעטאריאט אינ די גרונטיקע קאפיטאליסטישע לענדער, ווערט ער פאראָרעמט בלויז רעלאטיוו. עס קומט אויס צומאָל צו באגעגענענ זיכ מיט דער מיינונג, אז די אבסאָליוטע פאראָרעמונג פונעמ ארבעטער־קלאס אינ די קאפיטאליסטישע לענדער האָט זיכ אָנגעהויבנ נאָכ דער מילכאָמע אָדער לעכאָלאָפּאָכעס אינעמ פּעריאָד פונ אימפעריאליזמ, אונ אז ביז דער מילכאָמע אָדער אינ דעם פאר־אימפעריאליסטישנ קאפיטאליזמ (אינ XIX יאָרהונדערט) איז געוועזנ בלויז א רעלאטיווע פאראָרעמונג.

אָבער אינ טאָכ זײַנענ די דאָזיקע אלע אָנשויונגענ אינ דער אָדער יענער פאָרמ א בארעכטיקונג פונ קאוטסקיס טעאָריע וועגנ רעלאטיווער פאראָרעמונג. צוליב דעם אלעמ אונ אויכ צוליב דעם, וואָס די פראגע וועגנ אבסאָליוטער פאראָרעמונג האָט אנ אנטשיידנדיקע באדײַטונג פארנ באשטימענ די צילנ אונ אופגאבנ פונעמ קלאסנקאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט, וועלנ מיר זיכ אפ איר אָפּשטעלנ א ביסל גענויער.

דער באגריפ לעבנ-ניוואָ פונעם ארבעטער-קלאס

מארקס קעגנער רעדוצירנ די גאנצע פראגע וועגנ דער לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס באמ קאפיטאליזמ צו דער פראגע וועגנ דעמ לעבנ-ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס, אונ דעם דאָזיקנ לעבנ-ניוואָ מעסטנ זיי מיטנ ניוואָ פונעמ ארבעטלוינ. פארופנדיק זיכ אפ פאקטנ פונ העכערנ דעמ ארבעטלוינ, באהויפּטנ זיי, אז באמ קאפיטאליזמ איז מעגלעכ צו פארבעסערנ גרינטלעכ די לאגע פונעמ ארבעטער-קלאס.

דאָס איז אינ גרונט א ניטריכטיקער, אנ אפּאָלאָגעטישער שטאנדפּונקט.

ערשטנס, דעמ ארבעטערס לעבנ־ניוואָ, דער גראד באפרידיקונג פונ זייַנע באדערפענישנ ווערט באשטימט דורכ זייַנ קלאסנ־לאגע אונ ניט פארקערט. צי וועט דער לעבנ־ניוואָ פונעמ פּראָלעטאריאט אינ דעמ אָדער יענעמ מאָמענט זייַנ העכער אָדער נידעריקער, — דערפונ וועט זיכ ניט ענדערנ זייַנ לאגע פונ א לוינ־שקלאף.

צווייטנס, די הייכ פונעמ ארבעטלוינ איז איינער פונ די פאקטאָרנ, וואָס באשטימענ דעמ לעבנ־ניוואָ בלויז פונעמ פארנומענעמ טייל ארבעטער־קלאס. אָבער ווענ מיר ריידנ וועגנ דעמ לעבנ־ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס אינגאנצנ גענומענ, דארפ מענ האָבנ אינ זינענ אויכ די לאגע פונ דער מאסע ארבעטלאָזע. מיט דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ ווערט די רעזערוו־ארמײ ניט פארקלענערט, נאָר זי פארגרעסערט זיכ. דאָס באטייַט, אז אלצ א גרעסערע מאסע ארבעטער פארלירט יעטווידער מיטל צו עקסיסטענצ. דער וווּקס פונ דער רעזערוו־ארמיי פארערגערט אויכ די לאגע פונ די פארנומענע ארבעטער, — ווייַל וואָס מער ארבעטלאָזע עס זייַנענ פאראנ, אלצ לייַכטער איז דער בורזשואזיע אראָפּצורייַסנ דעמ ארבעטלוינ אונ פארלענגערנ דעמ ארבעטטאָג פונ די פארנומענע ארבעטער.

דריטנס, דער לעבנ־ניוואָ גופא פונ די פארנומענע ארבעטער ווערט באשטימט ניט בלויז דורכ דער הייכ פונעמ ארבעטלוינ. דער ארבעטלוינ איז דאָס, וואָס דער ארבעטער באקומט באמ קאפּיטאליסט. אָבער קעדיי צו באשטימענ דעמ ארבעטערס לעבנ־ניוואָ, איז וויכטיק אויכ וויפל דער ארבעטער גיט אָפּ דעמ קאפּיטאליסט, וויפל פארוועגדט ער זייַנ ארבעטקראפט.

קעדיי צו אורטיילנ וועגנ דעמ לעבנ־ניוואָ פונעמ פארנומענעמ טייל ארבעטער־קלאס, איז נייטיק צו נעמענ אינ אכט ניט בלויז די הייכ פונעמ ארבעטלוינ, נאָר אויכ די לענג פונעמ ארבעטטאָג, די אינטענסיווקייַט פונ דער ארבעט, די קרענקלעכקייַט אונ שטערבלעכקייַט, דעמ וווּקס פונ די אומגליק־פאלנ אינ דער פּראָדוקציע, די פארקירצונג פונעמ לעבנ־דויער פונ די ארבעטער, די ווױנ־באדינגונגענ אאוו. רעדוצירנ די פראגע וועגנ דעמ לעבנ־ניוואָ פונעמ ארבעטער קלאס צו דער פראגע וועגנ דער הייכ פונעמ ארבעטלוינ אונ אבסטראהירנ זיכ פונ אנדערע פאקטאָרנ באטייַט צודעקנ די לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס באמנ קאפּיטאליזמ.

מיר וועלנ דאָ ניט נעמענ באטראכטנ אלע פאקטאָרנ, וואָס באשטימענ דעמ לעבנ־ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס. מיט איינעמ פונ די דאָזיקע פאקטאָרנ, נעמלעכ מיט דער ארבעטלאָזיקייַט, האָבנ מיר זיכ שוינ אויבנ באקענט, אונ די ווירקונג פונ אלע איבעריקע פאקטאָרנ קאָנ מענ רעדוצירנ צו דער פראגע, וויאזוי עס ענדערט זיכ מיט דער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ די קעגנזייַטיקע פארהעלטעניש צווישנ דעמ ארבעטלוינ אונ דער פארווענדונג פונ דער ארבעטקראפט, דה. אינ וואָס פאר א מאָס דער ארבעטער־קלאס שטעלט אופּ זייַנ ארבעטקראפט.

באמ פאלנ פונ דעמ רעאלנ ארבעטלוינ איז די אבסאָליוטע פארערגערונג פונ דער לאגע פונעמ פּראָלעטאריאט קלאָר פונ זיכ אליינ. אָבער די אבסאָליוטע אראָפּזעצונג פונעמ לעבנ־ניוואָ קומט פאָר אויכ באמ וווּקס פונעמ רעאלנ ארבעטלוינ, נעמלעכ — ווענ דער דאָזיקער וווּקס שטייט אָפּ אינ פאר־

גלײַכ מיטנ ווּקס פונ דער פאַרווענדונג פונ דער ארבעטקראַפט און מיטנ ווּקס פונ די באַדערפענישנ, וואָס איז דערמיט פאַרבונדנ, ווענ דער ארבעט־לוינ פאַלט נידעריקער, איידער דער ווערט פונ דער ארבעטקראַפט.

דאָס פאַלנ פונעמ ארבעטלוינ נידעריקער פאַרנ ווערט פונ דער ארבעטקראַפט

איינער פונ די וויכטיקסטע פאַקטאָרנ, וואָס באַדינגענ דאָס פאַלנ פונעמ ארבעטלוינ נידעריקער, איידער דער ווערט פונ דער ארבעטקראַפט, איז די פאַרהעלטניסמעסיקע איבערבאַפעל־קערונג.

דער ארבעטלוינ, ווי מיר ווייסנ שוינ, איז א פאַרוואַנדלטע ווערט־פאָרמ פונ דער ארבעטקראַפט, דער פרײַז פונ דער ארבעטקראַפט, וואָס איז פאָרגעשטעלט אַלס פרײַז פונ דער ארבעט. די פרײַזנ פונ אַלע סכוירעס וואַקלענ זיכ ארומ זייער ווערט, אָפּהענגיק פונ דער קעגנ־זײַטיקער פאַרהעלטעניש פונעמ נאָכפרעג אונ אָנבאָט (זע קאַפּיטל II, ז.ז. 39—40), אזוי אז אינ אַלגעמיינעמ סאַכאַקל פאַלט צונויפ דער דורכשניטלעכער ניוואָ פונ די פרײַזנ מיטנ ווערט. אָבער פאַר דער סכוירע „ארבעטקראַפט" באַטײַט דאָס קעסיידערדיקע פאַראַנענזײַנ פונ א רעזערוו־ארמיי, אז עס איז קעסיידער פאַראַנ אַנ איבערפלוס פונעמ אָנבאָט פונ ארבעטקראַפט אינ פאַרגלײַכ מיטנ נאָכפרעג אַפ איר. „די רעלאַטיווע איבערבאַפעלקערונג איז דער פאָנ, וואָס אַפ אימ באַוועגט זיכ דער געזעצ פונ ארבעט־נאָכפרעג אונ אָנבאָט. ער פרעסט ארײַנ דעמ פאַרנעמ פונעמ דאָזיקנ געזעצ אינ די גרענעצנ, וואָס שטימענ אבסאָליוט מיטנ דורשט צו עקספּלואַטאַציע אונ מיט דער שטרעבונג צו הערשאַפט, וועלכע זײַנענ אייגנטימלעכ דעמ קאַפּיטאַל" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, ב. I, ז. 509. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.). דעריבער האָט אויכ דער ארבעטלוינ א קעסיידערדיקע טענדענצ צו שטיינ נידעריקער, איידער דער ווערט פונ דער ארבעטקראַפט.

אַפ דער קעגנזײַטיקער פאַרהעלטעניש צווישנ דעמ ארבעטלוינ אונ דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראַפט ווירקנ אויכ יענע פּראָצעסנ, וועלכע קומענ פאָר מיטנ ארבעטער אינ דער פּראָדוקציע גופא. די פאַרלענגערונג פונ דער ארבעטצײַט העכער פונ געוויסע גרענעצנ פירט דערצו, ווי עס איז שוינ אויבנ גע־ווענ אָנגעוויזנ (זע ז. 119), אז דער ארבעטלוינ פאַלט נידעריקער, איידער דער ווערט פונ דער ארבעטקראַפט.

נאָכ א גרעסערע באַדײַטונג האָט אינ דער דאָזיקער הינזיכט דער אופשטײַג פונ דער ארבעט־אינטענסיווקײַט. אזוי ווי די קאַפּיטאַליסטנ שטויסנ זיכ אָנ אַפ דער אוממעגלעכקײַט צו פאַרלענגערנ ווײַטער דעמ ארבעטטאָג אונ זײַנענ, אונטערנ דרוק פונעמ ארבעטער־קלאַס, געצוווּנגענ צו פאַרקירצנ דעמ ארבעטטאָג, פאַרגרעסערנ זיי דעמ סכומ ארבעט, וואָס זיי פּרעסנ ארויס פונ דעמ ארבעטער־קלאַס, העכערנדיק די ארבעט־אינטענסיווקײַט. דאָס ווערט דערגרייכט דורכנ אײַנפירנ שטיק־ארבעטלוינ אונ דורכ פאַרפולקומענ די מאַשינעס. „די מאַשינ באַמ קאַפּיטאַל אינ די הענט ווערט אַנ אָביעקטיוו אונ סיסטעמאַטיש אָנגעווענדט מיטל, קעדיי ארויסצופּרעסנ וואָס מער ארבעט אינ פאַרלויפ פונ דער געגעבענער צײַט. דאָס

ווערט דערגרייכט אפ צווייערליי אופאנים: דורך פארגרעסערן די גיכקייט פון די מאשינעס און דורך פארגרעסערן די גרייס פונעם מעכאניזם, וואָס געפינט זיך אונטערן קאָנטראָל פון איין און דעם זעלבן ארבעטער, דה. דורך פארגרעסערן די ארבעט-ארענע פונעם ארבעטער" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, זייט 314. מיין קורסיוו. — ל. ס.). די אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער טעכניק ווערט באגלייט מיט א וווּקס פון דער ארבעט-אינטענסיווקייט.

אָבער די פארלענגערונג פונעם ארבעטסטאָג און באזונדערס דער וווּקס פון דער אינטענסיווקייט באטייט א געהעכערטע פארוואנדונג פון דער ארבעטקראפט. עס באקומט זיך אזוי, אז דער ארבעטער פארטוט אין א טאָג מער, איידער אנ איינטאָגיקע ארבעטקראפט, און באקומט אנ ארבעטלוין, וואָס קען קוים אפ אופשטעלן די איינטאָגיקע ארבעטקראפט. דאָס באטייט, אז דער ארבעטלוין פאלט נידעריקער פאר דעם ווערט פון דער ארבעטקראפט. דאָס מאטערט אויס דעם ארבעטערס אָרגאניזם און רופט ארויס פריצייטיקן עלטער און טויט. „דער קאפיטאל פארברויכט די ארבעטקראפט אזוי שנעל, אז שוין אין די מיטעלע יאָרן ווערט דער ארבעטער מער אָדער ווייניקער פארעלטערט און פארשלאפט... גראָד בא די ארבעטער פון דער גרויס-אינדוסטריע באגעגענען מיר זיך מיטן סאמע קורצן לעבנדויער... עס קומט פאָר א שנעלער בייט פון די ארבעטער-דורעס (דער דאָזיקער גערעץ איז ניט גילטיק פאר די איבעריקע קלאסן פון דער באפעלקערונג)" (מארקס, קאפיטאל, באנד I, זייט 511—512. מיין קורסיוו. — ל. ס.).

די פארקירצונג פונעם ארבעטערס לעבנדויער, וואָס איז, לויט מארקס אויסדרוק, א געזעץ פון קאפיטאליזם, איז דער סאמע בוילעטער באווייז, אז מיט דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם שטעלט דער ארבעטער-קלאס סיסטעמאטיש ניט אופ אין א פולער מאָס די ארבעטקראפט, וואָס ער פארוועגדט. לאָמיר זיך דערמאָנען די אויבן געבראכטע (זע ז. 121) לענינס ווערטער, אז די באלוינונג פון דער ארבעטקראפט לויט איר ווערט איז בלויז דער „אידעאל" פונעם קאפיטאליזם און קלאל ניט זיין ווירקלעכקייט. וועגן דעם, אז דעם קאפיטאליזם איז אייגנטימלעך די טענדענץ, אז דער ארבעטלוין זאָל אָפּשטיין פונעם וווּקס פון דעם ארבעטערס באדערפענישן, זאָגט לענין אויך אין א צווייט אָרט: „דעם ארבעטערס פארדינסטן, אפילע באם סאמע אקשאָנעסדיקן און פאר די ארבעטער סאמע געלונגענעם שטרייק-קאמפ, וואקסן א סאך לאנגזאמער, איידער עס שטייגן די נייטיקע פארוועגדונגען פון דער ארבעטקראפט" (לענין, באנד XVI, זייט 212).

ווען עס וואקסט דער ארבעטלוין, איז דער דאָזיקער וווּקס שטענדיק א רעזולטאט פונעם קאמפ מיצאד דעם ארבעטער-קלאס. אָבער אין 99 פאלן פון הונדערט, — זאָגט מארקס, — איז דער קאמפ פון די ארבעטער פאר העכערן דעם ארבעטלוין א רעזולטאט פון דער פריערדיקער פארערגערונג פון די עקזיסטענצבאדינגונגען נעמלעך: עס שטייגן די פרייזן אפ די עקזיסטענץ-מיטלען, עס ווערט

פארלענגערט דער ארבעטטאָג, עס שטייגט די ארבעט־אינטענסיווקייט אאַוו. דער
קאמפּ פון די ארבעטער פאר העכערן דעם ארבעטלוין איז בלויז א „קעגנוויר־
קונג פון די ארבעטער קעגן די פּאָריקע אקציעס פון קאַ־
פּיטאל" (מארקס, „ארבעטלוין, פּרייז און רעווער", ז. 56). מיט אנדערע
ווערטער, שטענדיק, איידער עס ווערט געהעכערט דער ארבעטלוין, קומט פאָר א
פארגרעסערונג פון דעם אונטערשייד צווישן דעם ארבעטלוין און דעם ווערט
פון דער ארבעטקראַפט.

דעריבער איז יעטווידע העכערונג פונעם ארבעטלוין באַם קאַפּיטאליזם
בלויז א צייטווייליקע, שנעל אריבערגייענדיקע פארבעסערונג פון דער לאגע פו־
נעם ארבעטער־קלאס, ווייל גלייך נאָך דער העכערונג פונעם ארבעטלוין קומט אומ־
פארמיידלעך א העכערונג פון דער ארבעט־אינטענסיווקייט, אָדער א וווקס פון
די פּרייזן אַף די עקזיסטענץ־מיטלען, אָדער אנדערע פאקטאָרן, וואָס פארגרע־
סערן ווידעראמאָל דעם אונטערשייד צווישן דעם ארבעטלוין און דעם פּרייז פון
דער ארבעטקראַפט. ווען עס קומט פאָר א העכערונג פון דער ארבעט־אינטענ־
סיווקייט (און דער וווקס פון דער אינטענסיווקייט איז א געזעץ פונעם קאַפּי־
טאליזם) און גלייכצייטיק דערמיט וואַקסט אויך דער ארבעטלוין, איז דער דאָ־
זיקער וווקס פונעם ארבעטלוין בלויז א לעפּאָנעמדיקע פארבעסערונג פון דער לאגע
פון די ארבעטער. אין דערווירקלעכקייט פארדעקט דער וווקס פונעם
ארבעטלוין, מאכט אומזיכטבאר די פארערגערונג פון דער לאגע פונעם אר־
בעטער־קלאס און די אראָפּזעצונג פון זיין לעבן־ניוואָ. אין דער ווירקלעכקייט
באַטייט אזא וווקס פונעם ארבעטלוין, אז „זיינע אָרעמקייט ווערט באפארבט אין
די קאָלירן פון דער ציוויליזאציע" (מארקס, ארבעטלוין, ווערק, באנד V, זייט
542). פּונקט אזוי ווי די עצעם פאָרם פון ארבעטלוין פארדעקט דעם פאקט פון
לוין־שקלאפעריי און רופט ארויס איליוזיעס וועגן פרייהייט און גלייכהייט, אזוי
פארדעקט אויך די העכערונג פון דעם ארבעטלוין דעם פאקט, וואָס עס פאר־
ערגערט זיך די לאגע פון דער ארבעטער־מאסע, און זי רופט ארויס איליוזיעס
וועגן איר פארבעסערונג. די דאָזיקע איליוזיעס ווערן באַוווסטזיניק געשטיצט
דורך די אויבערשטע שיכטן פונעם ארבעטער־קלאס, דורך דער ארבעטער־
אריסטאָקראַטיע, אָט דעם שיכט, וואָס די בורזשואזיע האָט געקויפט און וואָס
זיינע לאגע ווערט ווירקלעך פארבעסערט אפּן כעזשבן פון דער גאנצער ארבעטער־
מאסע.

די באוועגונג
פונעם ארבעטלוין

מיר האָבן באטראכט, בא וואָסערע באדינגונגען עס קומט פאָר
די העכערונג פונעם ארבעטלוין און וואָס איז די ווירקלעכע
באדייטונג פון אזא העכערונג, ווען זי קומט פאָר. די גרונ־
טיקע אנטוויקלונג־טענדענץ איז אראָפּצוזעצן דעם ארבעטלוין נידעריקער, איידער
עס איז דער ווערט פון דער ארבעטקראַפט. אצינד לאָמיר באטראכטן די באווע־
גונג פונעם ארבעטלוין גופע: צי שטייגט ער צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון
קאַפּיטאליזם, אָדער ער ווערט אראָפּגעזעצט?

די סטאטיסטישע אָנגאבן וועגן דער באוועגונג פון דעם ארבעטלוין זיינען
זייער ניט קיין גענוגנדיקע, און די אָנגאבן, וואָס זיינען יאָ פאראן, שפּיגלען

ניט ריכטיק אָפּ די ווירקלעכע באַוועגונג פונעם אַרבעטלוין. ביזן סאָף XIX יאָרהונדערט האָט זיך בכּלל ניט געפירט קיין סיסטעמאַטישע סטאַטיסטיק פונעם אַרבעטלוין, און די אָנגאַבן פאַרן XIX יאָרהונדערט טראָגן אַ צעשפּליטערטן און צופעליקן כאַראַקטער. פון סאָף XIX יאָרהונדערט אָן ווערט געפירט אַ מער אָדער ווייניקער סיסטעמאַטישע סטאַטיסטיק פונעם אַרבעטלוין, אָבער דער גרונט־כיסאָרן פון דער דאָזיקער סטאַטיסטיק דרינגט אַרויס דערפון, וואָס זי איז אַ בורזשואַזע סטאַטיסטיק. די בורזשואַזיע איז פאַראינטערעסירט צו באַפּוצן די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס באַם קאַפּיטאַליזם, און דעריבער ווערט די בורזשואַזע סטאַטיסטיק געפירט אין אַזאַ ריכטונג, אַז דער ניוואָ פון אַרבעטלוין זאָל פאַרגעשטעלט ווערן אין אַ בעסערער שײַן, איידער ער איז אין דער ווירקלעכקײַט.

אין דער מערהײַט קאַפּיטאַליסטישע לענדער דיסקאָנטירט די מעלוכע-סטאַטיסטיק הויפּטזאַכלעך דעם אַרבעטלוין פון די בעסער באַצאָלטע שיכטן פון אַרבעטער-קלאַס. אויך די סטאַטיסטיק פון די פּראָפאַריינען, וואָס אין זיי איז אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָרגאַניזירט די מינדערהײַט און דערבײַ די בעסער באַצאָלטע מינדערהײַט פונעם אַרבעטער־קלאַס, שפּיגלט אָפּ ניט אין אַ פולער מאָס די באַוועגונג פונעם אַרבעטלוין פונעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. די באַוועגונג פונעם אַרבעטלוין בײַ יענע קאַלאָסאַלע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע ווערן צום ערגסטן באַצאָלט, פאַרבלײַבט ניט דיסקאָנטירט.

אין דער מערהײַט פאַלן דיסקאָנטירט די סטאַטיסטיק דעם אַרבעטלוין לויט די לוין־טאַריפן, אָבער דער ווירקלעכער אַרבעטלוין איז נידעריקער, איידער די לוין־טאַריפן. באַזונדערס ווײַזט זיך דאָס אַרויס אין די פאַלן, ווען דער אַרבעטער אַרבעט ניט קיין פולע וואָך, אָדער ווען אַ טייל יאָר האָט ער אינגאַנצן ניט קיין אַרבעט. אויב די סטאַטיסטיק באַווײַזט בלויז דעם פאַרדינסט, וואָס דער אַרבעטער באַקומט דאַן, ווען ער האָט אַרבעט, און דיסקאָנטירט אַבסאָליוט ניט די אַרבעטלאָזיקײַט, באַקומט זיך אַ בילד פון אַ העכערן אַרבעטלוין. אַזוי, למשל, האָט אין ענגלאַנד דער דורכשניטלעכער נאָמינאַלער (וואָס איז אויסגעדריקט אין געלט) אַרבעטלוין, לויט די אָנגאַבן פון דער סטאַטיסטיק, זיך פאַרגרעסערט פון 1900 יאָר ביזן 1929 אויף 85%. דאָס איז, ניט רעכענענדיק די אַרבעטלאָזיקײַט. אויב אָבער מע זאָל רעכענען, אַז די אַרבעטלאָזיקײַט האָט זיך פאַר דער דאָזיקער צײַט פאַרגרעסערט פון 2,5 % ביז 10,6 %, וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז די ווירקלעכע העכערונג פונעם נאָמינאַלן אַרבעטלוין האָט באַטראָפן ניט קיין 85 פּראָצ., נאָר בלויז 69,6 %.

די בורזשואַזע סטאַטיסטיק ספּעציאַליזירט זיך באַזונדערס אויף פאַלסיפיצירן די אָנגאַבן וועגן דעם ר ע א ל ן אַרבעטלוין, דה. וועגן דעם אַרבעטלוין, וואָס איז אויסגעדריקט אינעם אַרבעטערס עקזיסטענץ-מיטלען. אָבער בײַ דעם אַלעמען איז אויך די בורזשואַזע סטאַטיסטיק ניט אימשטאַנד צו פאַרבאַהאַלטן דעם פאַקט, אַז דער אַרבעטלוין ווערט אַראָפּגעזעצט. אויב מע זאָל, למשל, דיסקאָנטירן די העכערונג פון די פּרײַזן אויף די זאַכן פון דער ערשטער נויטווענדיקײַט, וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז אין ענגלאַנד האָט זיך דער רעאַלער אַרבעטלוין (דיסקאָנ־

טירנדיק די ארבעטלאָזיקייט) פאַרן פעריאָד פון 1900 ביז 1929 יאָר קלאָר ניט אופגעהויבן אף 69,6 פראָצ., נאָר ער איז געפאַלן אף 5,7 פראָצ. דאָס איז לויט די פּרייזן, וואָס די בורזשואזע סטאַטיסטיק האָט אויסגערעכנט. אין דער ווירקלעכקייט איז די אראָפּזעצונג געווען נאָך א גרעסערע.

די דאָזיקע אַלע באַמערקונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון דער בורזשואזער ארבעטלוין־סטאַטיסטיק דאַרפן מיר נעמען אין אכט באַם באַטראַכטן די אָנגאַבן וועגן ארבעטלוין, וואָס מיר ברענגען ווייטער.

פאַרן XIX יאָרהונדערט באַווייזט די סטאַטיסטיק א בילד פון וווקס פון נעמ ארבעטלוין.

אזוי, לעמאָשל, האָט זיך אין דייטשלאַנד דער טעגלעכער נאָמינעלער ארבעטלוין פון די באַרג־ארבעטער אין רורער באַסיין פון 1871 ביז 1900 יאָר פאַרגרעסערט אף 72 פראָצ; דער שאַ־ארבעטלוין פון די מוליאַרעס אין דער שטאָט דרעזדען האָט זיך פאַרן זעלבן פעריאָד פאַרגרעסערט אף 105 פראָצ., דער וועכנטלעכער טאַריף־ארבעטלוין פון די בערלינער דרוקער איז געבליבן אָן ענדערונג. די דאָזיקע אַלע אָנגאַבן ווערן געגעבן, ניט דיסקאָנטירנדיק די ארבעטלאָזיקייט. די פּרייזן אף די עקזיסטענץ־מיטלען האָבן זיך פאַר דער דאָזיקער צייט אנטוויקלט ניט גלייכמעסיק: די פּרייזן אף ברויט זיינען געפאַלן, איבערגעבליבן אָן ענדערונג זיינען די פּרייזן אף קאַרטאָפל, געהעכערט אף 30 פראָצ. האָבן זיך די פּרייזן אף פלייש, שנעל איז געוואַקסן דאָס דירע־געלט. אזוי, אז מע דאַרף אָננעמען, אז דער רעאַלער וווקס פונעם ארבעטלוין איז געווען א סאַך א קלענערער, איידער דער נאָמינעלער.

אָבער גלייכצייטיק דערמיט איז שנעל געוואַקסן די ארבעט־אינטענסיווקייט. אזוי, לעמאָשל, האָט די טשוהון־אויסשמעלצונג אף איין ארבעטער א יאָר באַטראָפן אין 1812 יאָר — 100 טאָן, און אין 1901 יאָר — 254 טאָן, דה. א וווקס אף 154 %. א טייל פונעם דאָזיקן וווקס קומט אויס אפן וווקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקייט, א טייל—אפן וווקס פון דער אינטענסיווקייט. וויאַזוי עס איז געשטיגן די אינטענסיווקייט, באַווייזט די טעקסטיל־אינדוסטריע: אף טויזנט שפּינדלעך אין דער באַוול־אינדוסטריע זיינען אין 1865 יאָר אויסגעקומען 13 ארבעטער, און אין 1895 יאָר — שוין 6,3 ארבעטער. אין די 70־ער יאָרן האָט איין ארבעטער באַדינט ווייניקער פון איין וועבשטול, און אין 1900 יאָר — שוין 2 — 4 וועבשטולן.

דער וווקס פונעם ארבעטלוין, וואָס איז לויט די אָנגאַבן פון דער בורזשואזער סטאַטיסטיק פאָרגעקומען אין צווייטן דריטל פון XIX יאָרהונדערט, איז געקויפט געוואָרן פאַרן פּרייז פון העכערן די ארבעט־אינטענסיווקייט. אויב מע זאָל נעמען אין אכט, אז די דאָזיקע אָנגאַבן זיינען גרוזמעדיק און אז זיי כאַפּן ניט אַרום דעם גאַנצן ארבעטער־קלאַס, מוז מען מאַכן דעם אויספיר, אז די לאַגע פונעם ארבעטער־קלאַס האָט זיך ניט פאַרבעסערט, נאָר אַבסאָליוט פאַרערגערט.

אין ענגלאַנד האָט, לויט די אָנגאַבן פונעם בורזשואזן עקאָנאָמיסט זאָמבאַרט, דער רעאַלער ארבעטלוין פון 1870 ביז 1899 יאָר זיך פאַרגרעסערט אף 32

פראָצ., אונ לויט די אָנגאבנ פונ א צווייטנ בורזשואזנ עקאָנאָמיסט, דעמ פראָפ.
באָולי, האָט ער פונ 1870 ביזנ 1900 יאָר זיכ פארגרעסערט אפ 66 פראָצ.
שוינ אזא גרויסער אונטערשייד אינ אָפשאצנ די באוועגונג פונעמ ארבעטלוינ
זאָגט איידעס וועגנ דער „גוטער קוואליטעט“ פונ דער בורזשואזער ארבעטלוינ-
סטאטיסטיק. וואָס איז געווענ די ווירקלעכע באדײַטונג פונעמ דאָזיקנ ווּקס,
באווײַזט ווידעראמאָל דער פאקט פונעמ ווּקס פונ דער ארבעט־אינטענסיווקײַט.
אינ דער ענגלישער וואָל־וועבערײַ-אינדוסטריע האָט זיכ די באוועגונג־שנעלקײַט פונ
א שיפל פארגרעסערט פונ 80—90 באוועגונגענ אינ א מינוט ביז 195 אינ 1895
יאָר, אונ אינ דער לאנקאשירער טעקסטיל-אינדוסטריע ביז 240 אינ א מינוט. דער
דאָזיקער שנעלערער טעמפ פונ דער באוועגונג פונ דער מאשינ האָט ארויסגערופנ
אויכ א העכערונג פונ דער אינטענסיווקײַט. אינ 1850 יאָר זײַנענ אפ 1000
שפינדלעכ אויסגעקומענ 7,5 ארבעטער, אינ 1885 יאָר — שוינ 3 ארבעטער.

ענגעלס, וואָס האָט געווינט אינ ענגלאנד אונ וואָס האָט זייער גוט דער־
לערנט די לאגע פונ ענגלישנ ארבעטער-קלאס, האָט אינ 1845 יאָר אָנגעשריבנ
דעמ בוכ „די לאגע פונעמ ארבעטער-קלאס אינ ענגלאנד“, ווו ער האָט געגעבנ
א בילד פונ דעמ שרעקלעכנ דאלעס, וואָס האָט געהערשט צווישנ די ארבעטער.
אינ 40 יאָר ארומ, אינ 1885 יאָר, שרײַבט ענגעלס אינעמ פאָרוואָרט צו דער
נײַער אויסגאבע פונ זײַנ בוכ, אז אינ פארלויפ פונ די דאָזיקע 40 יאָר איז פאָר־
געקומענ א פארבעסערונג פונ דער לאגע בלויז בא די אויבערשטע שיכטנ פונעמ
ארבעטער-קלאס, בא דער ארבעטער-אריסטאָקראטיע. „אָבער וואָס אָנבאלאנגט דער
איבערוועגנדיקער ארבעטער־מאסע, איז בא איר דער ניוואָ פונעמ דאלעס אונ ניט
באוואָרנטקײַט פונ דער עקזיסטענצ פונקט אזא נידעריקער, אויב ניט נאָכ נידע-
ריקער, איידער ווענ־עס־איז פריער“.

אינעמ XX יאָרהונדערט, מיטנ ארײַנטרעטנ פונ קאפיטאליזמ אינ זײַנ העכסטנ
אונ לעצטנ אנטוויקלונג־עטאפ, אינעמ עטאפ פונ אימפעריאליזמ, הייבט זיכ אָנ די
אלגעמיינע אראָפזעצונג פונעמ ארבעטלוינ, וואָס אפילע די בורזשואזע סטאטיסטי-
קער אונ עקאָנאָמיסטנ קאָנסטאטירנ. די דאָזיקע אראָפזעצונג איז ארויסגערופנ גע־
וואָרנ סײַ צוליב דעמ ארופשרויפנ די פרײַזנ פונ די געברויכ־געגנשטאנדנ, וואָס
די קארטעלנ אונ טרעסטנ פירנ דורכ, סײַ צוליב דער אָרגאניזירטקײַט פונעמ
אָנגריפ מיצאד די אונטערנעמער אפנ ארבעטלוינ. אינ דײַטשלאנד, אשטייגער,
איז דער רעאלער ארבעטלוינ פונ די רורער בארג־ארבעטער (ניט דיסקאָנטירנ־
דיק די ארבעטלאָזיקײַט) פונ 1900 ביזנ 1912 יאָר געפאלנ אפ 18,5 פראָצ.
דאָס איז אינ די יאָרנ פונ העכסטנ אופשטײַג פונ דער דײַטשישער אינדוסטריע.
פארנ פעריאָד 1913—1929 יאָר איז דער רעאלער ארבעטלוינ פונ די קוואליפי-
צירטע ארבעטער (דיסקאָנטירנדיק די ארבעטלאָזיקײַט) געפאלנ אפ 13 פראָצ., אונ
פונ די ניט־קוואליפיצירטע האָט ער זיכ אופגעהויבנ אפ 1,5 פראָצ. אויב מע זאָל
נעמענ אינ אכט, אז אינ דעמ דאָזיקנ פעריאָד איז פאָרגעקומענ די וועלט־מילכאָ-
מע, וועלכע האָט ארויסגערופנ אנ אומגעהייערע אראָפזעצונג פונעמ לעבנ-ניוואָ
באמ ארבעטער־קלאס, אויב מע זאָל נעמענ אינ אכט די נאָכמילכאָמעדיקע רא־
ציאָנאליזאציע מיט איר רויבערישנ אויסנוצנ די ארבעטקראפט אונ דעמ שנעלנ

אָנוווּקס פונ דער ארבעטלאָזיקײַט, וועט ווערנ קלאָר, אז דער XX יאָרהונדערט צייכנט זיכ אויס דערמיט, וואָס עס איז אומגעהייער שארפ פארערגערט געוואָרנ די לאגע פונ ארבעטער-קלאס.

אינ ענגלאנד איז דער רעאלער ארבעטלויז געפאלנ אפ 5,7 פראָצ. פונ 1900 ביז 1929 יאָר, אינ פראנקרײַכ אפ 17,8% פונ 1911 ביז 1929 יאָר, אינ פשא האָט ער זיכ פונ 1914 ביז 1928 יאָר אופגעהויבנ אפ 24%. אָבער וואָס דער דאָזיקער וווּקס באטײַט, באווײַזט דער פאקט, אז אינ 1928 יאָר האָט דער ארבעטלויז פונ אנ אמעריקאנישנ ארבעטער באטראָפנ ניט מער ווי 56 פראָצ. דערפונ, וואָס עס איז נייטיק פאר דער עקזיסטענצ פונ אנ ארבעטער־פאמיליע.

אָבער באזונדערס שטארק, אזוי, אז מע האָט דאָס נאָכ ניט געזענ אינ דער געשיכטע פונ קאפיטאליזמ, פאלט דער ארבעטלויז אינ אָנהייב פונ הײַנטצײַטיקנ עקאָנאָמישנ וועלט־קריזיס. דאָס פאלנ פונעמ ארבעטלויז אונ בײַ־כלאל די ארונטערפאלנ פונ לעבנ־ניוואָ פונ ארבעטער־קלאס אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער האָט אָנגענומענ א קאטאסטראָפישנ כאראקטער.

די אלגעמיינע סומע פונ אויסגעצאָלטנ ארבעטלויז האָט באטראָפנ אינ דײַטשלאנד אינ 1929 יאָר 45 מיליארד, אונ אינ 1933 יאָר בלויז 25 מיליארד מארק, אינ פשא האָט די אלגעמיינע סומע ארבעטלויז, וואָס איז אויסגעצאָלט געוואָרנ אינ 1929 יאָר, באטראָפנ 53 מיליארד דאָלער, אונ אינ 1932 יאָר — 28 מיליארד דאָלער. אזוי שטארק פאלט דער ארבעטלויז אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער.

גלײַכצײַטיק מיטנ דאָזיקנ פאלנ פונעמ ארבעטלויז קומט פאָר א ווײַטערדיקער וווּקס פונ דער ארבעט־אינטענסיווקײַט. די גרייס פונ דער ארבעטלאָזיקײַט דריקט זיכ אויס אינ צענדליקער מיליאָנער מענטשנ (זע אויבנ זײַט 137). אומגעהייערע אונ שרעקלעכע נויט, הונגער, קעלט, קראנקײַטנ, אויסשטארבונג, זעלבסטמאָרדנ, — אָט דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פונעמ הײַנטצײַטיקנ קאפיטאליזמ, וואָס איז א גלענצנדיקע באשטעטיקונג פונעמ אלגעמיינעמ געזעצ וועגנ קאפיטאל־אָנזאמלונג, וואָס מארקס האָט אנטדעקט.

דער געזעצ וועגנ אבסאָליוטער פארערעמונג פונעמ ארבעטער־קלאס באמ קאפיטאליזמ

דער לעבנ־ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס ווערט באשטימט ניט בלויז דורכנ ארבעטלויז אונ זײַנ פארהעלטעניש צו דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט, נאָר אויכ דורכ דעמ ארבעטערס גאנצער לאגע אינ דער פראָדוקציע גופע. דאָס פארוואנדלענ דעמ ארבעטער אינ א צוגאָב צו דער מאשינ, דאָס באזײַטיקנ דעמ אינהאלט פונ דער ארבעט, די מאָנאָטאָנע ארבעט, וואָס הארגעט אוועק דעמ ארבעטערס גײַסטיקע פײַיקײַטנ, דאָס עקספלואטירנ דורכנ קאפיטאל די פרויענ־ אונ קינדער־ארבעט אונ די פיזישע דעגראדאציע פונעמ ארבעטער-קלאס, וואָס איז דערמיט פארבונדנ, — צי באטײַט ניט אָט דאָס אלצ א פארערגערונג פונ דער לאגע פונעמ ארבעטער-קלאס? צולעצט, די שרעקלעכע בײַטש פונעמ ארבעטער־קלאס — די שטענדיקע אונ שטײַגנדיקע רעזערוו-ארמיי, וואָס מאכט ניט־שטאנדהאפטיק די עצעמ באשעפטיקטקײַט פונ די ארבעטער, וואָס שאפט א ניט־זיכערקײַט אינעמ מאָרגעדיקנ טאָג, וואָס האלט דעמ ארבעטער אינ קעסיידערדיקער שרעק פאר דער צוקונפט אונ מאטערט אויס זײַנע נערוונ.

אָט פארוואָס מארקס זאָגט, אז „צוגלײַכ מיט דער קאפּיטאל־אָנזאמלונג דארפ דעמ ארבעטערס לאגע פארערגערט ווערנ אומ־אָפּהענגיק דערפונ, צי ער באקומט א הויכנ אָדער נידעריקנ לוינ... די אָנזאמלונג פונ רײַכטומ אפּ איינ פּאָליוס איז אינ דער זעלבער צײַט אָנזאמלונג פונ דאלעס, ארבעט־פּײַנ, אמעראצעס, פארווילדערונג און מאָראלישע דעגראדאציע אפּנ קעגנזײַטיקנ פּאָליוס, דה. אפּ דער זײַט פונעמ קלאס, וואָס פּראָדוצירט זײַנ אייגענעמ פּראָדוקט אלס קאפּיטאל" (מארקס, קאפּיטאל, ב. I, ז. 514 — 515. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

„דער ארבעטער ווערט פארארעמט אבסאָליוט, דה. ער ווערט מאמעש אָרעמער, איידער פריִער, ער איז געצווּונגענ צו לעבנ ערגער, צו דערנערנ זיכ קארגער, ניט צו דערעסנ מער, וואלגערנ זיכ אינ די קעלערס און אפּ די בוידעמער" (לענינ, באנד XVI, זײַט 212).

נאָכ דעמ אלעמ, וואָס איז געזאָגט געוואָרנ, ווערט איינגאנצנ קלאָר, אז די אבסאָליוטע פארארעמונג איז א געזעצ פארנ קאפּיטאליזמ ביכלאל און ניט בלויז פאר א באשטימטנ פּעריאָד פונ קאפּיטאליזמ. אינ דעמ XIX יאָרהונדערט, פּונקט ווי אינ XX, איז די פארארעמונג פונעמ ארבעטער־קלאס געווענ ניט בלויז א רעלאטיווע, נאָר אויכ אנ אבסאָליוטע. אויב אינ דעמ XX יאָרהונדערט בי־כלאל און נאָכ דער מילכאָמע ביפּראט האָט זיכ די פארארעמונג פונעמ ארבעטער־קלאס באדײַטנדיק פארשטארקט און האָט דערגרייכט אנ אומגעהייערנ פארנעמ בײַם דעמ הײַנטצײַטיקנ קריזיס, באטײַט דאָס ניט, אז אינ XIX יאָרהונדערט איז זי געווענ בלויז א רעלאטיווע. ניט אומזיסט רופט אָנ לענינ דעמ דאָזיקנ פּעריאָד, ווענ ער רעדט וועגנ דעמ לעצטנ דריטל פונ XIX און וועגנ דעמ אָנהייב פונ XX יאָרהונדערט, עפּאָכע „פונ סאמע אכזאָריעסדיקער קאפּיטאליסטישער שקלא־פערײַ און פונ סאמע שנעלנ קאפּיטאליסטישנ פּראָגרעס" (לענינ, באנד XVIII, זײַט 71). און דאָכ איז גראָד אינעמ לעצטנ דריטל פונ XIX יאָרהונדערט פאָרגעקומענ א העכערונג פונעמ ארבעטלוינ.

די פארארעמונג פונעמ ארבעטער־קלאס גייט דורכ ניט גלײַכמעסיק, ווײַל די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ ביכלאל איז ניט קיינ גלײַכמעסיקע אנטוויקלונג. די פארארעמונג ווערט אמאָל פארלאנגזאמט, אמאָל פארשטארקט. די צײַטווײַליקע שנעל דורכגייענדיקע פארבעסערונגענ, וואָס קומענ אמאָל פאָר אינ דער לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס, ענדערנ ניט די אלגעמיינע ריכטונג פונ דער באוועגונג. די פארלאנגזאמונג פונ דער פארארעמונג באטײַט ניט, אז זי ווערט אָפּגעשטעלט, באטײַט ניט, אז די פארארעמונג פונעמ ארבעטער־קלאס ווערט פארביטנ מיט א פארבעסערונג פונ זײַנ לאגע.

עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קאמפּ

קאָנ מענ אויב אזוי עפּשער זאָגנ, אז דער קאמפּ פונעמ ארבעטער־קלאס פאר טיילווײַזע פארבעסערונגענ פונ זײַנ לאגע באמ קאפּיטאליזמ — דער קאמפּ פאר העכערנ דעמ ארבעטלוינ, פאר פארקירצנ דעמ ארבעטסטאָג, פאר ארבעטשוצ אאוו. — האָט קיינ זינ ניט! שוינ בעסער אָפּזאָגנ זיכ עפּשער פונ עקאָנאָמישנ קאמפּ און פירנ א קאמפּ מיטאמאָל פאר אראָפּווארפנ דעמ קאפּיטאליזמ!

ווען דער ארבעטער-קלאַס וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון עקאָנאָמישן קאַמף, „וואָלט ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן אינדיפערענטער מאַסע מענטשן, פאַרמישפּעטע אַף הונגער, און קיין זאך וואָלט זיי ניט געקאָנט העלפן... אויב ער וואָלט פּאַכדאַניש נאָכגעגעבן אין זײַנע טאָג-טעגלעכע קאָנפליקטן מיטן קאַפּיטאַל, וואָלט ער דערמיט אָפּגענומען בא זיך די פייִקײַט אָנצוהייבן א גרעסערע באַוועגונג" (מאַרקס, „ארבעטלוין, פּרײַז און רעווע", קאַפּיטל XIV). אָן דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף קעגן אַלע און אַלערליי מאָסמיטלען, וואָס זײַנען געצילט צו פאַרערגערן די לאַגע פונעם ארבעטער-קלאַס, איז דער ארבעטער־קלאַס ניט בעקויעך צו מאָביליזירן און אָרגאַניזירן זײַנע קרעפטן אַף אראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם. אָבער בלויז דער עקאָנאָמישער קאַמף אַליין, דאָס אָפּזאָגן זיך פון פּאָליטישן קאַמף איז ווירקלעך ניט אימשטאַנד צו העלפן דעם ארבעטער־קלאַס, ווײַל מיטן עקאָנאָמישן קאַמף „פאַרהאַלטן די ארבעטער בלויז די אראָפּשטײַג־באַוועגונג, אָבער זיי ענדערן ניט איר ריכטונג; זיי באַנוצן בלויז לי־דערונג־מיטלען, אָבער די קראַנקײַט היילן זיי ניט" (מאַרקס, „ארבעטלוין, פּרײַז און רעווע", קאַפּיטל XIV).

דאָס אָפּזאָגן זיך פון פּאָליטישן קאַמף און דאָס רעדוצירן דעם גאַנצן קאַמף פונעם ארבעטער־קלאַס צום עקאָנאָמישן קאַמף העלפט ניט דעם ארבעטער־קלאַס צו פאַרניכטן די פאַראָרעמונג, נאָר פאַרקערט, דאָס פירט צו נאָך א גרעסערער פאַרפעסטיקונג פונעם קאַפּיטאַל און צו א פאַרשטאַרקונג פון זײַן דרוק, ווײַל אָפּזאָגן זיך פון פּאָליטישן קאַמף הייסט אָפּזאָגן זיך פון אראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם.

די דאָזיקע פראַגע וועגן דער פאַראָרעמונג פונעם ארבעטער־קלאַס באַם קאַפּיטאַליזם און די צווייטע פראַגע, וואָס איז מיט איר ענג פאַרבונדן, — די פראַגע וועגן דער פאַרהעלטעניש פונעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף פונעם ארבעטער־קלאַס האָט לעניִן פאַנאַנדערגעאַרבעט אין העסקעם מיט די אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט אין די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם.

אינעם קאַמף קעגן דעם רוסישן און אינטערנאַציאָנאַלן רעפאָרמיזם און אָפּאָרטוניזם איבער די גרונט־פראַגן פון דער פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער ארבעטער-באַוועגונג האָט לעניִן אַנטוויקלט מאַרקס לערע וועגן דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און וועגן דער פאַראָרעמונג פונעם ארבעטער-קלאַס און האָט מיט אן אומגעהייער רײַכן מאַטעריאַל פונעם פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם באַוויזן דעם וווּקס פון דער אַבסאָליוטער פאַראָרעמונג און די קריטישע לאַגע פונעם ארבעטער־קלאַס באַם קאַפּיטאַליזם. לעניִן האָט געפירט אן אָנראַכמאָנעסדיקן קאַמף סײַ קעגן באַגרענעצן די אויפגאַבע פונעם ארבעטער־קלאַס בלויז מיטן עקאָנאָמישן קאַמף סײַ קעגן איגנאָרירן און ניט דערשאַצן דעם עקאָנאָמישן קאַמף. ער האָט זאָרגזאַם פאַנאַנדערגעאַרבעט די פראַגע וועגן דער פאַרהעלטעניש פונעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף און האָט זי אונטערגעוואָרפן די אַלגעמיינע אויפגאַבן פונעם קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט פאַר אראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם און אײַנשטעלן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, דה. די גרונטיקע סטראַטעגישע און טאַקטישע אויפגאַבן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אַלזאָ, דעם אָדער יענעם באַנעם פון דער פראַגע וועגן דער לאַגע פונעם ארבעטער־קלאַס באַם קאַפּיטאַליזם אַנטשפּרעכן אַבסאָליוט קעגנזײַטלעכע מיי־

נונגענ אפ די אופגאבנ פונעם ארבעטער-קלאס. אינעם פארמילכאָמע־פעריאָד די רעוויזיאָניסטנ אונ איצט די סאָציאַל-פאשיסטנ זאָגנ זיכ אָפּ פונ קלאסנקאמפּ, זיי טרעטנ ארויס פאר א „פּשאָרע" פונעם פּראָלעטאריאט מיט דער בורזשואזיע (דה. אינ דער ווירקלעכקייט פארנ אונטערטעניק מאכנ דעמ פּראָלעטאריאט צו דער בורזשואזיע), זיי טראכטנ אויס פארנ דאָזיקנ ציל א „טעאָריע" וועגנ דעמ, אז עס איז מעגלעכ גרינטלעכ צו פארבעסערנ די לאגע פונעם ארבעטער־קלאס באמ קאפּיטאליזמ. די רעוואָליוציאָנערע מארקסיסטנ־לענינצעס, וואָס גייענ ארויס פונ דער האנאָכע פונ וויסנשאפטלעכנ סאָציאַליזמ, אז באמ קאפּיטאליזמ ווערט דער ארבעטער־קלאס אבסאָליוט פאראָרעמט אונ האָט ניט קיינ אויסוועג פונ דער לאגע, פירנ א קאָנסעקווענטנ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ פאר אראָפּווארפנ דעמ קאפּיטאליזמ, פאר איינשטעלנ די פּראָלעטארישע דיקטאטור מיטנ צוועק אויסצובויענ די קאָמוניסטישע געזעלשאפט.

די אבסאָליוטע, קעסיידער שטייגנדיקע פאראָרעמונג פונעם ארבעטער-קלאס באמ קאפּיטאליזמ איז אנ אויסדרוק פונ דעמ אלצ שארפער ווערנדיקנ ווידערשפּרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוצירונג אונ דער קאפּיטאליסטישער צוייגענונג, צווישנ די געזעלשאפטלעכע פּראָדוקטיוו־קרעפטנ אונ די קאפּיטאליסטישע פּראָדוציר-פארהעלטענישנ. די פאראָרעמונג פונעמ ארבעטער-קלאס—דער דאָזיקער גרונטיקער פּראָדוקטיוו־קראפט פונ דער געזעלשאפט—פארשארפט גלייכצייטיק די ווידערשפּרוכנ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פּראָלעטאריאט, דערפירט ביזנ באוווסטזייַנ פונ די ברייטע מאסנ פונעמ פּראָלעטאריאט, אז די געזעלשאפטלעכע פּראָדוצירונג לאָזט זיכ ניט צונויפּפּאָרנ מיט די קאפּיטאליסטישע פּראָדוציר־פארהעלטענישנ. „עס וואקסט די מאסע דאלעס, יאָכ, פארשקלאפונג, דעגענערירונג אונ עקספּלואטאציע, אָבער גלייכצייטיק וואקסט אויכ דער צאָרנ באמ קעסיידער וואקסנדיקנ אונ געשולטנ ארבעטער־קלאס, וואָס איז פאראייניקט אונ אָרגאניזירט דורכנ מעכאניזמ גופע פונעמ קאפּיטאליסטישנ פּראָדוציר־פּראָצעס" (מארקס, קאפּיטאל, באנד I, זייט 613. מייַנ קורסיוו.—ל. ס.).

דער עצעמ גאנג פונ דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע האָדעוועט, הייסט עס, אויס אונ אנטוויקלט די קראפט, וואָס דארפ מאכנ א סאָפּ צומ קאפּיטאליזמ,—דעמ פּראָלעטאריאט. די בורזשואזיע „שאפט קודעמקאָל אירע אייגענע באגראבער" (מארקס אונ ענגעלס, „קאָמוניסטישער מאניפעסט", זייט 28, פארטיזדאט, 1932 יאָר. מייַנ קורסיוו.—ל. ס.).

6. די סאָציאַליסטישע אָנזאמלונג אונ דער לעבנ-ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס אינ פססר

די סאָציאַליסטישע רעפּראָדוקציע

אזויווי די סאָציאַליסטישע אונ די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע זייַנענ אבסאָליוט קעגנזועצלעכ איינע דער אנדערער, עקזיסטירט אויכ א קארדינאלער אונטערשייד צווישנ דער סאָציאַליסטישער אונ דער קאפּיטאליסטישער רעפּראָדוקציע. די קאפּיטאליסטישע רעפּראָדוקציע

איז א רעפּראָדוקציע פונ די קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ: אפ איינ זייַט ווערט רעפּראָדוצירט די ארבעטקראפט אלס סכוירע, אפ דער צווייטער — דער קאפּיטאל אלס קראפט, וואָס הערשט איבערנ ארבעטער אונ פארשקלאפט אימ. די פארברייטערטע קאפּיטאליסטישע רעפּראָדוקציע — אָדער די קאפּיטאל-אָנזאמלונג — איז דער וווּקס פונ דער מאכט פונעמ קאפּיטאל איבער דער ארבעט אונ באטייַט די פאראָרעמונג פונעמ ארבעטער-קלאס אונ די רויִנירונג פונ די קליינע פּראָדוצירער. גאָר אנ אנדערנ, א קעגנזעצלעכנ כאראקטער האָט די סאָציאליסטישע רעפּראָדוקציע. אזוי ווי אינ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט זייַנענ די פּראָדוצירמיטלענ ניט אנטקעגנגעשטעלט קעגנ דעמ קאָלעקטיוו פּראָדוצירער אלס קראפט, וואָס הערשט איבער אימ, נאָר, פארקערט, זיי זייַנענ אימ אונטערגעוואָרפנ, איז די סאָציאליסטישע רעפּראָדוקציע א קעסיידערדיקע רעפּראָדוקציע פונ די סאָציאליסטישע פּראָדוציר-פארהעלטענישנ. די פארברייטערטע סאָציאליסטישע רעפּראָדוקציע — אָדער די סאָציאליסטישע אָנזאמלונג — באטייַט, אז עס וואקסט די מאכט פונ דער געזעלשאפט איבער די נאטור-קרעפטנ, אז עס וואקסנ די פּראָדוקטיוו-קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט אונ עס ווערנ אלץ מער באפרידיקט די באדערפענישנ פונ דער געזעלשאפט.

אינ דער אָנקלאסעווער סאָציאליסטישער געזעלשאפט שטעלט מיט זיכ פאָר די גאנצע געזעלשאפטלעכע ווירטשאפט אנ אייַנהייטלעכע סאָציאליסטישע ווירטשאפט. דאָ זייַנענ שוינ ניטאָ קיינ קלאסנ אונ עס זייַנענ פולשטענדיק פארניכטעט די סיבעס, וואָס רופנ ארויס די קלאסנ-אונטערשיידנ. אינ דער אָנקלאסעווער סאָציאליסטישער געזעלשאפט באשטייט דעריבער די פארברייטערטע רעפּראָדוקציע דערינ, וואָס עס וואקסט די פּראָדוקציע פונ דער אייַנהייטלעכער סאָציאליסטישער ווירטשאפט.

א סאכ מער קאָמפּליצירט איז דער פּראָצעס פונ דער פארברייטערטער סאָציאליסטישער רעפּראָדוקציע אינעמ איבערגאנג-פּעריאָד צומ סאָציאליזמ. ער אנטהאלט אינ זיכ ניט בלויז די פארברייטערונג פונ דער פּראָדוקציע אינ דעמ שוינ עקזיסטירנדיקנ סאָציאליסטישנ סעקטער, נאָר אויכ די סאָציאליסטישע איבערבויונג פונ די קליינע אונ קלענסטע אינדיווידועלע ווירטשאפטנ אונ דאָס ארויסשטויסנ אונ נאָכדעמ אויכ די ליקווידירונג פונ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ. דער דאָזיקער גאנצער פּראָצעס איז א פּראָצעס פונ שארפנ קלאסנקאמפ צווישנ דעמ פּראָלעטאריאט, וואָס בויט דעמ סאָציאליזמ, אונ די רעשטנ קאפּיטאליזמ פארנ סאָציאליסטישנ אנטוויקלונג-וועג פונ דער קליינער פּויערשער ווירטשאפט.

די פארניכטונג פונ די פּאראזיטישע קלאסנ, די פארניכטונג פונ דער קאפּיטאליסטישער אנארכיע אונ דער וווּקס פונ דער פּלאנישער ווירטשאפט, דער וווּקס פונ דער ארבעט-פּראָדוקטיוויקייַט אפ דער באזע פונ סאָציאליסטישנ געוועט אונ שלאָגלערייַ, די קאָלעקטיוויזירונג פונ דער לאנדווירטשאפט — די דאָזיקע אלע פאָרצוגנ פונ דער סאָוועטישער ווירטשאפטלעכער אָרדענונג זייַנענ די סיבע דערפונ, וואָס שוינ אינעמ איבערגאנג-פּעריאָד אנטוויקלט זיכ די פארברייטערטע סאָציאליסטישע רעפּראָדוקציע מיט א סאכ העכערע טעמפּנ, איידער די פארברייטערטע קאפּיטאליסטישע רעפּראָדוקציע.

די טעמפּנ פונ דער סאָציִאליס־טישער אָנ־זאמלונג

די באזע פונ דער סאָציִאליסטישער אָנזאמלונג אונ צוזאמענ דערמיט פונ דער סאָציִאליסטישער רעקאָנסטרוקציִע פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט פונ פססר איז די סאָציִאליסטישע אינדוסטריִאליזאציִע. דער אנטשיידנדיקער עטאפּ פונ דער סאָציִא־ליסטישער אינדוסטריִאליזאציִע איז דאָס פארווירקלעכנ דעם ערשטנ פינפיאָריקנ פּלאנ, וואָס זײַנ גרונט־אופגאבע איז געווענ „צו שאפנ אנ אייגענע פאָרויסגעשריטענע טעכנישע באזע בא דער סאָציִאליסטישער רעקאָנ־סטרוקציִע פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט״ (רעזאָליוציִע פונעם פאריײניקטנ פּלענום פונ צק אונ צקק אלקפּ(ב), יאנוואר 1933 יאָר). די דאָזיקע אופּ־גאבע איז אויסגעפילט געוואָרנ ניט אינ פינפ, נאָר אינ פיר יאָר. דערבײַ איז די גרונט־פראגע אינעם גאנצנ קאמפּ פונ דער פּארטיי פאר פארווירקלעכנ דעם פינפ־יאָריקנ פּלאנ געווענ די פראגע וועגנ די טעמפּנ פונ דער אינדוסטריִאליזאציִע אונ פונ דער סאָציִאליסטישער אָנזאמלונג.

די גאנצע צווישנפעלקערלעכע אונ אינערלעכע סיטואציִע האָט דיקטירט שנעלע אינדוסטריִאליזאציִע־טעמפּנ אלס גרונט־באדינג צו פארווירקלעכנ דעם פינפיאָר. דער וווּקס פונעם סאָציִאליזמ אינ פססר, וואָס באווײַזט פאקטיש דעם פאָרצוג פונעם סאָציִאליזמ איבערנ קאפּיטאליזמ אונ וואָס רעוואָליוציִאָניזירט די צאָלרײַכע מאסנ ארבעטער אונ ארבעטנדיקע אינ די אימפּעריִאליסטישע אונ קאָלאָניִאלע לענדער, שאפט א טויט־געפאר פארנ וועלט־אימפּעריִאליזמ. דעריבער איז אבסאָ־ליוט אומפארמײַדלעכ א פּרווו פונ די אימפּעריִאליסטנ אָנצופאלנ אפנ ערשטנ לאנד, ווו עס בויט זיכ דער סאָציִאליזמ. פונדאנענ איז געדרונגענ, אז די פּארטיי האָט געמוזט פירנ א פּאָליטיק פונ די סאמע פארשנעלערטע אינדוסטריִאליזאציִע־טעמפּנ מיטנ צוועק צו שאפנ א מעכטיקע טעכנישע באזע אפ איבערצובויענ סאָציִאליסטיש די גאנצע ווירטשאפט אונ פארפעסטיקנ די שוצפייִקײַט פונ לאנד.

דער שנעלער אינדוסטריִאליזאציִע־טעמפּ אינעם פעריִאָד פונ ערשטנ פינפיאָר איז דיקטירט געוואָרנ אויכ דורכ דער גאנצער סיטואציִע פונעם קלאסנקאמפּ אינ לאנד גופא. קעדיי דורכצופירנ די סאָציִאליסטישע איבערבויונג פונ דער קלײנ־פויערשער ווירטשאפט אונ ליקווידירנ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ, קעדיי צו פארניכטנ דעמ סאמע באָדנ, וואָס געבוירט קאפּיטאליזמ, איז נייטיק געווענ צו שאפנ א מעכטיקע באזע פונ גרויסער טעכניק פאר דער לאנדווירטשאפט אונ דערבײַ שאפנ זי אינ דעמ כאמע קורצנ טערמינ. אינ קעגנפאל וואָלט זיכ פאר־שטארקט די קאפּיטאליסטישע טענדענצ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער פויערשער ווירטשאפט אונ עס וואָלט אנטשטאנענ א געפאר, אז עס זאָלנ באדײַטנדיק אויס־וואקסנ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ אינ לאנד.

„מע קאָנ ניט אָנ א סאָפ, ד.ה. אינ פארלויפ פונ א צו לאנגנ צײַט־פעריִאָד באזירנ די ראטנמאכט אונ די סאָציִאליסטישע בויונג אפ צוויי פארשיידענע יעסוידעס, אפנ יעסאָד פונ דער גרעסטער אונ פאריײניקטער סאָציִאליסטישער אינדוסטריִע אונ אפנ יעסאָד פונ דער סאמע צעברעקלטער אונ אָפּגע־שטאנענער קלײנ־סכוירעדיקער פויערשער ווירטשאפט״ (סטאלינ, „פראגעס פונ לעניניזמ״).

דער שנעלער אינדוסטריִאליזאציע-טעמפּ איז געווענ די באזע פֿונעם ניצאָכנ פֿונ אַלוועלטלעכ־היסטאָרישער באַדײַטונג, וואָס מיר האָבנ אָפּגעהאלטנ אינ רעזולטאט פֿונ פֿאַרווירקלעכנ דעמ ערשטנ פֿינפֿיאָר אינ פֿיר יאָר, פֿונעמ ניצאָכנ, וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט דערינ, אַז די פֿראגע „ווער — ווועמענ?“ איז געלייזט געוואָרנ ענדגילטיק לעטוויוועס דעמ סאָציִאליזמ סײַ אינ שטאָט און סײַ אינ דאָרפֿ, חאָס עס זײַנענ צעגראָמירט געוואָרנ די רעשטלעכ עקספּלואטאטערישע קלאסנ און די שוצפֿײיִקײַט פֿונעמ לאנד איז אופֿגעהויבנ געוואָרנ אַפֿ אַזא הייכ, וואָס דערלויבט אונדז צו געבנ דעמ געהעריקנ ווידערשטאנד די אָנפֿאלנ פֿונ די אימפּעריִאליסטנ.

דער דאָזיקער ניצאָכנ וואָלט געווענ אומעגלעכ, ווענ די פּארטיי וואָלט ניט צעגראָמירט סײַ דעמ טראָצקיזמ, וואָס איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דער פּאָליטיק פֿונ דער פּארטיי צוערשט אונטער דער מאסקע פֿונ „לינקע“ פֿראזעס וועגנ „איבער־אינדוסטריִאליזאציע“ און נאָכדעמ אָפֿנ קעגנ די שנעלע אינדוסטריִאליזאציע־טעמפּנ, סײַ דעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ, וואָס האָט געפֿאָדערט אראָפּצוזעצנ די אינדוסטריִאליזאציע־טעמפּנ.

ווענ די פּארטיי וואָלט ניט דורכגעפֿירט די שנעלע אינדוסטריִאליזאציע־טעמפּנ, וואָלט ניט נאָר ניט אויסגעפֿילט געוואָרנ דער ערשטער פֿינפֿיאָר, נאָר עס וואָלט זיכ פֿארשטארקט פֿאר פֿססר זײַנ עקאָנאָמישע אָפּהענגיקײַט פֿונ דער קאפּיטאליסטישער וועלט, עס וואָלטנ זיכ פֿארשטארקט די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ אינ לאנד און די שוצפֿײיִקײַט פֿונעמ לאנד וואָלט געווענ אבסאָליוט ניט קײנ גענוגע אַפֿ צו געבנ א ווידערשטאנד דעמ באוואָפֿנטנ אָנפֿאל פֿונ די אימפּעריִאליסטנ.

„די מענטשנ, וואָס פּלוידערנ וועגנ דער נייטיקײַט אראָפּצוזעצנ די אנטוויקלונג-טעמפּנ פֿונ אונדזער אינדוסטריע, זײַנענ סאָנימ פֿונעמ סאָציִאליזמ, אגענטנ פֿונ אונדזערע קלאסנ־סאָנימ“ (סטאלינ, פּאָרטראָג אַפֿנ XVI פּארטיי־צוזאמענפֿאָר).

דאָס אויספֿילנ דעמ ערשטנ פֿינפֿיאָר אינ פֿיר יאָר האָט געמאכט מעגלעכ און נייטיק וויניקער פֿארשנעלערטע וווקס־טעמפּנ פֿונ דער אינדוסטריִעלער פּראָדוקציע. ערשטנס, איז אונטערגעפֿירט געוואָרנ א נײַע טעכנישע באזע אונטער דער גאנצער פֿאָלקווירטשאפֿט און עס איז פֿארפֿעסטיקט געוואָרנ די שוצפֿײיִקײַט פֿונעמ לאנד. דאָס גיט א מעגלעכקײַט צו נעמענ וויניקער שנעלע טעמפּנ פֿארנ צוווּקס פֿונ דער פּראָדוקציע. צווייטנס, אלס רעזולטאט פֿונ אויספֿילנ דעמ ערשטנ פֿינפֿיאָר פֿאלט די גרונט־מאסע אינדוסטריִעלע פּראָדוקציע אַפֿ די נײַ געשאפֿענע אונטערנעמונגענ מיט א פֿאָרויסגעשריטענער טעכניק. דעריבער האָט זיכ געשטעלט א נײַע אופֿגאבע צו באהערשנ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ, וואָס לייזנ זי וואָלט געווענ אומעגלעכ, ווענ עס ווערנ אײַנגעהיט די פֿריִערדיקע וווקס־טעמפּנ.

אויב דער יערלעכער צוווּקס פֿונ דער אינדוסטריִעלער פּראָדוקציע האָט אינ פֿארלויפֿ פֿונעמ ערשטנ פֿינפֿיאָר באטראָפֿנ דורכשניטלעכ 22%, וועט ער אינ צווייטנ פֿינפֿיאָר באטרעפֿנ דורכשניטלעכ 16,5%.

די צוווקס-טעמפּנ פונ דער פּראָדוקציע אינעם ערשטנ פינפיאָר, אזוי אויכ די צוווקס-טעמפּנ פונעמ צווייטנ פינפיאָר שטייַגנ באדייַטנדיק אריבער די אנטוויקלונג־טעמפּנ פונעמ קאפּיטאליזמ: אינ די „בעסטע יאָרנ“ פונ דער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ ביז דער מילכאָמע, ווענ ער איז נאָכ ניט אריַינגעטראָטנ אינעם פּעריאָד פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס, האָט דער צוווקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע ניט באטראָפנ מער ווי 6 פּראָצ. דורכשניטלעכ.

אינ פארלויפ פונעמ ערשטנ פינפיאָר איז אריַינגעלייגט געוואָרנ אינ דער אינדוסטריע 25 מיליארד רובל, אונ אינעמ צווייטנ פינפיאָר וועט אריַינגעלייגט ווערנ 69,5 מיליארד רובל.

דער דאָזיקער גאנצער קאָלאָסאלער וווקס פונ דער סאָציאליסטישער אָנזאמלונג בילדעט דעמ יעסאָד פאר אופהייבנ דעמ לעבנ־ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ.

דער לעבנ־ניוואָ פונעם ארבעטער־קלאס

אינ קעגנזאצ צו דער קאפּיטאל־אָנזאמלונג, וואָס ברענגט צו דער פאראָרעמונג פונעמ ארבעטער־קלאס אונ צומ פאלנ פונ זייַנ לעבנ־ניוואָ,—איז די סאָציאליסטישע אָנזאמלונג די באזע פארנ אופשטייַג פונעמ לעבנ־ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונ די ברייטע ארבעטנדיקע מאסנ.

מיר האָבנ שוינ אינעמ פערטנ קאפּיטל באוויזנ, אז די לאגע פונעמ ארבעטער אינ עצעמ פּראָצעס פונ דער פּראָדוקציע אונטערשיידט זיכ בא אונדז גרינטלעכ פונ זייַנ לאגע אינ דער קאפּיטאליסטישער פאבריק. מיר וועלנ אצינד ברענגענ אנדערע אָנגאבנ, וואָס כאראקטעריזירנ דעמ לעבנ-ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס אינגאנצנ גענומענ.

באמ קאפּיטאליזמ מאכט דער ווקס פונ דער אָנזאמלונג אפ דער באזע פונעמ אופשטייַג פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפּיטאל פאר איבערפליסיק אנ אלצ גרעסערנ טייל פונעמ ארבעטער-קלאס. „די ארבעטער־באפעלקערונג, וואָס פּראָדוצירט די קאפּיטאל-אָנזאמלונג, פּראָדוצירט דערמיט גופע אינ אנ אלצ שטייַגנדיקער מאָס די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס מאכנ זי פאר א פארהעלטנישמעסיק איבערפליסיקער באפעלקערונג“ (מארקס, „קאפּיטאל“, באנד I, זייַט 502). בא אונדז אָבער איז אזא לאגע אויסגעשלאָסנ אַליב דער עצעמ סיסטעמ פונ אונדזער ווירטשאפט. דורכפירנדיק א ברייטע מעכאניזירונג פונ די פּראָדוציר־פּראָצעסנ, פארבייַטנ מיר די מענטשלעכע ארבעט מיט דער מאשינ. די ארבעטקראפט, וואָס ווערט באפרייַט, ווערט באנוצט אפ אנטוויקלענ נייַע פּראָדוקציע־צווייַגנ. די ארבעטלאָזיקייַט, וואָס איז בא אונדז נאָכ געווענ אינ 1928—1929 יאָרנ, איז געווענ א רעזולטאט פונ דער דיפערענציאציע אינעמ פויערטומ. אָבער זינט מיר זייַנענ אריבער צו א ברייטער סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע פונ דער גאנצער ווירטשאפט, פונ דעמ מאָמענט אָנ, ווענ מיר זייַנענ פונ באגרענעצנ אונ ארויסשטויסנ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ אינ דאָרפ אריבערגעגאנגענ צומ ליקווידירנ דאָס באלעגופנטומ אלס קלאס אפ דער באזע פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע, האָבנ מיר פארניכטעט דעמ עצעמ קוואל פונ דער ארבעטלאָזיקייַט אונ האָבנ זי ליקווידירט ענדגילטיק אונ אפ אלעמאָל. שוינ אינ 1930 יאָר איז

ניט געווענ קיינ ארבעטלאָזיקײַט. דאָס איז איינער פונ די גרונטיקע סאכאקלענ פונעמ ערשטנ פינפיאָר, וואָס האָט אנ אלוועלטלעכ־היסטאָרישע באַדײַטונג.

באמ קאפיטאליזמ דינט די רעזערוו־ארמיי אלס געצײַג בא דער בורזשואזיע אינ די הענט אפ אראָפּזעצנ דעמ ארבעטלוינ. בא אונדז איז דער ארבעטלוינ קעסיידער געשטיגנ אפילע דאנ, ווענ די ארבעטלאָזיקײַט איז נאָכ ניט געווענ ליקווידירט.

באמ קאפּיטאליזמ איז די גרונט־טענדענצ פונ דער באוועגונג פונעמ ארבעטלוינ צו פאלנ נידעריקער, איידער דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט, דה. א סיסטעמאטישע אונ שטײַגנדיקע ניט־אופשטעלונג פונ דער ארבעטקראפט אינ דער פולער מאָס, א פארקירצונג פונ דעמ דורכשניטלעכנ דויער פונעמ ארבעטערס לעבנ. אינ פססר איז די סאָציאליסטישע אָנזאמלונג פארבונדנ מיט דער שטײַגנדיקער באפרידיקונג פונ די גיכ וואקסנדיקע באדערפענישנ.

דער דורכשניטלעכער יאָריקער אינדיווידועלער ארבעטלוינ פונ די ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע אינ דער גרויס־אינדוסטריע איז געשטיגנ פונ 1929 בינ 1932 יאָר אפ 67%.

וואָס איז שײַעכ דעמ פארגעזעלשאפטלעכטנ ארבעטלוינ, באווײַזט ער אויכ א באַדײַטנדיקנ וווקס. אזוי האָט זיכ דער בודזשעט פונ דער סאָציאלער סטראכירונג פארגרעסערט פונ 1050 מיליאָנ רובל אינ 1928 יאָר ביז 4120 מיליאָנ רובל אינ 1932 יאָר. די צאָל מענטשנ, וואָס מע האָט געשיקט אינ אָפּרו־הײַזער אונ סאנאטאָריעס, האָט זיכ פארגרעסערט פונ 0,5 מיליאָנ מענטשנ אינ 1928/29 ביז 2,3 מיליאָנ מענטשנ אינ 1932 יאָר. געזונט־פּונקטנ אינ די אונטערנעמונגענ איז אינ 1928 יאָר געווענ 1580, אונ אינ 1932 יאָר—5674. די אויסגאבנ אפ ארבעטשוצ אונ געפארלאָזיקײַט־טעכניק זײַנענ אויסגעוואָקסנ פונ 57 מיליאָנ רובל אינ 1928 יאָר ביז 169,5 מיליאָנ רובל אינ 1932 יאָר.

באַדײַטנדיקע ענדערונגענ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפטלעכער דערנערונג: די נעצ גאָרקיכנ האָט זיכ פארגרעסערט פונ 1855 אינ 1928 יאָר ביז 16 698 אינ 1932 יאָר אונ זייער דורכלאָז־פייִקײַט איז אויסגעוואָקסנ פונ 589,6 טויזנט ביז 31774 טויזנט מיטיקנ א טאָג.

די אויסגאבנ אפ וווינונג־בויונג אונ קאָמונאלער בויונג, אפ שולנ, שפּיטאָלנ, יאסליעס, בעדער אאוו. האָבנ זיכ פארגרעסערט פונ 3 371 מיליאָנ רובל אינ 1927/28 יאָר ביז 9 733 מיליאָנ אינ 1932 יאָר.

צולעצט, דער שטורמישער אופשטײַג פונעמ קולטור־ניוואָ פונ די מאסנ: דער וווקס פונעמ פּראָצענט שריפטקענעוודיקע פונ 50 אינ 1926 יאָר ביז 90 אינ 1933 יאָר, דאָס אײַנפירנ אלגעמיינע אָנפאנג־בילדונג, דער וווקס פונ דער צאָל הויכשולנ אונ פונ דער צאָל סטודענטנ אינ זיי, דער וווקס פונ יעדנ מינ לערע אינ די אונטערנעמונגענ, דער מאסנווער אופשטײַג פונ דער ארבעטער־קוואליפיקאציע, דער וווקס פונ דער פּראָלעטארישער פּראָדוציר־טעכנישער אינטעליגענצ, די מאסנווע פּרעסע, וואָס דריקט זיכ אויס אינ 33 מיליאָנ עקז. צײַטונגענ, דער וווקס פונ דער ארמיי ארבקאָרנ אאוו. אאוו., — אָט דאָס צלצ באטײַט אזא שנעלנ מאסנווונ אופשטײַג פונעמ קולטור־ניוואָ, וואָס האָט ניט

צו זיכ קיינ גלײַכנ אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט. מיט אַלע מינימ לערע זײַנענ אינ פססר ארומגעכאפט אינ 1932 יאָר ביז 80 מ י ל י אָ נ מ ע נ ט ש נ. דאָס איז א קולטור־רעוואָליוציע אינ ווירקלעכנ זינ פונ וואָרט.

איינער פונ די סאמע בולטע צײַגער פונעמ שנעלנ אופשטײַג פונ לעבנ־ניוואָ בא די מאסנ איז דאָס פאלנ פונ דער שטערבלעכקײַט. אינ פארגלײַכ מיטנ 1913 יאָר איז די שטערבלעכקײַט פונ דער באפעלקערונג אינ פססר געפאלנ אפ 31,5% אינ 1931 יאָר. נאָכ מער באדײַטנדיק איז געפאלנ די שטערבלעכקײַט אינ די גרונטיקע פראָלעטארישע צענטערס: אינ מאָסקווע—אפ 40,8%, אינ איוואנאָוואָ—אפ 41,8%, אינ יאראָסלאוול—אפ 52,8%.

נאָכ א גרעסערער אופשטײַג פונעמ לעבנ־ניוואָ פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונ די ארבעטנדיקע דארפ פאָרקומענ אינעמ צווייטנ פינפיאָר. דער רעאלער ארבעטלוינ דארפ זיכ פארגרעסערנ צומ 1937 יאָר אינ צוויי מאָל אינ פארגלײַכ מיטנ 1932 יאָר. די מעלוכע־אויסגאבנ אפ סאָציאלער סטראכירונג, אפ בילדונג, אפ געזונט־פארהיטונג אונ קולטור־שטייגערישער באדינונג פונ די ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע וועט זיכ פארגרעסערנ מער ווי אינ צוויי מאָל פארנ פינפיאָר. דאָס ארומכאפנ מיט געזעלשאפטלעכער דערנערונג די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע אינ שטאָט אונ דאָרפ וועט זיכ פארגרעסערנ אינ צוויי א האלב מאָל. די אויסגאבנ אפ וווינונג־בויונג וועלנ באטרעפנ 12,5 מיליארד רובל, דה. אינ דרײַ מאָל מער, איידער אינעמ ערשטנ פינפיאָר. שטארק וועט אויסוואקסנ די נעצ אנשטאלטנ פאר דער קולטורעלער באדינונג פונ די מאסנ. די אלגעמיינע סומע אויסגאבנ אפ אַלע מינימ סאָציאל־קולטורעלער בויונג וועט אינעמ צווייטנ פינפיאָר באטרעפנ בא 80 מיליארד רובל — א סומע, וואָס איז מער ווי אינ דרײַ מאָל איידער די אנטשפרעכיקע אויסגאבנ פארנ ערשטנ פינפיאָר.

באמ קאפיטאליזמ „איז די אָנזאמלונג פונ רײַכטומ אפ איינ פאָליוס אינ דער זעלבער צײַט אָנזאמלונג פונ דאלעס, ארבעט־פײַנ, שקלאפערײַ, אמעראצעס, פארווילדערונג אונ מאָראלישער דעגראדאציע אפנ קעגנזעצלעכנ פאָליוס" (מ א ר ק ס, קאפיטאל, באנד I, זײַט 515). בא אונדז געהערט דאָס רײַכטומ, וואָס דער ארבעטער־קלאס אונ דאָס קאָלווירטישע פויערטומ שאפנ, דער געזעלשאפט גופע, אָבער ניט די קאפיטאליסטנ, דעריבער ווערט אפ דער באזע פונ דער סאָציאליסטישער רעפראָדוקציע ליקווידירט דער דאלעס אונ עס שטײַגט דער וווילשטאנד פונ די מאסנ. אָט דאָס אַלצ באטײַט, אז די ארבעט ווערט פארלײַכטערט, אז עס ווערט פארניכטעט די שקלאפערײַ, דאָס באטײַט פרײַע ארבעט, ארבעט פאר זיכ, א מעכטיקנ אופשטײַג פונעמ מאטעריעלנ אונ קולטורעלנ ניוואָ אונ פונ די שעפערישע פײַיקײַטנ פונ די מאסנ.

די פאָרמענ פונ קאפּיטאל
אונ די פאָרמענ פונ מערווערט

1. די טײלונג פונ קאפּיטאל אפּ באזונדערע פאָרמענ

מיר האָבנ באטראכט אינ די פאָריקע קאפּיטלענ די גרונטיקע פּראָדוציר־פארהעלטעניש פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט—די פארהעלטעניש צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פּראָלעטאריאט. באמ דערלערנענ מארקס מערווערט-טעאָריע האָבנ מיר גענומענ די אינדוסטריעלע בורזשואזיע, אזוי צו זאָגנ, אלס פאָרשטייער פונ דער *גאנצער* בורזשואזיע אונ האָבנ זיכ אבסטראהירט פונעמ פאקט, אז עס עקזיסטירנ אנדערע גרופּעס בורזשואזיע, וואָס זייער קאפּיטאל איז ניט אריינגעלייגט דירעקט אינ דער פּראָדוקציע. אזא באטראכטונג איז געווענ אונ פארבלײבט ריכטיק: וואָסערע פאָרמענ דער געזעלשאפטלעכער קאַפּיטאל זאָל ניט אָנעמענ (אינדוסטריעלער קאפּיטאל, האנדל־קאפּיטאל, קרעדיט־קאפּיטאל) איז דער עקאָנאָמישער מעהוס פונ קאפּיטאליזמ אונ זײַנ באזע די *פּראָדוצירונג* פונ מערווערט; פונ וואָסערע גרופּעס די בורזשואזיע זאָל ניט באשטײנ, איז די באזע פונ איר עקזיסטענצ די עקספּלואטאציע פונ דער *לוינ־אַרבעט*. דער יעסאָד פונ די פארהעלטענישנ אינעמ עקספּלואטאטערישנ קלאס איז די עקספּלואטאציע פונ פּראָלעטאריאט.

אָבער דערפונ, וואָס די גרונטיקע פּראָדוציר-פארהעלטעניש פונ קאפּיטאליזמ זײַנענ די פארהעלטענישנ צווישנ דעמ ארבעטער־קלאס אונ דעמ קלאס קאפּיטאליסטנ אינגאנצנ גענומענ, איז ניט ריכטיק צו מאכנ דעמ אויספיר, אז אונדז דארפ ניט אינטערעסירנ די פארהעלטענישנ אינווייניק אינעמ עקספּלואטאטערישנ קלאס. דער רעוואָ יוציאָנערער פּראָלעטאריאט קאָנ באזיגנ די בורזשואזיע בלויז ביטנײַ, אויב עס וועט ווי געהעריק אויסגענוצט ווערנ „יעטווידער, זאָל זײַנ אפילע דער קלענסטער „שפּאלט“ צווישנ די סאָנימ, יעטווידער קעגנזאצ פונ די אינטערעסנ צווישנ דער בורזשואזיע פונ פארשיידענע לענדער, צווישנ די פארשיידענע גרופּעס אונ מינימ בורזשואזיע אינ די באזונדערע לענדער“ (*לענינ*, באנד XXV, זײַט 211). קעדיי צו קענענ אויסנוצנ די אינערלעכע ווידערשפּרוכנ פונ דער בורזשואזיע, דארפ מענ וויסנ זייער כאראקטער אונ די סיבעס, וואָס רופנ זיי ארויס.

די ערשטע אונ גרונטיקע פראגע, וואָס דארפ געשטעלט ווערנ באם דערלערנענ די פארהעלטענישנ אינ דער בורזשואזיע, באשטייט אָט אינ וואָס: פארוואָס באשטייט ביכלאל די בורזשואזיע פונ פארשיידענע גרופעס? דאָס טיילנ זיכ פונ דער בורזשואזיע אינ גרופעס נעמט זיכ ניט פונ צופעליקע סיבעס, פונקט אזוי ווי ניט צופעליק עס איז די עקזיסטענצ גופע פונ דער בורזשואזיע.

דער קאפיטאליזמ איז א באשטימטע געזעלשאפטלעכע פאָרמ פונ פראָדוציר־פראָצעס. נעמלעכ, אזא פאָרמ, וואָס בא איר אנטוויקלענ זיכ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט ניט קעדיי צו באפרידיקנ די באדערפענישנ פונ דער געזעלשאפט, נאָר מיטנ ציל אָנ א שיר צוצוייגענענ אונ אָנזאמלענ פרעמדע ניט באצאָלטע ארבעט. באם קאפיטאליזמ „עקזיסטירט דער ארבעטער אפ צו פארגרעסערנ די שוינ פאראנענע ווערטנ" (מ א ר ק ס, קאפיטאל, באנד I, זייט 493).

די אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט קומט פאָר באם קאפיטאליזמ אינ דער פאָרמ פונ עקספלואטירנ דעמ ארבעטער־קלאס דורכ דער בורזשואזיע מיטנ צוועק קעסיידער צו פארגרעסערנ די ווערטנ, וואָס זיינענ שוינ בא איר פאראנ, ד. ה. אינ דער פאָרמ פונ קאפיטאל־באוועגונג. „אלס באוווסטזיניקער טרעגער פונ דער דאָזיקער באוועגונג (קאפיטאל־באוועגונג. — ל. ס.), ווערט דער געלט־באזיצער א קאפיטאליסט. זיינ פערזענלעכקייט, אָדער פינקטלעכער זיינ קעשענע — אָט דאָס איז דער פונקט, פונוואנענ עס גייט ארויס אונ וווהינ עס קערט זיכ אומ דאָס געלט" (מ א ר ק ס, קאפיטאל, באנד I, ז. 98). דער קאפיטאליסט איז „פערזאָניפיצירטער קאפיטאל, וואָס איז באגאבט מיט ווילנ אונ באוווסטזיינ" (ד אָ ר ט). די סיבעס, פארוואָס די בורזשואזיע טיילט זיכ אפ באזונדערע גרופעס, דארפנ מיר דעריבער זוכנ אינ די באדינגונגענ גופע פונ דער קאפיטאל־באוועגונג.

די קאפיטאל־באוועגונג אונ אירע פאָרמענ

די קאפיטאל-באוועגונג הייבט זיכ אָנ דערפונ, וואָס דער קאפיטאליסט קויפט די פראָדוציר־מיטלענ אונ די ארבעטקראפט. לאָמיר זאָגנ, אז ער האָט געקויפט פאר 4000 רובל פראָדוציר־מיטלענ אונ אפ 1000 רובל ארבעטקראפט. די דאָזיקע געלט־סומע 5000 רובל, וואָס ער לאָזט אינ אומזאצ, שטעלט מיט זיכ פאָר א באשטימטנ וועיט, וואָס האָט פאר איר ציל־באשטימונג פונ אָנהייב אָנ צו פארוואנדלט ווערנ אינ א גרעסערנ ווערט. דאָס איז קאפיטאל אינ דער פאָרמ פונ געלט אָדער געלט־קאפיטאל. אזוי אז *אינ אָנהייב פונ זיינ באוועגונג עקזיסטירט דער קאפיטאל אינ דער פאָרמ פונ געלט־קאפיטאל.*

נאָכ דעמ, ווי דער קאפיטאליסט האָט געקויפט די פראָדוציר־מיטלענ אונ די ארבעטקראפט, עקזיסטירט שוינ זיינ קאפיטאל ניט אינ דער פאָרמ פונ געלט, נאָר אינ אזא פאָרמ, וואָס אינ איר קומט פאָר דער דירעקטער צוווּקס פונ ווערט דורכ דער *פראָדוצירונג* פונ מערווערט. די דאָזיקע פאָרמ איז די פאָרמ פונ *פראָדוציר-קאפיטאל*, וואָס „האָט די אייגנשאפט צו פונקציאָנירנ אלס שעפער פונ ווערט אונ מערווערט" (מ א ר ק ס, קאפיטאל, באנד II, זייט 3).

די ערשטע סטאדיע פונ דער קאפיטאל־באוועגונג איז אזוי־ארומ די, ווענ דער קאפיטאל ווערט פונ דער פאָרמ פונ געלט־קא־

פיטאל פארוואנדלט אין דער פאָרם פון פראָדוקטיוון קאפיטאל.
אויב מיר וועלן מיטן אָס ג באצייכענען דעם קאפיטאל אין זיין געלט־פאָרם און מיט די בוכשטאבן ס < אק/פמ וועלן מיר באצייכענען די סכוירעס (ס), וואָס דער קאפיטאליסט האָט געקויפט און וואָס באשטייען פון ארבעטקראפט (אק) און פראָדוציר־מיטלען (פמ), קאָנען מיר די ערשטע סטאדיע פון דער קאפיטאל־באוועגונג אויסדריקן מיט דער פאָרמולע: ג—ס < אק/פמ. די דאָזיקע סטאדיע פון דער קאפיטאל־באוועגונג גייט דורך אין דער צירקוליאציע־ספער, אפן מארק.

נאָך דער דאָזיקער סטאדיע ווערט דער צירקוליאציע־פראָצעס איבערגעריסן און עס הייבט זיך אָן דער פראָדוציר־פראָצעס, וואָס אין אים קומט פאָר די דירעקטע פארגרעסערונג פונעם ווערט. לאָמיר זאָגן, אז דער געשאפענער מערווערט באטרעפט 1000 רובל. ווען דער פראָדוציר־פראָצעס ענדיקט זיך, איז פאראן א באשטימטע מאסע סכוירעס, וואָס באטרעפן 6000 רובל. דער קאפיטאל עקזיסטירט שוין ניט אין דער פאָרם פון פראָדוציר־מיטלען און ארבעטקראפט, נאָר אין דער פאָרם פון אנדערע סכוירעס, וואָס שליסן איין ניט בלויז דעם אָנפאנגלעכן ווערט פון קאפיטאל, נאָר אויך דעם מערווערט. אָט דאָס איז קאפיטאל אין דער סכוירע־פאָרם אָדער סכוירע־קאפיטאל.

די צווייטע סטאדיע פון דער קאפיטאל־באוועגונג אָדער די צווייטע פארוואנדלונג, וואָס דער קאפיטאל מאכט דורך אין זיין באוועגונג, איז, אזויארום, די פארוואנדלונג פונעם פראָדוקטיוון קאפיטאל אין סכוירע־קאפיטאל. די דאָזיקע סטאדיע גייט דורך ניט אין דעם צירקוליאציע־פראָצעס, נאָר אינעם פראָדוציר-פראָצעס. לאָמיר באצייכענען מיטן אָס פּ דעם פראָדוקטיוון קאפיטאל, וואָס פונקציאָנירט אינעם פראָדוציר־פראָצעס, מיטן אָס ס' — דעם סכוירע־קאפיטאל און מיט פונקטן (...) דעם איבערייס אין דעם צירקוליאציע־פראָצעס. דאן קאָן די צווייטע סטאדיע אויסגעדריקט ווערן אף אזא אופן: ס < אק/פמ ...פּ...ס'

דער קאפיטאליסט האָט אזויארום פארגרעסערט דעם ווערט, וואָס ער האָט געלאָזט אין אומזאץ. ער באזיצט דעם אָנפאנגלעכן ווערט פונעם קאפיטאל (5000 רובל) און דעם מערווערט (1000 רובל). אָבער דער קאפיטאליסט קאָן זיך ניט באנוגענען דערמיט, ווייל זיין קאפיטאל און דער ניט־באלוינטער ווערט, וואָס ער האָט פארייגנט, עקזיסטירן אין אזא נאטור־פאָרם, בא וועלכער ער קאָן זיי ניט געברויכן. אויב דער דאָזיקער קאפיטאליסט פראָדוצירט, לאָמיר זאָגן, גארן, עקזיסטירט זיין קאפיטאל נאָכן פארענדיקן דעם פראָדוציר־פראָצעס און דער געשאפענער מערווערט אין דער פאָרם פון גארן. ער קאָן ניט געברויכן דעם גארן ניט אלס עקזיסטענץ־מיטל און ניט אף פראָדוצירן גארן. ער דארף פארוואנדלען די פראָדוצירטע סכוירע אין געלט און אף אזא אופן רעאליזירן אי דעם ווערט פון קאפיטאל אי דעם מערווערט. דעריבער פארענדיקט זיך ניט די קאפיטאל־באוועגונג מיטן פארוואנדלען דעם פראָדוקטיוון קאפיטאל אין סכוירע־קאפיטאל. עס איז נאָך נייטיק א דריטע סטאדיע פון קאפיטאל־באוועגונג — די

פאַרוואַנדלונג פֿון דעם סכוירע־קאַפּיטאַל אין געלט־קאַפּיטאַל. די דאָזיקע דריטע סטאַדיע, פּונקט אַזוי ווי די ערשטע, גייט דורך אינעם צירקוליאַציע־פּראָצעס. זי קאָן אויסגעדריקט ווערן אָפּ פֿאָלגנדיקן אויפֿן: ס'—ג'.

דער קרייזלויף פֿון קאַפּיטאַל און די רעפּראָדוצירונג פֿון קאַפּיטאַל

די גאַנצע קאַפּיטאַל-באַוועגונג, גענומענע אין אַלע אירע סטאַדיעס, דריקט זיך אויס מיט דער פֿאָרמולע:

ג—ס < אק / פמ . . . פּ . . . ס'—ג'

אומאָפּהענגיק דערפֿון, צי דער קאַפּיטאַליסט פֿאַרברויכט דעם גאַנצן מערווערט (איינפֿאַכע רעפּראָדוצירונג), אָדער ער פֿאַר־וואַנדלט אים טיילווייז אָדער אינגאַנצן אין קאַפּיטאַל (פֿאַרברייטערטע רעפּראָדוצירונג, אָנזאַמלונג), — נעמט אָן זיין קאַפּיטאַל צום סאָף באַוועגונג די זעלבע פֿאָרם, וואָס ער האָט געהאַט אין אָנהייב באַוועגונג, נעמלעך — די פֿאָרם פֿון געלט-קאַפּיטאַל. די דאָזיקע קאַפּיטאַל־באַוועגונג שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מין קרייז־באַוועגונג אָדער קרייזלויף, וואָס אין אים קערט זיך דער קאַפּיטאַל קע־סיידער אום צו זיין אויסגאַנג־פֿאָרם אָדער אָנפֿאַנגלעכער פֿאָרם.

דער קרייזלויף פֿון קאַפּיטאַל טיילט זיך אָפּ צוויי סטאַדיעס פֿון דער צירקוליאַציע און איין סטאַדיע פֿון דער פּראָדוצירונג. דאָס אויסוואַקסן פֿון קאַ־פּיטאַל קומט פֿאָר אין דער פּראָדוציר־סטאַדיע, ווען דער קאַפּיטאַל געפֿינט זיך אין דער פֿאָרם פֿון פֿונקציאָנירנדיקן פּראָדוקטיוון-קאַפּיטאַל; סיי אין דער ערשטער צירקוליאַציע־סטאַדיע (פֿאַרוואַנדלונג פֿון געלט־קאַפּיטאַל אין פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל) סיי אין דער צווייטער צירקוליאַציע-סטאַדיע (אָדער דריטער סטאַדיע פֿון קרייז־לויף: פֿאַרוואַנדלונג פֿון סכוירע־קאַפּיטאַל אין געלט־קאַפּיטאַל) קומט ניט פֿאָר קיין שום פֿאַרגרעסערונג פֿונעם ווערט. ניט געקוקט אָפּ דעם, בילדן ביידע סטאַדיעס פֿון קרייזלויף, וואָס גייען דורך אין דער צירקוליאַציע-ספֿער, אַ נייטיקן באַדינג פֿאַר דער באַוועגונג פֿון קאַפּיטאַל אַלס ווערט, וואָס שטייגט דורך דער פּראָדוצירונג פֿון מערווערט.

אָן דער קאַפּיטאַל־צירקוליאַציע איז ניט מעגלעך קעסיידער צו באַנייען דעם פּראָצעס פֿון פּראָדוצירן מערווערט, ס'איז אוממעגלעך די קאַפּיטאַליסטישע רעפּראָדוצירונג. אַזוי אַז די רעפּראָדוצירונג שליסט איין אין זיך אי דעם פּראָדוציר־פּראָ־צעס אי דעם צירקוליאַציע-פּראָצעס, זי איז די איינהייט פֿון צירקוליאַציע־פּראָצעס און פּראָדוציר-פּראָצעס.

די אָפּזונדערונג פֿון די פֿאָרמען קאַפּיטאַל־באַוועגונג און די פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די פֿונקציעס בא דער בורזשואַזיע

אָבער אינעם גאַנג פֿון דער רעפּראָדוצירונג ווערט דער צירקו־ליאַציע-פּראָצעס אָפּגעזונדערט פֿונעם פּראָדוציר־פּראָצעס. לאָמיר דאָס באַטראַכטן אָפּ אונדזער ביישפּיל.

דער סכוירע־קאַפּיטאַל, וואָס האָט אַ ווערט פֿון 6000 רובל, דאַרף פֿאַרוואַנדלט ווערן אין געלט, ווייל אָן דעם איז ניט מעגלעך צו באַנייען די פּראָדוקציע. אָבער אָפּ פֿאַרקויפֿן די פּראָדוצירטע סכוירעס פֿאָדערט זיך אַ געוויסע צייט און אויב דער קאַפּיטאַליסט קאָן ניט טייקעף פֿאַרקויפֿן זיינע סכוירע, דאַרף ער אָפּשטעלן די פּראָדוקציע. אָבער אויב עס וועט זיך געפֿינען אַן אַנדער

קאפּיטאליסט, וואָס וועט קויפנ בא אימ די סכוירע טייקעפּ, ווי זי ווערט פּראָדוצירט און וועט נאָכדעמ דערפירנ די דאָזיקע סכוירע ביזנ ענדגילטיקנ געברויכער, וועט דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט טייקעפּ קאָנענ באנייענ די פּראָדוקציע.

די אינדוסטריעלע קאפּיטאליסטנ פארקויפנ זייערע סכוירעס אינ דער איבערוועגנדיקער מערהייט ניט דעמ ענדגילטיקנ געברויכער, נאָר דעמ האנדל־קאפּיטאליסט, וואָס דערפירט די סכוירע ביזנ געברויכער. פארקויפנדיק זיינ סכוירע מיטאמאָל דעמ האנדל־קאפּיטאליסט, קאָנ דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט אָנ אָפּשטעל פאָרזעצנ די פּראָדוקציע.

האנדל־קאפּיטאליסטנ האָבנ עקזיסטירט נאָכ איידער עס האָט זיכ פארשפּרייט דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוציר־אויפנ. זיי זיינענ געווענ די אופקויפער פונ סכוירעס בא די קליינע פּראָדוצירער. בא דער הערשאפט אָבער פונעמ קאפּיטאליסטישנ פּראָדוציר־אויפנ האָבנ די האנדל־קאפּיטאליסטנ גענומענ שפּילנ א באהילפיקע ראָליע בענעגייע צומ אינדוסטריעלנ קאפּיטאל. זייער פונקציע איז צו פארוואנדלענ דעמ קאפּיטאל פונ סכוירע־פאָרמ אינ געלט־פאָרמ.

מיטנ פארקויפנ זיינ סכוירע דעמ האנדל־קאפּיטאליסט האָט דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט פארוואנדלט זיינ קאפּיטאל פונ דער סכוירע־פאָרמ אינ געלט־פאָרמ. אָבער דאָס הייסט ניט, אז עס איז שוינ פאָרגעקומענ די ענדגילטיקע פארוואנדלונג פונעמ סכוירע־קאפּיטאל אינ געלט־קאפּיטאל. זי וועט פאָרקומענ ערשט דאנ, ווענ די סכוירע וועט פארקויפט ווערנ דעמ ענדגילטיקנ געברויכער. אזוי־ארומ זעצט פאָר דער סכוירע־קאפּיטאליסט אינעמ צירקוליאציע־פּראָצעס די פונקציע, וואָס דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט האָט געדארפט אויספילנ.

אינדערעמעסנ, ווענ ניט דער האנדל־קאפּיטאליסט, וואָלט דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט געקאָנט אומגעשטערט פּראָדוצירנ בלויז אינ דעמ פאל, ווענ ער וואָלט געהאט 5000 רובל צוגאָבלעכנ געלט־קאפּיטאל. זיינ גאנצער קאפּיטאל וואָלט געווענ 10 000 רובל, א טייל דערפונ וואָלט זיכ קעסיידער געפונענ אינ דער פאָרמ פונ פּראָדוקטיוונ קאפּיטאל, א טייל — אינ דער פאָרמ פונ סכוירע־קאפּיטאל.* דער האנדל־קאפּיטאליסט באפרייט דעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליסט פונ דער נייטיקייט צו האָבנ זיינ אייגענעמ צוגאָב־קאפּיטאל; דער סכוירע־קאפּיטאל זעצט פאָר זיינ באוועגונג אינ דער פאָרמ פונעמ הענדלערס קאפּיטאל, דה. שוינ אינ דער פאָרמ פונ קאפּיטאל, וואָס האָט זיכ אָפּגעזונדערט פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאל און וואָס געהערט אנ אנדער קאפּיטאליסט. אָבער אינ געזעלשאפטלעכנ מאסשטאב עקזיסטירט אויכ אצינד א קאפּיטאל פונ 10 000 רובל — 5000 רובל באמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליסט אינ די הענט אינ דער פאָרמ פונ פּראָדוקטיוונ קאפּיטאל און 5000 רובל באמ האנדל־קאפּיטאליסט אינ די הענט אינ דער פאָרמ פונ סכוירע־קאפּיטאל, וואָס האָט נאָכ ניט דורכגעמאכט זיינ ענדגילטיקע פארוואנדלונג אינ געלט. די דאָזיקע אָפּזונדערונג ענדערט גאָרניט

* אזויווי קויפנ סכוירע איז גרינגער איידער פארקויפנ, קאָנענ מיר מעשאער זיינ, אז די צייט, וואָס איז נייטיק אפּ פארוואנדלענ דעמ געלט־קאפּיטאל אינ פּראָדוקטיוונ קאפּיטאל, איז זייער א קליינע.

אין דעם פאקט, וואָס אינעם געזעלשאפטלעכן מאסשטאב איז די באוועגונג פונעם האנדל-קאפיטאל א טייל פונעם קרייזלויף פונעם אינדוסטריעלן קאפיטאל. „די באוועגונג פון דעם סאָכרישן קאפיטאל איז שטענ־דיק, ניט געקוקט אף זיין אָפזונדערונג, ניט קיין אנדער זאך, ווי א באוועגונג פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל אין דער צירקוליאציע־ספער" (מארקס, קאפיטאל, באנד III, זייט 212. מיין קורסיוו.—ל.ס.).

דאָס אָפשיידן זיך פונעם סכוירע־קאפיטאל אין א באזונדערן קאפיטאל פון די האנדל־קאפיטאליסטן האָט א וועזנטלעכע באדייטונג פאר דער גאנצער קאפי־טאליסטישער פראָדוקציע. די האנדל־קאפיטאליסטן קאָנצענטרירן בא זיך אין די הענט די סכוירעס פון א סאך קאפיטאליסטן און פארגיכערן די צירקוליאציע פון די סכוירעס. אדאנק דעם פארקלענערט זיך די גרייס פון דעם צוגאָב־קאפיטאל, וואָס איז נייטיק די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטן פאר דער רעפראָדוצירונג. צווישן דעם האנדל־קאפיטאל און דעם אינדוסטריעלן שטעלט זיך סטיכיייש איין א צעטיילונג פון די פונקציעס, א מין „ארבעטס"־צעטיילונג אין דער קאפיטאל־באַוועגונג.

דער האנדל־קאפיטאל איז אזויארום אינערלעך פארבונדן מיט דער באוועגונג פונעם אינדוסטריעלן קאפיטאל, אָבער אין דער זעלבער צייט עקזיסטירט ער און באוועגט זיך אלס זעלבשטענדיקער קאפיטאל פון א באזונדערער גרופע קאפיטאליסטן.

די סכוירע־פאָרם, וואָס דורך איר גייט דורך אין זיין באוועגונג דער קא-פיטאל, דינט אלס גרונט אף שאפן א באזונדערע גרופע האנדל-קאפיטאליסטן, און די געלט־פאָרם פון קאפיטאל איז די באזע אף אויסטיילן א באזונדערע גרופע געלט־ אָדער האלוואַע־קאפיטאליסטן (די פארבינדונג פונעם האלוואַע־קאפיטאל מיטן אינדוסטריעלן און האנדל־קאפיטאל וועלן מיר גענויער באטראכטן ווייטער, אינעם פאראגראף וועגן האלוואַע-פראָצענט).

אלזאָ, אף דער באזע פון די באזונדערע פאָרמען, וואָס דער קאפיטאל נעמט אָן אין זיין באוועגונג, אף דער באזע פון די פאָרמען פון געלט־קאפיטאל, פראָדוקטיוון קאפיטאל און סכוירע־קאפיטאל קומט פאָר די אויסבילדונג פון פארשיידענע מינים קאפיטאלן, וואָס זיינען אָפגעזונדערט איינער פונעם אנדערן, און פון די אנטשפרעכיקע גרופעס קאפיטאליסטן: אינדוסטריעלער קאפיטאל און אינדוסטריעלע קאפיטאליסטן, האנדל־קאפיטאל און האנדל־קאפיטאליסטן, האלוואַע־קאפיטאל און האלוואַע־קאפיטאליסטן.

די פונקציע פון די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטן באשטייט אין ארויספרעסן דירעקט מערארבעט פונעם ארבעטער־קלאס, אין פראָדוצירן מערווערט. די פונקציע פון די האנדל־קאפיטאליסטן באשטייט אין פארוואנדלען דעם קאפיטאל פון דער פאָרם פון סכוירע־קאפיטאל אין דער פאָרם פון געלט־קאפיטאל. די פונקציע פון די האלוואַע־קאפיטאליסטן באשטייט אין קאָנצענטרירן די געלט־קאפיטאלן פון דער געזעלשאפט און אין פארטיילן די צייטווייליק פרייע קאפיטאלן.

די טײלונג פונעמ קאַפּיטאַל אַפּ פאָרמענ, וואָס זײַנענ אָפּגעזונדערט אײנע פונ דער אַנדערער, האָט זײער אַ וועזנטלעכע באַדײַטונג פאַרנ באַנעמענ דעמ גאַנג פונ דער קאַפּיטאַליסטישער רעפּראָדוצירונג אונ די פאָרמענ פונ די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

די קאַפּיטאַל־באַוועגונג אינ דעמ רעפּראָדוצירונג־פּראָצעס איז אַנ אײנהײַטלעכע באַוועגונג, נאָר צוליב דער אָפּזונדערונג פונ די פאַרשײדענע פאָרמענ קאַפּיטאַל גײט דורכ די דאָזיקע אײנהײַטלעכע באַוועגונג דורכ פאָרמענ, וואָס זײַנענ קעגנגעשטעלט אײנע דער אַנדערער אונ אויסערלעכ אומאָפּהענגיק אײנע פונ דער אַנדערער.

עס ווערט, אַזויאַרומ, געשאַפנ אַ מעגלעכקײַט פונ אַנ אײַנרײַס אינ דער אײנהײַט פונ דער באַוועגונג. אינ דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס דעמ יעסאָד אירנ בילדעט דאָס פּריוואַטע אײגנטומ אַפּ די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר־מיטלענ, הערשט ביכלאַל אַנאַרכיע אינ דער פּראָדוקציע. די אָפּזונדערונג פונ די פאָרמענ פונ דער קאַפּיטאַל־באַוועגונג פאַרשטאַרקט די אַנאַרכיע אינ דער פּראָדוקציע, אונ דערמיט גופא די מעגלעכקײַט פונ קריזיסנ. *

די פאָרמענ פונ מערווערט אונ זײער באַדײַטונג

אינ רעזולטאַט פונ דער אָפּזונדערונג פונ די פאַרשײדענע פאָרמענ פונ דער קאַפּיטאַל־באַוועגונג נעמענ אָנ די קלאַסנ־פאַרהעלטענישנ מער קאָמפּליצירטע פאָרמענ. די באַזונדערע גרופּעס בורזשואַזיע פאַרקערפּערנ די באַזונדערע אונ די אָפּגעשײדטע פאָרמענ פונ דער קאַפּיטאַל־באַוועגונג אונ לויט זײערע פונקציעס אינ דער קאַפּיטאַל־באַוועגונג באַקומט יעדע פונ די דאָזיקע גרופּעס איר כײלעק אינעמ מערווערט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט געשאַפנ. די ווידערשפּרוכנ אינעווייניק אינ דער בורזשואַזיע גופא זײַנענ בלויז ווידערשפּרוכנ, וואָס אַנטשטײענ אַפּנ באָדנ פונ צעטײלנ דעמ מערווערט. זײ האָבנ פּרינציפּיעל גאָר אַנ אַנדער אינהאַלט, אײדער דער גרונטיקער קלאַסנ־ווידערשפּרוכ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט אונ דער בורזשואַזיע אינגאַנצנ גענומענ.

ווײַבאַלד דער האַנדל־ אונ האַלוואָע־קאַפּיטאַל זײַנענ קעגנגעשטעלט דעמ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל ווי באַזונדערע אונ אומאָפּהענגיקע פונ אימ קאַפּיטאַלנ פונ די הענדלער אונ באַנקירנ, וואָס האָבנ ניט קײנ שומ דירעקטע שײַכעס צו דער פּראָדוקציע, באַקומט זיכ אַ שײַנלעכקײַט, אַז זײער האַכנאָסע שטײט קלומערשט ניט אינ קײנ שומ פאַרבינדונג מיט דער עקספּלואַטאַציע פונעמ אַרבעטער־קלאַס, אַז די האַכנאָסעס פונ די באַזונדערע גרופּעס קאַפּיטאַליסטנ זײַנענ קלומערשט זעלבשטענדיקע, באַזונדערע אונ אײנע פונ די אַנדערע אומאָפּהענגיקע האַכנאָסע־פאָרמענ.

צוגלײַכ מיט די האַנדל־קאַפּיטאַליסטנ אונ האַלוואָע־קאַפּיטאַליסטנ זײַנענ קעגנ די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטנ קעגנגעשטעלט אויכ די ערד־אײגנטימער. די דאָזיקע

---

* וועגנ דער ראָליע, וואָס עס שפּילט די אָפּזונדערונג פונ די קאַפּיטאַל־פאָרמענ אינ דער אַנטשטײונג פונ קריזיסנ, וועלנ מיר גענויער רײדנ אינ דעמ קאַפּיטל וועגנ קריזיסנ.

אייגנטימער, ווי עס וועט ווײַטער באַוויזן ווערן, פאַרנעמען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַ באַזונדערע לאַגע אין פאַרגלײַך מיט אַלע גרופּעס קאַפּיטאַליסטן. אַזױװי זיי זײַנען קעגנגעשטעלט די קאַפּיטאַליסטן ווי אייגנטימער פון איינעם פון די וויכטיקע פּראָדוציר-באַדינגונגען — פון דער ערד, באַקומען זיי זייער כיילעק אין דער אַלגעמיינער מאַסע געזעלשאַפטלעכן מערוווערט.

די אָפּזונדערונג פון די באַזונדערע טיילן פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל אין זעלבשטענדיקע און איינער דעם אַנדערן קעגנגעשטעלטע קאַפּיטאַלן, — אין אינדוסטריעלן, האַנדל־ און האַלוואָע־קאַפּיטאַל — און די עקזיסטענץ פון ערד־אייגנטום פירט אַזויאַרום צו דעם, אַז דער מערוווערט זאָל זיך פּונאַנדערפאַלן אַף פאַרשיידענע פאָרמען. די דאָזיקע באַזונדערע פאָרמען מערוווערט זײַנען: רעווועכ (אינדוסטריעלער רעווועכ און האַנדל־רעווועכ), האַלוואָע־פּראָצענט און ערד־רענטע.

מיר האָבן געזען אין די פאַבריקע קאַפּיטלען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע ווערט פאַרדעקט מיט דער זאַכיקער פאָרם פונעם קאַפּיטאַל און מיט דער אַרבעטלוין-פאָרם (זע ז.ז. 105 און 116). דער אומשטאַנד, וואָס דער מערוווערט טרעט אַרויס אין באַזונדערע, אויסערלעכ אומאָפּהענגיקע איינע פון די אַנדערע פאָרמען, פאַרדעקט נאָך מער און פאַרשמירט דעם מעהוס פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. אַזױװי די דאָזיקע פאָרמען שאַפן די שײַנלעכקייט, אַז די האַכנאָסעס פון די באַזונדערע גרופּעס קאַפּיטאַליסטן פליסן פון פאַרשיידענע, זעלבשטענדיקע קוואַלן, ווערט פאַרבאָרגן דער אַלגעמיינער, ווירקלעכער קוואַל פון די דאָזיקע האַכנאָסעס — דער מערוווערט, די עקספּלואַטאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס: עס ווערט פאַרבאָרגן דער פאַקט, אַז בענעגייע צום פּראָלעטאַריאַט איז די גאַנצע בורזשואַזיע איין איינהײַטלעכער קלאַס עקספּלואַטאַטערס.

די גרעסטע באַדײַטונג אין מאַרקס עקאָנאָמישער לערע האָט דעריבער דאָס, וואָס מאַרקס באַטראַכט דעם מערוווערט אומאָפּהענגיק פון יענע באַזונדערע פאָרמען, וואָס ער נעמט אָן, און די פאַרהעלטענישן צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט — אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס די בורזשואַזיע טיילט זיך אַף באַזונדערע גרופּעס. אַזאַ מעטאָד גיט די מעגלעכקייט אויפצודעקן די ווירקלעכע קלאַסן־פאַרהעלטענישן, וואָס זײַנען פאַרבאָרגן הינטער אַלע פאָרמען פון מערווערט, נעמלעכ, די עקספּלואַטאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל שטעלן מיר זיך פאַר די אויפגאַבע צו באַווײַזן, ווי אַזוי אַף דער באַזע פונעם אָפּזונדערן זיך פון די פאַרשיידענע טיילן קאַפּיטאַל נעמט דער מערוווערט אָן באַזונדערע פאָרמען: רעווועכ פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, רעווועכ פון האַנדל-קאַפּיטאַל, האַלוואָע-פּראָצענט און ערד־רענטע.

מיר הייבן אָן פון דער פאַרוואַנדלונג פונעם מערוווערט אין רעווועכ פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, ווײַל „דער קאַפּיטאַליסט, וואָס פּראָדוצירט מערוווערט, ד. ה. וואָס פּרעסט אויס ניטבאַצאָלטע אַרבעט דירעקט פון די אַרבעטער און פיקסירט זי אין די סכוירעס, פאַרייגנט פאַר זיך דער ערשטער דעם מערוווערט־

(מאַרקס, „קאַפּיטאַל", באַנד I, זײַט 442). שוין בײַ די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַ־ליסטן איז די הענט נעמט אָן דער מערוווערט אַ באַזונדער פֿאָרם, וואָס פֿאַרבאָרגט אירווירקלעכן אינהאַלט.

נאָכדעם וועלן מיר אײנע נאָך דער אַנדערער באַטראַכטן דעם האַנדל־רעווח, דעם האַלוואָע-פּראָצענט און די ערד-רענטע.

2. די פֿאַרוואַנדלונג פֿון מערוווערט אין רעווח. רעווח און נאָרמע פֿון רעווח

די פּראָדוקציע־קאָסטן

דער מערוווערט, ווי מיר ווייסן, איז אַ טייל ווערט פֿון דער סחורה, און ניט קיין איבערפֿלוס פֿונעם סחורה־פּרײַז איבערן ווערט פֿון דער סחורה. אָבער דעם קאַפּיטאַליסט שטעלט זיך פֿאָר די זאַך אינגאַנצן אַנדערש. בײַם פֿאַרקויפֿן די סחורה פֿאַרוואַנדלט ער אין געלט, אָדער ער רעאַליזירט דעם גאַנצן ווערט פֿון דער סחורה. דער דאָזיקער ווערט, ווידער, באַשטייט פֿונעם ווערט פֿון די פּראָדוציר-מיטלען, פֿונעם ווערט פֿון דער אַרבעטקראַפֿט און פֿונעם מערוווערט. פֿון די דאָזיקע דרײַ טיילן האָט דער קאַ־פּיטאַליסט אָפּגעצאָלט בלויז צוויי, זיי בילדן פֿאַרן קאַפּיטאַליסט די פּראָדוציר-קאָסטן פֿון די סחורעס, דער מערוווערט אָבער קאָסט דעם קאַפּיטאַליסט גאָרניט. דער מערוווערט איז דער ווערט־איבערפֿלוס פֿון דער סחורה איבער אירע פּראָדוציר-קאָסטן. אָבער די זאַך שטעלט זיך פֿאָר אַזוי, אַז דער ווירקלעכער ווערט פֿון דער סחורה זײַנען קלומערשט בלויז די פּראָדוציר-קאָסטן, און דער מערוווערט איז בלויז אַ צוגאָב צו דעם דאָזיקן ווערט. „דער מערוווערט, וואָס ווערט רעאַלי־זירט בײַם פֿאַרקויפֿן די סחורה, שטעלט זיך פֿאָר דעם קאַפּיטאַליסט ווי אַן איבערפֿלוס פֿונעם פֿאַרקויף־פּרײַז פֿון דער סחורה איבער איר ווערט, און ניט ווי אַן איבערפֿלוס פֿון איר ווערט איבער די פּראָדוציר־קאָסטן. אַזוי אַז עס קומט אויס אַזוי, אַז דער מערוווערט, וואָס אַנטהאַלט זיך אין דער סחורה, ווערט קלומערשט ניט רעאַליזירט דורכן פֿאַרקויפֿן די סחורה, נאָר ער אַנטשטייט פֿונעם פֿאַרקויף גופֿא" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זײַט 11). מיט אַנדערע ווערטער, עס קומט אויס, אַז דער מערוווערט האָט קיין שום שײַכות ניט צום אַרבעטערס אַרבעט.

אָבער אויך די פּראָדוציר־קאָסטן גופֿא באַהאַלטן, אַז דער אײנציקער קוואַל פֿו־נעם מערוווערט איז דעם אַרבעטערס אַרבעט. די פּראָדוציר־קאָסטן באַשטייען פֿון די אויסגאַבן אויפֿן קאָנסטאַנטן און פֿאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל, אָבער דער קאַפּי־טאַליסט, ווי מיר ווייסן, פֿירט ניט דורך די דאָזיקע טיילונג. ער זעט אין די פּראָדוציר־קאָסטן די אויסגאַבן אויפֿן גרונט- און אומזאַץ-קאַפּיטאַל (זע זײַט 87). און אינעם אַרטיקל אומזאַץ־קאַפּיטאַל אונטערשיידן זיך גאָרניט אײנער פֿונעם אַנדערן די אויסגאַבן אויף אַרבעטקראַפֿט און אויפֿן רוי-מאַטעריאַל (אַ טייל פֿונעם קאָנסטאַנטן קאַפּיטאַל). אַזוי־אַרום ווערט אין די פּראָדוציר־קאָסטן אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן, ווערט אומבאַמערקבאַר די באַזונדערע ראָליע פֿונעם פֿאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל אין דער פּראָדוצירונג פֿונעם מערוווערט. חוץ דעם, די אויסגאַבן אויפֿן

פארענדערלעכנ קאפיטאל ווערנ געמאכט, ווי אויסגאבנ אפנ ארבעטלוינ. אונ די פארמ ארבעטלוינ שאפט די שיינלעכקייט, אז עס ווערט באלוינט ניט די ארבעטקראפט, נאר די ארבעט, די שיינלעכקייט, אז עס ווערט באצאלט פארנ ארבעטערס גאנצער ארבעט. דעריבער ווערט פארשטעלט, אז דער מערווערט ווערט געשאפנ דורכ דער ניטבאלוינטער ארבעט.

דער רעוועכ איז א פארוואנדלטע מערווערט־פארמ

פונ דעמ אלעמענ דרינגט ארויס, אז דער מערווערט דארפ זיכ פארשטעלנ אלס רעזולטאט פונעמ גאנצנ קאפיטאל, אלס רעזולטאט פונ קאפיטאל ביכלאל. „דער מערווערט, וואס איז, אזויארום, פארגעשטעלט אלס רעזולטאט פונעמ גאנצנ אוואנסירטנ קאפיטאל, באקומט די פארוואנדלטע פארמ פונ רעוועכ“ (מארקס, קאפיטאל, באנד III, זייט 10). די פארוואנדלטקייט פונ דער דאזיקער פארמ באשטייט טאקע דערינ, וואס זי באהאלט דעמ סאמע מעהוס פונעמ מערווערט: „רעוועכ... דאס איז דאס זעלבע וואס מערווערט, נאר בלויז אינ א פארטונקלטער פארמ, וואס אנטשטייט אבער אומבאדינגט פונעמ קאפיטאליסטישנ פראדוציר־אויפנ... אזוי ווי אפ איינ פאליוס (דה. אפ דער זייט פונעמ ארבעטער — ל. ס.) דערשיינט דער פרייז פונ דער ארבעטקראפט אינ דער פארוואנדלטער פארמ פונ ארבעטלוינ, דערשיינט דער מערווערט אפנ צווייטנ פאליוס (אפ דער זייט פונ קאפיטאליסט — ל. ס.) אינ א פארוואנדלטער פארמ פונ רעוועכ“ (מארקס, קאפיטאל, באנד III, זייט 10. מיינ קורסיוו. — ל.ס.).

רעוועכ־נארמע

דער קאפיטאליסט מעסט אויס דעמ גראד האכנאסעדיקייט פונ זיינ קאפיטאל ניט מיט דער פארהעלטעניש פונ דעמ מערווערט צומ פארענדערלעכנ קאפיטאל, דה. ניט מיט דער נארמע פונ מערווערט, וואס דריקט אויס דעמ גראד פונ דער עקספלואטאציע, נאר מיט דער פארהעלטעניש פונעמ מערווערט צומ גאנצנ קאפיטאל. די פארהעלטעניש פונעמ מערווערט צומ גאנצנ קאפיטאל רופט זיכ נארמע פונ רעוועכ.

עס איז קלאר, אז די רעוועכ־נארמע איז קלענער, איידער די מערווערט־נארמע, ווייל די רעוועכ־נארמע איז די פארהעלטעניש פונעמ מערווערט צומ גאנצנ קאפיטאל, אונ די מערווערט-נארמע — איז די פארהעלטעניש פונעמ מערווערט בלויז צו א טייל פונעמ דאזיקנ קאפיטאל. לעמאשל, אויב א קאפיטאל פונ 10 טויזנט רובל, וואס טיילט זיכ אפ 8000 רובל קאנסטאנטנ אונ אפ 2000 רובל פארענדערלעכנ קאפיטאל, האט פראדוצירט 2000 רובל מערווערט, וועט די מערווערט־נארמע (אדער דער גראד פונ דער עקספלואטאציע) זיינ 100%, אונ די רעוועכ־נארמע בלויז 20%.

אבער די רעוועכ־נארמע איז אפהענגיק פונ דער מערווערט־נארמע, ווייל די עצמ מערווערט־מאסע איז אפהענגיק פונ דעמ גראד פונ עקספלואטאציע. אויב אינ אונדזער ביישפיל וועט דער גראד עקספלואטאציע זיינ ניט 100, נאר 150%, וועט א פארענדערלעכער קאפיטאל פונ 2000 רובל פראדוצירנ 3000 רובל מערווערט, די רעוועכ־נארמע וועט דאנ זיינ 30% (די פארהעלטעניש פונ

דער מערוועדט־מאסע פון די 3000 רובל צום גאנצן קאפיטאל 10 000 רובל).
אזוי אז וואָס העכער עס איז די מערוועדט־נאָרמע, אלץ העכער איז די רעוועכ־נאָרמע, און פארקערט, וואָס נידעריקער עס איז די מערוועדט־נאָרמע, אלץ נידעריקער איז די רעוועכ־נאָרמע.

אזוי ווי דער מערוועדט ווערט פּראָדוצירט בלויז פונעם פאראנדערלעכן קאַפּיטאל און אזוי ווי דער פאראנדערלעכער קאַפּיטאל איז בלויז א טייל פונעם קאַפּיטאל, איז די הייך פון דער רעוועכ־נאָרמע אָפּהענגיק אויך דערפון, וואָס פאר א טייל בילדעט דער פאראנדערלעכער קאַפּיטאל אין דעם גאנצן קאַפּיטאל, ד.ה. דערפון, אין וואָס פאר א פּראָפּאָרץ דער גאנצער קאַפּיטאל טיילט זיך איין אפ קאָנסטאַנטן און פאראנדערלעכן. אָדער מיט אנדערע ווערטער: די הייך פון דער רעוועכ־נאָרמע איז אָפּהענגיק פונעם אָרגאנישן באשטאנד פון קאַפּיטאל.

לאָמיר נעמען 2 קאַפּיטאלן צו 10 טויזנט רובל מיט איין און דער זעלבער מערוועדט־נאָרמע, לאָמיר זאָגן 100%, נאָר איינער פון די דאָזיקע קאַפּיטאלן טיילט זיך איין אין 7000 רובל קאָנסטאנטן און 3000 רובל פאראנדערלעכן, און דער צווייטער — אין 8000 רובל קאָנסטאנטן און 2000 רובל פאראנדערלעכן. דאָס הייסט, דער אָרגאנישער באשטאנד פון צווייטן קאפיטאל איז העכער, איידער דער אָרגאנישער באשטאנד פון ערשטן קאַפּיטאל. דער מערוועדט, וואָס דער ערשטער קאפיטאל וועט שאפן, וועט זיין 3000 רובל און וואָס דער צווייטער וועט שאפן — 2000 רובל. די רעוועכ־נאָרמע פונעם ערשטן קאפיטאל וועט זיין 30% און פונעם צווייטן — 20%. פון דעם צווייטן קאפיטאל וועט זי זיין נידעריקער דערפאר טאקע, ווייל אין אים מאכט אויס דער פאראנדערלעכער קאפיטאל א קלענערן טייל, איידער אינעם ערשטן קאפיטאל. פונדאנען איז געדרונגען, אז וואָס נידעריקער עס איז דער אָרגאנישער באשטאנד פון קאפיטאל, אלץ העכער איז די רעוועכ־נאָרמע און פארקערט, וואָס העכער עס איז דער אָרגאנישער באשטאנד פון קאפיטאל, אלץ נידעריקער איז די רעוועכ־נאָרמע.

אין פארשיידענע אונטערנעמונגען איז פאראן א פארשיידענער אָרגאנישער באשטאנד פון קאפיטאל. אָבער אויב מיר נעמען די אונטערנעמונגען פון איין און דעם זעלבן פּראָדוקציע־צווייַג, לאָמיר זאָגן, צוויי אָדער עטלעכע טעקסטיל־אונטערנעמונגען, ווירקט דאָ די קאָנקורענץ אין דער ריכטונג פון אויסגלייַכן דעם אָרגאנישן באשטאנד פונעם קאפיטאל (זע זייַט 94—95). אָבער אויב מע זאל נעמען אונטערנעמונגען ניט אין איין און דעם זעלבן צווייַג, נאָר פון פארשיידענע פּראָדוציר־צווייַגן, האָבן זיי קעסיידער א פארשיידענעם אָרגאנישן באשטאנד פון קאפיטאל, ווייַל אויך די טעכניק גופא איז בא זיי א פארשיידענע. לעמאָשל, אין א טעקסטיל־אונטערנעמונג, אין א מעטאלורגישער, אין א לעדער־אונטערנעמונג, א האָלצבאארבעטונג־אונטערנעמונג, א לאנדווירטשאפטלעכער אא. אונטערנעמונגען איז אומפארמייַדלעך א ניט גלייַכער אָרגאנישער באשטאנד פון קאפיטאל. דער אָרגאנישער באשטאנד פונעם קאפיטאל אין די פארשיידענע צווייַגן קאָן בלויז צופעליק צונויפפאלן.

אָבער דערפון, וואָס אין פארשיידענע פּראָדוציר־צווײַגן עקזיסטירט אומפארמײַדלעך א פארשיידענער, עמעס, אזוינער, וואָס ענדערט זיך, אָבער דאָך א פארשיידענער אָרגאנישער באשטאנד פון קאפּיטאל, דרינגט ארויס, אז אין זיי דארפן זײַן פארשיידענע רעוועך־נאָרמעס. דאָס באטײַט, אז די קאפּיטאלן פון גלײַכער גרייס, וואָס זײַנען ארײַנגעלייגט געוואָרן אין פארשיידענע פּראָדוציר־צווײַגן, דארפן ברענגען א ניט גלײַכן רעוועך. אָבער עס איז אלגעמיין באוווּסט, אז אין דערווירקלעכקײַט באקומען אלע קאפּיטאליסטן אומגעפער א גלײַכע דורכשניטלעכע רעוועך־נאָרמע אף זייער קאפּיטאל, אומאָפּהענגיק דערפון, אין וואָס פאר א פּראָדוציר־צווײַג דער דאָזיקער קאפּיטאל איז ארײַנגעלייגט געוואָרן און וואָס פאר אן אָרגאנישן באשטאנד ער האָט. צי איז דערפון ניט געדרונגען, אז אונדזער גאנצע טעאָריע, וואָס לויט איר דארף אין פארשיידענע צווײַגן עקזיסטירן א פארשיידענע רעוועך־נאָרמע, איז ניט קיין ריכטיקע און אז זי קאָן ניט דערקלערן די ווירקלעכע דערשײַנונגען פון קאפּיטאליזם? קיין שום ווידערשפּרוך צווישן דער טעאָריע און דער ווירקלעכקײַט איז דאָ ניטאָ. די אומגלײַכהײַט גופא פון די רעוועך־נאָרמעס אין פארשיידענע צווײַגן ברענגט דערצו, אז די קאָנקורענץ פון די קאפּיטאלן ווירקט אין דער ריכטונג פון אויסגלײַכן די רעוועך־נאָרמעס און פון שאפן אומגעפער א גלײַכע אָדער דורכשניטלעכע רעוועך־נאָרמע פאר אלע צווײַגן.

לאָמיר באטראכטן וויאזוי עס קומט פאָר די דאָזיקע אויסגלײַכונג פון די רעוועך־נאָרמעס.

3. די אויסבילדונג פון דער דורכשניטלעכער רעוועך־נאָרמע און די פארוואנדלונג פון די סכוירע־ווערטן אין פּראָדוקציע־פּרײַזן

די געזעלשאפטלעכע פּראָדוקציע באשטייט פון א סאך פארשיידענע צווײַגן. אָבער צוליב פּאַשעטקײַט וועלן מיר זיך פאָרשטעלן, אז די גאנצע פּראָדוקציע באשטייט פון דרײַ צווײַגן: I, II און III מיט א פארשיידענעם אָרגאנישן באשטאנד פון קאפּיטאל. די לאגע ענדערט זיך ניט דערפון, ווײַל די עצעם אויסגלײַכונג פון די רעוועך־נאָרמעס צווישן די פּראָדוציר־צווײַגן איז אף קיין האָר ניט אָפּהענגיק דערפון, וויפל עס זײַנען פאראן אזוינע צווײַגן.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז אינעם צווײַג I טיילט זיך דער קאפּיטאל 100 (דאָס קאָן זײַן אי 100 טויזנט אי 100 מיליאָן) אף 60 קאָנסטאנטן און 40 פארענדערלעכן. אינעם צווײַג II טיילט זיך דער קאפּיטאל 100 אף 70 קאָנסטאנטן און 30 פארענדערלעכן און אינעם צווײַג III — אף 80 קאָנסטאנטן און אף 20 פארענדערלעכן, דה. I האָט א נידעריקן אָרגאנישן באשטאנד פון קאפּיטאל, II האָט א דורכשניטלעכן און III — א הויכן אָרגאנישן באשטאנד פון קאפּיטאל. אין אלע צווײַגן איז א גלײַכע מערווערט־נאָרמע — 100%. דאן וועט די מערווערט־מאסע אין I זײַן 40, אין II — 30, און אין III — 20. און די רעוועך־נאָרמעס: אין I — 40%, אין II — 30%, און אין III — 20%.

פרייַזנ־אָפּווייַכונג פונ די ווערטנ אונ די רעוועכ־אָפּווייַכונג פונעמ מערוווערט

אָבער יעדער קאַפּיטאַליסט שטרעבט צו באַקומענ אפ זייַנ קאַפּיטאַל א וואָס העכערע רעוועכ־נאָרמע. עס איז קלאָר, אַז נייַע קאַפּיטאַלנ וועלנ אַרייַנגעלייגט ווערנ אינ יענע צווייַגנ, וואָס גיבנ די העכסטע רעוועכ־נאָרמע; אינ אונדזער בייַשפּיל וועלנ קאַפּיטאַלנ אַרייַנפליסנ הויפּטזאַכלעכ אינעמ צווייַג I. אַלס רעזולטאַט דערפונ וועט זיכ פאַרברייטערנ די פּראָדוקציע אונ ס'וועט שטייַגנ דער סכוירע־אָנבאָט אינעמ דאָזיקנ צווייַג, אונ דאָס וועט ברענגענ צומ אַראָפּזעצנ די פּרייַזנ אפ די סכוירעס אונטער זייער ווערט. אָבער צוזאַמענ דערמיט וועט אויכ פאַלנ דער רעוועכ אונ בעמיילע אויכ די רעוועכ־נאָרמע אינעמ דאָזיקנ צווייַג.

פונ דער צווייטער זייַט וועלנ קיינ נייַע קאַפּיטאַלנ אינעמ צווייַג III, ווו די רעוועכ־נאָרמע איז די סאַמע נידעריקע, ניט אַרייַנפליסנ, אונ א טייל קאַפּיטאַלנ וועט אַפילע אַוועקגייִנ פונדאַנענ. די לאַגע וועט דאָ זייַנ א פאַרקערטע, איידער אינעמ צווייַג I: דאָ וועט דער אָנבאָט פונ די סכוירעס אָפּשטייִנ פונעמ נאָכפרעג, די פּרייַזנ וועלנ זיכ אופהייבנ העכער פונעמ ווערט, עס וועט זיכ אופהייבנ דער רעוועכ אונ צוזאַמענ מיט אימ אויכ די רעוועכ־נאָרמע.

דער איבערגאַנג (אָדער דאָס אַריבערפליסנ) פונ די קאַפּיטאַלנ פונ איינ צווייַג אינ א צווייטנ וועט דויערנ אַזוי לאַנג, ביז אינ אַלע צווייַגנ וועט זיכ ניט אייַנשטעלנ א גלייַכע אָדער אומגעפער א גלייַכע דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע. מיר קאָנענ פאָרשטעלנ דעמ דאָזיקנ גאַנצנ פּראָצעס אינ דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

צווייַגנ	קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל	פאַרענדערלעכער קאַפּיטאַל	מערוווערט	רעוועכ־נאָרמע	ווערט פונ דער סכוירע	פּרייַז פונ דער סכוירע	דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע	אָפּווייַכונג פונעמ פּרייַז לעגאַבע דעמ ווערט
I	60	40	40	40%	140	130	30%	—10
II	70	30	30	30%	130	130	30%	—
III	80	20	20	20%	120	130	30%	+10
סאַכאַקל	210	90	90	—	390	390	30%	—

די פאַרשיידענע רעוועכ־נאָרמעס אינ די באַזונדערע צווייַגנ האָבנ זיכ אויסגעגלייַכט אינ איינ אַלגעמיינער, דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע פאַר אַלע צווייַגנ, דערפאַר, ווייַל אונטער דער ווירקונג פונ דער קאָנקורענצ צווישנ די קאַפּיטאַלנ האָבנ די פּרייַזנ אָפּגעווייַכט פונ די ווערטנ: אינ איינ צווייַג האָבנ זיי זיכ אופגעהויבנ איבער דעמ ווערט, אינ א צווייטנ זייַנענ זיי געפאַלנ אונטער דעמ ווערט. אָבער צוזאַמענ דערמיט, ווי די פּרייַזנ האָבנ אָפּגעווייַכט פונעמ ווערט, האָט אויכ דער רעוועכ אָפּגעווייַכט פונעמ מערוווערט. די קאַפּיטאַליסטנ פונעמ צווייַג I האָבנ באַקומענ רעוועכ 30, אינ דער צייַט, ווענ בא זיי איז פּראָדוצירט געוואָרנ א מערוווערט 40, דה. זיי האָבנ באַקומענ ווייניקער רעוועכ, איידער בא זיי איז

פּראָדוצירט געוואָרן מערווערט. די קאַפּיטאַליסטן פונעם צווײַג III האָבן באַקומען רעווח 30 אין דער צײַט, ווען בײַ זיי איז פּראָדוצירט געוואָרן מערווערט 20: זיי האָבן באַקומען מער רעווח, איידער דער מערווערט, וואָס איז בײַ זיי פּראָדוצירט געוואָרן. צולעצט, אינעם צווײַג II האָבן זיך די פּרײַזן ניט אָפּגעווײַכט פון דעם ווערט (ווײַל דאָ איז א דורכשניטלעכער אָרגאַנישער באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל) און דעריבער פאַלט צונויף דער רעווח לויט זײַן גרייס מיט דער מערווערט־מאַסע.

ווען די סכוירעס אין יעדן צווײַג וואָלטן פאַרקויפט געוואָרן לויט זייער ווערט, וואָלטן אַלע רעווח־נאָרמעס אין פאַרשיידענע צווײַגן געווען ניט קיין גלײַכע. אָבער אַזוי ווי אַלע קאַפּיטאַליסטן יאָגן זיך נאָך דער העכסטער רעווח־נאָרמע, קומט דעריבער פאָר, אונטער דער ווירקונג פון דער קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַלן, אַן אָפּווײַכונג פונעם פּרײַז לעגאַבע דעם ווערט און פונעם רעווח לעגאַבע דעם מערווערט און עס שטעלט זיך סטיכייִש אײַן א דורכשניטלעכע רעווח־נאָרמע. די קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַלן ברענגט, אַזויאַרום, דערצו, אַז די סכוירעס ווערן פאַרקויפט אַמאָל איבער זייער ווערט, אַמאָל אונטער זייער ווערט און אַמאָל לויטן ווערט. אין די צווײַגן מיט א נידעריקן אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל פאַלן די פּרײַזן נידעריקער פונעם ווערט און דער רעווח איז ווייניקער פונעם מערווערט, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אינעם דאָזיקן צווײַג. אין די צווײַגן מיט א דורכשניטלעכן אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל פאַלן די פּרײַזן צונויף מיטן ווערט און דער רעווח — מיטן מערווערט. אין די צווײַגן, וואָס האָבן א הויכן אָרגאַנישן באַשטאַנד פון קאַפּיטאַל, זײַנען די פּרײַזן העכער פונעם ווערט און דער רעווח — גרעסער פונעם מערווערט.

די דורכשניטלעכע רעווח־נאָרמע

עס קומט פאָר אַן איבערפאַרטיילונג פון דעם מערווערט צווישן די קאַפּיטאַליסטן פון פאַרשיידענע צווײַגן. יעדער קאַפּיטאַליסט באַקומט ניט יענע מאַסע מערווערט, וואָס איז בײַ אים פּראָדוצירט געוואָרן, נאָר אויף יעדע 100 רובל פון זײַן קאַפּיטאַל באַקומט ער רעווח לויט דער דורכשניטלעכער נאָרמע, אומאָפּהענגיק פונעם אָרגאַנישן באַשטאַנד פון זײַן קאַפּיטאַל. די דאָזיקע דורכשניטלעכע רעווח־נאָרמע איז די געזעלשאַפטלעכע רעווח־נאָרמע: זי איז גלײַך צו דער פאַרהעלטעניש פון דער גאַנצער מאַסע מערווערט, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אין דער געזעלשאַפט (90), צו דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל (300).

דאָס אויסבילדן זיך פון דער דורכשניטלעכער רעווח־נאָרמע באַטײַט, אַז פון דער אַלגעמיינער מערווערט־מאַסע באַקומט יעדער קאַפּיטאַליסט אויף יעדע 100 רובל פון זײַן קאַפּיטאַל פּונקט אַזויפיל, וויפל יעדער אַנדער קאַפּיטאַליסט. אַזוי ווי עס האַנדלט זיך וועגן דער פאַרטיילונג פונעם מערווערט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט פּראָדוצירט, ד. ה. וועגן דער כּלוקע פון דער אומבאַצאָלטער אַרבעט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז פאַרזאַכלעכט געוואָרן אין סכוירעס, זײַנען אַלע

קאַפּיטאַליסטן גלײַכע שוטפים אין איין אַלגעמיינער אונטערנעמונג אַף אַרויספּרעסן אומבאַלוינטע אַרבעט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, און יעדער שוטעף פֿון דער דאָזיקער עקספּלואַטאַציע־אונטערנעמונג באַקומט זײַן כײלעק רווח לויט דער גרייס פֿון זײַן כײלעק אין דעם געזעלשאַפֿטלעכן קאַפּיטאַל.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע כלוקע קומט פֿאָר ניט לויט קיין פֿאָרויס באַטראַכטן פּלאַן. די דורכשניטלעכע רעווח־נאָרמע שאַפֿט זיך סטיכייִש, דורך דער קאָנקורענץ צווישן די קאַפּיטאַלן. אָבער דער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער קאָנקורענץ איז אַזאַ, אַז יעדער קאַפּיטאַליסט באַקומט גלײַכן רעווח אַף יעדע 100 רובל פֿון זײַן קאַפּיטאַל.

א דורכשניטלעכע רעווח־נאָרמע פֿאַרן געגעבענעם לאַנד און פֿאַר דעם געגעבענעם צווײַג איז שטענדיק פֿאַראַן, האָגאַם זי וואַקלט זיך אין אומבאַדײַטנדיקע גרענעצן, דאַכ איז זי אַ באַשטימטע גרייס, וואָס יעדער קאַפּיטאַליסט דיסקאָנטירט באַם פֿאַרקויפֿן זײַנע סכוירעס. באַם אײַנשטעלן דעם פּרײַז אַף זײַן סכוירע דאַרף יעדער קאַפּיטאַליסט אַרויסגיין דערפֿון, אַז דער

דער פּראָדוציר־פּרײַז איז פֿאַר־וואַנדלטע פֿאָרם פֿונעם ווערט

דאָזיקער פּרײַז זאָל אים דעקן די פּראָדוציר־קאָסטן און זאָל אים געבן רעווח לויט אַ נאָרמע, וואָס איז ניט קלענער איידער די רעווח־נאָרמע פֿון אַנדערע קאַפּיטאַליסטן. ער שטעלט דעריבער אײַן דעם פֿאַרקויף־פּרײַז פֿון זײַן סכוירע דורך דעם, וואָס ער גיט צו דעם דורכשניטלעכן רעווח צו די פּראָדוציר־קאָסטן. *דער פּרײַז, וואָס בילדעט זיך פֿון צוגעבן צו די פּראָדוציר־קאָסטן דעם דורכשניטלעכן רעווח, רופֿט זיך אָן פּראָדוציר־פּרײַז.*

אַזוי ווי די פּראָדוציר־קאָסטן און דער דורכשניטלעכער רעווח זײַנען באַשטימטע סכומען ווערט, שטעלט מיט זיך פֿאָר אויך דער פּראָדוציר־פּרײַז אַ ווערט פֿון אַ באַשטימטער גרייס.

אויב דער פּראָדוציר־פּרײַז פֿון די סכוירעס אין די צווײַגן מיט אַ הויכן אָרגאַנישן באַשטאַנד פֿון קאַפּיטאַל איז העכער איידער דער ווערט פֿון די דאָזיקע סכוירעס, מיינט דאָס ניט, אַז דער דאָזיקער איבערפֿלוס פֿון דעם פּראָדוציר־פּרײַז איבערן ווערט איז ניט קיין ווערט, איז ניט געשאַפֿן געוואָרן דורך דעם אַרבעטערס אַרבעט. דער דאָזיקער איבערפֿלוס איז *מערווערט*, וואָס עס האָבן געשאַפֿן די אַרבעטער אין די צווײַגן מיט אַ נידעריקן אָרגאַנישן באַשטאַנד פֿון קאַפּיטאַל, אָבער וואָס באַקומען האָבן אים ניט די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע עקספּלואַטירן די דאָזיקע אַרבעטער, נאָר די קאַפּיטאַליסטן פֿונעם צווײַג מיט אַ הויכן אָרגאַנישן באַשטאַנד פֿון קאַפּיטאַל.

אַז דער פּראָדוציר־פּרײַז איז די פֿאָרם פֿון *ווערט*, באַשטעטיקן צוויי פֿאַקטן. *ערשטנס*, דאָס, וואָס די סומע פֿון די פּראָדוציר־פּרײַזן פֿון אַלע סכוירעס פֿאַלט צונויף מיט דער סומע פֿון אַלע סכוירע־ווערטן. אין אונדזער בײַשפּיל (זע די אויבן געבראַכטע טאַבעלע) איז די סומע פֿון אַלע סכוירע־ווערטן 390 און די סומע פֿון די פּראָדוציר־פּרײַזן — 390. אויך די אַלגעמיינע סומע פֿון רעווח בא אַלע קאַפּיטאַליסטן איז גלײַך צו דעם אַלגעמיינעם סכום

מערוווערט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט פּראָדוצירט. דאָס, וואָס די פּרייַזנ פונ די פאַרשיידענע סכוירעס ווייַכנ אָפּ פונ זייערע ווערטנ, ענדערט ניט ניט דעמ אַלגעמיינעמ סכומ פונ די ווערטנ, ניט דעמ אַלגעמיינעמ סכומ פונ די פּראָדוציר־פּרייַזנ פונ אַלע סכוירעס. אויכ דאָס, וואָס דער רעווועכ ווייַכט אָפּ פונעמ מערוווערט, ענדערט ניט דעמ אַלגעמיינעמ סכומ ניט פונ דעמ, ניט פונ יענעמ. עס קומט בלויז פאָר אַנ *איבערפאַרטיילונג* פונ דער אַלגעמיינער מערוווערט־מאַסע צווישנ די קאַפּיטאַליסטנ. *צווייטנס*, ווענ עס שטייַגט די אַרבעט־פּראָדוקטיוקייַט אונ צוליב דעמ פאַלט דער ווערט פונ דער סכוירע, פאַלט אויכ איר פּראָדוציר־פּרייַז.

אָבער דער פּראָדוציר־פּרייַז פאַרטונקלט מיט דער פאָרמ זייַנער גופע זייַנ ווערט־אינהאַלט. איינדערעמעסנ, איינער פונ די עלעמענטנ פונ דעמ פּראָדוציר־פּרייַז—דער רעווועכ—איז די פאָרמ, וואָס שטעלט פאָר, ווי מיר ווייסנ שוינ, דעמ מערוווערט אַלס פּראָדוקט פונ גאַנצנ קאַפּיטאַל. אַצינד זעענ מיר, אַז דער רעווועכ אונטערשיידט זיכ פונעמ מערוווערט ניט בלויז לויט דער פאָרמ, נאָר פאַר פאַרשיידענע סכוירעס אונטערשיידט ער זיכ פונ אימ אויכ קוואַנטיטאַטיוו. איבער דעמ ווערט פאַרשטעלט דער פאַקט, אַז דער פּראָדוציר־פּרייַז, וואָס בילדעט זיכ פונ די פּראָדוציר־קאָסטנ פּליוס דעמ דורכשניטלעכנ רעווועכ, שטעלט פאָר אַ געוויסנ סכומ פונ פאַרזאַכלעכטער אַרבעט. *דער פּראָדוציר־פּרייַז איז אַ פאַרוואַנדלטע פאָרמ פונעמ סכוירע־ווערט*, די פאָרמ, וואָס פאַרבאַהאַלט אירווירקלעכנ אינהאַלט. „דער ווירקלעכער אונטערשייד אינ דער גרייס צווישנ דעמ רעווועכ אונ דעמ מערוווערט—אונ ניט בלויז צווישנ דער רעווועכ־נאָרמע אונ דער מערוווערט־נאָרמע—אינ די באַזונדערע פּראָדוציר־צווייַגנ פאַרדעקט אַזויאַרומ אַבסאָליוט די עמעסע נאַטור אונ אָפּשטאַמונג פונעמ רעווועכ, אונ דערבייַ ניט בלויז פאַרנ קאַפּיטאַליסט, וואָס האָט אַ באַזונדער אינטערעס אָפּצונאַרנ זיכ אינ דער דאָזיקער הינזיכט, נאָר אויכ פאַר די אַרבעטער. *דערמיט, וואָס דער ווערט פאַרוואַנדלט זיכ אינ פּראָדוציר־פּרייַז, ווערט פאַרבאָרגנ פונ די אויגנ דער עצעמ גרונט פונ דעמ, וואָס עס באַשטימט דעמ ווערט*“ (*מאַרקס*, קאַפּיטאַל, באַנד III, זייַט 110. מייַנ קורסיוו. — ל. ס.)

דער „ווידער־שפּרוכ“ צווישנ דעמ I אונ דעמ III באַנד פונ „קאַפּיטאַל“

מאַרקס האָט איבערגעגעבנ זייַנ ווערט־טעאָריע אינעמ ערשטנ באַנד „קאַפּיטאַל“, ווו עס ווערט אויכ דערקלערט די מערווערט־טעאָריע. די טעאָריע פונ די פּראָדוציר־פּרייַזנ, וואָס אַנטוויקלט אונ פאַרגאַנצט די ווערט־טעאָריע, ווערט איבערגעגעבנ אינעמ דריטנ באַנד „קאַפּיטאַל“. אָבער ווענ עס איז דערשינענ דער דריטער באַנד, האָבנ די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטנ אַלע ווי איינער אַנטדעקט אַ „ווידערשפּרוכ“ צווישנ דעמ ערשטנ אונ דריטנ באַנד. אינעמ ערשטנ באַנד באַהויפּט, קלוימערשט, מאַרקס, אַז די סכוירעס ווערנ פאַרקויפט לויטנ ווערט, אונ אינ דריטנ באַנד דערווייַזט ער, אַז די סכוירעס ווערנ פאַרקויפט ניט לויט די ווערטנ, נאָר לויט די פּראָדוציר־פּרייַזנ. מאַרקס האָט, קלוימערשט, אָדער אַליינ געענדערט זייַנ קוק אָפּ דער דאָזיקער פראַגע אינעמ פּעריאָד צווישנ

דער צײַט, ווען ער האָט געארבעט אפן ערשטן, און דער צײַט, ווען ער האָט געארבעט אפן דריטן באנד, אָדער עס קלעפט זיך בא אים ניט איינס מיט דאָס אנדערע. מיטן דאָזיקן „ווידערשפרוך" ווילן די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן אומוואַרפן מארקס גאנצע עקאָנאָמישע לערע און „דערווײַזן" איר באנקראָט.

מע דארף אָבער קוידעמקאָל באמערקן, אז איידער מארקס האָט ארויסגעלאָזט דעם ערשטן באנד „קאפיטאל" (1867 יאָר) האָט ער שוין אין גרונט געהאט פארענדיקט די ארבעט אפן דריטן באנד.* דאָס הייסט, אז מארקס האָט ניט געענדערט זײַנע אָנשויונגען: ווען ער האָט געשריבן דעם ערשטן באנד, האָט ער שוין געהאט א פארענדיקטע טעאָריע פון די פראָדוציר־פרײַזן.

קיין שום ווידערשפרוך צווישן דער ווערט־טעאָריע און דער טעאָריע פון די פראָדוציר־פרײַזן איז בא מארקסן ניטאָ.

אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט זײַנען די סכוירעס — פראָדוקטן פון קאפיטאל. א טייל פונעם סכוירע־ווערט קאָסט דעם קאפיטאליסט גאָרניט. ער קאָן אַזוי־ארום פארקויפן די סכוירע נידעריקער פונעם ווערט און דאָך באקומען רע־ווח. און די קאָנקורענץ צווישן די קאפיטאלן צווינגט איינע קאפיטאליסטן צו פארקויפן די סכוירעס נידעריקער פונעם ווערט און אנדערע גיט זי א מעגלעכקײַט צו פאר־קויפן די סכוירעס העכער פונעם ווערט. אדאנק דעם פאלט דער פראָדוציר־פרײַז ניט צונויף פון די פארשיידענע סכוירעס מיטן ווערט.

דאָס אויסבילדן זיך פון די פראָדוציר־פרײַזן קאָן ריכטיק דערקלערט ווערן בלויז מיט מארקס ווערט־טעאָריע. אינדערעמעסן, אויב מע זאָל אָפלייקענען, אז דעם ווערט פון די סכוירעס באשטימט די ארבעט, וועט פארבלײַבן אבסאָליוט אומפארשטענדלעך, וויאַזוי בילדעט זיך דער דורכשניטלעכער רעווח און דער פראָדוציר־פרײַז פון דער אָדער יענער סכוירע.

„דער דורכשניטלעכער רעווח, און בעמיילע אויך דער פראָדוציר־פרײַז, וואָלט געווען פּשוט אן אײַנגעבילדעטער און אינהאלטלאָזער, ווען מיר וואָלטן ניט אָנגענומען פאר זײַן גרונט דאָס, וואָס באשטימט דעם ווערט. דאָס אויסגלײַכן זיך פון די מערווערטן אין די פארשיידענע צווײַגן פון דער פראָדוקציע ענדערט אף קיין האָר ניט די אבסאָליוטע גרייס פונעם דאָזיקן סאכאקלדיקן מערווערט. דאָס ענדערט בלויז זײַן פאנאנדערטיילונג אין די פארשיידענע צווײַגן פון דער פראָדוקציע. אָבער דאָס באשטימען דעם מערווערט דרינגט ארויס בלויז דערפון, וואָס דעם ווערט באשטימט די ארבעטצײַט. אָן דעם איז דער דורכשניטלעכער רעווח א דורכשניט פון גאָרנישט, א שפּיל פון דער פאנטאזיע. ער האָט גע־קאָנט באטרעפן סײַ 1000 און סײַ 10 פראָצ." (מארקס, מערווערט־טעאָריע, באנד II, ערשטער טייל, זײַט 33 — 34).

דער דורכשניטלעכער רעווח איז דער דורכשניט פון דער אלגעמיינער מער־ווערט־מאסע. אינעם פארטיילונג־פּראָצעס פון דער גאנצער מערווערט־מאסע לויט די צווײַגן פון דער פראָדוקציע בא דער פארוואנדלונג פון דעם געזעלשאפטלעכן

---

* מארקס איז געשטאָרבן אין 1883 יאָר און האָט ניט באוויזן אליין צוצוגרייטן צום דרוק דעם דריטן באנד, וואָס ארויסגעגעבן האָט אים ענגעלס אין 1894 יאָר.

מערווערט אינ דורכשניטלעכנ רעוועכ פונ די באזונדערע קאפּיטאליסטנ קומט צוזאמענ דערמיט פאָר א פארוואנדלונג פונ דער *געזעלשאפטלעכער* ווערטמאסע אינ די פּראָדוציר-פּרײַזנ פונ די באזונדערע סכוירעס. דאָס, וואָס די פּראָדוציר-פּרײַזנ ווײַכנ אָפּ פונ די ווערטנ, ווידערשפּרעכט ניט אזויארומ דעמ ווערט-געזעצ. *דער פּראָדוציר-פּרײַז איז גראָד די פאָרמ, וואָס אינ איר ווירקט דער ווערט-געזעצ בא אנ אנטוויקלטער סכוירע-פּראָדוקציע, דה. אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט.*

דערמיט, וואָס די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ זאָגנ זיכ אָפּ צו דערקלערנ דעמ ווערט מיט דער ארבעט אונ די פּראָדוציר-פּרײַזנ מיטנ ווערט, זאָגנ זיי זיכ פאקטיש אָפּ אינגאנצנ צו דעקלערנ די פּרײַזנ. די דערקלערונגענ פונ די פּרײַזנ, וואָס זיי פּרוּווּנ זיכ יאָ געבנ, דערקלערנ גאָרניט אינ דער ווירקלעכקײַט.

די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ „דערקלערנ" געוויינלעכ די פּרײַזנ מיטנ געזעצ פונ נאָכפרעג אונ אָנבאָט. אָבער מיט די וואקלונגענ פונ נאָכפרעג אונ אָנבאָט קאָנ מענ אינ בעסטנ פאל דערקלערנ, פארוואָס איז הײַנט דער פּרײַז פונ אוועלכער-ניט-איז סכוירע העכער אָדער נידעריקער, איידער נעכטנ, מע קאָנ אָבער בעשומויפנ ניט דערקלערנ דעמ פּרײַז פונ דער סכוירע, ווענ דער נאָכפרעג אונ אָנבאָט דעקנ זיכ אונ דער פּרײַז וואקלט זיכ ניט. מע קאָנ דערמיט אויכ ניט דערקלערנ, פארוואָס קאָסט איינ סכוירע טײַערער אָדער ביליקער, איידער א צווייטע סכוירע.

א צווייטע בורזשואזע דערקלערונג פונעמ פּרײַז איז די אזויגערופענע טעאָריע פונ די פּראָדוציר-קאָסטנ, וואָס לויט איר איז וואָס העכער עס זײַנענ די הויצאָעס פונ דער פּראָדוקציע, אלצ העכער איז דער פּרײַז פונ דער סכוירע. אָבער אזא „דערקלערונג" הייסט פּאָשעט ארויסדרייענ זיכ פונ א ווירקלעכער דערקלערונג. אינדערעמעסנ, די פּראָדוקציע, לעמאָשל, פונ ציצ — דאָס איז דער פּרײַז פונ גארנ, פונעמ וועבשטול אאוו. וואָס-זשע באשטימט דעמ פּרײַז פונ גארנ? קלאָר, אז די פּראָדוציר-קאָסטנ פונעמ גארנ, דה. דער פּרײַז פונ בוימוואָל, פונ דער שפּינערײַ-מאשינ אאוו. אונ דער פּרײַז פונעמ בוימוואָל? ווידעראמאָל דער פּרײַז פונ דער בוימוואָל-זריע, פונעמ אקער אאוו., דה. דער פּרײַז דערקלערט זיכ מיט פּרײַז, אָבער דאָס מיינט, אז ער ווערט ביכלאל ניט דערקלערט. וואָס איז אזוינס דער פּרײַז פונ א סכוירע? דאָס איז איר פּרײַז! אָט דאָס איז דער זינ פונעמ ענטפער, וואָס עס גיט די טעאָריע פונ די פּראָדוציר-קאָסטנ.

די בורזשואזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז אבסאָליוט ניט אימשטאנד צו דערקלערנ וויסנשאפטלעכ דאָס אויסבילדנ זיכ פונ די פּרײַזנ. א וויסנשאפטלעכע דערקלערונג פונ דער פּרײַזנ-אויסבילדונג אינ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט גיט בלויז מארקס ווערט- אונ מערווערט-טעאָריע. צוליב זייער קלאסנ-כאראקטער אונ צוליב זייער שטרעבונג צו אָפּלייקענענ אונ פארדעקנ די עקספּלואטאציע פונ ארבעטער-קלאס, באנוצט זיכ די בורזשואזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע מיט קאָלערליי שפּיצלעכ, זי בויט קאָלערליי „טעאָריעס", וואָס דערקלערנ גאָרניט, אונ גיט עס ארויס פאר „ריינער וויסנשאפט".

„נאָכ מאַרקסנ ריידנ וועגנ אוועלכער־ניט־איז אנדערער, ניט מאַרקסיסטישער פאָליטישער עקאָנאָמיע קאָנ מענ בלויז מיטנ צוועק אָפּצונאַרנ די באַלעבעסלעכ, זאָל זײַנ אפילע „הויכ ציווילעזירטע“ באַלעבעסלעכ“ (ל ע נ י נ, באַנד XXVII, זײַט 333).

* * *

אַלזאָ, מיר האָבנ זיכ באַקענט: 1) מיט דער פאַרוואַנדלונג פונעמ מערווערט אינ רעוועכ אונ פונ דער מערווערט־נאָרמע — אינ רעוועכ־נאָרמע, 2) מיט דער אויסגלײַכונג פונ פאַרשיידענע רעוועכ־נאָרמעס אינ א דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע אונ 3) מיט דער פאַרוואַנדלונג פונעמ ווערט אינ פּראָדוציר־פּרײַזנ. דער דאָזיקער גאַנצער פּראָצעס פאַרשטעלט דעמ סאַמע מעהוס פונ די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ.

די פאַרוואַנדלונג פונעמ מערווערט אינ רעוועכ אונ פונ דער מערווערט־נאָרמע אינ רעוועכ־נאָרמע האָט אַנ אויסערגעוויינלעכ וויכטיקע באַדײַטונג פאַר דער א נ ט וו י ק ל ו נ ג פונעמ קאַפּיטאַליזמ. באַמ קאַפּיטאַליזמ קומט פאָר די אַנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיוו-קרעפטנ אינ דער פאָרמ פונ קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג, אינ דער פאָרמ פונ „פאַרגרעסערנ די שוינ פאַראַנענע ווערטנ“. דאָס ווערט דערגרייכט דורכ דער אַלצ שטײַגנדיקער עקספּלואַטאַציע פונעמ אַרבעטער־קלאַס. דער וווקס פונ דער עקספּלואַטאַציע דריקט זיכ אויס אינעמ וווקס פונ דער מערווערט-נאָרמע. אָבער די קאַפּיטאַליסטנ אינטערעסירט ניט די מערווערט־נאָרמע, נאָר די רעוועכ-נאָרמע: בלויז די רעוועכ־נאָרמע איז א צײַגער דערפונ, אַז עס פאַרגרעסערט זיכ דער ווערט פונעמ ג א נ צ נ קאַפּיטאַל. יעדער קאַפּיטאַליסט באַזונדער אונ דער קלאַס קאַפּיטאַליסטנ אינגאַנצנ גענומענ שטרעבט צו א ווי ווײַט מעגלעכ העכערער רעוועכ־נאָרמע.

וואָלט זיכ געדאַרפט דוכטנ, אַז אינ רעזולטאַט דערפונ, וואָס עס וואַקסט די עקספּלואַטאַציע פונעמ אַרבעטער־קלאַס, דאַרפ די אַלגעמיינע רעוועכ־נאָרמע צוזאַמענ מיט דער אַנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזמ פאַרגרעסערט ווערנ. אינ דער ווירקלעכקײַט אָבער קומט פאָר ניט קיינ וווקס, נאָר אַנ אַראָפּזעצונג פונ דער רעוועכ־נאָרמע.

4. די טענדענצ פונ דער רעוועכ־נאָרמע צו פאַלנ

די סיבעס, פאַרוואָס די רעוועכ־נאָרמע פאַלט

די קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג איז ענג פאַרבונדנ מיטנ וווקס פונעמ אָרגאַנישנ באַשטאַנד פונ קאַפּיטאַל אינ אַלע צווײַגנ פונ דער פּראָדוקציע. אָבער וואָס העכער עס איז דער אָרגאַנישער באַשטאַנד פונ קאַפּיטאַל, אַלצ נידעריקער איז די רעוועכ־נאָרמע. אַזוי־ווי די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע איז די פאַרהעלטעניש פונ דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער מערווערט־מאַסע צו דעמ גאַנצנ געזעלשאַפטלעכנ קאַפּיטאַל, פאַלט אויכ מיטנ וווקס פונ דער קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג אונ פונ זײַנ אָרגאַנישנ באַשטאַנד די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע.

אזוי, למעמשל, האָט אינ פשא די רעוועכ־נאָרמע אינ דער באארבעטנדיקער אינדוסטריע אינ 1889 יאָר אויסגעמאכט 24%, אינ 1904 — 19,9%, אינ 1909 — 18,7%, אינ 1914 יאָר — 16,5%.

דאָס פאלנ פונ דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע איז א געזעצ פארנ קאפיטאליזמ. אָבער דאָס באטייט קלאָל ניט, אז עס פאלט אויכ די מאסע רעוועכ. אויב דער געזעלשאפטלעכער קאפיטאל פונ 100 מיליארד רובל ווערט אינ פארלויפ, לאָמיר זאָגנ, פונ 20 יאָר פארטאָפּלט אונ דערגרייכט 200 מיליארד, אויב זיינ אָרגאנישער באשטאנד הייבט זיכ אופ פונ 70 מיליארד רובל קאָנסטאנטנ פליוס 30 מיליארד רובל פארענדערלעכנ ביז 160 מיליארד רובל קאָנסטאנטנ פליוס 40 מיליארד רובל פארענדערלעכנ, וועט (בא א מערווערט־נאָרמע פונ 100%) אינעמ ערשטנ פאל די מ א ס ע רעוועכ זיינ 30 מיליארד רובל, די רעוועכ־נאָרמע — 30%, אונ אינעמ צווייטנ פאל די מ א ס ע רעוועכ — 40 מיליארד רובל אונ די רעוועכ־נאָרמע — 20%, די מאסע רעוועכ האָט זיכ פארגרעסערט, אָבער איר נאָרמע האָט זיכ פארקלענערט.

דער וווקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפיטאל, וואָס רופט ארויס דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע, איז פארבונדנ מיט דער אָנזאמלונג אונ קאָנצענטרירונג פונ קאפיטאל (זע זייט 134). נאָר די אָנזאמלונג פונ קאפיטאל באטייט, אז ס'וואקסט די מאסע פונ מערווערט. דאָס הייסט, אז דאָס פאלנ פונ דער נאָרמע פונ רעוועכ ניט נאָר עס קאָנ, נאָר עס מוז ברענגענ צו א פארגרעסערונג פונ דער מאסע פונ מערווערט, וואָס ווערט ארויסגעזויגנ פונעמ ארבעטער. אייננ אונ די זעלביקע סיבע — דער וווקס פונ דער פראָדוקטיווקייט פונ דער געזעלשאפטלעכער ארבעט — רופט ארויס א וווקס פונ דער רעוועכ-מאסע אונ דאָס פאלנ פונ איר נאָרמע.

די קעגנווירקנ־דיקע פאקטאָרנ

דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ־נ אָ ר מ ע איז א פאקט, וואָס אלע קאפיטאליסטנ פילנ רעאל, האגאמ זיי גיבנ זיכ אפילע ניט אָפּ קיינ כעזשבנ אינ זיינע סיבעס. די קאפיטאליסטנ סטארעננ זיכ צו פארהאלטנ דאָס דאָזיקע פאלנ מיט א גאנצער ריי מאָסמיטלענ. דאָס הויפּט־מאָסמיטל איז צו העכערנ די עקספּלואטאציע פונ די ארבעטער. אָבער פארשטארקנ די עקספּלואטאציע איז מעגלעכ, ווי מיר וויסנ, אפ צווייערליי אופאנימ — דורכ פארלענגערנ דעמ ארבעטסטאָג אונ דורכ העכערנ די אינטענסיווקייט אונ פראָדוקטיווקייט פונ דער ארבעט. אזויווי די קאפיטאליסטנ שטויסנ זיכ אלצ מער אָנ אפנ ווידערשטאנד פונ די ארבעטער אונ אזויווי די פארלענגערונג פונעמ ארבעטסטאָג ביכלאל האָט אירע פיזישע גרענעצנ, באנוצנ זיכ די קאפיטאליסטנ, קעדיי צו פארשטארקנ די עקספּלואטאציע, הויפּטזאכלעכ מיט די מעטאָדנ פונ פראָדוצירנ רעלאטיווע מערווערט.

אָבער דאָס פראָדוצירנ רעלאטיווע מערווערט איז אומבאדינגט פארבונדנ מיטנ וווקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפיטאל. אונ דער וווקס פונ אָרגאנישנ באשטאנד פונעמ קאפיטאל ברענגט דערצו, אז די רעוועכ־נאָרמע פאלט ווידער. קעדיי צו קאָמפּענסירנ דאָס דאָזיקע פאלנ, דארפ מענ ווידעראמאָל פארגרעסערנ דעמ גראד פונ דער עקספּלואטאציע אאוו. אאוו. אזוי ארומ ז ע ט די ב ו ר ז ש ו א ז י ע

צו פארהאלטנ דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע מיט אזוינע מיטלענ, וואָס סאָפקאָלסאָפ פארשנעלערנ זיי בלויז דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע אונ פארשארפנ די ווידערשפרוכנ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פראָלעטאריאט.

די קאפיטאליסטנ שטרעבנ צו פארהאלטנ דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע ניט בלויז פארגרעסערנדיק דעמ גראד פונ דער עקספלואטאציע, נאָר אויכ אראָפּזעצנדיק דעמ ארבעטלוינ אונטער דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט, ביליקער מאכנדיק די פראָדוציר-מיטלענ, דעראָבערנדיק נייע מערק, ווו מע זאָל קאָנענ פארקויפנ די סכוירעס אפ העכערע פרייזנ, אונ מיט א ריי אנדערע מיטלענ. אדאנק די דאָזיקע קעגנווירקנדיקע פאקטאָרנ פאלט די רעוועכ-נאָרמע ניט אָנופּהערלעכ: דאָס פאלנ קאָנ זיכ צייטווייליק אָפּשטעלנ, עס קאָנ אפילע פאָרקומענ א צייטווייליקער וווקס פונ דער רעוועכ-נאָרמע. דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע קומט פאָר אינ דער פאָרמ פונ א טענדענצ פונ דער רעוועכ-נאָרמע צו פאלנ. ניט געקוקט פונדעסטוועגנ אפ די קעגנווירקנדיקע פאקטאָרנ, ניט געקוקט אפ דער ניט גלייכמעסיקייט אינעמ פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע, איז דער אלגעמיינער געזעצ פונ איר באוועגונג ניט דאָס שטייגנ, נאָר דאָס פאלנ. דעריבער רעדט מארקס וועגנ דעמ געזעצ פונ דער טענדענצ פונ דער רעוועכ-נאָרמע צו פאלנ.

דאָס פאלנ פונ
דער רעוועכ-
נאָרמע אונ די
ווידערשפרוכנ
פונ קאפיטאליזמ

דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע דריקט אויס מיט זיכ דעמ וווקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפיטאל. דער דאָזיקער וווקס, ווידער, דריקט אויס דעמ וווקס פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. דעריבער איז דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע דער קאפיטאליסטישער אויסדרוק פונעמ וווקס פונ די פראָדוציר-קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט. שוינ דער דאָזיקער אומשטאנד אליינ ווייזט אָנ אפנ טיפ-ווידערשפרעכלעכנ כאראקטער פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע. דער קאפיטאליזמ אנטוויקלט די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו-קרעפטנ מיטנ צוועק צו באקומענ א וואָס גרעסערנ רעוועכ, אָבער דער וווקס פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ רופט ארויס דאָס פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע.

דער ציל פונעמ קאפיטאל איז צו פארגרעסערנ מאקסימאל די מאסע אונ נאָרמע פונ רעוועכ. דאָס מיטל אפ דערגרייכנ דעמ דאָזיקנ ציל איז אנטוויקלענ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ, פראָדוצירנ א וואָס גרעסערנ סכומ סכוירעס. וואָס מער עס אנטוויקלענ זיכ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ, אלצ מער פאלט די רעוועכ-נאָרמע. קעדיי קעגנווירקנ דעמ דאָזיקנ פאלנ, אנטוויקלענ די קאפיטאליסטנ נאָכ מער די פראָדוקטיוו-קרעפטנ, אָבער דאָס רופט ארויס א ווייטערדיקנ פאלנ פונ דער רעוועכ-נאָרמע. קעדיי צו דערגרייכנ זיינ ציל, איז אזויארומ דער קאפיטאל געצוווּנגענ צו אנטוויקלענ אָנ א גרענעצ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ, ד. ה. אנטוויקלענ זיי אזוי, פונקט ווי די פראָדוצירטע סכוירעס וואָלטנ געקאָנט פארברויכט ווערנ, אנטוויקלענ זיי, ניט רעכענענדיק זיכ מיט די גרענעצנ, וואָס די קאפיטאליסטישע צוייגענונג שטעלט דעמ געברויכ. אָבער באמ קאפיטאליזמ ווערט די געברויכ-קראפט פונ דער געזעלשאפט באשטימט ניט דורכ די באדערפענישנ, נאָר דורכ דער קויפּ-

פּייִקייט. די קאַפּיטאַליסטישע צווייגענונג זעצט אַראָפּ דעם געברויך פון די מאַסן אַפּ אַ
נידעריקער שטופע. די סכוירעס, וואָס ווערן פּראָדוצירט, קאָנען ניט אינגאַנצן פאַר-
קויפט ווערן, און דעם מערווערט, וואָס אַנטהאַלט זיך אין זיי, קאָנען די קאַ-
פּיטאַליסטן ניט רעאַליזירן אינגאַנצן. די שטרעבונג צו אַנטוויקלען אָן אַ שיר די
פּראָדוקטיוו־קרעפטן, שטויסט זיך דעריבער אָן אַפּ דער גרענעץ, וואָס דער קאַ־
פּיטאַל אַליין שטעלט איר. דער דאָזיקער ווידערשפּרוך באַקומט זײַן אויסדרוק
אין די קריזיסן.

אַנטוויקלענדיק די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, שטעלט דער קאַפּיטאַליזם אַזוי־
אַרום אַליין די גרענעצן פאַר דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. די גרענעץ פאַר דער
פּראָדוקציע באַם קאַפּיטאַליזם זײַנען ניט די פּראָדוקטיוו־קרעפטן אַליין, ניט די
טעכנישע אומעגלעכקייט פון זייער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג, נאָר אויסשליסלעך
די קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג, דער קאַפּי־
טאַל גופא. דער ציל פונעם קאַפּיטאַל — דער מאַקסימאַלער אופשטײַג פון דער רע־
ווענ־נאָרמע — פאַלט אַרײַן אין אַ שטענדיקן ווידערשפּרוך מיטן מיטל אַפּ צו דער־
גרייכן דעם דאָזיקן ציל — מיט דער גרענעצלאָזער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-
קרעפטן.

„דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוציר-אופן באַגעגנט אין דער אַנטוויקלונג פון
די פּראָדוקטיוו־קרעפטן אַזאַ גרענעץ, וואָס שטייט ניט אין קיין שום פאַרבינדונג
מיט דער פּראָדוצירונג פון רײַכטימער אַלס אַזעלכע; און די דאָזיקע באַזונ-
דערע גרענעץ זאָגט אײדעס וועגן דער באַגרענעצטקייט און בלויז וועגן דעם
היסטאָרישן איבערגייענדיקן כאַראַקטער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־
אופן; ער דערווײַזט, אַז ער איז ניט קיין אַבסאָליוטער פּראָדוציר־אופן אַפּ
פּראָדוצירן רײַכטימער און אַז, פאַרקערט, אַפּ אַ געוויסער שטופע טרעט ער
אַרײַן אין קאָנפליקט מיט זײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג“ (מ אַ ר ק ס, קאַפּיטאַל,
באַנד III, זײַט 165).

וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, אַלץ מער פאַרשאַרפט זיך
דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און איר קאַפּי-
טאַליסטישער פאָרם, אַלץ מער פאַרשאַרפט זיך דער אַנטאַגאָניזם צווישן דעם
פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. אַ צוזאַמענשטויס ווערט אומפאַרמײַדלעך,
דער צוזאַמענשטויס, וואָס אין אים באַפרײַען זיך די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-
קרעפטן אַפּ אַ רעוואָליוציאָנערן אופן פון זייער קאַפּיטאַליסטישער פאָרם.

די סאָציאַל־פאַ־
שיסטישע טע־
אָריע וועגן דעם
אויטאָמאַטישן
קראַך פונעם קאַ־
פּיטאַליזם

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו האַלטן, אַז דער קאַפּיטאַ-
ליזם וועט פון זיך אַליין, אויטאָמאַטיש אומקומען, „אויסגיין“
דערפון, וואָס עס פאַלט די רעוועכ־נאָרמע. די טעאָריע
וועגן אויטאָמאַטישן קראַך פונעם קאַפּיטאַליזם איז אַן אַנטימאַרק-
סיסטישע, אַנטילעניניסטישע טעאָריע. דאָס האָט די סאָציאַל־דע-
מאָקראַטיע אויסגעטראַכט, קעדיי אָפּצונאַרן די מאַסן. אַזוי
האָט איינער פון די טעאָרעטיקער פון די דײַטשישע „לינקע“ סאָציאַל דע־
מאָקראַטן, היינריך גראָסמאַן, געווידמעט אַ גרויסן בוך אַפּ צו „דערווײַזן“, אַז
עס דאַרף אָנקומען אַזאַ מאָמענט, ווען די רעוועכ־נאָרמע וועט אַפּ אַזויפיל פאַלן,

אז פאר די קאַפּיטאַליסטן וועט גאָרניט בלײַבן פאַרן געברויך און דער קאַפּי־טאַליזם וועט אומפאַרמײַדלעך קומען צו א קאַטאַסטראָפע. און דעם דאָזיקן אבסורד פּרווט גראָסמאַן צושרײַבן מאַרקסן.

אין דער צײַט, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע טרעט ארויס אָפן פאַר היילן דעם קאַפּיטאַליזם, פאַר ראַטעווען אים פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, זאָגן די „לינקע" סאָציאַל־פאַשיסטן צו די אַרבעטער: „דער קאַפּיטאַליזם וועט פון זיך אַליין אומקומען, עס איז ניטאָ וואָס אַראָפּצוּוואַרפן אים, עס איז ניטאָ צוליב וואָס צו אָרגאַניזירן א רעוואָליוציע". די „רעוואָליוציאָנערע" טעאָריע וועגן דער אויטאָמאַטישער קאַטאַסטראָפע פונעם קאַפּיטאַליזם האָט דעם ציל צו שאַפן פּאַסיווקייט אינעם אַרבעטער־קלאַס (אָפּהאַלטן אים פון רעוואָליוציאָנערע אַקציעס) און דערמיט גופא העלפן דעם קאַפּיטאַליזם צו פאַרשטאַרקן זיך. צווישן די „רעכטע" און „לינקע" סאָציאַל־פאַשיסטן איז פאַראַן בלויז אַן אַרבעט־צעטיילונג אינעם פּראָצעס פון אָפּנאַרן דעם אַרבעטער־קלאַס און אונטערוואַרפן אים דער דיקטאַטור פון קאַפּיטאַל.

דער קאַפּיטאַליזם וועט פון זיך אַליין ניט פּלאַצן, ווי שטאַרק עס זאָלן ניט זײַן זײַנע ווידערשפּרוכן. פאַרקערט—די פאַרשאַרפונג פונעם גרונט־ווידער־שפּרוך אינעם קאַפּיטאַליזם פאַרשטאַרקט דעם קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר זײַן באַפרײַונג. דער קאַפּיטאַליזם וועט קומען צו א קאַטאַסטראָפע דורך דער פּראָ־לעטאַרישער רעוואָליוציע, וואָס מאַכט א סאָף צו דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל און צו דעם סאָציאַלן הויפּט־אָנשפּאַר פון דער בורזשואַזיע — דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

5. דער רעוועך פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל

לאָמיר אצינד אריבערגיין צו דער פראַגע, וויאַזוי און אין וואָס פאַר א פאָרם איין טייל פון דעם מערווערט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס פּראָדוצירט און וואָס עס פאַרייגנט אין דער ערשטער ריי דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, פאַלט אַרײַן צום האַנדל־קאַפּיטאַל.

מיר ווייסן שוין, אז די באַוועגונג פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל איז די באַוועגונג פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל אין דער צירקוליאַציע־ספער. די פונקציע פון די האַנדל־קאַפּיטאַליסטן באַשטייט אין פאַרוואַנדלען דעם סכוירע־קאַפּיטאַל אין געלט־קאַפּיטאַל. ווען עס וואָלט ניט געווען קיין האַנדל־קאַפּיטאַל, וואָלט דער אינדו־סטריעלער קאַפּיטאַליסט געדאַרפט האָבן א צוגאָב־קאַפּיטאַל, קעדיי צו זײַן אים־שטאַנד קעסיידער צו פּראָדוצירן. דער האַנדל־קאַפּיטאַל אין געזעלשאַפטלעכן מאַסשטאַב איז טאַקע דער צוגאָב־קאַפּיטאַל צום אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, האָגאַם ער איז אָפּגעזונדערט פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל און איז אים קעגנגעשטעלט אין דער פאָרם פון קאַפּיטאַל בא א באַזונדערער גרופּע האַנדל־קאַפּיטאַליסטן.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז אַלס רעזולטאַט פון דער אָפּזונדערונג און פון דער קאָנצענטרירונג פונעם צוגאָב־קאַפּיטאַל בא די האַנדל־קאַפּיטאַליסטן אין די הענט פאָדערט זיך אַלס דערגאַנצונג צום גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אינדוסטריעלן

קאפיטאל פונ 400 טויזנט רובל א צוגאָב-קאפיטאל ניט פונ 400 טויזנט רובל, ווי מיר האָבנ אויבנ מעשאער געווענ, נאָר פונ 100 טויזנט רובל. דער גאנצער געזעלשאפטלעכער קאפיטאל וועט דאנ באטרעפנ 500 טויזנט רובל. א טייל פונעם דאָזיקנ קאפיטאל (400 טויזנט רובל) איז קעסיידער פארנומענ אינ דער פראָדוקציע אונ געהערט די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ אונ דער צווייטער טייל (100 טויזנט רובל) געפינט זיכ קעסיידער אינ צירקוליאציע אונ געהערט די האנדל-קאפיטאליסטנ.

יערלעכ ווערט פראָדוצירט 80 טויזנט רובל מערווערט. די דורכשניטלעכע רעוועכ-נאָרמע טרעפט צו אזויארום 16% (80 טויזנט רובל מערווערט צום געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל פונ 500 טויזנט רובל). די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ פארקויפנ זייערע סכוירעס לויט די פראָדוציר-פרייַזנ, דה. צו די פראָדוציר-קאָסטנ 400 טויזנט רובל ווערנ צוגעגעבנ $16^0/_0$ (64 טויזנט רובל) אונ זיי פארקויפנ די סכוירע די האנדל-קאפיטאליסטנ פאר 464 טויזנט רובל. אינ דער דאָזיקער סכוירע פארבלייַבט, אזויארום, נאָכ 16 טויזנט רובל מערווערט. פארקויפנדיק די סכוירע פאר 480 טויזנט רובל, רעאליזירנ די האנדל-קאפיטאליסטנ דעם דאָזיקנ מערווערט אונ באקומענ אויכ $16^0/_0$ רעוועכ פונ זייער קאפיטאל (16 טויזנט רובל רעוועכ אפ 100 טויזנט רובל קאפיטאל).

דער רעוועכ פונעם האנדל-קאפיטאל אָדער דער האנדל-רעוועכ איז אפ אזא אויפנ א טייל פונעם מערווערט. די דאָזיקע פארטיילונג פונעם מערווערט צווישנ די אינדוסטריעלער אונ די האנדל-קאפיטאליסטנ קומט פאָר, פארשטייט זיכ, ניט לויט א „קאָלעקטיווער" פארשטענדיקונג צווישנ זיי, נאָר אפנ זעלבנ אויפנ, אפ וועלכנ עס קומט ביכלאל פאָר די פארטיילונג פונעם מערווערט צווישנ די קאפיטאליסטנ, דה. דורכ דער קאָנקורענצ פונ די קאפיטאלנ. די נ אָ ר מ ע פ ו נ ד ע ם ה א נ ד ל - ר ע ו ו ע כ א י ז ג ל ײַ כ צ ו ד ע ר ד ו ר כ ש נ י ט ל ע כ ע ר ר ע ו ו ע כ - נ אָ ר מ ע: ווענ זי וואָלט געווענ נידעריקער, וואָלט א טייל האנדל-קאפיטאל אריבער אינ דער אינדוסטריע.

בילדנדיק א טייל פונעם גאנצנ געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל אונ באטייליקנדיק זיכ אינ דער קאפיטאלנ-קאָנקורענצ, באטייליקנדיק זיכ אינ אויסגלייַכנ די רעוועכ-נאָרמע, באקומט דער האנדל-קאפיטאל, פונקט אזוי ווי דער אינדוסטריעלער קאפיטאל, א דורכשניטלעכע רעוועכ-נאָרמע.

די ווירקונג פונעם צוגאָב-קאפיטאל אפ דער דורכשניטלעכער רעוועכ-נאָרמע

קעדיי קלאָר צו מאכנ, וויאזוי א טייל מערווערט ווערט פארוואנדלט אינ רעוועכ פונ די האנדל-קאפיטאליסטנ, וועלנ מיר נעמענ אזא בייַשפיל. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז דער אינדוסטריעלער קאפיטאליסט האָט א קאפיטאל פונ 400 טויזנט רובל, וואָס ברענגט אימ אריינ 80 טויזנט רובל אָדער 20% רעוועכ (לויט דער דורכשניטלעכער רעוועכ-נאָרמע), אז דאָס פראָדוצירנ די סכוירע דויערט 12 כאדאָשימ אונ אפ פארוואנדלענ די פראָדוצירטע סכוירע אינ געלט, דה. פאר איר צירקוליאציע, פאָדערט זיכ אויכ 12 כאדאָשימ. לאָמיר זיכ אויכ פאָרשטעלנ, אז דער אינדוסטריעלער קאפיטאליסט האָט אליינ א צוגאָב-קאפיטאל. אזויווי די צייַט, וואָס פאָדערט זיכ פאר דער סכוירע-

צירקוליאַציע, איז אין אונדזער בײַשפּיל גלײַך צו דער צײַט, אין וועלכער זי ווערט פּראָדוצירט, דאַרף דער צוגאָב-קאַפּיטאַל זײַן פון דער זעלבער גרייס, ווי דער קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרנומען אין דער פּראָדוקציע. ווען עס וועט זיך ענדיקן דער צווייטער פּראָדוציר־ציקל, וועלן שוין זײַן פאַרקויפט די סכוירעס פונעם ערשטן פּראָדוציר־ציקל און דער קאַפּיטאַליסט וועט קענען אָנהייבן דעם דריטן פּראָדוציר-ציקל אאַז״וו.

וויאַזוי ווירקט דער דאָזיקער צוגאָב־קאַפּיטאַל אויף דער רעוועכ-נאָרמע? האַגאַם בא אונדזער קאַפּיטאַליסט זײַנען קעסיידער פאַרנומען אין דער פּראָ-דוקציע 400 טויזנט רובל, וואָס ברענגען יערלעך 80000 רובל רעוועכ, איז אָבער דער גאַנצער קאַפּיטאַל זײַנער ניט קיין 400 טויזנט רובל, נאָר 800 טויזנט רובל. דעריבער באַטרעפט אין דער ווירקלעכקײַט די רעוועכ־נאָרמע ניט קיין 20%, נאָר בלויז 10%, ווײַל די רעוועכ־נאָרמע איז דאָך די פאַרהעלטעניש פונעם מערווערט צום גאַנצן קאַפּיטאַל. פּונקט אַזאַ לאַגע איז אויך פאַרן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל; ער באַשטייט פונעם קאַפּיטאַל, וואָס איז קעסיידער פאַרנומען אין דער פּראָדוקציע, און פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך אין ציר־קוליאַציע. אַזוי אַז דער צוגאָב־קאַפּיטאַל ברענגט דערצו, אַז די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע איז קלענער, איידער אין דעם פאַל, ווען די צײַט פון דער צירקוליאַציע וואָלט געווען גלײַך צו אַ נול און דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער קאַפּיטאַל וואָלט זיך געפונען קעסיידער בלויז אין דער פּראָדוקציע.

די דורכשניטלעכע אָדער געזעלשאַפטלעכע רעוועכ־נאָרמע איז די פאַרהעלטעניש פון דער געזעלשאַפטלעכער מערווערט־מאַסע צו דער אַלגעמיינער גרייס פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל און האַנדל־קאַ־פּיטאַל.

די אויסבילדונג פון האַנדל־רע־וועכ

אצינד וועט אונדז שוין ניט שווער זײַן צו פאַרשטיין, וויאַזוי אַ טייל מערווערט גייט אַריבער צו די האַנדל-קאַפּיטאַליסטן אין די הענט.

די אָפּזונדערונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן צוגאָב-קאַפּיטאַל, וואָס איז נייטיק פאַר דער צירקוליאַציע אַלס האַנדל-קאַפּיטאַל, וואָס געהערט אַ באַ־זונדער גרופּע קאַפּיטאַליסטן — די האַנדל-קאַפּיטאַליסטן, — ברענגט דערצו, אַז דער דאָזיקער גאַנצער צוגאָב-קאַפּיטאַל איז לויט זײַן פאַרנעם קלענער, איידער אינעם פאַל, ווען יעדער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט וואָלט באַזונדער אַליין דעם צוגאָב-קאַפּיטאַל, וואָס אים איז נייטיק, און וואָלט געהאַט אַן אייגענע האַנדל-אונטערנעמונג. קאָנצענטרירנדיק בא זיך אין די הענט דעם האַנדל מיט די סכוירעס פון אַ סאַך אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן פון איין און דעם זעלבן אינדוסטריע-צווײַג אָדער פון עטלעכע צווײַגן, מאַכט דער האַנדל-קאַפּיטאַליסט מיט זיי אַ סאַך שנעלער דעם אומזאַץ. קויפנדיק בא איין אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליסט סכוירע און פאַרקוי־פנדיק זי, קאָן דער הענדלער פאַרן זעלבן געלט קויפן סכוירע בא אַן אַנדערן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליסט. מיט זײַן קאַפּיטאַל פאַרבײַט ער עטלעכע צוגאָב-

קאפיטאלנ. די קאָנצענטרירונג פונעמ האנדל בא א באזונדער גרופע קאפיטאליסטנ אינ די הענט פארקלענערט, אזויארומ, די גרייס פונעמ נייטיקנ געזע שאפט־לעכנ צוגאָב־קאפיטאל.

אינ דער פאָרמ פונ האנדל־רעווע איז דער מערווערט פארמאסקירט נאָכ מער, איידער אינ דער פאָרמ פונ אינדוסטריעלנ רעווע. אויב דער אינדוסטרי־עלער קאפיטאל גייט דורכ אינ זײַנ באוועגונג דורכ דער פאָרמ פונ געלט־קא־פיטאל, פראָדוקטיוונ קאפיטאל אונ סכוירע־קאפיטאל, גייט דער האנדל־קאפיטאל דורכ בלויז דורכ די פאָרמענ פונ געלט־ אונ סכוירע־קאפיטאל. די פאָרמולע פונ זײַנ באוועגונג איז: ג—ס—ג′. די פארבינדונג מיט ד׳ער פראָדוקציע איז דאָ אינגאנצנ איבערגעריסנ. דער האנדל־קאפיטאליסט באקומט זײַנ רעווע, מאכנדיק א הויסאָפע אפנ קויפ־פרײַז פונ דער סכוירע אונ דעריבער ווערט געשאפנ דער אײַנדרוק, אז זײַנ רעווע ווערט געשאפנ דורכ דער צירקוליאציע גופע פונ דער סכוירע. אינ דער ווירקלעכקײַט אָבער איז דער האנדל־רעווע דער טייל פונעמ מערווערט, וואָס איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ געלט אונ וואָס אנטהאלט זיכ אינ דער סכוירע, וועלכע ער האָט געקויפט אונ וואָס דער אינדוסטריעלער קאפיטא־ליסט האָט אימ אָפגעטראָטנ.

אָבער נאָכ א העכערע שטופע, די העכסטע שטופע פונ פארקריפלענ די קאפיטאליסטישע פראָדוציר־פארהעלטענישנ האָבנ מיר אינעמ רעווע אפנ האלוואָע־קאפיטאל—אינעמ האלוואָע־פראָצענט.

6. האלוואָע־קאפיטאל אונ האלוואָע־פראָצענט

האלוואָע־פראָצענט איז א טייל מערווערט

דער געלט־קאפיטאל, וואָס ווערט אנטליִענ אפ א באשטימטנ טערמינ, הייסט האלוואָע־קאפיטאל. די האכנאָסע, וואָס דער באזיצער פונ האלוואָע־קאפיטאל באקומט פונעמ קאפיטאליסט, וועלכער האָט געליִענ דעמ דאָזיקנ קאפיטאל, הייסט פראָצענט. אונ די פארהעלטעניש פונ דער דאָזיקער האכנאָסע צו דער גרייס פונעמ האלוואָע־קאפיטאל הייסט פראָצענט־ניוואָ (געוויינלעכ רופט מענ אימ פראָצענט־ראטע אָדער פאָשעט פראָצענט). לעמאָשל, אויב דער האלוואָע־קאפיטאל 1000 רובל ברענגט יערלעכ זײַנ באזיצער 100 רובל האכנאָסע, הייסט די דאָזיקע 100 רובל פראָצענט אָדער פראָצענט־געלט; זיי באטרעפנ 10% פונ דער גרייס פונ דעמ האלוואָע־קאפיטאל. די דאָזיקע 10% בילדנ דעמ פראָצענט־ניוואָ.

דער אינדוסטריעלער קאפיטאל אָדער האנדל־קאפיטאל, וואָס לײַט געלט אפ ארײַנלייגנ עס אינ דער פראָדוקציע אָדער אינעמ האנדל, צאָלט פראָצענט פונ זײַנ רעווע. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, לעמאָשל, אז דער אינדוסטריעלער אָדער קאָמערציעלער קאפיטאליסט האָט געליִענ 100 טויזנט רובל. בא א דורכשניטלעכער רעווע־נאָרמע פונ 10% וועט די מאסע רעווע אפ דעמ דאָזיקנ קאפיטאל באטרעפנ 10 טויזנט רובל. פונ דעמ דאָזיקנ רעווע צאָלט דער קאפיטאליסט, וואָס האָט געליִענ דאָס געלט, פראָצענט דעמ קאפיטאליסט, וואָס גיט די האלוואָע. אויב דער פראָצענט־ניוואָ באטרעפט 5, וועט דאָס פראָצענט־געלט אפנ קאפיטאל 100

טויזנט רובל באטרעפֿן 5000 רובל, וואָס ווערן אויסגעצאָלט פֿון זי 10 טויזנט
רובל רעוועכ. דער פּראָצענט בילדעט דעריבער א טייל רעוועכ, אָבער אזויווי
דער רעוועכ איז בלויז א פֿארוואנדלטע פֿאָרם פֿון דעם מערווערט, איז דער
פּראָצענט א טייל פֿונעם מערווערט.

דער פּראָצענט־ניוואָ איז נידעריקער פֿון דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע

וויבאלד דער פּראָצענט בילדעט א טייל פֿונעם רעוועכ, קאָן
דער פּראָצענט־ניוואָ ניט זײַן העכער פֿון דער דורכשניטלע־
כער רעוועכ־נאָרמע, נאָר, פֿארקערט — ער דארף זײַן נידעריקער
פֿון איר. מיטן לײַען דאָס געלט און מיטן ארײַנלייגן עס
אין דער פּראָדוקציע פֿארוואנדלט דער אינדוסטריעלער קאפּי־
טאליסט דאָס דאָזיקע געלט פֿון א ניט פֿונקציאָנירנדיקן קאפּיטאל אין א פֿונק־
ציאָנירנדיקן, אין א טייל פֿונעם פּראָדוקטיוון קאפּיטאל. דער דאָזיקער טייל קאפּי־
טאל, וואָס איז פֿארנומען אין דער פּראָדוקציע, צוגלײַך מיטן גאנצן פּראָדוקטיוון
קאפּיטאל, פּראָדוצירט מערווערט און אף זײַן חשבון קומט אויס רעוועכ פֿון
א באשטימטער גרייס לויטן געזעץ פֿון דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע.
אָבער אזויווי דער דאָזיקער טייל קאפּיטאל באם אינדוסטריעלן קאפּיטאליסט אין
די הענט איז פֿאר אים א פֿרעמדער קאפּיטאל, גיט ער אָפּ א טייל פֿונעם
רעוועכ, וואָס קומט אויס אפֿן דאָזיקן פֿרעמדן קאפּיטאל, דעם באזיצער פֿון דעם
דאָזיקן קאפּיטאל — דעם קרעדיטער. דער פּראָצענט־ניוואָ דארף דע־
ריבער זײַן קלענער פֿון דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָר־
מע. ווען ער וואָלט געווען גלײַך מיט איר, וואָלט פֿארן אינדוסטריעלן קא־
פּיטאליסט אָדער פֿארן האנדל־קאפּיטאליסט קיין שום זין ניט געהאט צו לײַען
דאָס געלט.

עמעס, עס זײַנען פֿאראן אזוינע פֿאלן, ווען דער אינדוסטריעלער קאפּיטא־
ליסט איז מאסקים צו צאָלן פּראָצענט אויך לויט דעם ניוואָ, וואָס איז גלײַך צו
דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע, לעמאָשל, אויב אָן א פֿרעמדן קאפּיטאל קאָן ער
ניט מאכן פֿונקציאָנירן זײַן אייגענעם קאפּיטאל אָדער ווען עס דראָעט אים א
באנקראָט. באזונדערס הויך איז דער פּראָצענט־ניוואָ אין א קריזיס־מאָמענט. אָבער
אלס קלאל איז דער פּראָצענט־ניוואָ נידעריקער, איידער די דורכשניטלעכע רע־
וועכ־נאָרמע.

שטעלט זיך די פֿראגע: פֿארוואָס ברענגט דער האנדל־קאפּיטאל רעוועכ לויט
דער דורכשניטלעכער נאָרמע און דער האלוואָע־קאפּיטאל — ווייניקער פֿון דער דורכ־
שניטלעכער רעוועכ־נאָרמע? דאָס דערקלערט זיך מיט דער פֿארשיידענער ראָליע
פֿונעם האנדל־ און האלוואָע־קאפּיטאל. דער האנדל־קאפּיטאל שטעלט מיט זיך פֿאָר
דעם געזעלשאפֿטלעכן צוגאָב־קאפּיטאל, דעם נייטיקן צירקוליאציע־קאפּיטאל. דער
האלוואָע־קאפּיטאל איז, פֿארשטייט זיך, אויך ניט קיין איבעריקער אָדער אזא קא־
פּיטאל, וואָס מע דארף אים ניט האָבן. אָבער ער פֿונקציאָנירט אלס א טייל
געזעלשאפֿטלעכער אינדוסטריעלער אָדער האנדל־קאפּיטאל ניט באם האלוואָע־קא־
פּיטאליסט אין די הענט, נאָר באם אינדוסטריעלן קאפּיטאליסט, אָדער האנדל־
קאפּיטאליסט.

לאָמיר עס דערקלערן מיט א בײַשפּיל. דער גאנצער געזעלשאפֿטלעכער קאפּי־

טאל 200 טויזנט רובל באשטייט פונ 100 טויזנט רובל אינדוסטריעלנ קאפיטאל אונ 100 טויזנט רובל האנדל־קאפיטאל. דער מערווערט, וואָס דער אינדוסטריעלער קאפיטאל פראָדוצירט אינ פארלויפ פונ יאָר, באטרעפט 20 טויזנט רובל. די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע וועט אזויארום באטרעפנ 10%. דער רעוועכ פונ די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ איז 10 טויזנט רובל, אונ דער רעוועכ פונ די האנדל־קאפיטאליסטנ — איז 10 טויזנט רובל. אצינד לאָמיר זאָגנ, אז די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ אונ די האנדל־קאפיטאליסטנ האָבנ געליענ בא די האלוואָע־קאפיטאליסטנ צו 50 טויזנט רובל. דער אינדוסטריעלער קאפיטאל וועט דאנ באטרעפנ 150 טויזנט רובל, דער האנדל־קאפיטאל — אויכ 150 טויזנט רובל, אונ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער קאפיטאל—300 טויזנט רובל. אויב דער אָרגאנישער באשטאנד פונ קאפיטאל אונ דער עקספלואטאציע־גראד האָבנ זיכ ניט געענדערט, וועט די מערווערט־מאסע, וואָס דער אינדוסטריעלער קאפיטאל האָט פראָדוצירט, זייַנ 30 טויזנט רובל אונ די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע—ווי פריער 10%. אפנ כיילעק פונ די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ אונ האנדל־קאפיטאליסטנ וועט אויסקומענ צו 15 טויזנט רובל רעוועכ. אָבער פונ די דאָזיקע 15 טויזנט רובל קומט אויס בלויז 10 טויזנט רובל אפ זייער אייגענעמ קאפיטאל אונ די איבעריקע 5000 רובל קומט אויס אפנ פרעמדנ קאפיטאל. סאכאקל קומט, אזויארום, אויס אפנ דאָזיקנ פרעמדנ קאפיטאל 10 טויזנט רובל, דה. 10%, לויט דער דורכשניטלעכער נאָרמע. אָבער אזויווי דעמ דאָזיקנ פרעמדנ קאפיטאל האָבנ באנוצט ניט זייַנע באזיצער, נאָר די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ אונ האנדל־קאפיטאליסטנ, גיבנ די דאָזיקע קאפיטאליסטנ אָפ די האלוואָע־קאפיטאליסטנ בלויז א טייל פונעמ דאָזיקנ רעוועכ, לאָמיר זאָגנ, — צו 2500 רובל אונ סאכאקל 5000 רובל. אצינד באטרעפט דער רעוועכ פונ די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ 12500 רובל, פונ די האנדל־קאפיטאליסטנ — אויכ 12500 רובל אונ פונ די האלוואָע־קאפיטאליסטנ — 5000 רובל.

אזויארום ווערט דער האלוואָע־קאפיטאל בא די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ אונ האנדל־קאפיטאליסטנ אינ די הענט א דירעקטער באשטאנד־טייל פונעמ גאנצנ געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל – דעמ אינדוסטריעלנ קאפיטאל אָדער האנדל־קאפיטאל — אונ פונ דער אלגעמיינער מאסע געזעלשאפטלעכנ מערווערט קומט אויס אפ זייַנ כיילעק א באשטימטער טייל פונ דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע. אָבער דער דאָזיקער דורכשניטלעכער רעוועכ קומט אויס אפ זייַנ כיילעק ניט ווי אפ האלוואָע־קאפיטאל, נאָר ווי אפ א באשטאנד־טייל פונעמ גאנצנ פונקציאָנירנדיקנ געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל. די באזיצער אָבער פונעמ האלוואָע־קאפיטאל באקומענ בלויז א טייל פונעמ דאָזיקנ דורכשניטלעכנ רעוועכ אינ דער פאָרמ פונ פראָצענט, אונ דער איבעריקער טייל פארבלייַבט בא יענע קאפיטאליסטנ, וואָס האָבנ באנוצט דעמ דאָזיקנ קאפיטאל, וואָס האָבנ אימ פארוואנדלט פונ א ניט־פונקציאָנירנדיקנ אינ א פונקציאָנירנדיקנ.

שטעלט זיכ אָבער ווידעראמאָל די פראגע: וואָס פאר א זינענ האָט פאר די האלוואָע־קאפיטאליסטנ צו באנוגענענ זיכ מיט האכנאָסעס, וואָס זייַנענ נידעריקער פונ דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע? זיי קאָנענ דאָכ פאָשעט אליינ אָנווענדנ

זײער קאפּיטאל אינ דער פּראָדוקציע אָדער אינעם האנדל אונ באקומענ א סאכ א העכערע האכנאָסע!

האלוואַע-פּראָצענט און באנק-רעוועכ

די זאכ איז אָבער, וואָס די ווירקלעכע האכנאָסע פונ די האלוואָע-קאפּיטאליסטנ איז העכער פונעם פּראָצענט-ניוואָ, זי איז גלײַכ צו דער דורכשניטלעכער רעוועכ-נאָרמע אונ איז אפילע אָפּטמאָל העכער פונ איר. דער האלוואָע-קאפּיטאליסט איז דער באנקיר, די בענק, ווידער, גיבנ ארויס האלוואָעס ניט בלויז פונעם אײגענעמ קאפּיטאל, נאָר אויכ פונ יענע פרעמדע קאפּיטאלנ אונ אָפּשפּאָרונגענ, וואָס ווערנ אינ זײ קאָנ-צענטרירט.

די אינדוסטריעלע קאפּיטאליסטנ האלטנ אופּ א טײל קאפּיטאל אינ א געלט-פאָרמ אלס רעזערוו אפנ פאל, אויב עס ווערנ טײַערער די פּרײַזנ אפ רויוואַרג אאוו. דער פּרײַז, וואָס מע באקומט בא יעדנ מאָל פארקויפנ די סכוירע, אנט-האלט אינ זיכ א קאָמפּענסאציע פאר דער אָפּנוצונג פונ דעמ גרונט-קאפּיטאל (מא-שינעס, געצײַג אאוו.), אָבער דער גרונט-קאפּיטאל ווערט פארביטנ מיט א נײַעמ ערשט נאָכ דעמ, ווי ער ווערט אינגאנצנ אָפּגענוצט (אײנ מאָל אינ עטלעכע יאָר), אזוי אז עס זאמלט זיכ אָנ ביסלעכווײַז אינ געלט-פאָרמ א באשטימטע סומע, וואָס פארבלײַבט צײַטווײַליק פרײַ. אויכ דער מערווערט, וואָס גײט אפ דער קאַ-פּיטאל-אָנזאמלונג (די פארברײטערטע רעפּראָדוצירונג), ווערט ניט נאָכ יעדנ פּי-דיענ פארוואנדלט אינ א נײַעמ קאפּיטאל. עס זײַנענ פאראנ אויכ אנדערע בא-דינגונגענ פונ דער קאפּיטאליסטישער רעפּראָדוצירונג, וואָס ברענגענ צו דער אויסבילדונג פונ א צײַטווײַליק פרײַענ געלט-קאפּיטאל. אזא צײַטווײַליק פרײַער קאפּיטאל אינ געלט-פאָרמ טײלט זיכ אויס אויכ בא די האנדל-קאפּיטאליסטנ.

די קאפּיטאליסטנ, ווידער, נײטיקנ זיכ אָפּט אינ קרעדיט אפ פארברײטערנ די פּראָדוקציע אָדער אפ אײַנקויפנ רויוואַרג אאוו. אינ דער צײַט, ווענ בא אײניקע קאפּיטאליסטנ איז פאראנ א צײַטווײַליק פרײַער געלט-קאפּיטאל, קומט אופ בא אנדערע א נאָכפרעג אפ האלוואָע-קאפּיטאל. די בענק קאָנצענטרירנ בא זיכ די צײַטווײַליק פרײַע געלט-קאפּיטאלנ אונ גיבנ זײ ארויס אלס האלוואָע. כוץ דעמ פליסנ ארײַנ אינ די בענק די אָפּשפּאָרונגענ פונ די קלײנע אײַנלײגער. די בענק זײַנענ, אזויארומ, די פארמיטלער צווישנ דעמ אָנבאָט פונ קאפּיטאל אונ דעמ נאָכפרעג אפ אימ. די בענק גיבנ, אזויארומ, ארויס אלס האלוואָע ניט בלויז זײער אײגענעמ קאפּיטאל, נאָר אויכ פרעמדנ, וואָס געפינט זיכ בא זײ צײַטווײַליק *.

פאר די אײַנלאגנ, וואָס דער באנק נעמט אופ, צאָלט ער די אײַנלײגער א קלענערנ פּראָצענט, אײדער פאר דער האלוואָע, וואָס ער גיט ארויס. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז דער באנק האָט אײגענעמ קאפּיטאל 100 מיליאָנ רובל אונ פרעמדנ קאפּיטאל (אײַנלאגנ) אפ 300 מיליאָנ רובל. פאר די אײַנלאגנ צאָלט ער, לאָמיר זאָגנ, 3% א יאָר, אונ פאר די האלוואָעס נעמט ער 5%. אויב דער דאָזיקער

* באמ אימפּעריאליזמ ענדערט זיכ די ראָליע פונ די בענק, האגאמ די דאָזיקע פונקציע פונ פאר-מיטלער פארבלײַבט בא זײ, וועגנ דעמ זע אינ עלפטנ קאפּיטל.

גאַנצער קאַפּיטאַל 400 מיליאָנ רובל מאַכט אײנ אומזאַץ א יאָר, װעלנ מיר צום סאָפ יאָר האָבנ אַזאַ רעזולטאַט: די האַכנאָסעס פונעם באַנק — די פּראָצענטנ פאַר די אַרויסגעגעבענע האַלוואָעס — װעלנ באַטרעפנ 20 מיליאָנ רובל (5% פונ 400 מיליאָנ רובל), די הוצאָעס אַפ אויסצאָלנ די פּראָצענטנ פאַר די אײַנלאַגנ — 9 מיליאָנ רובל (3% פונ 300 מיליאָנ רובל). דער רעװעכ פונעם באַנק װעט אַפ אַזאַ אויפנ באַטרעפנ 11 מיליאָנ רובל, װאָס אַפנ אײגענעמ קאַפּיטאַל פונעם באַנק — 100 מיליאָנ רובל — װעט ער באַטרעפנ 11%.

אַלזאָ, ניט געקוקט אַפ דעמ, װאָס דער האַלוואָע-פּראָצענט איז לויט זײַנ ניװאָ נידעריקער, אײדער די דורכשניטלעכע רעװעכ-נאָרמע, איז די רעװעכ-נאָרמע פונ דעמ באַנק אַפ זײַנ אײגענעמ קאַפּיטאַל ניט נידעריקער פונ דער דורכשניטלעכער נאָרמע. אָבער דעמ דאָזיקנ רעװעכ באַקומט דער באַנק אינ דער פאָרמ פונ האַלוואָע-פּראָצענט.

דער האַלוואָע-פּראָצענט איז א טײל פונעמ מערװערט, א טײל פונ דער ניט באַלוינטער מעראַרבעט פונעמ אַרבעטער-קלאַס. אָבער אינ דער דאָזיקער פאָרמ פאַרשװינדט אינגאַנצנ יעטװידער שפּור דערפונ פונװאַנענ עס נעמט זיכ דער מערװערט. דער האַנדל-קאַפּיטאַל נעמט אָנ אינ זײַנ באַװעגונג די פאָרמענ פונ געלט-קאַפּיטאַל אונ פונ סכוירע-קאַפּיטאַל. דער האַלוואָע-קאַפּיטאַל אָבער באַװעגט זיכ קעסײדער בלויז אינ אײנ פאָרמ — אינ דער פאָרמ פונ געלט-קאַפּיטאַל. די פאָרמולע פונ דער באַװעגונג פונעמ האַלוואָע-קאַפּיטאַל איז ג — ג׳. דער קװאַל פונעמ פּראָצענט, דוכט זיכ, איז דאָ דאָס געלט אַלס אַזעלכעס. „פּראָדוצירנ װערט, טראָגנ פּראָצענט װערט פונקט אַזאַ אײגנשאַפט פונעמ געלט, װי די אײגנשאַפט פונ א באַרנבוימ צו געבנ באַרנעס... אינ ג — ג׳ האָבנ מיר פאַר זיכ די איראַציאָנעלע* פאָרמ פונ קאַפּיטאַל, די העכסטע שטופּע פונ פאַרקריפּלענ אונ פאַרזאַכלעכנ די פּראָדוציר-פאַרהעלטענישנ... מיר האָבנ פאַר זיכ די פײַיקײַט פונעמ געלט — אָדער פונ דער סכוירע — צו פאַרגרעסערנ זײַנ אײגענעמ װערט, אומאָפּהענגיק פונ דער רעפּראָדוצירונג, — די העכסטע מיסטיפיקאַציע**-פאָרמ פונ קאַפּיטאַל“ (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זײַט 277—278. מײַנ קורסיװ. — ל.ס.).

7. ערד-רענטע

לאָמיר באַטראַכטנ די לעצטע פאָרמ, װאָס דער מערװערט נעמט אָנ, — די רענטע.

באַמ קאַפּיטאַליזמ איז די ערד א פּריװאַט-אײגנטומ. דער ערד-אײגנטימער, װאָס גיט זי אָפּ אינ צײַטװײַליקנ באַנוץ דעמ קאַפּיטאַליסט, אינ אַרענדע, באַקומט דערפאַר

* איראַציאָנעל — דערװידער דעמ פאַרשטאַנד.

** מיסטיפיקאַציע — אָפּנאַרנדיקע שײַנבאַרקײַט.

ארענדע־געלט. די ערד, וואָס ווערט אָפּגעגעבן אין ארענדע, קאָן אנטהאַלטן אין זיך פריִערדיקע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס, ווי, למשל, אויסטריקענונג אָדער באַוואַסערונג־איינריכטונגען, אַף דער ערד קאָנען זיין קינסטלעכע פאַרפלאַנצונגען, געביידעס אאוו. דאָס ארענדע־געלט, וואָס דער ערד־אייגנטימער באַקומט פון ארענדאַטער פאַרן דאָזיקן קאַפּיטאַל, איז פּראָצענט אַפן קאַפּיטאַל, אָבער ניט קיין רענטע. אונטער רענטע דאַרף מען פאַרשטיין יענעם טייל ארענדע־געלט, וואָס ווערט גענומען פאַר באַנוצן זיך מיט דער ערד אַלס אַזעלכער, מיט דער ערד אַלס פּראָדוציר־באַדינג, וואָס די נאַטור גופא האָט געגעבן און ניט וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן מענטשנס ארבעט. אויב אין ארענדע ווערט אָפּגעגעבן ערד, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט באַארבעט געוואָרן און וואָס אין איר איז נאָך ניט אריינגעלייגט געוואָרן קיין שום קאַפּיטאַל, ווערט פאַר איר אויך גענומען ארענדע־געלט.

קעדיי צו פאַרשטיין, פונוואַנען עס נעמט זיך ערד־רענטע, ווער עס שאַפט זי און וויאַזוי זי פאַלט אריין צום ערד־אייגנטימער, וועלן מיר ווייטער ארויסגיין פון פאָלגנדיקע צוויי באַדינגונגען. ערשטנס, האָבן מיר אין זינען די קאַפּיטאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט, דה. אזא, וואָס ווערט געפירט דורך עקספּלואַטירן לוין־ארבעט. די רענטע, וואָס ווערט גענומען פון דער פויערשער ערד, קאָן מען פאַרשטיין בלויז אַף דער באַזע פון דער קאַפּיטאַליסטישער ערד־רענטע. צווייטנס, זיינען מיר מעשאַער, אַז דער ערד־אייגנטימער און דער קאַפּיטאַליסט זיינען צוויי פאַרשיידענע פּערזאָנען, אַז די פּראָדוקציע אָרגאַניזירט ניט דער ערד־אייגנטימער אליין, אַז דער קאַפּיטאַליסט איז דער ארענדאַטער פון דער ערד. אינעם פאַל, ווען דער קאַפּיטאַליסט איז אליין דער ערד־אייגנטימער, באַקומט ער אויך אליין די רענטע.

ערשטע דיפערענציאַלע רענטע

לאָמיר נעמען 3 ערד־כאַלאָקים: I, II און III, פון אַבסאָליוט גלייכער גרייס, לאָמיר זאָגן צו איין הא, נאָר פון פאַרשיידענער פרוכטבאַרקייט, אזוי אַז בא א גלייכער מיטלען־פאַרווענדונג און בא איינע און די זעלבע באַארבעטונג־אויפאַנים וועט יעדער פון זיי געבן א פאַרשיידענע געַרעטעניש. למשל, אויב די ארענדאַטערס פון די דאָזיקע ערד־כאַלאָקים לייגן אריין צו 100 רובל קאַפּיטאַל אין יעדן, באַנוצנדיק אַף יעדן ערד־כיילעק א גלייכע צאָל ארבעטער, וואָס ארבעטן א גלייכע צאָל טעג אין יאָר און א גלייכע צאָל שאָען אין טאָג, וועט דער I ערד־כיילעק געבן א געַרעטעניש 4 צענטנער ברויט, דער II — 5, דער III — 6 צענטנער (צ.).

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די דורכשניטלעכע רעוועך־נאָרמע מאַכט אויס $20^0/_0$. יעדערער פון די דאָזיקע ארענדאַטערס גיט צו צו זיינע פּראָדוציר־קאָסטן דעם דורכשניטלעכן רעוועך. דער פּראָדוציר־פּרייז פונעם גאַנצן סכום ברויט אַף יעדן ערד־כיילעק וועט, אזויאַרום, זיין 120 רובל (100 רובל פּראָדוציר־קאָסטן פּליוס דורכשניטלעכער רעוועך פון 20 רובל). אָבער אין אזא פאַל וועט דער פּרייז פון איין צ. פון I ערד־כיילעק זיין 30 רובל (120 געטיילט אַף 4), פון II — 24 רובל (120 רובל געטיילט אַף 5), פון III — 20 רובל (120 רובל געטיילט אַף 6).

אָבער אַפן מאַרק קאָן דער ברויט־פּרייז ניט שטיין אַף א פאַרשיידענעם ניוואָ,—

ער דארפ זיכ אײַנשטעלנ אפ איינ ניוואָ. אפ וואָסער ניוואָ? אויב דאָס גאנצע פראָדוצירטע ברויט (אינ אונדזער בײַשפּיל — 15 צ.) איז נייטיק אפ באפרידיקנ דעמ מארק־נאָכפרעג אפ ברויט, וועט זיכ דער מארק־פרײַז אײַנשטעלנ לויטנ פרײַז פונ דעמ ברויט פונעמ ערגסטנ ערד־כײלעק, דה. צו 30 רובל פאר א צענטנער.

דאָס קומט פאָר צוליב פאָלגנדיקער סיבע. די ארבעט אפ די בעסערע ערד־כאלאָקימ איז פראָדוקטיווער איידער אפ די ערגערע; אָבער ניט די דאָזיקע פראָדוקטיווערע ארבעט באשטימט דעמ ווערט אונ דעמ פראָדוציר־פרײַז אפ די לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ. אויב אינ דער אינדוסטריע איז די ארבעט אינ איינ אונטערנעמונג פונ אוועלכנ־ניט־איז אינדוסטריע־צווײַג געוואָרנ מער פראָדוקטיוו, איידער אינ אלע איבעריקע אונטערנעמונגענ פונעמ זעלבנ צווײַג, וועט דער אינדיווידועלער ווערט פונ די סכוירעס פונ דער דאָזיקער אונטערנעמונג זײַנ נידעריקער, איידער דער געזעלשאפטלעכער ווערט פונ די דאָזיקע סכוירעס. דער קאפּיטאליסט פונ דער דאָזיקער אונטערנעמונג וועט פארקויפנ זײַנ סכוירע נידעריקער פונ זייער געזעלשאפטלעכנ ווערט, אָבער העכער פונ זייער אינדיווידועלנ ווערט אונ וועט דערמיט באקומענ צוגאָב־רעוועכ (זע קאפּיטל IV, ז. ז. 93־95). אָבער די קאָנקורענצ מיצאד דעמ קאפּיטאליסט (ווײַל ער פארקויפט די סכוירע פאר נידעריקערע פרײַזנ, איידער די איבעריקע קאפּיטאליסטנ) וועט צווינגענ די איבעריקע קאפּיטאליסטנ צו פארפולקומענ די פראָדוקציע אונ אויכ אראָפּזעצנ דעמ ווערט. אלס רעזולטאט דערפונ וועט אראָפּגעזעצט ווערנ דער געזעלשאפטלעכער ווערט פונ אלע סכוירעס פונ געגעבענעמ אינדוסטריע־צווײַג אונ עס וועט פארשווינדנ ווערנ דער צוגאָבלעכער רעוועכ.

אנדערש איז די לאגע אינ דער לאנדווירטשאפט. די בעסטע ערד־כאלאָקימ, וואָס אפ זיי איז די ארבעט מער פראָדוקטיוו, זײַנענ דאָ באגרענעצט אינ זייער סכומ. זיי קאָנ מענ ניט שאפנ פונדאָסנײַ אָט ווי מע קאָנ אויסבויענ א בעסערע מאשינ אָדער א בעסערע פאבריק. טאקע צוליב דער באגרענעצטקײַט אונ ניטרעפּראָדוצירבארקײַט פונ די בעסערע ערד־כאלאָקימ * ווערט דער געזעלשאפטלעכער ווערט פונ דעמ לאנדווירטשאפטלעכנ פראָדוקט באשטימט לויט דער ארבעט־פראָדוקטיווקײַט אפנ ערגסטנ ערד־כײלעק, דה. מיט א צומ ווינציקסטנ פראָדוקטיווער ארבעט. אזוי אז אויכ דער מארק־פרײַז פונ לאנדווירטשאפטלעכנ פראָדוקט וועט באשטימט ווערנ ניט דורכנ אינדיווידועלנ פראָדוציר־פרײַז אפ דעמ בעסטנ אָדער מיטלמעסיקנ ערד־כײלעק, נאָר דורכנ אינדיווידועלנ פראָדוציר־פרײַז פונ דעמ ברויט אפנ ערגסטנ ערד־כײלעק. דער פרײַז פונ איינ צ. ברויט וועט זיכ אפ אזא אויפנ אײַנשטעלנ אפנ ניוואָ פונ 30 רובל.

אלזאָ, דער ארענדאטער פונעמ I ערד־כײלעק פארקויפט זײַנ ברויט פאר 120 רובל, דער ארענדאטער פונ II ערד־כײלעק — פאר 150 רובל (30 געקײפלט

* מע קאָנ, פארשטייט זיכ, פארבעסערנ יעטווידנ ערד־כײלעק. אָבער דאָס פאָדערט צוגאָבלעכע קאפּיטאל־אײַנלאגנ. מיר באטראכטנ דעמ פאל, ווענ אפ אלע ערד־כאלאָקימ זײַנענ פאראנ גלײַכע קאפּיטאל־אײַנלאגנ.

אפּ 5) און דער ארענדאטער פון III ערד־כיילעק — פאר 180 רובל (30 רובל גע־קייפלט אפּ 6). וואָס־זשע באקומט זיך? יעדער פון זיי האָט פארווענדט צו 100 רובל, אָבער דער צווייטער האָט באקומען, דוכט זיך, אפּ 30 רובל מער רעוועך, איידער דער ערשטער, און דער דריטער — אפּ 60 רובל מער.

צי פארבלייַבט דער דאָזיקער רעשט בא די ארענדאטערס? ניין, — זיי האָבן דאָך די ערד ארענדירט, און די אייגנטימער פון די בעסטע ערד־כאלאָקים ווייסן, אז דאָס זייַנען די בעסטע ערד־כאלאָקים, אפּ די בעסטע ערד־כאלאָקים איז דער גרעסטער נאָכפרעג און דעריבער נעמען זייערע אייגנטימער פאר זיי דאָס גרעסטע ארענדע־געלט. יעדער קאפּיטאליסט־ארענדאטער קאָן פרעטענדירן בלויז אפּן דורכשניטלעכן רעווע. און דאָס, וואָס באקומט זיך מער דערפון, איז ער געצוווּנגען אָפּצוגעבן דעם ערד־אייגנטימער אין דער פאָרם פון רענטע.

לאָמיר צוליב מער אָנשוילעכקייַט פאָרשטעלן דעם דאָזיקן גאנצן פּראָצעס אין דער פאָרם פון פאָלגנדיקער טאבעלע:

ערד־כאַ־לאַקים	קאַפּיטאַל־פאַרווענדונג (אין רובלס)	גערעטעניש (אין צענטנערס)	דער פּראָדוציר־פּרייַז פון דעם גאַנצן פּראָ־דוקט (בא 20 0/0 דורכ־שניטלעכער רעווע־נאָרמע)	אינדיווידועלער פּראָדו־ציר־פּרייַז פון איין צ.	געזעלשאַפטלעכער פּראָ־דוציר־פּרייַז פון 31.	געזעלשאַפט. פּראָד.־פּרייַז פונעם גאַנצן פּראָדוקט	רענטע
			אין רובלס				
I . . .	100	4	120	30	30	120	—
II . . .	100	5	120	24	30	150	30
III . . .	100	6	120	20	30	180	60

אזויארום איז די רענטע ניט אן אראָפּרעכענונג פון דעם ארענדאטערס דורכשניטלעכן רעווע, נאָר דאָס איז דער איבערפלוס איבערן דורכשניטלעכן רעווע. דערמיט, וואָס דער ארענדאטער צאָלט אויס רענטע, ווערן ניט אָנגערירט זייַנע אינטערעסן אלס קאפּי־טאליסט. די רענטע פאַרייגנט זיך דער ערד־אייגנטימער. זי איז געשאפן געוואָרן, פארשטייט זיך, ניט דורך דער ערד, נאָר דורך דער ארבעט פון די לוין־ארבעטער, ווייַל די ארבעט פון די ארבעטער אפּ פארשיידענע ערד־כאלאָקים האָט א פארשיי־דענע פּראָדוקטיווקייַט און דעריבער גיט זי אויך פארשיידענע סכומען פון מערווערט. אזא רענטע, וואָס באקומט זיך פונעם אונטערשייד צווישן דעם געזעלשאפטלעכן פּראָדוציר־פּרייַז אפן לאנדווירטשאפטלעכן פּראָדוקט און זייַן אינדיווידועלן פּראָדוציר־פּרייַז (און דער דאָזיקער אונטערשייד נעמט זיך פון דער פארשיידענער אר־

בעט־פּראָדוקטיווקייט) הייסט אונטערשייד־רענטע אָדער די־פערענציאַלע רענטע.

ניט די ערד שאפט רענטע, נאָר די ארבעט. די פארשיידנקייט אינ דער פרוכטבאר־קייט פונ דער ערד איז דער באדינג פאר דער פארשיידנקייט אינ דער ארבעט־פּראָדוקטיווקייט. אָט טאקע צוליב דעמ באקומט זיכ די שיינבארקייט, אז די רענ־טע ווערט געשאפנ פונ דער ערד אונ ניט פונ דער ארבעט. זייענדיק אינ טאָכ א פאָרמ פונ מערווערט, טרעט ארויס די רענטע אלס פּראָדוקט פונ דער ערד, פונקט אזוי ווי דער רעווענ טרעט ארויס אלס פּראָדוקט פונ גאנצנ קאפּיטאל.

די צווייטע דיפע־רענציאַלע רענטע

דיפערענציאַלע רענטע באקומט זיכ אויכ אינ דעמ פאל, ווענ עס ווערנ געמאכט צוגאָבלעכע קאפּיטאל־איינלאגנ אינ דער ערד. אויב, לעמאָשל, דער ארענדאטער פונ II ערד־כיילעק לייגט ארייַנ ניט קיינ 100 רובל, נאָר 200 רובל קאפּיטאל, דה. ער פירט איינ נייע מאשינעס, פארפולקומטע אויפאנימ פונ ערד־באארבעטונג, קינסטלעכע באמיסטיקונג אאוו., באקומט ער אויכ א גרעסערע געראָטעניש.

לאָמיר אָננעמענ, אז באמ ארייַנלייגנ צוגאָב־קאפּיטאל 100 רובל וועט די גע־ראָטעניש פונ II ערד־כיילעק באטרעפנ 10 צ. וואָס פאר א רענטע וועט דאנ זיינ פונעמ דאָזיקנ ערד־כיילעק? דער גאנצער קאפּיטאל, וואָס איז ארייַנגעלייגט אינ II ערד־כיילעק, באטרעפט 200 רובל. בא א דורכשניטלעכער רעווענ־נאָרמע פונ 20% וועט דער אינדיווידועלער פּראָדוציר־פּרייַז פונ 10 צ. אזוי־ארומ באטרעפנ 240 רובל (200 רובל פּראָדוציר־קאָסטנ פליוס 40 רובל דורכ־שניטלעכנ רעווענ), זייער געזעלשאפטלעכער פּראָדוציר־פּרייַז (וואָס ווערט באשטימט, ווי פריער, לויטנ אינדיווידועלנ פּראָדוציר־פּרייַז פונ 1 צ. אפנ ערגסטנ ערד־כיילעק, דה. 30 רובל) באטרעפט אצינד 300 רובל. אפ אזא אויפנ וועט די גאנצע רענטע פונ II ערד־כיילעק באטרעפנ אצינד 300 רובל מינוס 240 רובל = 60 רובל, אונ פריער האָט זי באטראָפנ בלויז 30 רובל. דער צוגאָב־לעכער קאפּיטאל־איינלאג פונ 100 רובל האָט געגעבנ צוגאָב־רענטע 30 רובל.

באמ ארענדירנ ערד ווערט דאָס ארענדע־געלט געוויינלעכ אייַנגעשטעלט לויט אנ ארענדע־אָפּמאכ אפ עטלעכע יאָר פאָרויס. אויב דער ארענדאטער מאכט אינ פארלויפ פונעמ דאָזיקנ טערמינ צוגאָבלעכע קאפּיטאל־אייַנלאגנ, וואַקסט אויס די רענטע העכער, איידער די גרייס פונעמ אייַנגעשטעלטנ ארענדע־געלט אונ דער דאָזיקער רעשט פאלט ארייַנ צומ ארענדאטער. אפנ דאָזיקנ באָדנ האָבנ מיר יע־נע אייגנארטיקע דערשיינונג, אז דער ערד־אייגנטימער שטרעבט געוויינלעכ צו קירצערע ארענדע־טערמינענ, אונ דער ארענדאטער — צו לענגערע. וואָס קירצער עס איז דער טערמינ פונ ארענדע־אָפּמאכ, אלץ וויניקער איז דער ארענדאטער פארינטערעסירט ארייַנצולייגנ צוגאָב־קאפּיטאל, ווייַל דער קאפּיטאל, וואָס ווערט ארייַנגעלייגט אינ דער ערד, פאלט ארייַנ נאָכ דעמ, ווי דער ארענדע־טערמינ ענדיקט זיכ, צומ ערדבאזיצער. דאָס פּריוואט־אייגנטומ אפ ערד פארהאלט, אזויארומ, די אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ אינ דער לאנדווירטשאפט.

די רענטע, וואָס באקומט זיכ פונ די צוגאָבלעכע קאפּיטאל־אינוועסטיציעס, איז אויכ א דיפערענציאַלע רענטע; זי איז אויכ פאַרבאדינגט פונ דער פארשיי־

דענער ארבעט־פּראָדוקטיוויקייט, זי הייסט צווייטע דיפערענציאַלע רענטע צום אונטערשייד פון דער ערשטער דיפערענציאַלער רענטע, וואָס איז א רעזולטאט פון דער פארשיידענער ארבעט־פּראָדוקטיוויקייט אפ די ערד־כאלאָקים פון פארשיידענער קוואליטעט.

די דיפערענציאַלע רענטע פונעם ערגסטן ערד־ביילעק

אין דעם אויבן געבראכטן ביישפּיל גיט ניט דער ערגסטער ערד־ביילעק קיין שום רענטע. אָבער אויך דער אייגנטימער פונעם ערגסטן ערד־ביילעק גיט ניט אָפּ די ערד אין ארענדע אָן געצאָלט. פונוואנען נעמט זיך די דאָזיקע רענטע? אפן ערגסטן ערד־ביילעק איז דאָך ניטאָ דער צוגאָב־רעווען, וואָס זאָל קאָנען פארוואנדלט ווערן אין רענטע!

אין אייניקע פאלן איז מעגלעך, אז אויך דער ערגסטער ערד־ביילעק גיט דיפערענציאַלע רענטע.

לעמאָשל, אויב די צוגאָבלעכע קאפּיטאל־פארוועדונג פון 100 רובל אפן II ערד־ביילעק וועט געבן א צוגאָב־פּראָדוקט ניט 5 צ., נאָר בלויז 3 צ., וועט זיך דער געזעלשאפטלעכער פּרייז פון פּראָדוצירן דאָס ברויט איינשטעלן אפן ניוואָ פון דעם אינדיווידועלן פּרייז פאר פּראָדוצירן 1 צ. ברויט, וואָס דער דאָזיקער ארייננגעלייגטער צוגאָב־קאפּיטאל האָט פּראָדוצירט, ווייל אצינד וועט די סאמע ווייניקסטע פּראָדוקטיווע ארבעט זיין די ארבעט, וואָס דער דאָזיקער קאפּיטאל ווענדט אָן. דער דאָזיקער צוגאָב-קאפּיטאל פּילט אויס די ראָליע פונעם ערגסטן ערד־ביילעק, וואָס איז נאָך ערגער, איידער דער I ערד-ביילעק.

דער אינדיווידועלער פּראָדוציר־פּרייז פון די דאָזיקע 3 צ. וועט זיין 120 רובל (100 רובל פּראָדוציר־קאָסטן פּליוס 20 רובל דורכשניטלעכן רעווען), און פון איין צ. — 40 רובל. די דאָזיקע 40 רובל בילדן אצינד דעם געזעלשאפט־לעכן פּראָדוציר־פּרייז פון 1 צ. דער פּראָדוקט פונעם I ערד-ביילעק ווערט פארקויפט פאר 160 רובל (40 רובל געקייפלט אפ 4). זיין אינדיווידועלער פּראָ־דוציר־פּרייז איז 120 רובל. די רענטע פונעם ערגסטן ערד־ביילעק וועט, אזוי־ארום, באטרעפן 40 רובל. פארשטייט זיך, אז עס וועט זיך העכערן אויך די רענטע פון דער ערשטער קאפּיטאל־פארוועדונג אפן II ערד־ביילעק און די רענטע פונעם III ערד-ביילעק.

די ערגסטע ערד־כאלאָקים ברענגען ניט שטענדיק דיפערענציאַלע רענטע, זיי ברענגען זי בלויז אין דעם פאל, אויב די צוגאָבלעכע קאפּיטאל־פארוועדונג אפן בעסערן ערד-ביילעק גיט א קלענערן צוגאָב־פּראָדוקט, איידער דער פּראָ־דוקט פון ערגסטן ערד־ביילעק. אָבער דער ערגסטער ערד־ביילעק דארף דאָך אויך שטענדיק געבן רענטע.

אויב די ערגסטע ערד־כאלאָקים ברענגען ניט שטענדיק דיפערענציאַלע רענטע, גיבן זיי שטענדיק אבסאָליוטע רענטע. אבסאָליוטע רענטע ווערט גענומען אויך פון די בעסטע ערד־כאלאָקים, אָבער אין דער צייט, ווען די דאָזיקע ערד־כאלאָקים גיבן שטענדיק אי אבסאָליוטע אי דיפערענציאַלע רענטע, גיבן די ערגסטע ערד-כאלאָקים שטענדיק אבסאָליוטע רענטע און בלויז אין אייניקע פאלן (וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געבראכט) אויך דיפערענציאַלע רענטע.

אבסאָליוטע רענטע

אבסאָליוטע רענטע איז אויכ א פאָרמ פונ מערווערט, אָבער זי בילדעט זיכ אנדערש, איידער די דיפערענציִאלע רענטע. די אבסאָליוטע רענטע, פונקט אזוי ווי די דיפערענציִאלע, קאָנ ניט אָפגערעכנט ווערנ פונעמ דורכשניטלעכנ רעווע. אינ קעגנפאל וואָלטנ די קאפיטאליסטנ ניט אריַינגעלייגט זייערע קאפיטאלנ אינ ערדארבעט. דיפערענציִאלע רענטע איז די דיפערענצ צווישנ דעמ געזעלשאפטלעכנ פראָדוציר־פריַיז פונ דעמ לאנדווירטשאפטלעכנ פראָדוקט אונ זיַינ אינדיווידועלנ פראָדוציר-פריַיז.

אזוי אז די אבסאָליוטע רענטע קאָנ זיַינ בלויז א הויסאָפע אפנ געזעלשאפטלעכנ פראָדוציר-פריַיז. וויִאזוי איז מעגלעכ אזא הויסאָפע? פונ וואָס פאר א קוואל ווערט זי אָפגעצאָלט?

די לאנדווירטשאפט ביכלאל אונ די ערדארבעט ביפראט איז א פראָדוציר־צוויַיג, אינ וועלכנ דער אָרגאנישער באשטאנד פונ קאפיטאל איז נידעריקער, איידער דער דורכשניטלעכער באשטאנד פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל. באמ קאפיטאליזמ שטייט אָפ די לאנדווירטשאפט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע. די דאָזיקע אָפגעשטאנענקיַיט נעמט זיכ פונעמ פריוואט־אייגנטומ אפ ערד. * אויב אָבער דער אָרגאנישער באשטאנד פונ קאפיטאל איז אינ אוועלכנ-ניט-איז פראָדוציר־צוויַיג נידעריקער, איידער דער דורכשניטלעכער געזעלשאפטלעכער באשטאנד, איז דער פראָדוציר־פריַיז (געזעלשאפטלעכער פראָדוציר־פריַיז) אינ אימ נידעריקער פונעמ ווערט: דעמ מערווערט, וואָס ווערט געשאפנ אינעמ דאָזיקנ צוויַיג, רעאליזירנ די קאפיטאליסטנ פונעמ דאָזיקנ צוויַיג ניט אינגאנצנ — א טייל זיַינער גייט אוועק צו די קאפיטאליסטנ פונ אנדערע צוויַיגנ מיט א העכערנ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפיטאל; אינ דעמ פראָדוציר־צוויַיג מיט א נידעריקנ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפיטאל איז דער מערווערט העכער, איידער דער דורכשניטלעכער רעווע (זע אויבנ זיַיט 173).

אזויווי אינ דער לאנדווירטשאפט איז דער אָרגאנישער באשטאנד פונעמ קאפיטאל נידעריקער פונעמ דורכשניטלעכנ געזעלשאפטלעכנ, וואָלט א טייל מערווערט געדארפט אוועקגייַינ אינ אנדערע צוויַיגנ. אָבער דאָס פריוואט־אייגנטומ אפ ערד האלט אָפ דעמ דאָזיקנ איבערפלוס פונעמ מערווערט איבער דעמ דורכשניטלעכנ רעווע פונ איבערפארטיילנ אימ צווישנ די קאפיטאליסטנ פונ אנדערע צוויַיגנ. אויכ אינ אנדערע צוויַיגנ פונ דער פראָדוקציע הערשט פריוואט־אייגנטומ. אָבער דאָס פריוואט-אייגנטומ אפ ערד — דאָס איז א באזונדער מינ אייגנטומ, אנ אייגנטומ אפ דער נאטור, אפ אזוינע פראָדוציר-באדינגונגענ אונ מיטלענ, וואָס מע קאָנ ניט פראָדוצירנ. אינעמ דאָזיקנ זינ איז דאָס פריוואט־אייגנטומ אפ ערד א מאָנאָפאָל־אייגנטומ. די קאפיטאליסטנ קאָנענ ניט אָרגאניזירנ די פראָדוקציע אפ דער ערד, ניט האָבנדיק באצאָלט די ערד־אייגנטימער צינזנ פאר באַ-

* מיר האָבנ שוינ דאָס געזענ אפנ ביַישפיל פונ דער צווייטער דיפערענציִאלער רענטע. אינ פאָלגנדיקנ קאפיטל וועלנ מיר באטראכטנ אנדערע באדינגונגענ, וואָס ווערנ געשאפנ דורכנ פריוואט-אייגנטומ אפ ערד אונ וואָס פארהאלטנ די אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ אינ דער לאנדווירטשאפט.

נוצנ זיכ מיט דער ערד. אָבער דעמ דאָזיקנ צינז — די אבסאָליוטע רענטע — נעמענ זיי פונעמ מערווערט, וואָס בילדעט דעמ איבערפלוס איבער׳נ רעוועכ. אדאנק דעמ באטייליקט זיכ ניט דער מערווערט, וואָס ווערט געשאפנ אינ דער לאנדווירטשאפט, אינ דער אויסבילדונג פונ דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע.

לאָמיר באטראכטנ דעמ אויסבילדונג־פּראָצעס פונ דער אבסאָליוטער רענטע אפ פאָלגנדיקנ ביישפּיל. דער גאנצער קאפּיטאל אינ דער אינדוסטריע איז 400 מיליאָנ רובל. ער פאלט זיכ פאנאנדער אפ 300 מיליאָנ רובל קאָנסטאנטנ אונ 100 מיליאָנ פארענדערלעכנ קאפּיטאל. בא א מערווערט-נאָרמע 100% באטרעפט די מאסע מערווערט 100 מיליאָנ רובל אונ די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע 25% (100 צו 400). לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז דער לאנדווירטשאפטלעכער קאפּיטאל באטרעפט 100 מיליאָנ רובל אונ טיילט זיכ איינ אפ 50 מיליאָנ רובל קאָנסטאנטנ אונ 50 מיליאָנ רובל פארענדערלעכנ קאפּיטאל (א נידעריקערער אָרגאנישער באשטאנד, איידער אינ דער אינדוסטריע). בא דער זעלבער מערווערט־נאָרמע פונ 100% וועט די מערווערט־מאסע, וואָס די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער האָבנ געשאפנ, באטרעפנ 50 מיליאָנ רובל.

ווענ עס וואָלט ניט עקזיסטירט קיינ מאָנאָפּאָל פונ פּריוואטנ ערד־אייגנטומ אונ בעמיילע די נייטיקייט צו באצאָלנ אבסאָליוטע רענטע די ערד־אייגנטימער, וואָלטנ מיר געהאט אזא לאגע. דער גאנצער געזעלשאפטלעכער קאפּיטאל באטרעפט 500 מיליאָנ רובל, די אלגעמיינע מערווערט-מאסע באטרעפט 150 מיליאָנ רובל, אונ די דורכשניטלעכע רעוועכ-נאָרמע — 30 פּראָצ. (150 צו 500). אָבער דאָס פּריוואטע ערד־אייגנטומ האלט אָפּ דעמ מערווערט, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ אינ דער לאנדווירטשאפט, פונ באטייליקנ זיכ אינ אויסבילדנ די דורכשניטלעכע רעוועכ-נאָרמע. די דורכשניטלעכע רעוועכ-נאָרמע בילדעט זיכ אויס אינ דער אינדוסטריע אונ באטרעפט 25 פּראָצ. די קאפּיטאליסטנ, וואָס האָבנ ארייננעלייגט זייערע 100 מיליאָנ רובל קאפּיטאל אינ דער לאנדווירטשאפט, באקומענ פונ אימ 25 מיליאָנ רובל רעוועכ (לויט דער דורכשניטלעכער רעוועכ־נאָרמע). פונ די 50 מיליאָנ רובל לאנדווירטשאפטלעכנ מערווערט גיבנ זיי אָפּ די ערד־אייגנטימער אינ דער פאָרמ פונ אבסאָליוטער רענטע 25 מיליאָנ רובל.

דער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָדוקט וועט אזויארומ פארקויפט ווערנ פאר 150 מיליאָנ רובל אונ די אבסאָליוטע רענטע וועט אויסגעצאָלט ווערנ פונעמ מערווערט, וואָס אנטהאלט זיכ אינעמ דאָזיקנ פּראָדוקט.

ווענ קיינ פּריוואט־אייגנטומ אפ ערד וואָלט ניט געווענ, וואָלט די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע, ווי מיר האָבנ געזענ, געווענ ניט 25 פּראָצ. נאָר 30. דער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָדוקט וואָלט פארקויפט געוואָרנ ניט פאר 150 מיליאָנ רובל (125 מיליאָנ רובל דער פּראָדוציר־פּרייז פּליוס 25 מיליאָנ רובל די אבסאָליוטע רענטע), נאָר פאר 130 מיליאָנ רובל.

דאָס באטייט, ערשטנס, אז די עקזיסטענצ פונ פּריוואט־אייגנטומ אפ ערד זעצט אראָפּ די דורכשניטלעכע רעוועכ־נאָרמע אונ פארהאלט דערמיט גופע די קאפּיטאל-אָנזאמלונג אונ

די אנטוויקלונג פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע ביכלאל (ניט בלויז אינ דער לאנדווירטשאפט, נאָר אויכ אינ דער אינדוסטריע). דאָס באטײַט, צווייטנס, **אז די עקזיסטענצ פונ פריוואט-אייגנטומ אפ ערד הייבט אופ דעמ פרײַז פונ די לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטנ, פונעמ רויוואָרג פאר דער אינדוסטריע אונ פונ די עקזיסטענצ-מיטלענ פארנ ארבעטער-קלאס, אונ צוזאמענ דערמיט אויכ דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט.**

☆

מיר האָבנ באטראכט אלע באזונדערע פאָרמענ, וואָס דער מערווערט נעמט אָנ אינעמ באוועגונג-פראָצעס פונ קאפיטאל.

די דאָזיקע אלע פאָרמענ זײַנענ **פארוואנדלטע** פאָרמענ פונעמ מערווערט. זיי שטעלנ פאָר די האכנאָסעס פונ פארשיידענע גרופּעס עקספלואטאטערס ניט אלס טייל פונ דער גאנצער מאסע מערארבעט, אומבאצאָלטער ארבעט, וואָס דער ארבעטער-קלאס האָט פארזאכלעכט אינ די סכוירעס, ניט אלס באזונדערע כאלאָקימ פונעמ אָנטייל פונ פארשיידענע בורזשואזע גרופּעס אינ דער עקספלואטאציע פונעמ ארבעטער-קלאס, נאָר פארקערט, אלס האכנאָסעס, וואָס קומענ פונ זעלבשטענדיקע קוועלנ, וועלכע האָבנ ניט קיינ שומ שײַכעס צו דער ארבעט פונעמ ארבעטער-קלאס. עס באקומט זיכ אזא מינ אויסזענ, אז דעמ ארבעטערס ארבעט שאפט קלוימערשט בלויז דעמ ארבעטלוינ, אָבער דער רעוועכ פונ די אינדוסטריעלע קאפיטאליסטנ שטראָמט קלוימערשט פונ די פראָדוציר-מיטלענ, דער רעוועכ פונ די האנדל-קאפיטאליסטנ — פונ דער צירקוליאציע, דער האלוואָע-פראָצענט — פונעמ געלט אלס אזוינס אונ די רענטע — פונ דער ערד. אינ דער ווירקלעכקײַט אָבער שאפט דעמ ארבעטערס ארבעט ניט בלויז דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט, וואָס ווערט אויסגעצאָלט דעמ ארבעטער אינ דער פאָרמ פונ ארבעטלוינ, נאָר אויכ דעמ מערווערט, וואָס איז דער אײנציקער האכנאָסע-קוואל פונ אלע גרופּעס בורזשואזיע אונ ערד-אייגנטימער, אינ דער ווירקלעכקײַט זײַנענ די דאָזיקע אלע מינימ האכנאָסעס — פאָרמענ פונעמ מערווערט.

אפ אזא אויפנ פארבאהאלטנ, פארשמירנ די באזונדערע פאָרמענ מערווערט דעמ גרונטיקנ קלאסנ-ווידערשפרוכ פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט — דעמ ווידערשפרוכ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פראָלעטאריאט, אונ די פארהעלטענישנ אינ דער בורזשואזיע שטעלנ זיי פאָר ניט ווי פארהעלטענישנ לויט דער כלוקע פונעמ מערווערט, נאָר אלס זעלבשטענדיקע פארהעלטענישנ, וואָס האָבנ ניט קיינ שומ שײַכעס צו דער עקספלואטאציע פונעמ ארבעטער-קלאס.

דער ווידערשפרוכ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פראָלעטאריאט איז דער אויסדרוק פונעמ גרונט-ווידערשפרוכ פונ קאפיטאליזמ, דה. פונעמ ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג אונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג. באטראכטנדיק דעמ פראָדוציר-פראָצעס פונעמ מערווערט, די קאפיטאל-אָנזאמלונג אונ די פאראָרעמונג פונעמ ארבעטער-קלאס אונ די פארטיילונג פונעמ מערווערט, האָבנ מיר אינ טאָכ באטראכט דעמ דאָזיקנ גרונט-ווידערשפרוכ פונ קאפיטאליזמ,

אפ וויפל ער דריקט זיכ אויס אינעמ אנטאגאָניזמ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פראָלעטאריאט. אָבער דער גרונט־ווידערשפרוכ פונ קאפיטאליזמ האָט, ווי ענגעלס זאָגט, „צוויי אנטפלעקונג־פאָרמענ". ערשטנס, האָט זיכ „דער ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג אונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג ארויסגעוויזנ אינעמ אנטאגאָניזמ צווישנ דעמ פראָלעטאריאט אונ דער בורזשואזיע" (ענגעלס, אנטי־דיורינג, ז. 194). צווייטנס, „דער ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג אונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג טרעט ארויס אלס קעגנזאצ צווישנ דער אָרגאניזירונג פונ דער פראָדוקציע אינ די איינצלנע פאבריקנ אונ דער אנארכיע פונ דער פראָדוקציע אינ דער גאנצער געזעלשאפט" (דאָרט, זייט 196). די דאָזיקע ביידע אנטפלעקונג־פאָרמענ פונעמ גרונט־ווידערשפרוכ פונ קאפיטאליזמ זיינענ פארבונדנ מיט אזא דערשיינונג ווי די קריזיסנ.

אָבער איידער מיר וועלנ אריבערגיינ צו דער דאָזיקער פראגע, וועלנ מיר זיכ דאָ נאָכ פארנעמענ מיט דער פראגע וועגנ דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפט, אפ וויפל מיר האָבנ אָקאָרשט דערלערנט די ערד־רענטע, וואָס גיט דעמ שליסל צו פארשטיינ איניקע וויכטיקע אייגנטימלעכקייטנ, וועלכע די אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ האָט אינ דער לאנדווירטשאפט אינ פארגלייכ מיט זיינ אנטוויקלונג אינ דער אינדוסטריע.

די לאנדווירטשאפט באמ קאפיטאליזמ

1. דאָס פריוואט-אײגנטומ אפ ערד אלס פאקטאָר, וואָס טאָרמאָזירט די אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפט באמ קאפיטאליזמ

דער קאפיטאליזמ אנטוויקלט, פונ אײנ זײַט, די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט און פונ דער צווײטער זײַט — פארהאלט ער זײער אנטוויקלונג. מיר האָבנ דאָס שוינ געזענ באמ באטראכטנ דעמ געזעץ וועגנ דעמ פאלנ פונ דער דורכשניטלעכער רעווע־נאָרמע, און נאָכ מער גענוי וועלנ מיר דאָס באווײַזנ אינ די ווײַטערדיקע קאפיטלענ. אָבער באמ קאפיטאליזמ פארהאלט זיכ באזונדערס די אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער לאנדווירטשאפט. די אָפּגעשטאנענקײַט פונ דער לאנדווירטשאפט לעגאבע דער אינדוסטריע, די שטײַגנדיקע קעגנזעצלעכקײַט צווישנ שטאָט און דאָרפ זײַנענ אבסאָליוט אומפארמײַדלעכ באמ קאפיטאליזמ. די גרונט־סיבע דערפונ איז דאָס פריוואט-אײגנטומ אפ ערד.

דאָס פריוואט-אײגנטומ אפ ערד איז די סיבע, וואָס שטערט דעמ קאפיטאליסט־ארענדאטער ארײַנצולײגנ מער קאפיטאל אינ דער לאנדווירטשאפט (קאמפּ פאר די טערמינענ פונעמ ארענדע־אָפּמאכ). דאָס פריוואט־אײגנטומ אפ ערד רופט ארויס די אבסאָליוטע רענטע, האלט אָפּ דעמ לאנדווירטשאפטלעכנ מערווערט פונ באטײליקנ זיכ אינ דער אויסבילדונג פונ דער דורכשניטלעכער רעווע־נאָרמע; דערמיט גופא זעצט עס אראָפּ די דורכשניטלעכע רעווע־נאָרמע, פארלאנגזאמט די קאפיטאל-אָנזאמלונג, הײבט אופ די פרײַזנ אפנ לאנדווירטשאפטלעכנ רויוואַרג, וואָס איז נײטיק פאר דער אינדוסטריע, און אפ די עקזיסטענצ-מיטלענ פונעמ ארבעטער־קלאס.

דער פרײַז פונ ערד

דאָס פריוואט־אײגנטומ אפ ערד ציט אויכ אָפּ פונ דער פּראָדוקטיווער אָנווענדונג קאָלאָסאלע קאפיטאלנ באמ פארקויפנ און קויפנ די ערד. די ערד אלס אזעלכע האָט ניט קײנ שומ ווערט, זי איז ניט קײנ פּראָדוקט פונ ארבעט, דאָכ איז זי אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט א סכוירע. ניט האָבנדיק קײנ ווערט, האָט דאָכ די ערד א פרײַז; א געוויסער ערד־פלאצ ווערט פארקויפט און געקויפט פאר א געוויסער געלט־סומע. אינ יעסאָד פונ די פרײַזנ פונ אלע סכוירעס ליגט זײער ווערט. דורכ וואָס־זשע ווערט באשטימט דער פרײַז פונ דער ערד, וואָס האָט ניט קײנ ווערט?

אויב אן ערד־פּלאַץ ברענגט יערלעך 100 רובל רענטע, דאַרף דער אייגנטי־מער פונעם דאָזיקן פּלאַץ באַם פאַרקויפן אים באַקומען אַזאַ געלט־סומע, וואָס אויב מע זאָל זי אַרײַנלייגן אין באַנק, וואָלט זי אים אַרײַנגעבראַכט יערלעך 100 רובל האַכנאָסע. אויב דער באַנק צאָלט פאַר די אײַנלאַגן 5 פּראָצ. יערלעך, דאַרף דער באַזיצער פון דעם ערד־פּלאַץ פאַרקויפן די ערד פאַר 2000 רובל, ווײַל 2000 רובל בא פינף פּראָצענט טראָגן אַרײַן 100 רובל אַ יאָר. דער פּרײַז פון דער ערד אינעם געגעבענעם פאַל איז טאַקע 2000 רובל. דער פּרײַז פון ערד איז קאַפּיטאַליזירטע רענטע, דה. רענטע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַכנאָסע פון אַ האַלוואָע-קאַפּיטאַל פון אַ באַשטימטער גרייס. באַם פאַרקויפן די ערד גיט איבער איר באַזיצער דעם קויפער דאָס מאָנאָפּאָל־רעכט פון פּרי־וואַט־אייגנטום אף דער ערד און בעמייִלע דאָס רעכט אף באַקומען רענטע, און ער באַקומט דערפאַר אַ מין איינמאָליקן ציגז, וואָס גיט אים אַ מעגלעכקייט ווײַ־טער צו באַקומען זײַן ניטאַרבעט־האַכנאָסע, אָבער שוין אין דער פאָרם פון פּראָצענט.

אויב דער קאַפּיטאַליסט קויפט ערד, איז די געלט-סומע, וואָס ער האָט באַ־צאָלט, ניט קיין פּראָדוקטיווע אָנווענדונג פון קאַפּיטאַל. ער וואָלט געקאָנט פירן די פּראָדוקציע אף אַרענדירטער ערד פּונקט אַזוי ווי אף געקויפטער. ווען ער וואָלט ניט אויסגעגעבן דעם געלט־קאַפּיטאַל אף קויפן ערד, וואָלט ער געקאָנט קויפן מער פּראָדוציר־מיטלען און אַרבעטקראַפט, ער וואָלט געקאָנט פאַרבעסערן די אויפאַנים פון דער ערד־באַאַרבעטונג אאַוו.

דעריבער „איז די פאַרווענדונג פון געלט־קאַפּיטאַל אף קויפן ערד ניט קיין אָנווענדונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכן קאַפּיטאַל... זי פאַרקלע־נערט אַנטשפּרעכיק די גרייס פון די פּראָדוציר-מיטלען און פאַרשמעלערט דעריבער די עקאָנאָמישע באַזע פון דער רעפּראָדוקציע... זי איז אַ שטערונג פאַר דער ערד־אַרבעט אפילע אין דעם פאַל, ווען עס ווערן געקויפט גרויסע גיטער. זי ווי־דערשפּרעכט אין טאָכ דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אויפן (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זײַט 584. מײַן קורסיוו. — ל.ס.).

מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם פאַלן ניט די פּרײַזן אף ערד, נאָר זיי שטײַגן. דער וווּקס פון די פּרײַזן אף ערד ווערט אַרויסגערופן דורך צוויי סיבעס. די ערשטע סיבע איז דער וווּקס פון דער רענטע. אַזוי ווי מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם שטײַגט דער נאָכפרעג אף ערד און אַזוי ווי ערד קאָן ניט פּראָדוצירט ווערן פונדאָס־נײַ, וואַקסט אויך די רענטע. אָבער דער וווּקס פון דער רענטע באַטײַט אַ וווּקס פון די פּרײַזן אף ערד. אויב לעמאָשל אינעם אויבן געבראַכטן בײַשפּיל וועט די רענטע זײַן ניט 100 רובל, נאָר 200 רובל, איז קעדיי צו באַקומען יערלעך 200 רובל האַכנאָסע אף 5 פּראָצ. אַ יאָר, פּאָדערט זיך אַ קאַפּיטאַל פון 4 000 רובל.

די צווייטע סיבע, פאַרוואָס די פּרײַזן אף ערד וואַקסן, איז דאָס פאַלן פון־נעם פּראָצענט-ניוואָ. דער פּראָצענט־ניוואָ איז נידעריקער, איידער די דורכשניט־לעכע רעווע־נאָרמע. מיטן פאַלן פון דער דורכשניטלעכער רעווע־נאָרמע פאַלט

דעריבער אויכ דער פראָצענט-ניוואָ. בא 100 רובל רענטע אונ בא א 5 פראָצענטיקנ פראָצענט-ניוואָ וועט דער פרייַז פונ דער ערד זייַנ 2000 רובל. בא 100 רובל רענטע אונ בא א פראָצענט-ניוואָ פונ 3 פראָצענט וועט דער פרייַז פונ דער ערד זייַנ 2500 רובל, אונ בא א רענטע פונ 200 רובל אונ בא א פראָצענט-ניוואָ פונ 4 פראָצענט וועט דער פרייַז פונ דער ערד זייַנ 5000 רובל. דער גלייַכצייַטיקער וווקס פונ דער רענטע אונ דאָס פאלנ פונעמ פראָצענט-ניוואָ פארגיכערנ דעמ וווקס פונ די פרייַזנ אפ ערד.

דאָס פריוואט-אייגנטומ אפ ערד ציט אזויארומ אָפ אלצ מער אונ מער קאפיטאלנ פונ זייער פראָדוקטיווער אָנווענדונג. וואָס מער עס אנטוויקלט זיכ דער קאפיטאליזמ, אלצ מער ווערט דאָס פריוואט-אייגנטומ אפ דער ערד א שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ אינ דער לאנדווירטשאפט.

דאָס אָפּזונדערנ די לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקציע פונעמ ערד-אייגנטומ

די עקזיסטענצ אונ אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ (אונ דערבייַ א סאכ א שנעלערע אנטוויקלונג) איז מעגלעכ אויכ, ווענ עס איז ניטאָ קיינ פריוואט-אייגנטומ אפ ערד. א באווייַז דערצו איז דער פאקט, וואָס מיט דער אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ ווערט אלצ מער אָפּגעשיידט די לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקציע פונעמ פריוואט-אייגנטומ אפ ערד. די דאָזיקע אָפּגעשיידטקייַט דריקט זיכ אויס אינ צווי פאָרמענ: אינעמ וווקס פונ דער ארענדע אונ אינ דער היפּאָטעקישער (לאנגטערמיניקער) פארשולדיקטקייַט.

באמ ארענדירנ די ערד פירט דער קאפיטאליסט די פראָדוקציע אפ דער ערד, וואָס אימ געהערט ני ט. אינ אלע לענדער זעענ מיר א וווקס פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער פראָדוקציע אפ ארענדירטער ערד. לעמאָשל, אינ גרויס-בריטאניע, — א לאנד מיט דער גרעסטער אונ סאמע עלטער אנטוויקלונג פונ דער קאפיטאליסטישער לאנדווירטשאפט, — איז אינ 1887 יאָר בלויז 15,3 פראָצ. פונ דעמ גאנצנ לאנדווירטשאפטלעכנ שטעכ באארבעט געוואָרנ דורכ די ערד-אייגנטימער גופע, 84,7 פראָצ. אָבער — דורכ די ארענדאטערס גופע. אינ 1912 יאָר האָבנ שוינ ארענדאטערס באארבעט 89,1 פראָצענט פונעמ ערד-שעטעכ. אינ פשא, — א לאנד פונ א פארהעלטניסמעסיק יונגנ קאפיטאליזמ, — האָט אינ 1880 יאָר די ארענדירטע ערד באטראָפנ אינעמ גאנצנ לאנדווירטשאפטלעכנ שעטעכ 25,6 פראָצענט אונ אינ 1925 יאָר — שוינ 47,4 פראָצ. דער דאָזיקער וווקס פונ דער ארענדע אנטפלעקט בלויז דאָס, וואָס די לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקציע טיילט זיכ אלצ מער אָפּ פונעמ ערד-אייגנטומ. דאָס באטייַט, אז דער קאפיטאליזמ קאָנ אלצ מער אונ מער זיכ באגיינ אָנ דער עקזיסטענצ פונ פריוואט-אייגנטומ אפ ערד.

א צווייטע פאָרמ, אינ וועלכער די ערד אלס פראָדוציר-מיטל טיילט זיכ אָפּ פונעמ ערד-אייגנטומ, איז דער וווקס פונ דער היפּאָטעקישער פארשולדיקטקייַט. באמ קויפנ די ערד באקומט געוויינלעכ דער קויפער פונעמ באנק א לאנגטערמיניקע האלוואָע, אונטערנ מאשקנ פונ דער געקויפטער ערד. דער נייַער ערד-אייגנטי-

מער באַקומט אַליין רענטע, און פון דער דאָזיקער רענטע צאָלט ער דעם באַנק די פּראָצענטן פאַרן געלט, וואָס ער האָט געליִען. אַף אַזאַ אופן איז דער פּראָצענט, וואָס ווערט באַ אַ היפּאָטעק איַינגעצאָלט דעם באַנק, ניט קיין אַנדער זאַך ווי רענטע. די ערד ווערט פאַרמאַשקנט ניט בלויז אין אַ עם פאַל, ווען מע קויפט זי, זי ווערט ביכלאַל פאַרמאַשקנט דאַן, ווען דער ערד־אייגנטימער ניי־טיקט זיך אין געלט.

פאַר די ערד-בענק (בענק פאַר היפּאָטעקישן קרעדיט) זיַינען זייער לוינבאַר די דאָזיקע אָפּעראַציעס ניט בלויז דערפאַר, וויַיל זיי באַקומען אַלס פּראָצענט די רענטע, נאָר אויך דערפאַר, וויַיל אינעם פאַל, ווען די באַלכוייִועס באַנקראָטירן, גייט די ערד אַריבער אַלס אייגנטום צום באַנק, און אַזויווי דער פּריַיז אַף ערד וואַקסט, באַקומען די בענק באַם איבערפאַרקויפן די דאָזיקע ערד קאָלאָסאַלע פּראָפיטן.

די ערד־פּלעצער, וואָס זיַינען פאַרמאַשקנט אין באַנק, זיַינען פאָרמעל דאָס אייגנטום פון זייער אָפּיציִעלן באַזיצער, אָבער פאַקטיש זיַינען זיי דעם באַנקס אייגנטום, דערפאַר וויַיל עקאָנאָמיש איז דאָס אייגנטום אַף ערד דאָס רעכט צו באַקומען רענטע. אָבער די רענטע פון פאַרמאַשקנטער ערד איז דער באַזיצער געצוווּנגען אָפּצוגעבן אין באַנק ווי פּראָצענט. „פאַרמאַשקענען די ערד הייסט פאַרמאַשקענען אָדער פאַרקויפן די ערד־רענטע. הייסט עס, אַז אויך באַ דער היפּאָטעקישער סיסטעם, פּונקט אַזוי ווי באַ דער אַרענדע־סיסטעם, טיילן זיך אָפּ די, וואָס באַקומען די רענטע (־ערדבאַזיצער), פון די, וואָס באַקומען דעם אונטערנעמונג־רעווע (־דאָרפישע באַלעבאַטים, דאָרפישע אונטערנעמער)” (לענין, באַנד II, זיַיט 437).

„איינער פון די גרויסע רעזולטאַטן פונעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אופן באַשטייט דערין, וואָס ער... טיילט איינגאַנצן אָפּ די ערד, אַלס אַרבעט־באַדינג, פונעם ערד־אייגנטום און פונעם ערד־אייגנטימער, וואָס פאַר אים שטעלט זי ניט פאָר קיין אַנדער זאַך, אַכוץ אַ באַשטימטן געלט־שטיַיער, וואָס ער מאָנט אופ, אַדאַנק זיַין מאָנאָפּאָל, באַם אינדוסטריִעלן קאַפּיטאַליסט, באַם פּערמער” (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זיַיט 443 — 444 מיַין קורסיוו.—ל.ס.)

דער קאַפּיטאַליזם און נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד

די ערד־אייגנטימער* געהערן צו די עקספּלואַטאַטערס. אָבער אינווייניק אינעם קלאַס עקספּלואַטאַטערס בילדן זיי אַ באַזונדערע גרופּע, וואָס איז קעגנגעשטעלט אַלע איבעריקע גרופּעס בורזשואַזיע. דער קלאַס ערד-אייגנטימער איז ניט קיין בורזשואַזיע אינעם אייגנטלעכן זין פונעם דאָזיקן וואָרט, וויַיל, ערשטנס, איז דאָס פּריוואַטע ערד־אייגנטום ניט קיין נייטיקער עקזיסטענץ-באַדינג פאַרן קאַפּיטאַליזם, און, צווייטנס, איז דער קלאַס גרויסע ערד-אייגנטימער אַן איבערבליַיבעניש פונעם פעאָדאַליזם אינווייניק אינעם קאַפּיטאַליזם.

* עס רעדט זיך וועגן די גרויסע ערד־אייגנטימער. וועגן דעם קליינעם פּויערשן ערד־אייגנטום וועלן מיר ריידן אינעם פּאַראַגראַף 2 און 3 פונעם דאָזיקן קאַפּיטל.

„וויבאלד עס עקזיסטירט דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוציר־אופן, איז דער קאפּיטאליסט ניט בלויז א נייטיקער, נאָר אויך א הערשנדיקער פונקציאָנער* פונ דער פּראָדוקציע. פארקערט, דער ערד־אייגנטימער איז אינ דעמ דאָזיקנ פּראָדוציר־אופנ אבסאָליוט אנ איבעריקער. פארנ דאָזיקנ פּראָדוציר־אופנ איז נייטיק בלויז, אז די ערד זאָל ניט זײַנ קיינ אלגעמיינ אייגנטום, אז זי זאָל זײַנ קעגנגעשטעלט דעמ ארבעטער־קלאס אלס פּראָדוציר־מיטל, וואָס געהערט אימ ניט. דער דאָזיקער ציל קאָנ אינגאנצנ דערגרייכט ווערנ, אויב די ערד ווערט א מעלוכיש אייגנטום, ווענ די ערד־רענטע באקומט בעמיילע די מעלוכע. דער ערד־אייגנטימער, וואָס איז געווענ אזא וועזנטלעכער פונקציאָנער פונ דער פּראָדוקציע אינ דער אלטערטום־וועלט אונ אינ מיטלאלטער, איז אנ אבסאָליוט אומנוצלעכער אָנוווקס אינעמ אינדוסטריע־יאָרהונדערט" (מארקס, „מערווערט־טעאָריע", באנד II, טייל 1, זײַט 142. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

ווענ די ערד גייט אריבער צו דער בורזשואזער מעלוכע אינ די הענט, דה. בא דער בורזשואזער נאציאָנאליזאציע פונ דער ערד וואָלט געווענ מעגלעכ צו פארניכטנ די אבסאָליוטע רענטע, וואָס איז א רעזולטאט פונעמ פּריוואט־אייגנטום אפ ערד באמ קאפּיטאליזמ. די דיפערענציאַלע רענטע וואָלט דערבײַ פארבליבנ, אָבער באקומענ וואָלט זי די מעלוכע, דה. די בורזשואזיע אינגאנצנ גענומענ. אָבער ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס דאָס נאציאָנאליזירנ די ערד דורכ דער בורזשואזער מעלוכע וואָלט פארגיכערט די אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ, קאָנ די בורזשואזיע פּראקטיש דערופ ניט אײַנגייענ צוליב צוויי סיבעס.

ערשטנס, וואָלט דאָס אָפּשאפנ דאָס פּריוואט־אייגנטומ אפ ערד באמ קאפּיטאליזמ אונטערגראָבנ דאָס פּריוואט־אייגנטומ ביכלאל: „אינ דער פּראקטיק אָבער קלעקט ניט קיינ דרייסטקייט (צו נאציאָנאליזירנ די ערד. — ל. ס.), ווײַל דער אָנפאל אפ איינ אייגנטום־פאָרמ — אפ איינ פאָרמ פונ פּריוואט־אייגנטום אפ די ארבעט־באדינגונגענ — וואָלט געווענ זייער געפערלעכ פאר דער צווייטער פאָרמ" (מארקס, דאָרט). „דער קלאס, וואָס וואָלט דערלאנגט געוואָרנ דעמ ערד־אייגנטומ, וואָלט פארלײַכטערט די אומפארמײַדלעכע ווײַטערדיקע קלעפּ איבערנ אייגנטומ ביכלאל" (לענינ, באנד VII זײַט 223).

צווייטנס, איז די בורזשואזיע אלײנ מיט דער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ אלצ מער, אזוי צו זאָגנ, זיכ צונויפגעוואָקסנ מיטנ ערד־אייגנטומ. „דער בורזשוא גופע האָט זיכ אײַנגעשאפנ ערד" (מארקס, מערווערט־טעאָריע, באנד II, טייל 1, זײַט 142). די בורזשואזיע קויפט אלצ מער ערד אונ די ערד ווערט אינ אלצ א גרעסערער מאָס פארפלאָנטערט אינ היפּאָטעקישער פארשולדיקטקייט, דה. זי ווערט דאָס פאקטישע אייגנטומ פונ די קאפּיטאליסטישע בענק.

אלס רעזולטאט דערפונ, וואָס עס פארשארפנ זיכ די ווידערשפּרוכנ צווישנ דעמ בורזשואזיע אונ דער פּראָלעטאריאט, וואָס

* פונקציאָנער איז דער, וואָס פילט אויס א באשטימטע ראָליע.

קעמפט פאר אָפשאפנ דאָס פריוואט-אייגנטום ביכלאל, ווערנ די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע אונ פונ די גרויסע ערד־אייגנטימער אלצ מער איבערגעפלאָכטנ אונ דערנענטערט. די בורזשואזיע פארפעסטיקט דאָס פריוואט-אייגנטום אפ ערד, וואָס פארהאלט די אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ. אויכ דאָ טרעט ארויס דער קאפיטאליזמ אלס פאקטאָר, וואָס שטערט דעמ ווּקס פונ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו-קרעפטנ.

פארניכטנ דאָס פריוואט־אייגנטום אפ ערד אינ דער עפאָכע פונעמ אנטוויקלטנ קאפיטאליזמ קאָנ בלויז דער קלאס, וואָס קעמפט פאר פארניכטנ דאָס פריוואט־אייגנטום ביכלאל — דער רעוואָלוציאָנערער פראָלעטאריאט. אָבער די פראָלעטארישע נאציאָנאליזירונג פונ דער ערד עפנט א וועג ניט פאר דער פרייער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ, נאָר, פארקערט, זי איז דער אָנהייב פונ ליקווידירנ דעמ קאפיטאליזמ אונ שטעלט מיט זיכ פאָר איינעמ פונ די וויכטיקסטע יעסוידעס פונ דער סאָציאליסטישער בויונג אונ פונ דער שנעלער אנטוויקלונג פונ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ.

די נאציאָנאליזירונג פונ דער ערד אינ פססר, האָט מיט איינ קלאפ פארניכטעט דאָס פריוואט־אייגנטום אפ ערד אונ די ערד-רענטע. דאָס איז איינע פונ די וויכטיקסטע סיבעס, פארוואָס עס אנטוויקלט זיכ גיכ די לאנדווירטשאפט אינ פססר, איינע פונ די וויכטיקסטע באדינגונגענ פארנ גיכנ ווּקס פונ די סאָציאליסטישע פאָרמענ פונ דער גרויסער ערדארבעט.

2. די גרויס-אונ קליינ-פראָדוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט

די גרונטלעכע אנטוויקלונג־געזעצנ פונעמ קאפיטאליזמ גילטנ אינ א פולער מאָס אונ אינגאנצנ אויכ אינ דער לאנדווירטשאפט: סיי אינ דער אינדוסטריע אונ סיי אינ דער לאנדווירטשאפט וואקסט די קאָנצענטראציע פונ דער פראָדוקציע, די גרויס־פראָדוקציע שטויסט ארויס די קליינע אונ די קליינע זעלבשטענדיקע פראָדוצירער ווערנ רויִנירט.

ווענ דער אָפאָרטוניזמ אינ די רייענ פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע איז סאָפ פאָריקנ יאָרהונדערט ארויסגעטראָטנ מיט דער רעוויזיע פונ מארקס טעאָריע וועגנ דער קאָנצענטראציע פונ קאפיטאל, האָט ער זיכ פארופנ הויפטזאכלעכ אפ דעמ פאקט פונ דער קלוימערשטער לעבנספייִקייט פונ דער קליינפויערשער ווירטשאפט. דער אָפאָרטוניזמ האָט באהויפט, אז די נאטור-באדינגונגענ גופע פונ דער לאנדווירטשאפט באגרענעצנ די אנטוויקלונג פונ דער גרויס־פראָדוקציע אונ אז צוליב דעמ האָט ניט די גרויס־פראָדוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט קיינ פאָרצוג לעגאבע דער קליינער. אדאנק דעמ איז ניט בלויז וואָס די קליינ־פראָדוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט גייט ניט אונטער, נאָר זי שטויסט קלוימערשט ארויס די גרויס־פראָדוקציע. דער דאָזיקער שטאנדפונקט אינ דער פראגע וועגנ דעמ גורל פונ דער קליינ-פראָדוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט איז אצינד דער אָפיציעלער שטאנדפונקט פונעמ גאנצנ II אינטערנאציאָנאל.

די באַדײַטונג פונ דער פראגע וועגנ דער גרויס־ אונ קלײנ־פּראָדוק־ציע אינ דער לאַנדווירטשאַפט

די פראגע, צי זײַנעג גילטיק אינ דער לאַנדווירטשאַפט די זעלבע אַנטוויקלונג־געזעצנ פונ קאַפּיטאַליזם, וואָס אינ דער אינדוסטריע, האָט א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג אַפּ צו באַשטימענ די אופגאבנ פונעם קלאַסנקאַמפּ פונעם פּראָלעטאַריאַט. אויב אינ דער לאַנדווירטשאַפט קומט דער פּראָצעס פונ רויִנירנ אונ פּראָלעטאַריזירנ די קלײנע פּראָדוציִרער ניט פאָר, אויב באַם קאַפּי־טאַליזם ווערט דאָס פּויערטום ניט עקספּלואַטירט פונעם גרויס־קאַ־פּיטאַל, עס גײט ניט אונטער, נאָר פאַרקערט, עס אַנטוויקלט זיכ אונ ווערט פעסטער, דאַנ קאָנ ניט דער פּראָלעטאַריאַט אינ זײַנ קאַמפּ קעגנ דער בורזשואַזיע אויסרעכענענ אַפּ דער אונטערשטיצונג פונ די גרונט־מאַסנ פונעם פּויערטום, דאַנ איז קעגנ דעם פּראָלעטאַריאַט קעגנגעשטעלט אונ וועט שטענדיק קעגנשטײנ דער אײנהײַטלעכער פראָנט פונ דער גרויס־ אונ קלײנ־בורזשואַזיע. דאַנ וועט די העגעמאָניע אי־בערנ קלײנבירגערטום שטענדיק געהערנ צו דער גרויס־בורזשואַזיע אונ דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפ זיכ אָפּזאָגנ פונ דער ראָליע אַלס העגעמאָנ בענעגײע צום פּויערטום. אַזעלכע אויספירנ האָבנ געמאַכט אונ מאַכנ די מענשעוויקעס אונ די טראָצקיסטנ — אײנער פונ זײערע מינים.

ווײַטער, אויב די נאַטור אַלײנ שטערט דער אַנטוויקלונג פונ דער גרויס־פּראָדוקציע אינ דער לאַנדווירטשאַפט אונ איז גינסטיק פאַר דער פאַרפעסטיקונג אונ פאַרנ וווּקס פונ דער קלײנער ווירטשאַפט, הײסט עס, אַז דער סאָציִאַליזם, דה. די גרויסע פאַרגעזעלשאַפטלעכטע פּראָדוקציע איז אינ דער לאַנדווירטשאַפט ניט מעגלעכ. אָבער דערמיט גופא איז דער סאָציִאַליזם אוממעגלעכ ביכלאַל, ווײַל דער סאָציִאַליזם מײנט די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פונ דער גאַנצער פאָלק־ווירטשאַפט.

דעריבער האָט דער קאַמפּ קעגנ דעם אָפּאָרטוניזם אינ דער דאָזיקער פראגע וועגנ דער גרויס־ אונ קלײנ־פּראָדוקציע אינ דער לאַנדווירטשאַפט געהאַט אַנ אוממעגהײַערנ וויכטיקע פּרינציפּיִעלע באַדײַטונג. אינ דעם דאָזיקנ קאַמפּ האָבנ די אײנציקע קאָנסעקווענט־מאַרקסיסטישע ליניע דורכגעפירט די באָלשעוויקעס מיט לענינענ אינ דער שפּיץ. לענינ האָט געפירט אַנ אוממבעשאָלעמדיקנ קאַמפּ ניט בלויז קעגנ די רוסישע מענשעוויקעס אונ עסערנ, נאָר אויכ קעגנ דעם רעוויזי־אָניזם אינעם גאַנצנ פאַרמילכאָמעדיקנ II אינטערנאַציִאָנאַל.

מאַרקס האָט געגעבנ די טעאָריע פונ ערד־רענטע, אָבער ער האָט ניט באַ־וויזנ געננוי צו פאַנאַנדעראַרבעטנ די פראגע וועגנ די באַזונדערקײַטנ אינ דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אינ דער לאַנדווירטשאַפט. אינ דעם פאָרוואָרט צום דריטנ באַנד „קאַפּיטאַל" ווײַזט ענגעלס אָנ, אַז מאַרקס האָט אָנגעהויבנ שטו־דירנ די ערד־פאַרהעלטענישנ אינ רוסלאַנד מיטנ צוועק ווײַטער צו אַנטוויקלענ זײַנ טעאָריע וועגנ ערד־רענטע. דערבײַ האָט אינעם פאַנאַנדעראַרבעטנ די טע־אָריע וועגנ רענטע אונ דערמיט גופא די פראגע וועגנ דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אינ דער לאַנדווירטשאַפט „רוסלאַנד געדאַרפט שפּילנ פונקט אַזאַ ראָליע, ווי ענגלאַנד האָט געשפּילט אינעם ערשטנ בוכ („קאַפּיטאַל". — ל. ס.) באַם אויספאָרשנ די אינדוסטריִעלע לוינ־אַרבעט" (קאַפּיטאַל, באַנד III, ענגעלס

פאָרוואָרט, זײַט XI). מארקס איז געשטאָרבן, ניט האָבנדיק באוויזן אויסצופילן די וויַקע אופגאבע.

די דאָזיקע אופגאבע האָט אויסגעפילט לענין, וואָס האָט אין א רײ ארבעטן („די אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם אין רוסלאנד", „די אגראר־פראָגראם פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין די יאָרן 1905 — 1907", „נײַע אָנגאבן וועגן די אנטוויקלונג־געזעצן פונעם קאפיטאליזם אין דער לאנדווירטשאפט" און א גאנצע רײ אנדערע ארבעטן) אנטוויקלט מארקס רענט־טעאָריע און האָט אף דער דאָזיקער באזע פאנאנדערגעארבעט די טעאָריע וועגן דער אגראר־פראגע און באזונדערס די פראגע וועגן דער גרויס- און קליינ־פראָדוקציע אין דער לאנדווירטשאפט.

דאָס אריבערשטוי־סן די קליינ־פראָדוקציע דורך דער גרויסער

לענין האָט באוויזן, אז אין אלע לענדער וואקסט די קאפיטאליסטישע אָנווענדונג פון מאשינעס אין דער לאנדווירטשאפט. ניט בלויז אין דער אינדוסטריע, נאָר אויך אין דער לאנדווירטשאפט פארבײַט די מאשין אלץ מער און מער די האנטארבעט און רוינירט די קליינע פראָדוצירער. די מאשינ־באארבעטונג קאָן בלויז אין זייער ענגע ראמען אָנגעווענדט ווערן אין דער קליינער ווירטשאפט. צוליב דעם קליינעם פארנעם פון דער קליינער ווירטשאפט קאָן די מאשין אין איר ניט אויסגענוצט ווערן אינגאנצן און דעריבער קאָסט די מאשינ־באארבעטונג אין דער גרויסער ווירטשאפט א סאך ביליקער, איידער אין דער קליינער. די קאָמפליצירטע מאשינעס קאָנען בּיכלאל אין דער קליינער ווירטשאפט ניט באנוצט ווערן. אָט דאָס אלץ ברענגט דערצו, אז די ארבעט אין דער קליינער ווירטשאפט איז א סאך ווייניקער פראָדוקטיוו, איידער אין דער גרויסער, אז די פראָדוקטן פון דער גרויסער ווירטשאפט קאָנען פארקויפט ווערן א סאך ביליקער, אז די קליינ-פראָדוקציע אין דער לאנדווירטשאפט קאָן ניט אויסהאלטן די קאָנקורענץ פון דער גרויס־פראָדוקציע.

כוץ די דאָזיקע פראָדוציר־מײַלעס האָט די גרויסע קאפיטאליסטישע אונטערנעמונג אין דער לאנדווירטשאפט קאָלאָסאלע מײַלעס לעגאבע דער קליינער פויערשער ווירטשאפט אין געביט פון אָפזעצן די פראָדוקטן. דער גרויסער אונטערנעמער איז ענגער פארבונדן מיטן מארק, ער ווייס די מארק־באדינגונגען, ער קאָן אויסוואַרטן מיטן פארקויפן זײַנע פראָדוקטן, אין דער צײַט, ווען דער קליינפויער איז געצוווּנגען צו פארקויפן די פראָדוקטן דאָסראָוו גלײַך נאָכן אראָפנעמען די גערעטעניש. דער קרעדיט, וואָס שפּילט בּיכלאל אין דער לאנדווירטשאפט א גרויסע ראָליע צוליב דער סעזאָנישקײַט פון דער פראָדוקציע, ווערט געגעבן דעם גרויסן אונטערנעמער אף מער גינסטיקע באדינגונגען, איידער דעם פויער.

די דאָזיקע אלע באדינגונגען ברענגען דערצו, אז די גרויס־פראָדוקציע שטויסט ארויס די קליינע אויך אין דער לאנדווירטשאפט.

קעדײַ צו באווײַזן, אז עס איז ניטאָ קיין קאָנצענטראציע אין דער לאנד־ווירטשאפט, — פארופן זיך די סאָציאל-פאשיסטן אף די אָנגאבן פון דער אָפיצי־

עלער סטאטיסטיק. די דײַטשישע מעלוכישע סטאטיסטיק, לעמאָשל, באווײַזט, אז די צאָל ווירטשאפטנ מיט א שעטעכ פונ 0,05 ביז 2 הא האָט זיכ פארגרעסערט פונ 2 מיליאָנ 577 טויזנט אינ 1907 יאָר ביז 3 מיליאָנ 27 טויזנט אינ 1925 יאָר, אונ זייער אלגעמיינער שעטעכ — פונ 1 מיליאָנ 506 טויזנט ביז 1 מיליאָנ 588 טויזנט הא. אינ דער זעלבער צײַט האָט זיכ די צאָל ווירטשאפטנ מיט א שעטעכ פונ 20 ביז 100 הא פארקלענערט פאר דער זעלבער צײַט פונ 229 ביז 200 טויזנט, דערבײַ האָט זיכ זייער אלגעמיינער שעטעכ פארקלענערט פונ 8 מיליאָנ 91 טויזנט ביז 6 מיליאָנ 769 טויזנט הא. דערפונ מאכנ די סאָציאל-פאשיסטנ צוזאמענ מיט די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ דעמ אויספיר, אז די קליינ-ווירטשאפט שטויסט ארויס די גרויסע.

לענינ האָט מיט א קאָלאָסאלנ מאטעריאל, באזונדערס פונ רוסלאנד אונ פשא, באוויזנ, אז די גרייס פונ דעמ פארזיי-שעטעכ קאָנ אנ אונ פאר זיכ אינ קיינ שומ פאל ניט דינענ אלס באווײַז וועגנ דער ווירקלעכער גרייס פונ דער ווירטשאפט. צוויי ווירט-שאפטנ קאָנענ זײַנ פונ איינ אונ דער זעלבער גרייס לויטנ שעטעכ, אָבער אינגאנצנ פארשיידנ לויט דער גרייס פונ די ארײַנגעלייגטע קאפיטאלנ. עס קאָנ זיכ אפילע ארויסווײַזנ, אז די גרעסערע ווירטשאפט לויטנ שעטעכ איז א קלע-נערע לויט די ארײַנגעלייגטע קאפיטאלנ אונ לויט דער רעוועכדיקײַט.

„די גרופירונג לויטנ ערד-שעטעכ פארייניקט צוזאמענ די גרויסע אונ קליינע ווירטשאפטנ, וויבאלד זיי זײַנענ ענלעכ לויטנ פארנעמ פונעמ ערד-באזיץ, זי פארייניקט צוזאמענ ווירטשאפטנ מיט אנ אבסאָליוט פארשיידענעמ פראָדוציר-פארנעמ, אזוינע, וואָס אינ זיי דאָמינירט די פאמיליענ-ארבעט, מיט אזוינע, וואָס אינ זיי דאָמינירט די לוינ-ארבעט. דערפונ באקומט זיכ א גרינטלעכ ניט ריכטיק בילד, וואָס פארקריפלט אינגאנצנ די ווירקלעכע זאכלאגע, — אזא בילד, וואָס איז אָבער זייער געפעלנ דער בורזשואזיע — א בילד וועגנ דער פארטעמפונג פונ די קלאסנ-ווידערשפרוכנ אינעמ קאפיטאליזמ. דערפונ באקומט זיכ א ניט ווייניקער פאלשע באפוצונג פונ דער לאגע פונ די קליינע ערד-באזיצער, וואָס געפעלט ניט ווייניקער דער בורזשואזיע, עס באקומט זיכ אנ אפאָלאָגעטיק פונעמ קאפיטאליזמ" (לענינ, ב. XVII, זײַט 619).

די בורזשואזע סטאטיסטיק שילדערט די ווירטשאפט פונ 0,05, דה. פונ איינ צוואנציקסטל (!) העקטאר אלס „זעלבשטענדיקע" ווירטשאפט אונ דערבײַ נאָכ אלס אזא ווירטשאפט, וואָס שטויסט ארויס די גרויסע קאפיטאליס-טישע ווירטשאפטנ פונ 100 הא אונ מער. אונ די סאָציאל-פאשיסטנ כאפנ זיכ מיט ביידע הענט אָנ פאר דער דאָזיקער בורזשואזער סטאטיסטיק אונ בויענ טעאָריעס וועגנ דער אומעגלעכקײַט, אז די גרויסע ווירטשאפט זאָל אָפהאלטנ א ניצאָכנ איבער דער קליינער.

אינ דער ווירקלעכקײַט קומט פאָר אויכ אינ דער לאנדווירט-שאפט דער זעלבער פראָצעס פונ קאפיטאליסטישער קאָנ-צענטראציע, וואָס אינ דער אינדוסטריע, אונ דערמיט ווערנ געשאפנ די פאָרהאנאָכעס פארנ ניצאָכנ פונ סאָצי-

אליזמ אויכ אינ דער לאנדווירטשאפט. עמעס, באמ קאפיטאליזמ קומט פאָר דער וווקס פונ דער גרויס־פּראָדוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט א סאכ לאנגזאמער, איידער אינ דער אינדוסטריע, אָבער דאָס דערקלערט זיכ ניט מיט די נאטור־באדינגונגענ, נאָר מיט די געזעלשאפטלעכע באדינגונגענ, נעמ־לעכ — מיט דער עקזיסטענצ פונ פריוואט־אייגנטומ אפ ערד, וואָס פארהאלט די אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ, דער קאפיטאליזמ קאָנ עס אָבער ניט אָפּשאפנ אויס מוירע, אז דאָס קאָנ דערלאנגענ א קלאפּ דעמ פּריוואט־אייגנטומ ביכלאל.

אז ניט די נאטור באגרענעצט די גרויס־פּראָדוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט באווייזט צומ בעסטנ דער ביישפּיל פונ די ראצווירטנ אונ קאָלווירטנ אינ פססר. דאָס אָפּשאפנ דאָס פּריוואט־אייגנטומ אפ ערד אונ די עקספּראָפּריאציע פונ די קאפיטאליסטנ האָט געגעבנ דער פּראָלעטארישער מעלוכע א מעגלעכקייט צו שאפנ אזוינע גרויסע אונטערנעמונגענ אינ דער לאנדווירטשאפט, וועלכע זיינענ ניטאָ אונ קאָנענ ניט זיינ באמ קאפיטאליזמ. דער ביישפּיל פונ פססר צעקלאפּט ענד־גילטיק די לעגענדעס, אז עס איז אומעגלעכ אָדער ניט לוינבאר די גרויס־פּראָ־דוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט. „מיר האָבנ אינ אונדזער רעשוס א נייעמ אר־גומענט קעגנ די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ, וואָס פּראָקלאמירנ די שטאנדהאפטי־קייט פונ דער קליינ־פויערשער ווירטשאפט אינ איר קאמפ קעגנ דער גרויסער ווירטשאפט" (סטאלינ, „פראגעס פונ לענינִיזמ").

דער קאפיטאליזמ ביכלאל (ניט בלויז אינ דער לאנדווירטשאפט, נאָר אויכ אינ דער אינדוסטריע), אנטוויקלענדיק די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ, פארהאלט ער גלייכ־צייטיק זייער אנטוויקלונג. אָבער אי אינ דער אינדוסטריע אי אינ דער לאנדווירט־שאפט שטויסט די גרויסע קאפיטאליסטישע פּראָדוקציע קעסיידער ארויס די קליינע. דערביי צייכנט זיכ אויס דער דאָזיקער פּראָצעס אינ דער לאנדווירטשאפט מיט געוויסע אייגנטימלעכקייטנ, וועלכע באשטייענ דערינ, וואָס די ארויסשטוי־סונג פונ דער קליינ־פּראָדוקציע איז ניט פארבונדנ אומ־פארמיידלעכ מיט קיינ טייקעפדיקער רויִנירונג פונעמ פויער אונ מיט זיינ פארוואנדלונג אינ א לוינ־ארבעטער. אינ דער לאנד־ווירטשאפט איז פאראנ א ריי באדינגונגענ, וואָס דער וויכטיקסטער פונ זיי איז דאָס פּריוואטע ערד־אייגנטומ, אָט די באדינגונגענ גיבנ א מעגלעכקייט דעמ גרויסנ קאפיטאל צו עקספּלואטירנ דעמ קליינעמ פּראָדוצירער אינ א סאכ א שטארקערער מאָס, איידער ער עקספּלואטירט דעמ קליינעמ פּראָדוצירער אינ דער אינדוסטריע (דעמ קוסטאר).

3. די עקספּלואטאציע פונעמ פויערטומ באמ קאפיטאליזמ

די אזויגערופענע „שטאנדהאפטיקייט" אָדער „לעבנספייִקייט" פונ דער קליינ־פויערשער ווירטשאפט, ד.ה. דאָס אפ איר פארופנ זיכ די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ אונ די סאָציאל־פאשיסטנ מיטנ צוועק „אָפּצולייקענענ" מארקסנ, דרינגט ארויס ניט דערפונ, וואָס די קליינע ווירטשאפט האָט קלומערשט מיילעס לעגאבע דער גרויסער, נאָר פונ יענע אומגעהייערע צאָרעס, וועלכע עס האָט אויסצושטיינ

דער קליינער פויער, וואָס קלאַמערט זיך מיט אַלע קויכעס פאַר זײַן „זעלבשטענ־דיקער" ווירטשאַפט.

די פאָרמען פון עקספּלואַטירן דאָס פויערטום

דער קאַפּיטאַליסט דער ערנדאַטער וואָלט אופגעהערט אָנצווענדן זײַן קאַפּיטאַל אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווען ער וואָלט באַקומען אַ רעוועך־נאָרמע, וואָס איז נידעריקער פון דער דורכשניטלעכער. אַנדערש איז די לאַגע מיטן קליין־פויער: פאַר אים איז דער צוועק פון דער פּראָדוקציע פּאָשעט אונטערצוהאַלטן זײַן עקזיסטענץ און דעריבער האַלט ער זיך פאַר דער ווירטשאַפט אַזוי לאַנג, קאַלומאַן זײַן אַרבעט גיט אים אַ מעגלעכקײַט כאָטש ווי־עס־איז צו עקזיסטירן.

דער קליינפויער איז באַם אַרענדירן די ערד אָוועקגעשטעלט אין אַ סאַך ערגערע באַדינגונגען איידער דער גרויסער ערנדאַטער. דער קאַפּיטאַליסט קאָן אַרענדירן ערד אַבסאָליוט אומאָפּהענגיק פון זײַן וווינאָרט, ער קאָן אַפילו וווינען אין שטאָט און אַרײַנלייגן זײַן קאַפּיטאַל אין דער לאַנדווירטשאַפט; ער איז דעריבער פרײַ אינעם אויסוואַל פון דער ערד, וואָס ער אַרענדירט.

דער קליינפויער איז צוגעבונדן צו זײַן וווינאָרט, פאַר אים איז די ערד־אַרבעט אַפּן ענגסטן אויפן פאַרבונדן מיט זײַן הויז־ווירטשאַפט. ער איז דעריבער געצוווּנגען צו אַרענדירן די ערד דאָרט, ווו ער וווינט. דאָס נוצט אויס דער גרויסער ערד־באַזיצער און נעמט באַם קליינעם אַרענדאַטער אַ סאַך העכערע אַרענדע-געלט, איידער באַם גרויסן אַרענדאַטער. פּונקט אַזוי איז אויך דער פּרײַז פאַר דער ערד, וואָס דער פויער באַצאָלט באַם קויפן די ערד, אַ סאַך אַ העכערער ווי פאַרן גרויסן ערד־קוינע. דעריבער לוינט בעסער דעם גרויסן ערד־אייגנטימער אָפּטמאָל אָפּצוגעבן זײַן ערד אין אַרענדע אָדער פאַרקויפן זי קליינע כאַלאָקים־ווײַז איידער אין גרויסע.

מיר זעען ווידעראַמאָל ווי אַזוי דאָס פּריוואַט-אייגנטום אַף ערד (און קלאַל ניט די נאַטור-באַדינגונגען) פאַרהאַלטן דעם וווּקס פון דער גרויס-פּראָדוקציע אין דער ערדאַרבעט. באַקומענדיק פון באַנק אַ האַלוואָע אַף קויפן ערד אָדער ביכלאַל אַף אונטערהאַלטן זײַן ווירטשאַפט, דאַרף דער קליינפויער צאָלן אַ סאַך אַ העכערן פּראָצענט און פאַרקנעכטן זיך אַפּן גאַנצן לעבן. אַלס רעזולטאַט פון דעם אַלעם בלײַבט איבער דעם קליינעם פויער פונעם פאַרקויפן זײַנע פּראָדוקטן קוים-קוים אַף כאַיונע.

אין די לענדער, ווו עס פּרעוואַלירט די קליינפויערשע ווירטשאַפט, זײַנען די ברויט-פּרײַזן נידעריקער, איידער אין די לענדער פון גרויסער קאַפּיטאַליסטישער ערדאַרבעט. דאָס נעמט זיך ניט פון דער גרעסערער פּראָדוקטיווקײַט אין דער פויערשער אַרבעט, פאַרקערט, די פויערשע אַרבעט איז ווייניקער פּראָדוקטיוו, איידער די אַרבעט פון די לוין־אַרבעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער ערד־אַרבעטערשער אונטערנעמונג. די דאָזיקע נידעריקערע פּרײַזן דערקלערן זיך דער־מיט, וואָס „דער פויער גיט אָפּ דער געזעלשאַפט (דה. דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן) אומזיסט אַ טייל פונעם מערפּראָדוקט" (לענין, באַנד XVIII, זײַט 24. מײַן קורסיוו. — ל.ס.). דער דאָזיקער נידעריקער

פרײַז פונ ברויט איז „א רעזולטאט פונ דער אָרעמקײַט פונ די פּראָדוצירער און בעשומויפנ ניט קיינ רעזולטאט פונ זייער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט" (מ א ר ק ס, קאפּיטאל, באנד III, זײַט 581).

העיויס די ארבעט פונעמ קליינפויער איז ווייניק פּראָדוקטיוו און העיויס ער דארפ אויסצאָלנ רענטע, שטײַער, אאוו. און אלס צוגאָב צו דעמ אלעמענ איז ער געצוווּנגענ צו פארקויפנ זײַנע פּראָדוקטנ לויט נידעריקע פרײַזנ, מוז ער ארבעטנ א סאכ מער, קעדיי ווי־ניט־איז צו האָבנ אפ כאיונע. זײַנ נידעריקער עקזיסטענצ־ניוואָ איז דעריבער פארבונדנ מיט ארבעטנ איבער די קויכעס.

„די עקזיסטענצ פונעמ קליינפויערטומ אינ יעטווידער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט דערקלערט זיכ ניט מיט דעמ, וואָס די קליינ־פּראָדוקציע אינ דער ערדארבעט שטייט טעכניש העכער, נאָר דערמיט, וואָס די קליינפויערימ זעצנ אראָפּ זייערע באדערפענישנ נידעריקער, איידער דער באדערפעניש־ניוואָ פונ די לוינ־ארבעטער און האָרעווענ בא דער ארבעט אָנ אנ ערעכ שווערער, איידער די לוינ־ארבעטער" (לעני נ, באנד III, זײַט 7. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

אָט וויאזוי עס זעט אויס דער בארימטער „פאָרצוג" פונ דער קליינער פויער־שער ווירטשאפט לעגאבע דער גרויסער קאפּיטאליסטישער.

פאקטיש איז דער קליינפויער קלאל ניט קיינ זעלבשטענדיקער באלעבאָס. זײַנ זעלבשטענדיקײַט איז בלויז א לעפאָנעמדיקע. „די עקספּלואטאציע פונ די פויערימ אונטערשיידט זיכ פונ דער עקספּלואטאציע פונעמ אינדוסטריעלנ פּראָ־לעטאריאט בלויז לויט דער פאָרמ. דער עקספּלואטאטער איז דער זעלבער — דער קאפּיטאל. איינצלנע קאפּיטאליסטנ עקספּלואטירנ איינצלנע פויערימ מיט דער הילפ פונ היפּאָטעקנ און וווּכער; דער קלאס קאפּיטאליסטנ עקספּלואטירט דעמ קלאס פויערימ מיט דער הילפ פונ מעלוכע־שטײַערנ" (מ א ר ק ס, „קלאסנקאמפּ אינ פראנק־רײַכ", זײַט 105 — 106).

אָבער דער קליינפויער האלט זיכ מיט אלע קויכעס פאר זײַנ קלוימערש־טער זעלבשטענדיקײַט. „וואָס האָט צוגעבונדנ, בינדט צו און וועט נאָכ צובינדנ דעמ קליינעמ פויער אינ מײַרעוו־אייראָפּע צו זײַנ קליינער סכוירע־ווירטשאפט? קוידעמקאָל און הויפּטזאכלעכ דאָס, וואָס ער האָט זײַנ אייגנ שטיקל ערד, וואָס עס איז פאראנ פּריוואט־אייגנטומ אפ ערד. ער האָט יאָרנ־ווײַז געזאמלט געלט, קעדיי צו קויפנ א שטיקל ערד. ער האָט דאָס געקויפט און וויל, פארשטייט זיכ, מיט דעמ זיכ ניט שיידנ. ער וויל בעסער איבערטראָגנ אלע און אלערליי צאָרעס, ער וויל בעסער ארײַנפאלנ אינ ווילדקײַט, אבי צו בלײַבנ בא זײַנ שטיקל ערד — דער באזע פונ זײַנ אינדיווידועלער ווירטשאפט" (ס ט א ל י נ, „פראגעס פונ לעניניזמ").

פּראָלעטאריזאציע פונעמ פויערטומ

דעמ קליינעמ האנטווערקער אָדער קוסטאר, וואָס דער קאפּיטאל עקספּלואטירט און וואָס איז אויכ געצוווּנגענ צו פירנ א האלב־הונגעריק לעבנ און אָנ א שיר צו האָרעווענ, איז א סאכ גרינגער צו שיידנ זיכ מיט זײַנ „אונטערנעמונג", — אפ אימ דריקט ניט דאָס

ערד-אייגנטומ, וואָס דער פויער דערווערבט עס מיט אזויפיל שווערקייטנ. כוצ דעמ כאָלעמט זיכ נאָכ אלצ דעמ קליינפויער, וואָס באזיצט שוינ זיינ שטיקל ערד, אז ער האָט א מעגלעכקייט ארופצוארבעטנ זיכ צו דער מאדרייגע פונ די „פעסטע" באלעבאטימ.

אָבער בלויז אנ אומבאדייטנדיקע מינדערהייט פויערטומ קאָנ אויסמיידנ די רויִנירונג. „איידער עס הייבט זיכ אָנ די רויִנירונג, קומט פאָר א פארביסענער קאמפ פאר דער עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט.... דער אומפארמיידלעכער רעזולטאט פונ קאמפ איז: דאָס אויסטיילנ זיכ פונ א מינדערהייט פארמעגלעכע זעלבשטענדיקע באלעבאטימ... אונ אנ אלצ גרעסערע פאראָרעמונג פונ דער מערהייט, א פאראָרעמונג, וואָס פאטערט מיט כראָנישנ הונגערנ אונ אומגעהייער שווערער ארבעט די קויכעס פונעמ ארבעטנדיקנ, וואָס פארערגערט די קוואליטעט אי פונ דער ערד אי פונעמ פי. דער אומפארמיידלעכער רעזולטאט פונ קאמפ איז: די אויסבילדונג פונ א מינדערהייט קאפיטאליסטישע ווירטשאפטנ, וואָס זיינענ באזירט אפ לוינארבעט, אונ די שטייגנדיקע נויטווענדיקייט פאר דער מערהייט צו זוכנ „זייטיקע פארדינסטנ", דה. צו פארוואנדלענ זיכ אינ אינדוסטריעלע אונ אינ לאנדווירטשאפטלעכע לוינ־ארבעטער" (לענינ, באנד IV, ז. 246 — 247).

דער קליינפויער איז אלצ מער געצוווּנגענ צו פארקויפנ זיינ ארבעטקראפט. ער ווערט א האלבפראָלעטאריער. זיינ ווירטשאפט ווערט אלצ מער פארוואנדלט פאר אימ אינ א באהילפיקנ עקזיסטענצ־קוואל. אזוי, לעמאָשל, איז אינ דייטשלאנד פונ די 3 מיליאָנ 27 טויזנט קליינפויערימ, וואָס באזיצנ א שטעכ פונ 0,05 ביז 2 הא, וואָס לויט די סאָציאל־פאשיסטישע טעאָרעטיקער שטויסנ זיי ארויס די גרויסע ווירטשאפט, ארבעטנ העכער א העלפט, נעמלעכ, 53,9 % אלס לוינ־ארבעטער אינ דער אינדוסטריע אָדער אינ דער לאנדווירטשאפט.

דער קליינפויער, וואָס ווערט רויִנירט, רייסט ניט איינ אינגאנצנ מיט זיינ ווירטשאפט ניט בלויז צוליב די אויבנ אָנגעוויזענע סיבעס, נאָר אויכ דערפאר ווייל דאָס איז אָפטמאָל פאר אימ אבסאָליוט אוממעגלעכ, באזונדערס אינ פעריאָד פונ א קריזיס אונ ארבעטלאָזיקייט, ווענ עס איז קימאט ניט מעגלעכ צו באקומענ קיינ ארבעט אלס לוינ־ארבעטער.

באזונדערס אצינד, ווענ די ארבעטלאָזיקייט האָט אָנגענומענ א נאָכ קיינמאָל ניט געזעענעמ פארנעמ, האָט זיכ דער פויער, וואָס ווערט רויִנירט, פאָשעט ניט ווי אהינצוטאָנ אונ ער איז געצוווּנגענ צו הונגערנ אפ זיינ קליינ שטיקל ערד, אונ די בורזשואזע סטאטיסטיק רעכנט אימ ארייַנ צווישנ די „זעלבשטענדיקע" באלעבאטימ.

נאָכ מיט א לאנגער צייט פאר דער מילכאָמע האָט דאָס רויִנירטע פויערטומ אָנגעהויבנ אנטלויפנ פונ די דערפער אינ די שטעט. די דערפער זיינענ געבליבנ קימאט אָנ ארבעטפייִקע מענטשנ. דאָס האָט געשאפנ א געפאר, אז די גרויסע לאנדווירטשאפטנ קאָנענ פארלירנ די ביליקע ארבעטקראפט. קעדיי צו פארהאלטנ די פויערימ, זיי זאָלנ זיכ ניט צעלויפנ פונ די דערפער, האָט מענ זיי צוגעבונדנ צו דער ערד מיטנ אויסרייד, אז מע גיט זיי, קלוימערשט, א מעגלעכקייט צו פירנ א „זעלבשטענדיקע ווירטשאפט". „ווענ די קליינ־פראָדוקציע ווערט צו שטארק ארויסגעשטויסנ, שטרעבנ די גרויסע באלעבאטימ צו

פּאַרפּעסטיקן אָדער אופלעבן זי דורך פּאַרקויפן אָדער אָפּגעבן אין אַרענדע די ערד" (לענין, באַנד II, זייט 453). עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ טיפּ פון לאַנדווירטשאַפטלעכע לוין־אַרבעטער, מיט אַן איינגעטיילטן ערד־קיילעך: „דאָס איינטיילן ערד דעם דאָרפישן אַרבעטער ווערט זייער אָפט געטאָן אין די אינטערעסן פון די דאָרפישע באַלעבאַטים גופא און דעריבער איז דער טיפּ לאַנדאַרבעטער מיט אַן ערד־קיילעך אייגנטימלעך פאַר אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער" (לענין, באַנד III, זייט 121).

אַף אַזאַ אויפן איז באַם קאַפּיטאַליזם דער וווקס גופא פון דער גרויסער לאַנדווירטשאַפט אַ באַדינג דערצו, אַז אין געוויסע ראַמען זאָל איינגעהייט ווערן און צומאָל זאָלן אַפילו אויך וואַקסן די קליינע ווירטשאַפטן. עס איז אָבער גאַנץ קלאָר, אַז די דאָזיקע קליינע ווירטשאַפטן שטויסן ניט אַרויס די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע, נאָר זיי זיינען בלויז אַ נייטיקער צוגאָב צו איר. אין דער ווירקלעכקייט זיינען די דאָזיקע „זעלבשטענדיקע" קליינע ווירטשאַפטן ניט מער ווי אַ מיטל צו שאַפן פון די אַרויסגעשטויסענע קליינע פּראָדוצירער אַ קעסיידערדיקן קוואַל פון אַרבעטקראַפט, וואָס ווערט עקספּלואַטירט אין דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט. אַזוי אַרום שטויסט אַרויס די גרויסע פּראָדוקציע די קליינע אַזוי, אַז עס בלייבט איבער די שיינלעכקייט, אַז עס עקזיסטירט און עס וואַקסט אַפילו די „זעלבשטענדיקע" קליין־פּראָדוקציע.

„די גרונט־ און הויפּט־טענדענץ פונעם קאַפּיטאַליזם באַשטייט אין דעם, וואָס די גרויספּראָדוקציע שטויסט אַרויס די קליינע — אי אין דער אינדוסטריע אי אין דער ערדאַרבעט. אָבער דאָס דאָזיקע אַרויסשטויסן דאַרף מען ניט פאַרשטיין בלויז אין דעם זין פון טייקעפדיקן עקספּראָפּרירן. צו דער אַרויסשטויסונג געהערט אויך די רויִנירונג און פאַרערגערונג פון די באַדינגונגען אין דער ווירטשאַפט פון די קליינע ערדבאַזיצער, וואָס קאָן דויערן אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרצענדליקער. די דאָזיקע פאַרערגערונג אַנטפּלעקט זיך אי אין דער אומגעהייער שווערער אַרבעט אָדער אין דער פאַרערגערטער דערנערונג פונעם קליינעם באַזיצער אי אין דעם, וואָס ער ווערט באַלעסטיקט מיט כויִוועס, אי אין דער פאַרערגערונג פונעם פוראַזש און בכלל אינעם אויסהאַלטן דאָס פי אי אין דער פאַרערגערונג פון די באַדינגונגען אינעם אופפאַסן די ערד, אינעם באַאַרבעטן, באַמיסטיקן זי אאַז"וו., אי אין דעם שטילשטאַנד פון דער טעכניק אין דער ווירטשאַפט אאַזוו." (לענין, באַנד XVII, זייט 619).

די באַדייטונג פון דער לענינישער טעאָריע אין דער אַגראַר־פראַגע

לענין האָט באַוויזן, אַז דאָרט, וווּ די בורזשואַזע „וויסנשאַפט" און צוזאַמען מיט איר די רענעגאַטן פון מאַרקסיזם זעען אַן אויפבלי פון דער „זעלבשטענדיקער" קליינער ווירטשאַפט, הערשט אין דער ווירקלעכקייט אַן אומגעהייערע עקספּלואַטאַציע, אַ פאַראָרעמונג, דערשלאָגנקייט, נויט און פאַרווילדערונג. אופדעקנדיק די ווידערשפּרוכן, וואָס זיינען פאַראַן צווישן דער קאָלאָסאַלער מאַסע קליינפּויערטום און דער בורזשואַזיע, האָט לענין אופגעדעקט די מעגלעכקייט און פעסטגעשטעלט די נייטיקייט פאַר די דאָזיקע מאַסן אָפּצורייסן זיך פון דער בורזשואַזיע און אַריבערצוגיין אונטער דער אָנפירונג פונעם פּראָלעטאַריאַט

אינ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע. לענינ האָט אופגעדעקט די רעזערוונ פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע אינעמ פויערטומ, וואָס ווערט רוינירט, רעזערוונ, וואָס האָבנ אנ אנטשיידנע באדײַטונג פארנ ניצאָכנ פונעמ פראָלעטאריאט איבער דער בורזשואזיע.

די מארקסיסטיש-לענינשע טעאָריע לערנט ניט בלויז, וויאזוי דער פראָלעטאריאט זאָל צוציענ אפ זײַנ זײַט די האלבפראָלעטארישע שיכטנ פונ פויערטומ, קעדיי אראָפּצווארפנ די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע, נאָר אויכ וויאזוי צוציענ צו דער סאָציאליסטישער בויונג די קאָלאָסאלע מאסנ ניט בלויז האלבפראָלעטארישע, נאָר אויכ מיטלפויערשע שיכטנ.

באפרײַענדיק די דאָזיקע שיכטנ פויערטומ פונ דער עקספּלואטאציע, וואָס זיי האָבנ געהאט אויסצושטיינ פונ די פריצימ אונ קאפּיטאליסטנ, עפנט די פראָלעטארישע דיקטאטור פאר זיי גאָר אנ אנדער וועג פונ אנטוויקלונג, פונ אנטוויקלונג צומ סאָציאליזמ, וואָס הייבט אופ זייער ווילשטאנד, ליקווידירט זייער דורכדויערסדיקע אָפּגעשטאנענקײַט אונ פארווילדערונג אונ וואָס פארניכטעט אפ אזא אויפנ די קעגנזעצלעכקײַט, וואָס דער קאפּיטאליזמ האָט געשאפנ צווישנ דער אינדוסטריע אונ דער לאנדווירטשאפט, צווישנ שטאָט אונ דאָרפ.

„אָט דערפאר טאקע, ווײַל בא אונדז איז ניטאָ קיינ פריוואט-אייגנטומ אפ ערד, איז בא אונדז אויכ ניטאָ יענע שקלאפישע צוגעבונדנקײַט פונעמ פויער צו דער ערד, וואָס איז פאראנ אינ מערעוו. אונ דער דאָזיקער אומשטאנד קאָנ ניט ניט פארלײַכטערנ דעמ איבערגאנג פונ דער קליינפויערשער ווירטשאפט אפ די רעלסנ פונ קאָלווירטנ.

אָט ווו עס ליגט איינע פונ די סיבעס, פארוואָס די גרויסע ווירטשאפטנ אינ דאָרפ, די קאָלווירטנ אינ דאָרפ גיט זיכ אײַנ אזוי לײַכט צו דעמאָנסטרירנ בא אונדז, אינ די באדינגונגענ פונ נאציאָנאליזאציע פונ דער ערד, וויפל זיי שטייענ העכער פונ דער קליינער פויערשער ווירטשאפט.

אָט ווו עס ליגט די גרויסע רעוואָליוציאָנערע באדײַטונג פונ די סאָוועטישע אגראר-געזעצנ, וואָס האָבנ פארניכטעט די אבסאָליוטע רענטע אונ וואָס האָבנ אָפּגעשאפט דאָס פריוואט-אייגנטומ אפ ערד אונ אײַנגעשטעלט די נאציאָנאליזאציע פונ דער ערד" (סטאלינ, „פראגעס פונ לענינימ").

די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאליסטישער איבערבויונג פונ דער לאנדווירטשאפט זײַנענ א גלענצנדיקע באשטעטיקונג, ווי ריכטיק עס איז די לענינשע טעאָריע וועגנ דער אגראר-פראגע אונ די פּאָליטיק פונ דער פארטיי. אינ דער צײַט, ווענ אינ פּססר, אפ דער באזע פונעמ ניצאָכנ פונ סאָציאליזמ, שטײַגט גיכ דער לעבנ-ניוואָ פונ די פויערשע מאסנ, זעענ מיר אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער א קריזיס פונ א ניטגעהערטער שארפקײַט, א יערידע פונ דער לאנדווירטשאפט, רוינירונג אונ פאראָרעמונג פונעמ האָרעפּאשנעמ פויערטומ.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ צעגראָמירנ דאָס באלעגופנטומ, מיט דער קאָלעקטיווירונג פונ דער לאנדווירטשאפט, מיט דעמ, וואָס די קאָלווירטישע בויונג האָט ארומגעכאפּט קימאט די גאנצע פויערשע אָרעמשאפט, אינ צוזאמענהאנג מיטנ פארניכטנ אפנ דאָזיקנ באָדנ די דיפערענצירונג פונעמ פויערטומ אפ באלעגופימ

און אָרעמפויערים, זײַנען שוין אינעם ערשטן פינפיאָר פארניכטעט געוואָרן די פאראָרעמונג און דער פאופעריזם אין דאָרף. אין פארלויף פונעם ערשטן פינפיאָר איז פססר געוואָרן א לאנד פון דער גרעסטער לאנדווירטשאפט אין דער וועלט. אונטער דער לאנדווירטשאפט פון פססר איז אונטערגעפירט געוואָרן א פאָרגעשריטענע טעכנישע באזע, מיט א שנעלן טעמפ וואקסט דער באנוץ פון טראקטערס און קאָמפליצירטע מאשינעס אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער ערד־ארבעט. פארן ערשטן פינפיאָר איז די צאָל טראקטערס אין דער לאנדווירטשאפט אויסגעוואָקסן פון 26,7 טויזנט אין 1928 יאָר ביז 148,5 טויזנט אין 1932 יאָר, דה. אין 5,5 מאָל מער, און די אלגעמיינע מעכטיקײַט פונעם גאנצן טראקטער-פארק פון דער לאנדווירטשאפט — פון 278 טויזנט פערדקראפט ביז 2 מיליאָן 225 טויזנט, דה. אין 8 מאָל. פאר פיר יאָר איז דער פארזיי־שעטעך אויסגעוואָקסן אף 21 מיליאָן הא. באדײַטנדיק האָט זיך אופגעהויבן די גערעטעניש. דער לאָזונג, וואָס כ׳ סטאלין האָט ארויסגערוקט, צו מאכן אלע קאָלווירטניקעס פארמעגלעכע — האָט אופגערודערט די ברייטע מאסן קאָלווירטניקעס. באדײַטנדיק איז געשטיגן די פראָדוקטיווקײַט פון דער קאָלווירטישער ארבעט און די האכנאָסעדיקײַט פון די קאָלווירטן און קאָלווירטניקעס.

נאָך מעכטיקער וועט זײַן דער אופשטײַג פון דער לאנדווירטשאפט אינעם צווייטן פינפיאָר.

אויב צום סאָף ערשטן פינפיאָר האָט דער פראָצענט קאָלעקטיוויזאציע פון די פויערשע ווירטשאפטן באטראָפן 61,5 פראָצ., וועט די קאָלעקטיוויזאציע אין פארלויף פונעם צווייטן פינפיאָר פארענדיקט ווערן אין דער פולער מאָס. די פראָדוקציע פון דער לאנדווירטשאפט אינעם צווייטן פינפיאָר וועט זיך פארגרעסערן אין צוויי מאָל. די צאָל מאשינטראקטערישע סטאנציעס וועט זיך פארגרעסערן פון 2446 אין 1932 יאָר ביז 6000 אין 1937 יאָר. די מעכטיקײַט פונעם גאנצן טראקטער־פארק אין דער לאנדווירטשאפט וועט אויסוואקסן פון 2 מיליאָן 225 טויזנט פערדקראפט אין 1932 יאָר ביז 8 מיליאָן 200 טויזנט פערדקראפט אין 1937 יאָר. שטארק וועט אויסוואקסן די צאָל קאָמפליצירטע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, עס וועט פארענדיקט ווערן די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע פון דער לאנדווירטשאפט.

אן אָרגאנישער באשטאנד־טייל פון דער סאָציאַליסטישער איבערבויונג פון דער לאנדווירטשאפט איז די קולטור-רעוואָליוציע, וואָס קומט פאָר אין דאָרף: די ליקווידירונג פונעם אנאלפאבעטיזם, דאָס שאפן הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען אָרגאניזאטערס פון דער סאָציאַליסטישער פראָדוקציע אין דאָרף, דער וווקס פון די טעכנישע קענטענישן, די באפרײַונג פון דער פרוי אין דאָרף, דער קאָלאָסאלער וווקס פון דער נעץ בילדונג־אנשטאלטן, דער וווקס פונעם סאָציאַליסטישן באוווסטזײַן פון די קאָלווירטניקעס.

דער צווייטער פינפיאָר שאפט אזויארום אלע פאָרהאנאָכעס אף לייזן איינע פון די וויכטיקסטע אופגאבן פון דער קאָמוניסטישער רעוואָליוציע — די אופגאבע צו פארניכטן דעם קעגנזאץ צווישן שטאָט און דאָרף. „אינעם צווייטן פינפיאָר פארווירקלעכט פססר א גרויסן שריט פאָרויס אינעם פראט פון אויסלעבן דעם דויר-דוירעסדיקן קעגנזאץ פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט — דעם קעגנזאץ

צווישנ שטאָט אונ דאָרפ — אונ ער שאפט אלע נייטיקע פאָרהאנאָכעס אפ באזייטיקנ דעמ דאָזיקנ קעגנזאצ. לויט איר געזעלשאפטלעכער פאָרמ ווערט די לאנדווירטשאפט פונ איינ אונ דעמ זעלבנ טיפ, ווי די אינדוסטריע, די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט ווערט פארוואנדלט אינ א מינ אינדוסטריעלער ארבעט, מעכטיק וואקסט אויס די טראנספאָרט־פארבינדונג צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, באדייטנדיק דערנענטערנ זיכ די וווקס-טעמפּנ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אונ פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער, עס דערנענטערנ זיכ די ניוואָענ פונעמ מאטעריעלנ וווילשטאנד אונ פונ דער קולטור פונ די ארבעטנדיקע פונ שטאָט אונ דאָרפ" (רעזאָלוציע פונעמ XVII פארטיי־צוזאמענפאָר וועגנ צווייטנ פינפיאָריקנ פּלאנ).

אינ דער קאפּיטאליסטישער וועלט איז א גאָר קעגנזעצלעכ בילד. פאר די לעצטע יאָרנ איז פאָרגעקומענ א פארקירצונג פונעמ פארזיי־שעטעכ דורכשניטלעכ אפ 8 — 10 פּראָצ. אינ די פשא איז דער ווערט פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער ברוטאָ־פּראָדוקציע געפאלנ פונ 11 מיליארד דאָלער אינ 1929 יאָר ביז 5 מיליארד אינ 1932 יאָר — מער ווי אפ 50%. דער ווערט פונ דער קערנער־פּראָדוקציע איז געפאלנ מער ווי אפ 68% אונ פונ בוימוואָל — אפ 70%.

אינ דער צייט, ווענ אינ פססר שטייגט שטורמיש די פּראָדוקציע פונ לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, האָט זי זיכ אינ פשא פארקלענערט אפ 83% אינ פארגלייכ מיטנ 1929 יאָר, אינ דייטשלאנד — אפ 72% אונ אינ פוילנ איז זי קימאט אינגאנצנ אָפּגעשטעלט געוואָרנ.

„דער אגרארער קריזיס האָט זיכ פאר דער דאָזיקער צייט פארשטארקט אונ האָט ארומגעכאפּט אלע צווייגנ פונ דער לאנדווירטשאפט, דערונטער די פיצוכט, אונ האָט זי דערפירט ביז דעגראדאציע, ביזנ אריבערגאנג פונ מאשינעס צו האנטארבעט, ביזנ פארבייטנ דעמ טראקטער מיטנ פערד, ביז דער שארפער פארקירצונג אונ צומאָל אויכ ביזנ אָפּזאָגנ זיכ פולשטענדיק פונ באנוצנ קינסטלעכע באמיסטיקונג" (ס ט א ל י נ, פאָרטראָג אפנ XVII פארטיי־צוזאמענפאָר).

דער קריזיס רויִנירט די פילמיליאָניקע מאסנ פויערטומ. לעמאָשל, די יערלעכע האכנאָסע פונ א דורכשניטלעכנ פערמער אינ די פשא איז געפאלנ פונ 847 דאָלער אינ 1929 יאָר ביז 187 דאָלער אינ 1932 יאָר. עס שטייגט די פארשולדיקטקייט פונ דעמ פויערטומ צו די גרויסע בענק, עס ווערט מאסנווייז פארקויפט דאָס פארמעגנ פונ די פויערשע ווירטשאפטנ אפנ אאוקציאָנ, קעדיי צו באצאָלנ די כויוועס. אזוי זיינענ אינ די פשא אויסגעפארקויפט געוואָרנ פויערשע ווירטשאפטנ אינ 1929 י. — 45 טויזנט, אינ 1932 י. — 150 ט. אינ דייטשלאנד אינ 1928 י. — 10 ט. אונ אינ 1931 י.—18 ט. (דאָס איז בלויז לויט די אָפיציעלע אָנגאבנ!).

אינ דער צייט, ווענ די מיליאָניקע מאסנ ארבעטלאָזע ארבעטער אונ צערויִנירטע פויערימ הונגערנ, פארניכטנ די קאפּיטאליסטנ קאָלאָסאלע מאסנ ברויט, בוימוואָל אאוו., קעדיי אופצוהייבנ די פרייזנ.

דער קריזיס אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער, פונ איינ זייט, אונ דער וווקס פונ דער סאָציאליסטישער לאנדווירטשאפט אינ פססר — פונ דער צווייטער, רעוואָליוציאָניזירנ די פויערשע מאסנ אונ פארשטארקנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייג אינ דער גאנצער וועלט.

רעפּראָדוקציע און אימלויף פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל אינגאַנצן גענומען

ביז איצט זײַנען מיר אין אַלץ ארויסגעגאנגען פון דער פאָרהאנאָכע, אז יעדער קאַפּיטאַליסט געפינט אן אָפּזאץ פאר די פּראָדוצירטע סכוירעס, אז ער קאָן פארוואנדלען אין געלט דעם ווערט פונעם פארווענדטן קאַפּיטאַל, וואָס די דאָזיקע סכוירעס אנטהאלטן, און דעם מערווערט, און פון דער צווייטער זײַט, געפינען אפן מארק די פּראָדוציר-מיטלען, וואָס זײַנען נייטיק, קעדיי ווידער אָנהייבן פּראָדוצירן.

אָבער אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט הערשט די אנארכיע פון דער פּראָדוקציע. דער גרונט־ווידערשפּרוך פונעם קאַפּיטאַליזם — דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג — דריקט זיך אויס ניט בלויז אינעם קלאַסן-אנטאגאָניזם צווישן דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאריאט, נאָר אויך אינעם ווידערשפּרוך צווישן דער אָרגאניזירונג פון דער פּראָדוקציע אין די איינצלנע פאבריקן און דער אנארכיע פון דער פּראָדוקציע אין דער גאנצער געזעלשאַפט (זע זײַט 198).

באַם קאַפּיטאַליזם איז די גאנצע *געזעלשאַפטלעכע* פּראָדוקציע צעשטויבט איבער די *אינדיווידועלע* קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. יעדע פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען איז א *זעלבשטענדיקע* אונטערנעמונג, וואָס געפינט זיך אינעם פּריוואטן אייגנטום פון אן איינצלנעם קאַפּיטאַליסט, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז די רעפּראָדוקציע אין יעדער אונטערנעמונג באזונדער אָפּהענגיק פון דער רעפּראָדוקציע אין אנדערע אונטערנעמונגען, איז אָפּהענגיק פון דער רעפּראָדוקציע *אין דער גאנצער געזעלשאַפט*. די רעפּראָדוקציע אין א טעקסטיל־אונטערנעמונג, לעמאָשל, איז אָפּהענגיק דערפון, וואָס א סאך אנדערע קאַפּיטאַליסטן פּראָדוצירן פיל פארשיידנארטיקע טעקסטיל-מאַשינעס, בוימוואָל, באהילפיקע מאטעריאַלן, הייצווארג, געברויך-זאכן פאר די ארבעטער א.א.וו.

אָבער וואָס באַטײַט די רעפּראָדוקציע אין יעדער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג באזונדער, דה. די רעפּראָדוקציע פונעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַל? זי באַטײַט דאָס דורכגיין פונעם קאַפּיטאַל דורך דער ספער פון פּראָדוקציע און אום־

לויפ, דה. זײַנ באוועגונג אינ דער פאָרמ פונ א קרײַז־אומלויפ (זע זײַט 163). אָבער די באוועגונג פונ יעדנ אינדיווידועלנ קאפּיטאל איז פארבונדנ מיט די באוועגונ־גענ פונ א סאכ אנדערע אינדיווידועלע קאפּיטאלנ, וואָס אינ זייער סכומ בילדנ זיי דעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל. דעריבער איז די באוועגונג פונ יעדנ אינדי־ווידועלנ קאפּיטאל פארבונדנ מיט דער באוועגונג פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּי־טאל אינגאנצנ גענומענ אונ איז פונ אימ אָפּהענגיק. אָבער אזוי ווי דער אל־געמיינער געזעלשאפטלעכער קאפּיטאל באשטייט פונ א סאכ אָפּגעזונדערטע אינ־דיווידועלע קאפּיטאלנ, האָט די באוועגונג פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל, זײַנ רעפּראָדוקציע א טיפ־ווידערשפּרעכלעכנ כאראקטער.

די פראגע וויאזוי עס ווערט פארווירקלעכט דער דאָזיקער ווידערשפּרעכלעכער רעפּראָדוציר־פּראָצעס פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל, וואָס באשטייט אינ דער רעפּראָדוצירונג פונ די אָפּגעזונדערטע אונ זעלבשטענדיקע אינדיווידועלע קאפּיטאלנ, איז איינע פונ די שווערסטע אונ אינ דער זעלבער צײַט פונ די וויכ־טיקסטע פראגנ פונ פּאָליטישער עקאָנאָמיע. די לייזונג פונ דער דאָזיקער פראגע האָט מארקס געגעבנ אינ זײַנ טעאָריע וועגנ רעפּראָדוקציע אונ אומלויפ פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל אינגאנצנ גענומענ.

קעדיי צו פארשטיינ מארקס רעפּראָדוקציע־טעאָריע אונ איר באדײַטונג, איז נייטיק אפריער צו באקענענ זיכ בעקיצער מיט אדאמ סמיטס טעאָריע איבער דער דאָזיקער פראגע. סמיטס פעלערהאפטע אָנשוונגענ, וואָס די גאנצע שפּע־טערדיקע בורזשואזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט אופגענומענ, האָבנ איר גע־שטערט „צו פארשטיינ אפילו דעמ סאמע עלעמענטארנ מעכאניזמ פונעמ געזעל־שאפטלעכנ רעפּראָדוציר־פּראָצעס“ (מארקס, קאפּיטאל, באנד I, זײַט 465). איידער ער פאָרמולירט זײַנ רעפּראָדוקציע־טעאָריע („קאפּיטאל“, באנד II, אָפּטייל III), גיט מארקס א גענויע קריטיק פונ סמיטס טעאָריע. אויכ לענינ האָט ניט איינ מאָל אונטערגעשטראָכנ, אז „באמ פאָרמולירנ די רעאליזאציע־טעאָריע* איז נייטיק באזונדערס אָפּשטעלנ זיכ אפּ אד. סמיטנ“ (לענינ, באנד II, זײַט 406). אינ דער שײַנ פונ דער קריטיק פונ סמיטס טעאָריע טרעט באזונדערס בולט ארויס דער מעהוס פונ מארקס רעפּראָדוקציע־טעאָריע אונ איר גאנצע באדײַטונג.

1. קריטיק פונ סמיטס טעאָריע

די אײַנטיילונג פונעמ ווערט אינ האכנאָסע

אדאמ סמיט איז איינער פונ די גרונטלייגער פונ דער אר־בעט־ווערט־טעאָריע (זע זײַט 47). סמיט האָט געהאלטנ, אז דעמ ווערט פונ די סכוירעס שאפט די ארבעט, אָבער דערבײַ האָט ער באהויפּט, אז די גרייס פונעמ סכוירע־ווערט ווערט באשטימט בלויז דורכ דעמ סכומ ארבעט, וואָס דער ארבעטער גיט צו צו דעמ ארבעט־אָביעקט, צומ רויוואַרג. דעמ ווערט פונעמ רויווארג אונ ביכלאל פונ די פּראָדו־ציר־מיטלענ האָט סמיט אבסאָליוט ניט גענומענ אינ אכט באמ באשטימענ דעמ

---

* רעאליזאציע־טעאָריע איז אנ אנדער נאָמענ פונ דער רעפּראָדוקציע־טעאָריע. ווײַטער וועלנ מיר דערקלערנ דעמ זינ פונעמ דאָזיקנ נאָמענ.

ווערט פון דער סכוירע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פונעם דאָזיקן רויוואַרג.

אויב, לעמאָשל, אפּ פּראָדוצירן 10 צענטנער קאָרן האָט דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער אַרבעטער פאַרוועגדט 6 שאָ אַרבעט און דערביי זיינע פאַרוועגדט געוואָרן פּראָדוציר־מיטלען, וואָס אַנטהאַלטן 4 שאָ אַרבעט (זוימען, אָפּנוץ פון עם פלוג, אויסהאַלטונג פונעם אַרבעט־פי אאַוו.), וועט, לויט סמיטן, דער ווערט פון די דאָזיקע 10 צענטנער קאָרן באַטרעפן ניט 10 שאָ אַרבעט, נאָר בלויז 6 שאָ. אויב מיר וועלן זיך פאָרשטעלן, אַז 1 שאָ געזעלשאַפטלעך־נייטיקע אַרבעט דריקט זיך אויס אין 1 רובל, וועט דער ווערט פון 10 צענטנער קאָרן לויט סמיטן זיין ניט 10 רובל, נאָר בלויז 6 רובל, דה. ער וועט גלייך זיין בלויז צו דעם ניי געשאַפענעם ווערט. דער ווערט פון די פאַרוועגדטע פּראָדוציר־מיטלען גייט, לויט סמיטן, ניט אַריין אינעם ווערט פונעם קאָרן.

א טייל פון דעם ווערט, וואָס דער אַרבעטער האָט געשאַפן (לאָמיר זאָגן, 3 רובל), גייט אפּ אויסהאַלטן דעם אַרבעטער,—ער ווערט אים אויסגעצאָלט אין דער פאָרם פון אַרבעטלוין. דער צווייטער טייל (אויך 3 רובל) בילדעט דעם קאַפּיטאַליסטס רעווען און די ערד־רענטע—דעם מערווערט.* דער אַרבעטלוין, וואָס בילדעט דעם אַרבעטערס האַכנאָסע, גייט אפּ זיינע פּערזענלעכע געברויך; דער רעווען גייט אפּן פּערזענלעכן געברויך פון קאַפּיטאַליסט, בילדנדיק זיין האַכנאָסע, און די ערד־רענטע בילדעט די האַכנאָסע פונעם ערד־אייגנטימער. פונדאַנען האָט סמיט געמאַכט דעם אויספיר, אַז דער גאַנצער סכוירע־ווערט טיילט זיך איין בלויז אפּ די האַכנאָסעס, וואָס די פאַרשיידענע קלאַסן געברויכן.

פאַרשטייט זיך, אַז סמיט האָט ניט געקאָנט ניט זען, אַז דער געלט־סכום, וואָס ווערט באַקומען באַם פאַרקויפן די סכוירע, דה. דער פּריַיז (אין אונדזער בייַשפּיל 10 רובל), אַנטהאַלט ניט בלויז א טייל, וואָס איז גלייך צום אַרבעטלוין, און ניט בלויז רעווען און רענטע, נאָר אויך א טייל, וואָס דעקט דעם קאַפּיטאַליסט דעם ווערט פון די פאַרוועגדטע פּראָדוציר־מיטלען (4 רובל). אָבער, זאָגט סמיט, אויב דער פּריַיז פון קאָרן אַנטהאַלט, כוץ דעם אַרבעטלוין, דעם רעווען און דער רענטע, אויך דעם פּריַיז פונעם פלוג, האָט דאָך אויך דעם פלוג געשאַפן די אַרבעט. אַזוי ווי די אַרבעט שאַפט בלויז ווערט, וואָס טיילט זיך איין אין אַרבעטלוין, רעווען און רענטע, באַשטייט סאָפּקאָלסאָפּ אויך דער ווערט פון דעם פלוג און אויך דער ווערט פון די פּראָדוציר־מיטלען, וואָס זיינען פאַרוועגדט געוואָרן אפּ אויסאַרבעטן דעם פלוג, פון אַרבעטלוין און מערווערט, דה. פון האַכנאָסעס.

דאָס באַציט זיך צו אַלע פּראָדוציר־מיטלען, וואָס ווערן באַנוצט אין דער געזעלשאַפט. דעריבער, זאָגט סמיט, טיילט זיך איין דער ווערט פונעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט בלויז אין אַרבעטלוין, רעווען און רענטע. אַזויאַרום קומט

* סמיט האָט נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף וועגן מערווערט, אומאָפּהענגיק פון זיינע באַזונדערע פאָרמען. ער האָט גערעדט וועגן רעווען און ערד־רענטע, וואָס דער אַרבעטער שאַפט אויסער ווערט פונעם אַרבעטלוין, אָבער די דאָזיקע סומע רעווען און ערד־רענטע שטעלט מיט זיך אין טאָך פאָר מערווערט.

אויס, לויט סמיטס טעאָריע, אז פונעם ווערט פונעם געזעלשאפטלעכן פּראָדוקט פאלט ארויס דער ווערט פונעם פארווענדטן קאָנסטאנטן קאפּיטאל.* דערמיט גופא האָט סמיט אינגאנצן אָפּגענומען בא זיך די מעגלעכקייט צו שטעלן ריכטיק די פראגע וועגן דער רעפּראָדוצירונג פונעם געזעלשאפטלעכן קאפּיטאל.

אינדערעמעסן. א טייל פונעם יערלעכן פּראָדוקט, וואָס אנטשפּרעכט לויט דעם ווערט דער גרייס פונעם ארבעטלוינ, פארברויכן די ארבעטער. דעם צווייטן טייל, וואָס איז לויט זיין ווערט גלייך צום רעווע, געברויכן די קאפּיטאליסטן, און דעם דריטן טייל געברויכן די ערדבאזיצער. דער גאנצער ווערט פונעם יערלעכן פּראָדוקט טיילט זיך איין אפ די האכנאָסעס פון די פארשיידענע קלאסן. דעריבער דארף דער גאנצער יערלעכער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקט באשטיין פון אזוינע סכוירעס, וואָס קאָנען געברויכט ווערן ווי האכנאָסע, דה. פון געברויך-זאכן. מיט דער דאָזיקער באהויפּטונג הייבט טאקע סמיט אָן זיין בארימט ווערק „דאָס רייכטום פון די פעלקער“: „די יערלעכע ארבעט פון יעדער נאציע איז דער פאָנד, וואָס באזאָרגט זי סאָפּקאָלכאָפּ מיט אלע עקזיסטענץ-מיטלען, וואָס זי געברויכט אין פארלויפ פון יאָר“. אָבער אויב דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקט באשטייט בלויז פון זאכן פון פערזענלעכן געברויך, איז פונוואנען, פרעגט זיך, קאָנען די קאפּיטאליסטן נעמען פּראָדוציר-מיטלען אפ באנייען די פּראָדוקציע כאָטש אין דער זעלבער מאָס, דה. כאָטש פאר דער איינפאכער רעפּראָדוקציע? עס איז ניטאָ פונוואנען צו נעמען זיי.

אזויארום, אויב מע זאָל זיך האלטן בא סמיטס אָנשויונגען אפן באשטאנד פונעם ווערט פון דעם פּראָדוקט, איז אומעגלעך צו דערקלערן, וויאזוי עס קומט פאָר די רעפּראָדוקציע.

ווו שטעקט סמיטס פעלער ?

סמיט האָט זיך ניט געקאָנט פאנאנדערקלייבן אין דעם קאָמפּליצירטן רעפּראָדוציר-פּראָצעס פון דעם געזעלשאפטלעכן קאפּיטאל, ווייל זיין אויסגאנג-פּונקט איז געווען ניט קיין ריכטיקער. ער האָט געהאלטן, אז דעם ווערט פון דער סכוירע שאפט די ארבעט. דאָס איז גאנץ ריכטיק. אָבער דאָס איז אבסאָליוט ניט גענוג אפ צו פארשטיין דעם פּראָצעס פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע. אנטשיידנדיק איז די פראגע, וועלכע ארבעט אייגנטלעך שאפט דעם ווערט, — די פראגע וועגן דעם צווייִקן כאראקטער פון דער ארבעט.

אינדערעמעסן, לאָמיר נעענטער באטראכטן, וויאזוי סמיט שטעלט די פראגע וועגן דעם ווערט פון דער סכוירע. ער האלט, אז דער ווערט פון דער סכוירע ווערט באשטימט לויטן סכום ארבעט, וואָס דער ארבעטער גיט צו צום רויען מאטעריאל. עס איז אינגאנצן קלאָר, אז סמיט מישט צונויפ צום סאמע אָנהייב אָן אין דער דאָזיקער דעפיניציע צוויי זאכן: דעם ווערט פון דער סכוירע און דעם ניי-געשאפענעם ווערט. אינעם ווערט פון דער סכוירע (אין אונדזער ביישפּיל 10 רובל) גייט ארייַן ניט בלויז דער ווערט, וואָס דער

* סמיט רופט דאָס אָן גרונט-קאפּיטאל.

אַרבעטער שאַפט פונדאַסניַי און גיט צו צום רויען מאַטעריאַל (6 רובל), נאָר אויכ דער ווערט פונ די פאַרוועגדעטע פראָדוציר־מיטלענ (4 רובל). דער ווערט פונ דער סכוירע איז דעריבער גרעסער, איידער דער ניַי־געשאַפענער ווערט. דער ניַי־געשאַפענער ווערט טיילט זיכ ווירקלעכ איַינ אינ פאַרענדערלעכנ קאַפּיטאַל אונ אינ מערווערט. אָבער פונדאַנענ איז ניט געדרונגענ, אַז אויכ דער גאַנצער ווערט פונ דער סכוירע טיילט זיכ איַינ אינ פאַרענדערלעכנ קאַפּיטאַל אונ אינ מערווערט, — ער אַנטהאַלט נאָכ אויכ דעמ ווערט פונעמ קאָנסטאַנטנ קאַפּיטאַל.

אָבער פאַרוואָס זעט ניט סמיט דעמ דאָזיקנ באַשטאַנד־טייל פונ דעמ ווערט פונ דער סכוירע — דעמ ווערט פונ די פאַרוועגדעטע פּראָדוציר־מיטלענ? דערפאַר, וויַיל ער קאָנ ניט פאַרשטייננ, אַפ וואָס פאַר אַנ אויפנ קומט אופ דער ווערט פונ די פאַרוועגדעטע פּראָדוציר־מיטלענ ווידעראַמאָל אינעמ פאַרטיקנ פּראָדוקט, דערפאַר, וויַיל ער זעט ניט דעמ אונטערשייד צווישנ שאַפנ דעמ ווערט אונ אַריבערטראָגנ דעמ ווערט.

דער ווערט פונ די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס זיַינענ פאַרוועגדעט געוואָרנ אַפ אויסאַרבעטנ די סכוירע, ווערט ניט פאַרשוווּנדנ, — ער ווערט אַריבערגעטראָגנ אַפנ פאַרטיקנ פּראָדוקט. אָבער אַריבערגעטראָגנ ווערט ער ניט מיט דער אַרבעט, וועלכע שאַפט דעמ ניַיעמ ווערט, ניט מיט דער אַבסטראַקט־מענטשלעכער אַרבעט, נאָר מיט דער קאָנקרעטער אַרבעט. דאָס דרינגט אַרויס פונעמ צוויייִקנ כאַראַקטער פונ דער אַרבעט, וואָס שאַפט די סכוירעס (זע ז.ז. 84—87).

סמיט זעט ניט דעמ דאָזיקנ צוויייִקנ כאַראַקטער פונ דער אַרבעט אונ זעט ניט דעריבער אויכ דעמ צוויייִקנ ווידערשפּרעכלעכנ כאַראַקטער פונ דער סכוירע גופע, וואָס איז אינ איינ אונ דער זעלבער ציַיט ווערט אונ געברויכ־ווערט. ער אַבסטראַהירט זיכ אינגאַנצנ פונעמ געברויכ־ווערט פונ דער סכוירע אונ זעט ניט, אַז שאַפנדיק מיט זיַינ קאָנקרעטער אַרבעט דעמ געברויכ־ווערט פונ דער סכוירע, טראָגט דערמיט גופע דער אַרבעטער אַריבער אַפ דער סכוירע דעמ ווערט פונ די פאַרוועגדעטע פּראָדוציר־מיטלענ. סמיט פאַרשטייט ניט, אַז קעדיי דער ווערט פונ די פּראָדוציר־מיטלענ זאָל אַריַינ אינעמ ווערט פונעמ פאַרטיקנ פּראָדוקט, דאַרפ מענ אימ קלאָל ניט שאַפנ פונדאַסניַי.

די סיבע פונ סמיטס טאָעס שטעקט אַזוי־אַרומ דערינ, וואָס ער פאַרשטייט ניט דעמ צוויייִקנ ווידערשפּרעכלעכנ כאַראַקטער פונ דער אַרבעט, וואָס איז פאַרגעשטעלט אינ דער סכוירע אונ צוזאַמענ דערמיט דעמ ווידערשפּרעכלעכנ כאַראַקטער פונ דער סכוירע גופע. בלויז מאַרקס, וואָס האָט אויפגעדעקט דעמ צוויייִקנ כאַראַקטער פונ דער אַרבעט, האָט געקאָנט אויפדעקנ סמיטס טאָעס אונ דערקלערנ דעמ פּראָצעס פונ דער קאַפּיטאַליסטישער רעפּראָדוקציע.

לאָמיר באַטראַכטנ וויאַזוי, אַפנ גרונט פונ זיַינ טעאָריע וועגנ ווערט אונ מערווערט, אַנאַליזירט מאַרקס דעמ רעפּראָדוציר־פּראָצעס.

2. די רעפּראָדוציר־באַדינגונגען פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל אינגאַנצן גענומען

די שטעלונג פונ דער פראגע

שוינ פונעמ אנאליז פונ סמיטס אָנשויונגענ איז צו זענ, אז די פראגע וועגנ דער רעפּראָדוקציע סײַ פונעמ אינדיווידועלנ סײַ פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל איז ענג פארבונדנ מיט דער פראגע וועגנ דעמ באשטאנד פונעמ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט אינגאנצנ גענומענ. לאָמיר זיכ איצט אָפּשטעלנ דערויפ א ביסל גענויער. קעדיי קלאָר מאכנ די דאָזיקע פארבינדונג, לאָמיר נעמענ אזא בײַשפּיל:

לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז מיר האָבנ פאר זיכ א פאבריקאנט פונ אוועל־כער־ניט־איז געברויכ-זאכ, לעמאָשל פונ קליידונג. ער האָט פּראָדוצירט א געוויסנ סכומ קליידער, וואָס האָבנ דעמ ווערט 100 טויזנט רובל, און האָט פארקויפט די דאָזיקע קליידער לויט זייער ווערט. לאָמיר אָנעמענ, אז דער דאָזיקער ווערט אנטהאַלט אינ זיכ: 1) דעמ ווערט פונעמ קאָנסטאנטנ קאפּיטאל, וואָס איז פארווענדט געוואָרנ אפ פּראָדוצירנ די קליידער — 60 טויזנט רובל, 2) דעמ ווערט פונ דער פארווענדטער ארבעטקראפט — 20 טויזנט רובל און 3) מערווערט — 20 טויזנט רובל.

קעדיי צו באנײַענ די פּראָדוקציע (מיר מיינענ דערווײַל בלויז איינפאכע רע־פּראָדוצירונג), דארפ דער קאפּיטאליסט פונ די אָפּגעלייזטע 100 טויזנט רובל פאר־ברויכנ 60 טויזנט רובל אפ קויפנ נײַע פּראָדוציר־מיטלענ אָנשטאָט די פארווענדטע. הייסט עס, אז ער דארפ געפינענ אפנ מארק ניט ביכלאל פּראָדוציר-מיטלענ, נאָר גאנצ באשטימטע פּראָדוציר־מיטלענ — ניי-מאשינעס, שטאָפ, פאָדעמ אאוו. — אינ א גאנצ באשטימטנ סכומ און פונ א באשטימטנ ווערט, נעמלעכ, פאר 60 טויזנט רובל. אָבער געפינענ וועט ער די דאָזיקע פּראָדוציר־מיטלענ אפנ מארק בלויז בא דעמ באדינג, אויב זיי זײַנענ פריִער פּראָדוצירט געוואָרנ אינ די אונ־טערנעמונגענ פונ אנדערע קאפּיטאליסטנ, דה. בלויז ביטנײַ, אויב די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס זײַנענ נייטיק אונדזער קאפּיטאליסט, זײַנענ פאראנ אינעמ באַ־שטאנד פונעמ גאנצנ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט. אפ רעפּראָדוצירנ די קליידער, הייסט עס, איז נייטיק, אז אינ דער צײַט, ווענ אינ דער קליידער־פאבריק ווערנ געברויכט און אָפּגענוצט די ניי-מאשינעס, די שטאָפנ אאוו. — זאָלנ אינ אנדערע אונטערנעמונגענ פּראָדוצירט ווערנ נײַע מאשינעס און אנדערע פּראָדוציר-מיטלענ, וואָס זײַנענ נייטיק אפ אויסארבעטנ קליידער.

דעמ צווייטנ טייל געלט, וואָס איז אָפּגעלייזט געוואָרנ פונ פארקויפנ די סכוירע, דעמ טייל, וואָס אנטשפּרעכט דעמ ווערט פונ דער פארווענדטער ארבעטקראפט, נעמלעכ 20 טויזנט רובל, גיט אויס דער קאפּיטאליסט אלס פאר־ענדערלעכנ קאפּיטאל און קויפט ארבעטקראפט. די פראגע, צי וועט ער געפינענ אפנ מארק די דאָזיקע ארבעטקראפט, רופט ניט ארויס קיינ שוועריקײַטנ. מיר האָבנ שוינ באוויזנ (קאפּיטל IV און VI), וויאזוי דער קאפּיטאליזמ שאפט פאר זיכ א קעסיידערדיקנ מארק פונ פרײַער ארבעטקראפט. אנדערש איז די לאגע מיט די עקזיסטענצ־מיטלענ פונ די ארבעטער. קעדיי די ארבעטער זאָלנ קאָנענ ארבעטנ און פּראָדוצירנ מערווערט, דארפנ זיי רעפּראָדוצירנ זייער ארבעטקראפט.

זיי דאַרפֿן געפֿינען אַפֿן מאַרק די געברויך־זאַכן, וואָס זײַנען זיי נייטיק. דאָס באַטײַט, אַז פֿאַר דער רעפּראָדוקציע פֿון קלײדער איז נייטיק, אַז אינעם באַשטאַנד פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן פּראָדוקט זאָלן זיך געפֿינען געוויסע זאַכן פֿון פּערזענלעכן געברויך פֿון אַ געוויסן ווערט.

צו לעצט, דער קאַפּיטאַליסט גיט אויס דעם מערווערט אַף זיך פּערזענלעך. אין באַשטאַנד פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן פּראָדוקט דאַרפֿן נאָך אַזוי אַרום זײַן די נייטיקע עקזיסטענץ־מיטלען און לוקסוס־זאַכן אַף 20 טויזנט רובל, וואָס גייען אַפֿן געברויך פֿון די קאַפּיטאַליסטן.

לאָמיר איצט נעמען אַן אַנדערן בײַשפּיל, — אַ פֿאַבריקאַנט פֿון וועלכן־ניט־איז פּראָדוציר־מיטל — לאָמיר זאָגן פֿון דרייבענק. זאָל זײַן יערלעכער פּראָדוקט אויך האָבן דעם ווערט 100 טויזנט רובל, וואָס טיילט זיך אײַן אין 60 טויזנט רובל, וואָס דער פֿאַרווענדעטער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל איז ווערט, 20 טויזנט רובל — דעם ווערט פֿונעם פֿאַרווענדעטן פֿאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל און 20 טויזנט רובל מערווערט. האַגאַם דער ווערט פֿונעם דאָזיקן פּראָדוקט אַנטהאַלט אי דעם ווערט פֿונעם פֿאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל אי דעם מערווערט (40 טויזנט רובל), קאָנען אָבער דעם דאָזיקן פּראָדוקט גופֿא לויט זײַן נאַטורעלער פֿאָרם ניט פֿאַרברויכן אַלס האַכנאָסע ניט די אַרבעטער, ניט דער קאַפּיטאַליסט. דער דאָזיקער פּראָדוקט — די דרייבענק — קאָנען אַנדערע קאַפּיטאַליסטן געברויכן בלויז פּראָדוציריש, בלויז אין דער פּראָדוקציע, בלויז אַלס קאַפּיטאַל, נעמלעך, אַלס באַשטענדיקן קאַפּיטאַל. ער וועט פֿאַרקויפֿט ווערן בלויז אין דעם פֿאַל, אויב ער וועט לויט זײַן ווערט און לויט זײַן געברויך־ווערט אַנטשפּרעכן דעם באַשטענדיקן קאַפּיטאַל, וואָס אַנדערע קאַפּיטאַליסטן האָבן פֿאַרווענדט און וואָס זיי דאַרפֿן פֿאַרבײַטן מיט אַ נײַעם.

אויב דער דאָזיקער באַדינג איז ניטאָ, וועט דער פֿאַבריקאַנט פֿון די דרייבענק ניט קאָנען פֿאַרקויפֿן זײַן סכוירע און קויפֿן די פּראָדוציר־מיטלען און אַרבעטקראַפֿט, וואָס זײַנען אים נייטיק, און באַנײַען די פּראָדוקציע. מיט אַנדערע ווערטער, די רעפּראָדוקציע פֿון די דרייבענק באַם פֿאַבריקאַנט איז אָפּהענגיק פֿון דער רעפּראָדוקציע אין אַ רײ אַנדערע אונטערנעמונגען.

פֿון די געבראַכטע צוויי בײַשפּילן קאָן מען מאַכן פֿאָלגנדיקע אויספֿירן.

ערשטנס, כּדי עס זאָל מעגלעך זײַן די רעפּראָדוקציע אין איין אונטערנעמונג, איז נייטיק אַ רעפּראָדוקציע אין אַ רײ אַנדערע אונטערנעמונגען. די רעפּראָדוקציע פֿונעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַל, וואָס בילדעט אַ טייל רעפּראָדוקציע פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן קאַפּיטאַל, איז אין דער זעלבער צײַט אויך אַ רעזולטאַט פֿון איר.

צווייטנס, פֿאַר דער רעפּראָדוקציע איז ניט גענוג, אַז דער ווערט פֿונעם גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן פּראָדוקט זאָל זיך אײַנטיילן אין ווערט פֿון די פֿאַרווענדעטע פּראָדוציר־מיטלען (קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל), אין אַרבעטלוין (פֿאַרענדערלעכער קאַפּיטאַל) און אין מערווערט. עס איז נאָך נייטיק, אַז אינעם באַשטאַנד פֿונעם גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן פּראָדוקט זאָלן זײַן, פֿון איין זײַט, אַזעלכע סכוירעס, וואָס לויט זייער געברויך־ווערט, לויט זייער נאַטורעלער פֿאָרם קאָנען זיי

קאמפענסירן דעם באשטענדיקן קאפיטאל, וואס איז פארוועגדט געווארן אין די באזונדערע אונטערנעמונגען (פראדוציר־מיטלען), און פון דער צווייטער זייט, — אזוינע פראדוקטן, וואס קאנען אריין אינעם פערזענלעכן געברויך פון די ארבעטער און קאפיטאליסטן (געברויב־זאכן). מיט אנדערע ווערטער: פאר דער רעפראדוקציע איז נייטיק, אז דער אלגעמיינער פראדוקט פון דער געזעלשאפט זאל האבן א באשטימטן באשטאנד, א באשטימטע סטרוקטור סיי לויט זיין ווערט און סיי לויט זיין נאטורעלער פארם.

צוויי טיילונגען פון דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע

די פראגע וועגן דעם ווערט־באשטאנד פון די געזעלשאפטלעכע פראדוקטן שטעלט ניט פאר קיין שום שוועריקייטן. מיר ווייסן שוין, אז זיין ווערט באשטייט פון קאנסטאנטן קאפיטאל, פארענדערלעכן קאפיטאל און מערווערט. וואס איז שייעך דעם באשטאנד פונעם געזעלשאפטלעכן פראדוקט לויטן געברויך־ווערט אדער לויט זיינע זאכיקע באשטאנד־טיילן, איז אפ אויספארשן די דאזיקע פראגע איבעריק צו באטראכטן אלע פארשיידענע מינים סכוירעס, וואס גייען אריין אינעם באשטאנד פונעם געזעלשאפטלעכן פראדוקט, און אלע צווייגן פון דער פראדוקציע. דערפון, וואס עס איז אויבן געזאגט געווארן, איז קלאר, אז פאר דער רעפראדוקציע איז נייטיק, אז אינעם באשטאנד פונעם געזעלשאפטלעכן פראדוקט זאלן זיך געפינען פראדוציר־מיטלען און געברויך־זאכן. דעריבער איז גאנץ גענוג, אויב אלע פילארטיקע פראדוקציע־צווייגן וועט מען צונויפגרופירן אין צוויי גרויסע אפטיילונגען: 1) צווייגן, וואס פראדוצירן פראדוציר־מיטלען, און 2) צווייגן, וואס פראדוצירן עקזיסטענץ־מיטלען. פון וואס פאר א פילארטיקע סכוירעס עס זאל ניט באשטיין דער גאנצער געזעלשאפלעכער פראדוקט, קאנען זיי אויך אייגעטיילט ווערן אין צוויי גרופעס: 1) פראדוקטן פון דער ערשטער אפטיילונג פון דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע, וועלכע אלע פראדוקציע־צווייגן געברויכן אלס באשטענדיקן קאפיטאל, — מאשינעס, רויווארג, באהילפיקע מאטעריאלן, הייצווארג אא. 2) אין פראדוקטן פון דער צווייטער אפטיילונג פון דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע, וועלכע עס געברויכן אלס האכנאסע די ארבעטער און די קאפיטאליסטן, — זאכן פון דער ערשטער נויטווענדיקייט און לוקסוס־זאכן. מיטן דאזיקן איינטיילן די געזעלשאפטלעכע פראדוקציע אין צוויי גרויסע אפטיילונגען האט מארקס צעגלידערט דעם גאנצן געזעלשאפטלעכן פראדוקט לויט זיין נאטורעלער פארם.

דער באשטאנד פונעם גאנצן געזעלשאפטלעכן פראדוקט לויט זיין ווערט און לויט זיין נאטורעלער פארם שטעלט מארקס אנשוילעך פאר, ער אילוסטרירט זי אפ אזא אויפן:

לאמיר זיך פארשטעלן, אז דער גאנצער יערלעכער פראדוקט פון דער געזעלשאפט האט דעם ווערט 9000 (טויזנטער אדער מיליאנען רובל — דאס איז אלציינס) און באשטייט פון פראדוציר־מיטלען (פראדוקט פון דער I אפטיילונג פון דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע), וואס זיינען ווערט 6000, און פון געברויך־זאכן (פראדוקט פון דער II אפטיילונג), וואס זיינען ווערט 3000.

לאָמיר זיכ וויַיטער פאָרשטעלנ, אז דער פּראָדוקט פונ דער I אָפּטיילונג האָט אזא באשטאנד לויטנ ווערט: 4000 — דעמ ווערט פונ דעמ קאָנסטאנטנ קאפּיטאל, וואָס איז פארוועגדט געוואָרנ אפ פּראָדוצירנ אימ + 1000 — דער ווערט פונ דעמ פארוועגדטנ פארענדערלעכנ קאפּיטאל + 1000 מערווערט.

לאָמיר באצייכענענ דעמ באשטענדיקנ קאָנסטאנטנ קאפּיטאל מיטנ אָס C, דעמ פארענדערלעכנ קאפּיטאל — מיטנ אָס v און דעמ מערווערט — מיטנ אָס m *.

דאנ קאָנ דער ווערט־באשטאנד פונעמ פּראָדוקט פונ דער I אָפּטיילונג (וואָס באשטייט פונ פּראָדוציר־מיטלענ) פאָרגעשטעלט ווערנ אפ אזא אויפנ:

$$4000\,c + 1000\,v + 1000\,m = 6000$$

לאָמיר איצט נעמענ דעמ פּראָדוקט פונ דער II אָפּטיילונג. לאָמיר זאָגנ, אז לויטנ ווערט באשטייט ער פונ 2000 אריבערגעטראָגענעמ ווערט פונעמ באשטענדיקנ קאפּיטאל + 500 רעפּראָדוצירטנ ווערט פונעמ פארענדערלעכנ קאפּיטאל + 500 מערווערט.

דער ווערט-באשטאנד פונעמ פּראָדוקט פונ דער II אָפּטיילונג (וואָס באשטייט פונ געברויכ-זאכנ) וועט אזויארומ פאָרגעשטעלט ווערנ אפ אזא אויפנ:

$$2000\,c + 500\,v + 500\,m = 3000$$

ווענ מיר וועלנ פאראייניקנ די דאָזיקעביידע רייענ, וועלנ מיר באקומענ פאָלגנדיקע סכעמע:

$$\begin{aligned} \text{I. אָפּטיילונג} \quad & 4000\,c + 1000\,v + 1000\,m = 6000 \\ \text{II. אָפּטיילונג} \quad & 2000\,c + 500\,v + 500\,m = 3000 \\ \hline \text{דער גאנצער פּראָדוקט:} \quad & 6000\,c + 1500\,v + 1500\,m = 9000 \end{aligned}$$

אינ דער דאָזיקער סכעמע איז אזויארומ באוויזנ די קעגנזייַטיקע פארבינדונג פונ די באשטאנד־טיילנ פונעמ ווערט פונעמ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט ($c + v + m$) און פונ זייַנע זאכיקע באשטאנד-טיילנ (די צוויי אָפּטיילונגענ). אינ דער דאָזיקער טיילונג פונעמ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט אפ זייַנע ווערטיקע און זאכיקע באשטאנד־טיילנ אינ זייער קעגנזייַטיקער פארבינדונג האָט מארקס אויסגעדריקט דעמ צווייַיקנ כאראקטער פונ דער אלגעמיינער געזעלשאפטלעכער ארבעט אינ דער קאפּיטאליסטישער סכוירע-געזעלשאפט, אלס ארבעט, וואָס שאפט גלייַכצייַטיק ווערטנ און געברויכ-ווערטנ, וואָס שאפט נייַעמ ווערט און וואָס טראָגט אריבער אפנ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט דעמ ווערט פונ די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס זייַנענ פארוועגדט געוואָרנ אינ דער גאנצער געזעלשאפט. מארקס האָט געקאָנט אופדעקנ דעמ דאָזיקנ קאָמפּליצירטנ באשטאנד פונעמ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט דערפאר, ווייַל ער האָט געזענ דעמ ווידערשפּרעכלעכנ כאראקטער פונ דער סכוירע גופע און פונ דער ארבעט, וואָס שאפט די סכוירע, — דאָס, וואָס סמיט האָט ניט

* די דאָזיקע באצייכענונגענ, וואָס מארקס געברויכט, — דאָס זייַנענ די ערשטע אויסיעס פונ די דייַטשישע נעמענ פונ קאָנסטאנטנ און פארענדערלעכנ קאפּיטאל און מערווערט.

גײען און װאָס דעריבער האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטײן די רעפּראָדוקציע פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל.

האָבנדיק קלאָר געמאַכט דעם דאָזיקן צװײיִקן באַשטאַנד פונעם פּראָדוקט פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל, קאָנען מיר אַריבערגײן צו באַטראַכטן, װיאַזױ עס קומט פאָר די רעפּראָדוקציע פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל.

מיר װײסן שױן, אַז פאַר דער רעפּראָדוקציע איז נײטיק, ערשטנס, צו פאַר־בײַטן די פאַרװענדטע פּראָדוציר־מיטלען מיט נײַע און, צװײטנס, אופשטעלן די פאַרװענדטע אַרבעטקראַפט.

די קאַפּיטאַליסטן, װעלכע נײטיקן זיך אין נײַע פּראָדוציר־מיטלען, קױפן זײ בײַ אַנדערע קאַפּיטאַליסטן. למשל, דער פאַבריקאַנט פון שטאָף פּראָדוצירט ניט אַלײן די װעבשטולן, ער קױפט זײ בײַם פאַבריקאַנט פון די װעבשטולן. דער דאָזיקער פאַבריקאַנט, װאָס פאַרקױפט זײַנע װעבשטולן דעם טעקסטיל־פאַבריקאַנט, ר ע א ל י ז י ר ט זײער װערט, ער פאַרװאַנדלט זײ אין געלט. דעם געברױך־װערט זײערן װעט רעאַליזירן דער שטאָפן־פאַבריקאַנט, װאָס װעט באַנוצן די געקױפטע װעבשטולן אױף פּראָדוצירן שטאָף. די רעאַליזירונג, װידער, פונעם װערט פון די װעבשטולן, דאָס פאַרקױפן זײ איז נײטיק, כּדי זײער פאַבריקאַנט זאָל קאָנען קױפן נײַע פּראָדוציר־מיטלען און אַרבעטקראַפט אױף פּראָדוצירן נײַע װעבשטולן. דאָס זעלבע קומט פאָר מיט אַלע איבעריקע פּראָדוציר־מיטלען, װאָס זײַנען פאַראַן אינעם באַשטאַנד פונעם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט. פונדאַנען קאָנען מיר מאַכן דעם אױספיר, אַז פאַר דער רעפּראָדוקציע איז נײטיק צו רעאַ־ליזירן דעם פּראָדוקט פון דער I אָפּטײלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָ־דוקציע (פּראָדוציר־מיטלען).

לאָמיר איצט נעמען יענעם טײל געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט, װאָס באַשטײט פון געברױך־זאַכן (צװײטע אָפּטײלונג). פאַרקױפנדיק די געברױך־זאַכן די אַר־בעטער און קאַפּיטאַליסטן, רעאַליזירן די פאַבריקאַנטן פון די דאָזיקע געברױך־זאַכן זײער װערט. דעם געברױך־װערט, װידער, פון אַ טײל פון די דאָזיקע פּראָדוקטן רעאַליזירן די אַרבעטער, װאָס געברױכן זײ און װאָס שטעלן אַזױ־אַרום אױף זײער אַרבעטקראַפט, און פונעם צװײטן טײל — די קאַפּיטאַליסטן, װאָס גיבן אױס זײער מערװערט אױף קױפן געברױך־זאַכן. ניט האָבנדיק פאַרקױפט זײערע סכױרעס, ניט האָבנדיק רעאַליזירט זײער װערט, װעלן די קאַפּיטאַליסטן, װאָס פּראָדוצירן די געברױך־זאַכן, ניט קאָנען פּראָדוצירן קײן נײַע געברױך־זאַכן. אָבער דאָס באַטײַט, אַז פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער רעפּראָדוקציע איז נײטיק צו רעאַליזירן ניט בלױז די פּראָדוציר־מיטלען, נאָר אױך די גע־ברױך־זאַכן, װאָס זײַנען פאַראַן אינעם באַשטאַנד פונעם געזעלשאַפטלעכן פּראָ־דוקט.

אַזױאַרום שליסט אײַן אין זיך דער רעפּראָדוציר־פּראָצעס פון דעם געזעל־שאַפטלעכן קאַפּיטאַל די רעאַליזירונג פון די באַשטאַנד־טײלן פונעם געזעלשאַפט־לעכן פּראָדוקט. די רעאַליזירונג פון זײער װערט קומט פאָר דורכן אומלױף (קױף און פאַרקױף), און די רעאַליזירונג פון זײער געברױך־װערט קומט פאָר דאַן, װען זײ טרעטן אַרײַן אין דער פּ ר אָ ד ו ק צ י ע אָדער אין ג ע ב ר ױ ך. די

רעפראָדוקציע־טעאָריע דארפ באווײַזנ, וויאזוי עס קומט פאָר די דאָזיקע רעאַליזאציע. דעריבער רופט זיכ מארקס טעאָריע וועגנ דער רעפראָדוקציע אונ אומלויפ פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל נאָכ אנדערש רעאליזאציע־טעאָריע.

לאָמיר באטראכטנ, וויאזוי עס קומט פאָר די רעאליזאציע פונ די באשטאנדטיילנ פונעמ געזעלשאפטלעכנ פראָדוקט לויטנ ווערט אונ לויטנ געברויכ־ווערט בא דער איינפאכער רעפראָדוקציע.

רעאליזאציע בא דער איינפאכער רעפראָדוקציע

לאָמיר זיכ אומקערנ צו אונדזער סכעמע פונ דעמ ווערטיקנ אונ זאכיקנ באשטאנד פונעמ געזעלשאפטלעכנ פראָדוקט:

$$
\begin{aligned}
\text{I. } & 4000\,c + 1000\,v + 1000\,m = 6000 \\
\text{II. } & 2000\,c + 500\,v + 500\,m = 3000 \\
\hline
& 6000\,c + 1500\,v + 1500\,m = 9000
\end{aligned}
$$

קודעמקאָל ווארפט זיכ אינ די אויגנ, אז די לעצטע ציפער פונ דער ערשטער ריי (6000) איז גלײַכ צו דער סומע פונ די ערשטע צוויי ציפער פונ ביידע רייענ (4000 c + 2000 c). מיט אנדערע ווערטער: דער גאנצער פראָדוקט פונ דער I אָפטיילונג איז לויט זײַנ ווערט גלײַכ צו דער סומע פונעמ קאָנסטאנטנ קאפיטאל, וואָס איז פארווענדט אינ דער I אונ II אָפטיילונג, ד. ה. צו דער גרייס פונעמ קאָנסטאנטנ קאפיטאל, וואָס איז פארווענדט געוואָרנ אפ פראָדוצירנ דעמ גאנצנ געזעלשאפטלעכנ פראָדוקט. דאָס איז פארשטענדלעכ: באשטייט דאָכ דער פראָדוקט פונ דער I אָפטיילונג בלויז פונ פראָדוציר־מיטלענ אונ זיי קאָנענ לויט זייער נאטורעלער פאָרמ פונקציאָנירנ בלויז אלס קאָנסטאנטער קאפיטאל: אלע צווײַגנ פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע, וואָס זײַנענ פאָרגעשטעלט אינ די צוויי אָפטיילונגענ, קאָנענ דעקנ די עלעמענטנ פונ זייער באשטענדיקנ קאפיטאל בלויז פונ די פראָדוקטנ פונ דער I אָפטיילונג.

ווײַטער איז פונ דער סכעמע צו זענ, אז דער גאנצער פראָדוקט פונ דער II אָפטיילונג איז לויט זײַנ ווערט (3000) גלײַכ צו דער סומע פארענדערלעכנ קאפיטאל אונ מערווערט פונ ביידע אָפטיילונגענ (I. 1000 v + II. 5000 v + I. 1000 m + I. 5000 m) אָדער צו דער סומע געזעלשאפטלעכנ פארענדערלעכנ קאפיטאל אונ צו דער געזעלשאפטלעכער מאסע מערווערט (1500 v + 1500 m). עס איז פולשטענדיק קלאָר פארוואָס: דער גאנצער פראָדוקט פונ דער II אָפטיילונג באשטייט לויט זײַנ זאכ־פאָרמ בלויז פונ די געברויכ־זאכנ פונ די ארבעטער אונ קאפיטאליסטנ. די ארבעטער אונ קאפיטאליסטנ פונ די ביידע אָפטיילונגענ קאָנענ רעאליזירנ זייער ארבעטלוינ אונ זייער מערווערט בלויז אינ די פראָדוקטנ פונ דער II אָפטיילונג.

אפ רעפראָדוצירנ דעמ געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל אינגאנצנ גענומענ איז נייטיק, אז דער פראָדוקט פונ דער I אָפטיילונג זאָל באשטיינ ניט בלויז פונ פראָדוציר־מיטלענ, נאָר פונ באשטימטע פראָדוציר־מיטלענ: פונ אזוינע, וואָס קאָנענ געברויכט ווערנ אינ דער I אָפטיילונג אפ פראָדוצירנ נײַע פראָדוציר־מיטלענ, אונ פונ אזוינע, וואָס קאָנענ געברויכט ווערנ אינ דער II

אָפּטיילונג אפ פּראָדוצירנ נײַע געברויכ-זאכנ. פאר די קאפּיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג פאָדערט זיכ אפ באנײַענ דעמ פּראָדוציר־פּראָצעס פּראָדוציר־מיטלענ אפ 4000 אָנשטאָט די פארנוצטע. פאר אײניקע קאפּיטאליסטנ פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג קאָנ זײער פּראָדוקט דינענ טאקע בא זײ גופע אלס פּראָדוציר־מיטל, לעמאָשל, קוילנ אינ קוילנ־גרוב זײַנענ א פּראָדוקט, אָבער זײ קאָנענ דאָ גופע דינענ אויכ אלס הייצווארג פאר דער דאמפקראפט-ווירטשאפט פונ דער ארצגרוב. אָבער אינ זײער מערהײַט קויפנ די קאפּיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג אײנע בא די אנדערע די פּראָדוציר-מיטלענ, וואָס זײַנענ נײטיק אפ אויסארבעטנ די נײַע פּראָדוציר-מיטלענ. דער קוילנ־אינדוסטריעלער קויפט באמ מאשינענ-פאבריקאנט מאשינ־אויסשטאטונג פאר דער ארצגרוב. דער באזיצער פונעמ מעטאלורגישנ זאוואָד קויפט באמ מאשינ-בויער אויסשטאטונג פאר דער דאָמנע; דער מאשינ־בויער קויפט באמ מעטאלורג מאשינעס אונ שטאָל, באמ קוילנ־אינדוסטריעלער — קוילנ אאזוו. אאזוו. דורכ אירע אומלויפנ, דורכנ קויפנ אונ פארקויפנ צווישנ די קאפּיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג ווערט א טייל פּראָדוקט פונ דער I אָפּטיילונג, וואָס באשטייט פונ פּראָדוציר-מיטלענ אפ פּראָדוצירנ פּראָדוציר-מיטלענ אונ וואָס איז לויט זײַנ ווערט גלײַכ צומ קאָנסטאנטנ קאפּיטאל פונ דער דאָזיקער אָפּטײלונג, רעאליזירט אינ די ראמענ פונ דער זעלבער I אָפּטײלונג אונ דעקט אינ נאטור דעמ קאָנסטאנטנ קאפּיטאל, וואָס איז אָפּגענוצט אונ פארברויכט געוואָרנ אינ דער דאָזיקער אָפּטיילונג.

לאָמיר זיכ איצט ווענדנ צו דער II אָפּטיילונג. דער גאנצער פּראָדוקט פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג באשטייט פונ זאכנ פארנ פערזענלעכנ געברויכ. די ארבעטער פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג קויפנ פארנ ארבעטלוינ 500, וואָס זײ האָבנ באקומענ פונ די קאפּיטאליסטנ אינ דער פאָרמ פונ געלט, די נײטיקע עקזיסטענצ־מיטלענ בא זײ אפ דער זעלבער סומע. אזויארומ ווערט דורכ א רײ אומלויפנ צווישנ די ארבעטער אונ קאפּיטאליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג רעאליזירט יענער טייל פּראָדוקט פונ דער II אָפּטיילונג, וואָס לויט זײַנ ווערט איז ער גלײַכ צו דעמ ווערט פונעמ פארענדערלעכנ קאפּיטאל, וועלכער איז פארווענדט געוואָרנ אינ דער דאָזיקער אָפּטיילונג (500 v). אינ רעזולטאט פונ דער דאָזיקער רעאליזאציע שטעלנ אופ די ארבעטער פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג זײער ארבעטקראפט אונ קאָנענ ווידער צוטרעטנ צו דער פּראָדוקציע, אונ די קאפּיטאליסטנ האָבנ באקומענ זײער פארענדערלעכנ קאפּיטאל צוריק אינ א געלט־פאָרמ אונ קאָנענ ווידער קויפנ ארבעטקראפט. ווײַטער, די קאפּיטאליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג קויפנ אײנער באמ אנדערנ די נײטיקע עקזיסטענצ־מיטלענ אונ לוקסוס־זאכנ מיט אנ אלגעמײנעמ ווערט פונ 500. דורכ די דאָזיקע אומלויפנ צווישנ די קאפּיטאליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג ווערט רעאליזירט יענער טייל פּראָדוקט פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג, וואָס זײַנ ווערט איז גלײַכ צו דער אלגעמײנער מאסע מערווערט פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג (500 m). אלזאָ, אינ די ראמענ פונ דער II אָפּטיילונג ווערט רעאליזירט יענער טייל פּראָדוקט אינ דער פאָרמ פונ געברויכ־זאכנ, וואָס לויט זײַנ

ווערט איז ער גלייַך צו דעם פארענדערלעכנ קאפּיטאל אונ צום מערווערט פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג (500v+500m).

צוליב אָנשוילעכקייַט וועלנ מיר איַינשליסנ אינ פארמאכטע פיגורנ יענע טיילנ פּראָדוקט, וואָס ווערנ רעאליזירט אינווייניק אינ יעדער אָפּטיילונג. דאנ וועט אונדזער סכעמע באקומענ פאָלגנדיקנ אויסזענ:

$$\text{I.}\quad \boxed{4000\ c} + 1000\ v + 1000\ m = 6000$$

$$\text{II.}\quad 2000\ c + \boxed{500v + 500\ m} = 3000$$

אינ דער I אָפּטיילונג איז געבליבנ ניט רעאליזירט א טייל פּראָדוקט, וואָס האָט דעם ווערט 2000 אונ וואָס אנטהאלט דעם רעפּראָדוצירטנ ווערט פונעם פארענדערלעכנ קאפּיטאל, וואָס איז פארווענדט געוועגנ אינ דער דאָזיקער אָפּטיי-לונג (1000 v) v אונ דעם מערווערט (1000 m). דער דאָזיקער טייל פּראָדוקט באשטייט פונ פּראָדוציר-מיטלענ אונ דעריבער קאָנ ער ניט גייַנ פארנ פּערזענלעכנ גע-ברויכ ניט פונ די ארבעטער, ניט פונ די קאפּיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג, ווייַל לויט זייַנ נאטורעלער פאָרמ קאָנ ער ביכלאל ניט דינענ פארנ פּערזענלעכנ געברויכ.

דער דאָזיקער, ווידער, טייל פּראָדוקט פונ דער I אָפּטיילונג קאָנ ניט גע-ברויכט ווערנ אינ די ראמענ פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג אויכ אלס באשטענ-דיקער קאפּיטאל, ווייַל דער באשטענדיקער קאפּיטאל ווערט שוינ דאָ געדעקט דורכ רעאליזירנ דעם ערשטנ טייל פּראָדוקט פונ 4000 אונ בא אנ איינפאכער פּראָ-דוקציע פאָדערט זיכ פאר דער I אָפּטיילונג פּראָדוציר-מיטלענ סאכאקל אפּ 4000. אזוי אז דער דאָזיקער נאָכ ניט רעאליזירטער טייל פּראָדוקט פונ דער I אָפּטיי-לונג קאָנ רעאליזירט ווערנ בלויז אינ די ראמענ פונ דער II אָפּטיילונג. ער דארפ דעריבער באשטייַנ פונ פּראָדוציר-מיטלענ, וואָס דינענ אפּ פּראָדוצירנ געברויכ-זאכנ.

אינ דער II אָפּטיילונג איז געבליבנ ניט רעאליזירט א טייל פּראָדוקט, וואָס האָט דעם ווערט 2000 אונ וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר דעם ווערט פונעם בא-שטענדיקנ קאפּיטאל, וואָס איז פארווענדט אינ דער דאָזיקער אָפּטיילונג (2000 c). ער באשטייט פונ געברויכ-זאכנ אונ דעריבער קאָנ ער ניט דינענ אפּ דעקנ די זאכיקע עלעמענטנ פונעם באשטענדיקנ קאפּיטאל פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג, ווייַל לויט זייַנ זאכ-פאָרמ קאָנ ער ביכלאל ניט דינענ אלס פּראָדוציר-מיטלענ. דער דאָזיקער, ווידער, טייל פּראָדוקט פונ דער II אָפּטיילונג קאָנ ניט גייַנ אפנ פּערזענלעכנ געברויכ פונ די ארבעטער אונ קאפּיטאליסטנ פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג, ווייַל די ארבעטער אונ די קאפּיטאליסטנ האָבנ שוינ רעאליזירט זייער ארבעטלוינ אונ זייער מערווערט אינ דעם צווייטנ טייל פּראָדוקט פונ זייער אָפּ-טיילונג (500 v + 500 m). הייסט עס, אז דער דאָזיקער ניט רעאליזירטער טייל פּראָדוקט פונ דער II אָפּטיילונג (2000) קאָנ רעאליזירט ווערנ בלויז אינ די ראמענ פונ דער I אָפּטיילונג.

עס איז קלאָר, אז באשטימטע טיילנ פונעם געזעלשאפטלעכנ פּראָ-

דוקט קאָנענ רעאַליזירט ווערנ בלויז דורכנ אויסטויש צווישנ ביידע אָפּטיילונגענ פונ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

די רעאַליזירונג פונ די דאָזיקע טיילנ פונעמ געזעלשאַפטלעכנ פּראָדוקט קאָנ פאָרקומענ אַפ פאָלגנדיקנ אויפנ. די קאַפּיטאַליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג קויפנ באַ די קאַפּיטאַליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג פּראָדוציר-מיטלענ אַפ 2000. פונעמ באַקומענעמ געלט גיבנ אויס די קאַפּיטאַליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג 1000 מערווערט אַפ קויפנ געברויכ-זאַכנ באַ די קאַפּיטאַליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג. די איבעריקע 1000 צאָלנ זיי אויס די אַרבעטער אינ דער פאָרמ פונ דעמ אַר-בעטלוינ, וואָס יענע קומט. די אַרבעטער פונ דער I אָפּטיילונג קויפנ באַ די קאַפּיטאַליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג געברויכ-זאַכנ אַפ 1000. אַזוי-אַרומ זיינענ רעאַליזירט געוואָרנ אינ דער I אָפּטיילונג די v 1000 אונ די m 1000, אונ אינ דער II אָפּטיילונג די c 2000.

דער דאָזיקער גאַנצער פּראָצעס פונ רעאַליזירנ דעמ געזעלשאַפטלעכנ פּראָ-דוקט אינגאַנצנ גענומענ קאָנ סכעמאַטיש אויסגעמאָלט ווערנ אַפ פאָלגנדיקנ אויפנ (די געשלאָסענע פיגורנ באַטייטנ, אַז די רעאַליזירונג פונ די טיילנ געזעלשאַפט-לעכנ פּראָדוקט, וואָס זיינענ אינ זיי איינגעשלאָסנ, קומט פאָר אינ די ראַמענ פונ דער געגעבענער אָפּטיילונג; די פיגורנ, וואָס זיינענ צווישנ זיכ פאַרבונדנ, באַטייטנ, אַז די רעאַליזאַציע קומט פאָר אינ דעמ אומלויפ צווישנ די אָפּטיילונגענ):

$$\text{I.}\quad \boxed{4000c} + \boxed{1000v + 1000m} = 6000$$

$$\text{II.}\quad \boxed{2000c} + \boxed{500v + 500m} = 3000$$

אַלזאָ, באַ דעמ ווערטיקנ אונ זאַכיקנ באַשטאַנד פונעמ גאַנצנ געזעלשאַפט-לעכנ פּראָדוקט, וואָס מיר האָבנ אָנגענומענ, איז מעגלעכ די פולע רעאַליזירונג פונ אַלע טיילנ פונעמ געזעלשאַפטלעכנ פּראָדוקט אָנ אַ רעשט. מיט זיינ רעאַליזאַ-ציע-סכעמע באַ דער איינפאַכער רעפּראָדוקציע האָט מאַרקס איליוסטרירט, אַפ וואָס פאַר אַנ אויפנ עס ווערט פונעמ יערלעכנ פּראָדוקט פונ דער געזעלשאַפט געדעקט דער פאַרווענדטער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל אונ וויאַזוי עס איז מיט אימ פאַרבונדנ דער געברויכ פונ די אַרבעטער אונ קאַפּיטאַליסטנ. ער האָט אויפגע-דעקט אונ האָט אָנשוילעכ באַוויזנ די איינפאַכסטע גרונט-ליניעס, וואָס לויט זיי קומט פאָר די באַוועגונג פונעמ געזעלשאַפטלעכנ קאַפּיטאַל אינגאַנצנ גענומענ אונ אינ זיינע באַשטאַנד-טיילנ. דערמיט גופע האָט ער געלייזט די אויסערסט שווערע פראַגע, וויאַזוי איז פאַרבונדנ די באַוועגונג פונ די באַשטאַנד-טיילנ פונעמ ווערט פונעמ געזעלשאַפטלעכנ פּראָדוקט מיט דער באַוועגונג פונ זיינע זאַכיקע באַ-שטאַנד-טיילנ.

די דאָזיקע אַלע קאָמפּליצירטע באַדינגונגענ פונ דער רעאַליזאַציע באַ דער איינפאַכער רעפּראָדוקציע אונ בעמיילע די באַדינגונגענ פונ דער איינפאַכער רע-פּראָדוקציע גופע, וואָס מיר האָבנ נאָרוואָס באַטראַכט, קאָנ מענ רעדוצירנ צו

איינ איינפאכנ גרונט-באדינג, נעמלעכ: קעדיי עס זאָל פאָרקומענ אנ איינפאכע רעפראָדוקציע, איז נייטיק, אז די סומע פארענדערלעכנ קאפיטאל אונ מערווערט פונ דער ערשטער אָפטיילונג (I v + I m) זאָל זײַנ גלײַכ צו דעמ באשטענדיקנ קאפיטאל פונ דער II אָפטיילונג (II c).

דאָס דרינגט ארויס פונעמ בײַשפּיל, וואָס מיר האָבנ באטראכט, ווו Iv 1000) + Im(1000) = IIc(2000). בא דעמ דאָזיקנ באדינג קאָנענ רעאליזירט ווערנ אלע טיילנ פונעמ געזעלשאפטלעכנ פראָדוקט, עס ווערט געדעקט דער באשטענדיקער קאפיטאל אינ אלע אינדיווידועלע אונטערנעמונגענ, עס ווערט אופגעשטעלט די פארווענדטע ארבעטקראפט, אונ די פראָדוקציע קאָנ באנײַט ווערנ אינ דער זעלבער מאָס, ווי פריער, ד. ה. עס איז מעגלעכ אנ איינפאכע רעפראָדוקציע.

באנוצנדיק דעמ זעלבנ מעטאָד, ווי באמ אנאליזירנ די איינפאכע רעפראָדוקציע, האָט מארקס אופגעדעקט אויכ די באדינגונגענ, וואָס בא זיי איז מעגלעכ די פארברייטערטע רעפראָדוקציע.

רעאליזאציע בא דער פארברייטערטער רעפראָדוקציע

בא דער פארברייטערטער רעפראָדוקציע פארברויכנ די קאפיטאליסטנ אלס האכנאָסע ניט זייער גאנצנ מערווערט, נאָר בלויז א טייל זײַנעמ, דער אנדערער טייל אָבער ווערט צוגעגעבנ צומ קאפיטאל, ווערט אָנגעזאמלט. פונדאנענ איז געדרונגענ, אז בא דער פארברייטערטער רעפראָדוקציע קאָנ ניט דער טייל פראָדוקט פונ דער I אָפטיילונג, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר דעמ מערווערט (1000 m), אינגאנצנ אויסגעביטנ ווערנ אפ געברויכ-זאכנ. א געוויסער טייל זײַנער פארייניקט זיכ אינ דער פאָרמ פונ צוגאָבלעכע פראָדוציר-מיטלענ צומ באשטענדיקנ קאפיטאל פונ דער I אָפטיילונג אונ ווערט אזויארומ רעאליזירט אינ די ראמענ פונ דער דאָזיקער אָפטיילונג. דאָס באטײַט, אז די קאפיטאליסטנ פונ דער II אָפטיילונג דארפנ ארויסשטעלנ א נאָכפרעג ניט אפנ גאנצנ טייל פראָדוקט פונ דער I אָפטיילונג, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר דעמ פארענדערלעכנ קאפיטאל אונ מערווערט פונ דער דאָזיקער אָפטיילונג (I v + I m). דאָס איז מעגלעכ בלויז אינ דעמ פאל, אויב דער באשטענדיקער קאפיטאל פונ דער II אָפטיילונג איז קלענער פונ דער סומע פארענדערלעכנ קאפיטאל אונ מערווערט פונ דער I אָפטיילונג. פאר דער פארברייטערטער רעפראָדוקציע איז אזויארומ נייטיק, אז די סומע פארענדערלעכנ קאפיטאל אונ מערווערט פונ דער I אָפטיילונג (Iv + Im) זאָל זײַנ גרעסער, איידער דער באשטענדיקער קאפיטאל פונ דער II אָפטיילונג (II c).

דער דאָזיקער באדינג פונ דער פארברייטערטער רעפראָדוקציע וועט פארווירקלעכט ווערנ, אויב דער אלגעמיינער געזעלשאפטלעכער פראָדוקט וועט האָבנ, לעמאָשל, פאָלגנדיקנ ווערטיקנ אונ זאכיקנ באשטאנד:

$$\text{I. } 4000\,c + 1000\,v + 1000\,m = 6000$$
$$\text{II. } 1500\,c + 750\,v + 750\,m = 3000$$

אזויווי אינ דער II אָפטיילונג איז דער באשטענדיקער קאפיטאל (1500) קלע-

נער, איידער די סומע פונעמ פארענדערלעכנ קאפיטאל אונ פונעמ מערווערט אינ דער I אָפּטיילונג, שטעלנ ארויס די קאפיטאליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג א נאָכפרעג ניט אפ דער דאָזיקער גאנצער סומע, אונ די קאפיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג וועלנ פארוואנדלענ א טייל מערווערט זייערנ אינ קאפיטאל.

לאָמיר אָננעמענ, אז די קאפיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג זאמלענ אָנ א העלפט פונ זייער מערווערט, דה. 500. אויב דער אָרגאנישער באשטאנד פונעמ קאפיטאל בלייבט בא זיי אנ אומפארענדערלעכער, דארפנ זיי צוגעבנ צומ באשטענדיקנ קאפיטאל 400 אונ צומ פארענדערלעכנ — 100. אזוי אז פונעמ גאנצנ פראָדוקט פונ דער I אָפּטיילונג (6000 פראָדוציר-מיטלענ) ווערט 4400 פארברויכט אינ די ראמענ פונ דער זעלבער אָפּטיילונג. די איבעריקע 1600 פראָדוציר־מיטלענ (וואָס לויט זייער ווערט באשטייענ זיי פונ 1100 פארענדערלעכנ קאפיטאל אונ 500 מערווערט) דארפנ אויסגעטוישט ווערנ אפ די פראָדוקטנ פונ דער צווייטער אָפּטיילונג, ווייל אינ זייער נאטורעלער פאָרמ (פראָדוציר־מיטלענ) קאָנענ זיי ניט ארייננ אינעמ פערזענלעכנ געברויכ ניט פונ די ארבעטער, ניט פונ די קאפיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג.

באטראכטנדיק דעמ באשטאנד פונ דעמ יאָריקנ פראָדוקט, נעמענ מיר דערמיט גופא דעמ יאָריקנ פראָדוקציע-ציקל. דער יאָריקער פראָדוקט איז דער פראָדוקט פונ דער יאָריקער פראָדוקציע. זיינ ווערט-באשטאנד איז דער רעזולטאט פונ אריבערטראָגנ דעמ ווערט פונ די פארווענדטע פראָדוציר־מיטלענ אונ פונ שאפנ נייעמ ווערט. אינעמ פראָדוקט פונ דער I אָפּטיילונג איז דאָס אויסגעדריקט אינ דער שורע: $4600c + 1000v + 1000m$. אָבער מיר האָבנ נאָר וואָס געזענ, אז פאר דער פארברייטערטער רעפראָדוקציע איז נייטיק אנ אַנדער פארטיילונג פונ די באשטאנד־טיילנ פונעמ ווערט פונעמ פראָדוקט אינ הסכּמ מיט דעמ, וואָס א טייל מערווערט קומט צו צומ באשטענדיקנ קאפיטאל אונ א טייל צומ פארענדערלעכנ. אפ צו דעקנ דעמ אָפּגענוצטנ באשטענדיקנ קאפיטאל אינעמ באשטאנד פונעמ ווערט פונעמ פראָדוקט דארפ זיינ באשטימט 4000, אפ פארברייטערנ דעמ באשטענדיקנ קאפיטאל — 400, אפ קויפנ ארבעטקראפט — 1100 אונ אפנ געברויכ פונ די קאפיטאליסטנ — 500. דעריבער וועלנ מיר אָנשטאָט דעמ ווערט־באשטאנד פונעמ פראָדוקט, ווי ער איז ארויס פונעמ פראָדוציר־פראָצעס פונעמ ערשטנ יאָר ($4000c + 1000v + 1000m$), האָבנ איצט דעמ ווערט-באשטאנד, ווי דער דאָזיקער פראָדוקט דארפ ארייינגיינ אינ דער פראָדוקציע אונ אינעמ געברויכ פונ פאָלגנדיקנ יאָר: $4400c + 1100v + 500m$.

די קאפיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג דארפנ פארקויפנ די קאפיטאליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג פראָדוציר־מיטלענ פאר 1600. אָבער כּדי די קאפיטאליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג זאָלנ קאָנענ קויפנ פראָדוציר־מיטלענ פאר 1600 אָנשטאָט די 1500, וואָס זיי האָבנ פארווענדט דעמ לעצטנ יאָר, דארפנ זיי פארגרעסערנ זייער באשטענדיקנ קאפיטאל אפ 100. די דאָזיקע 100 קאָנענ זיי נעמענ בלויז פונ זייער מערווערט. בא אנ אומפארענדערלעכנ אָרגאנישנ באשטאנד פונעמ קאפיטאל דארפנ די קאפיטאליסטנ פונ דער II אָפּטיילונג, ווענ זיי גיבנ

צו צו זייער באשטענדיקנ קאפיטאל 100, צוגעבנ צום פארענדערלעכנ קאפיטאל 50. זייער פארענדערלעכער קאפיטאל וועט צום אָנהייב צווייטנ יאָר זײַנ 800. פונ זייער מערווערט 750 זאמלענ זיי אזויארום אָנ 150 (100 גיבנ זיי צו צום באשטענדיקנ קאפיטאל אונ 50 צום פארענדערלעכנ). פאר דער פארברייטערטער רעפראָדוקציע אינ דער II אָפּטיילונג ווערט אזויארום דער ווערט פונעמ פראָדוקט פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג אײַנגעשטעלט צום אָנהייב צווייטנ יאָר אזוי:
$$1600\,c + 800\,v + 600\,m.$$

מיר האָבנ אויבנ געזענ, אז דער באשטאנד פונעמ גאנצנ געזעלשאפטלעכנ פראָדוקט צום סאָפ ערשטנ יאָר איז געווענ:

$$\text{I.}\quad 4000\,c + 1000\,v + 1000\,m = 6000$$
$$\text{II.}\quad 1500\,c + 750\,v + 750\,m = 3000$$

מיר זעענ איצט, אז קעדיי עס זאָל זיכ אָנהייבנ א פארברייטערטע רעפראָדוקציע אינביידע אָפּטיילונגענ, דארפ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פראָדוקט האָבנ צום אָנהייב צווייטנ יאָר פאָלגנדיקנ באשטאנד:

$$\text{I.}\quad 4400\,c + 1100\,v + 500\,m = 6000$$
$$\text{II.}\quad 1600\,c + 800\,v + 600\,m = 3000$$

די רעאליזירונג פונ דעמ פראָדוקט וועט פאָרקומענ אפ אזא אויפנ: די קאפיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג קויפנ איינער בא דעמ אנדערנ אפ 4400 פראָדוציר-מיטלענ אונ רעאליזירנ אזויארום א טייל פראָדוקט פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג. די ארבעטער פונ דער II אָפּטיילונג קויפנ בא די קאפיטאליסטנ פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג פאר 800 עקזיסטענצ־מיטלענ, אונ די קאפיטאליסטנ — פאר 600 עקזיסטענצ־מיטלענ איינער באמ אנדערנ. אונ דער אויסטויש פונ 1600 פראָדוציר־מיטלענ (1100 פארענדערלעכנ קאפיטאל + 500 געברויכ פונ די קאפיטאליסטנ פונ דער I אָפּטיילונג) פאר 1600 געברויכ־מיטלענ (1600 באשטענדיקנ קאפיטאל פונ דער II אָפּטיילונג) קומט פאָר צווישנ דער I אונ דער II אָפּטיילונג.

דער נײַער פראָדוציר־ציקל וועט זיכ, אזויארום, אָנהייבנ אינ ביידע אָפּטיילונגענ אפ דער באזע פונ א גרעסערנ קאפיטאל, איידער אינ דעמ ערשטנ ציקל. אינעמ ערשטנ ציקל האָט דער גאנצער קאפיטאל פונ דער ערשטער אָפּטיילונג באטראָפנ 5000 ($4000\,c + 1000\,v$), איצט באטרעפט ער 5500 ($4400\,c + 1100\,v$). דער קאפיטאל פונ דער II אָפּטיילונג האָט באטראָפנ אינ אָנהייב ערשטנ ציקל 2250 ($1500\,c + 750\,v$), אונ אינ אָנהייב צווייטנ ציקל באטרעפט ער 2400 ($1600\,c + 800\,v$), אונ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער קאפיטאל, וואָס האָט אינעמ ערשטנ ציקל באטראָפנ 7250, באטרעפט איצט 7900.

אויב די מערווערט־נאָרמע האָט זיכ ניט געענדערט, וועט דער פראָדוקט פונ צווייטנ יאָר האָבנ פאָלגנדיקנ באשטאנד:

$$\text{I.}\quad 4400\,c + 1100\,v + 1100\,m = 6600$$
$$\text{II.}\quad 1600\,c + 800\,v + 800\,m = 3200$$

אפ דער באזע פונעמ דאָזיקנ באשטאנד פונעמ פראָדוקט וועט זיכ נאָכ זײַנ רעאליזירונג אָנהייבנ דער דריטער פראָדוציר־ציקל אונ אזוי ווײַטער.

די רעפּראָדוקציע־טעאָריע איז די אנטוויקלונג פונ דער ווערט־טעאָריע

מארקס סכעמעס פונ דער רעאַליזאַציע פונעמ געזעלשאַפטלעכנ פּראָדוקט אונ פונ דער רעפּראָדוקציע אונ אומלויפ פונעמ געזעלשאַפטלעכנ קאַפּיטאַל איליוכטירנ, אַז וואָס פאַר אַנ אויפנ עס ווערנ געדעקט באַ דער איינפאַכער אונ פאַרברייטערטער רעפּראָדוקציע די עלעמענטנ פונ קאַפּיטאַל, וויאַזוי עס איז דערמיט פאַרבונדנ דער געברויכ פונ די אַרבעטער אונ פונ די קאַפּיטאַליסטנ אונ וויאַזוי עס פאָרט זיכ צונויפ די באַוועגונג פונ די באַשטאַנד־טיילנ פונעמ ווערט פונעמ דאָזיקנ פּראָדוקט מיט דער באַוועגונג פונ זײַנע זאַכיקע באַשטאַנד־טיילנ.

די באַוועגונג פונעמ געזעלשאַפטלעכנ קאַפּיטאַל אינגאַנצנ גענומענ, וואָס בילדעט זיכ אויס פונ צאָפּלדיקע באַוועגונגענ פונ די אינדיווידועלע קאַפּיטאַלנ, וועלכע פלעכטנ זיכ איבער איינער מיטנ אַנדערנ, איז זייער אַ קאָמפּליצירטער אונ פאַרפּלאָנטערטער פּראָצעס. מארקס כאַראַקטעריזירט די קאָמפּליצירטקייט פונעמ דאָזיקנ פּראָצעס אַזוי:

„קאָלזמאַנ מיר באַטראַכטנ דעמ סכומ יערלעכע פּראָדוקציע אינגאַנצנ גענומענ, איז דער יערלעכער רעפּראָדוציר־פּראָצעס זייער פאַרשטענדלעכ. אָבער אַלע באַשטאַנד־טיילנ פונ דער יערלעכער פּראָדוקציע דאַרפנ אַרויסגעטראָגנ ווערנ אַפנ סכוירע־מאַרק, — אונ דאָ הייבנ זיכ שוינ אָנ שוועריקייטנ. די באַוועגונגענ פונ די באַזונדערע קאַפּיטאַלנ אונ פונ די פּערזענלעכע האַכנאָסעס קרייצנ זיכ איבער, מישנ זיכ צונויפ, פאַרלירנ זיכ אינ דעמ כאַאָס פונ אַלגעמיינע איבערוקנ, וואָס דער אומלויפ פונ דעמ געזעלשאַפטלעכנ רײַכטומ שטעלט מיט זיכ פאָר; דער באַאָבאַכטונג־אָביעקט האַלט אינ איינ באַהאַלטנ זיכ פונ די אויגנ, אונ די גאַנצע פאָרשונג שטויסט זיכ דאָ אָנ אַפ זייער פאַרפּלאָנטערטע אויפגאַבנ“ (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד I, ז. 465).

די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטנ זײַנענ אַבסאָליוט ניט אימשטאַנד צו פאַנאַנדערקלײַבנ זיכ אינעמ דאָזיקנ פּראָצעס. דאָס האָבנ ניט געקאָנט טאָנ אַפילע די בעסטע פונ זיי, ווי סמיט אונ ריקאַרדאָ, וואָס האָבנ אָנערקענט, אַז די אַרבעט שאַפט דעמ ווערט פונ די סכוירעס. זיי האָבנ זיכ ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלײַבנ דערפאַר, ווײַל זיי האָבנ ניט פאַרשטאַנענ, אַז די דאָזיקע אַרבעט האָט אַ ספּעציעלנ, צווייִקנ כאַראַקטער, וואָס איז אייגנטימלעכ בלויז דעמ סכוירע־קאַפּיטאַליסטישנ פּראָדוציר־אויפנ, זיי האָבנ ניט געזענ די ווידערשפּרוכנ פונ דעמ דאָזיקנ פּראָדוציר־אויפנ. אונ דערפאַר טאַקע קומט פאַר זיי אויס ווירקלעכ אַזוי, אַז „דער באַאָבאַכטונג־אָביעקט האַלט אינ איינ באַהאַלטנ זיכ פונ די אויגנ“.

אַפ דער באַזע פונעמ אַנאַליז פונ די ווידערשפּרוכנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע האָט מאַרקס אויפגעדעקט דעמ צווייִקנ באַשטאַנד פונעמ געזעלשאַפטלעכנ פּראָדוקט לויט זײַנ ווערט אונ לויט דער נאַטורעלער פאָרמ אונ האָט באַוויזנ, וויאַזוי עס קומט פאָר די רעאַליזירונג פונעמ פּראָדוקט אונ די רעפּראָדוצירונג פונעמ קאַפּיטאַל.

מיט זײַנ לערע וועגנ דעמ צווייִקנ כאַראַקטער פונ דער אַרבעט, וואָס פּראָדוצירט די סכוירעס, וועגנ דעמ ספּעציפיש־היסטאָרישנ כאַראַקטער פונ דער דאָ-

זיקער ארבעט האָט מארקס געגעבנ דעמ שליסל צומ פארשטייג דעמ „כאאָס פונ די אלגעמיינע איבערוקנ, וואָס דער אומלויפ פונעמ געזעלשאפטלעכנ רײַכטומ שטעלט מיט זיכ פאָר" באמ קאפּיטאליזמ, ער האָט ארײַנגעטראָגנ מאקסימאלע קלאָרקײַט אינ די סאמע פארפלאָנטערטע אונ פינצטערע דערשײַנונגענ פונעמ קאפּיטאליזמ, ער האָט געלייזט די שווערסטע פראגנ, וואָס קאָנענ, דוכט זיכ, ניט געלייזט ווערנ. אָבער דאָס באטײַט, אז מארקס טעאָריע וועגנ רעפּראָדוקציע אונ אומלויפ פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל איז די דירעקטע אָנווענדונג פונ זײַנ לערע וועגנ דעמ צווייִקנ כאראקטער פונ דער ארבעט, די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ זײַנ טעאָריע וועגנ ווערט אונ מערווערט.

טאקע דער דאָזיקער אומשטאנד ווארפט א העלע שײַנ נאָכ אמ איינ זײַט פונ מארקס רעפּראָדוקציע-טעאָריע. דעקט אופ דעמ טיפנ זינ פונ דער דאָזיקער טעאָריע וואָס האָט אנ ערשטראנגיקע באדײַטונג פארנ פארשטיינ די ווידערשפּרוכנ פונעמ קאפּיטאליזמ.

די אפּאָלאָגעטנ פונעמ קאפּיטאליזמ באהויפּטנ, אז באמ קאפּיטאליזמ איז גאנצ מעגלעכ א גלאטער גאנג פונ דער געזעלשאפטלעכער רעפּראָדוקציע סײַ פונ דער איינפאכער אונ סײַ פונ דער פארברייטערטער. אייניקע פונ זיי, ווי דער בורזשואזער עקאָנאָמיסט טוגאנ-בארא־נאָווסקי אונ דער סאָציאל-פאשיסט אָטאָ באוער, באהויפּטנ, אז מארקס האָט אינ זײַנע סכעמעס קלומערשט דערוויזנ, אז באמ קאפּיטאליזמ איז פאראנ א פולשטענדיקע קאָאָרדינירטקײַט צווישנ אלע טיילנ פונ דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע, אז עס איז פאראנ עפּעס א הארמאָניע אונ גלײַכגעוויכט. די דאָזיקע אלע באהויפּטונגענ זײַנענ ניט מער ווי א פּרווו אפּ א גראָבנ אונ באוווּסטזיניקנ אופנ צו פארקריפּלענ מארקס טעאָריע, קעדיי אונטערנ דאָזיקנ שילד פארשמירנ אונ פארדעקנ די טיפע ווידערשפּרוכנ, וואָס צעפּליקנ דעמ קאפּיטאליזמ, אונ פאָרשטעלנ אים, ווי אנ אָרגאניזירטע געזעלשאפטלעכעווירטשאפט, ווי „אנ אָרגאניזירטנ קאפּיטאליזמ".

מיר האָבנ שוינ אינעמ צווייטנ קאפּיטל באוויזנ, אז דער ווערט-געזעצ איז ניט קיינ געזעצ פונ גלײַכגעוויכט פונ דער סכוירע-פּראָדוקציע, אז דער ווערט איז אנ אויסדרוק פונ די ווידערשפּרוכנ פונ דעמ סכוירע-קאפּיטאליסטישנ פּראָדוציר-אופנ. דעריבער איז מארקס רעפּראָדוקציע-טעאָריע, וואָס איז די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונ זײַנ ווערט-טעאָריע, ניט בלויז זי דערווײַזט ניט עפּעס א הארמאָניע פונ דער קאפּיטאליסטישער רעפּראָדוקציע, נאָר פארקערט, זי דעקט אופ דעמ טיפנ ווידערשפּרעכלעכנ כאראקטער פונ דער רעפּראָדוקציע אונ פונ דער באוועגונג פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל אינגאנצנ גענומענ.

מיט זײַנע סכעמעס אילוסטרירט מארקס בלויז די באדינגונגענ, וואָס בא זיי זײַנענ מעגלעכ די רעאליזירונג פונעמ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט אונ די רעפּראָדוצירונג (סײַ די איינפאכע אונ סײַ די פארברייטערטע) באמ קאפּיטאליזמ, אָבער ער דערווײַזט קלאָר ניט, אז די דאָזיקע מעגלעכקײַט פארוואנדלט זיכ שטענדיק אינ א ווירקלעכקײַט. דערפונ, וואָס בא געוויסע באדינגונגענ איז מעגלעכ די רעפּראָדוקציע פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל, איז קלאָר ניט געדרונגענ, אז די דאָזיקע באדינגונגענ זײַנענ שטענדיק פאראנ.

די באדינגונגענ פאר א רעגולערער רעפּראָדוקציע זײַנענ: 1) א באשטימטער ווערטיקער אונ זאכיקער באשטאנד פונעם געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט אונ 2) די רעאליזירונג סײַ פונעם ווערט סײַ פונעם געברויכ-ווערט פונ אלע באשטאנד-טײלנ פונעם געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט. אָבער אפילע אינ דעם פאל, אויב עס איז פאראנ דער באשטאנד פונעם געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט, וואָס איז נייטיק פאר דער רעפּראָדוקציע, איז נאָכ ניט געזיכערט איר פולשטענדיקע רעאליזאציע. מיר האָבנ געזענ, אז די דאָזיקע רעאליזאציע קומט פאָר דורכ א קאָמפּליצירטער רײ אומלויפ-פּראָצעסנ צווישנ די קאפּיטאליסטנ אינ די ארבעטער פונ ביידע אָפּטײלונגענ. דער גאנצער אומלויפ פונעם געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט בילדעט זיכ אויס פונ צאָלרײַכע קויפנ אונ פארקויפנ, „וואָס קומענ פאָר אומאָפּהענגיק איינס פונ אנדערנ, אָבער זײ פלעכטנ זיכ איבער איינס מיטנ אנדערנ. די פילקאָמפּליצירטקײַט גופע פונעם פּראָצעס גיט ניט ווייניקער צאָלרײַכע גרונטנ פאר דער צעשטערונג פונ זײַנ נאָרמאלנ גאנג" (מארקס, קאפּיטאל, באנד II, ז. 363).

אָבער דאָס איז נאָכ ניט אלצ. פונ דעם, וואָס פאר דער רעפּראָדוצירונג איז נייטיק א באשטימטער באשטאנד פונעם געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט, איז נאָכ ניט געדרונגענ, אז דער דאָזיקער באשטאנד איז ווירקלעכ שטענדיק פאראנ. גיכער פארקערט — די אנארכיע פונ דער פּראָדוקציע, וואָס איז אייגנטימלעכ דעם קאפּיטאליזמ, פירט דערצו, אז דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקט האָט ניט דעם באשטאנד, וואָס איז נייטיק פאר א גלאטנ גאנג פונ דער פּראָדוקציע. קעדײ אזא באשטאנד זאָל זײַנ, וואָלט זיכ געפאָדערט א פּלאנמעסיקע אָרגאניזירונג פונ דער פּראָדוקציע אינ דער גאנצער געזעלשאפט, אָבער דאָס ווידערשפּרעכט דעם עצעם מעהוס פונעם קאפּיטאליזמ, וואָס באשטײט אינעם ווידערשפּרוכ צווישנ דעמ געזעלשאפטלעכנ כאראקטער פונ דער פּראָדוקציע אונ דער קאפּיטאליסטישער צוייגענונג. דער דאָזיקער גרונטיקער ווידערשפּרוכ פונעם קאפּיטאליזמ מאכט אומעגלעכ דעם גלאטנ אונ רעגולערנ גאנג פונ דער קאפּיטאליסטישער רעפּראָדוקציע אונ רופט ארויס איר ווידערשפּרעכלעכנ כאראקטער.

ווי אזוי לענינ אנטוויקלט מארקס רעפּראָדוקציע־טעאָריע

די פראגע וועגנ דער קאפּיטאליסטישער רעפּראָדוקציע אונ וועגנ אירע ווידערשפּרוכנ איז איינע פונ די צענטראלע פראגנ פונ דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. די קאפּיטאליסטישע רעפּראָדוקציע, ווי עס איז שוינ באוויזנ געוואָרנ אינ קאפּיטל VI, פארשארפט די ווידערשפּרוכנ פונעם קאפּיטאליזמ אונ גרייט צו די באדינגונגענ פונ זײַנ אומקומ אונ די פּאָרהאנאָכעס פונ דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. די פראגע וועגנ די ווידערשפּרוכנ פונ דער קאפּיטאליסטישער רעפּראָדוקציע האָט, אזוי ארומ, אנ אויסערסט גרויסע באדײַטונג פארנ רעוואָלוציאָנערנ קאמפּ פונעמ פּראָלעטאריאט קעגנ דעמ קאפּיטאליזמ.

דעמ רעוואָלוציאָנערנ אינהאלט פונ מארקס רעפּראָדוקציע-טעאָריע האָט אינ דער פולער מאָס אופגעדעקט אונ אנטוויקלט לענינ נאָכ אינ סאָפּ פאָריקנ יאָרהונדערט, ווענ אינ רוסלאנד איז נאָכ ערשט פאָרגעקומענ די אויסבילדונג פונ א זעלבשטענדיקער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-באוועגונג.

אינ די רייענ פונ דער בורזשואזער אינטעליגענצ האָבנ זיכ באוויזנ „געלערנטע"

(טוגאנ-באראנאָווסקי, סטרווע, בולגאקאָוו), די אזויגערופענע „לעגאלע מארקסיסטנ“ וואָס האָבנ באהויפט, אז פונ מארקס רעפראָדוקציע-סכעמעס דרינגט קלוימערשט ארויס, אז דער קאפיטאליזם איז די איינציק-פראָגרעסיווע אָרדענונג, וואָס האָט ניט קיינ ווידערשפרוכנ אונ וואָס איז בארופנ צו אנטוויקלענ גרענעצלאָז די פראָדוקטיוו-קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט. זיי האָבנ זיכ געפרווט אונטערווארפנ די ארבעטער-באוועגונג צו די אינטערעסנ פונ דער בורזשואזיע אונ אָפנעמענ בא איר די זעלבשטענדיקייַט. נאָכ זיי האָבנ זיכ נאָכגעשלעפט די מענשעוויקעס.

די פאָלקיסטנ, ווידער, די דאָזיקע קליינבירגערלעכע „סאָציאליסטנ“, האָבנ טיילווייַז אנערקענט די ווידערשפרוכנ פונעם קאפיטאליזם, אָבער זיי האָבנ ניט פארשטאנענ זייער כאראקטער. זיי האָבנ געטייַנעט, אז פונ די ווידערשפרוכנ פונעם קאפיטאליזם דרינגט ארויס די אוממעגלעכקייַט פונ זייַנ אנטוויקלונג, אז אינ פארגלייַכ מיט דער קליינער סכוירע-פראָדוקציע איז דער קאפיטאליזם א שריט אָפ צוריק, אז דער עמעסער סאָציאליזם באשטייט אינ אייַנהיטנ די קליינע סכוירע-פראָדוקציע. די דאָזיקע אידעאָלאָגנ פונעם קליינבירגערטום האָבנ באטראכט דעם ארבעטער-קלאס בלויז אלס באהילפיקע קראפט פאר דער פויערישער באוועגונג.

קעגנ די דאָזיקע אלע פרווונ ארופצופירנ דעם ארבעטער-קלאס פונעם זעלבשטענדיקנ רעוואָליוציאָנערנ וועג איז ארויסגעטראָטנ לענינ. איינס פונ די הויפטלעכע אונ שטארקסטע געווער, וואָס לענינ האָט אָנגעווענדט קעגנ די אָפענע אונ באהאלטענע סאָנים פונעם פראָלעטאריאט, איז געווענ מארקס טעאָריע וועגנ דער קאפיטאליסטישער רעפראָדוקציע. דערבייַ האָט לענינ ניט בלויז אופגעדעקט דעם גאנצנ רעוואָליוציאָנערנ אינהאלט פונ מארקס טעאָריע, נאָר ער האָט זי אויכ ווייַטער אנטוויקלט אונ באריַיכערט מיט א נייַעם אינהאלט.

לענינ האָט גענוי פאנאנדערגעארבעט אונ קאָנקרעטיזירט די פראגע וועגנ די אנטוויקלונג-וועגנ פונעם קאפיטאליזם, וועגנ דעם, אינ וואָסערע פאָרמענ עס קומט פאָר די אנטוויקלונג פונעם גרונט-ווידערשפרוכ פונ קאפיטאליזם. אָפ דער דאָזיקער באזע האָט ער אופגעדעקט די אנטוויקלונג-וועגנ פונעם קאפיטאליזם אינ רוסלאנד אונ האָט, אינ קעגנגעוויכט צו די פאָלקיסטנ, באוויזנ, אז אינ רוסלאנד קומט פאָר א שנעלע אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם, אז אינ גאנג פונ דער דאָזיקער אנטוויקלונג וואקסט אונ באהעפט זיכ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-קלאס — די אָנפירנדיקע רעוואָליוציאָנערע קראפט אינעם קאמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג אונ קעגנ די רעשטלעכ פעאָדאליזם.

לענינ האָט באוויזנ, אז די רעוואָליוציע, וואָס שטייט פאָר אינ רוסלאנד, דארפ מאכנ א סאָפ צומ צאריזם, קעדיי טייקעפ אריבערגיינ צומ פאָלגנדיקנ עטאפ — צומ אראָפווארפנ דעם קאפיטאליזם, צו דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, וואָס איז דער אָנהייב פונ דער פראָלעטארישער וועלט-רעוואָליוציע.

די פראגע וועגנ די ווידערשפרוכנ פונ דער קאפיטאליסטישער רעפראָדוקציע אונ וועגנ דער אנטוויקלונג פונ מארקס רעפראָדוקציע-טעאָריע בא לענינענ וועלנ מיר באטראכטנ אינ צוזאמענהאנג מיט דעם קאמפ, וואָס לענינ האָט געפירט קעגנ די קליינבירגערלעכע סאָציאליסטנ אונ בורזשואזע אפאָלאָגעטנ.

3. די ווידערשפּרוכנ פונ דער קאפּיטאליסטישער רעפּראָדוקציע

די פראגע וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ אָנזאמלונג און וועגנ איבער־לעבנ מארק

דער שטאמפּאָטער פונעם קלײנבירגערלעכנ סאָציאַליזם, וואָס זײַנ טעאָריע האָבנ אינגאנצנ איבערגענומענ די רוסישע פאָלקיסטנ, איז געווענ דער שווײצארישער עקאָנאָמיסט סיסמאָנדי, וואָס האָט באהויפּט, אז באם קאפּיטאליזם יאָגט די פּראָדוקציע אריבער דעם געברויך צוליב דעם נידעריקנ געברויכ־ניוואָ פונ די ארבעטער און דעריבער בילדעט זיך אנ איבערפליסיקער פּראָדוקט, וואָס קאָנ ניט געפינענ קײנ אָפּזאצ. דער קאפּיטאליזם רויִנירט די קלײנע פּראָדוצירער און פארשמעלערט דערמיט גופא זײַנ אָפּזאצ־מארק. די אָנזאמלונג איז דעריבער מעגלעך בלויז דאנ, ווענ עס איז פאראנ אנ אויסערלעכער מארק, און אזויווי אפ דער וועלט־ארענע טרעטנ ארויס נײַע קאפּיטאליסטישע לענדער, ווערט יעדנ לאנד אלצ שווערער צו געפינענ אנ אויסערלעכנ מארק. די דאָזיקע טעאָריע סיסמאָנדיס האָבנ איבערגענומענ די רוסישע פאָלקיסטנ, וואָס האָבנ געטײַנעט, אז אינ רוסלאנד, וואָס איז שפּעט ארויסגעטראָטנ אפנ וועלט־מארק, איז די אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם ניט מעגלעך.

לאָמיר קוידעמקאָל באטראכטנ די פראגע וועגנ דער רויִנירונג פונ די קלײנע פּראָדוצירער. צי איז ריכטיק, אז זי פארקירצט דעם מארק פארנ קאפּיטאליזם? דער קלײנפּויער, וואָס טראָגט ארויס אפנ מארק בלויז א טײל פונ זײַנ פּראָדוקט, און דעם איבעריקנ טײל געברויכט ער אלײנ, וואָס דעם גרעסטנ טײל זאכנ, וועלכע ער געברויכט, פּראָדוצירט ער אלײנ (ברויט, לײַוונט אאוו.), ווירקט ווײניקער מיט דער פארברײטערונג פונעם קאפּיטאליסטישנ מארק, אײדער דער קלײנפּויער, וואָס ווערט רויִנירט. דער דאָזיקער קלײנפּויער איז געצווונגענ צו פארקויפנ קימאט זײַנ גאנצע גערעטעניש, קעדײ צו באצאָלנ די כויוועס און שטײַערנ און נאָכדעמ קויפנ ברויט אפנ מארק. ער איז געצווונגענ צו פארקויפנ זײַנ ארבעטקראפט — זײַנ א באטראק אָדער אוועקגײנ אינ שטאָט אפ סעזאָנ־ארבעט. אינ א סאך א קלענערער מאָס פארנעמט ער זיך מיט הויז־פּראָדוקציע און קויפט געברויכ־זאכנ. די רויִנירונג פונעם קלײנעמ פּראָדוצירער פארברײטערט, אזויארום, דעם מארק פאר די געברויכ־זאכנ.

פונ דער צווייטער זײַט, קומט פאָר די פארוואנדלונג פונ אנ אומבאדײַטנדיקנ טײל קלײנע פּראָדוצירער אינ קאפּיטאליסטישע אונטערנעמער, וואָס שטעלנ ארויס א פארגרעסערטנ נאָכפרעג אפ פּראָדוציר־מיטלענ. אינ רעזולטאט דערפונ פארברײטערט זיך דער אָפּזאצ־מארק אויך פאר די פּראָדוציר־מיטלענ.

די פארברײטערונג פונעם קאפּיטאליסטישנ מארק דורכ דער רויִנירונג פונ די קלײנע פּראָדוצירער קומט פאָר אפנ כעזשבנ פונ דעם, וואָס עס פארערגערט זיך די לאגע פונ דער איבערוועגנדיקער מאסע קלײנע פּראָדוצירער. אָבער אנדערש קאָנ דאָס טאקע ניט זײַנ באם קאפּיטאליזם. ווענ פונ דעם פאקט, וואָס די קלײנע פּראָדוצירער ווערנ רויִנירט, מאכנ די קלײנבירגערלעכע סאָציאַליסטנ דעם אויספיר, אז עס פארקירצט זיך דער מארק פארנ קאפּיטאליזם, און זײ פרײדיקנ, אז מע זאָל זיך פונ דער גרויסער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע צוריק אומקערנ צו

דער קליינ־פּראָדוקציע, באווײַזנ זיי דערמיט, אז זיי פארשטייענ ניט דעמ עצעמ מעהוס פונעמ קאפּיטאליזמ אונ פארשטייענ ניט, אז דער קאפּיטאליזמ איז גראָד א רעזולטאט פונ דער קליינ־פּראָדוקציע. „די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ גייט צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער סכוירע־ווירטשאפט אונ צוזאמענ דערמיט, ווי די הויז־פּראָדוקציע טרעט אָפּ דאָס אָרט דער פּראָדוקציע אפּ פארקויפ, אונ דער קוסטאר טרעט אָפּ דאָס אָרט דער פאבריק, — קומט פאָר די אויסבילדונג פונעמ מארק פארנ קאפּיטאל" (לענינ, באנד II, ז. 14).

לאָמיר איצט באטראכטנ דעמ צווייטנ (הויפּטלעכנ) ארגומענט סיסמאָנדיס, נעמלעכ, אז דער מארק פארנ קאפּיטאל ווערט פארשמעלערט צוליב דעמ, וואָס די פּראָדוקציע יאָגט אריבער דעמ געברויכ. סיסמאָנדי גייט דערבײַ ארויס פונ סמיטס טעאָריע, וואָס מיר האָבנ אויבנ באטראכט, אז דער ווערט פונעמ געזעלשאפטלעכנ פּראָדוקט טיילט זיכ אײַנ בלויז אינ פארענדערלעכנ קאפּיטאל אונ אינ מערווערט אונ אז דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקט דארפ געברויכט ווערנ אלס האכנאָסע. ער מאכט פונדאנענ דעמ אויספיר, אז די פּראָדוקציע דארפ אנטשפּרעכנ דעמ געברויכ. אָבער אזויווי אינ דער ווירקלעכקײַט שטייט דער געברויכ אָפּ פונ דער פּראָדוקציע, דארפ, לויט סיסמאָנדי, געשאפנ ווערנ א באשטענדיקער איבערפלוס־פּראָדוקט, וואָס די קאפּיטאליסטנ קאָנענ ניט פארקויפנ. דעריבער איז די אָנזאמלונג, לויט סיסמאָנדי, אוממעגלעכ.

פונ דער סכעמע פונ דער פארברייטערטער רעפּראָדוקציע (זע ז. 232) איז צו זענ, אז די פּראָדוקציע פונ פּראָדוציר־מיטלענ וואקסט שנעלער, איידער די פּראָדוקציע פונ געברויכ־זאכנ. דערבײַ האָבנ מיר געהאט אָנגענומענ אנ אומפארענדערלעכנ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפּיטאל. אינ דער ווירקלעכקײַט אָבער וואקסט דער קאָנסטאנטער קאפּיטאל אינעמ גאנג פונ דער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ שנעלער, איידער דער פארענדערלעכער, ווײַל דער וווקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאפּיטאל איז א געזעצ פונ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ. דער אָרגאנישער באשטאנד פונעמ קאפּיטאל וואקסט אינ אלע צווײַגנ פונ דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע. אָבער אזויווי די זאכיקע עלעמענטנ פונעמ באשטענדיקנ קאפּיטאל — די פּראָדוציר־מיטלענ — פּראָדוצירט בלויז די I אָפּטיילונג, דארפ די דאָזיקע אָפּטיילונג פּראָדוצירנ פּראָדוציר־מיטלענ אינ אנ אלצ שטײַגנדיקער מאָס ניט בלויז פאר זיכ, נאָר אויכ פאר דער II אָפּטיילונג. די I אָפּטיילונג פונ דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע וואקסט שנעלער, איידער די II.

דער וווקס פונעמ באשטענדיקנ קאפּיטאל, זײַנ אָנזאמלונג באטײַט, אז עס וואקסט דער געברויכ פונ די פּראָדוציר־מיטלענ — פונ די פּראָדוקטנ פונ דער I אָפּטיילונג. דער וווקס ווידער, פונעמ געברויכ פונ די פּראָדוציר־מיטלענ באטײַט, אז עס וואקסט דער מארק פארנ קאפּיטאליזמ. די פארברייטערונג אליינ פונ דער פּראָדוקציע, די קאפּיטאל־אָנזאמלונג שאפט א מארק פארנ אָפּזאצ פונ די פּראָדוציר־מיטלענ. אָבער די פארברייטערונג פונ דער פּראָדוקציע פירט אויכ צו א געוויסנ וווקס פונעמ געברויכ פונ די ארבעטער. קעדיי צו פארגרעסערנ די פּראָדוקציע פונ פּראָדוציר־מיטלענ, איז נייטיק צוצוציענ ארבעטער צו דער I אָפּטיילונג. אָבער די דאָזיקע צוגעקומענע ארבעטער שטעלנ ארויס א צוגאָב־נאָכפרעג אפּ

געברויך־זאכנ. אינ אונדזער סכעמע פונ דער פארברייטערטער רעפּראָדוקציע האָט דער געברויכ פונ די ארבעטער פונ דער I אָפּטיילונג זיכ פארגרעסערט אפּ 100. דאָס רופט ארויס א וווּקס פונ דער פּראָדוקציע פונ געברויכזאכנ אינ דער II אָפּטיילונג און א צוגאָב־נאָכפרעג פונ די ארבעטער פונ דער דאָזיקער אָפּטיילונג אפּ 50. אזויארום אנטוויקלט זיכ דער געברויכ גלײַכ נאָכ דער פּראָדוקציע. די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ קומט פאָר הויפּטזאכלעכ דורכנ וווּקס פונ דער פּראָדוקציע פונ פּראָדוציר־מיטלענ.

פּראָדוקציע און געברויכ באַם קאפּיטאליזמ

האגאמ די געוויסע פארברייטערונג פונעמ געברויכ איז א רעזולטאט פונ דער פארברייטערונג פונ דער פּראָדוקציע, אנטשפּרעכט דאָכ ניט דער געברויכ פונ די מאסנ דעמ וווּקס פונ דער פּראָדוקציע און שטייט אָפּ פונ אימ, ווײַל די אבסאָליוטע און רעלאטיווע פאראָרעמונג פונעמ ארבעטער-קלאס איז א געזעצ פונעמ קאפּיטאליזמ.

אינעמ גאנצנ פּראָדוקט פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל פאלט דער כיילעק פונ די געברויכ־זאכנ. סיסמאָנדי און זײַנע אָנהענגער מאכנ פונדאנענ דעמ אויספיר, אז דער קאפּיטאליזמ קאָנ זיכ ניט אנטוויקלענ. זיי זעענ ניט, אז די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ קאָנ פאָרקומענ בלויז מיט דעמ דאָזיקנ וועג.

„די אנטוויקלונג פונ דער פּראָדוקציע (און בעמיילע אויכ פונעמ אינערלעכנ מארק) הויפּטזאכלעכ אפנ כעזשבנ פונ די פּראָדוציר־מיטלענ זעט אויס פּאראדאָקסאל* און שטעלט בליסאָפּעק מיט זיכ פאָר א ווידערשפּרוכ. דאָס איז א ווירקלעכע „פּראָדוקציע צוליב פּראָדוקציע" — א פארברייטערונג פונ דער פּראָדוקציע אָנ דער אנטשפּרעכיקער פארברייטערונג פונעמ געברויכ. אָבער דער דאָזיקער ווידערשפּרוכ איז ניט פונ דער דאָקטרינע**, נאָר פונעמ ווירקלעכנ לעבנ; דאָס איז *נעמלעכ אזא ווידערשפּרוכ, וואָס אנטשפּרעכט דער עצעמ נאטור פונעמ קאפּיטאליזמ* און די איבעריקע ווידערשפּרוכנ פונ דער דאָזיקער סיסטעמ פונ דער געזעלשאפטלעכערווירטשאפט. טאקע די דאָזיקע *פארברייטערונג פונ דער פּראָדוקציע אָנ דער אנטשפּרעכיקער פארברייטערונג פונעמ געברויכ אנטשפּרעכט דער היסטאָרישער מיסיע פונעמ קאפּיטאליזמ און זײַנ געזעלשאפטלעכער סטרוקטור: די ערשטע באשטייט אינ דער אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט; די צווייטע שליסט אויס דאָס אוטיליזירנ די דאָזיקע טעכנישע דעראָבערונגענ מיצאד דער מאסע באפעלקערונג*" (לענינ, באנד III, ז. 31. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

די קלײנבירגערלעכע סאָציאליסטנ זעענ דעמ ווידערשפּרוכ צווישנ דער פּראָדוקציע און געברויכ באַם קאפּיטאליזמ. אָבער דערפונ מאכנ זיי דעמ אויספיר,

---

* אומגלייבלעכ. — ל. ס.

** טעאָריע. — ל. ס.

אז אינ די ראמענ פונעמ קאפיטאליזמ דארפ עקזיסטירנ א באשטענדיקער איבערפלוס פונ סכוירעס, וואָס געפינענ ניט קיינ אָפזאצ *, אז די קאפיטאליסטישע אָנזאמלונג איז אָנ אנ אויסערלעכנ מארק אוממעגלעכ. אָבער אינ טאָכ באטייט עס די אוממעגלעכקייט פונעמ קאפיטאליזמ גופע, ווייל אפנ „אויסערלעכנ מארק" קומט דאָכ אויכ פאָר די רויִנירונג פונ די קליינע פראָדוצירער, א פאראָרעמונג פונ די מאסנ פונעמ ארבעטער־קלאס, דאָרט מוז אויכ די פראָדוקציע אריבעריאָגנ דעמ געברויכ. אזויווי דער קאפיטאליזמ איז דאָכ א רעאלער פאקט, וואָס מע קאָנ ניט אָפלייקענענ, דערקלערנ אימ די קליינבירגערלעכע סאָציאליסטנ אלס א מינ פארקריפלטע דערשיינונג, אלס אנ אָפווייכונג פונעמ „נאָרמאלנ" אנטוויקלונגגאנג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט, זיי קלאָגנ זיכ אפ די צאָרעס, וואָס דער קאפיטאליזמ ברענגט די מאסנ, און שילדערנ בילדער פונ דער בליִענדיקער און גליקלעכער אָרדענונג פונ דער קליינער סכוירע־פראָדוקציע, וואָס אינ פארגלייכ מיט איר איז דער קאפיטאליזמ א שריט אפ צוריק אינ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

די קליינבירגערלעכע סאָציאליסטנ שטייענ אפנ באָדנ פונ אייַנהיטנ די קליינ־פראָדוקציע, זיי זייַנענ די אידעאָלאָגנ פונ די קליינע פראָדוצירער און דעריבער קאָנענ זיי ניט פארשטיינ, אז דער קאפיטאליזמ איז א *נייטיקער* עטאפ אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהייט, אז ער אנטוויקלט די פראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט און ביז א געוויסער שטופע פונ זייַנ אנטוויקלונג, ביז זייַנ פארוואנדלענ זיכ אינ אימפעריאליזמ איז ער א פראָגרעסיווער פראָדוציר־אויפנ, ווייל ער אנטוויקלט די פראָדוקטיוו־קרעפטנ און שאפט דעמ רעוואָליוציאָנערנ ארבעטער־קלאס, וואָס איז בארופנ צו מאכנ א סאָפ צו יעטווידער עקספלואטאציע און דאלעס פונ די מאסנ.

די קליינבירגערלעכע סאָציאליסטנ באהאלטנ זיכ אויס פונ דער ווירקלעכקייט און וויגנ אייַנ די מאסנ מיט באָבעמייַסעס וועגנ אנ אידעאלער אָרדענונג פונ קליינ־פראָדוקציע, וואָס אינ דער ווירקלעכקייט איז עס אנ אָרדענונג פונ אָפגעשטאנענקייט און ווילדקייט. זיי זעענ ניט, אז פונ דער זעלבער קליינ־פראָדוקציע וואקסט אומפארמיידלעכ קאפיטאליזמ און אז קעדיי ווירקלעכ צו מאכנ א סאָפ צומ קאפיטאליזמ, דארפ מענ גייִנ ניט צוריק, נאָר פאָרויס. דעריבער טאקע האָט מארקס געזאָגט, אז די קליינבירגערלעכע סאָציאליסטנ זייַנענ אינ דער ווירקלעכקייט רעאקציאָנערנ, און לענינ האָט זיי געגעבנ דעמ פארדינטנ נאָמענ ראָמאנטיקער — מענטשנ, וואָס באהאלטנ זיכ אויס פונ דער ווירקלעכקייט און בויענ אומפארווירקלעכבארע טרוימענ וועגנ צוריקקערנ זיכ צו דער פארגאנגענהייט, וועלכע זיי אידעאליזירנ.

„דער אונטערשייד צווישנ די ראָמאנטישע ריכטער פונ קאפיטאליזמ און די אנדערע ** באשטייט ביכלאל „בלויז" אינעמ „שטאנדפונקט", „בלויז" אינ דעמ, וואָס

* פונ צייַט צו צייַט מוז, פארשטייט זיכ, אזא איבערפלוס זיכ שאפנ (קריזיסנ)· וועגנ דעמ וועלנ מיר ריידנ ווייַטער.

** לענינ איז דאָ אויסנ די רעוואָליוציאָנערע מארקסיסטנ.

איינע אורטיילן פון הינטן, און די אנדערע — פון פאָרנט, איינע — פונעם שטאַנדפונקט פון דער אָרדענונג, וואָס דער קאַפּיטאַליזם מאַכט כאָרעוו, אנדערע — פונעם שטאַנדפונקט פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם שאַפט" (לעניג, באַנד II, ז. 34).

דער אויסוועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפערײַ באַשטייט ניט אין „פאַרהאַלטן" די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם און אומקערן זיך צו דער קליין-פּראָדוקציע, ווי דאָס פאָדערן די קליינבירגערלעכע „סאָציאַליסטן". דער אויסוועג באַשטייט אין אַנטוויקלען די ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליזם, ווײַל „וואָס ווײַטער עס אַנטוויקלט זיך דער דאָזיקער ווידערשפּרוך (צווישן דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע און דעם אינדיווידועלן כאַראַקטער פון דער צוייגנונג. — ל. ס. אַלץ לײַכטער איז דער אויסוועג פון אים" (דאָרט, ז. 40). לײַכטער דערפאַר, ווײַל די אַנטוויקלונג פונעם דאָזיקן ווידערשפּרוך באַטײַט, פון איין זײַט, א וווּקס פון דער געזעלשאַפטלעכער גרויס-פּראָדוקציע, וואָס לאָזט זיך אַלץ ווייניקער צונויפפּאָרן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג, און, פון דער צווייטער זײַט — א וווּקס פונעם אַרבעטער-קלאַס, פון זײַן באַוווּסטזײַן, פון זײַן אָרגאַניזירטקײַט און צאָרן קעגן דעם יאָך פון קאַפּיטאַל, א וווּקס פון דער רעוואָלוציאָנערער קראַפט, וואָס איז באַרופן אַראָפּצוּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם.

די קריטיק פון ר. ליוקסעמבורגס טעאָריע

צו סיסמאָנדיס טעאָרעטישע פּאָזיציעס שליסט זיך אָן אין טאָך אויך ראָזע ליוקסעמבורג, האָגאַם זי איז קלאַל ניט געווען קיין אָנהענגערן פונעם קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם, נאָר פאַרקערט, זי האָט קריטיקירט אי סיסמאָנדי אי די פאָלקיסטן.

ר. ליוקסעמבורג איז אַרויסגעטראָטן קעגן מאַרקס רעפּראָדוקציע-טעאָריע מיט דער באַהויפּטונג, אַז אין דער געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט בלויז פון קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער, איז ביכלאַל ניט מעגלעך קיין קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג. ר. ליוקסעמבורג האָט באַהויפּטעט, אַז מאַרקס סכעמע פון דער פאַרברייטערטער רעפּראָדוקציע (זע זײַט 232) באַווײַזט ניט די מעגלעכקײַט פון אָנזאַמלונג, ווײַל דעם טייל געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר דעם מערווערט, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין קאַפּיטאַל (500 מערווערט פון דער I אָפּטיילונג און 150 מערווערט פון דער II אָפּטיילונג), קאָנען ניט קויפן ניט די קאַפּיטאַליסטן איינער באַם אַנדערן, ניט די אַרבעטער בא די קאַפּיטאַליסטן. דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטן פאַרקויפן איינער דעם אַנדערן א טייל מער-פּראָדוקט, באַטײַט ניט, לויט ר. ליוקסעמבורגס מיינונג, אַז עס פאַרגרעסערט זיך זייער קאַפּיטאַל, און דאָס, וואָס זיי פאַרקויפן א טייל מער-פּראָדוקט די אַרבעטער, באַטײַט אין טאָך, אַז די קאַפּיטאַליסטן שענקען די אַרבעטער מערווערט. דעם טייל מער-פּראָדוקט, וואָס ווערט אָנגעזאַמלט, קאָנען קויפן קלוימערשט בלויז די ניט קאַפּיטאַליסטישע קליין-פּראָדוצירער, די אַזויגערופענע „דריטע פּערזאָנען".

אין איר קריטיק פון מאַרקס טעאָריע פון קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג (וואָס אין טאָך האָט זי זי ניט פאַרשטאַנען) איז ר. ליוקסעמבורג באַגאַנגען א רײ גרויסע פעלערן. ערשטנס, האָט זי אַבסאָליוט ניט פאַרשטאַנען די ראָליע פונעם פּראָדוצירישן געברויך, דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטן געברויכן די פּראָדוציר-מיטלען אַלס באַשטענדיקן קאַפּיטאַל. צוגעבנדיק דעם טייל מער-פּראָדוקט, וואָס עקזיסטירט אין דער פאָרם פון פּראָ-

דוציר-מיטלענ, צומ באשטענדיקנ קאפּיטאל (אינ דער סכעמע 400 אינ דער I אָפּטיילונג און 100 אינ דער II אָפּטיילונג), פארניכטנ ניט די קאפּיטאליסטנ דעמ דאָזיקנ טייל מערווערט און שענקענ אימ קיינעמ ניט, נאָר זיי פארוואנדלענ אימ אינ קאפּיטאל, אינ א מיטל אפּ צויסזויגנ מער-ארבעט פונ די ארבעטער. פאר די קאפּיטאליסטנ האָט, אזויארומ, א זינ צו קויפנ איינער באמ אנדערנ די דאָזיקע צוגאָבלעכע פּראָדוציר-מיטלענ. ווייטער, צוגעבנדיק דעמ טייל מער-פּראָדוקט, וואָס עקזיסטירט אינ דער פאָרמ פונ געברויכ-מיטלענ, צו זייער פארענדערלעכנ קאפּיטאל (אינ דער סכעמע 100 אינ דער I אָפּטיילונג און 50 אינ דער II אָפּטיילונג), שענקענ ווידעראמאָל ניט די קאפּיטאליסטנ אימ די ארבעטער, נאָר זיי קויפנ דעמ קוואל גופא פונעמ מערווערט — די ארבעטקראפט. אזויארומ האָבנ די קאפּיטאליסטנ א מעגלעכקייט פונ אָנזאמלונג אויכ ווענ עס זיינענ ניטאָ קיינ „דריטע פּערזאָנענ".

צווייטנס, וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר די דאָזיקע „דריטע פּערזאָנענ"? דאָס זיינענ קליינע, ניטקאפּיטאליסטישע איינפאכע סכוירע-פּראָדוצירער, דער סיסטעמאָנדיש-פּאָלקיסטישער „אויסערלעכער מארק". און זיי דארפנ עס די קאפּיטאליסטנ פארקויפנ יענעמ טייל פּראָדוקט, וועלכנ עס אנטהאלט אינ זיכ דער מערווערט, וואָס איז באשטימט פאר אָנזאמלונג און וואָס עקזיסטירט אינ דער נאטורעלער פאָרמ פונ פּראָדוציר-מיטלענ. אָבער וואָסערע פּראָדוציר-מיטלענ? גרויסע מאשינעס, אלערליי רויווארג און באהילפיקע מאטעריאלנ, וואָס קאָנענ באנוצט ווערנ בלויז אינ דער קאפּיטאליסטישער פאבריק.

אָבער לאָמיר מעשאער זיינ דאָס אומעגלעכע: אז די קליינע פּראָדוצירער האָבנ געקויפט דעמ דאָזיקנ טייל פּראָדוקט פונעמ געזעלשאפטלעכנ קאפּיטאל און די קאפּיטאליסטנ האָבנ אזויארומ בעשאָלעמ פארוואנדלט אינ געלט דעמ מערווערט, וואָס גייט פאר דער אָנזאמלונג. אָבער פונוואנענ וועלנ זיי אינ אזא פאל קאָנענ קויפנ די פּראָדוציר-מיטלענ, וואָס זיינענ נייטיק פאר דער אָנזאמלונג, דה. אפּ פארברייטערנ די פּראָדוקציע? האָבנ זיי דאָכ זיי פארקויפט צו „דריטע פּערזאָנענ", הייסט עס, זיי דארפנ קויפנ צוריק בא די זעלבע „דריטע פּערזאָנענ". אָבער מיטנ זעלבנ דערפאָלג קאָנענ זיי, ניט פארקויפנדיק צו „דריטע פּערזאָנענ" די דאָזיקע פּראָדוציר-מיטלענ, קויפנ זיי איינער באמ אנדערנ. די „דריטע פּערזאָנענ" האָבנ אהער אבסאָלוט קיינ שומ שייכעס ניט.

מיט דער דאָזיקער פּעלערהאפטער אָנזאמלונג-טעאָריע ר. ליוקסעמבורגס איז אפּנ ענגכטנ אויפנ פארבונדנ איר גוואלדיק גרויסער טאָעס אינ דער פראגע וועגנ די טרייבקרעפטנ פונ דער רעוואָליוציע.

איינע פונ די גרונט-פראגנ פונ דער רעוואָליוציע איז די פראגע וועגנ דער באציִונג פונעמ פּראָלעטאריאט צומ פּויערטומ. אינ קעגנזאצ צו דער באָלשעוויסטיש-לענינשער ליניע פונ העגעמאָניע פונעמ פּראָלעטאריאט אינ דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר און פונ דעמ, אז די דאָזיקע רעוואָליוציע וואקסט אריבער אינ א פּראָלעטארישער, האָט ראָזע ליוקסעמבורג צוזאמענ מיטנ מענשעוויק פארווּס געשאפנ די טעאָריע פונ „פּערמאנענטער רעוואָליוציע", צו וועלכער עס האָט זיכ אָנגעשלאָסנ טראָצקי, וואָס האָט ארויסגערוקט די דאָזיקע טעאָריע אינ זיינ קאמפ קעגנ דעמ באָלשעוויזמ. דער טאָכ פונ דער דאָזיקער טעאָ-

ריע באשטייט אינ דעמ, אז צווישנ דעמ פראָלעטאריאט אונ דעמ פויערטומ זײַנענ קלוימערשט פאראנ ווידערשפּרוכנ, וואָס זײ קאָנ זיי ניט בײַקומענ, אז דאָס פויערטומ איז אינ זײַנ מאסע קאָנטררעוואָליוציאָנער אונ וועט שטענדיק ארויסטרעטנ אפ דער זײַט פונ דער בורזשואזיע קעגנ דעמ פראָלעטאריאט.

עס איז פולשטענדיק קלאָר, אז די דאָזיקע פּאָליטישע ליניע ר. ליוקסעמבורגס איז אפּנ ענגסטנ צוזאמענגעבונדנ מיט איר טעאָריע וועגנ קאפּיטאל־אָנזאמלונג. אזוי ווי קאפּיטאל־אָנזאמלונג איז, לויט ר. ליוקסעמבורגס מיינונג, מעגלעכ בלויז דאנק דער עקזיסטעצ פונ די „דריטע פערזאָנענ" (פויערטומ), פארהאלט דעריבער דאָס פויערטומ דעמ קראכ פונעמ קאפּיטאליזמ, לייגט אימ אָפּ, איז א קראפט א פײַנטלעכע דעמ פראָלעטאריאט. דער פראָלעטאריאט דארפ דעריבער וועלנ, אז דאָס פויערטומ זאָל זיכ וואָס שנעלער פראָלעטאריזירנ, אונ דארפ קלאל ניט שטרעבנ צו א בונד מיטנ פויערטומ אונ צו האָבנ העגעמאָניע אינעמ דאָזיקנ בונד. אָבער אָפּזאָגנ זיכ פונ דער העגעמאָניע פונעמ פראָלעטאריאט איבערנ פויערטומ הייסט פאקטיש אָפּזאָגנ זיכ פונ דער רעוואָליוציע.

דער פאקט, וואָס אינ איינער פונ די וויכטיקסטע, אנטשיידנדיקע פראגנ פונ דער טעאָריע פונ קאפּיטאליזמ איז ר. ליוקסעמבורג געשטאנענ אפּ איינ פּאָזיציע מיטנ אָפּאָרטוניזמ אינ דעמ פארמילכאָמעדיקנ II אינטערנאציאָנאל, איז איינע פונ די סיבעס, פארוואָס דער קאמפּ, וואָס זי האָט געפירט קעגנ דעמ אָפּאָרטוניזמ, האָט ניט געקאָנט ניט זײַנ קיינ האלביקער אונ אומאנטשיידנער. ר. ליוקסעמבורג האָט זיכ געוואקלט צווישנ דעמ מענשעוויזמ אונ באָלשעוויזמ אונ איז אינ א ריי פראגנ ארויסגעטראָטנ קעגנ די באָלשעוויקעס.

קריטיק פונ די בורזשואז־אפּאָלאָגעטישע טעאָריעס

לענינס קאמפּ קעגנ די אלערליי טעאָריעס וועגנ דער אוממעגלעכקײַט פונ דער קאפּיטאליסטישער אָנזאמלונג באטײַט ניט, אז דער מארקסיזמ־לעניניזמ אנערקענט די מעגלעכקײַט פונ א גלאטנ, קעסיידערדיקנ גאנג פונ דער פארברייטערטער רעפּראָדוקציע באמ קאפּיטאליזמ. לענינס קאמפּ קעגנ די קליינבירגערלעכע טעאָריעס וועגנ דער ניט־פּראָגרעסיווקײַט פונעמ קאפּיטאליזמ אינ פארגלײַכ מיט דער קליינ־פּראָדוקציע באטײַט ניט, פארשטייט זיכ, אז דער מארקסיזמ־לעניניזמ האלט די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג פאר אנ אבסאָליוט פּראָגרעסיווער אונ זעט ניט איר היסטאָריש־איבערגייענדיקנ כאראקטער. דאפּקע מארקס אונ לענינ האָבנ אופגעדעקט ביז די סאמע וואָרצלענ די טיפסטע ווידערשפּרוכנ פונעמ קאפּיטאליזמ אונ האָבנ באוויזנ זײַנ איבערגייענדיקנ כאראקטער. דאפּקע לענינ האָט באוויזנ, אז אינ זײַנ אימפּעריאליסטישער אנטוויקלונג־סטאדיע, ווענ עס זײַנענ אינ א פולער מאָס רײַפּ געוואָרנ די פּאָרהאנאָכעס פונעמ סאָציאליזמ, הערט דער קאפּיטאליזמ אופּ צו זײַנ א פּראָגרעסיווער פּראָדוציר־אופנ אונ ווערט פארוואנדלט אינ א פארפוילנדיקנ אונ אָפּשטארבנדיקנ קאפּיטאליזמ.

די טעאָריע וועגנ דער אייביקער אונ אָנקריזיסדיקער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ פריידיקנ די בורזשואזע אפּאָלאָגעטנ. טוגאנ־באראנאָווסקי, לעמאָשל, האָט באהויפּט, אז דער קאפּיטאליזמ קאָנ זיכ אנטוויקלענ אוממענדלעכ אונ אָנקריזיסדיק אפילע דאנ, ווענ אפּנ גאנצנ ערדקײַלעכ זאָל פארבלײַבנ בלויז איינ ארבעטער,—

עס איז נייטיק בלויז א געוויסע פּראָפּאָרציאָנעלקייט צווישן די פּראָדוציר־צווייגן.

„דער דאָזיקער איינציקער ארבעטער, — זאָגט טוגאַן־באַראַנאָווסקי, — וועט ברענגען אין באַוועגונג די גאַנצע קאָלאָסאַלע מאַסע מאַשינעס און וועט מיט זייער הילף פּראָדוצירן נייע מאַשינעס און געברויך־זאַכן פאַרן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. דער ארבעטער־קלאַס וועט פאַרשווינדן, אָבער דאָס וועט אַפּ קיין האָר ניט פאַר־שווערן דאָס רעאַליזירן די פּראָדוקטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע" (ט ו ג א נ ־ ב א ר א נ א ָ ו ו ס ק י, די פּעריאָדישע אינדוסטריעלע קריזיסן, ז. 212). עס וועט זיך באַדייטנדיק פאַרקירצן די פּראָדוקציע פון געברויך־זאַכן, אָבער דערפאַר וו ט אויסוואַקסן דער געברויך פון די פּראָדוציר־מיטלען און דער קאַפּיטאַליסטישער מאַרק וועט זיך אומענדלעך פאַרברייטערן. קוילן און אייזן וועט מען פּראָדוצירן בלויז קעדיי... צו פּראָדוצירן נאָך מער קוילן און אייזן. אַט צו וואָס פאַר אַן אבסורד די בורזשואַזע אַפּאָלאָגעטן דערגייען אין זייער שטרעבונג אָפּצולייקענען די ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליזם.

אין טוגאַן־באַראַנאָווסקיס דערעך איז אוועק איינער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער — הילפערדינג, וואָס האָט נאָך פאַר דער מילכאָמע געשריבן, אַז ווי נידעריק עס זאָל ניט זיין דער געברויך פון די מאַסן, קאָן די פּראָדוקציע וואַקסן גרענעצלאָז און אָנקריזיסדיק, אויב נאָר עס וועט אייַנגעהיט ווערן די אַנטשפּרעכיקע פּראָפּאָרץ צווישן די ביידע אָפּטיילונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע. דאָס זעלבע האָט באַהויפּט אָטאָ באַוער, און איצט טייַנען עס אַלע סאָציאַל־פאַשיסטן. דאָס איז איינער פון די יעסוידעס פון זייער אַפּאָלאָגעטישער טעאָריע פונעם „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם". די רעכט-אָפּאָרטוניסטישע טעאָריעס וועגן גלייכגעוויכט און אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם זיינען א שפּליטער פון די דאָזיקע אַלע בורזשואַז-אַפּאָלאָגעטישע טעאָריעס.

די מאַרקס-לעניניסטישע רעפּראָדוקציע-טעאָריע באַווייזט, אַז וועגן קיין שום גלייכגעוויכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעפּראָדוקציע קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין. די באַדינגונגען פונעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער רעפּראָדוקציע, סיי פון דער איינפאַכער סיי פון דער פאַרברייטערטער, וואָס זיינען אייגנטימלעך דעם קאַפּיטאַליזם, דאָס זיינען אַזוינע באַדינגונגען, „וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין פּונקט אַזוינע צאָל־רייכע באַדינגונגען פונעם אומנאָרמאַלן גאַנג פון דער רעפּראָדוקציע, און פּונקט אַזוינע צאָלרייכע מעגלעכקייטן פון קריזיסן, ווייל ב א ד ע ר א ָ ר ד ע נ ו נ ג פ ו נ ד ע ר ד א ָ ז י ק ע ר פּ ר א ָ ד ו ק צ י ע, וואָס בילדעט זיך סטיכייש אויס, איז דאָס גלייכגעוויכט גופע א צופעליקייט" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד II, ז. 362. מיין קורסיוו. — ל. ס.).

מיר האָבן געזען, אַז די קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג און די פאַרברייטערונג פונעם מאַרק פאַרן קאַפּיטאַל קומט פאָר הויפּטזאַכלעך אַפּן כעזשבן פונעם וווּקס פון דער פּראָדוקציע פון די פּראָדוציר-מיטלען, און ניט פון די געברויך-זאַכן. אָבער דאָס באַטייט ניט, אַז די פּראָדוקציע איז אינגאַנצן ניט אָפּהענגיק פונעם געברויך.

דינט דאָך יעטווידער פּראָדוציר־מיטל דירעקט אָדער דאַרך סאַפּקאָלסאַפּ דינען

דער פראָדוקציע פונ געברויכ־זאכנ. הייסט עס, אז ווענ אונדזערע אויכ־מיר־טעאָרעטיקער, וואָס ווילנ זיכ „אבסטראהירנ" פונ געברויכ, ריידנ וועגנ פראָפאָרציאָנעלקייט צווישנ די אָפטיילונגענ פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע, רירנ זיי אינ טאָכ אָנ די פראגע וועגנ געברויכ. ווייל עס האנדלט זיכ דאָכ וועגנ דער פראָפאָרציאָנעלקייט צווישנ דער אָפטיילונג, וואָס פראָדוצירט פראָדוציר־מיטלענ, אונ דער אָפטיילונג, וואָס פראָדוצירט ג ע ב ר ו י כ - ז א כ נ. וויאזוי איז בא אזא באדינג מעגלעכ צווישנ די צווייגנ פונ דער פראָדוקציע א פראָפאָרציאָנעלקייט, וואָס זאָל זיינ אומאָפהענגיק פונעמ געברויכ? זי איז אומעגלעכ.

די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע שטעלט ניט פאר זיכ קיינ ציל צו באפרידיקנ די באדערפענישנ פונ דער געזעלשאפט. זי איז א מערווערט־פראָדוקציע מיטנ ציל צו פארגרעסערנ דעמ ווערט פונ קאפיטאל, מיטנ ציל צו פראָדוצירנ נאָכ א גרעסערע מאסע מערווערט. אונ אינעמ דאָזיקנ זינ איז די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע א פראָדוקציע צוליב פראָדוקציע. „די פראָדוקציע פונעמ נאָרמאלנ קאפיטאליסט, אזא ווי ער דארפ זיינ, פונעמ אינדוסטריעלנ קאפיטאליסט איז פ ר אָ ד ו ק צ י ע צ ו ל י ב פ ר אָ ד ו ק צ י ע" (מ א ר ק ס, מערווערט־טעאָריע, באנד I, ז. 244). אָט אינ דעמ טאקע דריקט זיכ אויס די שטרעבונג פונעמ קאפיטאל צו גרענעצלאָזער אָנזאמלונג.

אָבער דערפונ, וואָס דעמ קאפיטאליזמ איז אייגנטימלעכ די טענדענצ צו גרענעצלאָזער פראָדוקציע צוליב פראָדוקציע, איז קלאָר ניט געדרונגענ, אז די דאָזיקע טענדענצ קאָנ גרענעצלאָז אונ אומגעשטערט פארווירקלעכט ווערנ. בלויז אינ דער פאנטאזיע פונ די בורזשואזע אפאָלאָגעטנ, אזוינע ווי טוגאנ־באראנאָווסקי, וואָס לייקנט אָפ די ווידערשפרוכנ פונעמ קאפיטאליזמ, קאָנ די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע וואקסנ גרענעצלאָז אונ אומאָפהענגיק פונעמ צושטאנד פונעמ געברויכ פונ די מאסנ. אינ דער ווירקלעכקייט אָבער מוז דער ווּוקס פונ דער פראָדוקציע זיכ אָנשטויסנ אפ די ענגע גרענעצנ פונעמ געברויכ פונ די מאסנ.

דאָס דרינגט ארויס פונ דעמ ווידערשפרוכ, וואָס ליגט אינ יעסאָד פונעמ קאפיטאליזמ, פונעמ ווידערשפרוכ צווישנ דעמ געזעלשאפטלעכנ כאראקטער פונ דער פראָדוקציע אונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג, פונעמ ווידערשפרוכ, וואָס מאכט אומעגלעכ די שטענדיקע פראָפאָרציאָנעלקייט צווישנ די פראָדוציר־צווייגנ אונ וואָס רופט ארויס די אָפגעשטאנענקייט פונעמ געברויכ לעגאבע דער פראָדוקציע.

„אינ לעצטנ סאכאקל איז דער פראָדוצירישער געברויכ (געברויכ פונ פראָדוציר־מיטלענ) שטענדיק פארבונדנ מיטנ פערזענלעכנ געברויכ, איז שטענדיק אָפהענגיק פונ אימ. דעמ קאפיטאליזמ איז אָבער אייגנטימלעכ, פונ איינ זייט, די שטרעבונג גרענעצלאָז צו פארברייטערנ דעמ פראָדוצירישנ געברויכ, גרענעצלאָז צו פארברייטערנ די אָנזאמלונג אונ די פראָדוקציע אונ, פונ דער צווייטער זייט,—די פראָלעטאריזירונג פונ די פאָלק־מאסנ, וואָס שטעלט גאנצ ענגע גרענעצנ פאר דער פארברייטערונג פונעמ פערזענלעכנ געברויכ" (ל ע נ י נ, באנד II, ז. 400). דעריבער איז אומעגלעכ א גרענעצלאָז וואקסנדיקע אונ קעסיידערדיקע אָנזאמלונג באמ קאפיטאליזמ. אָבער דאָס באטייט ניט, אז באמ קאפיטאליזמ איז פאראנ א באשטענדיקע

טיסטנ־עאטישע איבערפּראָדוקציע, — זי קומט בלויז פּעריאָדיש אין דער פאָרם פון אינדוסטריעלע קריזיסן. פאַרוואָס און וויאַזוי דאָס קומט פאָר, וועלן מיר באַטראַכטן אינעם פאָלגנדיקן קאַפּיטל.

* * *

אַלזאָ, די מאַרקסיסטיש-לענינישע רעפּראָדוקציע-טעאָריע איז אַ דירעקטע פאָרזעצונג און אַנטוויקלונג פון דער לערע וועגן די ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם, וואָס אַלע דרינגען זיי אַרויס פונעם גרונט-ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג.

„די וויסנשאַפטלעכע ווערטפולקייט פון מאַרקס טעאָריע באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט קלאָר געמאָלט דעם פּראָצעס פון רעפּראָדוקציע און אומלויף פונעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל. ווייטער, מאַרקס טעאָריע האָט באַוויזן, וויאַזוי עס ווערט פאַרווירקלעכט דער ווידערשפּרוך, וואָס איז אייגנטימלעך דעם קאַפּיטאַליזם, אַז דער קאָלאָסאַלער וווּקס פון דער פּראָדוקציע ווערט קלאַל ניט באַגלייט מיט קיין אַנטשפּרעכיקן וווּקס פונעם פאָלקס-געברויך. דעריבער איז ניט בלויז וואָס מאַרקס טעאָריע שטעלט ניט אויף די בורזשואַז-אַפּאָלאָגעטישע טעאָריע... נאָר פאַרקערט, זי גיט דאָס שטאַרקסטע געווער קעגן דער אַפּאָלאָגעטיק...

מאַרקס רעאַליזאַציע-טעאָריע גיט דאָס שטאַרקסטע געווער ניט בלויז קעגן דער אַפּאָלאָגעטיק, נאָר אויך קעגן דער באַלעבעסלדיק-רעאַקציאָנערער קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם... דאָס מאַרקסישע באַנעמען די רעאַליזאַציע פירט אומפאַרמיידלעך צום אָנערקענען די היסטאָרישע פּראָגרעסיווקייט פונעם קאַפּיטאַליזם (די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-מיטלען און בעיילע פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער געזעלשאַפט), ניט בלויז ניט פאַרשמירנדיק דערמיט, נאָר פאַרקערט, קלאָר מאַכנדיק דעם היסטאָריש-איבערגייענדיקן כאַראַקטער פונעם קאַפּיטאַליזם" (לענין, ב. II, ז. 415—416).

מאַרקס רעפּראָדוקציע-טעאָריע, וואָס לענין האָט אַנטוויקלט, האָט אַזוי־אַרום אָפּ דורכאויס אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. זי באַווייזט, אַז דער וווּקס פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס שטויסט זיך אָן אָפּ די ענגע גרענעצן פונעם געברויך פון די מאַסן, וועמען דער קאַפּיטאַליזם עקספּלואַטירט, פירט צום שאַפן סיי די אָביעקטיווע און סיי די סוביעקטיווע פאָרהאַנאָכעס פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ער שאַפט די מאַטעריעל-טעכנישע פאָרהאַנאָכעס, וואָס זיינען נייטיק פאַרן אויפבוי פונעם סאָציאַליזם, און אין דער זעלבער צייט מאַכט ער פאַר אומפאַרמיידלעך דעם אופשטאַנד פון די מיליאָניקע מאַסן קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

קאפיטל X

קריזיסנ

1. דער ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג איז די סיבע פונ די קריזיסנ

דאָס אנאליזירנ דעם פראָצעס פונ רעפּראָדוקציע און צירקוליאציע פונ דעם געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל האָט אונדז צוגעפירט הארט צו דער פראגע וועגנ קריזיסנ. מיר האָבנ געזעענ, אז די באוועגונג פונעם געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל איז פול מיט טיפע ווידערשפּרוכנ, וואָס זײַנענ אנ אויסדרוק פונ דעם גרונט-ווידערשפּרוכ פונעם קאפיטאליזמ. די דאָזיקע באוועגונג גייט דורכ ניטגלײַכמעסיק. די כאראקטעריסטישע פאָרמ אירע זײַנענ שנעלע, שפּרונגארטיקע איבערגענג פונ אופלעבונג צו פאלונג — צו קריזיס און שטילשטאנד. „דאָס אינדוסטריעלע לעבנ ווערט פארוואנדלט אינ א נאָכאנאנדיקער ריי פעריאָדנ פונ מיטלמעסיקער אופלעבונג, אופבלי, איבערפּראָדוקציע, פונ קריזיסנ און שטילשטאנד (מ א ר ק ס, קאפּיטאל, באנד I, זײַט 349).

די דאָזיקע אלע מאָמענטנ בילדנ מיט זיכ ציקלענ, וואָס כאזערנ זיכ פעריאָדיש איבער. דער קריזיס איז דערבײַ דער אנטשיידנדיקער מאָמענט. טאקע דער קריזיס פארענדיקט די פאָריקע באוועגונג און באשטימט דעם כאראקטער פונ דער ווײַטערדיקער באוועגונג.

פונקט אינ דעם מאָמענט, ווענ די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע געפינט זיכ אינ פולנ גאנג, ווענ עס ווערנ פּראָדוצירט אלצ גרעסערע מאסנ סכוירעס, ווענ די פּרײַזנ שטײַגנ און צוזאמענ מיט זיי שטײַגנ די פּראָפיטנ פונ די קאפּיטאליסטנ, ווענ די ארבעטלאָזיקײַט ווערט פארקלענערט און דער ארבעטלוינ שטײַגט, גראָד אינעמ דאָזיקנ מאָמענט ברעכט פלוצלינג אויס דער קריזיס.

אָט וויאזוי ענגעלס באשרײַבט די קריזיסנ: „דער האנדל ווערט אָפּגעשטעלט, די מערק ווערנ איבערגעפולט מיט א מאסע פּראָדוקטנ, וואָס געפינענ ניט קיינ אָפּזאצ, דאָס מעזומענע געלט ווערט פארשווונדנ פונ דער צירקוליאציע, דער קרעדיט ווערט פארניכטעט, די פאבריקנ שטעלנ זיכ אָפּ, די ארבעטער פארלירנ יעטווידע עקזיסטענצ-מיטלענ צוליב דער סיבע טאקע, וואָס זיי האָבנ פּראָדוצירט

די דאָזיקע מיטלענ אינ א צו גרויסנ סכום. באנקראָטנ קומענ פאָר נאָכ באנקראָטנ, אאוקציאָנ נאָכ אאוקציאָנ. דער שטילשטאנד דויערט גאנצע יאָרנ, מאסנ פראָדוקטיוו־קרעפטנ אונ פראָדוקטנ ווערנ פארניכטעט אונ פארשווענדעט ביזוואנענ די אָנגעזאמלטע סכוירעס וועלנ זיכ ענדלעכ ניט פאנאנדערגיינ פאר א מער אָדער ווייניקער אראָפּגעזעצטנ פרייַז אונ עס וועט זיכ ניט באנייַענ די באוועגונג פונ דער פראָדוקציע אונ פונעמ אויסטויש. ביסלעכווייַז ווערט די דאָזיקע באוועגונג פארשנעלערט, דער שריט ווערט פארביטנ מיט א טראָט, דער אינדוסטריעלער טראָט גייט אריבער אינ א גאלאָפּ, וואָס פארוואנדלט זיכ אינ אנ אומפארצוימטנ געלאפ, אינ אנ עמעסנ שפרונג מיט שטערונגענ פונ דער אינדוסטריע, פונעמ האנדל, פונעמ קרעדיט אונ צירקוליאציע, קעדיי נאָכ פארצווייפלטע שפרונגענ ווידעראמאָל אריַינשלייַדערנ זיכ אינ דעמ גראָבנ פונעמ קראַכ. אונ אזוי יעדעס מאָל פונ אָנהייב" (ע נ ג ע ל ס, אנטי־דיורינג, זייַט 198).

אָט אזא איז דאָס אלגעמיינע בילד פונ די קריזיסנ. ריידנדיק וועגנ קריזיסנ, מיינענ מיר ניט וועלכע־ניט־איז טיילווייַזע ד ע ר ש י ט ע ר ו נ ג ע נ פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע, דה. ניט די טיילווייַזע קריזיסנ, וואָס קאָנענ צופעליק ארומכאפּנ דעמ אָדער יענעמ צווייַג, נאָר די אלגעמיינע קריזיסנ, וואָס כאפּנ ארומ די ג א נ צ ע קאפיטאליסטישע פראָדוקציע, אלע אירע וויכטיקסטע צווייַגנ. דערבייַ האָבנ מיר אינ זינענ ניט די ד ע ר ש י ט ע ר ו נ ג ע נ פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע, וואָס זייַנענ אָפטמאָל א רעזולטאט פונ כטיכייִשע נאטור־אומגליקנ, ווי לעמאָשל, אומגערעטעניש, ערדציטערניש אאוו. אָדער פונ אזוינע, קלאָר ניט צופעליקע, געזעלשאפטלעכע דערשייַנונגענ, ווי מילכאָמעס, — מיר האָבנ אינ זינענ ניט די אונטערפראָדוצירונג, נאָר די ק ר י ז י ס נ פונ ד ע ר א ל ג ע מ י י נ ע ר א י ב ע ר פ ר אָ ד ו ק צ י ע, וואָס כאזערנ זיכ איבער רעגולער באמ קאפיטאליזמ.

געווינלעכ זאָגט מענ, אז זי סיבע פונ די קריזיסנ איז די אנארכיע פונ דער פראָדוקציע. דאָס איז ניט ריכטיק. האָט דאָכ די אנארכיע פונ דער פראָדוקציע געהערשט אויכ אינ דער אייַנפאכער סכוירע-ווירטשאפט, אונ קיינ קריזיסנ פלעגנ אינ איר ניט פאָרקומענ.

די אנארכיע פונ דער פראָדוקציע אינ דער אייַנפאכער סכוירע־ווירטשאפט אונ באמ קאפיטאליזמ

אויכ אינ דער געזעלשאפט פונ די קליינע סכוירע־פראָדוצירער איז די פארבינדונג צווישנ די אייַנצלנע פראָדוצירער ניט אָרגאניזירט אונ ווערט פארווירקלעכט סטיכייִש דורכנ אויסטויש. אָבער דאָ איז די ארבעט־צעטיילונג נאָכ זייער ווייניק אנטוויקלט אינ פארגלייַכ מיט דער ארבעט־צעטיילונג אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. די ארבעט־געצייַג, — קליינע אונ אינדיווידועלע, — ווערנ געלאָזנ אינ גאנג דורכ יעדנ סכוירע־פראָדוצירער באזונדער; די באזע פונ דער פראָדוקציע איז האנטארבעט. יעדער אזא פראָדוצירער ארבעט אליינ; די ארבעט איז צעטיילט צווישנ די זעלבשטענדיקע סכוירע־פראָדוצירער, אָבער אינעמ ווארשטאט איז ניטאָ קיינ ארבעט־צעטיילונג. צוליב דעמ, וואָס די פראָדוקציע ביכלאל האָט געהאט א קליינעמ פארנעמ אונ די ארבעט־צעטיילונג איז געווענ שוואכ אנטוויקלט, האָט די ניט אָרגאניזירטקייַט פונ דער

פאַרבינדונג צווישנ די סכוירע-פּראָדוצירער ניט געקאָנט האָבנ קיינ גרויסע באַדײַטונג, זי פלעגט ניט ברענגענ צו קיינ אופטרייסלונגענ פונ דער *גאַנצער* געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

„די צעשפּליטערטע קליינע פּראָדוצירער האָבנ געמאַכט יעדערער צו עטלעכע אָפּעראַציעס מיטאַמאָל אונ דעריבער זײַנעו זיי פאַרהעלטנישמעסיק געווענ אומאָפּהענגיק פונ אנדערע: אויב דער קוסטאַר, לעמאָשל, האָט אַליינ געזייט לײַנ, האָט אַליינ געשפּינט אונ געוועבט, — איז ער געווענ קימאַט אומאָפּהענגיק פונ אנדערע. באַ אָט אַזאַ רעזשים פונ די קליינע צעברעקלטע סכוירע-פּראָדוצירער (אונ בלויז באַ אַזאַ) האָט זיכ באַרעכטיקט דער שפּריכוואָרט: „יעדערער פאַר זיכ, אונ פאַר אַלעמענ גאָט", דה. די אַנאַרכיע פונ די מאַרק-וואַקלונגענ" (*לענינ*, באַנד I, זײַט 94).

גאָר אנדערש איז די לאַגע באַם קאַפּיטאַליזם. דאָ איז די אַרבעט פאַרגעזעלשאַפטלעכט. יעדער אַרבעטער בילדעט אַ טייל פונעם אַרבעטער־קאָלעקטיוו אינ דער אונטערנעמונג; די אַרבעט־געצײַג זײַנעו אַזוינע, אַז איינ אַרבעטער קאָנ זיי ניט ברענגענ אינ באַוועגונג. די אַרבעט־צעטיילונג עקזיסטירט ניט בלויז צווישנ די אונטערנעמונגענ, נאָר אויכ אינ יעדער אונטערנעמונג באַזונדער. די פּראָדוקציע ווערט געפירט אינ אַ גרויסנ מאַסשטאַב; די אַרבעט-צעטיילונג איז זייער פאַרצווײַגט. עס זײַנעו פאַראַנ אַ סאַכ פּראָדוקציע־צווײַגנ אונ זיי אַלע זײַנענ שטאַרק אָפּהענגיק איינער פונ אנדערנ.

דער קאַפּיטאַליזמ פאַרגעזעלשאַפטלעכט די אַרבעט ניט בלויז אינ דעמ זינ, וואָס אונטער דער קאָמאַנדע פונ קאַפּיטאַל אַרבעטנ אינ דער אונטערנעמונג אַ סאַכ אַרבעטער, נאָר אויכ אינ דעמ זינ, וואָס עס *פאַרשטאַרקט* זיכ אַלצ מער די *אָפּהענגיקײַט* פונ די *אונטערנעמונגענ איינע פונ דער אנדערער*.

„די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פונ דער אַרבעט דורכ דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע באַשטייט קלאַל ניט דערינ, וואָס די מענטשנ אַרבעטנ אינ איינ געבײַדע (דאָס איז בלויז אַ טיילעכל פונ דעמ פּראָצעס), נאָר דערינ, וואָס די קאָנצענטראַציע פונ די קאַפּיטאַלנ ווערט באַגלייט מיט דער ספּעציאַליזירונג פונ דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט דער פאַרקלענערונג פונ דער צאָל קאַפּיטאַליסטנ אינ יעדנ געגעבענעמ אינדוסטריע־צווײַג א.א.וו. מיט דער פאַרגרעסערונג פונ דער צאָל באַזונדערע אינדוסטריע־צווײַגנ" (*לענינ, דאָרט*, ז. 93).

וואָס מער די אַרבעט איז ספּעציאַליזירט אינ דער געזעלשאַפט, אַלצ מער איז יעדער מינ אַרבעט אָפּהענגיק פונ אַלע איבעריקע, דה. וואָס שטאַרקער עס איז אַנטוויקלט די אַרבעט־צעטיילונג, אַלצ מער איז די אַרבעט פאַרגעזעלשאַפטלעכט. אינ אַזוינע באַדינגונגענ, *אינ די באַדינגונגענ פונ קאַפּיטאַליזמ, שטעלט זיכ די אַנאַרכיע פונ דער פּראָדוקציע אינ אַנ אומבאַשעלעמדיקנ ווידערשפּרוכ מיטנ געזעלשאַפטלעכנ כאַראַקטער פונ דער פּראָדוקציע*.

אויב עס איז פאָרגעקומענ אַנ אָפּשטעל „אינ אַ גרויסער אונטערנעמונג, וואָס פאַרנעמט זיכ שוינ מיט גאָר אַ שטאַרק ספּעציאַליזירטנ צווײַג פונ דער אינדו-

סטריע און וואָס ארבעט דעריבער שיר ניט פאר דער גאנצער געזעלשאפט און איז, פון דער אנדער זײַט, אָפּהענגיק פון דער גאנצער געזעלשאפט...— דעמלט מוז זיך שוין אָפּשטעלן די ארבעט אין אלע איבעריקע אונטערנעמונגען פון דער געזעלשאפט, דערפאר ווײַל זיי קאָנען באקומען די נייטיקע פּראָדוקטן נאָר פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג — זיי קאָנען רעאליזירן אלע זייערע סכוירעס נאָר ביז עס זײַנען פאראן זײַנע סכוירעס" (דאָרט, ז. 94).

די מעגלעכקײַט פון קריזיסן און די נייטיקײַט פון קריזיסן

די אנארכיע פון דער פּראָדוקציע בא אן איינפאכער סכוירע־פּראָדוקציע האָט אלזאָ אָן אן ערעך א קלענערע באדײַטונג איידער בא דער הערשאפט פונעם קאפּיטאליסטישן פּראָדוציר־אויפן. אין דער איינפאכער סכוירע־ווירטשאפט זײַנען קריזיסן מעגלעך, אָבער זיי זײַנען קלאל ניט קיין נויטווענדיקײַט. דאָ זײַנען זיי ניט אומפארמײַדלעך, זיי קאָנען יאָ זײַן און קאָנען ניט זײַן. באם קאפּיטאליזם אָבער איז ניט נאָר די קריזיסן קאָנען, נאָר זיי מוזן פאָרקומען,— זיי זײַנען ניט נאָר מעגלעך, נאָר אויך נויטווענדיק.

אינעם דריטן קאפּיטל (זע זײַט 64) האָבן מיר באוויזן, וויאזוי די מעגלעכקײַט פון קריזיסן אנטשטייט פון דער צעצווייטקײַט פון דער סכוירע אף סכוירע און געלט, וויאזוי די קריזיסן אנטהאלטן זיך אין אן עמבריאָנעלער פאָרם אין דער סכוירע ביכלאל.

בא דער איינפאכער סכוירע־פּראָדוקציע איז דער ציל פון דער פּראָדוקציע צו באפרידיקן די באדערפעונישן פון די סכוירע־פּראָדוצירער, און ניט דאָס ארויסבאקומען רעווער. די גרייס פונעם מארק איז באגרענעצט, דערפאר ווײַל די ארבעט-צעטיילונג האָט נאָך ניט באקומען די פולשטענדיקע אנטוויקלונג. דער מארק איז ס'ראָוו אן אָרטיקער און מע קאָן לײַכט זען, וואָס אף אים טוט זיך. אויסער דעם זײַנען די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאפט נאָך זייער ווייניק אנטוויקלט,— די פּראָדוקציע איז נאָך אן אינדיווידועלע, א פּראָדוקציע פון האנטארבעט,— זי ווערט געפירט אין א באגרענעצטער מאָס און קאָן זיך ניט שנעל פארברייטערן.

דעריבער איז אן אלגעמיינע איבערפּראָדוקציע אין דער איינפאכער סכוירע־פּראָדוקציע האגאם אפילע מעגלעך, אָבער זי איז ניט אומפארמײַדלעך. בא דער איינפאכער סכוירע־פּראָדוקציע זײַנען קיין אלגעמיינע איבערפּראָדוקציע־קריזיסן ניט פאָרגעקומען.

דער אופקום פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע ברענגט דערצו, אז עס פאר־שטארקט זיך ווײַטער די מעגלעכקײַט פון קריזיסן און ער שאפט אזוינע באדינגונגען וואָס בא זיי וואקסט די מעגלעכקײַט פון קריזיסן אריבער אין זייער נויטווענדי־קײַט. באם קאפּיטאליזם באקומט די סכוירע־פּראָדוקציע אן אלגעמיינע פארשפּרייטונג. די טרײַבקראפט פון דער פּראָדוקציע איז דער רעווער. יעדער קאפּיטאליסט שטרעבט וואָס מער צו פארברייטערן די פּראָדוקציע, קעדיי צו באקומען וואָס מער רעווער. די פּראָדוקציע ווערט געפירט שוין ניט אין א קליינעם מאסשטאב, נאָר אין א גרויסן, ווו עס ווערן אָנגעווענדט מאשינעס, און דעריבער קאָן זי זיך שנעל פארברייטערן. די ארבעט־צעטיילונג ווערט נאָך מער קאָמפּליצירט; עס

אנטוויקלט זיך דער קרעדיט, וואָס פאַרבינדט אין אַן איינהײטלעכן רינג אַלע קאַפּיטאַליסטן. מיטן וווּקס פון דער אַרבעט־צעטײלונג פאַרשטאַרקט זיך די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע. אין דער זעלביקער צײַט זעצט דער קאַפּיטאַליזם אַראָפּ דעם לעבנס־ניוואָ פון די מאַסן. דער אַרבעטער־קלאַס ווערט פאַראָרעמט. די פאַרברייטערונג פון דער פּראָדוקציע, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער שטרעבונג פונעם קאַפּיטאַל צו באַקומען אַלץ אַ גרעסערע מאַסע מערווערט, קומט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער באַגרענעצטער געברויך־קראַפט פון די מאַסן. צוליב די דאָזיקע אַלע באַדינגונגען ווערן שוין די קריזיסן אומפאַרמײַדלעך.

פאַר דער איינפאַכער סכוירע־ווירטשאַפט איז כאַראַקטעריסטיש דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער און פּריוואַטער אַרבעט. אָבער דאָ איז נאָך ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דעם פּראָדוציר־אופן און דעם אופן פון דער צוייגענונג (זע קאַפּיטל IV, זײַט 75). באַם קאַפּיטאַליזם ווערט דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער און פּריוואַטער אַרבעט פאַרוואַנדלט אין אַ ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג.

„דאָס צוייגענען דורך פּריוואַטע פּערזאָנען דעם פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס איז אָרגאַניזירט פון דער סכוירע־ווירטשאַפט, — אָט אין וואָס עס באַשטייט דער מעהוס פון קאַפּיטאַליזם" (ל ע נ י נ, באַנד I, זײַט 128).

אַזוי ווי די מעגלעכקײַט פון קריזיסן, וואָס איז אייגנטימלעך שוין דער סכוירע־פּראָדוקציע, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נויטוועדיקייט בלויז אין דער באַזע פון קאַפּיטאַליזם, איז קלאָר, אַז די סיבה פון די קריזיסן דאַרפן מיר זוכן טאַקע אינעם גרונט־ווידערשפּרוך פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס שיידט אים אונטער פון דער איינפאַכער סכוירע־פּראָדוקציע.

אין וואָס באַשטייט דער סאַמע טאַך פונעם גרונט־ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם? מע דאַרף זיך ניט פאָרשטעלן דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך אין אַזאַ, לעמאָשל, פאַרייִנפאַכטער פאָרם: אויף איין זײַט די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע, אויף דער צווייטער — דער קאַפּיטאַליסט; עס ווערן פּראָדוצירט געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטן, און נאָכדעם קומט דער קאַפּיטאַליסט און פאַרייגנט זיי.

דער גרונט־ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם באַשטייט דערין, וואָס די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוצירונג איז א ו נ ט ע ר ג ע וו אָ ר פ ן דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן. די קאַפּיטאַליסטישע צוייגענונג איז ניט בלויז די צוייגענונג פון די פּראָדוקטן, נאָר אויך דאָס אייגנטום פון דער בורזשואַזיע אויף די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר־מיטלען. אָט דערפאַר טאַקע, ווײַל די קאַפּיטאַליסטן זײַנען די פּריוואַטע באַזיצער פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר־מיטלען, פאַרייגענען זיי פאַר זיך דעם פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דער גרונט־ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם באַשטייט, אַזוי אַרום, אין דער ה ע ר ש אַ פ ט פונעם קאַפּיטאַל איבער דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

פונדאַסן איז געדרונגען, אַז די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוצירונג גופא עקזיסטירט ניט כדי צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט, נאָר כדי צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פונעם קאַפּיטאַל. „דער קאַפּיטאַל און דער זעלבסט־אויפ־

שטײַג פון זײַן ווערט זײַנען דער אויסגאנג-און ענדפונקט, דער מאָטיוו און דער ציל
פון דער פּראָדוקציע; די פּראָדוקציע איז בלויז א פּראָדוקציע פארן קאפּיטאל,
און ניט פארקערט: די פּראָדוציר-מיטלען זײַנען ניט סטאם מיטלען אפּ פארברייי־
טערן קעסיידער דעם לעבנ-פּראָצעס פון דער געזעלשאפט פון פּראָדוצירער"
(מארקס, קאפּיטאל, באנד III, זײַט 171 — 172).

די טענדענץ צו
דער גרענעצלאָ־
זער פארברייטע־
רונג פון דער
פּראָדוקציע

וויבאלד די געזעלשאפטלעכע פּראָדוקציע איז בלויז א מיטל
צו פארגרעסערן דעם ווערט פון קאפּיטאל, נוצט זי טאקע
אויס דער קאפּיטאל אלס אזא מיטל: דער קאפּיטאל שטרעבט צו
פארברייטערן אָן א גרענעץ די פּראָדוקציע מיטן צוועק
צו פארגרעסערן מיט אלע מיטלען דעם מערווערט און צוזאמענ
דערמיט דעם ווערט פון קאפּיטאל (אָנזאמלונג).

נאָכמער, צוליב דער געפאר רויִנירט צו ווערן איז יעדער קאפּיטאליסט
געצוווּנגען פארברייטערן און פארבעסערן די פּראָדוקציע. קעדיי אויסהאלטן דעם
קאָנקורענץ־קאמפ, דה. ניט בלויז קעדיי צו פארגרעסערן זײַן רעווע, נאָר אויך
כּאָשעט קעדיי ניט ארויסגעשטויסן צו ווערן פונעם מארק, שטרעבט יע־
דער קאפּיטאליסט צו פארקויפן ביליקער זײַנע סכוירעס. יעדער קאפּיטאליסט מוז
שטענדיק שטרעבן צו שלאָגן זײַנע קאָנקורענטן, אנדערש וועט ער אליין גע-
שלאָגן ווערן.

אָבער קעדיי צו צעקלאפּן אנדערע קאפּיטאליסטן דורך נידעריקערע פּרײַזן,
דארפ מען פארקלענערן די אייגענע פּראָדוציר־אויסגאבן, ביליקער פּראָדוצירן,
און דערגרייכן דאָס קאָן מען אופהייבנדיק די ארבעט-פּראָדוקטיווקײַט, פארשטארקנ־
דיק די עקספּלואטאציע, פארברייטערנדיק די פּראָדוקציע. „די אומדערבארעמדיקע
קראפט פון דער געזעלשאפטלעכער אנארכיע אין דער פּראָדוקציע פארוואנדלט
די מעגלעכקײַט צו פארפולקומענ אומענדלעך די מאשינעס אין דער גרויס-אינ־
דוסטריע אין א צוואנג־נויטווענדיקײַט פאר יעדן איינצלנעם קאפּיטאליסט אָנופּ־
הערלעך צו פארפולקומען זײַנע מאשינעס, קעדיי ניט רויִנירט צו ווערן... אין אזא
צוואנג-נויטווענדיקײַט ווערט פארוואנדלט פאר זיי אויך די איינפאכע פאקטישע
מעגלעכקײַט צו פארברייטערן דעם פארנעם פון זייער פּראָדוקציע" (ענגעלס,
אנטי־דיורינג, ז.ז. 196 — 197).

צום פארברייטערן די פּראָדוקציע, צום העכערן די ארבעט-פּראָדוקטיווקײַט,
העכערנדיק דעם אָרגאנישן באשטאנד פונעם קאפּיטאל, שטויסט ווידער די קאפּי־
טאליסטן דאָס פאלן פון דער דורכשניטלעכער רעווע־נאָרמע, וואָס איז אליין א
רעזולטאט פון דעם, וואָס עס וואקסט דער אָרגאנישער באשטאנד פונעם קאפּיטאל.
וואָס נידעריקער עס איז די דורכשניטלעכע רעווע־נאָרמע, אלץ מער דארפ מען
פּראָדוצירן, קעדיי צו באקומען א גרעסערע מאסע רעווע. אָבער די מיטלען,
וואָס מיט זיי ווערט דאָס דערגרייכט, — דאָס העכערן דעם אָרגאנישן באשטאנד
פונעם קאפּיטאל — ברענגען צום ווײַטערדיקן פאלן פון דער דורכשניטלעכער רע־
ווע־נאָרמע און דאָס, ווידער, שטויסט ווײַטער צום פארברייטערן די פּראָדוקציע
אאוו. אאוו. (זע זײַט 171).

פון אלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, איז געדרונגען, אז „פאר דעם קא-

פיטאליסטישנ פראָדוציר-אויפנ איז אײגנטימלעכ די שטרעבונג צו דער אבסאָליוטער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ, אומאָפהענגיק פונ דעם ווערט אונ פונעם מערווערט, וואָס אנט־האלט זיכ אינ אים, אונ אויכ אומאָפהענגיק פונ די געזעלשאפט־לעכע פארהעלטענישנ, וואָס בא זיי קומט פאָר די קאפיטאליס־טישע פראָדוצירונג" (מארקס, קאפיטאל, באנד III, זייַט 171. מייַנ קורסיוו. — ל. ס.).

קעדיי צו דערגרייכנ זייער ציל, דארפנ די קאפיטאליסטנ אָנ א שיר פארברייטערנ די פראָדוקציע, דה. פארברייטערנ זי אזוי, פונקט ווי די גרענעצ פונ דער דאָזיקער פארברייטערונג וואָלטנ געווענ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ גופע, אומאָפהענגיק דערפונ, צי וועלנ די פראָדוצירטע פראָדוקטנ געפינענ אנ אָפזאצ אָדער נײנ. ווײבאלד די פראָדוציר־מיטלענ עקזיסטירנ אלס קאפיטאל, מוזנ זיי פונקציאָנירנ, אינ קעגנפאל הערנ זיי אופ צו זייַנ קאפיטאל. דעריבער איז „מיט דער אנטוויקלונג פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע ווערט דער מאסשטאב פונ דער פראָדוקציע אינ אלצ א קלענערער מאָס באשטימט דורכנ דירעקטנ נאָכפרעג אפנ פראָדוקט אונ ווערט אינ אלצ א גרעסערער מאָס באשטימט דורכ דער גרייס פונ קאַ־פיטאל" (מארקס, קאפיטאל, באנד II, זייַט 90. מייַנ קורסיוו. — ל. ס.).

אלזאָ, דער קאפיטאל מוז אָנ א גרענעצ פארברייטערנ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקציע, וואָס איז אים אונטערגעוואָרפנ אונ וואָס דינט אלס מיטל צו פאר־גרעסערנ דעם קאפיטאל. אָבער צי קאָנ ווירקלעכ דער קאפיטאל אָנ א שיר פאר־ברייטערנ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקציע?

דער קאפיטאל איז א גרענעצ פארנ פארברײ־טערנ די קאפי־טאליסטישע פראָדוקציע

דער ווערט אונ דער מערווערט ווערנ דאָכ ניט פראָדוצירט אומ־אָפהענגיק פונעם פראָדוצירנ דעם געברויכ-ווערט. קעדיי צו פאר־גרעסערנ דעם מערווערט, דארפ מענ פארברייטערנ די פראָדוצי־רונג, אָבער די פראָדוצירונג פונ וואָס? די פראָדוצירונג פונ געברויכ־ווערטנ (פראָדוציר-מיטלענ אונ געברויכ־זאכנ), וואָס עמע־צער דארפ זיי געברויכנ.

אָבער די פראָדוצירטע געברויכ-ווערטנ זייַנענ סכוירע, דערצו ניט סטאם א סכוירע, נאָר א קאפיטאליסטיש פראָדוצירטע סכוירע; אינ זיי אנטהאלט זיכ א באשטימטע מאסע מערווערט, הייסט עס, אז די דאָזיקע געברויכ-ווערטנ קאָנענ פארברויכט ווערנ ערשט נאָכ דעם, ווי מע האָט זיי פארקויפט, ערשט נאָכ דעם, ווי אינעם פארקויפ פונ די פראָדוצירטע סכוירעס איז פאָרגעקומענ די פארוואנדלונג פונ דער סכוירע אינ געלט אונ דערמיט גופע פונעם סכוירע-קאפיטאל אינ געלט־קאפיטאל.

„אינ די קאפיטאליסטישע קעגנזייַטיקע פארהעלטענישנ באקומט דער איבער־פליסיקער פראָדוקט אזא פאָרמ, אינ וועלכער זייַנ באזיצער קאָנ אים לאָזנ אינ געברויכ בלויז אינ דעם פאל, אויב ער וועט פאר אים ווידעראמאָל פארוואנדלט ווערנ אינ קאפיטאל" (מארקס, קאפיטאל, באנד III, זייַט 177).

א טייל פונ די פראָדוצירטע געברויכ-ווערטנ (פראָדוציר־מיטלענ אונ א טייל

געברויכ-פּראָדוקטנ) קויפנ די קאַפּיטאַליסטנ אַליינ איינער באַמ אַנדערנ, אָבער דעמ איבעריקנ טייל דאַרפ קויפנ דער אַרבעטער־קלאַס. אָבער צי קאָנ דער אַרבעטער־קלאַס באַמ קאַפּיטאַליזמ פאַרברויכנ אָנ א שיר? ער קאָנ ניט. זײַנ געברויכ־קראַפט באַשטימענ ניט זײַנע באַדערפענישנ, נאָר זײַנ קויפ־פייִקייט. די דאָזיקע פייִקייט שטייט אומפאַרמײַדלעכ אָפּ פונעמ פּראָדוקציע־וווּקס, ווײַל די פאַראָרעמונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס איז א געזעצ פאַרנ קאַפּיטאַליזמ.

הייסט עס, אויב פונ איינ זײַט דאַרפ דער קאַפּיטאַל, קעדיי צו דערגרייכנ זײַנ ציל, אַנטוויקלענ אָנ א גרענעצ די פּראָדוקציע, דאַרפ ער, פונ דער צווייטער זײַט, אויכ אומפאַרמײַדלעכ אַראָפּזעצנ די געברויכ-קראַפט פונ דער געזעלשאַפט. די שטרעבונג צו פאַרברייטערנ אָנ א שיר די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע שטויסט זיכ אָנ אָפּ דער גרענעצ פונ דער געברויכ-קראַפט פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. די דאָזיקע „געברויכ־קראַפט פונ דער געזעלשאַפט ווערט באַשטימט ניט דורכ דער אַבסאָליוטער פּראָדוקטיוו־קראַפט, און ניט דורכ דער אַבסאָליוטער געברויכ-פייִקייט, נאָר דורכ דער געברויכ־פייִקייט אָפּ דער באַזע פונ די אַנטאַגאָניסטישע פאַרהעלטענישנ אינ דער פאַרטיילונג, וואָס דערפירנ דעמ געברויכ פונ דער קאָלאָסאַלער מאַסע פונ דער געזעלשאַפט צומ מיני־מומ, וועלכער ענדערט זיכ בלויז אינ מער אָדער ווייניקער שמאָלע גרענעצנ” (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זײַט 167. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

דאָס דערפירנ דעמ געברויכ פונ דער „קאָלאָסאַלער מאַסע פונ דער געזעל־שאַפט”, דה. פונעמ פּראָלעטאַריאַט, צומ מינימומ און דערצו צו אַזא מינימומ, וואָס פאַרקלענערט זיכ צוזאַמענ מיטנ וווּקס פונ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוק־ציע, דרינגט אַרויס דירעקט פונעמ ציל גופע פונ קאַפּיטאַל, פונעמ עצעמ מע־הוס פונ דער קאַפּיטאַליסטישער צווייגעגונג. דעריבער, ווענ מיר זאָגנ, אַז די שטרעבונג צו פאַרברייטערנ אָנ א שיר די פּראָדוקציע שטויסט זיכ אָנ אָפּ דער געברויכ־קראַפט פונ דער געזעלשאַפט, ווי אָפּ איר גרענעצ, אַז די גרענעצ פונ דער דאָזיקער פאַרברייטערונג איז די געברויכ-קראַפט פונ די מאַסנ, באַטײַט עס אינ טאָכ, אַז די גרענעצ צו פאַרברייטערנ די פּראָדוקציע איז דער קאַפּיטאַל אַליינ. אָט פאַרוואָס מאַרקס זאָגט, אַז „די ווירקלעכע גרענעצ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע איז דער קאַפּיטאַל גופע” (דאָרט, זײַט 171).

די סיבע פונ די קריזיסנ

דער ציל, וואָס דער קאַפּיטאַליזמ שטעלט זיכ, דה. דאָס פאַרגרעסערנ דעמ ווערט פונ קאַפּיטאַל, איז צו באַגרענעצט און שמאָל פאַר די מיטלענ, וואָס ער דאַרפ אָנווענדנ אָפּ דערגרייכנ דעמ דאָזיקנ ציל, דה. צו שמאָל פאַר דער גרענעצלאָזער פאַרברייטערונג פונ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע. מיט אַנדערע ווערטער: די קאַפּיטאַליס־טישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישנ זײַנענ צו שמאָל פאַר דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

„די ראַמענ, וואָס בלויז אינ זיי קאָנ אײַנגעהיט און פאַרגרעסערט ווערנ דער קאַפּיטאַל־ווערט, וואָס באַזירט זיכ אָפּ דער עקספּראָפּריִאַציע און פאַראָרע־מונג פונ די ברייטע מאַסנ פּראָדוצירער, די דאָזיקע ראַמענ טרעטנ דעריבער קע-

סיידער אריינ אינ א קאָנפליקט מיט די פראָדוציר־מעטאָדנ, וועלכע דער קאפיטאל דארפ אָנווענדנ צוליב זיינע צילנ אונ וועלכע פירנ צומ פארגרעסערנ אומבאגרענעצט די פראָדוקציע, צו דער פראָדוצירונג אלס זעלבסטציל, צומ אנטוויקלענ אומבאדינגט די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קראפט. דאָס מיטל — דאָס אומבאגרענעצטע אנטוויקלענ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ — טרעט אריינ אינ א שטענדיקנ קאָנפליקט מיטנ באגרענעצטנ ציל — מיטנ פארגרעסערנ דעמ ווערט פונעמ עקזיסטירנדיקנ קאפיטאל" (דאָרט, זייט 172. מיינ קורסיוו. — ל. ס.).

דער דאָזיקער קאָנפליקט צווישנ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ אונ דעמ באגרענעצטנ ציל פונ קאפיטאל דריקט זיכ אויס אינ די קריזיסנ פונ איבערפראָדוקציע. פארשטייט זיכ, אז דאָס איז בלויז א רעלאטיווע איבערפראָדוקציע. דער איבערפלוס פונ די פראָדוצירטע סכוירעס איז אנ איבערפלוס ניט אינ פארגלייכ מיט דעמ, וואָס די געזעלשאפט וואָלט ביכלאל געקאָנט געברויכנ, נאָר אינ פארגלייכ מיט דעמ, וואָס זי קאָנ געברויכנ בא דער הערשאפט פונ קאפיטאליזמ. די געברויכ־קראפט פונעמ ארבעטער־קלאס באמ קאפיטאליזמ באשטימענ ניט זיינע באדערפענישנ, נאָר זיינ קויפ־פייִקייט.

די אנארכיע פונ דער פראָדוקציע אונ די פאראָרעמונג פונעמ ארבעטער־קלאס דרינגענ ארויס פונעמ גרונט־ווידערשפרוכ פונעמ קאפיטאליזמ: פונעמ ווידערשפרוכ צווישנ דעמ געזעלשאפטלעכנ כאראקטער פונעמ פראָדוצירנ אונ דעמ קאפיטאליסטישנ כאראקטער פונעמ צוייגענענ. די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ, וואָס דער קאפיטאל האָט אנטוויקלט, לייגנ זיכ ניט איינ אינ די ראמענ פונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג, וואָס הערשט איבער זיי אונ וואָס ווידערשפרעכט זיי. די סיבע פונ די קריזיסנ ליגט אזוי־ארומ אינעמ ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג אונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג.

עס אנטשטייט, נאטירלעכ, אזא פראגע. די סיבע פונ די קריזיסנ — דער ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג אונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג — עקזיסטירט אונ ווירקט קעסיידער, — פארוואָס־זשע, וויבאלד אזוי, קומענ פאָר די קריזיסנ בלויז פונ צייט צו צייט, פארוואָס געפינט זיכ ניט די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע אינ א צושטאנד פונ פערמאנענטנ (אָנופהערלעכנ) קריזיס, נאָר זי באוועגט זיכ דורכ די סטאדיעס פונ אופשטייג, קריזיס, שטילשטאנד, אופשטייג אאוו.?

קעדיי צו ענטפערנ אפ דער דאָזיקער פראגע, איז נייטיק, מיר זאָלנ זיכ דערמאָנענ, אפ וואָס פאר אנ אויפנ עס קומט ביכלאל פאָר די פארברייטערונג פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע.

די ראָליע פונ פראָדוקטיוונ געברויכ

מיר האָבנ געזענ אינעמ פאָריקנ קאפיטאל, אז דער שנעלערער וווקס פונ דער פראָדוקציע פונ די פראָדוציר־מיטלענ אינ פארגלייכ מיט דער פראָדוקציע פונ ארטיקלענ פארנ פערזענלעכנ געברויכ איז א געזעצ פונ דער פארברייטערטער קאפיטאליסטישער רעפראָדוקציע. אָט דער פאקטאָר, ניט נאָר ער פארשטארקט די סטירע

צווישנ דיביידע טיילנ פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע און פירט צו קריזיסנ, נאָר ער איז גלײַכצײַטיק די סיבע, פארוואָס דער ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג רופט ארויס ניט קיינ באשטענדיקע איבערפראָדוקציע, נאָר אזא איבערפראָדוקציע, וואָס כאזערט זיכ בלויז איבער פונ צײַט צו צײַט.

דער וווקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונעמ קאפיטאל באטײַט, אז אלצ א גרעסערער טייל פונעמ געזעלשאפטלעכנ פראָדוקט ווערט געברויכט אלס קאָנסטאנטער קאפיטאל, דה. ער גייט ארײַנ אינ פראָדוקטיווע געברויכ (צומ אונטערשייד פונ די עקזיסטענצ־מיטלענ, וואָס גייענ ארײַנ בלויז אינ פערזענלעכנ געברויכ). דעריבער קאָנ די פראָדוקציע ביכלאל זיכ פארגרעסערנ ביז א געוויסער גרענעצ אומאָפהענגיק פונעמ געברויכ פונ די מאסנ. אפ וויפל די פראָדוציר־מיטלענ גייענ ניט ארײַנ דירעקט אינעמ פערזענלעכנ געברויכ פונעמ פראָלעטאריאט, אפ אזויפיל איז דער פראָדוקטיווער געברויכ, דער געברויכ פונ די פראָדוציר־מיטלענ ניט באגרענעצט דורכ דער קויפ־פײַקײַט פונ די מאסנ.

דער וווקס פונעמ געברויכ פונ די פראָדוציר־מיטלענ, וואָס קומט פאָר אדאנק דעמ וווקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ געזעלשאפטלעכנ קאפיטאל, רופט ארויס א נאָכפרעג מיצאד די קאפיטאליסטנ אפ אלצ א גרעסערנ סכומ פראָדוציר־מיטלענ, וואָס געפינענ אזויארומ אנ אָפזאצ פאר זיכ אינ דער פראָדוקציע גופע.

פונ דער צווייטער זײַט, וואקסט אינ צוזאמענהאנג דערמיט אויכ דער געברויכ פונעמ ארבעטער־קלאס. ווענ די פראָדוקציע פארברייטערט זיכ, פאָדערנ זיכ מער ארבעטער, מעמיילע ווערט אויסגעצאָלט מער ארבעטלוינ, עס וואקסט די קויפ־קראפט באמ ארבעטער־קלאס. דער געברויכ פונעמ ארבעטער־קלאס ווערט, ווי מיר וויסנ, באדינגט דורכ די באדערפענישנ פונ דער קאפיטאל־אָנזאמלונג: ווענ, קעדיי צו פארברייטערנ די פראָדוקציע, ציִענ די קאפיטאליסטנ ארײַנ מער ארבעטער און זײַנענ געצווונגענ בא געוויסע באדינגונגענ צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ, פארברייטערנ זיי דערמיט גופע דעמ אָפזאצ־מארק אויכ פאר די געגנשטאנדנ פונ מאסנ־געברויכ.

אזויארומ קאָנענ די ווידערשפרוכנ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג ביז א געוויסער מאָס אנטוויקלענ זיכ, אזוי צו זאָגנ, אָנ א צוזאמענשטויס צווישנ דעמ וווקס פונ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און די ענגע גרענעצנ, וואָס די קאפיטאליסטישע צוייגענונג שטעלט איר, — אָנ א קריזיס.

די פארברייטערונג פונעמ געברויכ פונ פראָדוציר־מיטלענ שאפט ביז א געוויסער צײַט א מעגלעכקײַט צו פארברייטערנ די פראָדוקציע, אומאָפהענגיק פונעמ צושטאנד, אינ וועלכנ עס געפינט זיכ די געברויכ־קראפט פונ די מאסנ. אָבער בלויז ביז א געוויסער צײַט, ווײַל פריִער אָדער שפעטער מוז די טענדענצ צו דער אומבאגרענעצטער פארברייטערונג פונ דער פראָדוקציע זיכ אָנשטויסנ אפ איר מעניִע — אפ דער באגרענעצטער געברויכ־קראפט פונ דער געזעלשאפט.

די דיספראָפּאָר־ציאָנעלקייט פון דער פּראָדוקציע און דער ווידער־שפּרוך צווישן דער פּראָדוצי־רונג און געברויך

אָבער סאָפּקאָלסאָפּ דינען דאָך די פּראָדוציר־מיטלען אַפּ פּראָ־דוצירן געברויך-געגנשטאנדן. פאַר די קאַפּיטאַליסטן ביכלאַל איז קיין שום נאַפּקעמינע ניט, וואָסערע געברויך־ווערטן זיי פּראָדוצירן. פאַר זיי זײַנען די פּראָדוציר־־מיטלען קאַפּיטאַל, דה. א מיטל אַפּ אויסזויגן ניטבאַצאָלטע אַרבעט פונעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער קעדיי צו פּראָדוצירן מערווערט, קאָנען ניט די קאַפּיטאַליסטן אויסמײַדן די נויטווענדיקייט צו פּראָדוצירן גאַנצע קאָנקרעטע געברויך-ווערטן. און ווײַפּל פּראָדוציר־מיטלען זיי זאָלן ניט אויס־אַרבעטן, דאַרף יעדעס פּראָדוציר־מיטל אין דער לעצטער שורע, ווי מיר האָבן געזען אינעם פּאַריקן קאַפּיטל, דינען פאַר דער אויסאַרבעטונג פון געברויך־זאַכן.

אַזוי ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט הערשט אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, מוז דער שנעלערער וווּקס פון די פּראָדוציר־מיטלען סאָפּקאָלסאָפּ ברענגען צו א דיספּראָפּאָרץ צווישן דער ערשטער און צווייטער אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג. פּראָדוציר-מיטלען ווערט אומפּאַרמײַדלעך פּראָדוצירט צופיל אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס עס פּאָדערט זיך פאַר דער צווייטער אָפּטיילונג. עס קומט אָן אַן איבערפּראָדוקציע אין דער ערשטער אָפּ־טיילונג. אָבער די דאָזיקע איבערפּראָדוקציע קומט פּאָר דערפאַר, ווײַל די צווייטע אָפּטיילונג, וועלכע פּראָדוצירט געברויך־געגנשטאַנדן, קאָן ניט פאַרברייטערן אַזוי גיך די פּראָדוקציע. אַז זי זאָל זײַן אימשטאַנד צו באַנוצן אַלע פּראָדוציר־מיטלען, וואָס די ערשטע אָפּטיילונג ליגט איר פּאָר. זי קאָן עס ניט דערפאַר, ווײַל זי שטויסט זיך אָן דירעקט אָן דער באַגרענעצטער געברויך־קראַפט פון די מאַסן.

די דיספּראָפּאָרציאָנעלקייט אין דער פּראָדוקציע דרינגט אַרויס פונעם ווידער־שפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג. דער ווידערשפּרוך צווישן דער טענדענץ צו פאַרברייטערן אָן א גרענעץ די פּראָדוקציע און צווישן דער באַגרענעצטער געברויך-קראַפט פון די מאַסן נעמט זיך אויך פונעם דאָזיקן גרונט-ווידערשפּרוך פונעם קאַפּיטאַליזם. דאָס זײַנען בלויז צוויי אַנטפּלעקונג-פּאָרמען פונעם גרונט-ווידערשפּרוך פונעם קאַפּיטא־ליזם.

דעריבער קאָן מען ניט באַטראַכטן די דיספּראָפּאָרציאָנעלקייט צווישן די פּראָדוציר־צווײַגן און דעם ווידערשפּרוך צווישן פּראָדוצירונג און געברויך אַלס די סיבעס פון די קריזיסן. די סיבע פון די קריזיסן איז דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג. „דער יעסאָד פון די עקאָנאָמישע קריזיסן און פון דער איבערפּראָדוקציע, זייער סיבע ליגט אין דער סיסטעם גופא פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט" (סטאַלין, פּראַגעס פון לעניניזם. מײַן קורסיוו.—ל.ס.).

2. דער גאנג פונעם קריזיס

די קאָמפּליצירטקייט פון די פאָרמען, אין וועלכע דער קריזיס גייט דורכ, ברענגט דערצו, אז די ווירקלעכע סיבעס פונעם קריזיס ווערן אינגאנצנ פאר־שטעלט. אָט זײַנען עטלעכע בײַשפּילן.

דער קריזיס אנטפּלעקט זיכ צוערשט ניט אינעם געביט פון דער פּראָדוקציע, נאָר אינ געביט פון קרעדיט און האנדל. דעריבער שאפט זיכ די שײַנבארקײַט, אז די דערשיטערונג פונעם קרעדיט און האנדל איז טאקע די סיבע פונעם קריזיס.

דער גרונט-ווידערשפּרוכ פונעם קאפּיטאליזמ ברענגט דערצו, אז דער וווקס פון די געזעלשאפטלעכע פּראָדוקטיוו־קרעפטנ שטויסט זיכ אָנ אפ דער מעניָע, וואָס עס שטעלט זיי די קאפּיטאליסטישע צוייגענונג אינ דער פאָרמ פונעם באגרענעצטנ געברויכ פונ די מאסנ. אָבער דער קריזיס הייבט זיכ געוויינלעכ אָנ ניט אינ די צווײַגנ, וועלכע פּראָדוצירנ געברויכ־געגנשטאנדנ, נאָר אינ די צווײַגנ, וועלכע פּראָדוציר־מיטלענ. עס דוכט זיכ דעריבער, אז די איבערפּראָ־דוקציע האָט ניט קיינ שומ פארבינדונג מיטנ פּראָלעטארישנ צושטאנד פונ די מאסנ, דה. מיט די קאפּיטאליסטישע פּראָדוציר-פארהעלטענישנ.

די בורזשואזע און סאָציאַל־פאשיסטישע „טעאָרעטיקער“, וואָס פארקריפּלענ דעמ ווירקלעכנ צוזאמענהאנג פונ די סיבעס מיט די רעזולטאטנ, נוצנ אויס די דאָזיקע אלע דערשײַנונגענ, קעדיי צו דערווײַזנ, אז די באזײַטיקונג פון די קרי־זיסנ איז מעגלעכ אויכ באמ קאפּיטאליזמ.

דעריבער דארפנ מיר זיכ ניט באגרענעצנ בלויז מיט קלאָר מאכנ די סיבעס פונעם קריזיס,—עס איז נייטיק אויכ צו דערקלערנ דעמ גאנג פונעם קריזיס.

די אנטוויקלונג פונעם קריזיס

דער קריזיס קומט אָנ גראָד אינ דעמ מאָמענט, ווענ די געשעפטנ גייענ בא די קאפּיטאליסטנ גלענצנדיק. די איבערפּראָדוקציע אנטפּלעקט זיכ פּלוצלינג, און פּונקט אזוי אומגעריכט קומט אָנ דער קריזיס. אינדערעמעסנ אָבער עקזיסטירט די איבערפּראָדוקציע אינ א פאר־באָרגענער פאָרמ נאָכ ביזנ קריזיס. דערצו ווירקט מיט דער קרעדיט און האנדל.

אינ די בענק ווערנ קאָנצענטרירט קאָלאָסאלע געלט־קאפּיטאלנ, וואָס ווערנ געגעבנ אלס האלוואָע די אינדוסטריעלע קאפּיטאליסטנ. דער קרעדיט גיט די קאפּיטאליסטנ א מעגלעכקײַט צו פּראָדוצירנ, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס די פריִער פּראָדוצירטע סכוירעס זײַנענ נאָכ ניט פארקויפט. בא דער פּרײַזנ-העכערונג, וואָס קומט פאָר פארנ קריזיס, גיט דער קרעדיט די קאפּיטאליסטנ א מעגלעכקײַט צו פּראָדוצירנ, אזוי צו זאָגנ, פארנ לאגער, אָפּווארטנדיק אפ דער ווײַטערדיקער העכערונג פונ די פּרײַזנ. אפ וויפל די געשעפטנ פונ די קאפּיטאליסטנ גייענ גוט, עס וואקסט דער נאָכפרעג אפ סכוירעס, עס וואקסנ די פּרײַזנ אאוו.,—אפ אזויפיל פארקויפנ אויכ די קאפּיטאליסטנ איינער דעמ אנדערנ סכוירעס אינ קרעדיט. אזויארום ווירקט מיט דער קרעדיט דערצו, אז די פּראָדוקציע גייט ארויס אויי־סער די ראמענ פונ דער ווירקלעכ פאראנענער קויפ־פייִקײַט. די בענק און דער קרעדיט זײַנענ „דאָס שטארקסטע פונ די מיטלענ, וואָס פירנ ארויס די קאפּי־טאליסטישע פּראָדוקציע אויסער אירע אייגענע גרענעצנ, און זיי זײַנענ איינער

פון די מעכטיקסטע נעסטן פון די קריזיסן און ספּעקולאַציעס" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זײַט 436).

דער נאָכפֿרעג אויף סכוירעס בײַסן אויפֿשטײַג, וואָס קומט פֿאַר פֿארן קריזיס, שטעלט מיט זיך פֿאָר ניט בלויז אַ נאָכפֿרעג פֿון די דירעקטע געברויכער, נאָר אויך אַ ספּעקוליאַטיווע נאָכפֿרעג פֿון די האַנדל־קאַפּיטאַליסטן: האָפֿנדיק צו באַקומען גרויסע פּראָפֿיטן, קויפֿן אײַן די האַנדל־קאַפּיטאַליסטן בײַ די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן סכוירעס אין אַ סאַך אַ גרעסערער מאָס, איידער דאָס פֿאָדערט דער נאָכפֿרעג פֿון די דירעקטע געברויכער. די אָפּזונדערונג פֿונעם סכוירע־קאַפּיטאַל אין דער פֿאָרם פֿון זעלבשטענדיקן האַנדל־קאַפּיטאַל (זע ז. 164) ברענגט דערצו, אַז עס בילדעט זיך אויס אַ זעלבשטענדיקער האַנדל־נאָכפֿרעג. דאָס פֿירט ווידעראַמאָל אַרויס די פּראָדוקציע אויסער די ראַמען, וואָס ווערן באַשטימט דורך דער ווירקלעכער געברויך־קראַפֿט פֿון דער געזעלשאַפֿט. „צוליב זײַן אָפּגעזונדערטקײַט מאַכט ער (דער האַנדל־קאַפּיטאַל. — ל. ס.) דורך זײַן באַוועגונג אין געוויסע גרענעצן אומאָפּהענגיק פֿון די ראַמען, וואָס דער רעפּראָדוציר־פּראָצעס פֿאָדערט און דעריבער צווינגט ער אפֿילו דעם רעפּראָדוציר־פּראָצעס אַרויסגיין פֿון זײַנע ראַמען" (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זײַט 212).

אַזוי־אַרום שאַפֿט זיך אַ פֿאַרבאָרגענע איבערפּראָדוקציע: די פּראָדוקציע ווערט פֿאַרגרעסערט מיטן פֿולן גאַנג, די פּרײַזן וואַקסן, האַגאַם דער מאַרק איז שוין איבערגעפֿולט מיט סכוירעס. אָבער ווי נאָר דער סכוירע־פֿאַרקויף פֿאַרהאַלט זיך ערגעץ, טרעט אַרויס די איבערפּראָדוקציע, וואָס איז ביז דאַן געווען אין אַ פֿאַרבאָרגענעם צושטאַנד, אויף דער אויסערלעכער וועלט אין דער פֿאָרם פֿון אַ קאָלאָסאַלער מאַסע סכוירעס, וואָס געפֿינען ניט קיין אָפּזאַץ.

ניט געקוקט דערויף, וואָס די וואָרצלען פֿון דעם קריזיס ליגן אין דער פּראָדוקציע גופֿא, אַנטפּלעקט זיך צוערשט דער קריזיס און ברעכט אויס ניט אין געביט פֿון דער פּראָדוקציע, נאָר אין געביט פֿון קרעדיט און האַנדל.

אַזוי ווי די קאַפּיטאַליסטן זײַנען פֿאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן דורך אַ פֿאַרצווײַגטער קרעדיט־נעץ, איז שוין בלויז די פֿאַרלאַנגזאַמונג אינעם אָפּזאַץ פֿון אַוועלכער־ניט־איז סכוירע, וועלכע איז פֿאַראַן אויפֿן מאַרק אין אַ גרויסן סכום, רופֿט אַרויס אַ ניטצאָל־פֿייִקײַט בײַ די אַנטשפּרעכיקע קאַפּיטאַליסטן און דאָס ווערט גלײַך איבערגעגעבן דער גאַנצער קייט קרעדיט־פֿאַרבינדונגען: ווען דער קאַפּיטאַליסט איוואַנאָוו קאָן ניט באַצאָלן צום טערמין זײַן כויוו דעם קאַפּיטאַליסט פּעטראָוו, קאָן פּעטראָוו ניט באַצאָלן פּאַוולאָוו אאַוו. אַזוי ווי דער קרעדיט ווערט קאָנצענטרירט אין די בענק, ברענגט די ניטצאָל־פֿייִקײַט פֿון די באַלכויוועס, וואָס זײַנען שולדיק די בענק, צום באַנקראָט פֿון די בענק גופֿא. אײַן באַנקראָט קומט נאָכן צווייטן. ווועלנדיק ראַטעווען זייערע אײַנלאַגן, נעמען די אײַנלייגער זיי אַרויס פֿון די בענק, עס פֿאַרגרעסערט זיך דער נאָכפֿרעג אויף האַלוואָע־קאַפּיטאַל און עס פֿאַרקלענערט זיך זײַן אָנבאָט, עס הייבט זיך שטאַרק דעריבער דער פּראָצענט־ניוואָ.

פֿונעם קרעדיט־געביט וואַרפֿט זיך דער קריזיס אַריבער אויפֿן האַנדל. אַזוי ווי די קאַפּיטאַליסטן (סײַ די אינדוסטריעלע און סײַ די האַנדל־קאַפּיטאַליסטן) נייטיקן

זיכ אינ געלט, זעצנ זיי אראָפּ די פרײַזנ אפ זייערע סכוירעס מיטנ צוועק אָפּצוועצנ זיי, אָבער דאָס פארשארפט די קאָנקורענצ אונ ברענגט דערצו, אז די פרײַזנ פאלנ נאָכ מער. האגאמ די פרײַזנ פאלנ ניט גלײַכמעסיק אינ די פארשיידענע צווײַגנ, האָט דאָכ דאָס פאלנ אנ אלגעמיינעמ כאראקטער אונ קומט פאָר אומגעריכט.

צולעצט ברעכט אויס דער קריזיס אויכ אינ געביט פונ דער פראָדוקציע. אלס רעזולטאט פונ די באנקראָטנ, פונ דעמ, וואָס די פרײַזנ פאלנ אונ וואָס עס איז ניטאָ קיינ אָפּזאצ פאר די אָנגעזאמלטע רעזערווג אונ עס ווערנ פארקלענערט די באשטעלונגענ, הייבט זיכ אָנ פארקירצנ די פראָדוקציע. עס פארמאכנ זיכ די פאבריקנ, אונ אינ יענע פאבריקנ, וואָס ארבעטנ נאָכ יאָ, ווערט פארקירצט די פראָדוקציע. די ארבעטער ווערנ מאסנווײַז אָפּגעזאָגט פונ דער ארבעט. עס הייבט זיכ אָנ אנ אָנגריפ פונ די קאפיטאליסטנ אפנ ארבעטלוינ.

די פאנאנדערוויקלונג פונעמ קריזיס אינ דער פראָדוקציע

אינ דער פראָדוקציע גופע הייבט זיכ אָנ דער קריזיס ניט דאפקע אינ די צווײַגנ, וואָס פראָדוצירנ געברויכ־געגנשטאנדנ. קעדיי עס זאָל אנטשטיינ א קריזיס פונ אנ אלגעמיינער איבערפראָדוקציע, איז קלאָל ניט נייטיק, אז מיטאמאָל גלײַכצײַטיק אינ אלע צווײַגנ זאָל זיכ ארויסווײַזנ סכוירע־מויטרעס, וואָס געפינענ ניט קיינ קוינע. עס איז גענוג, אז די איבערפראָדוקציע זאָל זיכ אָנהייבנ אינ אזא אינדוסטריע־צווײַג, וועלכער האָט א וועזנטלעכע באדײַטונג פאר דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע. „קעדיי דער קריזיס (אונ מעמיילע אויכ די איבערפראָדוקציע) זאָל זײַנ אנ אלגעמיינער, איז גענוג, אז ער זאָל ארומכאפנ די וויכטיקסטע האנדל־אָביעקטנ“ (מ א ר ק ס, מערווערט־טעאָריע, באנד II, טייל 2, זײַט 193).

אינ אָנהייב XIX יאָרהונדערט איז אזא אנטשיידנדיקער אינדוסטריע־צווײַג געווענ די טעקסטיל־אינדוסטריע, אונ די אנטשיידנדיקע לאגע אינ דער טעקסטיל־אינדוסטריע פונ דער וועלט האָט פארנומענ ענגלאנד. דעריבער פלעגט זיכ די איבערפראָדוקציע אינ דער ענגלישער טעקסטיל־אינדוסטריע פארוואנדלענ אינ א קריזיס פונ אנ אלגעמיינער איבערפראָדוקציע ניט בלויז אינ ענגלאנד אליינ, נאָר אויכ אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער. אָבער זינט עס האָבנ זיכ שטארק אנטוויקלט די מאשינבויונג, די מעטאלורגיע אונ די בארג־אינדוסטריע, ד. ה. די שווערע אינדוסטריע, אונ זיי זײַנענ געוואָרנ די אנטשיידנדיקע צווײַגנ, הייבנ זיכ אָנ געוויינלעכ די אלגעמיינע איבערפראָדוקציע־קריזיסנ פונ אנ איבערפראָדוקציע אינ די דאָזיקע צווײַגנ. אזוי, לעמאָשל, האָט דער הײַנטצײַטיקער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ הארבסט 1929 יאָר, קוידעמקאָל געטראָפנ די מעטאלורגיע אונ די קוילנ־אינדוסטריע אונ האָט זיכ ערשט באדײַטנדיק שפעטער אריבערגעוואָרפנ אפ דער לײַכטער אינדוסטריע.

אינ די צווײַגנ, וואָס פראָדוצירנ פראָדוציר־מיטלענ, ווירקט דער קריזיס א סאכ שטארקער, איידער אינ די צווײַגנ, וואָס פראָדוצירנ געברויכ־געגנשטאנדנ. דאָס טרעט ארויס באזונדערס אָנשוילעכ אינעמ הײַנטצײַטיקנ עקאָנאָמישנ וועלט־קריזיס, וואָס האָט ארומגעכאפט אלע קאפיטאליסטישע לענדער. אזוי, לעמאָשל,

האָט זיכ אינ דײַטשלאנד די פּראָדוקציע פונ פּראָדוציר־מיטלענ אינ אפּריל 1932 יאָר פארקלענערט אפ 53,4% אינ פארגלײַכ מיט דער דורכשניטלעכער כוידעש־פּראָדוקציע אינ 1928 יאָר, אָבער די פּראָדוקציע פונ די עקזיסטענצ־מיטלענ האָט זיכ פארקלענערט בלויז אפ 26,4%. די פּראָדוקציע פונ דער טעקסטיל־אינדוסטריע אינ דײַטשלאנד האָט זיכ אינ 1932 יאָר פארקלענערט אפ 16% אינ פארגלײַכ מיטנ 1928 יאָר, די שוכ־פּראָדוקציע — אפ 24%, די מאשינבויונג האָט זיכ פארקלענערט אפ 60%, די שטאָל־פּראָדוקציע — אפ 60%.

אינ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער צוזאמענ גענומענ האָט די פּראָדוקציע פונ פּראָדוציר־מיטלענ אינ 1932 יאָר זיכ פארקלענערט אפ 50% אינ פארגלײַכ מיטנ 1928 יאָר, די שיפּ־בויונג — אפ 90%, אונ די טעקסטיל־אינדוסטריע — בלויז אפ 15%.

די איבערפּראָדוקציע אינ אנ אינדוסטריע־צווײַג, וואָס שפּילט א קלײנע ראָליע אינ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע, קאָנ זיכ ניט פארוואנדלענ אינ א קריזיס פונ אנ א ל ג ע מ ײ נ ע ר איבערפּראָדוקציע. אזוי, לעמאָשל, איז די שניפּסנ־פּראָדוקציע אָדער די פּראָדוקציע פונ אנדערע גאלאנטעריי־סכוירעס לויט איר פּראָדוקציע, לויט דער צאָל באשעפטיקטע ארבעטער אונ לויט אירע פארבינדונגענ מיט אנדערע צווײַגנ ניט אזא צווײַג, וואָס די איבערפּראָדוקציע אינ אימ קאָנ ברענגענ צו אנ איבערפּראָדוקציע אינ אלע איבעריקע צווײַגנ.

אנ אנדער לאגע איז אינ די צווײַגנ, וואָס ארבעטנ אויס פּראָדוציר־מיטלענ. די מעטאלורגיע, די מאשינבויונג, די קוילנ־אינדוסטריע באזאָרגנ מיט פּראָדוציר־מיטלענ אלע צווײַגנ פונ דער פאָלקווירטשאפט, זייער פּראָדוקציע בילדעט א גרויסנ כיילעק אינ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פּראָדוקציע, זיי באשעפטיקנ גרויסע מאסנ ארבעטער. אזויווי די פּראָדוקציע אינ זיי וואקסט א סאכ שנעלער, איידער אינ דער אָפּטיילונג, וואָס פּראָדוצירט געברויכ־געגנשטאנדנ, הייבט זיכ אָנ אינ זיי אנ איבערפּראָדוקציע אפילע דאנ, ווענ עס איז ניטאָ קיינ דײַטלעכע איבערפּראָדוקציע פונ געברויכ־געגנשטאנדנ. די פּראָדוצירטע געברויכ־געגנשטאנדנ קאָנענ נאָכ האָבנ אנ אָפּזאצ, אָבער וויבאלד די צווייטע אָפּטיילונג קאָנ שוינ ניט פ א ר ב ר ײ ט ע ר נ איר פּראָדוקציע, ווײַזט זיכ ארויס, אז די פּראָדוציר־מיטלענ, וואָס ווערנ איר פאָרגעלייגט פונ דער ערשטער אָפּטיילונג אינ אנ אלצ שטײַגנדיקער מאָס, זײַנענ „איבערפּראָדוצירטע“.

אזויווי אינ די צווײַגנ, וואָס פּראָדוצירנ פּראָדוציר־מיטלענ, זײַנענ פארנומענ א סאכ ארבעטער, ווערט, דורכ דער פארקירצונג פונ דער צאָל פארנומענע ארבעטער אונ דעמ אראָפּזעצנ דעמ ארבעטלוינ פונ די ניט פארקירצטע ארבעטער, פארקירצט מיטאמאָל אינ א באדײַטנדיקער מאָס דער נאָכפרעג אפ געברויכ־פּראָדוקטנ. אונ יענע געברויכ־פּראָדוקטנ, וואָס פריִער זײַנענ זיי ניט געווענ קיינ איבערפליסיקע, ווײַזנ זיכ אצינד ארויס אלס „איבערפּראָדוצירטע“. די איבערפּראָדוקציע ווארפט זיכ אזויארומ אריבער אויכ אפ די צווײַגנ, וואָס פּראָדוצירנ געברויכ־פּראָדוקטנ. אינ זיי ווערט פארקירצט די צאָל ארבעטער אונ עס ווערט אראָפּגעזעצט דער ארבעטלוינ. אונ דאָס ברענגט צו א ווײַטערדיקער פארקירצונג פונעמ נאָכפרעג אפ געברויכ־געגנשטאנדנ. אויב פריִער, ערעוו דעמ קריזיס, האָט

די צווייטע אָפּטיילונג ניט פאַרגרעסערט אירע באַשטעלונגען דער ערשטער אָפּטיילונג, איז אַצינד פאַרקלענערט זי שוין די דאָזיקע באַשטעלונגען און דעריבער ווערט די איבערפּראָדוקציע אין דער ערשטער אָפּטיילונג נאָך מער פאַרשטאַרקט אאַז.

מיר זעען אַלזאָ, אַז לויט זייַנע אויסערלעכע פאָרמען וויקלט זיך דער קריזיס פאַנאַנדער אין דער ריכטונג, וואָס איז קעגנזעצלעך דערווירקלעכער אָרדענונג פון די סיבעס און רעזולטאַטן. די סיבע פון די באַנקראָטן און פון דער קרעדיט-צערודערונג, די סיבע פון דעם, וואָס די פּרייַזן פאַלן און וואָס עס איז ניטאָ קיין אָפּזאַץ, איז די איבערפּראָדוקציע — דער פאַקט, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איז אַרויס פון די ראַמען, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר-פאַרהעלטענישן האָבן פאַר איר באַשטימט. אָבער דער קריזיס אַנטפּלעקט זיך צוערשט און ברעכט אויס ניט אין דער פּראָדוקציע, נאָר אין געביט פון קרעדיט און האַנדל און ערשט נאָכדעם כאַפּט ער אַרום די פּראָדוקציע. דאָס קומט פאָר דערפאַר, ווייַל דער פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעפּראָדוצירונג שליסט אייַן אין זיך אי די פּראָדוקציע אי די צירקוליאַציע. די פּראָדוציר-פאַרבינדונג צווישן די אונטערנעמער און די פאַרבינדונג צווישן דער פּראָדוצירונג און דעם געברויך ווערט פאַרווירקלעכט דורך דער צירקוליאַציע. דעריבער אַנטפּלעקט זיך אויך דער קריזיס קודעמקאָל אין געביט פון די קרעדיט- און האַנדל-פאַרבינדונגען. פונדאַנען נעמט זיך טאַקע די פאָרשטעלונג, אַז די סיבע פונעם איבערפּראָדוקציע-קריזיס איז, קלוימערשט, דער קרעדיט-מאַנגל און דאָס פאַלן פון די פּרייַזן.

די אַנטווערטונג פונעם קאַפּיטאַל און די צעשטערונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן

דאָס פאַלן פון די פּרייַזן אויף די סכוירעס ברענגט צו דער אַנטווערטונג פונעם קאַפּיטאַל. די סכוירעס שטעלן מיט זיך פאָר איינע פון די פאָרמען, אין וועלכע עס עקזיסטירט דער קאַפּיטאַל, נעמלעך די פאָרם פון סכוירע-קאַפּיטאַל. דאָס פאַלן פון די סכוירע-פּרייַזן איז דעריבער אַן אַנטווערטונג פונעם סכוירע-קאַפּיטאַל. אָבער עס ווערט אַנטווערט אויך דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אַרייַנגעלייגט געוואָרן אין דער פּראָדוקציע, דערפאַר ווייַל אַ באַדייַטנדיקע מאַסע איבערפּראָדוצירטע סכוירעס באַשטייט פון פּראָדוציר-מיטלען — מאַשינעס און רויוואַרג. אויב אַפּן מאַרק פאַלט דער פּרייַז אויף רויוואַרג, ווערן אַנטווערטעט אויך יענע רויוואַרג-רעזערוון, וואָס די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן האָבן פריער געקויפט פאַר העכערע פּרייַזן ניט צום דירעקטן איבערפאַרקויפן, נאָר פאַר דער פּראָדוקציע. דאָס זעלבע קומט פאָר אויך מיט דער אויסשטאַטונג.

די קאַפּיטאַל-אַנטווערטונג קומט נאָך פאָר אויף אַזאַ אופן. ווען אַוועלכער-ניט-איז קאַפּיטאַליסט באַנקראָטירט און זייַן אונטערנעמונג ווערט פאַרקויפט אויף צו באַצאָלן זייַנע כויוועס, ווערט זי פאַרקויפט פאַר אַ נידעריקערן פּרייַז, איידער זי האָט געקאָסט איר אייגנטימער. אויב די אונטערנעמונג האָט געקאָסט 1 מיליאָן רובל און פאַרקויפט ווערט זי פאַר 800 טויזנט רובל, באַטייַט עס פאַר דעם נייַעם באַזיצער אַ פאַרקלענערונג פון די פּראָדוקציע-אויסגאַבן, האַגאַם קיין שום ענדע-

רונגען זײַנען אין דער טעכניק פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג ניט פאָרגעקומען. דער נײַער באזיצער פון דער אונטערנעמונג וועט קאָנען פראָדוצירן די זעלבע סכוירעס און באקומען רעווע באם פארקויפן די דאָזיקע סכוירעס פאר נידעריקערע פרײַזן. בײַס קריזיסן גייען אריבער די אונטערנעמונגען פון די באנקראָטירטע קאפיטאליסטן צו די שטארקערע און שטאנדהאפטיקערע קאפיטאליסטן אין די הענט. עס פארשטארקט זיך דער פראָצעס פון צענטראליזאציע פון קאפיטאל.

די אנטווערטונג פון קאפיטאל איז ניט קיין אנדער זאך, ווי פארניכטונג פון א טייל ווערט פונעם קאפיטאל, דערבײַ ענדערן זיך ניט אין זייער גרייס די מאטעריעלע עלעמענטן פון קאפיטאל, — די מאשינעס, רויווארג אאזוו. בײַס די קריזיסן קומט אָבער פאָר אויך א דירעקטע פארניכטונג פון סכוירעס און פראָדוציר־מיטלען. שוין דאָס אליין, וואָס די פאבריקן שטייען, רופט ארויס א ניט פראָדוקטיווע אָפנוצונג, דה. עס ווערן קאליע די מאשינעס, די געבײַדעס אאזוו. אָבער די קאפיטאליסטן פארניכטן אויך באוווסטזיניק די געברויך־ווערטן. אלעמען זײַנען באוווסט אזעלכע פאקטן, ווי דאָס הייצן די לאָקאָמאָטיוון מיט ווייץ און קאווע, דאָס ארויסגיסן מילך אין יאם, דאָס פארניכטן קאָלאָסאלע מאסן בוימוואָל אאזוו. עס ווערן אויך צעשטערט אונטערנעמונגען, עס ווערן פארפלייצט שאכטעס. אזוי האָט מען אין 1932 יאָר אין דײַטשלאנד, לעמאָשל, אינגאנצן צעשטערט דעם גרויסן לאָקאָמאָטיוובוי־זאוואָד אין כעמניץ, וואָס איז געווען אויסגעשטאט לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. אינעם דאָזיקן זאוואָד האָבן פריער געארבעט 20 טויזנט ארבעטער. די נייטיקײַט צו באצאָלן רענטע דעם אייגנטימער פונעם ערד־פלאץ, ווו עס האָט זיך געפונען דער אָפגעשטעלטער זאוואָד, האָט געבראכט דערצו, אז עס האָט בעסער געלוינט צו פארקויפן דעם זאוואָד אפ ברוכווארג. און דאָס איז ניט קיין אײנצלנער פאקט.

בײַס א קריזיס קומט פאָר א פאָרסירטע צעשטערונג פון דער ארבעטקראפט — דער דאָזיקער גרונטיקער פראָדוקטיוו־קראפט פון דער געזעלשאפט. די ארבעטלאָזיקײַט, הונגער, קעלט, קראנקײַטן — דאָס אלץ פארניכטעט די ארבעטקראפט. אָבער די קאפיטאליסטן זײַנען דירעקט פארינטערעסירט אין דעם, ווײַל דער וווקס פון דער נויט פונעם ארבעטער־קלאס פארגרינגערט זיי אראָפצוזעצן דעם ארבעטלוין.

די קריזיסן זײַנען די קאָנצענטרירונג און געוואלטזאמע אויסגלײַכונג פון די ווידערשפרוכן אין קאפיטאליזם

וואָס פאר א באדײַטונג האָט דאָס פאלן פון די פרײַזן, די אנטווערטונג פון קאפיטאל, די אראָפזעצונג פונעם ארבעטלוין, די פארקירצונג פון דער פראָדוקציע, די דירעקטע פיזישע פארניכטונג פון די געברויך־ווערטן, די באנקראָטן פון די שוואכערע קאפיטאליסטן און די צענטראליזירונג פונעם קאפיטאל בא די שטארקערע אין די הענט? די דאָזיקע אלע פראָצעסן גלײַכן אויס מיט געוואלט די ווידערשפרוכן צווישן דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג. דער דאָזיקער גרונט־ווידערשפרוך האָט געבראכט דערצו, אז די פראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער געזעלשאפט זײַנען ארויס פון די ראמען, וואָס עס שטעלן פאר זיי די קאפי-

טאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטעגישנ, און אַלס רעזולטאַט דערפונ איז אַנטשטאַ־נענ דער קריזיס. דער קריזיס, ווידער, דורכ דער אַנטווערטונג פונעם קאַפּיטאַל, פאַרניכטונג פונ די סכוירעס און פאַרקירצונג פונ דער פּראָדוקציע אאַוו., פאַרניכטעט ער דעמ „איבערפלוס״ פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ אינ דער געזעלשאַפט און ברענגט זיי אינ העסקעמ מיט דער קאַפּיטאַליסטישער צווייגענונג. דער קרי־זיס פּרעסט, אַזוי צו זאָגנ, מיט געוואַלט אַרײַנ די פאַנאַנדערגעוואַקסענע פּראָדוקטיוו־קרעפטנ אינ די ראַמענ פונ די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטעגישנ.

זײַענדיק אַליינ א רעזולטאַט און דער סאַמע בולטעטער אויסדרוק פונעמ גרונט־ווידערשפּרוכ פונעמ קאַפּיטאַליזמ, דער צוזאַמענשטויס פונ צוויי פײַנטלעכע קרעפטנ—פונ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צווייגענונג,—גלײַכט דער קריזיס צײַטווײַליק אויס דעמ דאָזיקנ ווידערשפּרוכ. די קריזיסנ שטעלנ מיט זיכ פאָר א „קאָנצענטרירונג און געוואַלטזאַמע אויסגלײַכונג פונ אַלע ווידערשפּרוכנ פונ דער בורזשואַזער עקאָנאָמיק״ (מאַרקס, מערוועֶרט־טעאָריע, באַנד II, טייל 2, ז. 186. מײַנ קורסיוו.—ל. ס.). צוליב דער פאַרניכטונג פונ א טייל פּראָדוקטיוו־קרעפטנ, צוליב דער אַראָפּזעצונג פונעמ אַרבעטלוינ, צוליב דער אַנטווערטונג פונעמ קאַפּי־טאַל און צוליב זײַנ צענטראַליזירונג ווערנ פאַרקלענערט די פּראָדוציר־קאָסטנ, דה. עס ווערט געשאַפנ א מעגלעכקײַט צו באַקומענ רעוועכ אויכ בא נידעריקע סכוירע־פּרײַזנ. און אַזוי־ווי דער איינציקער סטימול צו פּראָדוצירנ איז פאַר די קאַפּיטאַליסטנ דער רעוועכ, גיט דאָס פאַלנ פונ די פּראָדוציר־קאָסטנ א שטויס צו פאַרברייטערנ די פּראָדוקציע.

אַזויאַרומ לייזט דער קריזיס צײַטווײַליק די ווידערשפּרוכנ פונ קאַפּיטאַליזמ און שאַפט באַדינגונגענ פאַר דער ווײַטערדיקער באַוועגונג פונ דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּראָדוקציע; דערמיט גופע שאַפט דער קריזיס א מעגלעכקײַט פאַר דער ווײַטערדיקער באַוועגונג פונעמ גרונט־ווידערשפּרוכ פונעמ קאַפּיטאַליזמ.

„די קריזיסנ שטעלנ שטענדיק פאָר בלויז א צײַטווײַליקע געוואַלטזאַמע לײַ־זונג פונ די עקזיסטירנדיקע ווידערשפּרוכנ, געוואַלטזאַמע אויפרײַסנ, וואָס שטעלנ אופ אפ א ווײַלע דאָס צעשטערטע גלײַכגעוויכט״ (מאַרקס, קאַפּיטאַל, ב. III, ז. 171).

נאָכ דעמ, ווי עס זײַנענ שאַרפ געפאַלנ די פּרײַזנ און עס האָט זיכ פאַרקירצט די פּראָדוקציע, הייבט זיכ אָנ א דעפּרעסיע (שטילשטאַנד), בײַס וועלכער די סכוירע־רעזערוונ ווערנ טיילווײַז פאַרניכטעט, טיילווײַז ווערנ זיי ביסלעכווײַז אויס־פאַרקויפט, זיי „צעגייענ זיכ״. נאָכ א מער אָדער ווייניקער דויערנדיקער דעפּרע־סיע הייבט זיכ ביסלעכווײַז אָנ אַנ אויפשטײַג, וואָס זײַנ באַזע איז די באַנײַונג פונעמ גרונט־קאַפּיטאַל פונ דער אינדוסטריע.

יענע קאַפּיטאַליסטנ, וואָס זײַנענ גאַנצ געבליבנ בײַסנ קריזיס, שטרעבנ אַראָפּצוזעצנ די פּראָדוציר־קאָסטנ מיטנ צוועק צו באַקומענ א גרעסערנ רעוועכ בא נידעריקע פּרײַזנ. צוליבנ דאָזיקנ צוועק ווערנ, כוץ דער אַראָפּזעצונג פונעמ אַרבעטלוינ, אײַנגעפירט א ריי פאַרפולקומונגענ, עס ווערנ דערפונדנ נײַע מאַ־שינעס, עס ווערנ אײַנגעפירט נײַע פּראָדוציר־מעטאָדנ אאַוו. די אַלטע, ווייניקער פולקומע מאַשינעס ווערנ פאַרביטנ מיט נײַע, נאָכ איידער זיי זײַנענ אָפּגענוצט

געוואָרן (ווידעראמאָל א פארניכטונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן). „עס קומט פאָר אן איבערבײַט פונעם גרונט־קאפּיטאל. דער קאָנקורענץ־קאמף, וואָס ווערט באַזונדערס באגלייט מיט גרויסע איבערקערענישן, צווינגט צו פארבײַטן די אלטע ארבעט־מיטלען, נאָך איידער עס קומט אָן זייער נאטירלעכער טויט, מיט נײַע ארבעט־מיטלען. הויפּטזאכלעך זײַנען עס קאטאכטראָפעס, קריזיסן, וואָס צווינגען צו אזא פריצײַטיקן באנײַען די פּראָדוציר־מאכשירים אין א ברייטן געזעלשאפטלעכן מאסשטאב“ (*מארקס*, קאפּיטאל, באנד II, זײַט 110—111).

אָבער דאָס פארבײַטן דעם גרונט־קאפּיטאל פריִער פון זײַן „נאטירלעכן טויט“ באטײַט די נייטיקײַט ארײַנצולייגן נײַעם קאפּיטאל. עס הייבט זיך א נאָכפרעג אף פּראָדוציר־מיטלען, — דאָס פירט צו א פארברייטערונג פון דער פּראָדוקציע אין די צווײַגן, וואָס פּראָדוצירן פּראָדוציר־מיטלען. דאָס, ווידער, פירט צום ארײַנציִען צוריק די ארבעטער אין דער פּראָדוקציע און צום וווּקס פונעם נאָכפרעג אף געברויך־געגנשטאנדן, און דאָס פירט צו א פארברייטערונג פון דער פּראָדוקציע אין די צווײַגן, וואָס פּראָדוצירן געברויך־געגנשטאנדן אאוו. עס הייבט זיך אָן א נײַע אופלעבונג, וואָס נאָך איר קומט א נײַער אופשטײַג.

פּערי̇אָדישקײַט פון די קריזיסן

דער איבערבײַט פונעם גרונט-קאפּיטאל, וועלכער קומט פאָר אין רעזולטאט פונעם קריזיס, דינט אזויארום אלס גרונט פאר א נײַעם אופשטײַג. „דער קריזיס איז שטענדיק דער אויסגאנג־פּונקט פאר גרויסע נײַע קאפּיטאל-אינוועסטיציעס; הייסט עס, אז באטראכטנדיק דעם איניִען פונעם שטאנדפּונקט פון דער גאנצער געזעלשאפט—גיט ער אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס א נײַע מאטעריעלע באזע פארן פאָלגנדיקן ציקל פון קרײַזלויף“ (*מארקס*, קאפּיטאל, באנד II, זײַט 122).

דער נײַער אופשטײַג, וואָס קומט נאָכן קריזיס, קומט שוין פאָר אף דער באזע פון א מער צענטראליזירטן קאפּיטאל, וואָס האָט א העכערן אָרגאנישן באשטאנד, איידער ביזן קריזיס. די פּראָדוקטיוו־קרעפטן זײַנען דעריבער נאָכן קריזיס פיל מעכטיקער, איידער ביזן קריזיס. דער *קריזיס ברענגט אזויארום צום וווּקס פון די געזעלשאפטלעכע פּראָדוקטיוו־קרעפטן, אָבער ער ברענגט דערצו, צעשטערנדיק די פּראָדוקטיוו־קרעפטן.*

אזויווי נאָכן קריזיס איז דער קאפּיטאל מער צענטראליזירט און האָט א העכערן אָרגאנישן באשטאנד, קאָן אויך די געזעלשאפטלעכע פּראָדוקציע א סאך שנעלער וואקסן, איידער ביזן קריזיס. אָבער דאָס באטײַט, אז *דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאפּיטאליסטישער צוייגענונג ווערט נאָך יעדן קריזיס שארפער, איידער ער איז געווען ביזן קריזיס*, אז די שטרעבונג צו פארברייטערן אָן א שיר די פּראָדוקציע דארף ווידעראמאָל קומען אין א צוזאמענשטויס, און דערבײַ אין א סאך א שטארקערן צוזאמענשטויס, מיט דער געברויך־קראפט פון דער געזעלשאפט, וואָס ווערט באגרענעצט דורכן קאפּיטאל. עס מוז אָנקומען נאָך א שטארקערער, נאָך א מער צעשטערנדיקער קריזיס.

די אופלעבונג הייבט זיך אָן אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרבײַטן דעם אַלטן גרונט-קאַפּיטאַל מיט א נײַעם, ד. ה. פון דער ערשטער אָפּטיילונג אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע (דאָס פּראָדוצירן די פּראָדוציר־מיטלען), דער אופשטײַג אין דער צווייטער אָפּטיילונג קומט נאָכן אופשטײַג אין דער ערשטער אָפּטיילונג, די פאַרברייטערונג פונעם געברויך פונעם ארבעטער־קלאַס איז ווידער־אַמאָל ניט דער ציל פון דער פּראָדוקציע, נאָר בלויז א רעזולטאַט פון דער פאַרברייטערונג פון דער פּראָדוקציע. דער געברויך וועט ווידעראַמאָל צוליב דעם גרונט-ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם אָפּשטיין פון דער פאַרברייטערונג פון דער פּראָדוקציע.

ווי נאָר עס הייבט זיך אָן דער אופשטײַג, פאַרגרעסערט זיך דער נאָכפרעג אף סכוירעס און עס שטײַגן די פּרײַזן. דערבײַ וואַקסט דער נאָכפרעג אף סכוירעס אין א סאַך א גרעסערער מאָס, איידער עס איז פאַראַן אין זיי א באַדערפעניש אפילע פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע: דער נאָכפרעג ווערט קינסטלעך אופגעבלאָזן דורכן האַנדל, קרעדיט, דורך דער ספּעקוליאַציע.

אַזוי־אַרום באַזײַטיקט ניט דער קריזיס דעם ווידערשפּרוך, נאָר ער ווערט בלויז צײַטווײַליק „געלייזט"; דער ווידערשפּרוך ווערט אויסגעגלײַכט, דער קריזיס „שטעלט בלויז אוף אף א ווײַלע דאָס צעשטערטע גלײַכגעוויכט", קעדיי טייקעף אים ווידער צו צעשטערן.

„אף וואָס פאַר' אן אופן באַזײַטיקט די בורזשואזיע די קריזיסן? פון איין זײַט, דורכן געצוווּנגענעם פאַרניכטן א גאַנצע מאַסע פּראָדוקטיוו־קרעפטן, און פון דער צווייטער זײַט—דעראָבערנדיק נײַע מערק און נאָך ברייטער עקספּלואַטירנדיק די אַלטע. הייסט עס, אז מיט קיין שום אַנדער זאַך, ווי נאָר מיטן צוגרייטן ברייטערע און שטאַרקערע קריזיסן און מיטן פאַרקלענערן די קעגנווירקנדיקע מיטלען קעגן די דאָזיקע קריזיסן" (מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס, „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", ז. 23, פּאַרטיזדאַט, 1932).

און ווירקלעך, אָנהייבנדיק פון 1825 יאָר, האָט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איבערגעלעבט א דריי קריזיסן, וואָס האָבן זיך איבערגעכאַזערט אומגעפער איין מאָל אין 10 יאָר, נאָכדעם איין מאָל אין 6—7 יאָר. קריזיסן זײַנען פאָרגעקומען אין 1825, אין 1836 יאָר, אין 1847 יאָר, אין 1857 יאָר, אין 1866 יאָר, אין 1877 יאָר. אין די 80־ער יאָרן און אין אָנהייב 90־ער יאָרן איז געווען א שטילשטאַנד אין דער פּראָדוקציע פון די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער; נאָכדעם הייבט זיך אָן אן אופשטײַג, וואָס ענדיקט זיך מיט א קריזיס אין די יאָרן 1900—1901. ווײַטער גייען קריזיסן אין 1907 יאָר, אין 1913, אין 1921 און אין די יאָרן 1929—1934. דער דאָזיקער לעצטער קריזיס איז דער שטאַרק־סטער פון אַלע קריזיסן, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט וווּ־עס־איז איבערגע-לעבט (וועגן דעם הײַנטצײַטיקן קריזיס וועלן מיר ריידן אין לעצטן קאַפּיטל).

יעדער נײַער קריזיס קומט פאָר אף דער באַזע פון א העכערן ניוואָ פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, איידער דער פריערדיקער, און דעריבער טראָגן די קריזיסן יעדעס מאָל אַלץ א טיפערן כאַראַקטער.

די איבערפּראָדוקציע־קריזיסן זײַנען אַזוי־אַרום פ ע ר י א ָד י ש ע קריזיסן, זיי

כאוערן זיך אומפארמיידלעך איבער אין באשטימטע פעריאָדן. די זעלבע סיבע, וואָס רופט ביכלאַל ארויס א קריזיס, איז אויך די סיבע פון דער פעריאָדישקייט פון די קריזיסן. דער ווידערשפרוך צווישן דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג, וואָס איז די סיבע פונעם קריזיס, באקומט זיין צייטווייליקע לייזונג אינעם קריזיס, אָבער אזא לייזונג, וואָס מאכט אומפארמיידלעך א נייעם קריזיס. די קריזיסן נעמען זיך פון דער עצעם נאטור פונעם קאפיטאליזם און דעריבער קאָנען זיי באזייטיקט ווערן בלויז מיט דער פארניכטונג פון דער הערשאפט פון קאפיטאל איבער די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיווקרעפטן, מיט דער פארניכטונג פונעם קאפיטאליזם.

3. די באדייטונג פון די קריזיסן

די קריזיסן שטעלן מיט זיך פאָר די סאמע בולטע אנטפלעקונג פון אלע ווידערשפרוכן אינעם קאפיטאליזם. בייסן קריזיס ווערט פולשטענדיק קלאָר אין וואָס פאר אן אומבעשאָלעמדיקן ווידערשפרוך עס געפינען זיך די געזעלשאפטלעכע פראָדוצירונג און די קאפיטאליסטישע צוייגענונג.

די געזעלשאפטלעכע פראָדוצירונג, וואָס דארף באפרידיקן די באדערפענישן פון די פראָדוצירער, פארוואנדלט דער קאפיטאליזם אין א מיטל, וואָס שטערט דער באפרידיקונג פון די דאָזיקע באדערפענישן. דער ארבעטערקלאס הונגערט און ליידט נויט ניט דערפאר, ווייל ער האָט פראָדוצירט צו ווייניק, נאָר דערפאר, ווייל ער האָט פראָדוצירט צופיל געברויך־געגנשטאנדן.

„די ארבעטער פארלירן יעטווידע עקזיסטענץ־מיטלען צוליב דער סיבע טאקע, וואָס זיי האָבן פראָדוצירט די דאָזיקע מיטלען אין א צו גרויסן סכום" (ענגעלס, אנטי־דיורינג, זייט 198. מיין קורסיוו.—ל.ס.).

די ארבעטער פארלירן די ארבעט ניט דערפאר, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין פראָדוציר־מיטלען, נאָר דערפאר, ווייל די דאָזיקע פראָדוציר־מיטלען איז פאראן צו פיל. צווישן די ארבעטער און די פראָדוציר־מיטלען שטייט, „ווי א געשפענסט", דער קאפיטאל, וואָס שטערט זיי צו פאראייניקן זיך.

גראָד אין דעם מאָמענט, ווען די ארבעטלאָזיקייט, די נויט, דער הונגער דערגרייכן זייער העכסטן גראד, ווערן פארניכטעט די פראָדוציר־מיטלען, די געברויך־געגנשטאנדן, וואָס קאָנען געברויכט ווערן אף פארניכטן די ארבעטלאָזיקייט, די נויט און הונגער.

דער קריזיס איז א צוזאמענשטויס צווישנ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ און די פראָדוציר־פארהעלטענישנ

דער דאָזיקער כאראקטער פונ די קריזיסנ, אלס קריזיסנ אויס שעפע, אלס דאלעס אויס רייכקייט, באווייזט מיט דער גאנצער קלאָרקייט, אז די קאפיטאליסטישע פראָדוציר־פארהעלטענישנ לאָזנ זיכ ניט צונויפפאָרנ און לאָזנ זיכ ניט שאָלעמ מאכנ מיט דער עקזיסטענצ פונ דער געזעלשאפט. די קריזיסנ באווייזנ מיט דער גאנצער אָנשוילעכקייט, אז פאר דער עקזיסטענצ פונ דער געזעלשאפט איז נייטיק צו באזייטיקנ דעמ קאפיטאליזמ, צו באפרייענ די געזעלשאפטלעכע פראָדוצירונג פונ דער הערשאפט פונעמ קאפיטאל.

אינ פארגלייכ מיט די פריערדיקע פראָדוציר־אויפאנימ איז דער קאפיטאליזמ געקומענ אלס געזעלשאפטלעכע פאָרמ, וואָס האָט שנעל אנטוויקלט די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ. די קריזיסנ באווייזנ, אז דער קאפיטאליזמ האָט אנטוויקלט די פראָדוקטיוו־קרעפטנ אפ אזוי פיל, אז ער פארהאלט שוינ זייער ווייטערדיקע אנטוויקלונג, און אפ וויפל ער אנטוויקלט זיי, איז עס בלויז פארנ פרייז פונ קאָלאָסאלנ צעשטערנ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ.

„ביסנ קריזיס גייט אריבער דער ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג אינעמ סאמע אכזאָריעסדיקנ צוזאמענשטויס צווישנ צוויי פיינטלעכע קרעפטנ“ (ענגעלס, אנטי־דיורינג ז. 198. מיינ קורסיוו—ל.ס.). די געזעלשאפטלעכע פראָדוצירונג גייט ארויס אויסער די ראמענ פונ די געזעלשאפטלעכע פראָדוציר־פארהעלטענישנ און עס ווערט צעטרייסלט דעריבער דער גאנצער מעכאניזמ פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע.

א קריזיס—דאָס איז א צוזאמענשטויס פונ צוויי פיינטלעכע קרעפטנ אינ דעמ עכטנ זינ פונעמ דאָזיקנ וואָרט. די געזעלשאפטלעכע פראָדוצירונג, ווי ענגעלס זאָגט, צעבונטעוועט זיכ קעגנ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג. דער דאָזיקער „בונט“ דריקט זיכ אויס אינ דעמ, וואָס „דער גאנצער מעכאניזמ פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוצירונג ווערט אונטערגעבראָכנ אונטער דער לאסט פונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ, וואָס ער אליינ האָט געשאפנ“ (דאָרט. מיינ קורסיוו.—ל.ס.).

די פראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט שטויסנ זיכ אָנ אפ א מעניע אינ דער פאָרמ פונ די קאפיטאליסטישע פראָדוציר־פארהעלטענישנ און ביסנ קריזיס „ברענגענ זיי אינ אומאָרדענונג די גאנצע בורזשואזע געזעלשאפט, באדראָענ די עקזיסטענצ פונעמ בורזשואזנ אייגנטומ. די בורזשואזע פארהעלטענישנ ווייזנ זיכ ארויס פאר צו ענגע אפ אריינצונעמענ די רייכטימער, וואָס זיי האָבנ געשאפנ“ (מארקס און ענגעלס, „קאָמוניסטישער מאניפעסט“, ז. 23).

קריזיס און רעוואָליוציע

ביסנ קריזיס ווערנ אומגעהייער פארשארפט די קלאסנ־ווידערשפרוכנ. יעדער קריזיס אנטהאלט אינ זיכ א געפאר פונ רעוואָליוציע. „אזא אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ, וועלכע וואָלט פארקלענערט די אבסאָליוטע צאָל ארבעטער, דה. וואָלט אינ דער ווירקלעכקייט געגעבנ א מעגלעכקייט דער גאנצער נאציע צו מאכנ איר גאנצע פראָ־

דוקציע אין א קירצערער צײַט, װאָלט אױסגערופֿן א רעװאָליוציע, װײַל די מערהײַט באפעלקערונג װאָלט דורך דעם געבליבן אױסגעשטעלט... טײלװײַז קומט פאָר אזא קאָליזיע* אין די פּעריאָדישע קריזיסן" (מארקס, קאפּיטאל, באנד III, זײַט 182. מײַן קורסיװ. — ל.ס.). מארקס, ענגעלס און לענין פלעגן דעריבער פאר דער דערנעענטערונג פון יעדן קריזיס זאָרגזאם אָפּװעגן די פּערספּעקטיװן פון א רעװאָליוציע.

איינע פון די װיכטיקסטע סיבעס, פארװאָס די בורזשואזיע האָט ביז איצט געפונען אן אױסװעג פון די קריזיסן און פארװאָס די מעגלעכקײַטן פון א רעװאָליוציע, װאָס יעדער קריזיס שאפט, איז ניט פארװאנדלט געװאָרן אין א װירקלעכער רעװאָליוציע, איז דאָס, װאָס דער פּראָלעטאריאט װערט ניט מיטאמאָל א באװוסטזיניקער און אָרגאניזירטער קלאס, װאָס איז פעיִק צו באפרײַען זיך פון דער הערשאפט פונעם קאפּיטאל: בלױז די דױערנדיקע שול פון קלאסן-קאמף גיט אים די דאָזיקע באװוסטזיניקײַט און אָרגאניזירטקײַט.

אויב יעדער פּעריאָדישער קריזיס טראָגט אין זיך די מעגלעכקײַט פון א רעװאָליוציע, הייסט דאָס ניט, פארשטייט זיך, אז די רעװאָליוציע קאָן אנטשטיין בלױז אין דער צײַט פון אן איבערפּראָדוקציע־קריזיס.

די אנטװיקלונג פון קאפּיטאליזם פירט אומדערבארעמדיק צו אזא פארשארפונג פון די װידערשפּרוכן, װאָס מאכט די רעװאָליוציע פאר מעגלעכער און אומפארמײַדלעכע, אומאָפּהענגיק דערפון, צי עס איז פאראן אן איבערפּראָדוקציע-קריזיס. דער קאַ־פּיטאליזם טרעט ארײַן אין א פּעריאָד, װען אן אנטשײדנדיקער געראנגל צװישן דעם פּראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע װערט אומפארמײַדלעך. דער דאָזיקער פּעריאָד איז דער אימפּעריאליזם, דער העכסטער און לעצטער עטאפּ פון קאפּיטאליזם.

4. די בורזשואזע און סאָציאל־דעמאָקראטישע טעאָריעס װעגן קריזיסן

די קריזיסן באװײַזן יעדעס מאָל מיט אלץ א גרעסערער קראפט, אז די קאַ־פּיטאליסטישע אָרדענונג האָט אױפגעהערט צו אנטשפּרעכן איר היסטאָרישן באַ־רוף, אז פון אן אנטװיקלונג־פאָרם פון די פּראָדוקטיװ־קרעפטן איז זי פארװאנדלט געװאָרן אין זײערע קייטן. די קריזיסן באדראָען יעדעס מאָל מיט אלץ א גרע־סערער קראפט די עקזיסטענץ פון קאפּיטאליזם.

דעריבער טאקע פּרוּװט זיך מיט אלע קױכעס די בורזשואזע פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע צו דערװײַזן, אז די קריזיסן זײַנען א צופעליקע דערשײַנונג, אז זײ נעמען זיך ניט פונעם עצעם מעהוס פון קאפּיטאליזם, אז דער קאפּיטאליזם קאָן באװײַ־טיקן די קריזיסן.

די דערקלערונג פון די קריזיסן, װאָס איז אמערסטן פארשפּרייט אין דער בורזשואזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, באשטייט אין דעם, אז די קריזיסן נעמען זיך פונעם מאנגל אין געלט־קאפּיטאל. װען עס װאָלט זיך אײַנגעגעבן צו

---

* קאָליזיע — צוזאמענשטױס.

אײַנרעגולירנ דעמ קרעדיט, וואָלט דערמיט גופע זיכ קלוימערשט אײַנגעגעבנ צו באַזײַטיקנ אַפ שטענדיק די קריזיסנ. מיר האָבנ אויבנ געזעג, אַז דער קריזיס הייבט זיכ אָנ אינ געביט פונ קרעדיט, האַגאַמ די וואָרצלענ פונעמ קריזיס ליגנ אינ דער פּראָדוקציע. דער קרעדיט־קריזיס איז בלויז אַ צײַגער, אַ סימפּטאָמ פונעמ אָנקומענדיקנ קריזיס. אָבער די בורזשואַזע „וויסנשאַפט" פאַרבלײַבט געטרײַ איר נאַטור און באַרירט בלויז די אויבערפלאַכ פונ די דערשײַנונגענ. „די אויבערפלעכלעכקײַט פונ דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע (פונ דער בורזשואַזער—ל.ס.) ווײַזט זיכ אַגעוו אַרויס אינ דעמ, וואָס די פאַרברייטערונג און פאַרקירצונג פונעמ קרעדיט—די דאָזיקע אײַנפאַכע סימפּטאָמענ* פונ די זיכ בײַטנדיקע פּעריאָדנ פונ אינדוסטריעלנ ציקל—אַנערקענט זי אַלס זייערע סיבעס" (מ אַ ר ק ס, קאַפּיטאַל, באַנד I, זײַט 504).

די טעאָריע וועגנ דער צופעליקײַט און פאַרמײַדלעכקײַט פונ די קריזיסנ האָט געליטנ אַזאַ נעבעכדיקנ קראַכ, אַז די לעצטע יאָרנ האָט די בורזשואַזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע ביכלאַל אָוועקגעוואָרפנ יעטווידנ פּרוּוו צו דערקלערנ די קריזיסנ און אָנשטאָט דעמ פאַרנעמט זי זיכ מיט זייער אײַנפאַכער באַשרײַבונג. די אויפגאַבע צו דערווײַזנ די פאַרמײַדלעכקײַט פונ קריזיסנ באַמ קאַפּיטאַליזמ האָט גענומענ אַפ זיכ די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די דאָזיקע אַגענטור פונ דער בורזשואַזיע אינעמ אַרבעטער־קלאַס.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאָנ ניט פּאָשעט איבערכאַזערנ די באַהויפּטונגענ פונ די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטנ. זי דעקט זיי צו מיט מאַרקסיסטישער פראַזעאָלאָגיע.

די צוויי סאַמע פאַרשפּרייטע בא דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע טעאָריעס וועגנ קריזיסנ זײַנענ 1) די טעאָריע פונ דיספּראָפּאָרציאָנעלקײַט און 2) די טעאָריע פונ ניטדערברויכנ.

מיר האָבנ שוינ אויבנ באַוויזנ, אַז די דיספּראָפּאָרציאָנעלקײַט פונ די פּראָדוציר־צווײַגנ און דער באַגרענעצטער געברויכ פונ די מאַסנ דרינגענ אַרויס פונעמ גרונט־ווידערשפּרוכ צווישנ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג און סײַ די דיספּראָפּאָרציאָנעלקײַט סײַ דער באַגרענעצטער געברויכ פונ די מאַסנ קאָנענ ניט באַטראַכט ווערנ אַלס די סיבעס פונ די קריזיסנ: די סיבע פונ די קריזיסנ איז דער גרונט־ווידערשפּרוכ פונעמ קאַפּיטאַליזמ.

די סאָציאַל־פאַשיסטישע טעאָרעטיקער באַטראַכטנ די סיבע פונ די קריזיסנ אַמאָל אינ דער דיספּראָפּאָרציאָנעלקײַט און אַמאָל אינעמ נידעריקנ געברויכ־ניוואָ. איינע פונ זיי באַהויפּטנ, אַז די סיבע פונ די קריזיסנ ליגט אינ דער דיספּראָפּאָרציאָנעלער אַנטוויקלונג פונ די צווײַגנ און אַז די קריזיסנ האָבנ ניט קיינ שום שײַכעס צומ פּראָלעטאַרישנ צושטאַנד פונ די מאַסנ, און אַנדערע באַהויפּטנ, אַז די סיבע פונ די קריזיסנ ליגט אינ דער ניטדערברויכונג פונ די מאַסנ. די פאָרשטייער פונ ביידע אָנשויונגענ האַלטנ זיכ אויסערלעכ, קלוימערשט, בא דער מאַרקסיסטישער טעאָריע: מאַרקס האָט דאָכ אויכ גערעדט וועגנ דיספּראָ־

---

* סימפּטאָמענ — סימאָנימ, צײַגער.

פּראָפּאָרציִאָנעלקייט, ער האָט גערעדט וועגן ניטדערברויכונג. אין דער ווירקלעכקייט אָבער ווידערשפּרעכן די ביידע טעאָריעס אין גרונט דעם מארקסיזם.

דיספּראָפּאָרציִאָנעלקייט-טעאָריע

דער סאמע אָנגעזעענער פאָרשטייער פון דער דיספּראָפּאָרציִאָנעלקייט-טעאָריע איז איינער פון די לידערס פון די דייטשישע סאָציִאל-פאשיסטן, הילפערדינג, וואָס האָט זיין טעאָריע גענומען בא טוגאן-באראנאָווסקי. טוגאן-באראנאָווסקי האָט באהויפּט, אז ווען עס ווערט איינגעהיט די פּראָפּאָרציִאָנעלקייט צווישן די צווייגן פון דער פּראָדוקציע (צווישן דער ערשטער און צווייטער אָפּטיילונגען), איז מעגלעך אן אָנקריזיסדיקע אנטוויקלונג פונעם קאפּיטאליזם אפילע אין דעם פאל, אויב דער פערזענלעכער געברויך וועט דערפירט ווערן ביז נול. דעריבער איז די סיבע פונעם קריזיס בלויז די צעשטערונג פון דער פּראָפּאָרציִאָנעלקייט, ד. ה. די דיספּראָפּאָרציִאָנעלקייט.

מיר האָבן שוין אויבן (זע ז. 244—245) באטראכט אין טאָך די גאנצע זינלאָזיקייט פון דער דאָזיקער פּוסטער פּראזע, אז עס איז מעגלעך פּראָפּאָרציִאָנעלקייט צווישן דער פּראָדוצירונג פון פּראָדוציר-מיטלען און דער פּראָדוצירונג פון ג ע ב ר ו י כ - ז א כ ן, אומאָפּהענגיק פונעם צושטאנד און פונעם פארנעם פונעם דאָזיקן געברויך. מיר וועלן דעריבער מער ניט באטראכטן די דיספּראָפּאָרציִאָנעלקייט-טעאָריע. מיר וועלן בלויז דערמאָנען, אז די דיספּראָפּאָרציִאָנעלקייט פון דער פּראָדוקציע איז אן אומפארמיידלעכער רעזולטאט פונעם גרונט-ווידערשפּרוך פונעם קאפּיטאליזם. „די „אנארכיע פון דער פּראָדוקציע”, דאָס „פעלן פון פּלאנמעסיקייט אין דער פּראָדוקציע” — וועגן וואָס ריידן די דאָזיקע אויסדרוקן? וועגן דעם ווידערשפּרוך צווישן דעם געזעלשאפטלעכן כאראקטער פון דער פּראָדוקציע און דעם אינדיווידועלן כאראקטער פון דער צוייגענונג” (ל ע נ י נ, באנד II, זייט 39).

אָפּלייקענענדיק די באדייטונג, וואָס עס האָט דער נידעריקער געברויך-ניוואָ פון די מאסן, לייקנט הילפערדינג מיט דעם אליין אָפּ דעם גרונט-ווידערשפּרוך פון קאפּיטאליזם, וואָס שטעלט דער פארברייטערונג פון דער פּראָדוקציע א מעניִע אין דער פאָרם פון דער באגרענעצטער געברויך-קראפט פון דער געזעלשאפט. אָבער די דאָזיקע אָפּלייקענונג פונעם גרונט-ווידערשפּרוך פונעם קאפּיטאליזם אלס סיבע, וואָס מאכט די קריזיסן פאר אומפארמיידלעך, איז דער סאָציִאל-דעמאָקראטיע נייטיק, קעדיי צו דערווייזן, אז די קריזיסן באם קאפּיטאליזם קאָנען באזייטיקט ווערן, אויב מע זאָל נאָר באזייטיקן די דיספּראָפּאָרציִאָנעלקייט צווישן די צווייגן — זי איז איר נייטיק אפּ באגרינדן די טעאָריע פון „אָרגאניזירטן קאפּיטאליזם”.

ניטדערברויכונג-טעאָריע

דער סאמע אָנגעזעענער פאָרשטייער פון דער צווייטער סאָציִאל-דעמאָקראטישער טעאָריע — פון דער ניטדערברויכונג-טעאָריע — איז טארנאָוו, וועלכן מיר האָבן שוין דערמאָנט. אויך די דאָזיקע טעאָריע איז ניט קיין נייע, געשאפן זי האָט, ווי מיר האָבן געזען אינעם פאָריקן קאפּיטל, נאָך אין אָנהייב פון XIX יאָרהונדערט דער שווייצארישער קליינבירגערלעכער עקאָנאָמיסט סיסמאָנדי. סיסמאָנדי האָט באהויפּט, אז אזויווי די קריזיסן נעמען זיך פון דעם ניטדערברויכן פון די מאסן און אזויווי באם

קאפּיטאַליזם זײַנען די מאַסן פאַרמישפּעט אַף ניטדערברויכן, קאָנען אויך די קריזיסן ניט באַזײַטיקט ווערן. דערפון האָט סיסמאָנדי געמאַכט דעם אויספיר, אַז עס איז נייטיק אומקערן זיך אַף צוריק, צו דער קליין־פּראָדוקציע.

די היינטצייטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער פּערזאָן פון טאַרנאָוון און אַנד. נעמט די דאָזיקע טעאָריע און מאַכט פונקט אַ פאַרקערטן אויספיר: אַזוי־ווי דער קריזיס נעמט זיך פון דעם ניטדערברויכן, אַזויווי די קאַפּיטאַליסטן ליידן פון קריזיס ניט ווייניקער, איידער דער אַרבעטער־קלאַס, זײַנען די קאַפּיטאַליסטן דירעקט פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די אַרבעטער זאָלן מער געברויכן. אויב די קאַפּיטאַליסטן וועלן צאָלן די אַרבעטער אַ הויכן אַרבעטלוין, וועלן די קריזיסן אַף שטענדיק באַזײַטיקט ווערן, און טאַרנאָוו פאַרוויגט די אַרבעטער מיט באַבעמײַסעס, אַז די קאַפּיטאַליסטן וועלן אַליין פאַרגרעסערן דעם אַרבעטלוין. דערצו איז בלויז נייטיק, אַז... די אַרבעטער זאָלן מער אַרבעטן.

אויב סיסמאָנדי מאַכט פון דעם ניטדערברויכן פון די מאַסן דעם אויספיר, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז ניט פּראָגרעסיוו און רופט צוריק צו דער קליין־פּראָדוקציע, קומט, פאַרקערט, טאַרנאָוו און זײַן גלײַכן צו דער אַפּאָלאָגיע פונעם קאַפּיטאַליזם. ער זאָגט, אַז דאָס ניטדערברויכן קאָן באַזײַטיקט ווערן באַם קאַ־פּיטאַליזם.

„די אָרעמקייט איז ניט קיין עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט, נאָר אַ סאָציאַלע קראַנקייט, וואָס קאָן אָן שום ספק אויסגעהיילט ווערן שוין אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט". סײַ די רעאַקציאָנער־באַלעבעסלדיקע קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם און סײַ די סאָציאַל־פאַשיסטישע אַפּאָלאָגיע פונעם קאַפּיטאַליזם האָבן אַלס זייער גרונט איין און די זעלבע טעאָריע, וואָס דער־קלערט די קריזיסן מיטן ניטדערברויכן.

די סאָציאַל־פאַשיסטישע רעצעפּטן אַף באַ ק ו מ ע ן די קריזיסן באַם קאַ־פּיטאַליזם זײַנען פונקט אַזוי ווייניק אָריגינעל ווי זייער ד ע ר ק ל ע ר ו נ ג פון די קריזיסן.

דאָס וווּנדערמאַכנדיקע מיטל בײַצוקומען די קריזיסן דורך העכערן דעם אַרבעטלוין האָט דערפונדן דער דײַטשישער בורזשואַזער עקאָנאָמיסט זאָמבאַרט נאָך אין סאַמע פאַבריקן יאָרהונדערט.

אַז די העכערונג פונעם אַרבעטלוין קאָן ניט פאַרהיטן פון אַ קריזיס, באַ־ווײַזט דער פאַקט, אַז גראָד ערעוו דעם קריזיס, נעמלעך אין דער כּאַוז פונעם אופשטײַג פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, וואַקסט געוויינלעך דער אַרבעט־לוין. דאָס העכערן דעם אַרבעטלוין אינעם פּעריאָד פון אופשטײַג איז בלויז „דער שטורעם־פויגל פונעם קריזיס" (מ אַ ר ק ס, קאַפּיטאַל, באַנד II, זײַט 297).

מע קאָן אָבער זאָגן: וואָס־זשע פאַר אַ באַדײַטונג האָט דער ווידערשפּרוך צווישן דער פּראָדוקציע און געברויך באַם קאַפּיטאַליזם, דער ווידערשפּרוך, וואָס לעניט האָט אַרויסגערוקט קעגן די בורזשואַזע אַפּאָלאָגעטן, וואָס לייקענען אָפּ די פאַר־בינדונג פון די קריזיסן מיטן נידעריקן געברויך־ניוואָ פון די מאַסן?

דער ווידערשפּרוך צווישן דער פּראָדוקציע און דעם געברויך באַם קאַפּי־טאַליזם, וואָס מאַרקס האָט אופגעדעקט און לעניט האָט אַנטוויקלט, האָט ניט קיין

שום געמיינזאמעס מיט דער ניטדערברויכונג-טעאָריע. „דאָס ניט גענוגיקע געברויכנ (וואָס דערקלערט קלוימערשט די קריזיסנ) האָט עקזיסטירט בא די פארשיידנסטע ווירטשאפטלעכע רעזשימענ, און די קריזיסנ בילדנ דעם אונטערשייד-סימענ בלויז פונ איינ רעזשים — פונעם קאפיטאליסטישנ“ (לענינ, באנד II, ז. 36). עס האנדלט זיכ, הייסט עס, ניט ביכלאל אינ דעם ניט גענוגיקנ געברויכנ, ניט פּאָשעט אינעם ווידערשפרוך צווישנ דער פראָדוקציע און דעם געברויכ, נאָר אינעם כאראקטער פונעם דאָזיקנ ווידערשפרוך אלס אנטפלעקונג-פאָרמ פונעם גרונט-ווידערשפרוך פונעם קאפיטאליזמ. דאָס האָט ניט געקאָנט זענ דער אידעאָלאָג פונעם קליינבירגערטומ סיסמאָנדי, דאָס ווילנ ניט זענ די סאָציאַל-פאשיסטישע אפּאָלאָגעטנ פונעם קאפיטאליזמ.

די סיבע ליגט אינ דעם, וואָס צוליב זיינע אָנזאמלונג-באדערפעניש שטרעבט דער קאפיטאליזמ צו פארברייטערנ אָנ א גרענעצ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקציע און שטערט אליינ דער דאָזיקער פארברייטערונג, אראָפּזעצנדיק דעם געברויכ פונ די מאסנ. אזוי אז די גאנצע סיבע ליגט אינעם ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג און דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג. די סאָציאַל-פאשיסטישע ניטדערברויכונג-טעאָריע, פונקט אזוי ווי די דיספּראָפּאָרציאָנעלקייט-טעאָריע, לייקנט אָפּ דעם דאָזיקנ ווידערשפרוכ מיטנ צוועק צו דערווייזנ, אז באַם קאפיטאליזמ קאָנענ די קריזיסנ באזייטיקט ווערנ.

ראָזע ליוקסעמבורגס טעאָריע

ר. ליוקסעמבורגס קריזיס-טעאָריע דרינגט ארויס פונ איר אָנזאמלונג-טעאָריע. אויבנ איז באוויזנ געוואָרנ, אז פונקט אזוי ווי סיסמאָנדי האלט זי פאר אוממעגלעכ די רעאליזאציע פונעם פראָדוקט אינ דער ריינער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. צוליב דעם נידעריקנ געברויכ-ניוואָ פונ די מאסנ אינעם ריינעם קאפיטאליזמ וואָלט געדארפט זיינ א קעסיידערדיקע איבערפראָדוקציע, א פערמאנענטער קריזיס. די רעאליזירונג פונ א קאפיטאליסטישנ פראָדוקט איז מעגלעכ קלוימערשט בלויז אפנ „אויסערלעכנ“, ניט קאפיטאליסטישנ מארק פונ „דריטע פערזאָנענ“. אפ וויפל די קאפיטאליסטנ געפינענ אנ אָפּזאצ צווישנ די קליינ-פראָדוצירער, אפ אזויפיל גייט די אָנזאמלונג גלאט, אָבער ווי נאָר עס ווערט פארקלענערט דער נאָכפרעג מיצאד די דאָזיקע „דריטע פערזאָנענ“, ווערט אומפארמיידלעכ דער קריזיס.

לענינ האָט באוויזנ, אז די סיסמאָנדיסטישע ניטדערברויכונג-טעאָריע דערקלערט די קריזיסנ „מיט דער פראָדוקציע און געברויכ פונעם ארבעטער-קלאס. די צווייטע (וואָס הייסט מארקס טעאָריע — ל.ס.) — מיטנ ווידערשפרוכ צווישנ דעם געזעלשאפטלעכנ כאראקטער פונ דער פראָדוקציע און דעם פריוואטנ כאראקטער פונ דער צוייגענונג. די ערשטע, הייסט עס, זעט דעם וואָרצל פונ דער דערשיינונג *אויסער* דער פראָדוקציע... די צווייטע — גראָד אינ די *באדינגונגענ* פונ דער פראָדוקציע (לענינ, באנד II, זייט 36).

די דאָזיקע ווערטער לענינס היטנ איינ די קראפט פולשטענדיק און אינגאנצנ אויכ בענעגייע צו ר. ליוקסעמבורג.

אָפּלייקענענדיק די מעגלעכקייט צו פארקויפנ דעם אָנגעזאמלטנ טייל מערפראָדוקט אינ די ראמענ פונ דער קאפיטאליסטישער סיסטעמ און דערקלערנדיק

די קריזיסנ מיט דער פארקלענערונג פונ דעמ נאָכפרעג אָדער דערמיט, וואָס עס איז ניטאָ קײנ נאָכפרעג מיצאַד די „דריטע פערזאָנענ", דערקלערט דערמיט גופע ליוקסעמבורג די קריזיסנ ניט מיט די *אינערלעכע* ווידערשפּרוכנ פונ קאפּי־טאליזמ, נאָר מיט די פארהעלטענישנ פונ קאפּיטאליזמ צו זײַנ *אויסערלעכער* סוויווע. אזויארומ האָט זי זיכ אינ טאָכ אבסטראהירט פונעמ גרונט־ווידערשפּרוכ פונעמ קאפּיטאליזמ.

די באַדײַטונג פונ דער מארקס־לעני־נינשער קרי־זיס־טעאָריע

מיר זעענ, אז *יעטווידער* פּרוּוו צו דערקלערנ די קריזיסנ ניט מיטנ גרונט־ווידערשפּרוכ פונ קאפּיטאליזמ, איז אינ טאָכ אנ אָפּלײקענונג פונעמ דאָזיקנ ווידערשפּרוכ. די אָפּלײקענונג, ווידער, פונעמ גרונט־ווידערשפּרוכ פונ קאפּיטאליזמ ברענגט דירעקט אָדער אומדירעקט צומ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פּראָלע־טארישער רעוואָליוציע.

די גרויסע רעוואָליוציאָנערע באַדײַטונג פונ דער מארקס־לענינשער קריזיס־טעאָריע באשטײט דערינ, וואָס זי באווײַזט, אז די קריזיסנ נעמענ זיכ פונעמ עצעמ מעהוס פונ קאפּיטאליזמ אונ דעריבער קאָנענ זײ באזײַטיקט ווערנ בלויז צוזאמענ מיטנ קאפּיטאליזמ. אינ די קריזיסנ אנטפּלעקנ זיכ יעדעס מאָל אמפולסטנ אונ אמשארפסטנ אלע ווידערשפּרוכנ פונ קאפּיטאליזמ אונ עס אנטפּלעקט זיכ די אומפײיִקײַט פונ קאפּיטאליזמ צו פארוואלטנ מיט דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוצירונג. די קריזיסנ שטעלנ יעדעס מאָל אינ גאנצנ פארנעמ די פראגע וועגנ דער נײטיקײַט צו באזײַטיקנ דעמ קאפּיטאליזמ, וועגנ דער נײטיקײַט פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. „פונ אײנ זײַט, אנטפּלעקט דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוציר־אויפנ אלײנ זײַנ אומפײיִקײַט צו פארוואלטנ ווײַטער מיט די פּראָדוק־טיוו־קרעפטנ, פונ דער אנדער זײַט — רײַסנ זיכ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ אלײנ מיט א שטײַגנדיקער קראפט צו פארניכטנ דעמ דאָזיקנ ווידערשפּרוכ, צו באפרײַענ זיכ פונ זײערע קאפּיטאליסטישע אײגנשאפטנ, צו דער *פאקטישער אנערקענונג* *פונ זײער כאראקטער — אלס כאראקטער פונ געזעלשאפטלעכע* *פּראָדוקטיוו־קרעפטנ*" (*ענגעלס*, אנטי־דיורינג, ז. 198—199).

די דאָזיקע רעוואָליוציאָנערע באַדײַטונג פונ די קריזיסנ האָט באזונדערס אונטערגעשטראָכנ אויכ לענינ. „די ארמײ פונעם פּראָלעטאריאט ווערט שטארקער אינ אלע לענדער. איר באוווסטזיניקײַט, באהעפטקײַט אונ אנטשײדנקײַט וואקסנ ניט מיט יעדנ טאָג, נאָר מיט יעדער שאָ. אונ דער קאפּיטאליזמ זאָרגט דערפאָלגרײַכ וועגנ פארמערנ די קריזיסנ, וואָס מיט זײ וועט זיכ באנוצנ די דאָזיקע ארמײ אפּ פארניכטנ דעמ קאפּיטאליזמ" (*לענינ*, באנד XII, זײַט 93).

די דאָזיקע לענינשע שטעלונג פונ דער פראגע וועגנ דער באַדײַטונג פונ די קריזיסנ איז אפנ ענגסטנ אויפנ פארבונדנ מיט דעמ אומבעשאָלעמדיקנ קאמפ, וואָס לענינ האָט געפירט קעגנ די קריטיקער פונ מארקס רעפּראָדוקציע־אונ קרי־זיס־טעאָריע, קעגנ די פּרוּוונ אויסצוטײַטשנ אײנזײַטיק מארקס טעאָריע אלס דיס־פּראָפּאָרציאָנעלקײַט־טעאָריע אָדער אלס ניטדערברויכונג־טעאָריע.

אינ דעמ דאָזיקנ קאמפ האָט לענינ אופגעדעקט דעמ גאנצנ טיפנ אינהאלט פונ מארקס קריזיס־טעאָריע אונ האָט אנטוויקלט מארקס טעאָריע וועגנ דעמ גרונט־

ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם אַלס דער סיבע פון די קריזיסן. ער האָט אויך גלענצנדיק פאַנאַנדערגעאַרבעט אַנדערע זײַטן פון מאַרקס קריזיס־טעאָריע. לענין האָט באַוויזן, אַז מאַרקס האָט באַטראַכט די דיספּראָפּאָרציאָנעלקייט פון די פּראָ-דוקציע-צווייַגן און דעם ווידערשפּרוך צווישן דער פּראָדוקציע און געברויך אַלס צוויי זײַטן, צוויי פאָרמען פון דעם גרונט-ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם — פונעם ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוציר'ונג און דער קאַפּיטאַליס־טישער צוייגענונג. אין קאַמף קעגן אַלע אָפּענע קעגנער פון מאַרקסיזם, באַ־זונדערס קעגן יענע „מאַרקסיסטן", וואָס האָבן זיך פאַרדעקט מיט דער מאַרק-סיסטישער פראַזעאָלאָגיע און וואָס האָבן אין דער ווירקלעכקייט פאַרקריפּלט און פאַלסיפיצירט דעם מאַרקסיזם און אַרויסגענומען פון אים דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, — האָט לענין פאַרשאַרפט און אַנטוויקלט מאַרקס לערע וועגן דעם גרונט־ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם אַלס סיבע פון די קריזיסן. און אין קעגנזאַץ צום אָפּאָרטוניזם, וואָס האָט זיך געסטאַרעט אָראָפּשטויסן דעם אַרבעט־טער־קלאַס פונעם וועג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, אָפּן וועג פון „ריין עקאָנאָמישן" קאַמף, אָפּן וועג פון רעפאָרמיזם און פשאָרעס מיט דער בורזשואַזיע, אויסטראַכטנדיק „טעאָריעס" וועגן דער מעגלעכקייט צו באַזײַטיקן די קריזיסן באַם קאַפּיטאַליזם, האָט לענין אין דער גאַנצער גרייס אַוועקגע־שטעלט פאַרן פּראָלעטאַריאַט די אויפגאַבע פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס דאָס וועט מאַכן אַ סאָף אויך צו די קריזיסן.

„דער קריזיס באַווײַזט, אַז די אַרבעטער קאָנען זיך ניט באַגרענעצן מיטן קאַמף פאַר איינצלנע האַנאָכעס מיצאַד די קאַפּיטאַליסטן... עס קומט אַ קראַך און די קאַפּיטאַליסטן נעמען אָפּ ניט בלויז די האַנאָכעס, וואָס זיי האָבן געגעבן, נאָר זיי באַנוצן זיך אויך מיט דער הילפלאָזיקייט פון די אַרבע-טער, קעדיי נאָך מער פאַרקלענערן דעם לוין. און דאָס וועט אומפאַרמײַדלעך דויערן אַזוי לאַנג, ביזוואַנען די אַרמייען פון סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט וועלן ניט אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל און פּריוואַט-אייגנטום" (לענין, באַנד IV, זײַט 166 — 167).

5. די אומעגלעכקײַט פון קריזיסן אין פּססר

די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע פאַרניכטעט די מאַכט פונעם קאַפּיטאַל איבער די פּראָדוקטיוו־קרעפטן און דערמיט גופע ליקווידירט זי דעם ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג, זי באַ-זײַטיקט די עצעם סיבע פון די קריזיסן. אויב דער קאַפּיטאַל שטרעבט צו גרע-נעצלאָזער פאַרברייטערונג פון דער פּראָדוקציע מיטן צוועק פון אָנזאַמלונג, אויב די דאָזיקע אָנזאַמלונג איז די סיבע, וואָס רופט אַרויס די נידעריקע געברויך-קראַפט פון דער געזעלשאַפט, וואָס שאַפט מעניעס פאַרן וווּקס פון דער פּראָדוק-ציע, איז אין פּססר די לאַגע אַ פאַרקערטע: דער וווּקס פון דער קויף-פעיִקײַט יאָגט דאָ אַריבער דעם וווּקס פון דער פּראָדוקציע.

די פּראָדוקטיוו־קרעפטן דינען אָפּ צו באַפרידיקן די באַדערפעניִשן, און די באַ־

דערפּענישן פון די מאסן מוזן קעסיידער וואקסן. זיי וואקסן און מוזן וואקסן אָן א סאָפ דערפאר, ווייל זיי זיינען ניט באגרענעצט דורך קיין קאפּיטאל. מיר האָבן דאָ ניט, אלזאָ, אזא לאגע, ווען קעגן דעם וווקס פון דער פּראָדוקציע איז קעגנגעשטעלט די נידעריקע געברויך־קראפט פון די מאסן, נאָר פארקערט — דער געברויך שטויסט די פּראָדוקציע פאָרויס. „בא אונדז, אין פססר, יאָגט דער וווקס פונעם געברויך (פון דער קויפ-פייִקייט) פון די מאסן קעסיידער אריבער דעם וווקס פון דער פּראָדוקציע און שטויסט אים פאָרויס" (סטאלין, פראגעס פון לע־ניניזם). „די סיסטעמאטישע פארבעסערונג פון דער מאטעריעלער לאגע פון די ארבעטנדיקע און דער קעסיידערדיקער וווקס פון זייערע באדערפעענישן (קויפ־פיי־יִקייט), וואָס איז א קעסיידער וואקסנדיקער קוואל פאר דער פארברייטערונג פון דער פּראָדוקציע, גאראנטירט דעם ארבעטער-קלאס קעגן קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע, קעגן א וווקס פון דער ארבעטלאָזיקייט אאוו. (דאָרט).

ניט געקוקט דערויף, וואָס פססר איז ניט אָפּגעטיילט מיט קיין כינעזישער וואנט פון דער קאפּיטאליסטישער וועלט, וואָס מיר האָבן האנדל־פארבינדונגען מיט די קאפּיטאליסטישע לענדער, וואָס זיינען ארייִנגעצויגן אינעם ווירבלשטראָם פונעם עקאָנאָמישן וועלט-קריזיס, קאָן זיך דאָך דער קריזיס ניט אריבערוואַרפן אף אונדזער ווירטשאפט, ווייל די עצעם סיסטעם פון אונדזער ווירטשאפט שליסט אויס די מעגלעכקייט פון קריזיסן. די כוואליעס פונעם עקאָנאָמישן וועלט-קריזיס, וואָס האָבן פארשווענקט די גאנצע קאפּיטאליסטישע וועלט, ווערן צעקלאפּט אָן אונ־דזער סאָציאליסטישער ווירטשאפט־סיסטעם.

טראָצקי האָט געטייִנעט, אז אונדזער ווירטשאפט שטייט אונטערן קאָנטראָל פון דער קאפּיטאליסטישער וועלט־ווירטשאפט און אז א קריזיס אין די קאפּיטאליס־טישע לענדער וועט מוזן פארכאפּן אויך פססר. די דאָזיקע באהויפּטונג איז אפּן ענגסטן אויפן פארבונדן מיט טראָצקיס סאָציאל־דעמאָקראטישער טעאָריע וועגן דער אוממעגלעכקייט אויסצובויען סאָציאליזם אין פססר און וועגן דעם, אז אונדזער ווירטשאפט שטעלט מיט זיך פאָר א סיסטעם פון מעלוכע-קאפּיטאליזם. דער אויסערסט שטארקער קריזיס אין די קאפּיטאליסטישע לענדער און דער שטורמישער וווקס פון דער סאָציאליסטישער פּראָדוקציע אין פססר וואַרפן אום טראָצקיס גאנצע „טעאָריע" און דעמאסקירן איר קאָנטררעוואָלוציאָנערן כאראקטער.

מיקויעך דער פראגע וועגן דער מעגלעכקייט פון קריזיסן אין פססר זיינען ארויסגעטראָטן אויך די רעכטע אָפּאָרטוניסטן. ארויסגייענדיק פון זייער טעאָריע וועגן דעם ארייִנוואקסן פונעם באלעגופּ אין סאָציאליזם, אָפּלייקענענדיק די נויט־ווענדיקייט פון דער קאָלעקטיוויזאציע און פון א גיכן טעמפּ פון דער אינדוס־טריאליזאציע, האָבן די רעכטע אין דער פּעריאָד פון זייער געווויזענעם טעאָרע־טישן פירער, דעם כ' בוכארין, ארויסגערוקט א טעאָריע, אז דער גיכער אינ־דוסטריאליזאציע־טעמפּ שאפט א דיספּראָפּאָרציאָנעלקייט אין אונדזער ווירטשאפט (נעמלעך, א דיספּראָפּאָרץ צווישן דער אינדוסטריע און דער לאנדווירטשאפט), אז ער צעשטערט דאָס „גלייכגעוויכט צווישן די סעקטערס" אין אונדזער ווירטשאפט און אז דאָס מוז אוממיידלעך פירן צו א קריזיס. עמעס, דער כ' בוכארין האָט צוגלייך דערמיט באהויפּט, אז דאָס איז א ספּעציעלער מין קריזיס, ניט קיין

קריזיס פונ איבערפראָדוקציע, נאָר א קריזיס „קאפויר". דאָס ענדערט אָבער לאַכלוטנ ניט די עצעמ טעאָריע פונ די רעכטע, וועלכע באשטייט דערינ, אז דער גיכער אינדוסטריאַליזאציע־טעמפ ברענגט דערצו, אז „עס ווערנ געשטערט די גרונטלעכע ווירטשאפטלעכע פראָפּאָרציעס אינעמ לאנד" (בוכארינ, נאָטיצנ פונ אנ עקאָנאָמיסט).

דער דאָזיקער שטאנדפונקט דרינגט ארויס פונ דעמ רעכט־אָפּאָרטוניסטישנ „געזעצ פונ ארבעט־פארווענדונג", וועלכנ מיר האָבנ אויבנ אנאַליזירט, און פונ דער טעאָריע פונ „גלײַכגעוויכט".

מארקס רעפראָדוקציע־טעאָריע האָט דער כ' בוכארינ באטראכט ווי א טעאָריע פונ גלײַכגעוויכט און ער האָט די דאָזיקע מאָס פונ גלײַכגעוויכט אָנגעווענדט אויכ צו דער פראגע וועגנ דער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש צווישנ דער אינדוסטריע און דער לאנדווירטשאפט אינ די באדינגונגענ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. פאר דער סאָציאַליסטישער בויונג איז קלוימערשט נייטיק א גלײַכגעוויכט צווישנ דעמ פויערשנ לאנדווירטשאפטלעכנ סעקטער און דעמ סאָציאַליסטישנ אינדוסטריעלנ סעקטער.

דער כ' סטאלינ האָט פולשטענדיק און אינגאנצנ דעמאסקירט די דאָזיקע רעכט-אָפּאָרטוניסטישע טעאָריע. אינ קאמפ קעגנ די רעכטע האָט דער כ' סטאלינ אנטוויקלט די מארקס-לענינשע טעאָריע פונ רעפראָדוקציע, אינ דער אָנווענדונג צו די אופגאבנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. די פארברייטערטע סאָציאַליסטישע רעפראָדוקציע איז אומדענקבאר אָנ א פארברייטערטער רעפראָדוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט. אָבער „אונדזער קליינפויערישע ווירטשאפט, — זאָגט דער כ' סטאלינ, — ניט נאָר וואָס זי פארווירקלעכט ניט אינ מאסע יאָר־יערלעכ די פארברייטערטע רעפראָדוקציע, נאָר, פארקערט, ניט שטענדיק האָט זי די מעגלעכקײַט צו פארווירקלעכנ אפילע אנ איינפאכע רעפראָדוקציע... צי קאָנ מענ אינ מעשעכ פונ א מער אָדער וויניקער דויערנדיקנ פעריאָד צײַט באזירנ די ראטנמאכט און די סאָציאַליסטישע בויונג אפ צוויי פארשיידענע באזעס — אפ דער באזע פונ דער סאמע גרעסטער און פארייניקטער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און אפ דער באזע פונ דער סאמע צעברעקלטער און אָפּגעשטאנענער קליינסכוירעדיקער לאנדווירטשאפט? ניינ, מע קאָנ ניט. דאָס מוז זיכ ווענ־עס־איז ענדיקנ מיט א פולשטענדיקנ קראכ פונ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט" (סטאלינ, פראגעס פונ לעניניזמ).

די פאָדערונג פונ די רעכטע אײַנצוהיטנ א גלײַכגעוויכט צווישנ די סעקטערס איז אינ טאָכ גענומענ א פאָדערונג אײַנצוהיטנ יענע פראָפּאָרציעס אינ דער פאָלקווירטשאפט, וועלכע האָבנ זיכ אויסגעבילדעט באמ קאפיטאַליזמ. וויאזוי אָבער, פרעגט זיכ, קאָנ מענ בויענ סאָציאַליזמ, אויב מע זאָל ניט ברעכנ די דאָזיקע „פראָפּאָרציעס"? די דאָזיקע פראָפּאָרציעס זײַנענ דאָכ אנ אויסדרוק פונעמ נידעריקנ געבוריכ פונ די מאסנ, באשטימט די דאָזיקע פראָפּאָרציעס האָבנ דאָכ די באדערפענישנ פונעמ קאפיטאל און ניט די באדערפענישנ פונ דער געזעלשאפט. וויאזוי קאָנ מענ בויענ סאָציאַליזמ, אויב מע זאָל ניט דורכפירנ קיינ גיכנ אינדוסטריאַליזאציע־טעמפ, וואָס נאָר ער אַליינ גיט א מעגלעכקײַט צו פארגעזעלשאפטלעכנ די קליינע פויערשע ווירטשאפט? מע קאָנ עס בעשומויפנ ניט. די טעאָריע

וועגנ גלײַכגעוויכט אונ דער געזעצ פונ ארבעט-פארווענדונג זײַנענ דעריבער בלויז אנ אויסדרוק פונ קאפיטוליאציע קעגנ די שוועריקײַטנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג, אנ אָפּזאָג פונ דער דאָזיקער בויונג, א פארייביקונג פונ דער קליינער סכוירע־פּראָדוקציע אונ צוזאמענ דערמיט א פארייביקונג פונעמ קאפיטאליזמ, וועלכנ די קליינ־פּראָדוקציע געבוירט.

א קריזיס, א פולשטענדיקער קראכ פונ דער פאָלקווירטשאפט וואָלט אומ־פארמײַדלעכ געקומענ, ווענ מע זאָל וועלנ אײַנהיטנ דאָס באַרימטע „גלײַכגעוויכט" צווישנ די סעקטערס. די גיכע אינדוסטריאליזאציע אונ די קאָלעקטיוויזאציע פונ דער פּויערשער ווירטשאפט, וואָס די פארטיי האָט פארווירקלעכט אונ וואָס די רעכטע האָבנ געשילדערט ווי א „צעשטערונג פונעמ גלײַכגעוויכט", האָבנ ניט נאָר ניט ארויסגערופנ קיינ קריזיס אינ אונדזער ווירטשאפט, נאָר, פארקערט, זיי זײַנענ געוואָרנ א באזע פארנ גיכנ וווקס פונ דער פּראָדוקציע אונ פּונעמ וויל־שטאנד פונ די מאסנ, אינ דער צײַט, ווענ אינ דער קאפיטאליסטישער וועלט מיט איר „גלײַכגעוויכט" בושעוועט א קריזיס פונ אומגעהערטער קראפט.

„עס איז נייטיק געווענ בלויז ארויסצונעמענ פונעמ אויצער פונ מארקסיזמ די רעפּראָדוקציע־טעאָריע אונ אנטקעגנשטעלנ זי קעגנ דער טעאָריע פונ גלײַכגע־וויכט צווישנ די סעקטערס, כדי פונ אָט דער גלײַכגעוויכט-טעאָריע זאָל אפילע קיינ שפּור ניט פארבלײַבנ" (סטאלינ, פראגעס פונ לענינִיזמ).

קאפּיטל XI

אימפּעריאַליזמ

אינ אלע ביז איצטיקע קאַפּיטלענ האָבנ מיר באטראכט, וויאזוי עס אנטפּלעקט זיכ דער גרונט־ווידערשפּרוכ פונ קאַפּיטאליזמ און אפ וואָס פאר אנ אויפנ דער דאָזיקער ווידערשפּרוכ ווערט די גאנצע צייַט פארשארפט. מיר האָבנ געזענ, וויאזוי די קאַפּיטאליסטישע עקספּלואטאציע וואקסט און וויאזוי אינ פּראָצעס פונ קאַפּי־טאל־אָנזאמלונג ווערט פארשארפט דער ווידערשפּרוכ צווישנ דער בורזשואזיע און דעמ פּראָלעטאריאט; וויאזוי אינ רעזולטאט פונעמ וווקס פונעמ אָרגאנישנ באשטאנד פונ קאַפּיטאל פאלט די דורכשניטלעכע רעווען־נאָרמע און וויאזוי דאָס דאָזיקע פאלנ טרייַבט די קאַפּיטאליסטנ נאָכ מער צו אנטוויקלענ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ און צו פארגרעסערנ די עקספּלואטאציע פונעמ פּראָלעטאריאט, דה. נאָכ מער צו פארשארפנ דעמ ווידערשפּרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאליסטישער צוייגענונג. צולעצט האָבנ מיר געזענ, וויאזוי אינ די קריזיסנ טרעט ארויס דער גרונט־ווידערשפּרוכ פונ קאַפּיטאליזמ אינ דער פאָרמ פונ א צוזאמענשטויס צווישנ צוויי פייַנטלעכע קרעפטנ.

דער קאַפּיטאליזמ גייט ניט ארויס און קאָנ ניט ארויסגיינ פונ זייַנ גרונט־ווי־דערשפּרוכ, נאָר ער באוועגט זיכ אינ אימ. דער ווידערשפּרוכ צווישנ דער גע־זעלשאפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאליסטישער צוייגענונג בילדעט דעמ עצעמ מעהוס פונ קאַפּיטאליזמ. לאָמיר זיכ דערמאָנענ, וויאזוי דער קאַפּיטאליזמ איז אנטשטאנענ. ער האָט פארוואנדלט די אינדיווידועלע פּראָדוצירונג אינ א געזעל־שאפטלעכער, אָבער ער האָט ניט באזייַטיקט די פּריוואטע פאָרמ פונ צוייגענענ, וואָס אנטשפּרעכט דער אינדיווידועלער פּראָדוצירונג. „די פּראָדוציר-מיטלענ און די פּראָדוצירונג גופע זייַנענ לויט זייער טאָכ געוואָרנ געזעלשאפטלעכע; אָבער זיי זייַנענ געוואָרנ אונטערגעוואָרפנ דער צוייגענונג, וואָס איז באזירט אפ דער פּריוואטער איינצלנער פּראָדוקציע, וועלכע איז כאראקטעריסטיש פאר יענער צייַט, ווענ יעדערער איז געווענ דער באלעבאָס פונ זייַנ אייגענעמ פּראָדוקט און פלעגט אימ אליינ ארויסטראָגנ אפנ מארק. די נייַע פּראָדוציר-פאָרמ האָט זיכ אונ־טערגעוואָרפנ דער אלטער צוייגענונג-פאָרמ, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס זי האָט אינגאנצנ צעשטערט אירע יעסוידעס (ענגעלס, אנטי־דיורינג, זייַט 194. מייַנ קורסיוו. — ל.ס.). דער דאָזיקער ווידער־

שפרונג, דה. דאָס, וואָס די געזעלשאפטלעכע פראָדוצירונג איז אונטערגעוואָרפנ דער פריוואטער צוייגענונג, גיט צו „דעמ נייעמ פראָדוציר-אויפנ זיינ קאפיטא־ליסטישנ כאראקטער" (דאָרט, זייט 194). „דאָס צוייגענענ דורכ פרי־וואטע פערזאָנענ דעמ פראָדוקט פונ דער געזעלשאפטלעכער ארבעט, וואָס די סכוירע-ווירטשאפט האָט אָרגאניזירט, — אָט אינ וואָס עס באשטייט דער מעהוס פונ קאפיטאליזמ" (לענינ, באנד I, זייט 128. מיינ קורסיוו.—ל.ס.).

פונ דעמ אלעמענ איז געדרונגענ, אז די אנטוויקלונג גופע פונ קאפי־טאליזמ איז אנ אנטוויקלונג פונעמ ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג אונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג. דאָס מיינט, אז די פראָ־דוצירונג ווערט אלצ מער אונ מער א געזעלשאפטלעכע אונ דעריבער לאָזט זי זיכ אלצ מער אונ מער ניט צונויפפאָרנ מיט דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג. אָבער צי קאָנ זיכ דער קאפיטאליזמ אנטוויקלענ אָנ א סאָפ, דה. צי קאָנ ער זיכ אייביק באוועגנ אינ דעמ דאָזיקנ זיכ פארשארפנדיקנ ווידערשפרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פראָדוצירונג אונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג? ניינ, ער קאָנ עס ניט. ווענ דער גרונט־ווידערשפרוכ פונ קאפיטאליזמ פארוואנדלט זיכ אינ א צוזאמענ־שטויס צווישנ צוויי פיינטלעכע קרעפטנ (איבערפראָדוקציע־קריזיס), איז אימ דער קאפיטאליזמ יעדעס מאָל גרינג[?] מיט אזוינע מיטלענ, וואָס ברענגענ צו א נאָכ גרעסערער פארשארפונג פונעמ ווידערשפרוכ. הייסט עס, אז עס דארפ קומענ אזא מאָמענט, ווענ די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ דארפנ אָנהייבנ צעשטערט אונ פארפוילט ווערנ אונטערנ דרוק פונ דער קאפיטאליסטי־שער צוייגענונג, אונ עס דארפ פארניכטעט ווערנ די הערשאפט פונ דער קאפיטאליסטישער צוייגענונג, קעדיי די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ זאָלנ קאָנענ ווייטער זיכ אנטוויקלענ.

לאָמיר דערמאָנענ דאָס, וואָס מארקס זאָגט וועגנ דעמ ווידערשפרוכ צווישנ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ אונ פראָדוציר-פארהעלטענישנ.

„אפ א געוויסער שטופע פונ זייער אנטוויקלונג קומענ די מאטעריעלע פראָדוקטיוו-קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט אינ א ווידערשפרוכ מיט די עקזיסטירנדיקע פראָדוציר-פארהעל־טענישנ, אָדער — וואָס איז בלויז דער יורידישער אויסדרוק דערפונ, — מיט די אייגנטומ־פארהעלטענישנ, וואָס אינעווייניק אינ זיי האָבנ זיי זיכ ביז איצט אנטוויקלט. פונ פאָרמענ צו אנטוויקלענ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ ווערנ די דאָזיקע פארהעל־טענישנ פארוואנדלט אינ זייערע קייטנ. דאנ קומט אָנ די עפאָ־כע פונ סאָציאלער רעוואָליוציע" (מארקס, „צו דער קריטיק פונ פאָליטישער עקאָנאָמיע", פאָרוואָרט, ז. 42—43. מיינ קורסיוו.—ל.ס.).

ווענ די קאפיטאליסטישע פראָדוציר־פארהעלטענישנ האָבנ אפ אזויפיל אנט־וויקלט די פראָדוקטיוו־קרעפטנ, אז זיי זיינענ געוואָרנ קייטנ פאר די דאָזיקע קרעפטנ, קומט אָנ די סאָציאלע רעוואָליוציע פונ פראָלעטאריאט. דער פראָלעטא־

ריאט איז דער קלאַס, וואָס לײַדט מער פון אַלץ פון דער ווײַטערדיקער עקזיס־טענץ פון קאַפּיטאַליזם, דער קלאַס, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די געזעלשאַפט־לעכע פּראָדוצירונג. צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג און פון זײַן קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע „וואַקסט די מאַסע דאַלעס, יאָך, פאַרשקלאַפונג, דעגענערירונג און עקספּלואַטאַציע, אָבער גלײַכצײַטיק וואַקסט אויך דער צאָרן באַם קעסיידער וואַקסנדיקן און געשולטן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז פאַראייניקט און אָרגאַניזירט דורכן מעכאַניזם גופא פונעם קאַפּי־טאַליסטישן פּראָדוציר־פּראָצעס. די מאָנאָפּאָל פון קאַפּיטאַל הייבן אָן ווערן קייטן פאַרן פּראָדוציר־אופן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט איר און אדאנק איר דערגרייכט דעם אויפבלי. די צענטראַליזאַציע פון די פּראָדוציר־מיטלען און די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער אַרבעט דער־גרייכן דעם ניוואָ, בא וועלכן זיי לאָזן זיך ניט צונויפפּאָרן מיט זייער קאַפּיטאַליסטישן הײַטל. דאָס דאָזיקע הײַטל ווערט אופגעריסן. עס שלאָגט די שאָ פונעם קאַפּיטאַליסטישן פּרי־וואַטן אייגנטום. די עקספּראָפּריאַטערס עקספּראָפּריִרט מען“ (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד I, זײַט 613. מײַן קורסיוו. — ל. ס.).

מאַרקס האָט וויסנשאַפטלעך דערוויזן די נייטיקייט און אומפאַרמײַדלעכקייט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, די היסטאָרישע אומפאַרמײַדלעכקייט פונעם זיג פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו־קרעפטן איבער די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן און האָט אין גרונט אָנגעמערקט דעם וועג פאַרן פּראָ־לעטאַריאַט צום זיג. אָבער אין מאַרקס צײַטן האָט דער ווידערשפּרוך צווישן דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגנונג נאָך ניט דערגרייכט דעם העכסטן גראַד פון זײַן אַנטוויקלונג.

ערשט צום סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט איז דער קאַ־פּיטאַליזם אַרײַנגעטראָטן אין לעצטן עטאַפּ פון זײַן אַנטוויקלונג, ווען די קאַפּי־טאַליסטישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן האָבן אָנשטאָט אַנטוויקלונג־פאָרמען פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פאַרוואַנדלט זיך אין זייערע קייטן און שטערן זייער ווײַטערדיקן וווּקס און, פון דער צווייטער זײַט, ווען די אונטערדריקונג פון פּראָ־לעטאַריאַט האָט אָנגענומען אַזאַ מאָס און אַזוינע פאָרמען, אַז דאָס אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן אַ היסטאָריש־דרינגענדיקע אויפגאַבע.

דעם דאָזיקן לעצטן עטאַפּ פון קאַפּיטאַליזם — דעם אימפּעריאַליזם — האָבן מאַרקס און ענגעלס ניט געקאָנט דערלעבן. דאָס אויפדעקן דעם מהות פון אימפּעריאַליזם אַלס באַזונדערן, העכסטן און לעצטן עטאַפּ פון קאַפּיטאַליזם, אַלס דעם ערעוו פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע געהערט לענינען, וואָס מיט זײַן טעאָריע וועגן אימפּעריאַליזם האָט ער ווײַטער אַנטוויקלט די לערע פון מאַרקס און ענגעלס און האָט אַף דער דאָזיקער באַזיס פאַנאַנדערגעאַרבעט די טעאָריע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

לענין האָט באַוויזן, אַז דער אימפּעריאַליזם איז ניט עפּעס אַ צופעליקע דערשײַנונג, אַז די גרונטיקע אַנטוויקלונג־געזעצן פון קאַפּיטאַליזם פירן אומפאַר־מײַדלעך צו פאַרוואַנדלען דעם קאַפּיטאַליזם אין אימפּעריאַליזם. „דער אימפּע־

ריאליזמ איז אויסגעוואָקסנ אלס אנטוויקלונג און דירעקטע פאָרזעצונג פונ די גרונט־אייגנשאפטנ פונ קאפּיטאליזמ בי־כלאל" (לענינ, באנד XIX, זײַט 141. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

אנ אנטשיידנדיקע באדײַטונג אינעמ פארוואנדלונג־פּראָצעס פונ קאפּיטאליזמ אינ אימפּעריאליזמ האָט געהאט דער קאָנצענטראציע־געזעצ.

1. קאָנצענטראציע און מאָנאָפּאָל

מאָנאָפּאָל וואקסט אויס פונ קאָנצענטראציע

ווי עס איז שוינ באוויזנ געוואָרנ אינ די פאָריקע קאפּיטלענ גייט די אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ דורכ דער גיכער קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע. איינע פונ די גרונטיקע טרײַבקרעפטנ פונעמ קאָנצענטראציע־פּראָצעס איז די קאָנקורענצ צווישנ די קאפּיטאליסטנ. וואָס פאר א שטופּע די קאָנצענטראציע האָט דערגרייכט צום אָנהייב XX יאָרהונדערט, באווײַזנ פאָלגנדיקע אָנגאבנ. אינ דײַטשלאנד האָבנ די אונטערנעמונגענ מיט א צאָל ארבעטער העכער 50 באטראָפנ אינ 1907 י. 0,9% פונ דער גאנצער צאָל אונטערנעמונגענ און האָבנ קאָנצענטרירט בא זיכ 37% פונ אלע אינדוסטריעלע ארבעטער. אינ 1925 יאָר האָבנ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ באטראָפנ 1,2% פונ דער גאנצער צאָל אונטערנעמונגענ, און די ארבעטער, וואָס זײַנענ אינ זיי געווענ באשעפטיקט, — 48% פונ אלע אינדוסטריעלע ארבעטער. אינ די פּשא האָט די צאָל אונטערנעמונגענ מיט א יערלעכער פּראָדוקציע פונ העכער א מיליאָנ דאָלער אינ 1909 יאָר באטראָפנ 1,1% פונ דער גאנצער צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ; אינ זיי זײַנענ געווענ פארנומענ 30,5% פונ אלע ארבעטער און זייער פּראָדוקציע האָט באטראָפנ 43,8% פונ דער גאנצער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. אינ 1929 יאָר האָט די צאָל פונ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ באטראָפנ 5,6% פונ אלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, די ארבעטער, וואָס זײַנענ געווענ אינ זיי פארנומענ, — 58% פונ אלע אינדוסטריעלע ארבעטער, און זייער פּראָדוקציע — 69,3% פונ דער גאנצער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע.

אָבער ווענ א קליינע צאָל אונטערנעמונגענ קאָנצענטרירט בא זיכ, ווי, למאָשל, אינ די פּשא, העכער א העלפט פונ אלע ארבעטער און צוויי דריטל פונ דער גאנצער פּראָדוקציע, באטײַט עס, אז מיר האָבנ צו טאָנ מיט גיגאנטישע אונטערנעמונגענ, וואָס פארנעמענ א מאָנאָפּאָל־לאגע און וואָס הערשנ אפּנ מארק — דאָס זײַנענ אזוינע אונטערנעמונגענ, וואָס אינ קאמפ קעגנ זיי זײַנענ זייערע קאָנקורענטנ — די קליינע קאפּיטאליסטנ — אינגאנצנ אָנמעכטיק.

אזויארום „פירט צו די קאָנצענטראציע, אפּ א געוויסער שטופּע פונ איר אנטוויקלונג, אליינ פונ זיכ, קאָנמענ זאָגנ, הארט צו דער מאָנאָפּאָל. ווײַל עטלעכע צענדליק גיגאנטישע אונטערנעמונגענ איז גרינג צו קומענ צו א פארשטענדיקונג צווישנ זיכ" (לענינ, באנד XIX, זײַט 82. מײַנ קורסיוו. — ל.ס.).

די אייגנטימער פונ די דאָזיקע גרויסע אונטערנעמונגענ ניט בלויז זיי קאָנענ,

נאָר זיי זײַנענ אויכ געצוווּנגענ דורכצוקומענ צווישנ זיכ מיטנ צוועק צו הערשנ אפנ מארק, ווײַל דער גרויסער פארנעמ פונ זייערע אונטערנעמונגענ שאפט אויכ א גרויסע ריזיקע אינ דער קאָנקורענצ. „די שוועריקײַט פונ דער קאָנקורענצ, די טענדענצ צו מאָנאָפּאָל נעמט זיכ טאקע פונעמ גרויסנ פארנעמ פונ די אונטערנעמונגענ" (לענינ, באנד XIX, זײַט 82. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

אזויארומ האָט די קאָנקורענצ געבראכט צו דער קאָנצענטראציע, אונ די קאָנצענטראציע ברענגט אפּ א געוויסער שטופע פונ איר אנטוויקלונג צו מאָנאָפּאָל, אָבער דאָס מײנט, אז די אנטוויקלונג פונ דער קאָנקורענצ ברענגט צומ קעגנזאצ פונ דער קאָנקורענצ — צו מאָנאָפּאָל.

די מאָנאָפּאָל וואקסט ארויס פונ דער קאָנצענטראציע. א באשטימטע הויכע שטופע פונ קאָנצענטראציע איז די באזע פונ דער מאָנאָפּאָל. אָבער ס'וואָלט געווענ ניט ריכטיק צו באטראכטנ דעמ פאקט אליינ פונ דער קאָנצענטראציע אלס מאָנאָפּאָל. די מאָנאָפּאָל באשטייט דערינ, וואָס אפּ א הויכער שטופע פונ קאָנצענטראציע ווערט געשאפנ די מעגלעכקײַט אונ נייטיקײַט פאר די גרויסע קאפּיטאליסטנ צו קומענ צו א פארשטענדיקונג צווישנ זיכ מיטנ צוועק צו הערשנ מאָנאָפּאָליש אפנ מארק: מיטנ צוועק צו צעטיילנ די אָפּזאצ-מערק, אײַנצושטעלנ איינהײַטלעכע פרײַזנ אאוו.

אזוינע מאָנאָפּאָליסטישע פארייניקונגענ האָבנ עקזיסטירט נאָכ ביזנ אימפּעריאליזמ, אָבער דאנ זײַנענ זיי געווענ אנ אויסנאמ — געהערשט האָט די פרײַע קאָנקורענצ, אָבער ניט די מאָנאָפּאָל. ערשט נאָכנ קריזיס פונ די יאָרנ 1900 — 1903 זײַנענ די מאָנאָפּאָלנ געוואָרנ „איינער פונ די יעסוידעס פארנ גאנצנ ווירטשאפטלעכנ לעבנ. דער קאפּיטאליזמ איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ אימפּעריאליזמ" (לענינ, באנד XIX, זײַט 86).

די פאָרמענ פונ די מאָנאָפּאָלנ

די פאָרמענ פונ די מאָנאָפּאָליסטישע פארייניקונגענ זײַנענ זייער פארשיידנארטיק. די וויכטיקסטע פונ זיי זײַנענ פאָלגנדיקע: 1) קארטעל — די אונטערנעמונגענ, וואָס שליסנ אנ אָפּמאכ, צעטיילנ צווישנ זיכ דעמ מארק, שטעלנ אײַנ אלגעמיינע פרײַזנ, באשטימענ די גרייס פונ דער פּראָדוקציע פאר יעדער אונטערנעמונג, אָבער די אונטערנעמונגענ גופע פארבלײַבנ זעלבשטענדיק סײַ אינ פּראָדוציר-געביט אונ סײַ אינ האנדל-געביט. 2) סינדיקאט — א העכערע פארייניקונג-שטופע: די סינדיקאט-מיטגלידער זעצנ אָפּ זייער פּראָדוקציע אונ קויפנ אײַנ רויוואַרג ניט אליינ, נאָר זיי שאפנ פארנ דאָזיקנ ציל אנ אלגעמיינעמ האנדל-אפּאראט. 3) טרעסט — די העכסטע פארייניקונג-שטופע: די אונטערנעמונגענ פארלירנ די זעלבשטענדיקײַט ניט בלויז אינ קאָמערציעלער הינזיכט, נאָר אויכ אינ פּראט פונ פּראָדוקציע. אלע אונטערנעמונגענ גיסנ זיכ צונויפּ אינ אנ איינהײַטלעכער אונטערנעמונג, וואָס ווערט פארוואלטעט פונ איינ צענטער. די געוועזענע באזיצער פונ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ ווערנ שותּפימ פונ דער דאָזיקער גרויסער, פארייניקטער אונטערנעמונג. די אונטערנעמונגענ ווערנ אינגאנצנ אנאָנימ.

דערבײַ גיסנ זיכ אָפּטמאָל צונויפּ ניט בלויז איינארטיקע אונטערנעמונגענ, נאָר

איך אונטערנעמונגען פון פארשיידענע אינדוסטריע־צווייַגן. עס באקומען זיך די
זיקע קאָמבינירטע אונטערנעמונגען, וואָס באקומען אַליין ארויס
זייער אייגענעם רויוואַרג, וואָס ארבעטן איבער דאָס דאָזיקע רויוואַרג און נוצן אויס
דעם אָפּפאַל פון דער פּראָדוקציע אאוו., לעמאָשל, קאָמבינאטן פון מעטאַלור־
גיע, קוילן, כימיע און מאשינבויונג. אזוינע טרעסטן־קאָמבינאטן זייַנען מער
שטאנדהאפטיק, איידער די טרעסטן, וואָס פאראייניקן בלויז איינארטיקע אונטער־
נעמונגען, זיי פאַלן ווייניקער ארונטער אונטער דער ווירקונג פון די קאָניונקטור־
ענדערונגען.

די טרעסטן ווערן, ווייַטער, פאראייניקט אונטער דער אָנפירונג פון גרויסע
באַנק־מאָנאָפּאָליסטן אין קאָנצערנען, וואָס כאַפּן ארום די פארשיידנארטיק־
סטע אונטערנעמונגען אין פארשיידענע צווייַגן פון דער אינדוסטריע, פון
טראנספּאָרט און האַנדל.

אויסוואַקסנדיק פון דער קאָנצענטראַציע, פארגיכערט די
מאָנאָפּאָל נאָך מער די דאָזיקע קאָנצענטראַציע. די מאָנאָפּאָלן
שרויפן אויף די פּרייַזן אפן מארק און באַוואָרענען פאר זיך קאָלאָסאַלע האַכ־
נאָסעס, זיי מאָנאָפּאָליזירן די דערפינדונגען און נעמען אָפּ בא די איבעריקע קאַ־
פּיטאליסטן די מעגלעכקייַט צו פארקלענערן זייערע פּראָדוציר־קאָסטן. „די מאָ־
נאָפּאָל זיכערט גיגאַנטישע האַכנאָסעס און פירט צו דער אויסבילדונג פון טעכ־
נישע פּראָדוציר־איינסן פון אַן אומגעהייערן פארנעם" (לענין, ב. XIX, ז. 87).

וואָס איז די באַדייַטונג פון די דאָזיקע מאָנאָפּאָלן? די באַ־
דייַטונג זייערע באַשטייט אין דעם, וואָס זיי דערפירן די פאר־
געזעלשאַפטלעכונג פון דער פּראָדוקציע ביז דער העכסטער
מאַדרייגע, וועלכע איז מעגלעך באַם קאַפּיטאליזם. אין דער מאָ־
נאָפּאָל דריקט זיך אויס די פארגעזעלשאַפטלעכונג פון דער
פּראָדוקציע שוין ניט בלויז אין דעם, וואָס די ארבעט איז
פארגעזעלשאַפטלעכט אין די ראַמען פון איין אונטערנעמונג,
וואָס עס וואַקסט אַלץ מער די אָפּהענגיקייַט פון די באַזונדערע
אונטערנעמונגען און פּראָדוציר־צווייַגן איינע פון דער אנדערער, — אין דער מאָ־
נאָפּאָל פאראייניקן די קאַפּיטאליסטן אויך אָרגאַניזאַציאָנעל די גרויסע אונטערנע־
מונגען אין איין איינהייַטלעכער אונטערנעמונג. די מאָנאָפּאָלן פירן אַ דיסקאָנט
פון דער גאנצער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, פון די רויוואַרג־קוואַלן, פון דער
ארבעטקראַפט, אָפּזאַץ־מערק אאוו. „די קאָנקורענץ פארוואַנדלט זיך
אין אַ מאָנאָפּאָל. עס באַקומט זיך אַ גיגאַנטישער פּראָגרעס אין
דער פארגעזעלשאַפטלעכונג פון דער פּראָדוקציע" (לענין, באַנד
XIX, זייַט 89. מייַנע קורסיוו. — ל.ס.).

מאָנאָפּאָל איז דער
איבערגאַנג פון פול־
שטענדיקער קאָנקו־
רענץ־פרייַהייַט צו
פולשטענדיקער פאר־
געזעלשאַפט־
לעכונג

דער פאַקט, וואָס די קאַפּיטאליסטן אַליין פאראייניקן די גרויסע אונטערנעמונ־
גען אין איין איינהייַטלעכער אונטערנעמונג, באַווייַזט, אַז די פארגעזעלשאַפטלע־
כונג פון דער פּראָדוקציע האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופע, אַז אַפּ איר זייַנען
די קאַפּיטאליסטן אַליין געצוווּנגען צו באַנוצן די פּראָדוקטיוו־קרעפטן אַלס געזעלשאַפט־
לעכע פּראָדוקטיוו־קרעפטן. „דער קאַמף פון די מעכטיק שטייַגנדיקע פּראָדוקטיוו־

קרעפטנ קעגנ זייערע אייגענע אייגנשאפטנ אלס קאפיטאל, די שטײַגנדיקע נויטווענדיקײַט צו אנערקענענ זייער געזעלשאפטלעכע נאטור — דאָס טאקע צווינגט די קאפיטאליסטנ גופע אלצ אָפטער אונ אָפטער צו געברויכנ זיי אלס געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ, אפ וויפל דאָס איז מעגלעכ בא די קאפיטאליסטישע פארהעלטענישנ" (ענגעלס, אנטי־דיורינג, זײַט 199).

דאָס דאָזיקע „אנערקענענ" דעמ געזעלשאפטלעכנ כאראקטער פונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ קומט פאָר אויסער דעמ ווילנ אונ דעמ באוווסטזײַנ פונ די קאפיטאליסטנ, — די מאָנאָפאָלנ אנטשטייענ אלס אומפארמײַדלעכער רעזולטאט פונ דער קאָנצענטראציע אפ א באשטימטער שטופע פונ איר אנטוויקלונג, אָבער דער פאקט בלײַבט א פאקט, אז אינ דער מאָנאָפאָל ווערט אָפגעלייקנט די קאָנקורענצ, ד. ה. דאָס באגייענ זיכ מיט די געזעלשאפטלעכע פראָדוקטיוו־קרעפטנ ווי מיט ניט געזעלשאפטלעכע. „דער קאפיטאליזמ אינ זײַנ אימפעריאליסטישער סטאדיע פירט צו דער סאמע אלזײַטיקער פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער פראָדוקציע, ער שלעפט ארײַנ, אזוי צו זאָגנ, די קאפיטאליסטנ, קעגנ זייער ווילנ אונ באוווסטזײַנ, אינ עפעס א נײַער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, וואָס איז אנ איבערגאנג־אָרדענונג פונ דער פולשטענדיקער קאָנקורענצ־פרײַהײַט צו דער פולשטענדיקער פארגעזעלשאפטלעכונג" (לענינ, באנד XIX, זײַט 89. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

די באדײַטונג פונ די מאָנאָפאָלנ באשטייט אזויארומ אינ זייער איבערגאנג־כאראקטער. די פראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט האָבנ דערגרייכט אזא הויכע אנטוויקלונג־שטופע, אז די קאפיטאליסטנ אליינ זײַנענ געצוווּנגענ צו פארגעזעלשאפטלעכנ זיי אפ זייער שטייגער. אָבער די דאָזיקע פארגעזעלשאפטלעכונג איז א קאפיטאליסטישע פארגעזעלשאפטלעכונג, זי באזײַטיקט ניט די קאפיטאליסטישע צוייגענונג אונ דעריבער באזײַטיקט זי ניט דעמ גרונט־ווידערשפרוכ פונ קאפיטאליזמ. ווענ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ, וואָס נייטיקנ זיכ שוינ אינ א ווירקלעכער פארגעזעלשאפטלעכונג, ווערנ פארגעזעלשאפטלעכט אפנ קאפיטאליסטישנ אויפנ אינ דער פאָרמ פונ מאָנאָפאָלנ, פארהאמעוועט זיכ זייער אנטוויקלונג נאָכ מער.

מאָנאָפאָל אונ קאָנקורענצ

די מאָנאָפאָלנ שטעלנ מיט זיכ פאָר דעמ קעגנזאצ פונ קאָנקורענצ, אָבער זיי באזײַטיקנ זי ניט, נאָר עקזיסטירנ צוזאמענ מיט איר. דערבײַ באקומט די קאָנקורענצ נײַע פאָרמענ אונ ווערט א סאכ שארפער.

די מאָנאָפאָל אינ אוועלכנ־ניט־איז אינדוסטריע־צווײַג כאפט געוויינלעכ ניט ארומ דעמ דאָזיקנ גאנצנ צווײַג. א הונדערטפראָצענטיקע מאָנאָפאָל אינ אוועלכער־ניט־איז פראָדוקציע איז א זעלטענע דערשײַנונג. ס׳קומט פאָר א קאָנקורענצ־קאמפ, ערשטנס, צווישנ די קאפיטאליסטנ, וואָס גייענ ניט ארײַנ אינ דער מאָנאָפאָל (די אזויגערופענע אאוטסײַדער), אונ, צווייטנס — צווישנ די אאוטסײַדער אונ די מאָנאָפאָלנ. אינ דעמ דאָזיקנ קאמפ ווענדנ אָנ די מאָנאָפאָלנ קאָלערליי מיטלענ, ווי: צײַטווײַליקע שטארקע פרײַזנ־אראָפזעצונג מיטנ צוועק צו־

רויִנירנ זייערע קאָנקורענטנ; בויקאָט-דערקלערונג מיטנ צוועק אָפּצונעמענ בא די אאוטסײַדער דאָס נייטיקע רויוואַרג; די מאָנאָפּאָלנ שטעלנ זיכ ניט אָפּ פאר אזוינע קאמפ-מעטאָדנ, ווי אונטערצינדנ און אופרײַסנ די אונטערנעמונגענ פונ זייערע קאָנקורענטנ.

קאָנקורענצ קומט פאָר אינווייניק אינ די מאָנאָפּאָלנ גופא. אינ די פאלנ, ווענ די אונטערנעמונגענ, וואָס גייענ ארײַנ אינ דער מאָנאָפּאָליסטישער פאראייניקונג, פארבלײַבנ זעלבשטענדיק אינ דער הינזיכט פונ פּראָדוצירנ (קארטעלנ, סינדיקאטנ), קומט פאָר א קאמפ צווישנ זיי פארנ כײַלעק אָנטייל (די אזויגערופענע קוואָטעס) אינ דעמ אלגעמיינעמ פּראָדוקציע-אָפּזאצ. באמ אָרגאניזירנ א קארטעל אָדער סינדיקאט ווערט דער כײַלעק אָנטייל פונ יעדער אונטערנעמונג אינ דעמ אלגעמיינעמ אָפּזאצ אײַנגעשטעלט לויט דער פּראָדוציר-מעכטיקײַט פונ דער אונטערנעמונג. יעדער קאפּיטאליסט, וואָס נעמט אָנטייל אינעמ קארטעל, שטרעבט צו פארברייטערנ זײַנ אונטערנעמונג, פארבעסערנ זי טעכניש, קעדיי נאָכדעמ צו פּאָדערנ פאר זיכ א גרעסערנ אָנטייל אינעמ אָפּזאצ. אזויווי די פארשטענדיקונג צווישנ די קאפּיטאליסטנ ווערט געשלאָסנ אפּ דער באזע פונ זייער קרעפטנ-פארהעלטעניש, ווערט, אלס רעזולטאט פונ דער ענדערונג פונ דער דאָזיקער קרעפטנ-פארהעלטעניש, פארשארפט דער קאמפ פאר די קוואָטעס. אָפטמאָל ווערט דער קארטעל צעפאלנ און עס בילדעט זיכ א נײַער קארטעל.

עס קומט אויכ פאָר א *קאמפ צווישנ די מאָנאָפּאָלנ אינ איינעמ און דעמ זעלבנ צווײַג* אינ די פאלנ, ווענ אינ דעמ געגעבענעמ צווײַג איז פאראנ ניט איינער, נאָר עטלעכע מאָנאָפּאָליסטישע פארבאנדנ.

ווײַטער אנטוויקלט זיכ די *קאָנקורענצ צווישנ די מאָנאָפּאָלנ פונ פארשיידענע פּראָדוציר-צווײַגנ*, ווי למשל, די קאָנקורענצ פונ קינסטלעכער נאפט און נאטירלעכער, קינסטלעכער זײַד און נאטירלעכער, פונ קאוטשוק אאוו. עס קומט פאָר א קאמפ פאר פארבײַטנ איינע סכוירעס מיט אנדערע, וואָס באפרידיקנ די זעלבע באדערפעניש, למשל, די קאָנקורענצ צווישנ אײַזנבאנישנ, אווטאָמאָבילישנ און לופט-טראנספּאָרט, די קאָנקורענצ צווישנ קוילנ און נאפט, גראמאָפאָנ און ראדיאָ, ראדיאָ און צײַטונגענ אאוו.

צולעצט, פירט זיכ א *קאמפ צווישנ די מאָנאָפּאָלנ פונ פארשיידענע לענדער*. אינעמ פארמאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאליזמ האָט זיכ די אינטערנאציאָנאלע קאָנקורענצ געפירט צווישנ א מאסע צעשפּליטערטע קאפּיטאליסטנ. ווענ עס ווערט אײַנגעשטעלט די הערשאפט פונ די מאָנאָפּאָלנ, ווערט די קאָנקורענצ אפנ וועלט-מארק א קאָנקורענצ צווישנ א קליינער צאָל גיגאנטישע מאָנאָפּאָלנ, דעריבער האָט די קאָנקורענצ א סאכ א שארפערנ כאראקטער.

„*אויסוואקסנדיק פונ דער פרײַער קאָנקורענצ, באזײַטיקנ ניט די מאָנאָפּאָלנ די דאָזיקע פרײַע קאָנקורענצ, נאָר זיי עקזיסטירנ איבער איר און זײַט בא זײַט מיט איר און רופנ ארויס דערמיט א ריי באזונדערס שארפע און הארבע ווידערשפּרוכנ, רײַבונגענ, קאָנפליקטנ*" (לענינ, באנד XIX, זײַט 142. מײַנ קורסיוו. — ל.ס.).

איבערגאַנג־כאַ־ ראַקטער פֿונעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קאַפּיטאַליזמ

די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָל קאָנ ניט באַזײַטיקנ די קאָנקו־רענצ טאַקע דערפֿאַר, װײַל זי איז א **קאַפּיטאַליסטישע** מאָנאָפּאָל, דה. א מאָנאָפּאָל, װאָס באַזירט זיכ אפֿ פּרי־װאַט־אײגנטומ אפֿ די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָדוציר־מיטלענ. דע־ריבער עקזיסטירט די מאָנאָפּאָל זײַט בא זײַט מיט דער קאָנקורענצ. אזוי אז אויב פֿונ אײנ זײַט זאָגט אײדעס די עקזיסטענצ פֿונ די מאָנאָפּאָלנ דערויפֿ, אז די פּראָדוקטיװ־קרעפֿטנ זײַנענ ארײַנגעטראָטנ אינ אזא פֿאַזע פֿונ זײער אנטװיקלונג, אז עס װערט פּראַקטיש אומפֿאַרמײַדלעכ זײער פֿולשטענדיקע פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג, אויב די מאָנאָפּאָלנ זײַנענ א באַװײַז, אז עס איז פּראַקטיש רײַפֿ געװאָרנ די נײטיקײַט אריבערצוגײנ פֿונ פֿולשטענדיקער קאָנקורענצ־פֿרײַהײַט צו פֿולשטענדיקער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג, אויב „**די מאָנאָפּאָל איז דער איבערגאַנג פֿונעמ קאַפּיטאַליזמ צו א העכערער אָרדענונג**“ (**לענינ**, באַנד XIX, זײַט 142. מײַנ קורסיװ.—ל.ס.), — באַקומט זיכ, פֿונ דער אנדערער זײַט, אז די מאָנאָפּאָלנ, װאָס זײַנענ **קאַפּיטאַליסטישע** מאָנאָפּאָלנ, װאָס באַזײַטיקנ ניט די קאָנקורענצ, נאָר װאָס עקזיסטירנ צוזאַמענ מיט דער קאָנקורענצ אונ פֿאַרשטאַרקנ דעמ קאַמפּ צװישנ די קאַפּיטאַליסטנ, — פֿאַרשטאַרקנ נאָכ מער דעמ גרונט־װידערשפּרוכ פֿונ קאַפּיטאַליזמ, שטערנ נאָכ מער דער אנטװיקלונג פֿונ די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָדוקטיװ־קרעפֿטנ.

די מאָנאָפּאָל איז אנ איבערגאַנג צומ סאָציאַליזמ ניט אינ דער הינזיכט, װאָס די מאָנאָפּאָליסטישע אָרגאַניזאַציעס גופֿע שטעלנ מיט זיכ פֿאָר סאָציאַליסטישע עלעמענטנ. אזוינע עלעמענטנ זײַנענ די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלנ ניט אונ קאָנענ ניט זײַנ, װײַל זײ געהערנ די קאַפּיטאַליסטנ אונ ניט דירעקט די פּראָדוצירער. דאָס האָבנ די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ זיכ געפּרוװט אונ פּרוװנ זיכ אויכ װײַטער פֿאָרשטעלנ די מאָנאָפּאָלנ אלס אָנהײב פֿונ דער סאָציאַליסטישער פּראָ-דוצירונג (טעאָריע װעגנ „אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ“ אונ װעגנ „װירטשאַפֿטלעכער דעמאָקראַטיע“), קעדײ אָפּצונאַרנ דעמ ארבעטער־קלאַס מיט איליוזיעס װעגנ דעמ פֿרידלעכנ ארײַנװאַקסנ פֿונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ סאָציאַליזמ.

לענינ האָט באַװיזנ, אז די מאָנאָפּאָל איז דער איבערגאַנג צומ סאָציאַליזמ בלויז אינ פֿאָלגנדיקנ צװײפֿאַכנ זינ. ערשטנס, די מאָנאָפּאָל **פֿירט** צו דער סאַמע אלזײַטיקער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג פֿונ דער פּראָדוקציע“ (**לענינ**, באַנד XIX, זײַט 89), זי זאָגט אײדעס װעגנ דער פּראַקטישער מעגלעכקײַט אונ דרינגענ־דיקער נויטװענדיקײַט צו פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכנ פֿולשטענדיק אונ אלזײַטיק די פּראָ־דוקציע. די עקזיסטענצ פֿונ די מאָנאָפּאָלנ באַװײַזט, אז דער סאָציאַליזמ קלאַפּט טאַקע מאַמעש אינ די טירנ פֿונ דער געזעלשאַפֿט. צװײטנס, די מאָנאָפּאָל אלס קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָל, ניט בלויז װאָס זי דערלאָזט ניט די פֿולע פֿאַרגע־זעלשאַפֿטלעכונג פֿונ דער פּראָדוקציע, נאָר זי פֿאַרשטאַרקט נאָכ מער די הער־שאַפֿט אונ דעמ יאָכ פֿונ קאַפּיטאַל, אצינד שוינ פֿונ א הײַפֿל קאַפּיטאַליסטנ־מאָנאָ־פּאָליסטנ, איבער דער געזעלשאַפֿט.

„**די פּראָדוצירונג װערט א געזעלשאַפֿטלעכע, אָבער די צוײגענונג פֿאַרבלײַבט א פּריװאַטע. די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָ־**

דוציר־מיטלען פאַרבליבן א פּריוואַט־אײגנטום פון א קלײַנער צאָל פּערזאָנען. די אַלגעמײנע ראַמען פון דער פאָרמעל אנערקענטער קאָנקורענץ־פרײַהײַט פאַרבלײַבן און דער יאָך פון די װײניקע מאָנאָפּאָליסטן איבער דער איבעריקער באַפעלקערונג װערט אין הונדערט מאָל שװערער, פילבאַרער, אומדערטרעגלעכער" (לענין, באַנד XIX, זײַט 98. מײַן קורסיװ.—ל.ס.).

דעריבער ברענגט די פאַרװאַנדלונג פון קאַפּיטאַליזם אין מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם ניט בלויז צו דער נײטיקײַט פון פולשטענדיקער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג, נאָר אויך צו דער דרינגענדיקער נײטיקײַט צו פאַרװירקלעכן די דאָזיקע פאַרגעזעלשאַפטלעכונג ניט אַנדערש, װי דורך אַראָפּװאַרפן מיט געװאַלד די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, דה. דורך דער פּראָלעטאַרישער רעװאָלוציע. „טאַקע די דאָזיקע פאַרײניקונג פון די „פּרינציפּן", װאָס װידערשפּרעכן אײנער דעם אַנדערן: פון דער קאָנקורענץ און מאָנאָפּאָל איז װעזנטלעך פאַרן אימפּעריאַליזם, אָט זי טאַקע גרײט צו דעם קראַך, דה. די סאָציאַליסטישע רעװאָלוציע" (לענין, באַנד XX, זײַט 297. מײַן קורסיװ. — ל. ס.).

2. די נײַע ראָליע פון די בענק. פינאַנץ־קאַפּיטאַל

בענק־מאָנאָפּאָלן

צוגלײַך מיט דער קאָנצענטרירונג און צענטראַליזירונג פון דעם קאַפּיטאַל אין דער אינדוסטריע קומט אויך פאָר א קאָנצענטרירונג און צענטראַליזירונג פון די בענק. פון אײן זײַט, איז אויך אינעם סאַמע קרעדיט־װעזן פאַראַן א קאָנקורענץ, װאָס פירט צו קאָנצענטראַציע, און פון דער צװײטער זײַט — רופט אַרויס דער װוּקס פון דער קאָנצענטראַציע אין דער אינדוסטריע א װוּקס פון די בענק, װעלכע פילן אויס, װי מיר האָבן געזען (זע קאַפּיטל VII, ז. 188), די ראָליע פון פאַרמיטלער אין דער פאַרטײלונג פון די צײַטװײַליק פרײַע געלט־קאַפּיטאַלן צװישן די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן און האַנדל־קאַפּיטאַליסטן.

װאָס פאַר א גראַד עס האָט דערגרײכט די קאָנצענטראַציע פון די בענק צום אָנהײב XX יאָרהונדערט, דה. צו דער צײַט, װען דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך ענדגילטיק פאַרװאַנדלט אין אימפּעריאַליזם, באַװײַזן פאָלגנדיקע אָנגאַבן. אין דײַטשלאַנד זײַנען אין 1912 יאָר געװען 172 בענק מיט א קאַפּיטאַל העכער א מיליאָן מאַרק. דערונטער האָבן 9 גרויסע בערלינער בענק, דה. 5,2% פון דער אַלגעמײנער צאָל בענק (ניט רעכענענדיק די קלײנע בענק מיט א קאַפּיטאַל פון װײניקער פון א מיליאָן מאַרק) קאָנצענטרירט בא זיך 49% פון אַלע אײַנלאַגן. אין 1926 יאָר האָבן שוין בלויז 6 גרעסטע בענק קאָנצענטרירט 82,5% פון אַלע אײַנלאַגן. אין ענגלאַנד האָט זיך די צאָל בענק פאַרקלענערט פון 104 אין 1890 יאָר ביז 43 אין 1913 יאָר. און די סומע מיטלען, װאָס האָבן זיך געפונען אין רעשוס פון די בענק, האָט זיך פאַרגרעסערט פאַר דער דאָזיקער צײַט פון 464 מיליאָן פונט סטערלינג ביז 963 מיליאָן פונט סטערלינג. פינף

גרעסטע לאָנדאָנער בענק (דער אַזױגערופענער „גרױסער פינפלינג") האָבנ קאָנצענטרירט בא זיכ אינ 1900 יאָר 27% פונ אַלע באַנק־אײַנלאַגנ אינ לאַנד, אינ 1913 יאָר — 39,7% און אינ 1924 יאָר — שױנ 72,4%. פונקט אַזאַ בילד פונ קאָנצענטראַציע פונ די בענק האָבנ מיר, װיכ אינ אַלע איבעריקע אימפּעריאַליסטישע לענדער.

פונקט װי אינ דער אינדוסטריע פירט צו די קאָנצענטראַציע בא א העכער שטופע פונ איר אַנטװיקלונג „האַרט צו דער מאָנאָפּאָל", אַזױ װאַקסט אױכ אױס די באַנק־מאָנאָפּאָל פונ דער קאָנצענטראַציע אינעמ באַנקװעזנ אפ א באַשטימטער שטופע פונ איר אַנטװיקלונג.

װענ די פרײַע געלט־קאַפּיטאַלנ הערנ אופ צו זײַנ צעשטױבט איבער א גרױסער צאָל קלײנע בענק און זײ װערנ קאָנצענטריר. אינ װײניקע גרױסע בענק, באַקומענ די דאָזיקע בענק א קאָלאָסאַלע עקאָנאָמישע מאַכט איבער דער גאַנצער װירטשאַפט. אָט דאָ פירט דער קװאַנטיטאַטיװער װוּקס גופע פונ די קאַפּיטאַלנ־אָפּעראַציעס אינ די בענק אומפאַרמײַדלעכ דערצו, אז די ראָליע פונ די בענק ענדערט זיכ אפ א גרינטלעכנ אופנ.

קאָנצענטרירנדיק בא זיכ די לױפנדיקע כעזשבױנעס פונ אַלע קאַפּיטאַליסטנ, באַקומט א קלײנ הײַפל גרױסע בענק די מעגלעכקײט צו דערװיסנ זיכ דעמ צושטאַנד פונ זײערע געשעפטנ, קאָנטראָלירנ זײ און, צולעצט, דורכ פאַרערגערנ אָדער פאַרבעסערנ די קרעדיט־באַדינגונגענ אונטערטעניק מאַכנ די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטנ און אפנ אַנטשפּרעכיקנ אופנ ריכטנ זײער טעטיקײט. אָבער דאָס באַטײַט, אז „מיט דער אַנטװיקלונג פונעמ באַנק־װעזנ און מיטנ קאָנצענטרירנ אימ אינ װײניקע אַנשטאַלטנ װאַקסנ די בענק אריבער פונ דער באַשײדענער ראָליע פונ פאַרמיטלער אינ אַלמעכטיקע מאָנאָפּאָליסטנ, װאָס באַלעבאַטעװענ קימאַט איבערנ גאַנצנ געלט־קאַפּיטאַל פונ אַלע קאַפּיטאַליסטנ און פונ די קלײנע באַלעבאַטימ צוזאַמענ גענומענ, און אױכ איבערנ גרעסטנ טײל פּראָדוצירמיטלענ און רױװאַרג־קװאַלנ אינעמ געגעבענעמ לאַנד און אינ א גאַנצער רײ לענדער" (לענינ, באַנד XIX, זײַט 93. מײַנ קורסיװ — ל. ס.).

דאָס, װאָס די בענק פאַרװאַנדלענ זיכ פונ אײנפאַכע פאַרמיטלער אינ אַלמעכטיקע מאָנאָפּאָליסטנ, פאַרשנעלערט אומגעהײער דעמ קאָנצענטראַציע־פּראָצעס און דעמ פּראָצעס פונ אױסבילדנ מאָנאָפּאָלנ אינ דער אינדוסטריע גופע. ערשטנס, די באַנק־מאָנאָפּאָליסטנ קרעדיטירנ אינ דער ערשטער רײ און דערצו אפ מער לױנבאַרע באַדינגונגענ די גרױסע אונטערנעמונגענ, װאָס זײַנענ פאַראײניקט אינ מאָנאָפּאָליסטישע אָרגאַניזאַציעס. צװײטנס, די בענק אלײנ לײגנ ארײַנ אינ אַלץ א שטײַגנדיקער מאָס דירעקט אינ דער אינדוסטריע די קאַפּיטאַלנ, װאָס געפינענ זיכ אינ זײער רעשוס.

די דאָזיקע שטײַגנדיקע אונטערגעװאָרפנקײט פונ דער אינדוסטריע צו די בענק און דאָס, װאָס די בענק לײגנ ארײַנ זײערע מיטלענ דירעקט אינ דער אינדוסטריע, איז געװאַלדיק פאַרלײַכטערט געװאָרנ א דאַנק דעמ, װאָס צו דער צײַט, װענ דער קאַפּיטאַליזמ איז פאַרװאַנדלט געװאָרנ אינ א מאָנאָפּאָליסטישנ

קאפיטאליזם, האָבן באקומען אן אלגעמיינע פארשפרייטונג די אקציאָנערע געזעלשאפטן.

אקציאָנערע געזעלשאפטן

דער קאפיטאל פון דער אונטערנעמונג, וואָס איז אָרגאניזירט אין דער פאָרם פון אן אקציאָנערער געזעלשאפט, געהערט ניט צו איינעם א באשטימטן קאפיטאליסט. דער גרינדער אָדער די גרינדער פון דער אקציאָנערער געזעלשאפט (וואָס צווישן זיי געפינט זיך אויך דער באנק) לאָזן ארויס א באשטימטע צאָל אקציעס. אויב דער קאפיטאל פון דער אקציאָנערער געזעלשאפט דארף באטרעפן, למשל, איין מיליאָן רובל, און אויב דער פרייז פון יעדער אקציע איז איינגעשטעלט אין 100 רובל, ווערן ארויסגעלאָזט 10 טויזנט 100־רובלדיקע אקציעס. א טייל פון די דאָזיקע אקציעס קויפן די גרינדער אליין פון דער געזעלשאפט, א טייל קויפן אנדערע קאפיטאליסטן. יעדער אקציאָנער איז א שותף פון דער אונטערנעמונג. די געשעפטן פירט די פארוואלטונג, וואָס ווערט אויסגעוויילט אף אן אלגעמיינער פארזאמלונג פון די אקציאָנערן (דערביי האָט יעדער אקציאָנער אזויפיל שטימען, וויפל ער האָט אקציעס). יעדער אקציאָנער האָט דאָס רעכט צו באקומען א באשטימטן כיילעק רעווען (דיווידענד) לויט דער צאָל אקציעס, וואָס ער האָט געקויפט.

האגאם יעדער אקציאָנער האָט שטימרעכט אף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון די אקציאָנערן, געפינען זיך אָבער פאקטיש די איניאָנים פון דער געזעלשאפט אין די הענט פון די גרויסע אקציאָנערן, וואָס באזיצן גרויסע פאקעטן מיט אקציעס. די פראקטיק באווייַזט, אז עס איז גענוג צו האָבן 40% אקציעס, קעדיי צו האָבן די אנטשיידנדיקע באדייַטונג בא די וואלן פון דער פארוואלטונג און באם לייזן אלע איבעריקע פראגן אף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון די אקציאָנערן. אף אזא אופן זייַנען די גרויסע אקציאָנערן־גרינדער די פאקטישע באלעבאטים פון דער געזעלשאפט, זיי באלעבאטעווען ניט בלויז איבער זייער אייגענעם קאפיטאל, וואָס זיי האָבן ארייַנגעלייגט אין דער אונטערנעמונג, נאָר אויך איבערן קאפיטאל פון אלע איבעריקע אקציאָנערן. די אקציאָנערע געזעלשאפטן זייַנען אזויארום א פאָרם פון צענטראליזאציע פונעם קאפיטאל.

אזויוי יעדער אקציאָנער קאָן צו יעטווידן מאָמענט פארקויפן זייַנע אקציעס, מאכט די אקציאָנערע פאָרם פון דער אונטערנעמונג פאר גוואלדיק באוועגלעך דעם קאפיטאל און צוזאמען דערמיט דעפערזאָניפיצירט זי אים. די אקציעס-באזיצער האָבן ניט קיין שום שייַכעס צו דער פראָדוקציע. די פראָדוקציע אין דער אונטערנעמונג, וואָס געהערט דער אקציאָנערער געזעלשאפט, געפינט זיך אונטער דער אָנפירונג פון געדונגענע דירעקטערס, און די אקציאָנערן, דערונטער די אקציאָנערן־גרינדער, זייַנען בלויז אייגנטימער, וואָס באקומען האכנאָסע. אין דער אקציאָנערער פאָרם פון די אונטערנעמונגען טיילט זיך אָפ דאָס אייגנטום אפן קאפיטאל פון דער פארוואלטונג מיט דער פראָדוקציע. די עקזיסטענץ און פארשפרייטונג פון דער אקציאָנערער פאָרם פון די אונטערנעמונגען איז א באווייַז, אז די געזעלשאפטלעכע פראָדוצירונג איז מעגלעך אויך באם באזייַטיקן די קאפיטאליסטן.

די צונויפגיסונג פון באנק־קאפּיטאל און אינדוסטריעלן קאפּיטאל איז — פינאנץ־קאפּיטאל.

אזויווי די אקציאָנערע פאָרם פון דער אונטערנעמונג האָט באקומען אן אלגעמיינע פארשפּרייטונג און אזויווי אויך די קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָלן זיינען אָרגאניזירט אין דער פאָרם פון אקציאָנערע געזעלשאפטן, פארשטארקט זיך אומגעהייער די ראָליע פון די בענק אין דער אויסבילדונג פון די מאָנאָפּאָלן און אין דער קאָנצענטראציע פון קאפּיטאל. די גרויסע בענק מאכן אונטערטעניק די אינדוסטריע ניט בלויז מיט דער הילף פון קרעדיט, נאָר אויך דורך אופקויפן די אקציעס פון די אנטשפּרעכיקע אונטערנעמונגען. דערביי איז פארן באנק־מאָנאָפּאָליסט ניט נייטיק אופצוקויפן אלע אקציעס פון דער געגעבענער אונטערנעמונג, נאָר בלויז אזא טייל פון זיי, וואָס זיכערט די באשליסנדיקע ראָליע פונעם באנק אין דער אקציאָנערער געזעלשאפט. כוץ דעם ווערן באם גרינדן די אקציאָנערע געזעלשאפט די אקציעס ארויסגעלאָזט דורכן באנק, און דער באנק איז פון סאמע אָנהייב איינער פון די גרינדער פון דער געזעלשאפט.

א באזונדערס גרויסע באדייטונג אינעם פּראט פון אונטערוואפן די אינדוסטריע צו די בענק האָט די אזויגערופענע „אָנטייל-סיסטעם", ווען עס ווערט איינגעשטעלט אן אָפּהענגיקייט פאר אייניקע אקציאָנערע געזעלשאפטן לעגאבע אנדערע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז א גרויסער באנק, וואָס האָט א קאפּיטאל פון 5 מיליאָן רובל, האָט געקויפט אף 2 מיליאָן רובל אקציעס פון וועלכער-ניט-איז אקציאָנערער געזעלשאפט. אויב די דאָזיקע געזעלשאפט באטייליקט זיך אויך אף אזא אויפן אין אן אנדער אקציאָנערער געזעלשאפט מיט א קאפּיטאל, לאָמיר זאָגן, פון 4 מיליאָן רובל, קומט אויס, אז דער באנק הערשט שוין ניט בלויז איבער דער ערשטער, נאָר אויך איבער דער צווייטער אקציאָנערער געזעלשאפט און באלעבאטעוועט איבער א קאפּיטאל, וואָס שטייגט אין עטלעכע מאָל איבער דעם קאפּיטאל פון באנק. די גרויסע בענק־מאָנאָפּאָליסטן ווארפן אונטער אזויארום צו זיך א קאָלאָסאלע צאָל אקציאָנערע געזעלשאפטן אין דער אינדוסטריע, אין טראנספּאָרט, אין האנדל און אין באנק־וועזן גופע. למשל, נאָך פאר דער מלחמה האָט דער גרעסטער באנק פון דייטשלאנד — דער „דייטשישער באנק" — דירעקט זיך באטייליקט אין 30 בענק; פון זיי האָבן 14 זיך באטייליקט נאָך אין 48, און פון יענע האָבן 6 אָנטיילגענומען נאָך אין 9 בענק. אזויארום האָט דער דייטשישער באנק פאקטיש געהערשט איבער 87 בענק און דורך זיי אויך איבער א קאָלאָסאלער צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

אָבער ווען דער באנק ווערט אן אקציאָנער פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און דורך דער „אָנטייל־סיסטעם" מאכט ער אונטערטעניק צו זיך א סאך אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, האנדל- און באנק־אונטערנעמונגען, הערט ער שוין אוף צו זיין א באנק אינעם אלטן זינען, — דער באנק טרעט שוין ארויס אין דער ראָליע פון אן אינדוסטריעלן קאפּיטאליסט. פון דער צווייטער זייט, ווערן אויך די גרויסע אינדוסטריעלע מאָנאָפּאָלן אָנטיילנעמער אין די בענק דורך אופקויפן זייערע אקציעס. ניט בלויז די בענק האָבן זייערע פאָרשטייער

אינ די פארוואלטונגענ און אינ די אויפזיכט־ראטנ פונ די אינדוסטריעלע געזעל־
שאפטנ, נאָר אויכ פארקערט — די גרויסע אינדוסטריעלע פאריייניקונגענ האָבנ
זייערע פאָרשטייער אינ די פארוואלטונגענ און אינ די ראטנ פונ די בענק. עס
מעקט זיכ אָפּ די גרענעצ צווישנ די אינדוסטריעלע מאָנאָפּאָלנ און בענק־מאָנאָפּאָלנ. א קליינ הייפל גרויסע מאָנאָפּאָליסטנ הערשט אי איבער דער אינדוסטריע אי איבערנ האנדל אי איבערנ קרעדיט.

ווענ אָפּ א באשטימטער אנטוויקלונג־שטופע פונ דער קאָנצענטראציע פונ דער אינדוסטריע און באנק־וועזנ וואקסנ ארויס (מאקע פונ דער דאָזיקער קאָנצענטראציע) די מאָנאָפּאָלנ, קומט פאָר א צונויפוואקסונג אָדער א צונויפגיסונג פונעם גרויסנ מאָנאָפּאָליסטישנ אינדוסטריעלנ קאפּיטאל מיטנ גרויסנ מאָנאָפּאָליסטישנ באנק־קאפּיטאל, — עס בילדעט זיכ דער פינאנצ־קאפּיטאל.

„די קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע; די מאָנאָפּאָלנ, וואָס וואקסנ ארויס פונ איר; די צונויפגיסונג אָדער צונויפוואקסונג פונ די בענק מיט דער אינדוסטריע — אָט דאָס איז די געשיכטע פונ דער אנטשטייונג פונעם פינאנצ־קאפּיטאל און דער אינהאלט פונעם דאָזיקנ באגריפ" (לענינ, באנד XIX, זייט 107. מיינ קורסיוו. — ל. ס.).

אלס אנשטאלטנ פונ פינאנצ־קאפּיטאל קאָנצענטרירנ די בענק בא זיכ די פעדעם פונ דער אָנפירונג און פארוואלטונג מיט דער גאנצער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט, זיי פארוואנדלענ „טויזנטער און טויזנטער צעבראָקלטע ווירטשאפטנ אינ אנ איינהייטלעכער אלגעמיינ־נאציאָנאלער קאפּיטאליסטישער און נאָכדעם אינ אנ אלוועלטלעכ־קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט" (לענינ, באנד XIX, זייט 96). איבער די אינדוסטריעלע מאָנאָפּאָלנ, וואָס פאריייניקנ די גרעסטע אונטערנעמונגענ אינ א גאנצנ אינדוסטריע־צווייג, און אָפטמאָל אויכ אינ עטלעכע צווייגנ (קאָמבינאטנ), זיינענ דער איבערגאנג פונ פולשטענדיקער קאָנקורענצ־פרייהייט צו פולשטענדיקער פארגעזעלשאפטלעכונג, אויב אינ זיי זיינענ רייפ געוואָרנ די פאָרהאנאָכעס פאר דער סאָציאליסטישער אָרגאניזירונג פונ דער פּראָדוקציע, איז די בענק, וואָס קאָנצענטרירנ בא זיכ אינ די הענט דעמ קאָנטראָל און אויפזיכט איבער דער גאנצער ווירטשאפט פונ לאנד, שטעלנ מיט זיכ פאָר אנשטאלטנ, וואָס קאָנענ אויסגענוצט ווערנ אָפּ אָרגאניזירנ פלאנמעסיק די פּראָדוקציע אינ מאסשטאב פונ גאנצנ לאנד. „די בענק שאפנ אינ געזעלשאפטלעכנ מאסשטאב די פאָרמ, אָבער בלויז די פאָרמ, פונ אלגעמיינעמ דיסקאָנט און פונ אלגעמיינער פארטיילונג פונ די פּראָדוציר־מיטלענ" (מארקס, קאפּיטאל, באנד III, ז. 435—436).

פינאנצ־אָליגארכיע

אָבער פּונקט אזוי ווי די אינדוסטריעלע מאָנאָפּאָלנ, וואָס הייבנ אויפ די פארגעזעלשאפטלעכונג פונ דער ארבעט אָפּ דער העכסטער שטופע, וועלכע איז מעגלעכ באמ קאפּיטאליזמ, הערנ ניט אויפ צו זיינ קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָלנ און באזייטיקנ ניט דעריבער די אנארכיע, נאָר זיי פארשטארקנ זי און טאָרמאָזירנ נאָכ מער די אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ, — פּונקט אזוי איז אויכ די גרויסע בענק — מאָנאָפּאָליסטנ,

וואָס קאָנצענטרירן דעם קאָנטראָל איבער דערווירטשאַפט פונעם גאַנצן לאַנד, הערן ניט אויף צו זײַן קאַפּיטאַליסטישע אַנשטאַלטן און דעריבער נוצן זיי אויס זייער מאַכט ניט אַף אָרגאַניזירן פּלאַנמעסיק די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע, נאָר אַף באַראַבעווען די פאָלקמאַסן צו גונסטן פון א קלײנער הײַפל מאַגנאַטן פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

„די אַלגעמײַנע פאַנאַנדערטײלונג פון די פּראָדוציר־מיטלען — אָט וואָס עס וואַקסט פאָרמעל פון די הײַנטצײַטיקע בענק, וועלכע באַלעבאַטעווען אין באַשטאַנד פון א וואָסערע־ניט־איז 3—6 גרעסטע בענק אין פראַנקרײַך, 6—8 בענק אין דײַטשלאַנד איבער מיליאַרדן און מיליאַרדן. אָבער לויט איר אינהאַלט איז די דאָזיקע פאַרטײלונג פון די פּראָדוציר־מיטלען קלאָל ניט קײן „אַלגעמײַנע“, נאָר א פּריוואַטע, דה. אַזאַ, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פונעם גרויסן, — און אין דער ערשטער רײ פונעם גרעסטן, מאָנאָפּאָליסטישן — קאַפּיטאַל, וואָס פונקציאָנירט אין אַזוינע באַדינגונגען, ווען די מאַסע באַפעלקערונג לעבט אין הונגער, ווען די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער ערדאַרבעט שטײט אָפּ פון דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, און אין דער אינדוסטריע נעמט די „שווערע אינדוסטריע“ צינז פון אַלע איבעריקע צווײַגן אירע“ (לענין, באַנד XIX, זײַט 99).

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל באַטײַט, אַזויאַרום, די הערשאַפט פון א קלײנער הײַפל קאַפּיטאַליסטן איבער דער פאַרגעזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג, די הערשאַפט פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע,* וואָס נוצט אויס די גאַנצע מאַכט אַף פאַרשטאַרקן די עקספּלואַטאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון אַלע אַרבעטנדיקע שיכטן באַפעלקערונג.

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל וואַרפט פאַקטיש אונטער אונטער זיך דעם גאַנצן מעלוכע־אַפּאַראַט פון דער בורזשואַזיע, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס פאַר א פאָרם די בורזשואַזע מעלוכע האָט. די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז בלויז א שירמע פאַר די שווינדלערישע געשעפטלעך פון דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע. אונטערקויפנדיק די דעפּוטאַטן און די גרויסע באַאַמטע, געבנדיק זיי האַכנאָסעדיקע אַמטן אין די בענק און אַנדערע מאָנאָפּאָליסטישע אָרגאַניזאַציעס, באַהערשט די פינאַנץ־אָליגאַרכיע פולשטענדיק און אײַנגאַנצן דעם מעלוכע־אַפּאַראַט, וואָס איז א געצײַג ניט בלויז פון איר פּאָליטישער, נאָר אויך פון איר עקאָנאָמישער הערשאַפט. „די מאָנאָפּאָל, וויבאַלד זי האָט זיך געבילדעט און קערעוועט מיט מיליאַרדן, דרינגט זי אַרײַן מיט אַבסאָליוטער אומפאַרמײַדלעכקײַט אין אַלע זײַטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אומאָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער אָרדענונג“ (לענין, באַנד XIX, זײַט 116).

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וואָס דערפירט די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָל ביז איר העכסטער שטופע — ביז דער קאָנטראָללאָזער הערשאַפט פון א הײַפל פינאַנץ־מאַגנאַטן, פאַרשאַרפט נאָך מער דעם גרונט־ווידערשפּרוך פון קאַפּיטאַליזם און פאַרשטאַרקט דעם איבערגאַנג־כאַראַקטער פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם.

---

* אָליגאַרכיע — די הערשאַפט פון א קלײנער הײַפל פּערזאָנען.

די הערשאפט פון די מאָנאָפּאָלן און פון פינאנץ-קאפּיטאל באגרענעצט זיך ניט מיט די ראמען פון די לענדער, ווו די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון איר אנטוויקלונג, נאָר זי פארשפּרייט זיך אויך אין די מער אָפּגעשטאנענע לענדער. דער אימפּעריאליזם איז א סיסטעם פון וועלט-הערשאפט און אונטערדריקונג. דער פינאנץ-קאפּיטאל ווארפט צו זיך אונטער די גאנצע וועלט און אונטערדריקט די פעלקער פון די אָפּגעשטאנענע לענדער. איינס פון די וויכטיקסטע געצייג פון דער דאָזיקער הערשאפט איז דער עקספּאָרט פון קאפּיטאל.

3. עקספּאָרט פון קאפּיטאל

דער קאפּיטאל-עקספּאָרט פון איין לאנד אין א צווייטן אונטערשיידט זיך פון סכוירע-עקספּאָרט אָט מיט וואָס. ווען עס ווערט עקספּאָרטירט סכוירע, אנטהאלט זיך שוין אין איר דער מערווערט, וועלכער איז פּראָדוצירט געוואָרן אינעם לאנד, וואָס עקספּאָרטירט די דאָזיקע סכוירע. אפן אויסערן-מארק, דה. אינעם לאנד, וואָס אימפּאָרטירט די סכוירע, ווערט דער מערווערט, וואָס אנטהאלט זיך אין דער סכוירע, בלויז רעאליזירט, ער ווערט פארוואנדלט אין געלט. אנדערש איז די לאגע באם קאפּיטאל-עקספּאָרט.

דער קאפּיטאל ווערט עקספּאָרטירט אין דער פאָרם פון האלוואַ-קאפּיטאל און אין דער פאָרם פון פּראָדוקטיווו קאפּיטאל. דער עקספּאָרט פון האלוואַ-קאפּיטאל שטעלט מיט זיך פאָר א האלוואַ, וואָס די קאפּיטאליסטן פונעם עקספּאָרטירנדיקן לאנד גיבן דער רעגירונג אָדער די קאפּיטאליסטן פון אן אנדער לאנד. דאָס צווייטע לאנד — דער באלכויוו — צאָלט פאר דער דאָזיקער האלוואַ פּראָצענטן. אינעם דאָזיקן פאל האָבן דעם מערווערט געשאפן ניט די ארבעטער פונעם לאנד, וואָס עקספּאָרטירט דעם קאפּיטאל, נאָר פונעם לאנד, וואָס אימפּאָרטירט אים, און ער פאלט ארײַן צו די קאפּיטאליסטן, וואָס עקספּאָרטירן דעם קאפּיטאל. דאָס זעלבע איז אויך באם עקספּאָרטירן קאפּיטאל אין דער פאָרם פון פּראָדוקציר-מיטלען, ווען די קאפּיטאליסטן גרינדן זייערע אונטערנעמונגען אין אן אנדער לאנד; דער מערווערט ווערט געשאפן אינעם לאנד, וואָס אימפּאָרטירט דעם קאפּיטאל, און ער ווערט צוגעייגנט דורך די קאפּיטאליסטן פונעם לאנד, וואָס עקספּאָרטירט דעם קאפּיטאל.

קאפּיטאל-עקספּאָרט אין זײַנע ביידע פאָרמען איז פאָרגעקומען מיט א לאנגער צײַט פארן מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאליזם, אָבער ניט ער האָט געהערשט אין די באציִונגען צווישן די לענדער — געהערשט האָט דער סכוירעס-עקספּאָרט. בלויז אין דער עפּאָכע פון מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאליזם דאָמינירט דער קאפּיטאל-עקספּאָרט איבערן סכוירע-עקספּאָרט. און די עקאָנאָמישע באציִונגען צווישן די לענדער ווערן אין דער ערשטער רײ באשטימט דורכן קאפּיטאל-עקספּאָרט.

די דאָזיקע דאָמינירונג פון קאפּיטאל-עקספּאָרט ווערט פארורזאכט דערמיט, וואָס דער קאפּיטאליזם ווערט פארוואנדלט אין א מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאליזם.

די סיבעס פון קאפיטאל־עקס־פּאָרט

די הערשאפט פון די מאָנאָפּאָלן און פונעם פינאנץ־קאפּי־טאל ברענגט דערצו, אז אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער שאפט זיך אן איבערפלוס פון קאפּיטאל, וואָס ווערט עקספּאָרטירט אין די אָפּגעשטאנענע לענדער. דער דאָזיקער „איבערפליסיקער" קאפּיטאל בילדעט זיך אויס אלס רעזולטאט פון פאָלגנדיקע גרונט־באַדינגונגען, וואָס ווערן געשאפן דורך דער הערשאפט פון פינאנץ-קאפּיטאל.

1) דער נידעריקער לעבנ־ניוואָ פון די מאסן. פארן קאפּיטאליזם איז בכלל כאראקטעריסטיש די פאראָרעמונג פונעם ארבעטער-קלאס און פון די ארבעטנדי־קע מאסן, אָבער אין דער עפּאָכע פונעם פינאנץ־קאפּיטאל פארשטארקט זיך אומ־געהייער די פאראָרעמונג, און די קויפ-פייִקייט פון די מאסן פארקלענערט זיך דערפאר, ווייל די מאָנאָפּאָלן האלטן די פּרייזן אף א הויכן ניוואָ. אין לאנד גופא ווערן די סכוירעס פארקויפט פאר העכערע פּרייזן, איידער אפן אויסערלעכן מארק (דעמפּינג). צוליב דעם, וואָס דער אינערלעכער מארק ווערט פארשמעלערט, ווערט א טייל קאפּיטאל איבערפליסיק.

2) עס פארשטארקט זיך די ניט־גלייכמעסיקייט אין דער אנטוויקלונג פון די פארשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע, באזונדערס פארשארפט זיך די אָפּ־געשטאנענקייט פון דער לאנדווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג. ווען דער קאפּיטא־ליזם וואָלט געקאָנט ליקווידירן די אָפּגעשטאנענקייט פון דער לאנדווירטשאפט לעגאבע דער אינדוסטריע, וואָלט א טייל איבערפליסיקע קאפּיטאלן אופגעהערט צו זיין איבערפליסיק.

2) עס פארשטארקט זיך די ניטגלייכמעסיקייט אין דער אנטוויקלונג פון פארשיידענע לענדער. אין די אָפּגעשטאנענע לענדער איז דער אָרגאנישער באַ־שטאנד פון קאפּיטאל נידעריקער און דעריבער איז די דורכשניטלעכע רעווע־נאָרמע העכער, איידער אין די אנטוויקלטע. אין די אָפּגעשטאנענע לענדער איז ביליקער די ארבעטקראפט און דאָס רויוואַרג. אָט דאָס אלץ מאכט מער לויג־באר אָנצווענדן דעם קאפּיטאל אין אן אָפּגעשטאנענעם לאנד און שאפט א קאַ־פּיטאל-„איבערפלוס" אינעם לאנד פון פינאנץ־קאפּיטאל.

„קאָלזמאן דער קאפּיטאליזם פארבלייבט קאפּיטאליזם, ווערט דער קאפּיטאל־איבערפלוס פארווענדט ניט אף צו הע־כערן דעם לעבנ־ניוואָ פון די מאסן אין דעם געגעבענעם לאנד, ווייל דאָס וואָלט געווען אן אראָפּזעצונג פון דעם רעווע פון די קאפּיטאליסטן, נאָר אף צו העכערן דעם רע־ווע דורך עקספּאָרטירן קאפּיטאל קיין אויסלאנד, אין די אָפּ־געשטאנענע לענדער" (לענין, באנד XIX, זייט 120. מיין קורסיוו. — ל. ס.).

ווי שנעל עס איז געוואָקסן דער קאפּיטאל־עקספּאָרט אין אָנהייב XX יאָר־הונדערט, באווייזן פאָלגנדיקע אָנגאבן. די אלגעמיינע סומע קאפּיטאלן, וואָס זיי־נען עקספּאָרטירט געוואָרן קיין אויסלאנד, האָט זיך פארגרעסערט פון 1902 ביז 1914 יאָר אין ענגלאנד פון 62 מיליארד פראנק ביז 75—100 מיליארד פראנק, אין פראנקרייך פון 27—37 מיליארד פראנק ביז 60 מיליארד פראנק, אין

דײַטשלאַנד פונ 12,5 מיליאַרד פראַנק ביז 44 מיליאַרד פראַנק. די פאַרײניקטע שטאַטנ פונ אַמעריקע זײַנענ ביז דער מילכאָמע געװענ אַ לאַנד, װו דער קאַפּיטאַל־אימפּאָרט האָט דאָמינירט איבערנ עקספּאָרט. ערשט נאָכ דער מילכאָמע האָט זיכ די ראָליע פונ די פשא אינעם אַלװעלטלעכנ קאַפּיטאַל־עקספּאָרט ראַדיקאַל געענדערט. אינ 1910 יאָר האָבנ זיכ אַלע קאַפּיטאַלנ, װאָס דײַטשלאַנד, ענגלאַנד אונ פראַנקרײַכ האָבנ עקספּאָרטירט, געטײלט אַפּ אַזאַ אופנ: 32% זײַנענ אַרײַנגעלײגט געװאָרנ אינ אײראָפּע, 36,5% — אינ אַמעריקע (צאָפנ־אונ דאָרעמ־אַמעריקע) אונ 31,5% — אינ אַזיע, אַפריקע אונ אױסטראַליע. אַנדערש געזאָגט — העכער צװײ דריטל קאַפּיטאַל, װאָס איז אַרױסגעפירט געװאָרנ פונ די דאָזיקע לענדער, זײַנענ אַרײַנגעלײגט געװאָרנ אינ די אָפּגעשטאַנענע ניט־אײראָפּײשע לענדער. „דער פינאַנצ־קאַפּיטאַל צעשפּרײט, קאָנ מענ זאָגנ, אינ בוכשטעבלעכנ זינ פונ װאָרט, זײַנע נעצנ אַפּ אַלע לענדער פונ דער װעלט" (לענינ, באַנד XIX, זײַט 123. מײַנ קורסיװ. — ל ס.).

נאָכ דער װעלט־מילכאָמע פינ די יאָרנ 1914 — 1918 זײַנענ פאָרגעקומענ באַדײַטנדיקע איבערוקנ אינ דעמ אַלװעלטלעכנ עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַלנ אינ דעמ זינ, װאָס עס האָט זיכ געענדערט די ראָליע פונ אײנצלנע אימפּעריאַליסטישע לענדער. אָבער דער אַלגעמײנער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט האָט זיכ ניט פאַרקלענערט, נאָר פאַרגרעסערט. די אַלגעמײנע סומע עקספּאָרטירטע קאַפּיטאַלנ פונ פיר אימפּעריאַליסטישע לענדער (ענגלאַנד, פראַנקרײַכ, דײַטשלאַנד אונ די פשא) האָט אינ 1913 יאָר באַטראָפנ 1,2 מיליאַרד דאָלער, אונ אינ 1928 יאָר האָט דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט בלויז פונ 3 לענדער (ענגלאַנד, פראַנקרײַכ אונ די פשא; דײַטשלאַנד איז געװאָרנ אַ לאַנד פונ קאַפּיטאַל־אימפּאָרט) באַטראָפנ 1854 מיליאָנ דאָלער. מיטנ אָנהײב פונעמ איצטיקנ עקאָנאָמישנ קריזיס איז דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט שאַרפ פאַרקירצט געװאָרנ אונ איז שױנ אינעמ ערשטנ יאָר פונ קריזיס (1929 יאָר) אינ די דאָזיקע דרײַ לענדער געפאַלנ ביז 1153 מיליאָנ דאָלער.

די באַדײַטונג פונעם קאַפּיטאַל־עקספּאָרט

דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט בינדט צונויפ די באַזונדערע לענדער אַ סאַכ פעסטער, אײדער דער סכוירע־עקספּאָרט. דאָס לאַנד, װאָס גיט אַ האַלװאָע אַ צװײטנ אָפּגעשטאַנענעמ לאַנד, שטעלט געװײנלעכ אַלס באַדינג פונ דער האַלװאָע, אַז מע זאָל קױפנ בא אימ סכוירעס.

אָבער די דאָזיקע פאַרשטאַרקונג פונ די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגענ צװישנ די אײנצלנע לענדער ברענגט ניט צו אַ פּלאַנמעסיקער אָרגאַניזירונג פונ דער װעלט־װירטשאַפט. דענ דער קאַפּיטאַל װערט דאָכ אַרױסגעפירט פונ די לענדער, װו עס הערשט דער פינאַנצ־קאַפּיטאַל, אינ די אָפּגעשטאַנענע לענדער. דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט באַטײַט דעריבער דאָס אונטערװאַרפנ די אָפּגעשטאַנענע לענדער צו די „פאָרױסגעשריטענע" לענדער פינ פינאַנצ־קאַפּיטאַל, ער באַטײַט די עקספּלואַטאַציע פונ די אָפּגעשטאַנענע לענדער דורכ די „פאָרגעשריטענע". דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט שאַפט די סיסטעמ פונ אימפּעריאַליסטישער װעלט־הערשאַפט אונ אונטערדריקונג.

קאַפּיטאַל עקספּאָרטירט ניט אײנ לאַנד, נאָר עטלעכע. דעריבער באַטײַט דער

קאפיטאל-עקספאָרט די פארטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די לענדער פונ פינאנצ־קאפיטאל. אָבער די דאָזיקע פארטיילונג איז ניט קיינ אָרגאניזירטע אונ פרידלעכע פארטיילונג. דער קאפיטאל־עקספאָרט קומט פאָר ניט אזוי, אז יעדעס אימפעריאליסטיש לאנד עקספאָרטירט קאפיטאל אינ איינ אָפגעשטאנענע לאנד, וווהינ עס איז אומעגלעכ דער צוטריט פארנ קאפיטאל-אימפאָרט פונ אנדערע לענדער. יעדעס אימפעריאליסטיש לאנד שטרעבט צו עקספאָרטירנ אונ עקספאָרטירט קאפיטאל אינ יענע לענדער, וווהינ עס ווערט אימפאָרטירט קאפיטאל דורכ אנדערע אימפעריאליסטישע לענדער, קעדיי זיי ניט צו לאָזנ פארפעסטיקנ זיכ מאָנאָפאָליש אינ די דאָזיקע לענדער אונ באהערשנ די דאָזיקע לענדער אינגאנצנ.

דער קאפיטאל־עקספאָרט, וואָס שאפט אנ איינהייטלעכע קאפיטאליסטישע וועלט-ווירטשאפט, פארשטארקט אזוי ארומ גלײַכצײַטיק דעמ קאמפ צווישנ די אימפעריאליסטישע לענדער אונ פארשארפט די ווידערשפרוכנ אינ דער גאנצער וועלט.

4. קאמפ פארנ פארטיילנ די וועלט צווישנ די פארבאנדנ פונ די קאפיטאליסטנ

אינטערנאציאָנאלע מאָנאָפאָלנ

כוצ דער וועלט־פארטיילונג, וואָס קומט פאָר דורכנ קאפיטאל־עקספאָרט, צעטיילנ די וועלט די גרויסע מאָנאָפאָלנ אויכ אפ א דירעקטנ אופנ. אינ יענע אינדוסטריע־צווײַגנ, ווו די קאָנצענטראציע האָט דערגרייכט א באזונדערס הויכנ ניוואָ, טרעטנ ארויס די מאָנאָפאָליסטישע פארבאנדנ אויכער די גרענעצנ פונ איינ לאנד, — זיי כאפנ ארומ א גאנצע ריי לענדער. די גרויסע מאָנאָפאָלנ פונ עטלעכע לענדער טרעטנ ארײַנ אינ אנ אָפמאכ צווישנ זיכ אונ אָרגאניזירנ אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ. די עלעקטרע־אינדוסטריע, למשל, איז אינ דער גאנצער וועלט ביז דער מילכאָמע געווענ מאָנאָפאָליזירט הויפטזאכלעכ דורכ דײַטשלאנד אונ די פשא. אינ דײַטשלאנד האָט עקזיסטירט די אלגעמיינע עלעקטרע-געזעלשאפט (אעג), וואָס האָט געהאט אירע אונטערנעמונגענ אונ אָפטיילונגענ אינ א ריי לענדער פונ אייראָפע אונ אמעריקע. אינ די פארייניקטע שטאטנ האָט די עלעקטרע־אינדוסטריע מאָנאָפאָליזירט די אלגעמיינע עלעקטרע־קאָמפאניע, וואָס האָט פאנאנדערגעוואָרפנ די נעצ פונ אירע אונטערנעמונגענ אונ אָפטיילונגענ אינ גאנצ אמעריקע אונ האָט אָנגעהויבנ ארײַנדרינגענ אויכ אינ אייראָפע. אינ 1917 יאָר ווערט צווישנ די דאָזיקע ביידע וועלט-טרעסטנ געשלאָסנ אנ אָפמאכ וועגנ צעטיילנ די אײַנפלוס-ספערנ אינ דער גאנצער וועלט. איינ טרעסט באקומט דעמ אייראָפעיִשנ אונ א טייל פונ אזיִאטישנ מארק, דער צווייטער — דעמ אמעריקאנישנ מארק. די קאָנקורענצ צווישנ ביידע טרעסטנ ווערט אפ דער צײַט, וואָס דער אָפמאכ איז גילטיק, באזײַטיקט.

אזוינע אינטערנאציאָנאלע אָפמאכנ צווישנ די גרעסטע טרעסטנ פונ די פארשיידענע אימפעריאליסטישע לענדער האָבנ עקזיסטירט ביז דער מילכאָמע אויכ אינ א ריי אנדערע צווײַגנ. סאכאקל זײַנענ אינ 1910 יאָר געווענ העכער 100

אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ. די אינטערנאציאָנאלע מאָנאָפּאָל שטעלט שוינ מיט זיכ פאָר אנ „איבערמאָנאָפּאָל". „דאָס איז א נײַע שטופע פונ אלוועלטלעכער קאָנצענטראציע פונעמ קאפּיטאל אונ פונ דער פּראָדוקציע, אָנ אנ ערעכ א העכערע איידער די פאַריקע" (לענינ, באנד XIX, זײַט 124. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.) אינ דער עקזיסטענצ פונ די אינטערנאציאָנאלע מאָנאָפּאָלנ באקומט זײַנ אויסדרוק דער פאקט, וואָס די פּראָדוקטיוו-קרעפטנ זײַנענ רײַפ געוואָרנ פאר דער פולער פארגעזעלשאפטלעכונג אונ פאר דער פּלאנמעסיקער אָרגאניזירונג ניט בלויז אינ נאציאָנאלנ, נאָר אויכ אינ אלוועלטלעכנ מאסשטאב.

די באדײַטונג פונ די אינטער־נאציאָנאלע מאָנאָפּאָלנ

אויב די מאָנאָפּאָליסטישע פארייניקונגענ פונ די קאפּיטאליסטנ אינ די באזונדערע לענדער באזײַטיקנ ניט די קאָנקורענצ, אָרגאניזירנ ניט דיווירטשאפט אינ לאנד, נאָר פארקערט, זיי פארשטארקנ אונ פארשארפנ דעמ קאמפ, קאָנענ נאָכ ווייניקער די אינטערנאציאָנאלע מאָנאָפּאָלנ אָרגאניזירנ די פּראָדוקציע אינ וועלט־מאסשטאב. די אינטערנאציאָנאלע מאָנאָפּאָלנ זײַנענ נאָכ ווייניקער שטאנדהאפטיק, איידער די מאָנאָפּאָלנ אינ די באזונדערע לענדער. ווענ עס ווערט געשלאָסנ א קארטעל-אָפּמאכ צווישנ די גרויסע קאפּיטאליסטנ, ווערט אינ זײַנ יעסאָד געלייגט די קרעפטנ־פארהעלטעניש צווישנ זיי: די קאפּיטאליסטנ, וואָס באזיצנ א גרעסערנ קאפּיטאל, באקומענ א גרעסערנ חלק אינעמ אָפּזאצ. אָבער די פארהעלטעניש פונ די קרעפטנ ענדערט זיכ קעסיידער אדאנק דער ניט־גלײַכמעסיקער אנטוויקלונג, אונ מיט דער צײַט בילדעט זיכ אויס אזא פארהעלטעניש פונ די קרעפטנ, אז דער פריערדיקער אָפּמאכ, וואָס איז געשלאָסנ געוואָרנ אפ דער באזע פונ דער אלטער, איצט שוינ ניט עקזיסטירנדיקער, פארהעלטעניש פונ די קרעפטנ, הערט אופ איר צו אנטשפּרעכנ. עס הייבט זיכ אָנ א קאמפ צווישנ די אָנטיילנעמער פונ דער מאָנאָפּאָליסטישער פארייניקונג פאר ענדערנ די אָפּמאכ־באדינגונגענ — א קאמפ, וואָס ענדיקט זיכ אָדער מיט דער צעפאלונג פונ אלטנ אונ מיטנ שאפנ א נײַעמ קארטעל, אָדער מיט שליסנ א נײַעמ אָפּמאכ אפ דער באזע פונ דער נײַער קרעפטנ־פארהעלטעניש.

אינ די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ טראָגט דער דאָזיקער קאמפ א סאכ א שארפערנ כאראקטער. די ניטגלײַכמעסיקײַט פונ דער אנטוויקלונג פונ די באזונדערע לענדער ווערט, ווי ס'וועט ווײַטער באוויזנ ווערנ (זע ז. 327), נאָכ מער פארשארפט באמ אימפּעריאליזמ אינ פארגלײַכ מיטנ פארמאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאליזמ. דעריבער ענדערט זיכ שנעל די קרעפטנ־פארהעלטעניש פונ די אָנטיילנעמער אינ די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ. די אינטערנאציאָנאלע מאָנאָפּאָליסטישע פארייניקונגענ קאָנענ דאָסראָוו ניט געשאפנ ווערנ אינ דער פאָרמ פונ טרעסטנ, אינ וועלכע די אונטערנעמונגענ, וואָס גייענ ארײַנ אינ דער פארייניקונג, גיסנ זיכ פולשטענדיק צונויפ, — זיי עקזיסטירנ הויפּטזאכלעכ אינ דער פאָרמ פונ קארטעלנ, וואָס שטעלנ ביכלאל מיט זיכ פאָר א ווייניקער שטאנדהאפטיקע אָרגאניזאציע, איידער די טרעסטנ. צולעצט, אינ קאמפ פארנ באשטימענ די באדינגונגענ פונ דעמ אינטערנאציאָנאלנ קארטעל־אָפּמאכ האָבנ זײַנע

אָנטײלנעמער, — די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ פונ די באַזונדערע אימפּעריאַליס־טישע לענדער, באַ זיכ אינ די הענט אַזאַ אויפווירקונג־מיטל, וואָס עס האָבנ ניט די קאַפּיטאַליסטנ פונ איינ אונ דעמ זעלבנ לאַנד, ווענ זיי שאַפנ אַ מאָנאָ־פּאָליסטישע פאַראייניקונג באַ זיכ אינ לאַנד. דאָס דאָזיקע מיטל איז די באַוואָפנ־טע קראַפט פונ דער מעלוכע. אינ פאַל, ווענ עס ענדערט זיכ די קרעפטנ־פאַר־העלטעניש, ווערט דער קאַמפ פאַרנ צעטיילנ די מערק געפירט אויכ מיט געווער, ס'ברעכט אויס אַ מילכאָמע. אַזוי זײַנענ בײַמ דער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מילכאָמע אינ די יאָרנ 1914—1918 צעפאַלנ געוואָרנ קימאַט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלנ אונ נאָכ דער מילכאָמע זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ נײַע, שוינ אויפ דער באַזע פונ דער קרעפטנ־פאַרהעלטעניש, וואָס האָט זיכ געבילדעט אַלס רעזולטאַט פונ דער מילכאָמע. אָבער פאַר די 15 יאָר, וואָס זײַנענ אַוועק נאָכ דעמ, ווי די מיל־כאָמע האָט זיכ געענדיקט, האָט זיכ די פאַרהעלטעניש פונ די קרעפטנ ווידער־אַמאָל געענדערט אונ עס גייט דעריבער צו אַ נײַער איבערפאַרטיילונג.

די אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלנ שטעלנ אַזוי־אַרומ מיט זיכ פאָר ניט קיינ אויפהער פונעמ קאַמפ פאַר צעטיילנ די וועלט אונ ניט קיינ איבערגאַנג צו פרידלעכער מיטאַרבעט פונ די אימפּעריאַליסטישע לענדער, נאָר בלויז אַ באַשטימטע פאָרמ פונ קאַמפ. דער קאַמפ פאַרבלײַבט, דער אינהאַלט זײַנער ענדערט זיכ ניט — דאָס איז אַ קאַמפ פאַר אַנ אַלץ גרעסערנ אָנטייל אינ דער עקס־פּלואַטאַציע פונ דער באַפעלקערונג אויפנ גאַנצנ ערדקײַלעכ דורכ אַ קליינעמ הײַפל פינאַנצ־מאַגנאַטנ פונ די „פּראָויסגעשריטענע" אימפּעריאַליסטישע לענדער. אָבער די פאָרמענ פונעמ קאַמפ ענדערנ זיכ, ער קומט פאָר אַמאָל אינ אַ „פריד־לעכער" פאָרמ, אינ דער פאָרמ פונ צײַטווײַליקע קאַרטעל־אָפּמאַכנ, אַמאָל אינ דער פאָרמ פונ אַנ אָפענעמ באַוואָפנטנ צוזאַמענשטויס, אינ דער פאָרמ פונ מילכאָמע.

„די פאָרמ פונ קאַמפ קאָנ זיכ ענדערנ אונ ענדערט זיכ קעסיידער, אָפּ־הענגיק פונ די פאַרשיידענע, פאַרהעלטענישמעסיק פּריוואַטע אונ צײַטווײַליקע סיבעס. אָבער דער טאָכ פונעמ קאַמפ, זײַנ קלאַסנ־אינהאַלט, קאָנ זיכ די־רעקט ניט ענדערנ, קאָלזמאַנ עס עקזיסטירנ קלאַסנ" (לענינ, באַנד XIX, זײַט 130).

5. די טעריטאָריעלע צעטיילונג פונ דער וועלט צווישנ די אימפּער־יאַליסטישע מעלוכעס אונ דער קאַמפ פאַר איר איבערפאַרטיילונג

מיט דער הילפ פונעמ קאַפּיטאַל־עקספּאָרט אונ פונ שאַפנ אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלנ צעטיילנ די מאַגנאַטנ פונ פינאַנצ־קאַפּיטאַל צווישנ זיכ די וועלט עקאָנאָמיש. אָבער פונ דער דאָזיקער עקאָנאָמישער וועלט־צעטיילונג דרינגט אומפאַרמײַדלעכ אַרויס דער קאַמפ פאַר איר טעריטאָריעל־פּאָליטישער צעטיילונג צווישנ די אַנטשפּרעכיקע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, ווײַל די מעלוכע איז באַ דער פינאַנצ־אָליגאַרכיע אינ די הענט ניט בלויז אַ געצײַג פונ אונטערדרי־קונג אינעווייניק אינ לאַנד, נאָר אויכ אַ געצײַג פונעמ קאַמפ פאַר עקספּלואַטירנ די אַר־

בעטנדיקע מאסנ אינ אנדערע לענדער. דער קאמפ פאר דער עקאנאמישער וועלט־צעטיילונג רופט ארויס דעמ קאמפ פאר איר טעריטאריעלער צעטיילונג, פאר אונטערווארפנ פאליטיש די אפגעשטאנענע לענדער צו די אימפעריאליסטישע מעלוכעס.

פארענדיקונג פונ דער וועלט־צע־טיילונג

פארנ אימפעריאליזמ איז כאראקטעריסטיש ניט פאשעט דער קאמפ פאר דער טעריטאריעלער וועלט־צעטיילונג, נאר דער פאקט, וואס צומ אנהייב XX יארהונדערט, דה. צומ אנהייב פונ דער אימפעריאליסטישער עפאכע איז שוינ דער גאנצער ערדקיילעכ געווענ אינגאנצנ צעטיילט צווישנ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס. דאס באווייזנ פאלגנדיקע אנגאבנ.

אלע אייראפייִשע מעלוכעס, וואס באזיצנ קאלאניעס, און אויכ די פאראייניקטע שטאטנ פונ אמעריקע, האט אינ 1876 יאר געהערט 10,8% פונעמ גאנצנ ערד־שטעח אינ אפריקע, און אינ 1900 יאר שוינ 90,4%. אינ פאלינעזיע (אינדזלענ פונ גרויסנ אקעאנ)—אינ 1878 יאר 56,8%, און אינ 1900 יאר—98,9%. אינ אזיע אינ 1876 יאר—51,5%, און אינ 1900 יאר—56,6%. אינ אויסטראליע—100% און 100%; אינ אמעריקע—27,5% און 27,2%. אויב מע זאל נעמענ אינ אכט, אז א באדייטנדיקער טייל אזיע (כינע, פערסיע, טערקיי), און אויכ אלע מעלוכעס אינ דראמ־אמעריקע זיינענ געווענ האלב־אפהענגיק פונ די גרויסע קאפיטאליסטישע לענדער, באטייטנ די דאזיקע ציפערנ, אז צומ אנהייב XX יארהונדערט איז שוינ די גאנצע וועלט געווענ צעטיילט צווישנ די אימפעריאליסטישע לענדער.

אינ 1914 יאר האבנ 6 „גרויסמאכטנ“ (ענגלאנד, רוסלאנד, פראנקרייכ, דייטשלאנד, די פשא און יאפאניע), וואס זייער טעריטאריע באטרעפט 12,3% פונעמ גאנצנ שטעח אפנ ערדקיילעכ, באזעסנ קאלאניעס, וואס האבנ באטראפנ 48,5% שטעח פונעמ ערדקיילעכ. דערצו דארפ מענ נאכ צוגעבנ 7,4% ערד, וואס האט זיכ געפונענ אינ קאלאניאלנ באזיץ בא די קליינע מעלוכעס: האלאנד, בעלגיע און אנד. און 10,8% האלב־קאלאניעס. סאכאקל זיינענ 66,7%, דה. צוויי דריטל פונעמ גאנצנ ערדקיילעכ געווענ דירעקט אדער אומדירעקט אונטערגעווארפנ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס. די באפעלקערונג פונ די דאזיקע אפהענגיקע לענדער האט באטראפנ 56,1% פונ דער גאנצער באפעלקערונג אפנ ערדקיילעכ.

„דער קאפיטאליזמ איז אריבערגעוואקסנ אינ אנ אלוועלטלעכער סיסטעמ פונ קאלאניאלנ אונטערדריקנ און פינאנציעלנ דערשטיקנ די גיגאנטישע מערהייט באפעלקערונג אפ דער ערד דורכ א הייפל „פארויסגעשריטענע“ לענדער“ (לענינ, באנד XIX, זייט 74. מיינ קורסיוו. — ל. ס.).

קאָלאָניעס ביזן אימפעריאַ־ליזם און אין דער עפּאָכע פון אימפעריאַליזם

די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס האָבן געהאַט קאָלאָניעס אויך ביז דער עפּאָכע פון אימפעריאַליזם. די דעראָבערונג פון די קאָלאָניעס האָט זיך ניט אָנגעהויבן, נאָר געענדיקט צו דער עפּאָכע פון אימפעריאַליזם. אָבער אין דער עפּאָכע פון אימפעריאַליזם ענדערט זיך וועזנטלעך די באַדײַטונג פון די קאָלאָניעס און דער אינהאַלט פון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק. אין דער עפּאָכע פון אימפעריאַליזם דאָמינירט דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט איבערן סכוירע-עקספּאָרט. ווען אינעם אָפּגעשטאַנענעם לאַנד ווערן אימפּאָרטירט הויפּטזאַכלעך סכוירעס, איז דאָס עקספּאָרטירנדיקע לאַנד פאַרינטערעסירט צו האָבן א שטענדיקן אָפּזאַץ־מאַרק אינעם דאָזיקן לאַנד. אָבער ווען עס הייבט אָן דאָמינירן דער קאַפּיטאַל־עקספּאָרט, שטרעבט שוין דאָס עקספּאָרטירנדיקע לאַנד צו שאַפן א גאַראַנטיע אַז די עקספּאָרטירטע קאַפּיטאַלן זאָלן בלײַבן גאַנץ, און די בעסטע גאַראַנטיע דערצו איז אונטערוואַרפן דאָס דאָזיקע לאַנד צו זיך.

ווײַטער, מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם ווערט אַלץ שאַרפער דער קאַמף פאַרן רויוואַרג (טיילווײַז דערפאַר, ווײַל די רויוואַרג-קוואַלן זײַנען ביכלאַל באַגרענעצט און טיילווײַז צוליב דער אָפּגעשטאַנענקײַט פון דער לאַנדווירטשאַפט). אינעם קאַמף פון די וועלט-מאָנאָפּאָלן צווישן זיך ווערט מער שטאַנדהאַפטיק זײַן יענע גרופּע, וועלכע האָט באַוואָרנטע רויוואַרג־קוואַלן. דערמיט דערקלערט זיך דער קאַמף פאַר די קאָלאָניעס ווי פאַר רויוואַרג־קוואַלן. דער קאַמף קומט דערבײַ פאָר ניט בלויז פאַר די שוין אַנטדעקטע קוואַלן, נאָר אויך פאַר מעגלעכן רויוואַרג־קוואַלן.

אזוי ווי אין קאַמף צווישן זיך באַנוצן די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדן אין די באַזונדערע לענדער אַזאַ מיטל, ווי הויכע טאַמאָזשנע־אָפּצאָלן פאַר די סכוירעס, וואָס ווערן אימפּאָרטירט, שטרעבט יעדעס אימפעריאַליסטיש לאַנד צו פאַרברייטערן זײַן טעריטאָריע, קעדיי צו האָבן אַן אָפּזאַץ־מאַרק, וואָס זאָל זײַן פאַרצאַמט פאַרן סכוירע-צוטריט פון אַנדערע לענדער. אזוי אַז אין דער עפּאָכע פון אימפעריאַליזם זײַנען די קאָלאָניעס נייטיק אויך אַפּ צו באַוואָרענען דעם סכוירע־אָפּזאַץ.

„די עצמע הערשאַפט איבער דער קאָלאָניע גיט א פולע גאַראַנטיע פאַרן דערפאָלג פון דער מאָנאָפּאָל קעגן אַלע צופעליקײַטן פונעם קאַמף מיטן קאָנקורענט — ביז אַזאַ צופעליקײַט, ווען דער קעגנער וואָלט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן מיטן געזעץ פון מעלוכע־מאָנאָפּאָל. וואָס העכער עס איז די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, וואָס שטאַרקער עס פילט זיך דער מאַנגל אין רויוואַרג, וואָס שאַרפער עס איז די קאָנקורענץ און יאָגעניש נאָך רויוואַרג־קוואַלן אין דער גאַנצער וועלט, אַלץ פאַרצווייפלטער איז דער קאַמף פאַרן דערוואָרבן קאָלאָניעס“ (לענין, באַנד XIX, זײַט 137).

א באַזונדערע ראָליע אין דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק פון אימפעריאַליזם שפּילט דער קלאַסנקאַמף אין די אימפעריאַליסטישע לענדער, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרשאַרפן. די קאָלאָניעס זײַנען נייטיק די אימפעריאַליסטישע לענדער, קעדיי אַריבערפירן אַהינצו א טייל איבערפליסיקע ארבעטער און שאַפן דאָרט

פון זיי א פּריווילעגירטן שיכט אינעם אָרטגעבוירטיקן פּראָלעטאריאט און קעדיי אפן כעזשבן פונעם צוגאָב-רעווע, וואָס ווערט ארוי געפּאָמפּעט פון די קאָלאָניעס, אונטערקויפן דאָס קעפּל פונעם ארבעטער-קלאס אין דער מעטראָפּאָליע*.

דער קאמפ פארן איבערפארטיילן די וועלט

מיר זעען אזויארום, אז דער כאראקטער פון דער קאָלאָניאַלער אָפּהענגיקייט און פון דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק ענדערט זיך וועזנטלעך באם אימפּעריאַליזם. ביזן אימפּעריאַליזם איז פאָרגעקומען בלויז די דעראָבערונג פון די נאָך ניט דעראָבערטע אָפּגעשטאנענע לענדער, וואָס האָבן געדינט הויפּטזאכלעך אלס מערק פארן סכוירע-אָפּזאץ. אזווי צום אָנהייב עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם איז די גאנצע ערד שוין געווען צעטיילט צווישן די אימפּעריאַליסטישע רויבער, ווערט שוין דער ווייטערדיקער קאמפּ געפירט פאר איבערפארטיילן די ערד, דה. פאר „ארייבערגיין פון איין „באזיצער“ צום צווייטן, און ניט פון אָן א באלעבאָס צו א „באלעבאָס“ (לענין, באנד XIX, זייט 132). און דער דאָזיקער קאמפּ איז נאָך שארפער, ווייל, ווי מיר האָבן אָקאָרשט געזען, איז דאָס באזיצן די קאָלאָניעס מאמעש א פראגע פון לעבן און טויט פאר יעדן אימפּעריאַליסטישן לאנד.

די טעריטאָריעלע וועלט-צעטיילונג איז געמאכט געוואָרן אפן גרונט פון דער קרעפטן-פארהעלטעניש, וואָס האָט זיך געשאפן צווישן די אימפּעריאַליסטישע לענדער צום כאָפּ XIX יאָרהונדערט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז בא דער צעטיילונג האָט מען די יינגערע אימפּעריאַליסטישע לענדער, ווי דייטשלאנד, די פשא „באאוולט“. אָבער די אנטוויקלונג פון די באזונדערע קאפּיטאליסטישע לענדער קומט פאָר ניט גלייכמעסיק. אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם ווערט די דאָזיקע ניטגלייכמעסיקייט אומגעהייער פארשטארקט, קוידעמקאָל דערפאר, ווייל די גאנצע וועלט איז שוין צעטיילט און דער קאמפּ ווערט געפירט פארן איבערפארטיילן זי: די יונגע אימפּעריאַליסטישע לענדער, וואָס באזיצן א מעכטיקע מאָנאָפּאָליזירטע אינדוסטריע און וואָס עקספּאָרטירן קאפּיטאל און נייטיקן זיך אין קאָלאָניעס, דארפן אָנשטרענגען אלע קרעפטן זייערע, קעדיי אריבערצויאָגן די עלטערע אימפּעריאַליסטישע לענדער, וואָס האָבן באוויזן צו פארכאפּן באדייטנדיקע טעריטאָריעס, ווייל אויב ניט, דראָעט זיי די געפאר אומצוקומען אלס קאפּיטאליסטישע לענדער. און די מעגלעכקייט אריבערצויאָגן אנדערע לענדער ווערט גרינגער דורך דער קאָלאָסאלער אנטוויקלונג פון דער טעכניק אין דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע.

אָבער אין די באדינגונגען ווען די גאנצע וועלט איז שוין צעטיילט, ווען קיין ניט פארנומענע טעריטאָריעס איז שוין ניטאָ, באטייט די פארשטארקונג פון דער ניטגלייכמעסיקייט אַן אומפארמיידלעכקייט פון אימפּעריאַליסטישע וועלט-מילכאָמעס פארן איבערפארטיילן די שוין צעטיילטע ערד. נייע קאָלאָניעס קאָן מען באקומען ניט דורך דעראָבערן די נאָך ניט-דעראָבערטע אָפּגעשטאנענע לענדער

* מעטראָפּאָליע — דאָס לאנד, וואָס באזיצט קאָלאָניעס.

(וויל אזוינע זײַנען שוין ניטאָ), נאָר *דורך אויסקעמפן* זיי בא אנדערע אימפעריאליסטישע לענדער.

די עפּאָכע פונ אימפעריאליזמ איז אזוי־ארומ אנ עפּאָכע פונ אימפעריאליסטישע וועלט־מילכאָמעס, טאקע וועלט־מילכאָמעס. ווענ עס איז נאָכ פאָרגעקומענ די פארכאפּונג פונ די אָפּגעשטאנענע לענדער אונ עס זײַנענ נאָכ פארבליבנ א סאכ ניטפארכאפּטע טעריטאָריעס, האָט די דאָזיקע פארכאפּונג געקאָנט פאָרקומענ אזוי, אז די מעלוכעס־דעראָבערער זאָלנ ניט אָנרירנ איינע די אנדערע. אָבער ווענ די וועלט־צעטיילונג איז שוינ פארענדיקט אונ דער קאמפּ גייט פארנ איבערפארטיילנ די וועלט, ווערנ מיטנ דאָזיקנ קאמפּ אָנגערירט דירעקט די אינטערעסנ פונ *אלע* אימפעריאליסטישע מעלוכעס. אונ די מילכאָמע פארנ איבערפארטיילנ די וועלט ווערט א וועלט־מילכאָמע.

אנטשפּרעכיק דערצו ענדערט זיכ אויכ דער כאראקטער פונעמ מיליטאריזמ אונ פונ די באוואָפענונגענ בא די אימפעריאליסטישע מעלוכעס. ווענ די מילכאָמעס פלעגנ פאָרקומענ צווישנ די אנטוויקלטע קאפּיטאליסטישע לענדער אונ די אָפּגעשטאנענע, שוואכע לענדער, האָבנ זיכ ניט געפאָדערט אזוינע מעכטיקע באוואָפענונגענ, ווי אינ דער עפּאָכע פונ אימפעריאליזמ, בייס דער קאמפּ קומט פאָר צווישנ גרויסע אימפעריאליסטישע רויבער. דערפונ נעמט זיכ דער אומגעהייערער ווּוקס פונ די באוואָפענונגענ אינ דער עפּאָכע פונ אימפעריאליזמ, דער ווּוקס פונ די ארמייענ, דער ווּוקס פונ דער קריג־אינדוסטריע, דער ווּוקס פונ דער שטייַערנ־לאסט.

6. אימפעריאליזמ איז א באזונדערער אונ דער לעצטער עטאפּ פונ קאפּיטאליזמ

מיר האָבנ באטראכט 5 גרונט־סימאָנימ פונעמ אימפעריאליזמ. מיר האָבנ געזעענ, אז זיי אלע זײַנענ אנ אומפארמײַדלעכער רעזולטאט פונ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפּיטאליזמ. „דער אימפעריאליזמ איז אויסגעוואָקסנ אלס אנטוויקלונג אונ דירעקטע פאָרזעצונג פונ די גרונט־אייגנשאפטנ פונ קאפּיטאליזמ ביכלאל" (*לענינ*, באנד XIX, זײַט 141). די קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע פירט אומפארמײַדלעכ צו דער אויסבילדונג פונ מאָנאָפּאָלנ; די בענק-קאָנצענטראציע, וואָס איז פארבונדנ מיט דער קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע, פירט אומפארמײַדלעכ צו מאָנאָפּאָלנ אינ דעמ באנק-וועזנ אונ צו דער צונויפגיסונג פונעמ באנק-קאפּיטאל מיטנ אינדוסטריעלנ קאפּיטאל, צומ אויפקומ פונעמ פינאנצ-קאפּיטאל; די הערשאפט פונעמ פינאנצ־קאפּיטאל פירט מיט דער זעלבער נויטווענדיקייט דערצו, אז די דאָמינירנדיקע ראָליע אינ די אינטערנאציאָנאלע עקאָנאָמישע באציונגענ באקומט דער קאפּיטאל־עקספּאָרט. די הערשאפט פונ די מאָנאָפּאָלנ אונ פונ פינאנצ־קאפּיטאל אונ דער קאפּיטאל־עקספּאָרט רופנ אומפארמײַדלעכ ארויס א קאמפּ פאר צעטיילנ די וועלט צווישנ די מאָנאָפּאָליסטישע פאראייניקונגענ פונ די קאפּיטאליסטנ אונ א קאמפּ צווישנ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס פאר דער טעריטאָריעלער איבערפארטיילונג פונ דער וועלט. *דער אימפעריאליזמ איז*

אזויארום אנ אומפארמײַדלעכע שטופע, אנ אומפארמײַדלעכער אנטוויקלונג-עטאפ פונעם קאפּיטאליזם.

אימפּעריאליזם איז א באזונדערע סטאַדיע פונ קאפּיטאליזם

„דאָס עקאָנאָמיש גרונטלעכע אינעם דאָזיקנ פּראָצעס (אינעם פארוואַנדלונג-פּראָצעס פונ קאפּיטאליזם אינ קאַפּיטאליסטישנ אימפּעריאליזם. — ל. ס.) איז דאָס, וואָס די קאפּיטאליסטישע פרײַע קאָנקורענצ ווערט פארביטנ מיט די קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָלנ“ (לענינ, באנד XIX, זײַט 142. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.). אויב מיר וועלנ נעמענ יעדנ פונ די סימאָנים, וואָס מיר האָבנ אויסגערעכנט, איז אָדער ער שטעלט מיט זיך פאָר א באזונדערע פאָרם פונ מאָנאָפּאָל אָדער ער דרינגט ארויס פונ דער מאָנאָפּאָל. 1) די מאָנאָפּאָל איז אויפגעוואַקסנ פונ דער קאָנצענטראציע פונ דער פּראָדוקציע. 2) די מאָנאָפּאָל איז אויסגעוואַקסנ פונ דער קאָנצענטראציע פונ די בענק, עס הערשנ די מאָנאָפּאָליסטנ פונ פינאנצ-קאפּיטאל — די פינאנצ-אָליגארכיע. 3) דער קאפּיטאל-עקספּאָרט דרינגט ארויס דירעקט פונ דער מאָנאָפּאָל-הערשאפט פונ דעם פינאנצ-קאפּיטאל. 4) די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ שטעלנ מיט זיך פאָר א פאָרם פונ קאמפ צווישנ די מאָנאָפּאָליסטישע פאראייניקונגענ פאר דער מאָנאָפּאָלער הערשאפט אפ די וועלט-מערק. 5) דער קאמפ פאר דער טעריטאָריעלער איבערפארטיילונג פונ דער וועלט איז א קאמפ פארנ מאָנאָפּאָלנ באזיצנ די קאָלאָניעס אלס רויוואַרג-קוואַלנ, אלס ספער פונ ארײַנלייגנ קאפּיטאל און אלס מערק פארנ סכוירע-אָפּזאצ. „ווענ עס וואָלט נייטיק געווענ צו געבנ א וואָס קירצערע דעפיניציע פונ אימפּעריאליזם, וואָלט מענ געדארפט זאָגנ, אז אימפּעריאליזם איז די מאָנאָפּאָליסטישע סטאַדיע פונ קאפּיטאליזם“ (דאָרט. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.).

די מאָנאָפּאָל איז אינ עקאָנאָמישער הינזיכט דער איקער אינעם אימפּעריאליזם, און טאקע אָט דאָס מאכט דעם אימפּעריאליזם פאר דער באזונדערער סטאַדיע פונ קאפּיטאליזם, וואָס אונטערשיידט זיך טיפ פונ זײַנ פאָריקער סטאַדיע. די הערשאפט פונ די מאָנאָפּאָלנ, — דער אומשטאנד, וואָס די מאָנאָפּאָל „דרינגט דורך אלע זײַטנ פונ געזעלשאפטלעכנ לעבנ“, — גיט צו דעם אימפּעריאליזם גאָר אנ אנדער כאראקטער אינ פארגלײַך מיט דער פאָריקער סטאַדיע פונ קאפּיטאליזם. אזוי ווי די היסטאָרישע באדײַטונג פונ דער מאָנאָפּאָל באשטייט אינ איר איבערגאנג-כאראקטער, באשטייט אויך די באדײַטונג פונ אימפּעריאליזם, אלס באזונדערע סטאַדיע פונ קאפּיטאליזם, אינ זײַנ איבערגאנג-כאראקטער. באַם אימפּעריאליזם „האָבנ זיך אפ דער גאנצער ליניע אויסגעבילדעט און אנטפּלעקט די שטריכנ פונ דער איבערגאנג-עפּאָכע פונ קאפּיטאליזם צו א העכערנ געזעלשאפטלעכ-עקאָנאָמישנ שטייגער“ (לענינ, באנד XIX, זײַט 142).

באַם אימפּעריאליזם זײַנענ רײַפ געוואָרנ אלע פאָראויסנאָכעס פאר דער סאָציאליסטישער אָרגאניזירונג פונ דער פּראָדוקציע. אינ די קארטעלנ, סינדיקאטנ און טרעסטנ אָרגאניזירט דער קאפּיטאליזם גופא די פּראָדוקציע אינ מאַסשטאַב פונ גאנצע צווײַגנ; די בענק-סיסטעם איז אפ אזויפיל קאָנצענטרירט, אז זי קאָנ שוינ פארוואנדלט ווערנ אינ אנ

אפאראט פונ דיסקאָנט אונ קאָנטראָל אונ בעמייִענ פונ אָרגאניזירנ די פראָדוקציע אינ מאסשטאב פונ גאנצנ לאנד; דער קאפיטאל-עקספאָרט בינדט צונויפ אינ איינ איינהייטלעכע ווירטשאפט די גאנצע וועלט-ווירטשאפט, אונ אינ די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ אנטפלעקט זיכ די מעגלעכקייט אונ נייטיקייט צו אָרגאנירנ די פראָדוקציע אינ א וועלט-מאסשטאב.

אָבער דער קאפיטאליזמ, וואָס האָט אפ דער העכסטער, אימפעריאליסטישער סטאדיע פונ זײַנ אנטוויקלונג דערפירט די פראָדוקטיוו-קרעפטנ צו א א צושטאנד, אז זיי זײַנענ ענדגילטיק רײַפ געוואָרנ פאר זייער פולשטענדיקער פארגעזעלשאפטלעכונג, טאָרמאָזירט גלײַכצײַטיק אונ פארהאלט זייער אנטוויקלונג, דערלאָזט ניט די ווירקלעכע פארגעזעלשאפטלעכונג פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ אינ דער געזעלש. פט.

די מאָנאָפאָלנ עקזיסטירנ צוזאמענ מיט דער קאָנקורענצ; אָרגאניזירנדיק די פראָדוקציע אינ א גרויסנ מאסשטאב פונ גאנצע פראָדוציר-צווײַגנ, אונ צומאָל אויכ פונ עטלעכע צווײַגנ, נוצנ אויס די גרויסע מאָנאָפאָליסטנ די דאָזיקע אָרגאניזאציע אפ צו פארשטארקנ די עקספּלואטאציע אונ צו קעמפנ קעגנ די איבעריקע מאָנאָפאָליסטנ פאר א גרעסערנ כײלעק אינעמ מערווערט, זיי באזײַטיקנ ניט די אנארכיע פונ דער פראָדוקציע, נאָר זיי פארשטארקנ זי. פונקט אזוי ווי דער קאפיטאליזמ ביכלאל, וואָס פארשטארקט די געזעלשאפטלעכע אָרגאניזירונג פונ דער פראָדוקציע אינ יעדער אונטערנעמונג באזונדער, פארשטארקט דערמיט גופע די אנארכיע אינ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פראָדוקציע, — אזוי אויכ „די מאָנאָפאָל, וואָס ווערט געשאפנ אינ איניקע צווײַגנ פונ דער אינדוסטריע, פארשטארקט אונ פארשארפט די כאאָטישקײַט, וואָס איז אייגנטימלעכ דער גאנצער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע אינגאנצנ גענומענ” (לענינ, באנד XIX, זײַט 92).

די בענק, וואָס וואקסנ אויס אינ קאפיטאליסטישע אנשטאלטנ מיט אנ אוניווערסאלנ כאראקטער אונ וואָס האלטנ בא זיכ אינ די הענט די גאנצע ווירטשאפט, ווערנ אויסגענוצט ניט אפ צו אָרגאניזירנ די פראָדוקציע אינ נאציאָנאלנ מאסשטאב, נאָר זיי זײַנענ א געצײַג אינ די הענט בא א הײַפל מאגנאטנ פונ פינאנצ-קאפיטאל, אינ די הענט בא דער פינאנצ-אָליגארכיע אפ צו באראבעווענ די גאנצע באפעלקערונג. די אינטערנאציאָנאלע קארטעלנ, וואָס דעקנ אופ די מעגלעכקייט צו אָרגאניזירנ די פראָדוקציע אינ וועלט-מאסשטאב, פארשטארקנ אינ דער ווירקלעכקייט די אנארכיע פונ דער פראָדוקציע, זיי זײַנענ א פאָרמ פונ קאמפ צווישנ די מאָנאָפאָליסטנ פאר צעטיילנ די וועלט, א קאמפ, וואָס פארוואנדלט זיכ אומפארמײַדלעכ אינ וועלט-קאטאסטראָפעס, אינ אימפעריאליסטישע וועלט-מילכאָמעס.

פאראזיטיזמ אונ פארפוילונג פונ קאפיטאליזמ

אזויווי אפ זײַנ העכסטער אנטוויקלונג-סטאדיע מאכט דער קאפיטאליזמ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ רײַפ פאר דער פולשטענדיקער פארגעזעלשאפטלעכונג אונ צוזאמענ דערמיט דערלאָזט ער ניט די דאָזיקע פארגעזעלשאפטלעכונג, מוז דאָס אומפארמײַדלעכ ברענגענ צו דער פארפוילונג פונ קאפיטאליזמ. „די פריוואט-ווירטשאפטלע-

כע און פריוואט־אײגנטימערישע פארהעלטענישן בילדן דאָס הײַטל, וואָס אנטשפרעכט שוין ניט דעם אינהאלט און וואָס מוז אומפארמײַדלעכ פארפוילט ווערנ, אויב מע זאָל קינסטלעכ אָפּציִענ איר באזײַטיקונג (לענינ, ב. XIX, ז. 147. מײַנ קורסיוו — ל. ס.).

די פארפוילונג פונ קאפּיטאליזם אפ דער העכסטער סטאדיע פונ זײַנ אנטוויקלונג ווערט פארורזאכט דורכנ גאנצנ טאָכ פונעם אימפּעריאליזם אלס מאָנאָפּאָליסטישער קאפּיטאליזם. קוידעמקאָל, די מאָנאָפּאָל גופע, אפ וויפל זי איז דער קעגנזאצ פונ קאָנקורענצ, אפ וויפל זי זיכערט הויכע רעוואָכים דורכ קינסטלעכנ הייבנ די פרײַזנ, — פארקלענערט זי די סטימולירנדיקע סיבעס צו פארפולקומענ די טעכניק פונ דער פּראָדוקציע, ד.ה. זי שאפט א טענדענצ צו שטילשטאנד. עס ווערנ אלצ אָפטער די פאלנ, ווענ די מאָנאָפּאָליסטישע אָרגאניזאציעס קויפנ אופ די נײַע דערפינדונגענ ניט קעדיי זיי אלײנ צו באנוצנ, נאָר קעדיי ניט דערלאָזנ, אז מ׳זאָל זיי באנוצנ.

די מאָנאָפּאָל, וואָס איז דער קעגנזאצ פונ דער קאָנקורענצ, באזײַטיקט ניט די קאָנקורענצ, נאָר עקזיסטירט צוזאמענ מיט איר. דעריבער הערט אויכ ניט אופ דער טעכנישער פּראָגרעס. אָבער צוזאמענ דערמיט פארהאלטנ אימ די קאפּיטאליסטנ באוווסטזיניק. פאר די לעצטע עטלעכע יאָר באהויפּטנ אלצ אָפטער די בורזשואזע געלערנטע און גרויסע קאפּיטאליסטנ, אז די גאנצע צאָרע פונ דער מענטשהײַט ליגט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער טעכניק, וואָס איז צו ווײַט אוועק פאָרויס. אפנ צוזאמענפאָר פונ די דײַטשישע סאָציאל-פאשיסטישע פּראָפאריינענ אינ 1931 יאָר, לעמאָשל, האָט אײנער פונ די הויפּט-פּאַרטרעגער פּראָפּ. לעדערער אָפנ זיכ ארויסגעזאָגט פאר דער נייטיקײַט צו פארהאלטנ דעם טעכנישנ פּראָגרעס. און דער אָנפירנדיקער אָרגאנ פונ דער דײַטשישער שווערער אינדוסטריע „דײַטשע בערגווערקצײַטונג“ האָט שוינ אינ 1930 יאָר אָפנ דערקלערט, אז דער גאנצער גליק פונ קאפּיטאליזם באשטייט דערינ, וואָס ער איז נאָכ אימשטאנד צו פארהאלטנ דעם טעכנישנ פּראָגרעס.

פאר דער צײַט פונ קריזיס פונ 1929 — 1934 יאָרנ האָבנ זיכ אינ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער, באזונדערס אינ אמעריקע, באוויזנ א ריי פּראָיעקטנ, וואָס לייגנ פאָר צו פארווערנ דערפינדונגענ, אומקערנ זיכ צו האנטארבעט אדג.

דער ווידערשפּרוכ צווישנ דער געזעלשאפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאפּיטאליסטישער צוייגענונג איז אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאליזם געוואָרנ אזוי שארפ און אזוי קלאָר, אז די קאפּיטאליסטנ אלײנ גיבנ זיכ אויסגעצייכנט אָפּ א כעזשבנ דערינ, אז דער ווײַטערדיקער וווּקס פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ מוז אומפארמײַדלעכ אופרײַסנ דאָס קאפּיטאליסטישע הײַטל. די קאפּיטאליסטנ שטרעבנ דעריבער צו פארהאלטנ דעמ וווּקס פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ. דער קאפּיטאליזם פארוואנדלט זיכ דעריבער אינ א פארפוילנדיקנ קאפּיטאליזם, און ניט געקוקט דערופ, וואָס אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאליזם וואקסנ דאָכ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ אדאנק דער פארשארפונג פונעם קאמפ צווישנ די קאפּיטאליסטנ, „הערט אויכ ניט אופ צו ווירקנ די טענדענצ צו שטילשטאנד און פארפוילונג, וואָס איז אייגנטימלעכ דער מאָנאָפּאָל, און אינ אײניקע צווײַגנ פונ דער אינ־

דוסטריע, אינ אייניקע לענדער באקומט זי אפ געוויסע צייטנ די איבערהאנט (לע־נינ, באנד XIX, זייט 151).

א פאקטאר, וואס פארשטארקט באזונדערס די פארפוילונג פונ קאפיטאליזם און וואס פארוואנדלט דעמ אימפעריאליזמ אינ א פאראזיטישנ קאפיטאליזמ, איז דער קאפיטאל־עקספארט און דער באזיצ פונ די קאלאניעס. וואס מער עס וואקסט דער קאפיטאל־עקספארט און די עקספלואטאציע פונ די קאלאניעס, אלצ מער וואקסט אינ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס דער שיכט קאפיטאליסטנ און קליינבירגער, וואס באקומענ זייער האכנאסע פונ די אויסלענדישע האלוואעס, דער שיכט פער־זאנענ, וואס זיינענ אינגאנצנ אפגעריסנ פונ דער פראדוקציע און וואס לעבנ „פונ שניידנ קופאנעס", פונ די פערזאנענ, „וואס זייער פראפעסיע איז ליידיק־גיינ" (לענינ, באנד IX, זייט 152). דער דאזיקער שיכט ראנטיע* האט נאכ פאר דער מילכאמע זיכ פארגרעסערט אפ אזויפיל, אז, לעמאשל אינ ענגלאנד, האט די האכנאסע פונ די ראנטיע אינ 5 מאל איבערגעשטיגנ די גאנצע האכנא־סע פונ אויסערנ־האנדל (און מע דארפ נעמענ אינ אכט, אז ענגלאנד איז גע־ווענ א לאנד פונעמ סאמע אנטוויקלטנ אויסערנ־האנדל).

„דער קאפיטאל־עקספארט, איינער פונ די סאמע וועזנטלעכע עקאנאמישע יע־סוידעס פונ אימפעריאליזמ, פארשטארקט נאכ מער די דאזיקע פולשטענדיקע אפגעריסנקייט פונ דער פראדוקציע באמ ראנטיע־שיכט, לייגט ארופ דעמ שטעמפל פונ פאראזיטיזמ אפנ גאנצנ לאנד, וואס לעבט פונ עקספלואטירנ די ארבעט פונ עטלעכע טראנסאקעאנישע לענדער און קאלאניעס" (דארט).

אימפעריאליזמ איז די הערשאפט פונ פינאנצ־קאפיטאל פונ א קליינער גו לענדער איבער דער גאנצער איבעריקער וועלט, דעריבער קומט פאר צווא מיטנ וווקס פונ דעמ ראנטיע־שיכט די אויסטיילונג פונ די דאזיקע אימפער אליסטישע לענדער אלס ראנטיע־מעלוכעס איבער אלע איבעריקע לענדער, ו ווערנ דורכ זיי עקספלואטירט. די אימפעריאליסטישע מעלוכעס ווערנ פארוואנ אינ פאראזיטישע ראנטיע־מעלוכעס, וואס זויגנ אויס קאלאסאלנ צוגאב־רעוו פונ די קאלאניעס און האלב־קאלאניעס. אינ צוזאמענהאנג דערמיט קימענ פ באדייטנדיקע ענדערונגענ אינ די מעטראפאליעס גופע, ענדערונגענ, וואס זז איידעס וועגנ דעמ אלצ שטייגנדיקנ פאראזיטיזמ און פארפוילונג פונ קאפ טאליזמ. צוגלייכ דערמיט, ווי עס פארערגערט זיכ די לאגע פונ די פראלעטא־רישע מאסנ, אנטוויקלענ זיכ די אינדוסטריע־צווייגנ, וואס ארבעטנ אויס לוקסוס־זאכנ פאר דער בורזשואזיע, עס וואקסט די צאל הויז־דינער, די צאל פערזאנענ, וואס זיינענ פארנומענ מיט באדינענ די בורזשואזיע אינ די פראכטפולע רעס־טאראנענ, האטעלנ, קוראָרטנ, טעאטערס אדג. דערפאר פארקלענערט זיכ די צאל ארבעטער אינ די הויפט־צווייגנ פונ דער אינדוסטריע. אינ ענגלאנד, לע־מאשל, האט זיכ די צאל פערזאנענ פונ לוינ־ארבעט וואס זיינענ באשעפטיקט אינ די צווייגנ, וואס פראדוצירנ געברויכ־זאכנ פאר דער בורזשואזיע און וואס באדינענ דירעקט די בורזשואזיע, פארגרעסערט פונ 1923 ביז 1930 יאר אפ 28%,

* ראנטיע — א פערזאנ, וואס באקומט ניט קיינ ערד־רענטע, נאר רענטע אינ מעטאפארישנ זינ, ד״ה. אזא האכנאסע, וועלכע איז ניט פארבונדנ מיטנ ארגאניזירנ די פראדוקציע.

און די צאָל ארבעטער אין די הויפּט־צווייגן פון דער אינדוסטריע האָט זיך פאַר־קלענערט אַף 30%.

באַזונדערס בולט זיינען אויסגעדריקט דער פּאַראַזיטישער כאַראַקטער און די פאַרפוילונג פונעם קאַפּיטאַליזם אינעם וווּקס פונעם מיליטאַריזם. ערשטנס, באַטייט דער וווּקס פון דער קריג־אינדוסטריע, אַז קאָלאָסאַלע פּראָדוקטיוו־קרעפטן ווערן אָפּגעצויגן פון דער געזעלשאַפט, קעדיי צו פּראָדוצירן צעשטערונג־מיטלען. קיין איין אינדוסטריע־צווייג באַם אימפּעריאַליזם קאָן ניט אָניאָגן דעם וווּקס פון דער קריג־אינדוסטריע. אין קיין איין צווייג ווערן ניט געמאַכט אַזויפיל דערפינדונגען און פאַרפולקומונגען, ווי אין דער קריג־אינדוסטריע. צווייטנס, די מיל־כאָמע גופא איז אַ דירעקטע צעשטערונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, וואָס דערגייט צו אַ גיגאַנטישן, קאַטאַסטראָפישן מאַסשטאַב.

אימפּעריאַליזם איז דער אָפּ־שטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזם

אַזויאַרום האָט דער ווידערשפּרוך צווישן די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו־קרעפטן, וואָס זיינען שוין פולשטענדיק רייף געוואָרן פאַר פאַרגעזעלשאַפטלעכונג, און די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוצִיר־פאַרהעלטענישן אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם דער־גרייכט אַזאַ שאַרפקייט, אַז צוליב דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם עקזיסטירט ווייטער און טרעט ניט אָפּ זיין אָרט פאַרן סאָציאַליזם, הייבט זיך אָן די פאַרפוילונג פונעם קאַפּיטאַליזם. פון דעם עצם „עקאָנאָמישן מעהוס פון קאַפּיטאַליזם דרינגט אַרויס, אַז מע דאַרף אים כאַראַק־טעריזירן אַלס איבערגאַנג־קאַפּיטאַליזם אָדער, ריכטיקער, אַלס אָפּשטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזם“ (לענין, באַנד XIX, זייט 173. מיין קורסיוו. — ל. ס.).

ווען מיר זאָגן, אַז אימפּעריאַליזם איז דער אָפּשטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזם, באַטייט עס ניט, פאַרשטייט זיך, אַז דער קאַפּיטאַליזם שטאַרבט אָפּ פון זיך אַליין. די פאַרפוילונג פון קאַפּיטאַליזם באַטייט אַן אומגעהייערע פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן־ווידערשפּרוכן, אין דער ערשטער ריי — פון דעם ווידערשפּרוך צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. דער יאָך פונעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל ווערט אַזוי אומדערטרעגלעך, די כאַראָקטערונג פונעם פּראָלעטאַריאַט ווערט אַזוי פאַרגרע־סערט, אַז עס ווערט שוין אַבסאָליוט אומפאַרמיידלעך דער אויפשטאַנד פונעם פּראָ־לעטאַריאַט קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט־אייגנטום.

7. פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן־ווידערשפּרוכן באַם אימפּעריאַליזם

פאַרערגערונג פון דער לאַגע פונעם פּראָלעטאַריאַט

די קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג, די קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל ווערן באַגלייט מיט דער אַבסאָליוטער פאַר־ערגערונג פון דער לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז אַן אַלגעמיינער, אַבסאָליוטער געזעץ פון קאַפּיטאַליזם. שוין דער־פון אַליין דרינגט אַרויס, אַז באַם אימפּעריאַליזם, ווען די קאָנצענטראַציע דער־גרייכט אַזאַ הויכע אַנטוויקלונג־שטופע, אַז פון איר וואַקסט אַרויס די מאָנאָפּאָל,

מוז די פאַראָרעמונג פונעם אַרבעטער־קלאַס זיכ אומגעהייער פאַרשטאַרקנ. דאָס דריקט זיכ אויס קוידעמקאָל אינעם וווּקס פונ דער רעזערוו-אַרמיי. די אָנגאַבנ, וואָס מיר האָבנ געבראַכט אינ קאַפּיטל VI וועגנ דער אַרבעטלאָזיקײַט (זע זײַט 137), זאָגנ איידעס גענוג אָנשוילעכ וועגנ דעם דאָזיקנ שאַרפנ וווּקס פונ דער אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמיי אינעם פּעריאָד פונ אימפּעריאַליזם.

מיטנ וווּקס פונ דער קאָנצענטראַציע אונ פונעם אָרגאַנישנ באַשטאַנד פונ קאַפּיטאַל וואַקסט אויכ די אַרבעט־אינטענסיווקײַט, די אָנווענדונג פונ פרויענ־אַרבעט אונ קינדער־אַרבעט אאַוו.

אויב ביזנ אָנהייב XX יאָרהונדערט, דה. ביז דער עפּאָכע פונ אימפּעריאַליזם, איז צײַטנווײַז פאָרגעקומענ אַ געוויסער וווּקס פונעם רעאַלנ אַרבעטלוינ (וואָס האָט, פאַרשטייט זיכ, ניט באַטײַט, אַז עס הערט אויפ די אַבסאָליוטע פאַראָרעמונג פונעם פּראָלעטאַריאַט), הייבט זיכ אָנ אינ פּעריאָד פונ אימפּעריאַליזם דאָס אַלגעמיינע פאַלנ פונעם רעאַלנ אַרבעטלוינ (זע די אָנגאַבנ אינ קאַפּיטל VI, זײַט 150).

צוגלײַכ מיטנ וווּקס פונ דער אָרגאַניזירטקײַט פונעם אַרבעטער־קלאַס אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאַליזם פאַרגרעסערט זיכ די אָרגאַניזירטקײַט פונ קאַפּיטאַל. די מאָנאָפּאָלנ נוצנ אויס זייער אָרגאַניזאַציע קוידעמקאָל קעגנ דעם אַרבעטער-קלאַס. די אַרבעטער האָבנ צו טאָנ שוינ ניט מיט איינצלנע קאַפּיטאַליסטנ, נאָר מיט מאָנאָפּאָליסטישע אָרגאַניזאַציעס פונ די קאַפּיטאַליסטנ, וואָס שאַפנ ספּעציעלע פאָנדנ צו קעמפנ קעגנ די שטרײַקנ, זעצנ אַראָפּ דעם אַרבעטלוינ דורכ אַנ אייניײַכלעכנ פּראָצענט אַפּ אַנ אָרגאַניזירטנ אויפנ אאַוו. אינ זייער אָנגריפ אַפנ לעבנ־ניוואָ פונעם אַרבעטער־קלאַס ווענדנ אַלצ מער אָנ די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדנ פונ די קאַפּיטאַליסטנ אַזאַ קאַמפּ־מיטל, וואָס פריער האָט מענ דאָס קימאַט ניט באַנוצט, נעמלעכ—דעם לאָקאַוט, דה. דאָס אָפּזאָגנ גלײַכצײַטיק אַלע אַרבעטער אינ אַ גאַנצנ אינדוסטריע־צווײַג. אַזוי, לעמאָשל, האָט אינ דײַטשלאַנד די פאַרהעלטעניש פונ דער צאָל לאָקאַוטנ צו דער אַלגעמיינער צאָל קאָנפליקטנ צווישנ אַרבעט אונ קאַפּיטאַל אינ 1900 יאָר באַטראָפנ 5,4%, אונ אינ 1906 יאָר — 12,1%. באַזונדערס אָנשוילעכ איז צו זענ די פאַרשאַרפונג פונעם קאַמפּ צווישנ דעם פּראָלעטאַריאַט אונ דער בורזשואַזיע אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאַליזם פונ פאַלגנדיקער טאַבעלע (פונ דײַטשלאַנד):

יאָרנ	אַלגעמיינע צאָל אַרבעטער, אַרומגעכאַפּטע דורכ שטרײַקנ אונ לאָקאַוטנ	דערונטער שטרײַקער	אינ %%	דערונטער לאָקאַוטירטע	אינ %%
1903—1899	96 459	83 384	86,4	13 675	13,6
1908—1904	277 817	210 933	75,4	66 884	24,6
1913—1909	327 593	226 187	69,0	101 406	31,0

מיר זעענ דאָ, ערשטנס, דעם אלגעמײנעם װוקס פונ דער צאָל ארבעטער, װאָס באטײליקנ זיך אינ די אָפענע עקאָנאָמישע צוזאמענשטויסנ מיט דער בורזשואזיע, און, צװײטנס, דעם װוקס פונ לאָקאוטנ אלס קאמפ־מיטל פונ מאָנאָפּאָליסטישנ קאפּיטאל קעגנ זעם פּראָלעטאריאט.

דער װוקס פונ דער קראפט און מאכט פונ קאפּיטאל, דער װוקס פונ זײַנ אָרגאניזירטקײט אינ קאמפ קעגנ דעם ארבעטער־קלאס מאכנ שױנ פאר ניט גענוגנדיק די פריערדיקע קאמפ־מיטלענ פונעם ארבעטער־קלאס קעגנ דער בורזשואזיע: דער ארבעטער־קלאס קומט אלץ מער צו צו דער נויטװענדיקײט ארױפּצוװארפנ מיט גװאלד־מיטלענ די הערשאפט פונ קאפּיטאל. „אימפּעריאליזם איז די אלמעכטיקײט פונ די מאָנאָפּאָליסטישע טרעסטנ און סינדיקאטנ, פונ די בענק און פונ דער פינאנצ־אָליגארכיע אינ די אינדוסטריעלע לענדער. אינ קאמפ קעגנ דער דאָזיקער אלמעכטיקײט האָבנ די געװײנלעכע מעטאָדנ פונעם ארבעטער־קלאס — די פּראָפאריינענ און קאָאָפּעראטיװנ, פּארלאמענטישע פּארטײענ און פּארלאמענטישער קאמפ — זיך ארויסגעװיזנ פאר אבסאָלוט ניט גענוג. אָדער פארלאָז זיך אפ דער גנאָד פונ קאפּיטאל, פיר א געדריקט לעבנ װי אמאָל און לאָז זיך אראָפּ צום גרונט, אָדער נעמ זיך פאר א נײַ געװער, — אזוי שטעלט די פראגע דער אימפּעריאליזם פאר די מיליאָניקע מאסנ פּראָלעטאריאט. דער אימפּעריאליזם פירט צו דעם ארבעטער־קלאס צו דער רעװאָלוציע“ (סטאלינ, פּראגעס פונ לעניניזם, זײַט 7. מײַנ קורסיװ. — ל. ס.).

באם אימפּעריאליזם, הײסט עס, װערנ רײַפ ניט בלויז די פּראָדוצירישע כאָר־האנאָכעס פארנ סאָציאליזם, נאָר אויכ די רעװאָלוציאָנערע קראפט פונעם פּראָלעטאריאט, װאָס איז באַרופנ אראָפּצוװארפנ די הערשאפט פונ קאפּיטאל און, אײַנשטעלנדיק זײַנ דיקטאטור, אויסבויענ די קאָמוניסטישע געזעלשאפט.

די ארבעטער־אריסטאָקראטיע און דער אָפּאָרטוניזם

אָבער דער פינאנצ־קאפּיטאל געפינט נאָכ אפ א געװיסער צײַט מיטלענ, קעדײַ קינסטלעכ אײַנהאלטנ די עקזיסטענצ פונעם פארפוילנדיקנ קאפּיטאליזם. די דאָזיקע מיטלענ זײַנענ ניט בלויז דאָס אונטערדריקנ מיט גװאלד־מיטלענ דעם ארבעטער־קלאס (פּאָליציי, ארמיי אאװ.), נאָר אויכ דאָס אונטערקויפנ דאָס קעפל פונעם ארבעטער־קלאס, דאָס שאפנ אינעם ארבעטער־קלאס אזא שיכט, װאָס זײַנ ציל איז, זײַענדיק אינעם ארבעטער־קלאס, צעשפּאלטנ זײַנ קראפט און דורכ אָפּנארערײַ אָפּהאלטנ גרויסע מאסנ ארבעטער פונ רעװאָלוציאָנערע ארויסטרעטונגענ.

דאָס דאָזיקע אונטערקויפנ װערט געמאכט אפ א דירעקטנ אויפנ דורכ דעם, װאָס מע גיט הויכ באצאָלטע שטעלעס און דירעקטנ כאבאר די „פירער“ פונ די פּראָפאריינענ, פונ די פּאָליטישע פּארטײענ, די רעדאקטאָרנ פונ די צײַטונגענ אאװ. דאָס דאָזיקע אונטערקויפנ װערט געמאכט אויכ דורכ העכערנ דעם ארבעטלוינ דעם אויבערשטנ שיכט פונ דער ארבעטער־אריסטאָקראטיע, ד. ה. דעם שיכט הויכקװאליפיצירטע ארבעטער, אפנ כעזשבנ פונ דעם צוגאָב־רעװעכ, װאָס באקומט זיך פונ די קאָלאָניעס.

דאָס דאָזיקע קעפל פונעמ ארבעטער־קלאס, וואָס די בורזשואזיע קויפט אונטער, באמיט זיכ מיט אלע קויכעס צו אונטערהאלטנ אינעמ ארבעטער־קלאס די אילויזיעס, אז עס איז מעגלעכ צו פארבעסערנ זיינ לאגע באמ קאפיטאליזמ, אילויזיעס וועגנ פארלאמענטארישע מעטאָדנ פונ איבערגיינ פרידלעכ צומ סאָציאַליזמ, עס פלאנצט איינ אינעמ ארבעטער־קלאס נאציאָנאליזמ אונ שאָוויניזמ אונ נוצט אויס דעמ ארבעטער־קלאס פאר די צילנ פונ דער אימפעריאַליסטישער בורזשואזיע; מיט איינ וואָרט — זיי זיינענ די טרעגער פונעמ אָפאָרטוניזמ אינעמ ארבעטער־קלאס, די דורכפירער פונ דער בורזשואזער ווירקונג אפנ ארבעטער־קלאס. אָבער ניט בלויז אידעאָלאָגיש האלטנ זיי אָפ דעמ ארבעטער־קלאס פונ רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ קעגנ די קאפיטאליסטנ, נאָר, האלטנדיק אינ זייערע הענט דעמ אפאראט פונ די פראָפאריינענ, די סטראכיר־קאסעס, די ארבעטער־קאָאָפעראציע אאוו., רייסנ זיי אויכ אראָפ אפ אנ אָרגאניזירטנ אויפנ דעמ קאמפ פונ דעמ ארבעטער־קלאס (דאָס אראָפרייסנ שטרייקנ אדג.).

„דער דאָזיקער שיכט פארבורזשואזעוועטע ארבעטער אָדער „ארבעטער־אריסטאָקראטיע", וואָס איז אינגאנצנ באלעבעסלדיק לויטנ ארט לעבנ, לויט דער גרייס פונ די פארדינסטנ, לויט זייער וועלט־אָנשויונג, איז דער הויפט־אָנשפאר פונ II אינטערנאציאָנאל, אונ אינ אונדזער צייט — דער סאָציאַלער (ניט מיליטערישער) הויפט־אָנשפאר פונ דער בורזשואזיע. ווייל דאָס זיינענ ווירקלעכע אגענטנ פונ דער בורזשואזיע אינ דער ארבעטער־באוועגונג, ארבעטער־מעשאָרכימ באמ קלאס קאפיטאליסטנ, די ווירקלעכע דורכפירער פונ רעפאָרמיזמ אונ שאָוויניזמ" (לענינ, באנד XIX, זייט 77).

דער אָפאָרטוניזמ צעשפאלט די ארבעטער־באוועגונג אונ שוואכט אָפ די קראפט פונעמ הויפט־סוינע פונ דער בורזשואזיע — די קראפט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט. האגאמ באמ אימפעריאַליזמ זיינענ רייפ געוואָרנ אלע באדינגונגענ פאר דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, געלינגט עס דאָכ דער אימפעריאַליסטישער בורזשואזיע צוליב דער צעשפאלטונג פונ דער ארבעטער־באוועגונג אָפצולייגנ קינסטלעכ אפ א צייט איר אונטערגאנג.

די בורזשואזיע שאפט אונ האלט אויס איר אגענטור אינעמ ארבעטער־קלאס מיט דער הילפ פונ א טייל פונ איר קאָלאָניאלנ צוגאָב־רעוועכ. דאָס באטייט, אז די עקאָנאָמישע באזע פונעמ אָפאָרטוניזמ איז דער פאראזיטיזמ אונ די פארפוילונג פונעמ קאפיטאליזמ. אָבער פונדאנענ טאקע איז געדרונגענ, אז דער איינפלוס פונעמ אָפאָרטוניזמ אינעמ ארבעטער־קלאס קאָנ זיינ בלויז א צייטווייליקער, אז דאָס דאָזיקע מיטל פונ דער בורזשואזיע איז בלויז א קינסטלעכ מיטל אָפצוציִענ דעמ אומפארמיידלעכנ טויט פונעמ אָפשטארבנדיקנ קאפיטאליזמ, ווייל יעטווידער מיטל צו ראטעווענ דעמ פארפוילנדיקנ קאפיטאליזמ קאָנ ניט זיינ ניט קיינ קינסטלעכ מיטל.

דאָס קאפיטאליסטישע הייטל, וואָס האָט אויפגעהערט צו אנטשפרעכנ זיינ אינהאלט אונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ, וואָס זיינענ אינגאנצנ רייפ געוואָרנ פארנ סאָציאַליזמ, דאָס איז שוינ א הייטל, „וואָס קאָנ פארבלייבנ אינ א פוילנדיקנ צושטאנד א פארהעלטנישמעסיק לאנגע צייט (אינ ערגסטנ פאל, אויב דאָס אויסקורירנ זיכ פונעמ

אָפּאָרטוניסטישנ געשוויר וועט זיכ פארצײַענ), אָבער וואָס וועט דאָכ אומפארמײַדלעכ באַזײַטיקט ווערנ" (ל ע נ י נ, באַנד XIX, זײַט 174). די אומגעהײַערע פארשארפונג פונ די קלאסנ-ווידערשפּרוכנ, וואָס דער אימפּעריאַליזמ שאפט, פירט אומפארמײַדלעכ דערצו, אז עס ווערט פארשטארקט „די אומעגלעכקײַט שאָלעמ צו מאכנ צווישנ דעמ אָפּאָרטוניזמ אונ די אלגעמײַנע אונ גרינטלעכע אינטערעסנ פונ דער ארבעטער-באַוועגונג" (ל ע נ י נ, באנד XIX, ז. 158 — 159, מײַנ קורסיוו. — ל. ס.). דער יאָכ פונ דער פינאנצ-אָליגארכיע פארשטארקט זיכ אפ אזויפיל, אז די ראָליע פונעמ אָפּאָרטוניזמ אלס אגענטור פונ דער בורזשואַזיע אינעמ ארבעטער-קלאס ווערט קלאָר פאר אלצ ברייטערע מאסנ פונעמ ארבעטער-קלאס.

פונ דער אנדערער זײַט, פירט די אנטוויקלונג פונעמ אימפּעריאַליזמ אומפארמײַדלעכ דערצו, אז עס ווערנ פארקירצט די קוואלנ, וואָס פונ זיי האָדעוועט די בורזשואַזיע איר אגענטור אינעמ ארבעטער-קלאס, ווײַל מיט דער אנטוויקלונג פונעמ אימפּעריאַליזמ פארשטארקנ זיכ די ווידערשפּרוכנ ניט בלויז אינ די אימפּעריאַליסטישע לענדער, נאָר אויכ די ווידערשפּרוכנ צווישנ די מעטראָפּאָליעס אונ די קאָלאָניעס אונ די ווידערשפּרוכנ אינעווייניק אינעמ קאפּיטאליסטישנ לאגער.

די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אינ די קאָלאָניעס

מיטנ עקספּאָרטירנ קאפּיטאל אינ די קאָלאָניעס אונ אינ די אָפּהענגיקע לענדער אנטוויקלט דאָרט דער קאפּיטאליזמ די אינדוסטריע, דאָרט אנטשטייט א פּראָלעטאריאט, וואָס געפינט זיכ אונטער א צווייפאכנ יאָכ — אונטערנ יאָכ פונ זײַנ „אייגענער" בורזשואַזיע אונ אונטערנ יאָכ פונעמ פינאנצ-קאפּיטאל אינ די אימפּעריאַליסטישע לענדער. אונטער פּונקט אזא צווייפאכנ יאָכ געפינענ זיכ אויכ די פּױערים, קלײן־בירגער, אינ די קאָלאָניעס אונ אינ די אָפּהענגיקע לענדער. צומ עקאָנאָמישנ יאָכ קומט נאָכ דאָ צו אויכ דער נאציאָנאלער יאָכ. אָט דאָס אלצ פארשטארקט אינ די קאָלאָניעס אונ אינ די אָפּהענגיקע לענדער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ. די בורזשואַזיע אינ די קאָלאָניאלע לענדער אונ די בורזשואַזיע אינ די אימפּעריאַליסטישע לענדער געפינענ זיכ אינ קלאסעווער הינזיכט אינ איינ לאגער: אי די אי יענע עקספּלואטירנ דעמ פּראָלעטאריאט אונ דאָס פּױערטומ אינ די קאָלאָניעס. אָבער צווישנ זיי זײַנענ אויכ פאראנ ווידערשפּרוכנ: די קאָלאָניאלע בורזשואַזיע האָט ניט קיינ פּאָליטישע אונ קיינ נאציאָנאלע זעלבשטענדיקײַט אונ שטרעבט צו עקספּלואטירנ מאָנאָפּאָליש איר „אייגנ" לאנד. אפ די אָנפאנגלעכע סטאדיעס פונ קאמפ קעגנ דעמ אימפּעריאַליזמ נוצט אויס דער פּראָלעטאריאט די דאָזיקע ווידערשפּרוכנ, קעדיי צו פארשטארקנ דעמ נאציאָנאלנ באפרײַונג־קאמפ.

דער באפרײַונג-קאמפ אינ די קאָלאָניעס, די שטײַגנדיקע פארשארפונג פונ די ווידערשפּרוכנ צווישנ דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע אונ דער עקספּלואטירטער באפעלקערונג אינ די קאָלאָניאלע אונ אָפּהענגיקע לענדער, וואָס בילדעט די איבערוועגנדיקע מערהײַט באפעלקערונג אפנ ערדקײַלעכ, פארשמעלערנ אלצ מער די קוואלנ פונ צוגאָב-רעוואַכימ פארנ פינאנצ־קאפּיטאל אונ

דערמיט גופא פארקלענערנ זיי די קוואלנ אפ אונטערקויפנ דאָס קעפל פונעם ארבעטער־קלאס.

דער וווּקס פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ די קאָלאָניעס האָט א קאָלאָסאלע באדייטונג פאר דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. „די פארשטארקונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ אלע אָנ אויסנאם קאָלאָניעס אונ אָפּהענגיקע לענדער... איז וויכטיק פארנ פּראָלעטאריאט אינ דער הינזיכט, וואָס זי רייסט אינ וואָרצל ארונטער די פּאָזיציעס פונ קאפּיטאליזמ אונ פארוואנדלט די קאָלאָניעס אונ די אָפּהענגיקע לענדער פונ רעזערוונ פארנ אימפּעריאליזמ אינ רעזערוונ פאר דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע“ (סטאלינ „פראגעס פונ לעניניזמ, זייט 8. ביינ קורסיוו. — ל. ס.).

די פארשארפונג פונ די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימ־פּעריאליסטנ

צולעצט, איינער פונ די וויכטיקסטע פאקטאָרנ, וואָס שוואכנ אָפּ דעמ אימפּעריאליזמ, זיינענ די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע לענדער, דער קאמפ פאר איבערפארטיילנ די וועלט, וואָס פירט אומבארמידלעכ צו וועלט־מילכאָמעס. פונ איינ זייט, באטייט מילכאָמע אָנ א שיר צאָרעס פארנ ארבעטער־קלאס אונ פאר אלע ארבעטנדיקע, — דאָס פארשארפט ביז גאָר די קלאסנ־ווידערשפּרוכנ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער. פונ דער צווייטער זייט, שוואכט דער קאמפ צווישנ די אימפּעריאליסטישע לענדער קעגנזייטיק אָפּ די אימפּעריאליסטנ אונ פארשטארקט אינ דער זעלבער מאָס די פּאָזיציעס פונעם רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט.

דער דאָזיקער קאמפ צווישנ די אימפּעריאליסטנ „פירט צו דער קעגנזייטיקער אָפּשוואכונג פונ די אימפּעריאליסטנ, צומ אָפּשוואכנ די פּאָזיציע פונ קאפּיטאליזמ ביכלאל, צו דער דערנעענטערונג פונעמ מאָמענט פונ דער רעוואָליוציע, צו דער פּראקטישער נויטווענדיקייט פונ דער דאָזיקער רעוואָליוציע“ (דאָרט, זייט 7. מיינ קורסיוו. — ל. ס.).

די קעגנזייטיקע אָפּשוואכונג פונ די אימפּעריאליסטישע לענדער פארלייכטערט „די פארייניקונג פונ די ערשטע צוויי פראָנטנ קעגנ דעמ אימפּעריאליזמ: דעמ רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטארישנ פראָנט אונ דעמ נאציאָנאל־באפרייערישנ פראָנט“ (דאָרט, זייט 20).

אימפּעריאליזמ איז דער עדעוו פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע

די קאָמבינאציע פונ די דאָזיקע דריי רייענ ווידערשפּרוכנ: 1) די ווידערשפּרוכנ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פּראָלעטאריאט; 2) די ווידערשפּרוכנ צווישנ די מעטראָפּאָליעס אונ די קאָלאָניעס אונ 3) די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע לענדער — מאכט אומפארמיידלעכ דעמ ניצאָכנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ אוואנגארד פונ פּראָלעטאריאט איבערנ אָפּאָרטוניזמ אונ פירט צו דעמ ארבעטער־קלאס צו דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. „די דאָזיקע פארשארפונג פונ די ווידערשפּרוכנ איז די סאמע מעכטי־

קע טרײַבקראפט פונעמ היסטאָרישנ איבערגאנג־פערײאָד, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ זינט דעמ ענדגילטיקנ *ניצאָכנ פונעמ אלוועלטלעכנ פינאנצ־קאפיטאל*" (לענינ, ב. XIX, זײַט 171. מײַנ קורסיוו. — י. ס.).

דער אימפעריאליזמ איז דער העכסטער, דער לעצטער איבערגאנג־עטאפ פונ קאפיטאליזמ. „*דער אימפעריאליזמ איז דער ערעוו פונ דער סאָציאלער רעוואָליוציע פונעמ פראָלעטאריאט*" (לענינ, באנד XIX, זײַט 77. מײַנ קורסיוו. — י. ס.), ווײַל דערפירנדיק די פראָדוקטיוו־קרעפטנ ביז זייער פולשטענדיקער רײַפקײַט פאר דער פארגעזעלשאפטלעכונג, זײַענדיק א פארפוילנדיקער, פאראזיטישער אָפשטארבנדיקער קאפיטאליזמ, דערפירט ער דערמיט גופע די קלאסנ־ווידערשפרוכנ צומ העכסטנ גראד פארשארפונג און גרייט צו דעמ רעוואָליוציאָנערנ אופרײַס.

8. די סאָציאל־דעמאָקראטישע „טעאָריעס" פונ אימפעריאליזמ

אז דער אימפעריאליזמ שטעלט מיט זיכ פאָר עפּעס נײַס אינ פארגלײַכ מיטנ פאָריקנ אנטוויקלונג־פעריאָד פונ קאפיטאליזמ, — אָט דאָס באנעמענ אויכ די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ. דאָס דאָזיקע נײַע — דאָס אויסבילדנ זיכ פונ גיגאנטישע מאָנאָפּאָלנ, די גרינטלעכ געענדערטע ראָליע פונ די בענק אאוו. — איז אזוי קלאָר און בוילעט, אז עס איז אבסאָליוט אומעגלעכ פאָשעט אָפּצולייקענענ עס. די בורזשואזע געלערנטע ווידמענ קאָלאָסאלע „וויסנשאפטלעכע" ווערק דער באשרײַבונג פונ די קארטעלנ, בענק, די פראָבלעמענ פונ קאפיטאל־עקספּאָרט אאוו. אָבער אינ בעסטנ פאל *גיבנ* זיי בלויז אנ אויסערלעכע *באשרײַבונג* פונ די דאָזיקע אלע דערשײַנונגענ פונעמ אימפעריאליסטישנ אנטוויקלונג־עטאפּ פונ קאפיטאליזמ. בעעמעס וויסנשאפטלעכ דערקלערנ די באדײַטונג פונ די דאָזיקע אלע דערשײַנונגענ, די היסטאָרישע ראָליע פונ אימפעריאליזמ קאָנענ זיי ניט. ערשטנס, האָט די בורזשואזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע שוינ גאָר לאנג, נאָכ אינ דער ערשטער העלפט פונ XIX יאָרהונדערט, מיט א לאנגער צײַט פארנ אימפעריאליזמ אופגעהערט צו זײַנ א וויסנשאפט. צווייטנס, יעטווידער פרווו פונ א ווירקלעכ וויסנשאפטלעכנ צוגאנג באמ דערלערנענ דעמ אימפעריאליזמ מוז אומפארמײַדלעכ ברענגענ צומ אופדעקנ, אז דער אימפעריאליזמ איז דער לעצטער עטאפּ פונ קאפיטאליזמ, און דאָס איז אלציינס, ווי ארויסטראָגנ א טויט־אורטייל דעמ קאפיטאליזמ. די סאָציאל־דעמאָקראטיע, וואָס איז אנ אגענטור פונ דער בורזשואזיע אינעמ *ארבעטער־קלאס*, קאָנ ניט אָפנ ארויסטרעטנ פאר די ארבעטער־מאסנ אלס פארטיידיקער פונ אימפעריאליזמ, זי מוז זיכ פארמאסקירנ מיט מארקסיסטישע פראזעס אָדער יעדנפאלס מאכנ דעמ אָנשטעל, אז זי דערקלערט, קלוימערשט, דעמ אימפעריאליזמ אפ דער באזע פונ מארקס לערע וועגנ קאפיטאליזמ, און דערבײַ פאלסיפיצירנ און פארקריפּלענ מארקסנ.

קאוטסקיס טעאָריע וועגן אימפעריאליזם

לאָמיר זיך קורדעבקאָל אָפּשטעלן אַפּ דער טעאָריע וועגן אימפעריאליזם, וואָס קאוטסקי האָט אַרויסגערוקט נאָך בײַם דער וועלט־מלחמה. קאוטסקי האָט באַהויפּט, אַז דער אימפעריאליזם איז אַ פּאָליטיק, וואָס די הויך־אַנטוויקלטע אינדוסטריעלע לענדער נעמען גערנער אָן, קעדיי צו דעראָבערן די אַגראַרע לענדער.

אין דער דאָזיקער דעפיניציע קאוטסקיס זײַנען פאַראַן צוויי זייער וויכטיקע פּונקטן, וואָס זײַנען אויסגערעכנט אַפּ אָפּוועגדן דעם פּראָלעטאַריאַטס אויפמערקזאַמקײַט און קרעפטן פונעם קאַמף קעגן דעם אימפעריאַליזם.

ערשטנס, האַלט קאוטסקי דעם אימפעריאַליזם פאַר אַ פּאָליטיק פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל; ער גיט אַוויאַרום ניט צו קיין שום באַדײַטונג דעם נײַעם, וואָס איז פאַראַן אינעם אימפעריאַליזם — דער הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָלן און פונעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל. דערמיט גופא לייקנט קאוטסקי אָפּ די נײַטיקײַט פאַרן פּראָלעטאַריאַט צו שטעלן פאַר זיך נײַע אויפגאַבן אין קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און אָנווענדן נײַע קאַמף-מעטאָדן.

צווייטנס, איז פאַר קאוטסקין דער אימפעריאַליזם אַ פּאָליטיק — און דערצו בלויז אַ פאָרצוג-פּאָליטיק פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. אַוויאַרום לייקנט קאוטסקי דערמיט גופא אָפּ, אַז דער אימפעריאַליזם איז אַן אַנטוויקלונגס-עטאַפּ פון קאַפּיטאַליזם. ער שטעלט פאַר די זאַך אַזוי, אַז די בורזשואַזיע קאָן, קלוימערשט, אָנווענדן אויך אַן אַנדער פּאָליטיק, ניט קיין אימפעריאַליסטישע; ער באַהויפּט אפילו, אַז די דאָזיקע דעראָבערונג-פּאָליטיק לוינט ניט פאַר דער בורזשואַזיע גופא. קאוטסקי רײַסט אָפּ די פּאָליטיק פון דער עקאָנאָמיק און רופט צו קעמפן קעגן דער אימפעריאַליסטישער פּאָליטיק. אָבער אַזאַ קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע, וואָס לאָזט איבער ניט גערירט די באַזע פון דער דאָזיקער פּאָליטיק — די עקאָנאָמיק — איז אין דערווירקלעכקײַט גאָר קיין קאַמף ניט.

דעריבער איז קאוטסקיס טעאָריע אַ טעאָריע פון אָפּזאָגן זיך פון קאַמף קעגן אימפעריאַליזם; זי איז אַן אונטערשטיצונג פון אימפעריאַליזם.

„אולטראַ־אימפעריאַליזם"

אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער קאוטסקיאַנישער דעפיניציע פון אימפעריאַליזם שטייט זײַן טעאָריע וועגן „אולטראַ־אימפעריאַליזם" („איבער־אימפעריאַליזם"). קאוטסקי באַהויפּט, אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פירט צו אַזאַ ענגן איבערפלעכט פון די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע אין פאַרשיידענע לענדער, אַז פאַר דער בורזשואַזיע ווערט אַלץ ווייניקער לוינבאַר צו באַנוצן אַזאַ קאַמף־מיטל ווי מלחמה. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אַליין שטויסט, קלוימערשט, די בורזשואַזיע צו לייזן פרידלעך די קאָנפליקטן און צו פאַרשטענדיקונגען, צו שאַפן אַן אייניקײַטלעכע, אָרגאַניזירטע, קאַפּיטאַליסטישע וועלט־ווירטשאַפט. די אַנטוויקלונג פונעם אימפעריאַליזם פירט צו „אולטראַ-אימפעריאַליזם".

די דאָזיקע „טעאָריע" גייט אַרויס פון דער האַנאָכע, אַז די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם גייט גלײַכמעסיק אין אַלע לענדער און אַז דעריבער ענ־

דערט זיכ ניט די קרעפטנ-פארהעלטעניש פונ דער בורזשואזיע אינ פארשיידענע לענדער. אָבער אינ דער ווירקלעכקײַט, ווי עס איז שוינ אויבנ אָנגעוויזנ געוואָרנ, איז ניט בלויז עס גייט א ניטגלײַכמעסיקע אנטוויקלונג, — אינ דער עפּאָכע פונ אימפעריאליזמ ווערט די דאָזיקע ניטגלײַכמעסיקײַט פארשטארקט; דעריבער בײַט זיכ קעסיידער די קרעפטנ-פארהעלטעניש צווישנ די אימפעריאליסטישע לענדער, אונ אינ די באדינגונגענ, ווענ די גאנצע וועלט איז שוינ צעטיילט אונ דער קאמפ ווערט געפירט פאר איר איבערפארטיילונג, ברענגט דאָס אומפארמײַדלעכ צו מילכאָמעס. ווײַל „וואָס פאר אנ אנדער מיטל אכוצ מילכאָמע האָט אפנ באָדנ פונ קאפיטאליזמ געקאָנט זײַנ, קעדיי באזײַטיקנ די אומאנטשפּרעכיקײַט צווישנ דער אנטוויקלונג פונ די פּראָדוקטיוו-קרעפטנ אונ דער אָנזאמלונג פונ קאפיטאל, פונ איינ זײַט, אונ דער צעטיילונג פונ די קאָלאָניעס" אונ „ווירקונג-ספערעס" פארנ פינאנצ-קאפיטאל — פונ דער אנדערער זײַט?" (לענינ, באנד XIX, ז. 150 — 151).

די טעאָריע וועגנ „אולטרא-אימפעריאליזמ", וואָס קאוטסקי האָט געשאפנ אינ רעכטנ ברעג פונ דער אימפעריאליסטישער וועלט-מילכאָמע, האָט געהאט אלס ציל צו שאפנ באמ ארבעטער-קלאס די איליוזיע, אז נאָכ דער דאָזיקער מילכאָמע דארפ, קלוימערשט, קומענ אייביקער שאָלעמ, או די דאָזיקע מילכאָמע איז „די לעצטע מילכאָמע". די דאָזיקע „טעאָריע" האָט, אלזאָ, געדארפט אָפּווענדנ באמ ארבעטער-קלאס די אופמערקזאמקײַט פונ דער ווירקלעכער סיבע פונ די אימפעריאליסטישע מילכאָמעס אונ פונעמ איינציקנ מיטל צו מאכנ א סאָפ צו מילכאָמע — פארוואנדלענ די אימפעריאליסטישע מילכאָמע אינ א בירגערקריג. די דאָזיקע „טעאָריע" האָט גערופנ דעמ פראָלעטאריאט צו אונטערשטיצנ אינ דער דאָזיקער מילכאָמע „זײַנ" בורזשואזיע. אזויארומ איז די טעאָריע וועגנ „אולטרא-אימפעריאליזמ" ניט בלויז קיינ ריכטיקע, זי איז דורכ אונ דורכ פײַנטלעכ די קלאסנ-אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט, זי דינט „אויסשליסלעכ דעמ רעאקציאָנערסטנ ציל: אָפּווענדנ די אופמערקזאמקײַט פונ דער טיפקײַט פונ די פאראנענע ווידערשפרוכנ" (לענינ, באנד XIX, זײַט 147).

„אָרגאניזירטער קאפיטאליזמ"

נאָכ דער מילכאָמע, באזונדערס אינעמ פעריאָד פונ דער טיילווײַזער סטאביליזאציע פונ קאפיטאליזמ, איז די סאָציאל-דעמאָקראטיע ארויסגעטראָטנ מיט דער טעאָריע וועגנ „אָרגאניזירטנ קאפיטאליזמ", וואָס איז א דירעקטע פאָרזעצונג פונ דער טעאָריע וועגנ „אולטרא-אימפעריאליזמ". לויט דער דאָזיקער „טעאָריע" באזײַטיקנ די מאָנאָפּאָלנ אינגאנצנ די קאָנקורענצ אונ פארבײַטנ זי מיט א פּלאנמעסיקער אָרגאניזירונג פונ דער גאנצער ווירטשאפט אינ די ראמענ פונ א גאנצנ לאנד, אונ נאָכדעמ אויכ אינ וועלט-מאסשטאב.

הילפערדינג, וואָס האָט אנטוויקלט די דאָזיקע „טעאָריע", האלט, אז „דער אָרגאניזירטער קאפיטאליזמ באטײַט אינ דער ווירקלעכקײַט דאָס פרינציפיעלע פארבײַטנ דעמ קאפיטאליסטישנ פרינציפ פונ פרײַער קאָנקורענצ מיטנ סאָציאליסטישנ פרינציפ פונ פּלאנמעסיקער פּראָדוצירונג". אונ נאָכ אימ האָט די גאנצע סאָציאל-דעמאָקראטיע דערקלערט, אז די מענטשהײַט איז שוינ ארײַנגעטראָטנ אינ

סאָציאַליזמ: דער אימפּעריאַליזמ — דאָס איז שוינ, הייסט עס, ניט שפּעטיקער קאַפּי־טאַליזמ, נאָר „פריִיִקער סאָציאַליזמ".

די טעאָריע וועגנ „אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ" איז פּונקט אזוי ניט ריכטיק, ווי איר פאָרגייערנ — די טעאָריע וועגנ „אולטראַ־אימפּעריאַליזמ". א ניטגלייכמע־סיקייט פונ דער אנטוויקלונג, וואָס דערצו פארשטאַרקט זי זיכ נאָכ קעסיידער, עקזיסטירט ניט בלויז צווישנ די לענדער, נאָר אויכ אינ איינ אונ דעמ זעלבנ לאַנד צווישנ פארשיידענע פּראָדוציר־צווייגנ, צווישנ פארשיידענע מאָנאָפּאָליסטישע פארייניקונגענ אינ איינ אונ דעמ זעלבנ צווייג אאַוו.

אזויווי די מאָנאָפּאָל פארבלייבט א קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָל, דה. אזא, וואָס באַזירט זיכ אפנ קאַפּיטאַליסטישנ פּריוואַט־אייגנטומ, קאָנ זי ניט באַזייטיקנ די קאָנקורענצ, נאָר זי עקזיסטירט צוזאַמענ מיט איר. פונדאַנענ דרינגט ארויס מיט דער פולער קלאָרקייט די גאַנצע אומגעלומפּערטקייט פונ די באַהויפּטונגענ פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אז דער קאַפּיטאַליזמ קאָנ פארוואַנדלט ווערנ אינ אנ אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ אונ באַזייטיקנ די קריזיסנ. „אז די קאַרטעלנ באַזייטיקנ די קריזיסנ, איז א באָבעמייסע פונ די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטנ, וואָס באַפּוצנ דעמ קאַפּיטאַליזמ אומ יעדנ פּרייז. פאַרקערט, די מאָנאָפּאָל, וועלכע ווערט געשאַפנ אינ איי נ יקע צווייגנ פונ דער אינדוסטריע, פארשטאַרקט אונ פארשאַרפט די כאַאָטישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער קאַפּי־טאַליסטישער פּראָדוקציע אינגאַנצנ גענומענ" (לענינ, באַנד XIX, זייט 92).

די סאָציאַל־פאַשיסטישע לעגענדעס וועגנ „אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ" האָבנ ניט קיינ שומ געמיינזאַמעס מיט דערווירקלעכקייט. דער בעסטער באַווייז דערצו איז דער היינטצייטיקער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס איז אויסגעבראָכנ אינ 1929 יאָר אונ וואָס האָט דערלאַנגט א צעשמעטערנדיקנ קלאַפּ דער טעאָריע וועגנ „אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ".

אויב די טעאָריע וועגנ „אולטראַ־אימפּעריאַליזמ" איז געשאַפנ געוואָרנ מיטנ ציל צוצוציִענ דעמ אַרבעטער־קלאַס צומ אונטערשטיצנ די בורזשואַזיע אינ איר רויבערישער מילכאָמע פאַר איבערפאַרטיילנ די וועלט, האָט מיט דער טעאָריע וועגנ „אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ" די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געשטעלט זיכ די אויפגאַבע — צוציִענ דעמ אַרבעטער־קלאַס צומ אונטערשטיצנ די בורזשואַזיע אינ איר פּרווו צו געפינענ אנ אויסוועג פונעמ אומגעהייער טיפנ אַלגעמיינעמ קריזיס, וואָס אינ איִמ איז דער קאַפּיטאַליזמ אריינגעשליידערט געוואָרנ פונ אָנהייב וועלט־מילכאָמע אונ באַזונדערס פונ אָנהייב פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָליוציע. די בורזשואַזיע האָט זיכ געפּרווט געפינענ דעמ דאָזיקנ אויסוועג מיט דער הילפ פונ קאַפּיטאַליסטישער ראַציאָנאַליזאַציע, וואָס איז אויסנ געווענ אנ אומגעהערטע רויבערישע עקספּלואַטאַציע פונעמ אַרבעטער־קלאַס, זיינ דירעקטע פיזישע אויס־ראָטונג.

„ווירטשאַפטלעכע דעמאָקראַטיע"

דער סאָציאַל־פאַשיזמ איז ארויסגעטראָטנ אַלס דער סאַמע פארברענטער פארטיידיקער פונ דער קאַפּיטאַליסטישער ראַציאָ־נאַליזאַציע. קעדיי צו צווינגענ די אַרבעטער, זיי זאָלנ אונטערשטיצנ די דאָזיקע ראַציאָנאַליזאַציע, האָבנ די סאָציאַל־פאַשיסטישע טעאָרעטיקער געשאַפנ

די טעאָריע פון „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם“, וואָס איז שוין קלוימערשט סאָציאַליזם, און האָבן געפּרוווט איינריידן די אַרבעטער, אַז זיי, די אַרבעטער, ברענגען, קלוימערשט, קאָרבאָנעס ניט פאַר דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר פאַר זיך אַליין, אַז אינעם אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם הערשט ווירטשאַפטלעכע דעמאָקראַטיע, אַז דער אַרבעטער-קלאַס באַטייליקט זיך שוין אין דער אָנפירונג מיט דער ווירטשאַפט, אַז די קאַרטעלן און טרעסטן שטעלן מיט זיך פאָר עלעמענטן פון סאָציאַליזם, אַז צו דער זעלבסטהערשונג פון קאַפּיטאַל קומט שוין א סאָף אאַוו.

עס איז לייַכט צו זען, אַז די דאָזיקע אַלע „טעאָריעס“ האָבן זייער ציל צו אָפּנאַרן די מאַסן. עקזיסטירט דאָך אָרגאַניזאַציע אין יעטווידער קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק און פונדעסטוועגן הערט זי ניט אויף צו זיין א קאַפּיטאַליסטישע. דעריבער איז די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע, וואָס גייט אַרויס אויסער די ראַמען פון איין אונטערנעמונג און וואָס כאַפּט אַרום (אין די ראַמען פון א סינדיקאַט אָדער טרעסט) א סאַך אונטערנעמונגען, אויך ניט קיין סאָציאַליזם. זען סאָציאַליזם אומעטום, ווו עס איז פאַראַן אָרגאַניזאַציע, הייסט פאַרניכטן אינגאַנצן דעם אונטערשייד צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם און איבערפאַרבן דעם קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַליזם.

„די דירעקטע פאַרהעלטעניש פון די אייגנטימער פון די פּראָדוציר-באַדינגונגען צו די דירעקטע פּראָדוצירער... — אָט אין וואָס מיר דעקן שטענדיק אויף די סאַמע טיפע געהיימניש, די פאַרבאָרגענע באַזע פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און מעמיילע אויך פון דער פּאָליטישער פאָרם פון די סוווערעניטעט-* פאַרהעלטענישן און פון דער אומאָפּהענגיקייט, בעקיצער פון יעטווידער געגעבענער ספּעציפישער מעלוכע-פאָרם“ (מ א ר ק ס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זייט 570).

דאָרטן, ווו די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר-מיטלען געהערן ניט דער געזעלשאַפט פון די פּראָדוצירער, דאָרט איז אויך ניטאָ קיין סאָציאַליזם, וויפל עלעמענטן פון אָרגאַניזאַציע עס זאָלן ניט עקזיסטירן.

קיין שום סאָציאַליסטישעס איז ניטאָ אין פאַרברייטערן די אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע אויסער די ראַמען פון איין אונטערנעמונג. סאָציאַליסטישע ווערן די דאָזיקע אונטערנעמונגען דאַן, ווען זיי ווערן עקספּראָפּרייִרט בא די קאַפּיטאַליסטן און גייען אַריבער אַלס געזעלשאַפטלעכער אייגנטום צום אַרבעטער-קלאַס אין געשטאַלט פון זיין מעלוכע. דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם איז אַן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם ניט דערפאַר, ווייל אין אים בילדן זיך, קלוימערשט, אויס די עלעמענטן פון סאָציאַליזם, נאָר דערפאַר, ווייל אין אים זיינען פולשטענדיק רייף געוואָרן די פאָרהאַנאָכעס אַף אַריבערגיין צום סאָציאַליסטישן פּראָדוציר-אויפן און ווייל, פאַרשאַרפנדיק ביז גאָר די קלאַסן-ווידערשפּרוכן, גרייט ער אויך צו דעם רעוואָליוציאָנערן אומפּרייס פון קאַפּיטאַליזם.

אינעם דאָזיקן — און בלויז אינעם דאָזיקן — זינען רעדט לענין וועגן דעם

* סוווערעניטעט — הערשאַפט.

מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם, ווי וועגן אַן איבערגאַנג־עטאַפּ: דאָס איז אַן אי־
בערגאַנג־עטאַפּ אַלס דער לעצטער עטאַפּ פון קאַפּיטאַליזם, אַלס אָפּשטאַרבנדיקער
קאַפּיטאַליזם, אַלס ערעוו פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. דער איבערגאַנג־
פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם הייבט זיך אָן ערשט פון דעם מאָ־
מענט אָן, ווען עס שטעלט זיך איין די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. „צווישן דער
קאַפּיטאַליסטישער און דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט,—זאָגט מאַרקס („צו דער קרי־
טיק פון דער גאָטער פּראָגראַם", זייט 43), — ליגט דער פּעריאָד פון רעוואָליו־
ציאָנערער פאַרוואַנדלונג פון דער ערשטער אין דער צווייטער... די מעלוכע פון
נעם דאָזיקן פּעריאָד קאָן ניט זיין קיין אַנדער זאַך, ווי די רעוואָליוציאָ־
נערע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע
שטעלט פאָר דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם אַלסווירקלעכן אָנהייב פון סאָ־
ציאַליזם, קעדיי אָפּצווענדן דעם אַרבעטער־קלאַס פון אַראָפּוואַרפן אַפּ אַ רעוואָליו־
ציאָנערן אופן דעם קאַפּיטאַליזם, קעדיי צו ראַטעווען דעם אָפּשטאַרבנדיקן קאַ־
פּיטאַליזם.

„מעלוכע־קאַפּי־
טאַליזם"

נאָך דעם, ווי די טעאָריע וועגן „אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם" און
וועגן „ווירטשאַפטלעכער דעמאָקראַטיע" האָט פולשטענדיק באַנ־
קראָטירט באַם היינטצייטיקן קריזיס, מאַכט דער סאָציאַל־פאַשיזם
אַ פּרווו דורכצושמוגלען זי אַלס טעאָריע פון „מעלוכע־קאַפּיטאַליזם". ווען אין 1931
יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן איינער נאָכן אַנדערן די באַנקראָטן פון די גרעסטע
בענק, טרעסטן און קאָנצערנען, האָט דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל גענומען
שטאַרק אויסנוצן די מעלוכע־קאַסע, קעדיי צו ראַטעווען די באַנקראָטירטע אונ־
טערנעמונגען און ניט דערלאָזן קיין ווייטערדיקע באַנקראָטן. די מעלוכע גיט אַרויס
די דאָזיקע אונטערנעמונגען קאָלאָסאַלע סובסידיעס אונטער דער מאַסקע, וואָס
זי קויפט בא זיי אַ טייל אַקציעס, און די מיטלען דערויף באַקומט זי דערביי
דורך העכערן די שטייערן, דורך פאַרקלענערן די שטיצע פאַר די אַרבעטלאָזע און
אינוואַלידן, דורך פאַרקלענערן די אויסגאַבן אויף פאָלקסבילדונג אאַוו. די סאָציאַל־
דעמאָקראַטיע שטעלט פאָר די דאָזיקע באַרויבונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן לעו־
טוויועס דער פינאַנץ־אָליגאַרכיע אַלס אַריינמישונג פון דער מעלוכע (וואָס איז
לויט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעאָריע בכלל ניט קיין קלאַסעווע, נאָר אַן
„איבערקלאַסעווע", „אַלפאָלקישע") אין די איניאָנים פון די קאַפּיטאַליסטן: מיטן
קויפן אַ טייל אַקציעס ווערט, קלומערשט, די מעלוכע איינער פון די אָנטייל־
נעמער אין די אונטערנעמונגען, וואָס ווערן געראַטעוועט, און באַקומט איבער זיי
אַ קאָנטראָל, די דאָזיקע אונטערנעמונגען הערן אויף צו זיין קאַפּיטאַליסטישע, זיי
ווערן, קלומערשט, מעלוכע־קאַפּיטאַליסטישע און אונטערשיידן זיך מיט גאָרניט
פון סאָציאַליסטישע.

אָבער ווען אפילו די דאָזיקע אונטערנעמונגען וואָלטן אינגאַנצן אַריבער אין
אייגנטום פון דער מעלוכע, ווען זיי וואָלטן ווירקלעך געוואָרן מעלוכע־קאַפּיטאַ־
ליסטישע, וואָלטן זיי דורך דעם ניט געוואָרן קיין סאָציאַליסטישע, ווייל אין דער
בורזשואַזער געזעלשאַפט איז די מעלוכע בלויז אַן אויספיר־אָרגאַן פונעם קלאַס
קאַפּיטאַליסטן. ענגעלס האָט אין זיין צייט בייז אויסגעלאַכט די „סאָציאַליסטן", וואָס

האָבנ אינ דעמ אויסבויענ מעלוכישע אײַזנבאַנענ געזעענ אַנ אָנהייב פונ סאָציאַליזמ: „דאָס איז אינ קײנ פאַל ניט געוועזנ קײנ סאָציאַליזמ, ניט קײנ דירעקטער, ניט קײנ אומדירעקטער, ניט קײנ באַוווּסטזיניקער, ניט קײנ אומבאַוווּסטזיניקער. אַניט דאַרפנ די פּרײַסישע קיניגלעכע געזעלשאַפט פאַר יאַמ־האַנדל, די קיניגלעכע פּאָרצעלײַ־מאַנופאַקטור און אַפילע די ראָטנע שנײַדערײַ־וואַרשטאַטנ אינ דער אַרמײ אַנערקענט ווערנ אַלס סאָציאַליסטישע אינסטיטוציעס" (ע נ ג ע ל ס, אַנטי־דיורינג, ז. 200).

און די הײַנטצײַטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע רופט אָנ דאָס, וואָס די מעלוכע פּאָמפּעט אַריבער די מיטלענ פונ די עקספּלואַטירטע פאָלק־מאַסנ צו די באַנקראָטירטע קאַפּיטאַליסטנ אינ די קעשענעס, — אָט דאָס רופט זי ניט בלויז מעלוכע־קאַפּיטאַליזמ, נאָר אַפילע סאָציאַליזמ. ווענ עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרנ דער אויסעראָרדנטלעכער דעקרעט פונ דער דײַטשישער רעגירונג וועגנ סובסידיעס פאַר די בענק, וועגנ העכערנ די שטײַערנ און וועגנ אַראָפּזעצנ דעמ אַרבעטלוינ און די סאָציאַלע הויצאָעס, האָט דער פירער פונ די סאָציאַל־פאַשיסטנ הילפערדינג בעפייערעש דערקלערט, אַז דער דאָזיקער דעקרעט איז אַ שטיק סאָציאַליזמ.

אַנדערש ווי מיט דער הילפ פונ סאַמע כוצפּעדיקער אָפּנאַרערײַ און אומפאַרשעמטנ ליגנ קאָנ שוינ די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ניט אויספילנ אינעמ אַרבעטער־קלאַס איר ראָליע פונ אַנ אַגענטור פונ דער בורזשואַזיע. פּונקט אַזוי ווי עס איז צעקלאַפּט און דעמאַסקירט געוואָרנ די טעאָריע פונ אָרגאַניזירטנ קאַפּיטאַליזמ, פּונקט אַזוי איז דערצו נאָכ אינ אַ סאַכ אַ שנעלערנ טעמפּ ווערט צעקלאַפּט און דעמאַסקירט דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער מעהוס פונ דער אָפּגעפרישטער אופלאַגע פונ דער דאָזיקער טעאָריע — פונ דער טעאָריע וועגנ „מעלוכע־קאַפּיטאַליזמ". דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער און פאַרעטערישער אינהאַלט פונ אָט דער טעאָריע איז פולשטענדיק דעמאַסקירט געוואָרנ מיטנ איבערגאַנג פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַפ דער זײַט פונ פאַשיזמ. דער וווּקס פונ דער ווירקונג פונ די קאָמפּאַרטייענ איז דער בעסטער באַווײַז, אַז די מאַסנ דערזעענ אַלצ מער באַשײַמפּערלעכ דעמ דאָזיקנ פּאַראַט.

דער טראָצקיזמ און רעכטער אָפּאָרטוניזמ וועגנ אימפּעריאַליזמ

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריע וועגנ אימפּעריאַליזמ האָבנ, האַגאַמ אינ פאַרשיידענע פאָרמענ, אָבער אינ טאָכ אופגענומענ סײַ דער טראָצקיזמ סײַ דער רעכטער אָפּאָרטוניזמ. נאָכ בייס דער מילכאָמע, אינ די יאָרנ 1914—1918, איז טראָצקי אַרויסגעטראָטנ מיטנ לאָזונג „פאַראייניקטע שטאַטנ פונ אײראָפּע", וואָס איז געוועזנ אינגאַנצנ געבויט אַפ דער קאַוטסקיאַנישער טעאָריע וועגנ אולטראַ־אימפּעריאַליזמ. „דאָס אָרט פונ דער נאַציאָנאַלער גרויס־מעלוכע, — האָט געזאָגט טראָצקי, — דאַרפ פאַרנעמענ די אימפּעריאַליסטישע וועלט־מעלוכע", ד. ה. דער אולטראַ־אימפּעריאַליזמ. ער האָט באַהויפּט, אַז „ווענ די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס פונ אײראָפּע וואָלט זיכ אײַנגעגעבנ צו פאַראייניקנ זיכ אינ אַנ אימפּעריאַליסטישנ טרעסט, וואָלט דאָס באַטײַט אַ טריט פאָרויס אינ פאַרגלײַכ מיטנ איצטיקנ צושטאַנד". טראָצקי האָט אַרויסגערוקט ניט דעמ לאָזונג וועגנ פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע און וועגנ פאַרוואַנדלענ די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע אינ

א בירגערקריג, נאָך דעם לאָזונג „פאראייניקטע שטאטן פון אייראָפּע", איבער־לאָזנדיק די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג.

לעניג האָט שוין דאַן דעמאסקירט דעם דאָזיקן לאָזונג און האָט באוויזן, אז ער נעמט זיך פונעם אָפּלייקענען דעם פאקט, אז עס פארשטארקט זיך די ניט־גלייכמעסיקע אנטוויקלונג אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם, און עס באטייט, אז עס ווערט אָפּגעלייקנט די מעגלעכקייט פון א ניצאָכן פונעם סאָציאַליזם אין איין לאנד. „פאראייניקטע שטאטן" פון א קאפּיטאליסטישער אייראָפּע, דה. אולטרא־אימפּעריאַליזם איז אוממעגלעך דערפאר, ווייל עס פארשטארקט זיך די ניטגלייכמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג. אָבער אויב מע זאָל אפילו דערלאָזן, אז אזא קאפּיטאליסטישע פאראייניקונג פון אייראָפּע איז יאָ מעגלעך, וואָלט זי אין דער ווירקלעכקייט באטייט די פארשטארקונג פונעם אימפּעריאַליזם און פון זיין דרוק אין די מעטראָפּאָליעס און אין די קאָלאָניעס.

די קאוטסקיאַנישע טעאָריע וועגן אולטרא־אימפּעריאַליזם, וואָס טראָצקי האָט אופגענומען אונטער דער מאסקע פונעם לאָזונג „פאראייניקטע שטאטן פון איי־ראָפּע", איז, ווי עס וועט וועט באוויזן ווערן אין פאָלגנדיקן פאראגראף, די באזע פון זיין טעאָריע, וועגן דער אוממעגלעכקייט אויסצובויען דעם סאָציאַליזם אין פססר. ניט צופעליק איז דער טראָצקיזם פארוואנדלט געוואָרן אינעם אוואנגארד פון דער קאָנטררעוואָלוציאָנערער בורזשואזיע און ניט צופעליק קעמפט טראָצקי צוזאמען מיט קאוטסקין קעגן פססר.

דער רעכטער אָפּאָרטוניזם האָט אויך אופגענומען, אָבער אין אן אנדער פאָרם, די סאָציאַל־דעמאָקראטישע טעאָריע וועגן אימפּעריאַליזם. כ' בוכארין, אשטייגער, האָט באהויפּט, אז אינעם היינטצייטיקן קאפּיטאליזם ווערט די אנארכיע אלץ מער ארויסגעשטויסן דורך אָרגאניזאציע, אז עס ווערט איינגעשטעלט דער מלוכה־קאפּיטאליזם, וואָס „באטייט די אָפּשטארבונג פון דער קאָנקורענץ אין לאנד און די גרעסטע פארשארפונג פון דער קאָנקורענץ צווישן די קאפּיטא־ליסטישע לענדער" („פּראַוודאַ" פון 26־טן מיי 1929 יאָר). אָבער די טעאָריע וועגן דעם, אז די קאָנקורענץ שטארבט אָפּ אינווייניק אין לאנד, איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די טעאָריע פון „אָרגאניזירטן קאפּיטאליזם". עמעס, כ' בוכארין האָט געהאלטן, אז די קאָנקורענץ אפן וועלט־מארק פארשטארקט זיך. אָבער די דאָזיקע באהויפּטונג שטייט אין ווידערשפּרוך מיט דער באהויפּטונג זיינער וועגן דער אָפּ־שטארבונג פון דער קאָנקורענץ אין לאנד. ווייל אויב ס'איז מעגלעך אן אָרגאני־זירטער קאפּיטאליזם אין די ראמען פון איין לאנד, דה. אויב עס איז ביכלאל מעגלעך אן „אָרגאניזירטער קאפּיטאליזם", דארף ער זיין מעגלעך אויך אין וועלט־מאסשטאב.

דער פאקט, וואָס דער רעכטער אָפּנייג האָט אופגענומען די סאָציאַל־דעמאָ־קראטישע טעאָריע וועגן „אָרגאניזירטן קאפּיטאליזם", איז ניט קיין צופעליקער. די דאָזיקע טעאָריע האָט אירע וואָרצלען אין דער גאנצער אלגעמיין־טעאָ־רעטישער איינשטעלונג פון די רעכטע (דאָס באנעמען דעם ווערט אלס גלייכגע־וויכט־געזעצ און דערמיט גופע דאָס פארשמירן די ווידערשפּרוכן פון קאפּיטאליזם, דער „געזעצ וועגן ארבעט־פארווענדונג", דאָס רעדוצירן די פּראָדוציר־פארהעל־

טעכנישנ צו טעכניק אאוו.). זי איז אנ אָרגאנישער באשטאנד־טייל פונ דער גאנצער פלאטפאָרמ פונעמ רעכטנ אָפנייג. פונדאנענ טאקע נעמט זיכ דאָס, וואָס די רעכטע האָבנ אָפגעשאצט דעמ פעריאָד פונ דער טיילוויי̆זער, וואקלדיקער סטאביליזאציע פונ קאפיטאליזמ אלס דויערנדיקע אונ פעסטע סטאביליזאציע. פונדאנענ טאקע נעמט זיכ די באציִונג פונ די רעכטע צו דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע, וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט אינ דער שטרעבונג צו א פאקטישנ בלאָק מיט דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע באמ פארווירקלעכנ די טאקטיק פונ אייניקייטלעכנ פראָנט. אָט פארוואָס דער קאָמוניסטישער אינטערנאציִאָנאל האָט געפירט אונ פירט אנ אומבעשאָלעמדיקנ קאמפ קעגנ דעמ רעכטנ אָפאָרטוניזמ אלס אגענטור פונ דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע אינ די רייענ פונ די קאָמוניסטישע פארטייענ, אלס הויפט־געפאר אפנ היינטצייטיקנ עטאפ. די רעכטע אָפאָרטוניסטנ, וואָס זייַנענ אויסגעשלאָסנ געוואָרנ פונ קאָמוניסטישנ אינטערנאציִאָנאל, האָבנ פולשטענדיק, פונקט ווי די טראָצקיסטנ, אנטבלויזט זייער סאָציִאל־פאשיסטישנ מעהוס, ארויסטרעטנדיק אָפנ צוזאמענ מיט דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע קעגנ דעמ קאָמוניזמ.

ראָזע ליוקסעמבורגס טעאָריע

צומ שלוס וועלנ מיר זיכ נאָכ אָפשטעלנ אפ ראָזע ליוקסעמבורגס האלב־מענשעוויסטישער טעאָריע וועגנ אימפעריאליזמ. מיר האָבנ שוינ אויבנ זיכ באקענט מיט איר אָנזאמלונג־טעאָריע. די דאָזיקע טעאָריע איז די באזע פונ ראָזע ליוקסעמבורגס טעאָריע וועגנ אימפעריאליזמ, וואָס לויט איר איז דער אימפעריאליזמ באדינגט מיט דער אומעגלעכקייט צו מאכנ אָנזאמלונגענ באמ ריינעמ קאפיטאליזמ, דה. אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, וואָס באשטייט בלויז פונ ארבעטער אונ קאפיטאליסטנ. דער אימפעריאליזמ איז, לויט איר מיינונג, א פאָליטיק, וואָס דרינגט ארויס פונ דער דאָזיקער אומעגלעכקייט צו מאכנ אָנזאמלונגענ, צו אונטערוואַרפנ די „דריטע פערזאָנענ", דה. די אָפגעשטאנענע אגראר־לענדער, אונטער די הויכ־אנטוויקלטע קאפיטאליסטישע אינדוסטריעלע לענדער.

עס איז ניט שווער צו זענ, אז פונקט ווי קאוטסקי, לייקנט ר. ליוקסעמבורג אָפ דעמ אימפעריאליזמ אלס באזונדערנ עטאפ אינ דער אנטוויקלונג פונ קאפיטאליזמ. ר. ליוקסעמבורג דרינגט ארויס דעמ אימפעריאליזמ ניט דערפונ, וואָס דער קאפיטאליזמ האָט דורכגעמאכט אינערלעכע וועזנטלעכע ענדערונגענ (הערשאפט פונ די מאָנאָפאָלנ, פינאנצ־קאפיטאל), נאָר פונ דער קלוימערשט עקזיסטירנדיקער אומעגלעכקייט צו מאכנ אָנזאמלונגענ באמ ריינעמ קאפיטאליזמ. אָבער וויבאלד דער אימפעריאליזמ דרינגט ארויס פונ דער אומעגלעכקייט צו מאכנ אָנזאמלונגענ, איז דאָכ דער קאפיטאליזמ שטענדיק געווענ אימפעריאליזמ, ווייל, ווי ראָזע ליוקסעמבורג באהויפט, איז די אָנזאמלונג קיינמאָל ניט מעגלעכ באמ ריינעמ קאפיטאליזמ. דער אימפעריאליזמ עקזיסטירט אזויארומ פונ דעמ מאָמענט אָנ, ווי עס עקזיסטירט דער קאפיטאליזמ, ער איז ניט קיינ עטאפ אינ דער אנטוויקלונג פונעמ קאפיטאליזמ.

פונקט אזוי ווי, לויט ר. ליוקסעמבורג, דרינגענ די קריזיסנ ארויס ניט פונעמ אינערלעכנ גרונט־ווידערשפרוכ פונ קאפיטאליזמ, נאָר פונעמ אויסערלעכנ ווידערשפרוכ צווישנ דעמ קאפיטאליזמ אונ די ניט־קאפיטאליסטישע „דריטע פערזאָנענ",

אזוי איז אויך דער אימפּעריאַליזם ניט קיין פּראָדוקט פון דער אנטוויקלונג פון די אינערלעכע ווידערשפּרוכן אינעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אַן אויסדרוק פון די דאָזיקע אויסערלעכע ווידערשפּרוך. אָבער פונדאַנען איז געדרונגען, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט מוזן אומקומען ניט פון דער אנטוויקלונג פון זיינע אינערלעכע ווידערשפּרוכן, נאָר פון דעם, וואָס עס וועלן אויסגעשעפּט ווערן די „דריטע פּערזאָנען", וועלכע מאַכן מעגלעך די קאַפּיטאַל־אָנזאַמלונג. עמעס, ר. ליוקסעמבורג באַהויפּט דערביי, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וועט פאַרקומען א סאַך פריִער, איידער עס וועלן פאַרשווינדן ווערן די „דריטע פּערזאָנען". אָבער די דאָזיקע באַמערקונג ווידערשפּרעכט איר טעאָריע, וואָס פון איר דרינגט ארויס, אַז דער קאַפּיטאַליזם קאָן עקזיסטירן אַזוי לאַנג, קאָלזמאַן עס עקזיסטירן די קליינ־פּראָדוצירער — די „דריטע פּערזאָנען".

פון דער ליוקסעמבורגיאַנישער טעאָריע וועגן אימפּעריאַליזם דרינגט ארויס די פּאָרשטעלונג וועגן אווטאָמאַטישן אונטערגאַנג פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס גיט פאַרקומען אַלס רעזולטאַט דערפון, וואָס עס הערט אויף די מעגלעכקייט צו מאַכן אָנזאַמלונגען. אין קעגנזאַץ צו דעם אָפּאָרטוניסטישן פליגל פון דער פּאַרמילכאָמעדיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז ר. ליוקסעמבורג ארויסגעטראָטן פאַר דער נייטיקייט פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. אָבער די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט זי זיך פאָרגעשטעלט אויסשליסלעך אַלס סטיכיישן אַקט. זי האָט, לעמאָשל, צוזאַמען מיטן אָפּאָרטוניסטישן פליגל (דערונטער צוזאַמען מיט טראָצקין) אָפּגעלייקנט די נייטיקייט פון א פּאַרטיי אַלס רעוואָלוציאָנערן אוואַנגאַרד, אַלס פירערן, אָנפירערן און אָרגאַניזאַטערן פונעם פּראָלעטאַריאַט צוליב רעוואָלוציע און האָט זיך געשטעלט אַפ דער זייט פון די מענשעוויקעס, קעגן די באָלשעוויקעס אין דער פראַגע וועגן דעם פּאַרטיי־סטאַטוט.

טאַקע דערפאַר, וואָס פון איר טעאָריע וועגן אָנזאַמלונג און וועגן אימפּעריאַליזם דרינגט ארויס די פּאָרשטעלונג וועגן אווטאָמאַטישן קראַך פון קאַפּיטאַליזם, און פון דער דאָזיקער פּאָרשטעלונג — די אָריענטאַציע אַפ דער סטיכיישער באַוועגונג פון די מאַסן, האָט ר. ליוקסעמבורג אָנערקענט אַלס הויפּט־געצייג פון דער רעוואָלוציע דעם אַלגעמיינעם שטרייק, אָבער ניט דעם באַוואָפנטן אופשטאַנד.

שטייענדיק אין שפּיץ פונעם לינקן פליגל פון דער פּאַרמילכאָמעדיקער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און האָבנדיק א ריי פאַרדינסטן אין קאַמף קעגן דעם אָפּאָרטוניזם, האָט זיך ר. ליוקסעמבורג דאָך אין די גרונט־פראַגן וועגן דער טאַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע געוואַקלט צווישן דעם מענשעוויזם און באָלשעוויזם און איז אָפּטמאָל ארויסגעטראָטן קעגן דעם באָלשעוויזם. די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין פּאַרמילכאָמעדיקן דייטשלאַנד „האָבן אויך גרויסע און ערנסטע רעוואָלוציאָנערע מייסים... אָט דערפאַר טאַקע האָבן זיך די באָלשעוויקעס מיט זיי גערעכנט, ווי מיט לינקע, און האָבן זיי געשטיצט און געשטויסן זיי פאָרויס. אָבער דאָס פאַרניכטעט ניט און קאָן ניט פאַרניכטן דעם פאַקט, אַז די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דייטשלאַנד האָבן צוזאַמען דערמיט געהאַט א גאַנצע ריי ביז גאָר ערנסטע פּאָליטישע און טעאָרעטישע פעלערן, אַז זיי האָבן זיך נאָך ניט באַפרייט פון דער מענשעוויסטישער לאַסט און

האָבן זיך דעריבער געציטיקט אין אַ ביז גאָר ענגשטער קריטיק מיצאַד די באָלשעוויקעס״ (סטאַלין, „פּראַגעס פון לעניניזם״, זייט 609). יעדווידער פּרווו פאַר־צושטעלן די זאַך אַזוי, אַז די באָלשעוויקעס האָבן ניט דערשאַצט די פעלערן פון די „לינקע״, איז דעריבער בלויז אַ פאַרמאַסקירט דורכשמוגלען די טראָצקיס־טישע רעכילעס, אַז די באָלשעוויקעס זיינען, קלוימערשט, געוואָרן עמעסע רעוואָליר־ציאָנערע מאַרקסיסטן, ווען זיי האָבן זיך אין 1917 יאָר, קלוימערשט, „איבער־באַוואָפנט״ און האָבן אויפגענומען טראָצקיס מענשעוויסטישע טעאָריע און טאַקטיק.

***

מיר זעען, אַלזאָ, אַז די איינציק ריכטיקע, איינציק וויסנשאַפטלעכע טעאָריע וואָס זעצט פאָר און אַנטוויקלט מאַרקס לערע וועגן דעם אונטערגאַנג פון קאַ־פּיטאַליזם, איז די לענינשע טעאָריע וועגן אימפּעריאַליזם. לענינס גרויסער פאַרדינסט באַשטייט ניט בלויז אין דעם, וואָס ער האָט אויפגעדעקט, אַז דער אימפּעריאַליזם איז די עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, נאָר אויך אין דעם, וואָס אָפּן סמאַך פון פאָרשן די געזעצן פון אימפּעריאַליזם האָט ער אַנטוויקלט די לערע פון מאַרקס — ענגעלס וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועגן דער דיקטא־טור פון פּראָלעטאַריאַט.

9. דער געזעץ וועגן דער ניטגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג און די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע

מאַרקס און ענגעלס האָבן געלעבט און געקעמפט אינעם פּעריאָד פון פאַר־מאָנאָפּאָלסטישן קאַפּיטאַליזם, ווען די ניטגלייכמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג איז געווען אָן אַ ערעך שוואַכער און האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, איידער אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם. זיי האָבן דעריבער געהאַלטן, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן זיגן בלויז אַלס גלייכצייטיקע רעוואָלוציע אין די סאַמע אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. פאַרן ביז־מאָנאָפּאָליסטישן קאַ־פּיטאַליזם איז דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט פון מאַרקס און ענגעלס געווען גאַנץ ריכטיק. אָבער אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם האָבן די באַדינגונגען פונעם ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער רע־וואָליוציע זיך גרינטלעך געענדערט. עס האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע, ווען די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע קאָן זיך אָנהייבן און דער סאָציאַליזם קאָן זיגן צוערשט אין איין באַזונדער גענומען און דערצו ניט אומבאַדינגט אינעם סאַמע אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד.

דער זיג פונעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד

די דאָזיקע מעגלעכקייט שטאַמט דערפון, וואָס באַם אימפּעריאַ־ליזם פאַרשטאַרקט זיך די ניטגלייכמעסיקייט אין דער עקאָנאָמי־שער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון באַזונדערע לענדער. באַ די באַדינגונגען, ווען די צעטיילונג פון דער וועלט איז שוין פאַרענדיקט און עס גייט אַ קאַמף פאַרן איבערפאַרטיילן זי, ווערט די דאָזיקע פאַר־שטאַרקטע ניטגלייכמעסיקייט אַן אַנטשיידנדיקע קוואַנט פאַר דער אַנטוויקלונג און

זי פירט אומפארמײַדלעכ צו אימפעריאליסטישע מילכאָמעס, וועלכע שוואַכנ אָפּ דעמ אימפּעריאליזמ. די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע מעלוכעס ווערנ פאַרטיפט אָפּ אַזויפיל, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אײַנגעשטעלט זײַנ דיקטאַטור אינ אײנ לאַנד, האָט די מעגלעכקײַט אויסצונוצנ די דאָזיקע ווידערשפּרוכנ אָפּ צו באַפעסטיקנ זײַנ מעלוכע אונ באַ דער אונטערשטיצונג פונעמ פּראָלעטאַריאַט פונ אַנדערע לענדער, וווּ דער קאַפּיטאַליזמ איז נאָכ ניט אַראָפּגעוואָרפנ, אויסבויענ דעמ סאָציאַליזמ.

א יסנוצנדיק געניט די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע מעלוכעס, קאָנ דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געזיגט אינ אײנ לאַנד, אָפּציִענ דעמ פאַראײניקטנ אָנפאַל פונ אַלע אימפּעריאליסטישע מעלוכעס אָפּנ לאַנד פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור ביז דעמ מאָמענט. ווענ די קרעפטנ-פאַרהעלטעניש וועט זײַנ מער גינסטיק פאַר דער סאָציאַליסטישער מעלוכע; צוזאַמענ מיט זײַנ וווּקס אונ מיט דער פאַרפעסטיקונג פונ זײַנ עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער מאַכט קאָנ דאָס לאַנד פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור מיט זײַנ אויסערלעכער פּאָליטיק אַפילע פאַרטיפנ די ווידערשפּרוכנ צווישנ זײַנע אימפּעריאליסטישע קעגנער.

דער זיג פונעמ סאָציאַליזמ צוערשט אינ אײנ לאַנד פאַרשאַרפט די קלאַסנ-ווידערשפּרוכנ אינעווייניק אינ די אימפּעריאליסטישע לענדער, ער באַווײַזט די ברייטע מאַסנ פונ די דאָזיקע לענדער דעמ אויסגאַנג-וועג פונעמ אומדערטרעגלעכנ קאַפּיטאַליסטישנ יאָכ, פאַרגיכערט דאָס פאַלנ פונעמ אײַנפלוס פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַגענטור פונ דער בורזשואַזיע אָפּנ אַרבעטער-קלאַס אונ דערמיט גופע צעשטערט ער דעמ הויפּטלעכנ סאָציאַלנ אָנשפּאַר פונ דער אימפּעריאליסטישער בורזשואַזיע, די דאָזיקע הויפּטלעכע מעניע פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

„די ניטגלײַכמעסיקײַט פונ דער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער אַנטוויקלונג איז אַנ אַבסאָלוטער געזעצ פונעמ קאַפּיטאַליזמ. דערפונ דרינגט אַרויס, אַז עס איז מעגלעכ א זיג פונ סאָציאַליזמ צוערשט אינ ווייניקע אָדער אַפילע אינ אײנ, באַזונדער גענומענ, קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. עקספּראָפּריִרנדיק די קאַפּיטאַליסטנ אונ אָרגאַניזירנדיק באַ זיכ א סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע, וואָלט זיכ דער זיגרײַכער פּראָלעטאַריאַט פונעמ דאָזיקנ לאַנד געשטעלט קעגנ דער איבעריקער, דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, צוציִענדיק צו זיכ די אונטערדריקטע קלאַסנ פונ די אַנדערע לענדער, אויפהייבנדיק אינ זיי אַנ אויפשטאַנד קעגנ די קאַפּיטאַליסטנ, אַרויסטרעטנדיק אינ פאַל פונ נויטווענדיקײַט אַפילע מיט מיליטערישער קראַפט קעגנ די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסנ אונ זײערע מעלוכעס“ (לענינ, באַנד XVIII, ז. ז. 232—233).

דער אימפּעריאליזמ בינדט פעסט צונויפ אַלע לענדער פונ דער וועלט אינ אַנ אײנהײַטלעכער וועלט-ווירטשאַפט. דער אימפּעריאליזמ איז א סיסטעמ פונ וועלט-הערשאַפט אונ אונטערדריקונג; די ווידערשפּרוכנ, וואָס דער אימפּעריאליזמ שאַפט, זײַנענ וועלט-ווידערשפּרוכנ. די אינערלעכע ווידערשפּרוכנ אינ יעדנ לאַנד זײַנענ דעריבער אַנ אָרגאַנישער באַשטאַנד-טייל פונ די וועלט-ווידערשפּרוכנ פונעמ אימפּעריאליזמ. דעריבער „דאַרפ מענ באַטראַכטנ די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע פריִער פונ אַלצ אַלס רעזולטאַט

פון דער אנטוויקלונג פון די ווידערשפרוכן אין דער וועלט־סיסטעם פון אימפעריאליזם, אלס רעזולטאט פון דעם אײַנ־רײַס אין דער קייט פונעם אימפעריאליסטישן וועלט־פראָנט אין דעם אָדער יענעם לאנד" (סטאלין, פראגעס פון לעניניזם, זײַט 21. מײַן קורסיוו. — ל. ס.).

אָבער אויב די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע איז אן אײַנרײַס אין דער קייט פון אימפעריאליסטישן וועלט־פראָנט, איז ניט אָבליגאטעריש, אז די דאָזיקע קייט זאָל דורכגעריסן ווערן אינעם סאמע אנטוויקלטן קאפּיטאליסטישן לאנד. „עס קאָן זיך ארויסווײַזן, אז דאָס לאנד, וואָס האָט אָנגעהויבן די רעוואָליוציע, דאָס לאנד, וואָס האָט דורכגעריסן דעם פראָנט פון קאפּיטאל, איז ווייניקער אנטוויקלט אין קאפּיטאליסטישער הינזיכט, איידער אנדערע מער אנטוויקלטע לענדער, וואָס זײַנען פארבליבן אין די ראמען פון קאפּיטאליזם" (דאָרט).

דאָס באטײַט ניט, פארשטייט זיך, אז אזא לאנד קאָן זײַן דאָס אַמווייניקסטן אנטוויקלטע אין קאפּיטאליסטישן זין. אז די רעוואָליוציע זאָל אָפּהאלטן א ניצחון אין געגעבענעם לאנד, איז נייטיק, אז דאָרטן זאָל זײַן א פּראָלעטאריאט, וואָס איז אימשטאנד זיך צו אָרגאניזירן צום זיג איבער דער בורזשואזיע, א פּראָלעטאריאט, וואָס איז פייִק צו פירן נאָך זיך די איבעריקע עקספּלואטירטע מאסן, ס'פאָדערט זיך, אז דער קאפּיטאליזם זאָל אין דעם לאנד שוין האָבן דערגרייכט דעם דורכשניטלעכן אנטוויקלונג־ניוואָ.

אזוי טאקע איז געווען אין 1917 יאָר אין רוסלאנד. אין פארגלײַך מיט אזעלכע לענדער, ווי פראנקרײַך, דײַטשלאנד, ענגלאנד, איז רוסלאנד דאן געווען אָפּגעשטאנען. נאָר פונדעסטוועגן איז דער קאפּיטאליזם דאָ געווען אזוי אנטוויקלט, אז ס'איז שוין געווען א קאָנצענטרירטע גרויס־אינדוסטריע, מאָנאָפּאָלן און א פינאנץ־קאפּיטאל און א רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאריאט מיט דער באָלשעוויסטישער פארטיי אין דער שפּיץ. ניט זײַענדיק דאָס אמווייניקסטן אנטוויקלטע לאנד, האָט זיך רוסלאנד דאָך ארויסגעוויזן פארן שוואכסטן רינג פונעם אימפעריאליסטישן פראָנט, ווײַל אין רוסלאנד אלס קנופּ־פּונקט האָבן זיך דאן איבערגעפלאָכטן אלע גרונט־ווידערשפרוכן פונעם אלוועלטלעכן אימפעריאליזם.

דאָס נײַע, וואָס לענין האָט אין דער פראגע וועגן דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אנטוויקלט אינעם מארקסיזם, באשטייט אזויארום דערין, וואָס אין דער עפּאָכע פון אימפעריאליזם קאָן זיך די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע אָנהייבן און דער סאָציאליזם קאָן זיגן צוערשט אין איין באזונדער גענומענע קאפּיטאליסטיש לאנד, און נאָכדעם שוין פארשפּרייטן זיך אף די איבעריקע לענדער. די דאָזיקע לערע לענינס וועגן ניצחון פונעם סאָציאליזם אין איין לאנד דרינגט דירעקט ארויס פון זײַן לערע וועגן אימפעריאליזם, וואָס איז א דירעקטע פאָרזעצונג און אנטוויקלונג פונעם מארקסיזם.

דער, וואָס לייקנט אָפּ, אז עס פארשטארקט זיך די ניטגלײַכמעסיקייט פון דער אנטוויקלונג באם אימפעריאליזם און אז עס איז מעגלעך אויסצובויען דעם סאָציאליזם אין איין לאנד, יענער לייקנט פאקטיש ביכלאל אָפּ די מעגלעכקייט פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. אויב דער פּראָלעטאריאט

פונ דעמ לאַנד, וואָס האָט זיכ אַרויסגעוויזנ אַלס שוואַכסטער רינג אינ דער אימ־פעריאַליסטישער קייט אונ ווו עס איז שוינ מעגלעכ אָראָפּצוואַרפנ די בורזשואַזיע, דאַרפ אָפּלייגנ די רעוואָליוציע ביז דעמ מאָמענט, ווענ ס'וועט אויכ אינ אַנדערע לענדער געשאַפנ ווערנ פּונקט אַזאַ רעוואָליוציאָנערע לאַגע, הייסט עס, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע וועט זיכ ביכלל קיינמאָל ניט אָנהייבנ, ווײַל די ניטגלײַכמעסיקײַט אינ דער אַנטוויקלונג מאַכט ביז גאָר ווייניק וואַרשײַנלעכ, אַז אינ אַלע וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זאָל זיכ גלײַכצײַטיק שאַפנ אַ רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע. די סאָציאַל־פאַשיסטנ נאַרנ אָפּ דעמ אַרבעטער־קלאַס דערמיט, וואָס זיי זאָגנ, אַז זיי זײַנענ ניט קעגנ רעוואָליוציע, נאָר זיי קאָנענ זי ניט אָנהייבנ, ווײַל די אַרבעטער פונ אַנדערע לענדער הייבנ זי ניט אָנ. אַזאַ שטעלונג פונ דער פראַגע באַטײַט ביכלל אָפּזאָגנ זיכ פונ רעוואָליוציע.

דעמ דאָזיקנ סאָציאַל־פאַשיסטישנ שטאַנדפּונקט פאַרטיידיקט דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער טראָצקיזמ. ווי מיר האָבנ אויבנ געזענ, שטייט טראָצקי אינ טאָכ אויפנ באָדנ פונ דער קאַוטסקיאַנישער טעאָריע וועגנ „אולטראַ־אימפעריאַליזמ", וואָס לייקנט אָפּ, אַז עס פאַרשטאַרקט זיכ די ניטגלײַכמעסיקײַט אינ דער אַנטוויקלונג באַמ אימפעריאַליזמ. דעריבער איז טראָצקי אַרויסגעטראָטנ אונ טרעט אַרויס קעגנ דער לענינשער לערע וועגנ דער ניטגלײַכמעסיקער אַנטוויקלונג באַמ אימפעריאַליזמ אונ וועגנ דער מעגלעכקײַט אויסצובויענ דעמ סאָציאַליזמ אינ איינ לאַנד. ער באַהויפּט, אַז די ניטגלײַכמעסיקײַט פונ דער אַנטוויקלונג איז שטענדיק געווענ אייגנטימלעכ דעמ קאַפּיטאַליזמ, אַז באַמ אימפעריאַליזמ קומט פאָר ניט קיינ פאַרשטאַרקונג, נאָר אַנ אָפּשוואַכונג פונ דער דאָזיקער ניטגלײַכמעסיקײַט, ווײַל באַמ אימפעריאַליזמ, זאָגט טראָצקי, קומט פאָר אַ ניוועלירונג, אַנ אויסגלײַכונג פונ דעמ אַנטוויקלונג־ניוואָ פונ פאַרשיידענע לענדער, — דעריבער איז די אויסבויונג פונ סאָציאַליזמ אינ איינ לאַנד, קלומערשט, ניט מעגלעכ. קעדיי צו באַגרינדנ זײַנ קאָנטררעוואָליוציאָנערע טעאָריע, לייקנט טראָצקי אָפּ דעמ אימפעריאַליזמ אַלס באַזונדערנ אַנטוויקלונג־עטאַפּ פונ קאַפּיטאַליזמ אונ שטעלט קעגנ די ניוועלירונג פונ די באַזונדערע לענדער דער ניטגלײַכמעסיקײַט פונ זייער אַנטוויקלונג.

דער געזעצ וועגנ דער ניטגלײַכ־מעסיקער אַנטוויקלונג באַמ אימפעריאַליזמ

דער קאַפּיטאַליזמ ביכלל קאָנ זיכ ניט אַנטוויקלענ גלײַכמעסיק, דערפּ איז ער קאַפּיטאַליזמ מיט זײַנ ווידערשפּרוכ צווישנ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג אונ דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג אונ מיט דער אַנאַרכיע, וואָס דרינגט אַרויס פונעמ דאָזיקנ גרונט־ווידערשפּרוכ, מיט די קריזיסנ אאוו. אָבער צי ווערט אָפּגעשוואַכט די ניטגלײַכמעסיקײַט מיט דער אַנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזמ? ניינ, זי קאָנ ניט אָפּגעשוואַכט ווערנ, ווײַל די אַנטוויקלונג פונ קאַפּיטאַליזמ איז אַנ אַנטוויקלונג פונ זײַנ גרונט־ווידערשפּרוכ. די אָפּשוואַכונג פונ דער ניטגלײַכמעסיקײַט פונ דער אַנטוויקלונג וואָלט באַטײַט אַנ אָפּשוואַכונג פונעמ גרונט־ווידערשפּרוכ פונ קאַפּיטאַליזמ. שוינ דערפונ אַלייַנ איז בעדרונגענ, אַז אָפּ וויפל דער אימפעריאַליזמ איז דער העכסטער אַנטוויקלונג־

עטאפ פון קאפיטאליזם, אפ וויפל באם אימפעריאליזם דערגרייכט דער גרונט־ווידערשפרוך פון קאפיטאליזם ביז צום העכסטן גראד פון זײַן פארשארפונג, ווערט אויך די ניטגלײַכמעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג ניט בלויז ניט אָפּגעשוואכט, נאָר אדרבה, זי פארשטארקט זיך אומגעהייער. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. אפ וויפל דער אימפעריאליזם איז ניט פּאָשעט א פארשארפונג פונעם גרונט־ווידערשפרוך פון קאפיטאליזם, נאָר ער איז א באזונדער עטאפ פון קאפיטאליזם, וואָס אונטערשיידט זיך טיף פון דער פּאָריקער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם, אפ אזוי פיל קומט פאָר ניט פּאָשעט א פארשטארקונג פון דער ניטגלײַכמעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג, נאָר אן ענדערונג אינ דעם כאראקטער גופא פון דער דאָזיקער ניטגלײַכמעסיקײַט.

דער פאקטאָר, וואָס באשטימט דעם דאָזיקן באזונדערן כאראקטער פון דער ניטגלײַכמעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג באם אימפעריאליזם, איז, ערשטנס, דאָס, וואָס עס האָט זיך פארענדיקט די צעטיילונג פון דער וועלט און עס גייט דער קאמפ פאר איבערפארטיילן זי, א קאמפ, וואָס שטויסט יעדעס אימפעריאליסטיש לאנד אריבערצוכאַפּן זײַנע קאָנקורענטן, קעדיי אינ קאמפ פארן איבערפארטיילן די וועלט ארויסצושטעלן זיך שטארקער פון אנדערע. צווייטנס, דער אומגעהייער הויכער ניוואָ פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן מאכט גרינגער פאר איינקע לענדער שנעל אריבערצוכאַפּן די אנדערע לענדער. דער דאָזיקער שארפער קאמפ פאר אריבעריאָגן איינע לענדער דורך אנדערע דרינגט אזויארום ארויס פון דעם עצעם מעהוס פון אימפעריאליזם אלס באזונדערן עטאפ פון קאפיטאליזם; דער קאמפ האָט ניט געקאָנט פּאָרקומען, ווען עס איז ניט געווען די הערשאפט פון די מאָנאָפּאָלן און פון פינאנץ־קאפיטאל, ווען די וועלט איז נאָך ניט געווען ענדגילטיק צעטיילט.

באם אימפעריאליזם איז דער אונטערשייד אינ די אנטוויקלונג־שטופעס צווישן די באזונדערע קאפיטאליסטישע לענדער א כאָב א קלענערער, איידער ער איז געווען פריער, ד. ה. די ניוועלירונג איז א גרעסערע, איידער ביזן אימפעריאליזם. אָבער פונדאנען דרינגט ארויס ניט קיין אָפּשוואכונג פון דער ניטגלײַכמעסיקײַט אינ דער אנטוויקלונג פון די באזונדערע לענדער, נאָר גראָד פארקערט — א פארשארפונג פון דער דאָזיקער ניטגלײַכמעסיקײַט. „דאפקע דערפאר, וואָס די אָפּגעשטאנענע לענדער פארשנעלערן זייער אנטוויקלונג און ניוועלירן זיך מיט די פאָרויסגעשריטענע לענדער, — דאפקע דעריבער ווערט פארשארפט דער קאמפ פארן אריבעריאָגן איינע לענדער דורך אנדערע, דאפקע דעריבער ווערט געשאפן די מעגלעכקײַט פאר איינע לענדער אריבערצויאָגן אנדערע לענדער און ארויסשטויסן זיי פון די מערק, שאפנדיק דערמיט גופא פאָרהאנאָכעס פאר מיליטער־צוזאמענשטויסן, פארן אָפּשוואכן דעם וועלט־פראָנט פון קאפיטאליזם, פאר דעם, אז די פּראָלעטאריער פון פארשיידענע קאפיטאליסטישע לענדער זאָלן דורכרײַסן דעם דאָזיקן פראָנט...

די ניוועלירונג איז איינע פון די באדינגונגען אפ פארשטארקן די ניטגלײַכמעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג אינעם פעריאָד פון אימפעריאליזם" (סטאלין, וועגן דער אָפּאָזיציע, ז. 514 — 515).

ביזנ אימפעריאליזמ האָט זיכ די ניטגלײַכמעסיקײַט פונ דער אנטוויקלונג אויסגעדריקט דערינ, וואָס איינע קאפּיטאליסטישע לענדער האָבנ דורכ א לאנגזאמער דויערנדיקער אנטוויקלונג אריבערגעיאָגט אנדערע לענדער. באמ אימפעריאליזמ אָבער האָבנ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ דערגרייכט אנ אומגעהייער הויכנ ניוואָ, עס איז פאָרגעקומענ א ניוועלירונג אינ דער אנטוויקלונג פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער אונ דער קאמפ פאר אריבעריאָגנ איינע לענדער דורכ אנדערע מיטנ צוועק איבערצופארטיילנ די וועלט איז אנ עקזיסטענצ־באדינג פאר יעדנ אימפעריאליסטישנ לאנד. אינ די דאָזיקע באדינגונגענ נעמט אָנ די ניטגלײַכמעסיקײַט פונ דער אנטוויקלונג א שפּרונגארטיקנ כאראקטער, איינע לענדער יאָגנ שנעל אריבער די אנדערע, אונ דאָס איז אומפארמײַדלעכ פארבונדנ מיט אימפעריאליסטישע מילכאָמעס, מיט דער קעגנזײַטיקער אָפּשוואכונג פונ די אימפעריאליסטישע לענדער. פונדאנענ נעמט זיכ די מעגלעכקײַט פונ א דורכרײַס פונ דער אימפעריאליסטישער קייט אינ איינ רינג אירנ אונ פונ דעמ ניצאָכנ פונ סאָציאליזמ אינ איינ לאנד.

דערינ טאקע באשטייט דער באזונדערער כאראקטער פונעמ געזעצ וועגנ דער ניטגלײַכמעסיקער אנטוויקלונג אינ דער עפּאָכע פונ אימפעריאליזמ, וואָס אונטערשיידט זיכ טיפ פונעמ געזעצ וועגנ דער ניטגלײַכמעסיקער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ ביכלאל. אינעמ פעריאָד פונ אימפעריאליזמ האָט „די ניטגלײַכמעסיקײַט אינ דער אנטוויקלונג פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער זיכ פארוואנדלט אינ אנ אנטשיידנדיקע קראפט פונ דער אימפעריאליסטישער אנטוויקלונג“ (סטאלינ, סטענאָגר. באריכט פונ דער XV קאָנפערענצ פונ אלקפּ(ב), זײַט 431. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.). דער דאָזיקער געזעצ וועגנ דער ניטגלײַכמעסיקער אנטוויקלונג באמ אימפעריאליזמ, וואָס לענינ האָט אנטדעקט אונ כ׳ סטאלינ האָט אנטוויקלט, איז א געזעצ, וואָס אנטשיידט דעמ גורל פונ קאפּיטאליזמ.

לענינס לערע וועגנ אימפעריאליזמ אלס דעמ לעצטנ עטאפּ פונ קאפּיטאליזמ, וועגנ דער אנטשיידנדיקער באדײַטונג פונעמ געזעצ פונ דער ניטגלײַכמעסיקער אנטוויקלונג, וועגנ דורכרײַסנ די קייט פונ אימפעריאליזמ אינעמ שוואכסטנ רינג אירנ אונ וועגנ דעמ וועג פונ דער פּראָלעטארישער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס הייבט זיכ אָנ מיטנ ניצאָכנ פונ סאָציאליזמ אינ איינ לאנד, — האָט באקומענ א גלענצנדיקע היסטאָרישע באשטעטיקונג דורכנ גאנצנ גאנג פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונ קאפּיטאליזמ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט דער קאפּיטאליסטישער וועלט־מילכאָמע פונ די י. 1914 — 1918 אונ האָט געבראכט דירעקט צומ דורכרײַס פונ אימפעריאליסטישנ וועלט־פראָנט אינעמ צארישנ אימפעריאליסטישנ רוסלאנד.

10. דער אלגעמיינער קריזיס פונעמ קאפּיטאליזמ

דער אלגעמיינער קריזיס פונעמ קאפּיטאליזמ איז א קריזיס פונ דער קאפּיטאליסטישער סיסטעמ גופע אפ דער העכסטער, אימפעריאליסטישער סטאדיע פונ איר אנטוויקלונג. דער אלגעמיינער קריזיס פונעמ קאפּיטאליזמ האָט זיכ אָנגעהויבנ אינעמ פעריאָד פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914 — 1918.

„די מילכאָמע האָט אופגעטרייסלט די גאנצע סיסטעמ פונעמ וועלט־קאפּיטאליזמ אונ האָט געמאכט אנ אָנהייב צומ פּעריאָד פונ זײַנ אלגעמײַנעמ קריזיס״ (פּראָגראמ פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל). די מילכאָמע האָט באטײַט אזא צעשטערונג פונ די פּראָדוקטיוו־קרעפטנ, וואָס האָט ניט צו זיכ קיינ גלײַכנ אינ דער געשיכטע פונ קאפּיטאליזמ, אנ אויסראָטנג פונ מיליאָנענ מענטשנ, אנ אומגעהערטע פּאראָרעמונג פונ די מאסנ אונ קאָלאָסאלע פּראָפיטנ פאר דער פינאנצ־אָליגארכיע. די מילכאָמע האָט מיט זיכ געבראכט אזא אומגעהײַערע פארשארפונג פונ די קלאסנ־ווידערשפּרוכנ (קוידעמקאָל אינ יענע אייראָפּעישע לענדער, וועלכע האָבנ געהאלטנ מילכאָמע), וואָס האָט פּראקטיש געשטעלט פארנ פּראָלעטאריאט די דירעקטע אופגאבע אראָפּצוווארפנ אפּ א רעוואָליוציאָנערנ אופנ דעמ קאפּיטאליזמ.

די אימפּעריאליסטישע מילכאָמע אינ די יאָרנ 1914 — 1918 האָט געמאכט אנ אָנהייב צומ אלגעמײַנעמ קריזיס פונעמ קאפּיטאליזמ אינ דער ערשטער ריי דער מיט, וואָס זי האָט געבוירנ די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וואָס איז דער אָנהייב אונ די באזע פונ דער פּראָלעטארישער וועלט־רעוואָליוציע.

קאמפ פונ צוויי סיסטעמענ

מיט דער אנטשטייונג פונעמ לאנד פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור איז פאָרגעקומענ א צעשפּאלטונג אינ דער וועלט־ווירטשאפט. „דער קאפּיטאליזמ שטעלט שוינ ניט פאָר קיינ אײַנהײַטלעכע אונ אלצ ארומנעמענדיקע סיסטעמ פונ דער וועלט־ווירטשאפט״ (סטאלינ, פּראגעס פונ לעניניזמ, ז. ז. 493 — 494). די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר האָט געמאכט א טאָפּ צו דער וועלט־הערשאפט פונעמ אימפּעריאליזמ: איינ זעקסטכיילעק פונעמ ערדקײַלעכ איז ארויס פונ אונטער דער הערשאפט פונ אימפּעריאליזמ.

די עקזיסטענצ פונעמ ראטנפאַרבאנד באווײַזט אָנשױלעכ די עקספּלואטירטע מאסנ פונ דער גאנצער וועלט אלע מײַלעס פונ דער סאָוועטישער ווירטשאפט־סיסטעמ לעגאבע דער קאפּיטאליסטישער סיסטעמ. ניט בלויז איצט, ווענ אינ דער גאנצער קאפּיטאליסטישער וועלט ווילדעוועט אנ עקאָנאָמישער קריזיס פונ אומגעהײַערער קראפט, נאָר נאָכ פארנ קריזיס האָבנ די אנטוויקלונג־טעמפּנ פונ דער פּראָדוקציע אינ פּססר ווײַט אריבערגעיאָגט די טעמפּנ אינ די וויכטיקסטע קאפּיטאליסטישע לענדער. אשטייגער, דער דורכשניטלעכער יערלעכער צוווּקס פונ דער פּראָדוקציע אינ די יאָרנ 1924 — 1928 האָט באטראָפנ (אינ פּראָצענטנ): אינ פשא — 3,0, אינ דײַטשלאנד — 6,3, אינ פראנקרײַכ — 3,3, אינ ענגלאנד — 1,0 אונ אינ פּססר — 27,3.

אינ פּססר איז ליקווידירט די ארבעטלאָזיקײַט, אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער איז די ארבעטלאָזיקײַט קאָלאָסאל אויסגעוואקסנ. אינ פּססר — א שנעלער אופשטײַג פונעמ מאטעריעלנ אונ קולטורעלנ עקזיסטענצ־ניוואָ פונ די מאסנ, אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער — אנ אומגעהערטער וווּקס פונ דער פּאראָרעמונג פונעמ פּראָלעטאריאט, א רויִנירונג פונ די ארבעטנדיקע מאסנ. אינ פּססר — א שטורמישער אָנקריזיסדיקער אופשטײַג, אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער — אנ אײַבערפּראָדוקציע־קריזיס.

דאָס אלצ איז דער גרעסטער פאקטאָר פארנ רעוואָליוציאָניזירנ דעמ פּראָלעטאריאט אונ די אונטערדריקטע מאסנ אינ די אימפּעריאליסטישע לענדער אונ קאָלאָניעס. „צוגלײַכ מיט דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט־סיסטעמ עקזיסטירט א סאָציאליסטישע סיסטעמ, וואָס וואקסט, וואָס פּראָגרעסירט, וואָס איז קעגנגעשטעלט דער קאפּיטאליסטישער סיסטעמ אונ וואָס דעמאָנסטרירט מיטנ עצעמ פאקט פונ איר עקזיסטענצ די פארפוילטקײַט פונעמ קאפּיטאליזמ אונ צעטרייסלט זײַנע יעסוידעס" (סטאלינ, פּראָבלעמס פונ לענינּיזמ, זײַט 494).

אפ וואָס פאר אנ אויפנ צעטרייסלט די עצעמ עקזיסטענצ פונ ראטנפארבאנד די יעסוידעס פונ אימפּעריאליזמ?

לאָמיר זיכ דערמאָנענ די אויבנ באטראכטע דרײַ רייענ ווידערשפּרוכנ פונ אימפּעריאליזמ: 1) די ווידערשפּרוכנ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פּראָלעטאריאט אינ די אימפּעריאליסטישע לענדער, 2) די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע לענדער אונ די קאָלאָניעס אונ 3) די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע לענדער אפנ בצד פונ קאמפּ פארנ איבערפארטיילנ די וועלט. די עקזיסטענצ פונעמ ראטנפארבאנד פארקאָמפּליצירט אונ פארטיפט די דאָזיקע ווידערשפּרוכנ פונ אימפּעריאליזמ.

די דערפארונג פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע באווײַזט אָנשוילעכ דעמ פּראָלעטאריאט פונ דער גאנצער וועלט, אז דער וועג פונעמ באָלשעוויזמ איז דער איינציקער וועג צו באפרײַענ זיכ פונ אונטערנ יאָכ פונ קאפּיטאל. דער ראטנפארבאנד האָט באוויזנ אָנשוילעכ דעמ אלוועלטלעכנ ארבעטער־קלאס ניט בלויז, אז דער סאָציאליזמ קאָנ פארווירקלעכט ווערנ, נאָר אויכ די וועגנ אונ מיטלענ צו פארווירקלעכנ אימ. די ספּייקעס אונ וואקלונגענ מיקויעכ דעמ, צי קאָנ מענ פארווירקלעכנ דעמ סאָציאליזמ דורכ דער דיקטאטור פונ פּראָלעטאריאט, די ספּייקעס, וואָס די בורזשואזיע אונ איר סאָציאל־דעמאָקראטישע אגענטור האָבנ מיט די מעמאָדנ פונ ליגנס אונ רעכילעס קעגנ ראטנפארבאנד ארײַנגעטראָגנ אינ די רייענ פונעמ ארבעטער־קלאס, — די דאָזיקע ספּייקעס אונ וואקלונגענ פאלנ אלצ מער אונ מער אָפּ. די דערפאָלגנ פונעמ ראטנפארבאנד דערלאנגענ איינ קלאפּ נאָכנ אנדערנ דער סאָציאל־דעמאָקראטישער ווירקונג אפ די מאסנ, — עס ווערט שמעלער די מאסנ־באזע פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע אונ עס ווערט אָפּגעשוואכט דער סאָציאלער הויפּט־אָנשפּאר פונ דער בורזשואזיע — די סאָציאל־דעמאָקראטיע.

איינע פונ די וויכטיקסטע פראגנ פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע איז די פראגע וועגנ דער באציִונג פונעמ פּראָלעטאריאט צו די ארבעטנדיקע מאסנ פונ פּויערנטומ. די סאָציאליסטישע איבערבויונג פונ דער דריבנער פּויערשער ווירטשאפט — דאָס איז אנ אויסערגעוויינלעכ שווערע אויפגאבע פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. די בורזשואזע געלערנטע אונ נאָכ זיי די סאָציאל־פאשיסטנ פונ אלע קאָלירנ ביזנ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ טראָצקיזמ שאפנ קאָלעוודיי טעאָריעס וועגנ דער לעבנספייִקײַט פונ דער דריבנער פּויערשער ווירטשאפט אונ וועגנ דעמ קאָנטררעוואָליוציאָנערנ כאראקטער פונעמ פּויערטומ, כדי אָנצושרעקנ דעמ ארבעטער־קלאס מיט דער פּערספּעקטיוו, אז דער סאָציאליזמ וועט לײַדנ א קראכ

פונ דער אומעגלעכקײט צו פארגעזעלשאפטלעכנ די לאנדווירטשאפט. טראָצ אלע געוויזעס אונ טעאָריעס פונ די סאָנים פונ קאָמוניזם האָט די קאָלווירטישע אָרדענונג געזיגט אינ פססר ענדגילטיק אונ אפ שטענדיק. „די פאקטנ באווײַזנ, אז אונדזער סאָוועטיש פויערטום איז ענדגילטיק אָפּגעשווומענ פונ די ברעגנ פונ קאפּיטאליזם אונ איז אוועק פאָרויס אינ בונד מיטנ ארבעטער־קלאס צום סאָציאליזם (סטאלינ, באריכט־פאָרטראָג דעם XVII פארטײ־צוזאמענפאָר וועגנ דער ארבעט פונ צק אלקפּ(ב).

דער דאָזיקער אלוועלטלעכ־היסטאָרישער ניצאָכנ פונ פססר באווײַזט אָנשויעלעכ די ארבעטער פונ אלע לענדער, אז די אופנאבע צו פארגעזעלשאפטלעכנ די פויערישע ווירטשאפט איז א גאנצ רעאלע אופגאבע, אז דער סאָציאליזם קאָנ זיגנ אינ אלע צווײַגנ פונ דער פּראָדוקציע אונ אז דער וועג דערצו ליגט בלויז דורכ רעוואָליוציע. די דערפארונג פונ דער קאָלעקטיוויזאציע אינ פססר פארלײַכטערט דעם פּראָלעטאריאט אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער צו דעראָבערנ אפ זײַנ זײַט דאָס אָרעמע פויערטום, וואָס ווערט רויִנירט, אונ דערמיט גופע צו דעראָבערנ די מאכט.

די עקזיסטענצ אונ די דערפאָלגנ פונעם ראטנפארבאנד, וואָס איז די באזע אונ דער אָנשפאר פונ דער פּראָלעטארישער וועלט־רעוואָליוציע, גיבנ צו אזויארום זיכערקײט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונ די מאסנ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער, פארגיכערנ דעם עצעם רעוואָליוציאָניזירונג־פּראָצעס אונ פארשארפנ די ווידערשפּרוכנ צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעם פּראָלעטאריאט. אָבער דאָס אלצ באטײַט, אז דער עצעם פאקט פונ דער עקזיסטענצ פונ פססר צעטרייסלט די יעסוידעס פונ קאפּיטאליזם.

לאָמיר זיכ אצינד ווענדנ צו די ווידערשפּרוכנ צווישנ די קאָלאָניעס אונ די אימפּעריאליסטישע לענדער. פססר האָט געלייזט די נאציאָנאלע פראגע, האָט פארניכטעט יעטווידע נאציאָנאלע אונטערדריקונג אפ זײַנ טעריטאָריע, האָט באפרײַט די קאָלאָניאלע פעלקער פונ דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע אונ אפ די וועגנ פונ סאָציאליסטישער בויונג הייבט ער שנעל אופ זייער מאטעריעלנ אונ קולטורעלנ צושטאנד. אָט דאָס פארשטארקט די רעוואָליוציאָנערע באפרײַונג־באוועגונג אינ די קאָלאָניעס אונ פארשיפּט די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אונטערדריקטע מאסנ אינ די קאָלאָניעס אונ זייערע אימפּעריאליסטישע פארשקלאפער, צעטרייסלענדיק די יעסוידעס פונ אימפּעריאליזם.

צולעצט, די דריטע רײ ווידערשפּרוכנ פונעם אימפּעריאליזם — די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע לענדער אפ דער באזע פונ זייער קאמפ פארנ איבערפארטיילנ די וועלט — פארשטארקנ זיכ אויכ אונטער דער ווירקונג פונ דער עקזיסטענצ פונ פססר. אזוי ווי פונ אונטער דער הערשאפט פונ אימפּעריאליזם איז ארויסגעפאלנ איינ זעקסטכײַלעק פונעם ערדקײַלעכ, ווו די ארבעטנדיקע מאסנ זײַנענ פריִער געווענ אנ אָביעקט פונ עקספּלואטאציע ניט בלויז בא זייער „אייגענער“ רוסלענדישער בורזשואזיע, נאָר אויכ באם אינטערנאציאָנאלנ פינאנצ־קאפּיטאל, האָט זיכ פארשטארקט דער קאמפ פארנ איבערפארטיילנ די לענדער, וואָס זײַנענ פארבליבנ אונטער דער מאכט פונ די אימפּעריאליסטנ.

מיר זעענ, אז די עקזיסטענצ פונ פססר איז א פאקטאָר, וואָס פארשארפט אלע ווידערשפרוכנ פונ אימפעריאליזם. דער ווידערשפרוכ צווישנ פססר אינ דעם וועלט־אימפעריאליזם „איז ניט קיינ ווידערשפרוכ פונ אינערלעכ־קאפיטאליסטישנ כאראקטער. ער איז א ווידערשפרוכ צווישנ דעם קאפיטאליזם אינגאנצנ גענומענ אונ צווישנ דעם לאנד פונ סאָציאליסטישער בויונג. אָבער דאָס שטערט אים ניט צו צעלייגנ אונ צעטרייסלענ די עצם יעסוידעס פונ קאפיטאליזם. נאָכמער, ער דעקט אופ ביז די וואָרצלענ אלע ווידערשפרוכנ פונ קאפיטאליזם אונ נעמט זיי צונויפ אינ איינ קנופ, פארוואנדלענדיק זיי אינ א פראגע פונ לעבנ אונ טויט פאר די קאפיטאליסטישע פאָראָנדקעס גופע“ (סטאלינ, „פראגעס פונ לעניניזם“, זייט 499).

דעריבער איז אבסאָלוט אומפארמיידלעכ דער פרווו פונעם וועלט־אימפעריאליזם צו דערשטיקנ מיט מיליטערישער קראפט דאָס ערשטע לאנד פונ פראָלעטארישער דיקטאטור, דער פרווו פונ אנ אינטערווענצ קעגנ פססר מיטנ צוועק צו פארניכטנ דעם זייל פונ דער וועלט־רעוואָלוציע אונ געפינענ אנ אויסוועג פונ קריזיס.

פססר איז דער מעכטיקסטער, אָבער ניט דער איינציקער פאקטאָר פונעם אלגעמיינעם קריזיס פונ קאפיטאליזם. די אימפעריאליסטישע מילכאָמע האָט פארשארפט אויכ די אינערלעכע ווידערשפרוכנ פונ דער אימפעריאליסטישער סיסטעם אינ א־א מאָס, אז די בורזשואזיע קאָנ ניט אונ וועט ניט קאָנענ געפינענ קיינ אויסוועג פונ די דאָזיקע ווידערשפרוכנ. לאָמיר קורדעמקאָל באטראכטנ די פארשארפונג פונ די ווידערשפרוכנ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער, וואָס די מילכאָמע האָט ארויסגערופנ.

פארשטארקונג פונ דער פארפוילונג אונ פארשארפונג פונ די קלאסנ־ווידערשפרוכנ

נאָכ דער מילכאָמע איז באדייטנדיק פארלאנגזאמט געוואָרנ דער וווקס פונ דער פראָדוקציע אינ די קאפיטאליסטישע לענדער אונ עס האָבנ זיכ אומגעהייער פארשטארקט די פארפוילונג־פראָצעסנ פונעם קאפיטאליזם. פארפוילונג באטייט ניט קיינ אבסאָלוטנ שטילשטאנד אינ דער אנטוויקלונג פונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער געזעלשאפט, ווי דאָס באהויפטנ די טראָצקיסטנ (די „סטאגנאציע“־טעאָריע), נאָר א טענדענצ צו שטילשטאנד, וואָס דריקט זיכ אויס אינ דער פארלאנגזאמונג פונעם וווקס פונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ.

נאָכ דער מילכאָמע איז פאָרגעקומענ זייער א שנעלער וווקס פונ דער טעכניק, אזא וווקס, וואָס אינ געוויסע פאלנ גרענעצט ער מיט א טעכנישער רעוואָלוציע (אינ געביט פונ כימיע, עלעקטראָטעכניק, ראדיאָ, לופט־פארקער אאוו.). אָבער דער קאפיטאליזם איז ניט אימשטאנד אויסצונוצנ די דאָזיקע אנטדעקונגענ אונ דערפינדונגענ. באזונדערס אינ צוזאמענהאנג מיטנ היינטצייטיקנ עקאָנאָמישנ וועלט־קריזיס ווענדנ די בורזשואזע פאָליטיקער, עקאָנאָמיסטנ אונ געלערנטע א סאכ אויפמערקזאמקייט אפ די פראגנ ווענג דירעקטנ קאמפ קעגנ דעם טעכנישנ פראָגרעס.

נאָכ דער מילכאָמע איז אויסגעוואָקסנ דער פראָדוציר־אפאראט אינ די

קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אזוי, לעמאָשל, איז די מעכטיקייט פונ די מעכאַנישע מאָטאָרנ אינ דער אינדוסטריע צום 1925 יאָר אויסגעוואָקסנ אינ פאַרגלייכ מיטנ 1913 יאָר אינ פשא אפ 55%, אינ דייטשלאנד — אפ 68%, אינ ענגלאנד — אפ 50%. ניט געקוקט אפ דעם, איז דער צוּוווּקס פונ דער פּראָדוקציע געפאַלנ אינ פאַרגלייכ מיטנ פאַרמילכאָמעדיקנ צוּוווּקס פונ דער פּראָדוקציע. די אַלוועלטלעכע טשוהונ־אויסשמעלצונג, לעמאָשל, האָט זיכ פאַר 16 פאַרמילכאָמעדיקע יאָרנ (1913—1897) פאַרגרעסערט אפ 140% אונ פאַרנ 16־יאָריקנ פּעריאָד פונ 1913 ביז 1929 יאָר האָט זי זיכ פאַרגרעסערט סאַכאַקל אפ 23,8%. דער ארויסבאַקום פונ שטיינקוילנ האָט זיכ פאַרגרעסערט אנטשפּרעכיק אפ 108% אונ אפ 7,2%.

דאָס דאָזיקע שארפע פאַלנ פונעם פּראָדוקציע־צוּוווּקס בא דער פאַרברייטערונג פונעם פּראָדוציר־אַפּאַראַט רופט ארויס א כראָנישע ניטדערלאָדונג פונ די אונטערנעמונגענ, וואָס האָט אפילע אינ די יאָרנ פונ אופשטייג באַטראָפנ אינ די גרונטיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער א העלפט פונעם פּראָדוצירישנ אַפּאַראַט (אויב מע זאָל רעכענענ, אז עס ארבעט איינ וואַכטע). באַזונדערס שארפ האָט זיכ פאַרשטאַרקט די ניטדערלאָדונג פונ דער אינדוסטריע אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ איצטיקנ עקאָנאָמישנ קריזיס: אינ די וויכטיקסטע צווייגנ פונ דער אינדוסטריע פונ די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט אָפטמאָל דער פּראָדוציר־אַפּאַראַט אויסגענוצט סאַכאַקל אפ 10%—20%. די דאָזיקע כראָנישע ניטדערלאָדונג פונעם פּראָדוציר־אַפּאַראַט איז הויפּטזאַכלעכ א רעזולטאַט דערפונ, וואָס עס איז שארפ געפאַלנ דער לעבנ־ניוואָ פונ די מאַסנ אונ עס האָט זיכ פאַרשטאַרקט די פאַראָרעמונג פונעם ארבעטער־קלאַס.

די מילכאָמע־הוצאָעס האָבנ באַטראָפנ א העלפט פונעם גאַנצנ נאַציאָנאַלנ רייכטום אינ די לענדער, וואָס האָבנ געהאַלטנ מילכאָמע. ס׳פאַרשטייט זיכ, אז די בורזשואַזיע לייגט אפ אַלע אופאַנימ איבער די דאָזיקע הוצאָעס אפ די פּלייצעס פונ די ארבעטנדיקע מאַסנ, אינ דער ערשטער ריי אפ די פּלייצעס פונעם ארבעטער־קלאַס. אָבער דאָס איז נאָכ ניט אַלץ. נאָכ דער מילכאָמע האָבנ זיכ שארפ פאַרגרעסערט די מילכאָמע־הוצאָעס פונ דער „פרידלעכער" צייט אינ פאַרגלייכ מיט די דאָזיקע הוצאָעס ביז דער מילכאָמע: עס גייט א פיבערהאַפטע צוגרייטונג צו א נייער מילכאָמע (די אָנגאָבנ פונעם וווּקס פונ די באַוואָפענונגענ אונ די מיליטערישע הוצאָעס נאָכ דער מילכאָמע זע ווייטער). די בורזשואַזיע צווינגט די ארבעטנדיקע מאַסנ אָפּצוצאָלנ ניט בלויז די הוצאָעס פאַר דער פאָריקער מילכאָמע, נאָר אויכ די הוצאָעס אפ צוגרייטנ א נייע מילכאָמע.

אזויאַרום האָבנ מיר נאָכ דער מילכאָמע א שארפנ וווּקס פונ די ניט־פּראָדוקטיווע הוצאָעס אינ פאַרגלייכ מיט דער פאַרמילכאָמעדיקער צייט. קעדיי צו דעקנ זיי, זעצט ארופּ די בורזשואַזיע דעמ לעבנ־ניוואָ פונעם ארבעטער־קלאַס, ניט בלויז פאַרקלענערנדיק דעמ ארבעטלוינ, פאַרלענגערנדיק דעמ ארבעטטאָג אאַוו., נאָר אויכ מיט דער הילפ פונ שטייערנ, וואָס נאָכ דער מילכאָמע זיינענ זיי קאָלאָסאַל אויסגעוואָקסנ.

שארפ איז געפאַלנ אויכ די קויפ־קראַפט פונ די פּויערשע מאַסנ אַלס רע־

זולטאַט פֿונ דעמ נאָכמילכאָמעדיקנ אַגראַר־קריזיס, וואָס דויערט שוינ העכער 13 יאָר. בײַס דער מילכאָמע האָט זיכ פֿאַרקלענערט דער פּאַרזיי־שעטעכ אינ די אײראָפּײִשע לענדער און עס האָט זיכ פֿאַרברייטערט דער פּאַר־זיי־שעטעכ אינ די טראַנסאָקעאַנישע לענדער. אָבער ווענ די מילכאָמע האָט זיכ געענדיקט, האָט זיכ א טייל פֿונ דעמ אַלוועלטלעכנ פּאַרזיי־שעטעכ אַרויסגעוויזנ פֿאַר איבעריק, הויפּטזאַכלעכ דערפֿאַר, ווײַל עס האָט זיכ פֿאַרקלענערט דער גע־ברויכ פֿונ די מאַסנ. אַזוי, למשל, האָט דער דורכשניטלעכער יערלעכער גע־ברויכ פֿונ ווייץ און קאָרנ אַפּ א נעפּעש באַפֿעלקערונג באַטראָפֿנ אינ ענגלאַנד אינ די יאָרנ 1909—1913 164,4 קילאָגראַמ און אינ די יאָרנ 1924—1925 — 153,3 קג. און אינ דײַטשלאַנד פֿאַר די זעלבע יאָרנ — 254,7 און 149 קג., אינ פֿראַנקרײַכ — 243,8 און 213,6 קג., אינ פֿשא — 178,6 און 152,5 קג. שאַרפּ האָט זיכ פֿאַרקלענערט דער בויכוואָל־געברויכ טיילווײַז אַלס רעזולטאַט דערפֿונ, וואָס די באַוול־שטאָפֿנ ווערנ אַרויסגעשטויסנ דורכ קינסטלעכנ זײַד. עס האָט זיכ פֿאַרקלענערט דער געברויכ אויכ פֿונ אַנדערע מינימ לאַנדווירטשאַפֿטלעכנ רוי־וואַרג. צוזאַמענ דערמיט זײַנענ אינ דער נאָכמילכאָמעדיקער לאַנדווירטשאַפֿט פֿאָר־געקומענ באַדײַטנדיקע טעכנישע ענדערונגענ (דאָס באַנוצנ טראַקטערס און קאָמ־בײַנענ), וואָס האָבנ דערלאַנגט א קלאַפּ קוידעמקאָל איבערנ קליינעמ און מיטעלנ פּויערטומ. דער רויִנירונג־פּראָצעס פֿונעמ פּויערטומ האָט אינ אַלע לענדער און באַזונדערס אינ די קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס אָנגענומענ א נאָכ ניט גע־זעענע גרייס. אַלס רעזולטאַט דערפֿונ פֿאַלט די קויפֿ־פֿײַיקײַט פֿונ די פֿילמילי־אָניקע מאַסנ פּויערטומ.

אַלזאָ, די מילכאָמע האָט דערפֿירט די ווידערשפּרוכנ צווישנ דער געזעל־שאַפֿטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צוייגענונג צו אַזא שטופֿע, אַז עס האָט זיכ געשאַפֿנ א קעסיידערדיקער כראָנישער איבערפֿלוס פֿונ ניט־פֿונקציאָנירנדיקנ קאַפּיטאַל אינ דער פֿאָרמ פֿונ ניט אויסגענוצטע פּראָדוציר־מיט־לענ. דאָס איז איינע פֿונ די וועזנטלעכע אייגנטימלעכקײַטנ פֿונעמ נאָכמילכאָ־מעדיקנ קאַפּיטאַליזמ אינ פֿאַרגלײַכ מיטנ פֿאַרמילכאָמעדיקנ: ביזנ אַלגעמיינעמ קריזיס פֿונ קאַפּיטאַליזמ האָט זיכ דער באַדײַטנדיקער איבערפֿלוס פֿונ ניט פֿונק־ציאָנירנדיקנ קאַפּיטאַל געשאַפֿנ בלויז אינ די מאָמענטנ פֿונ איבערפּראָדוקציע־קריזיסנ, איצט אָבער איז די ניטדערלאָדונג פֿינ די אונטערנעמונגענ, און דערבײַ א באַדײַטנדיקע ניטדערלאָדונג, א קעסיידערדיקע דערשײַנונג פֿונ דער פֿאַרפֿוי־לונג פֿונ קאַפּיטאַליזמ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרנ אַלגעמיינעמ קריזיס פֿונ קאַפּיטאַליזמ.

דער כראָנישער ניטדערלאָדונג פֿונ די אונטערנעמונגענ אַנטשפּרעכט אויכ דער נײַער כאַראַקטער פֿונ דער אַרבעטלאָזיקײַט אינ דעמ נאָכמילכאָמעדיקנ קאַפּיטאַ־ליזמ אינ פֿאַרגלײַכ מיטנ פֿאַרמילכאָמעדיקנ. מיר האָבנ שוינ אויבנ (זע קאַפּיטל VI, זײַט 137) געבראַכט אָנגאַבנ וועגנ דער נאָכמילכאָמעדיקער אַרבעטלאָזיקײַט, וואָס באַווײַזנ, אַז נאָכ דער מילכאָמע האָט זיכ דער פּראָצענט אַרבעטלאָזיקײַט קיינ איינ מאָל ניט אַראָפּגעלאָזט נידעריקער פֿונעמ ניוואָ, וואָס אַפּ אימ האָט זיכ די אַרבעטלאָזיקײַט געפֿונענ אינ די קריזיס־יאָרנ ביז דער מילכאָמע. אָבער דאָ

האַנדלט זיכ ניט בלויז אינעם קאָלאָסאַלנ קוואַנטיטאַטיוונ וווּקס פֿונ דער אַרבעטלאָזיקייט אינעם נאָכמילכאָמעדיקנ קאַפּיטאַליזמ. די אייגנטימלעכקייט פֿונ דער נאָכמילכאָמעדיקער אַרבעטלאָזיקייט באַשטייט דערינ, וואָס די מיליאָניקע אַרמייענ אַרבעטלאָזע האָבנ זיכ פֿאַרוואַנדלט אינ שטענדיקע אַרמייענ אַרבעטלאָזע. ביז דער מילכאָמע איז די אַרבעטלאָזיקייט אויכ געווענ אַ שטענדיקע, אָבער דער דויער פֿונ דער אַרבעטלאָזיקייט איז פֿאַר די איינצלנע אַרבעטער געווענ אַ סאַכ אַ קלענערער. דער באַשטאַנד פֿונ דער אַרמיי אַרבעטלאָזע האָט זיכ קעסיידער געענדערט (די פֿליסעוודיקע פֿאָרמ פֿונ דער רעלאַטיווער איבערבאַפֿעלקערונג, זע ז. 136). איצט זיינענ פֿאַראַנ מיליאָניקע אַרמייענ אַרבעטלאָזע, וואָס זיינענ ענדגילטיק אַרויסגעוואָרפֿנ געוואָרנ פֿונ דער פּראָדוקציע און וואָס געהערנ צו דער סטאַגנירנדיקער פֿאָרמ פֿונ דער רעלאַטיווער איבערבאַפֿעלקערונג. אינ דער נאָכמילכאָמעדיקער אַרבעטלאָזיקייט שפּילט די דאָמינירנדיקע ראָליע די סטאַגנירנדיקע פֿאָרמ פֿונ דער רעלאַטיווער איבערבאַפֿעלקערונג. אָבער צוזאַמענ דערמיט באַטייט עס, אַז אַ קאָלאָסאַלער טייל אַרבעטלאָזע האָט אויפֿגעהערט אויסצופֿילנ די ראָליע פֿונ אַנ אינדוסטריעלער רעזערוו-אַרמיי. באַ דער קאָלאָסאַלער ניטדערנוצונג פֿונעמ פּראָדוציר-אַפּאַראַט אַפֿילע אינ די יאָרנ פֿונ ווירטשאַפֿטלעכער אויפֿלעבונג נייטיקט זיכ דער קאַפּיטאַל ניט אינ אַזאַ קאָלאָסאַלער אַרמיי אַרבעטלאָזע אינ פֿאַל, טאָמער וועט די פּראָדוקציע זיכ פֿאַרברייטערנ.

דער קאַפּיטאַליזמ האָט געמאַכט פֿאַר „איבעריקע“, האָט אַרויסגעוואָרפֿנ פֿונ לעבנ קאָלאָסאַלע מאַסנ אַרבעטער, וואָס אינ אַלע אימפּעריאַליסטישע לענדער באַטרעפֿנ זיי העכער 50 מיליאָנ, און צוזאַמענ מיט די פֿאַמיליעס — ניט ווייניקער ווי 200—250 מיליאָנ מענטשנ. „אַזאַ אַנטוויקלונג פֿונ די פּראָדוקטיוו-קרעפֿטנ, וועלכע וואָלט פֿאַרקלענערט די אַבסאָלוטע צאָל אַרבעטער, ד. ה. וואָלט אינ דער ווירקלעכקייט געגעבנ אַ מעגלעכקייט דער גאַנצער נאַציע צו מאַכנ איר גאַנצע פּראָדוקציע אינ אַ קירצערער צייט, וואָלט אַרויסגערופֿנ אַ רעוואָליוציע, ווייל די מערהייט באַפֿעלקערונג וואָלט דורכ דעמ געבליבנ אויסגעשטעלט“ (מאַרקס, קאַפּיטאַל, באַנד III, זייט 182).

דער אַלגעמיינער קריזיס פֿונ קאַפּיטאַליזמ האָט האַרט אַוועקגעשטעלט פֿאַרנ אַרבעטער-קלאַס פֿונ דער גאַנצער וועלט די פֿראַגע וועגנ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אַלס פֿראַגע פֿונ זיינ לעבנ אָדער טויט.

דער אַלגעמיינער קריזיס און די קאָלאָניעס

ביימ דער מילכאָמע, ווענ די קאָלאָניעס פֿונ די אייראָפּעישע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס זיינענ געווענ קימאַט אָפּגעשניטנ פֿונ אייראָפּע, האָט זיכ אינ זיי זייער שנעל אַנטוויקלט די אָרטיקע אינדוסטריע, הויפּטזאַכלעכ די טעקסטיל- און באַרג-אינדוסטריע. עס איז אויסגעוואַקסנ די אָרטגעבוירטיקע בורזשואַזיע, שנעל איז געוואַקסנ דער אָרטגעבוירטיקער פּראָלעטאַריאַט.

אויפֿנ באָדנ פֿונ דער דאָזיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿונ די קאָלאָניעס און אונטער דער ווירקונג פֿונ דער עקזיסטענצ פֿונ סססר האָט די רעוואָלי־

ציאנערע באפרייונג־באוועגונג נאכ דער מילכאמע אנגענומענ אזא מאסשטאב אונ אזוינע פארמענ, וואס זיינענ ביז דער מילכאמע ניט געווענ. עס איז ניטא קיינ איינ קאלאניע אפנ ערדקיילעכ, ווו עס זאלנ נאכ דער מילכאמע ניט האבנ גע־וועזנ מער אדער ווייניקער גרויסע אופשטאנדנ קעגנ דעם אימפעריאליזם.

„דער מיזרעכ... איז געקומענ ענדגילטיק אינ דער רע־וואליוציאנערער באוועגונג טאקע איבער דער דאזיקער ער־שטער אימפעריאליסטישער מילכאמע אונ האט זיכ ענדגיל־טיק אריינגעצויגנ אינעם אלגעמיינעם ווירבל פונ דער אל־וועלטלעכער רעוואליוציאנערער באוועגונג“ (לענינ, באנד XXVII, זייט 416. מיינ קורסיוו. — ל. ס.).

די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אינ די קאלאניעס באטייט ניט, אז דער אימפעריאליזם האט גענומענ א קורס צו פארוואנדלענ די קאלאניעס אינ זעלב־שטענדיקע אינדוסטריעל־אנטוויקלטע לענדער, עס באטייט ניט קיינ „דעקאלאניזי־רונג“ פונ די קאלאניעס. די „דעקאלאניזאציע“־טעאריע האט די סאציאל־דעמא־קראטיע ארויסגערוקט מיטנ צוועק פארצושטעלנ די פאליטיק פונ איר אימפערי־אליסטישער בורזשואזיע אלס פראגרעסיווע פאליטיק. אינ דער ווירקלעכקייט האט די „דעקאלאניזאציע“־טעאריע קיינ שום געמיינזאמעס ניט מיט דער ווירקלעכקייט. די מעטראפאליעס דערלאזנ צו אנטוויקלענ אינ די קאלאניעס די לייכטע אינדוס־טריע אונ די ארויסבאקום־אינדוסטריע אונ שטערנ מיט אלע מיטלענ דער אנט־וויקלונג פונ דער מאשינבוי, ד. ה. פונ יענעם אינדוסטריע־צווייג, וואס זיינ אנטוויקלונג וואלט באטייט ווירקלעכע אינדוסטריאליזאציע. דערלאזנדיק די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אינ די קאלאניעס, טארמאזירנ די אימפע־ריאליסטנ גלייכצייטיק איר אנטוויקלונג. דערמיט גופא ווערט דער יאכ פונעם אימפעריאליזם ניט אפגעשוואכט, נאר פארשטארקט. טאקע די דאזיקע פארשטאר־קונג פונעם אימפעריאליסטישנ דרוק אינ די קאלאניעס נאכ דער מילכאמע איז איי־נע פונ די סיבעס פונעם קאלאסאלנ פארנעם אונ פונ דער טיפקייט, וואס די נאכמילכאמעדיקע רעוואליוציאנערע באפרייונג־באוועגונג האט באקומענ אינ די קאלאניעס.

די פארשארפונג פונ דעם אימפעריאליסטישנ דרוק אינ די קאלאניעס דער־קלערט זיכ דערמיט, וואס נאכ דער מילכאמע האט זיכ, ווי עס וועט ווייטער באוויזנ ווערנ, פארשטארקט די ניטגלייכמעסיקייט פונ דער אנטוויקלונג פונ די אימפערי־אליסטישע לענדער אונ עס האט זיכ פארשארפט דער קאמפ צווישנ זיי פאר א נייער איבערפארטיילונג פונ דער וועלט. יעדעס אימפעריאליסטיש לאנד קלאמערט זיכ קראמפהאפטיק פאר זיינע קאלאניעס, אונ אינ די קאלאניעס, וואס זיינענ ניט קיינ מאנאפאל־אייגנטומ פונ אוועלכנ־ניט־איז איינ אימפעריאליסטיש לאנד, לעמאשל, כינע, קומט פאר קעסיידער א קאמפ צווישנ די אימפעריאליסטישע רויבער פארנ פארפעסטיקנ אונ פארברייטערנ זייערע פאזיציעס.

די קאלאניעס זיינענ אגראר־לענדער. די צעשטערנדיקע ווירקונג פונעם נאכ־מילכאמעדיקנ אגראר־קריזיס האט זיכ קוידעמקאל ארויסגעוויזנ אינ דער רויִנירונג פונ די פילמיליאניקע מאסנ האָרעפּאשנעם פויערטומ אינ די קאלאניעס. דאס פארשטארקט די רעוואליוציאנערע באוועגונג אינ די קאלאניעס.

צולעצט, די עקזיסטענץ פונעם ראטנפארבאנד מיט זײַן נאציאָנאַלער פּאָליטיק פארשנעלערט און גיט צו א באזונדערע קראפט די קאָלאָניאַלע רעוואָליוציעס. נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע עפנט זיך פאר דער רעוואָליוציאָנערער באפרײַונג-באוועגונג אין די קאָלאָניעס אזא פערספעקטיוו, וואָס איז ניט געווען ביז דער מילכאָמע, נעמלעך — פאראייניקונג מיט דער פּראָלעטארישער מעלוכע, אײַנשליסן זיך אין דער סיסטעם פון די סאָציאַליסטישע מעלוכעס און אויף דער דאָזיקער באזע — א שנעלער מאטעריעלער און קולטורעלער וווּקס. „בײַ דער עקזיסטענץ פון צענטערס פון סאָציאַליזם אין געשטאַלט פון די ראטן-רעפּובליקן און בײַ זייער שטײַגנדיקער עקאָנאָמישער מאכט דערנעענטערן זיך עקאָנאָמיש די קאָלאָניעס, וואָס זײַנען אָפּגעפאלן פונעם אימפּעריאַליזם, און פאראייניקן זיך ביסלעכווײַז מיט די אינדוסטריעלע נעסטן פונעם וועלט-סאָציאַליזם, ציִען זיך ארײַן אין דעם שטראָם פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, אויסמײַדנדיק די פאזע פון דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון קאפּיטאַליזם אלס הערשנדיקער סיסטעם, און באקומען א מעגלעכקײַט פון שנעלן עקאָנאָמישן און קולטורעלן פּראָגרעס" (פּראָגראַם פון קאָמינטערן).

די קאָלאָניאַלע רעוואָליוציעס האָבן זיך שוין אויפגעהויבן אויף אזא שטופע, אז אויף א קאָלאָסאלן טייל פון דער טעריטאָריע פון כינע איז געשאפן געוואָרן א ראטנמאכט, וואָס האָט גלענצנדיק אויסגעהאלטן די פילמאָליקע פּרוּוון פון די אימפּעריאַליסטן און פון זייערע כינעזישע אגענטן צו דערשטיקן זי מיט מיליטערישער מאכט. די סאָוועטישע כינע כאפּט ארום א טעריטאָריע פון 700 טויזנט קוו. קמ. און האָט א רעגולערע רויטע ארמיי פון 350 טויזנט מאן און באוואָפנטע פארטיזאנישע אָפּטיילונגען פון 600 טויזנט מאן.

דער ניצאָכן פון דער סאָוועטישער רעוואָליוציע אויף א באדײַטנדיקן טייל פון דער טעריטאָריע אין כינע האָט א קאָלאָסאלע באדײַטונג פאר דער ווײַטערדיקער פאנאנדערוויקלונג פון דער גרויסער כינעזישער רעוואָליוציע און פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין אנדערע קאָלאָניעס און ער פארבאָרגט אין זיך א טויט-געפאר פארן יאפּאָנישן אימפּעריאַליזם אינעם פאל פון זײַן אָנפאל אויף ססר.

„די ניצכוינעס פון דער סאָוועטישער רעוואָליוציע אין כינע, די פארטיזאנישע מילכאָמע אין מאנדזשוריע, דער אָנוווּקס פון די קרעפטן פון דער רעוואָליוציע אין יאפּאָניע, די באפרײַונג-באוועגונג פון די קאָלאָניאַלע פעלקער שאפן א נײַעם פראָנט אינעם הינטערלאנד פון די אימפּעריאַליסטן. די סאָוועטישע רעוואָליוציע אין כינע איז געוואָרן א גרויסער פאקטאָר פון דער וועלט-רעוואָליוציע" (טעזיסן פון XIII פּלענום פונעם אויספירקאָם פון קאָמינטערן).

דער קאמף פאר א נײַער איבערפארטיילונג פון דער וועלט

לאָמיר באטראכטן די ענדערונגען, וואָס די מילכאָמע און די נאָכמילכאָמעדיקע אנטוויקלונג האָבן ארײַנגעטראָגן אין די פארהעלטענישן צווישן די אימפּעריאַליסטישע לענדער.

די אימפּעריאַליסטישע וועלט-מילכאָמע פון די יאָרן 1914—1918 האָט זיך געענדיקט מיט א מאפּאָלע פון די מעלוכעס פון צענטראל-אייראָפּע. אויף דער באזע פון דעם דאָזיקן אויסגאנג פון דער מילכאָמע איז די איבערפארטיילונג פון דער וועלט פארפיקסירט געוואָרן דורכן ווערסאַלער אָפּמאך. דײַטשלאנד האָט פארלאָרן זײַנע קאָלאָניעס, אויף אים האָט מען ארויפגעלייגט די לאסט פון

רעפּאַראַציעס (דעקן די מילכאָמע־הויצאָעס). דײַטשלאַנדס קאָלאָניעס זײַנען אריבער צו פראַנקרײַך, ענגלאַנד, בעלגיע און איטאַליע.

אָבער אַלס רעזולטאַט פון דער מילכאָמע האָבן זיך גוואַלדיק פאַרשטאַרקט די פשא, וואָס האָבן פינאַנסירט בײַס דער מילכאָמע ענגלאַנד מיט פראַנקרײַך. די אַלגעמיינע סומע כויועס, וואָס די „פאַרבינדעטע״, וועלכע האָבן מילכאָמע געהאַלטן קעגן דײַטשלאַנד און עסטרײַך, זײַנען געבליבן שולדיק די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט באַטראָפן 20 מיליאַרד פאַרמילכאָמעדיקע רובל. די רעפּאַראַציעס, וואָס דײַטשלאַנד האָט אויסגעצאָלט די פאַרבינדעטע, זײַנען קימאַט אינגאַנצן אוועק אָפּצאָלן די כויועס די פשא. די דאָזיקע פאַרשולדיקונג נוצן די פשא אויס אַלס געצײַג פון קעסיידערדיקן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן דרוק אָפּ די אייראָפּייִשע מעלוכעס.

נאָך דער מילכאָמע האָבן די פשא באַקומען אַן אַנטשיידענע איבערוואָג אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־ווירטשאַפט. זיי האָבן קאָנצענטרירט בא זיך אַ העלפט פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פון דער וועלט און בא אַ העלפט גאָלד־רעזערוון פון דער וועלט.

די מילכאָמע האָט פאַרשטאַרקט די ניטגלײַכמעסיקײַט פון דער אַנטוויקלונג. אזוי, לעמאָשל, האָט די פּראָדוקציע פון די וויכטיקסטע לענדער אין 1929 יאָר אין פאַרגלײַך מיט זייער פאַרמילכאָמעדיקער פּראָדוקציע באַטראָפן: פשא — 172,3%, ענגלאַנד — 99,1%, דײַטשלאַנד — 113,0%, פראַנקרײַך — 139%. ענגלאַנדס כיילעק פון דער טשוהון־פּראָדוקציע אין דער וועלט איז געפאַלן פון 13,1% אין 1913 יאָר ביז 8,6% אין 1927 יאָר, און דער כיילעק פון די פשא האָט זיך פאַרגרעסערט פון 39,8 ביז 42,8%. ענגלאַנדס כיילעק אין דער שטאָל־פּראָדוקציע פון דער וועלט איז געפאַלן פון 10,2 ביז 9,3 פּראָצ., און דער כיילעק פון די פשא האָט זיך פאַרגרעסערט פון 41,6 ביז 44,7 פּראָצ.

עס האָט זיך געענדערט אויך די ראָליע פון די וויכטיקסטע אימפּעריאַליסטישע לענדער אינעם וועלט-האַנדל. פאַרן פּעריאָד פון 1913 ביז 1927 יאָר איז דײַטשלאַנדס כיילעק געפאַלן פון 12,6 ביז 9,8%, פראַנקרײַכס — פון 9,0 ביז 6,6 פּראָצ., ענגלאַנדס — פון 16,1 ביז 14,1 פּראָצ., און דער כיילעק פון די פשא האָט זיך פאַרגרעסערט פון 10,1 ביז 14,2 פּראָצ. די פשא שטויסן אַרויס ענגלאַנד, דאָס דאָזיקע סאַמע שטאַרקע אימפּעריאַליסטישע לאַנד פונעם פאַרמילכאָמעדיקן אימפּעריאַליזם, פון זײַנע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אָפּן וועלט־מאַרק. דאָס איז צו זען פון פאָלגנדיקער טאַבעלע:

אָנטייל פון ענגלאַנד און פשא אינעם אימפּאָרט (אין %)

	פון דרום־אַמעריקע		פון כינע		פון יאַפּאָניע	
	1911–1913 יאָרן	1927 י.	1913 י.	1927 י.	1913 י.	1926 י.
ענגלאַנד .	28,3	19,7	36,9	23,0	16,8	7,2
פשא . .	14,4	30,8	6,0	16,2	16,8	28,6

אויכ לויטנ עקספּאָרט פונ קאפּיטאל האָבנ די פשא אריבערגעיאָגט ענגלאנד אונ פראנקרייכ, וואָס האָבנ ביז דער מילכאָמע פארנומענ דאָס ערשטע אָרט אינעמ אלוועלטלעכנ קאפּיטאלנ־עקספּאָרט. דער קאפּיטאלנ־עקספּאָרט פונ ענגלאנד האָט זיכ פארקלענערט פונ 880 מיליאָנ דאָלער אינ 1913 יאָר ביז 740 מיליאָנ דאָלער אינ 1928 יאָר, דער קאפּיטאלנ־עקספּאָרט פונ פראנקרייכ האָט זיכ פארנ זעלבנ פעריאָד פארקלענערט פונ 225 מיליאָנ דאָלער ביז 180 מיליאָנ דאָלער, פונ די פשא האָט ער זיכ פארגרעסערט פונ (5 מיליאָנ דאָלער ביז 934 מיליאָנ דאָלער. די פשא האָבנ נאָכ דער מילכאָמע אָנגעהויבנ עקספּאָרטירנ קאפּיטאל אויכ קיינ אייראָפּע, הויפּטזאכלעכ קיינ דייטשלאנד. זייער שנעל וואקסט דער קאפּיטאלנ־עקספּאָרט פונ די פשא אינ די קאָלאָניעס: פונ 1913 ביז 1928 יאָר האָבנ די קאפּיטאלנ פונ די פשא, וואָס זיינענ אריינגעלייגט געוואָרנ אינ די קאָלאָניעס, זיכ פארגרעסערט אפּ 194%, די ענגלישע אינוועסטיציעס — אפּ 18% אונ די פראנצויזישע — אפּ 10%. דערביי שטויסנ די פשא ארויס ענגלאנד פונ זיינע אייגענע קאָלאָניעס: די ענגלישע קאפּיטאל-אינוועסטיציעס אינ קאנאדע האָבנ באטראָפנ אינ 1913 יאָר 1 860 מיליאָנ דאָלער אונ די אינוועסטיציעס פונ פשא — 417 מיליאָנ דאָלער; נאָכ דער מילכאָמע האָט זיכ דאָס בילד שארפ געענדערט — ענגלאנדס קאפּיטאלנ אינ קאנאדע האָבנ אינ 1931 יאָר באטראָפנ 2 500 מיליאָנ דאָלער, אונ פונ די פשא — 4 200 מיליאָנ דאָלער.

דער דאָזיקער שנעלער ענדערונג אינ דער קרעפטנ־פארהעלטעניש צווישנ די צוויי גרעסטע אימפּעריאליסטישע לענדער אנטשפּרעכט אבסאָליוט ניט די טעריטאָריעלע צעטיילונג פונ דער וועלט, וואָס האָט זיכ באקומענ נאָכ דער מילכאָמע. אלס רעזולטאט פונ דער מילכאָמע האָבנ זיכ די קאָלאָניעס פונ די פשא ניט פארגרעסערט. לויט דער טעריטאָריע באטרעפנ די קאָלאָניעס פונ די פשא סאַכאקל 1,9% פונ אלע קאָלאָניעס, אונ פונ ענגלאנד — 43,8%; לויט דער באפעלקערונג באטרעפנ די אמעריקאנישע קאָלאָניעס 3,3% פונ דער גאנצער קאָלאָניאַלער באפעלקערונג, אונ די ענגלישע — 65,5%.

דער ווידערשפּרוכ צווישנ ענגלאנד אונ די פשא איז דער הויפּט-ווידערשפּרוכ פונ אלע ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאליסטישע מעלוכעס נאָכ דער מילכאָמע.

נאָכ דעמ דאָזיקנ הויפּט־ווידערשפּרוכ אינעמ לאגער פונ די אימפּעריאליסטנ גייענ די ווידערשפּרוכנ צווישנ די פשא אונ יאפּאָניע, ענגלאנד אונ יאפּאָניע, צווישנ פראנקרייכ אונ ענגלאנד, צווישנ פראנקרייכ אונ דייטשלאנד, צווישנ איטאליע אונ פראנקרייכ, איטאליע אונ דייטשלאנד אונ א גאנצע ריי אנדערע קלענערע ווידערשפּרוכנ. פונ זיי האָבנ זיכ באזונדערס פארשטארקט פאר דער לעצטער צייט די ווידערשפּרוכנ צווישנ יאפּאָניע, די פשא אונ ענגלאנד אונ אויכ צווישנ דייטשלאנד, פראנקרייכ אונ איטאליע.

די פארכאפּערישע מילכאָמע פונעמ יאפּאָנישנ אימפּעריאליזמ אינ כינע אונ זיינע שטרעבונגענ צו ווייטערדיקע פארכאפּונגענ אינעמ באסיינ פונ שטילנ אָקעאנ באדראָענ די גרונטיקע אימפּעריאליסטישע „לעבנ״־אינטערעסנ פונ פשא אונ ענגלאנד. די ווידערשפּרוכנ צווישנ די דאָזיקע דריי אימפּעריאליסטישע

דויבער האָבן דאָ דערגרייכט אַן אומגעהייערע שאַרפֿקייט. „אַ סטרייפֿע פֿון אַ נייַ־ער וועלט־מלחמה ב־ענט זיך פֿאַנאַנדער אינעם באַסיין פֿון שטילן אָקעאַנ“ (סטעזיסן פֿונעם XIII פּלענום פֿונעם אויספּירקאָם פֿונעם קאָמינטערן).

פֿאַר דער צייַט, וואָס איז אַוועק נאָך דער מלחמה, האָט זיך אויך געענ־דערט די קרעפֿטן־פֿאַרהעלטעניש צווישן דעם באַזיגטן דייַטשלאַנד און זייַנע באַ־זיגער. דייַטשלאַנד האָט שנעל אופֿגעשטעלט זייַן אינדוסטריע און האָט לויט זייַן טעכניק און אינדוסטריעלער באַדייַטונג פֿאַרנומען דאָס ערשטע אָרט נאָך די פּשאַ. „דייַטשלאַנד פֿאָדערט די לאַגע פֿון אַ פֿולבאַרעכטיקער אימפּעריאַליסטישער מלו־כע... דייַטשלאַנד איז איינער פֿון די וויכטיקסטע צענטערס פֿון די סאַמע שאַר־פֿע און צוגעשטרענגטע אימפּעריאַליסטישע וועלט־קאָנפֿליקטן“ (טעזיסן פֿונעם XIII פּלענום פֿונעם אויספּירקאָם פֿון קאָמינטערן). באַזונדערס האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די אָנשטרענגונג פֿון די ווידערשפּרוכן אין אייראָפּע נאָך דעם, ווי אין דייַטשלאַנד זייַנען די פֿאַשיסטן געקומען צו דער מאַכט. „די פֿאַשיסטישע רעגירונג אין דייַטשלאַנד איז דער הויפּט־אונטערצינדער פֿון מלחמה אין אייראָפּע... אייראָפּע איז געוואָרן אַ פּולווער־קעלער, וואָס קאָן אין יעטווידן מאָמענט אופֿרייַסן.

אויסנוצנדיק די ערעוו־מלחמהדיקע אומרויִקייט אין אייראָפּע און די געשע־ענישן אין ווייַטן מיזרעך, פֿאַרשטאַרקן די ענגלישער און אַמעריקאַנישער אימ־פּעריאַליזם די צוגרייטונג צו אַן אַנטשיידנדיקער אימפּעריאַליסטישער שלאַכט פֿאַר דער וועלט־העגעמאָניע אויפֿן אַטלאַנטישן און שטילן אָקעאַנען“ (טעזיסן פֿונעם XIII פּלענום פֿונעם אויספּירקאָם פֿון קאָמינטערן).

מיט פֿיבערהאַפֿטע טעמפּן גייט צו די מיליטער־טעכנישע צוגרייטונג צו אַ נייַער אימפּעריאַליסטישער מלחמה פֿאַר איבערפֿאַרטייַלן די וועלט.

דער צאָל־באַשטאַנד פֿון די אַרמייען פֿון די פֿינף אימפּעריאַליסטישע הויפּט־לענ־דער (פֿראַנקרייַך, ענגלאַנד, איטאַליע, די פּשאַ, יאַפּאָניע) האָט זיך פֿאַרגרעסערט פֿון 1 846 טויזנט מאַן אין 1913—1914 יאָר ביז 2 145 טויזנט מאַן אין 1932/33 יאָר. און אויב מע זאָל דערצו צוגעבן די אַרמייען פֿון דייַטשלאַנד, רומעניע, פּוילן, טשע־כאָסלאָוואַקיע און פֿון אַ רייַ אַנדערע קלענערע מלוכעס, וועלן מיר באַקומען אַ ציפֿער פֿון 4 060 טויזנט מאַן. די מיליטערישע הוצאָעס פֿון די פֿינף גרעסטע אימ־פּעריאַליסטישע מלוכעס האָבן זיך פֿאַרגרעסערט פֿון 1182 מיל. דאָלער אין 191 י. ביז 3 500 מיל. דאָלער אין 1931 י. אויב מע זאָל דערצו צוגעבן די סומעס, וואָס די דאָזיקע מלוכעס צאָלן אויס פֿאַר די מלחמה־חובֿות, וועלן מיר באַקומען די קאָלאָסאַלע ציפֿער פֿון 8 380 מיל. דאָלער מיליטערישע הוצאָעס אין 1931 י.

ווייַט פֿאָרויס האָט אַ שפּרייַז געטאָן די מיליטערישע טעכניק. אַזוי, למשל, איז די צאָל קריג־אַעראָפּלאַנען אין אַמעריקע, ענגלאַנד און פֿראַנקרייַך אין 1918 י. געווען 7 טויזנט, אין 1932 י. — 22 טויזנט. די צאָל טאַנקעס — 5 טויזנט און 18 טויזנט. די קריג־אינדוסטריע איז דער איינציקער צווייַג, וואָס ווייס ניט פֿון קיין איבערפּראָדוקציע־קריזיס. איר „אָפּזאַץ־מאַרק“ האַלט זיך אין איין פֿאַרברייטערן.

די צווישנפֿעלקערלעכע לאַגע טראָגט דעם כאַראַקטער פֿון אַן ערעוו פֿון אַ נייַער וועלט־מלחמה (טעזיסן פֿונעם XIII פּלענום פֿונעם אויספּירקאָם פֿון קאָמינטערן. מייַן קורסיוו. — ל.ס.).

די דאָזיקע צוגרייטונג פונ א נײַער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע איז אפּנ ענגסטנ אויפּנ פאַרבונדנ מיט דער צוגרייטונג פונ א נײַער אינטערווענצ קעגנ פּססר, וואָס איר ציל איז ניט בלויז צו פאַרניכטנ די באַזע פונ דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָליוציע, נאָר אויכ צו פאַרוואַנדלענ די קאָלאָסאַלע טעריטאָריע פונ ראַטנלאַנד מיט זײַנע קאָלאָסאַלע נאַטור־רײַכטימער און מיט דער פּילמיליאָניקער באַפעלקערונג אינ אנ אָביעקט פונ סאַמע צעיושעטער עקספּלואַטאַציע פאַרנ אינטערנאַציאָנאַלנ פינאַנצ־קאַפּיטאַל. „די פאַרשאַרפונג פונ די אימפּעריאַליסטישע ווידערשפּרוכנ פאַרשטאַרקט די טענדענצנ אינעמ לאַגער פונ אימפּעריאַליזמ צו לייזנ די דאָזיקע ווידערשפּרוכנ אפּנ כעזשבנ פונ פּססר" (טעזיסנ פונעמ XIII פּלענומ פונעמ אויספּירקאָמ פונ קאָמינטערנ. מײַנ קורסיוו. — ל. ס.). דאָס, וואָס יאַפּאָניע האָט פאַרכאַפּט מאַנדזשוריע און צאָפּנ־כינע, איז דער אָנהייב פונ א נײַער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און איז גלײַכצײַטיק א דירעקטע דראָונג פונ אנ אינטערווענצ קעגנ פּססר.

די גרונט־ווידערשפּרוכנ פונ דער הײַנטצײַטיקער וועלט, וואָס מיר האָבנ באַטראַכט (דער קאַמפּ פונ די צוויי סיסטעמענ, דער וווקס פונ דער פאַרפוילונג פונ קאַפּיטאַליזמ, די פאַרשאַרפונג פונ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ, די שטײַגנדיקע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אינ די קאָלאָניעס, די פאַרשאַרפונג פונ די ווידערשפּרוכנ צווישנ די אימפּעריאַליסטנ) אינגאַנצנ גענומענ באַטײַטנ, אז דער קאַפּיטאַליזמ לעבט איבער אנ אַלגעמיינעמ קריזיס פונ זײַנ סיסטעמ, וואָס פונ אימ איז ניטאָ קיינ אַנדער אויסוועג, סײַדנ א זיג פונ דער דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט אינ דער גאַנצער וועלט.

פאַשיזם און סאָציאַל־פאַשיזם

דאָס אַרײַנטרעטנ פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ זײַנ העכסטנ און לעצטנ עטאַפּ — אינ אימפּעריאַליזמ — באַטײַט ביכלאַל פאַרשטאַרקונג פונ דער פּאָליטישער רעאַקציע. „דער פּאָליטישער אויבערבוי איבער דער נײַער עקאָנאָמיק, איבער דעמ מאָנאָפּאָליסטישנ קאַפּיטאַליזמ (אימפּעריאַליזמ איז מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזמ) איז א קער פונ דעמאָקראַטיע צו פּאָליטישער רעאַקציע. דער פרײַער קאָנקורענצ אַנטשפּרעכט דעמאָקראַטיע. דער מאָנאָפּאָל אַנטשפּרעכט פּאָליטישע רעאַקציע" (לענינ, ב. XIX, ז. 207).

דער אַלגעמיינער קריזיס פונ קאַפּיטאַליזמ באַצייכנט מיט זיכ א שאַרפע פאַרשטאַרקונג פונ דער פּאָליטישער רעאַקציע. ווענ עס קומט פאָר די צעפאַלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ און דער אַרבעטער־קלאַס ווערט אַלצ מער און מער באַפרײַט פונ די דעמאָקראַטישע און פּאַרלאַמענטישע איליוזיעס, ווערט אַלצ ווייניקער מעגלעכ צו האַלטנ דעמ אַרבעטער־קלאַס אינ מוירע, אָפּנאַרנדיק אימ מיט די דאָזיקע איליוזיעס. אינ פאָדערגרונט ווערנ אַרויסגערוקט די מעטאָדנ פונ דירעקטנ און אָפענעמ אונטערדריקנ מיט גוואַלד־מיטלענ דעמ אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיקע מעטאָדנ האָט דער קאַפּיטאַליזמ באַנוצט שטענדיק, באַזונדערס נאָכ דעמ, ווי דער קאַפּיטאַליזמ האָט זיכ פאַרוואַנדלט אינ אנ אימפּעריאַליסטישנ קאַפּיטאַליזמ, אָבער זיי האָבנ ניט דאָמינירט אינ דער סיסטעמ מיטלענ, וואָס מיט זייער הילפּ האָט די בורזשואַזיע פאַרווירקלעכט איר דיקטאַטור. דאָמינירט האָבנ די דעמאָקראַטיש־

פארלאמענטישע פאָרמענ פונ דער דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. אָבער ווענ עס איז געקומענ דער אלגעמיינער קריזיס פונ קאפּיטאליזמ, ווערט דער קער פונ דעמאָקראטיע צו פּאָליטישער רעאקציע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ נאָכ אינ פארמילכאָמעדיקנ אימפּעריאליזמ, פארענדיקט אונ באקומט זיינ אויסדרוק אינעמ וווּקס פונ פאשיזמ.

אי די „דעמאָקראטיע“ אי דער פאשיזמ זיינענ א פאָרמ פונ דער דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. דעריבער איז צווישנ זיי ניטאָ קיינ שומ פּרינציפּיעלער אונטערשייד. „דעמאָקראטיע“ איז די פאָרמ, וואָס מאסקירט די דאָזיקע דיקטאטור.

אינ די באדינגונגענ פונ אלגעמיינעמ קריזיס פונעמ קאפּיטאליזמ וואקסט ארויס פונ דער דאָזיקער דעמאָקראטיע דער פאשיזמ, וואָס דאָס איז א נאַקעטע, מיט קיינ זאכ ניט צוגעדעקטע פאָרמ פונ דער דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. מיטנ איינ־שטעלנ די פאשיסטישע דיקטאטור פרווט זיכ דער פינאנצ־קאַפּיטאל צו געפינענ אנ אויסוועג פונעמ קריזיס אפנ כעזשבנ פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונ די ארבעטנ־דיקע. דער פאשיזמ איז נייטיק דער בורזשואזיע אפּ צוצוגרייטנ אונ פירנ אנ אימ־פּעריאליסטישע מילכאָמע אונ אינטערווענצ קעגנ סססר אונ אפּ צו דערשטיקנ די אָנוואקסנדיקע רעוואָליוציע אינ אירע אייגענע לענדער.

דער פאשיזמ איז א באווייז פונ דער שוואכקייט פונ דער בורזשואזיע, א סימענ, אז דער יעסאָד גופע פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג האָט זיכ א וואקל געטאָנ. „דעמ זיג פונעמ פאשיזמ אינ דייטשלאנד דארפ מענ באטראכטנ ניט נאָר ווי א סימענ פונ דער שוואכקייט פונעמ ארבעטער־קלאס אונ ווי א רעזולטאט פונ די פאראטנ קעגנ דעמ ארבעטער־קלאס מיצאד דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, וועלכע האָט אָפּגעראמט דעמ וועג פארנ פאשיזמ. דעמ דאָזיקנ זיג דארפ מענ באטראכטנ אויכ ווי א סימענ פונ דער שוואכקייט פונ דער בורזשואזיע, ווי א סימענ דערפונ, אז די בורזשואזיע איז שוינ ניט בעקויעכ צוגעוועלטיקנ מיט די אלטע מעטאָדנ פונ פאר־לאמענטאריזמ אונ בורזשואזער דעמאָקראטיע, אונ דעריבער איז זי געצוווּנגענ אינ דער אינערלעכער פּאָליטיק אָנצוווּענדנ טעראָריסטישע פארוואלטונג־מעטאָדנ, — ווי א סימענ דערפונ, אז זי איז שוינ ניט בעקויעכ מער צו געפינענ אנ אויסוועג פונ דער איצטיקער לאגע אפּ דער באזע פונ פרידלעכער אויסערלעכער פּאָליטיק, אונ דעריבער איז זי געצוווּנגענ אָנצוווּענדנ די פּאָליטיק פונ מילכאָמע“ (סטאלינ, באריכט־פאָר־טראָג דעמ XVII פארטיי־צוזאמענפאָר וועגנ דער ארבעט פונ צק אלקפּ(ב)).

דערפונ, וואָס דער פאשיזמ איז א פּראָדוקט פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונעמ קאפּיטאליזמ אונ א סימענ פונ דער שוואכקייט פונ דער בורזשואזיע איז, פארשטייט זיכ, קלאָר ניט געדרונגענ, אז די פאשיסטישע דיקטאטור איז אנ אומפארמיידלע־כער עטאפּ, וואָס דארפ קומענ פאר דער רעוואָליוציע, אז די איינשטעלונג פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור איז א פאָרהאנאָכע פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע בא די דאָזיקע אָנשויונגענ האָט זיכ אינ טאָכ גענומענ געהאלטנ רעמעלע—ניימאנס קאפּיטולאנטישע גרופּע אינ די רייענ פונ דער דייטשישער קאָמפּארטיי. די דאָזיקע גרופּע האָט געהאלטנ, אז „וואָס ערגער — אלצ בעסער“: וואָס גיכער עס וועט איינ־געשטעלט ווערנ די פאשיסטישע דיקטאטור, אלצ גיכער וועט דער פאשיזמ זיכ דעמא־סקירנ פאר די מאסנ אונ אלצ גרינגער וועט זיינ צו מאכנ די רעוואָליוציע.

די דאָזיקע לינקאַטשישע טעאָריעס שטעלנ אינ טאָכ געגנומענ פאָר אָפּאָרטוניסטישע פאַסיווקייט קעגנ דעמ אָנגריפ פונ דער בורזשואַזיע, סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קאַפּיטוליאַנטישקייט, וואָס איז צוגעדעקט מיט ראַדיקאַלע פראַזעס.

היסטאָריש איז דער קאַפּיטאַליזמ פאַרמישפּעט אומצוקומענ. דער אימפּעריאַליזמ איז דער פאַרפוילנדיקער, אָפּשטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזמ. אָבער ווי א פאַרווונדעטע כייע, קלייבט צונויפ די בורזשואַזיע אַלע אירע קרעפטנ, כדי צו דערשטיקנ איר סוינע. דער פאַשיזמ איז א צעיושעטער אָנגריפ פונ דער בורזשואַזיע אפנ אַרבעטער-קלאַס. דער קאַפּיטאַליזמ שטאַרבט ניט פונ זיכ אַליינ. זיינ „אָפּשטאַרבונג" קומט פאָר דורכ דעמ, וואָס מע וואַרפט אימ אַראָפּ אפ א רעוואָלוציאָנערנ אופנ. ווי לאַנג וועט זיכ ציענ דער דאָזיקער פּראָצעס אונ וואָסערע קאָרבאָנעס ער וועט קאָסטנ דעמ אַרבעטער-קלאַס — איז גאָר ניט קיינ אינדיפערענטע פראַגע. היסטאָריש האָט שוינ די בורזשואַזיע ניט קיינ שומ אויסוועג, אָבער אינ יעדנ געגעבענעמ מאָמענט אינ דעמ אָדע יענעמ לאַנד קאָנ זי בא געוויסע באַדינגונגענ אָפּציענ דעמ כאַפּ פונ איר הערשאַפט.

בלויז די כראַקטיק פונ רעוואָלוציאָנערנ קאַמפ לייזט די פראַגע, צי וועט זיכ דער בורזשואַזיע איינגעבנ צו פאַרלענגערנ צייטווייליק איר הערשאַפט, וואָס בא היינטיקנ טאָג באַטייט עס די גרעסטע יעסורימ פאַרנ אַרבעטער-קלאַס, אָדער איר וועט זיכ עס ניט איינגעבנ. דער פּראָלעטאַריאַט וועט קאָנענ באַזיגנ די בורזשואַזיע, ניט וואַרטנדיק אָפּאָרטוניסטיש אפ דעמ אויטאָמאַטישנ „זעלבסטראָמיקנ" קראַכ פונעמ קאַפּיטאַליזמ, נאָר בלויז ענטפערנדיק אפנ פאַשיסטישנ אָנגריפ פונ דער בורזשואַזיע מיט אנ אַנטשיידענעמ רעוואָלוציאָנערנ קאָנטר-אָנגריפ.

„די פאַשיסטישע דיקטאַטור איז ניט קיינ אומפאַרמיידלעכער עטאַפּ פונ דער דיקטאַטור פונ דער בורזשואַזיע אינ אַלע לענדער. די מעגלעכקייט אויסצומיידנ זי איז אָפּהענגיק פונ דער קראַכט פונעמ קעמפנדיקנ פּראָלעטאַריאַט, וואָס מער פונ אַלצ ווערט זי כאַראַליזירט פונ דער צעלייגנדיקער ווירקונג פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע" (מעזיסנ פונעמ XIII פּלענומ פונעמ אויספּירקאָמ פונ קאָמינטערנ).

דער פּיקט, וואָס קעדייי צו ראַטעווענ זיכ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, באַנוצט די בורזשואַזיע די פאַשיסטישע דיקטאַטור, באַטייט ניט, אז די בורזשואַזיע האָט אויפגעהערט צו נייטיקנ זיכ אינ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע ווי אינ איר סאָציאַלנ הויכט-אָנשפּאַר.

אינ דער מערהייט קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט נאָכ די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע א מאַסנ-ווירקונג אינעמ אַרבעטער-קלאַס אונ דאָס מאַכט די אַרבעט פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע באַזונדערס ווערטפול פאַר דער בורזשואַזיע. דער אַרבעטער-קלאַס איז דער איינציקער קלאַס, וואָס זיינע אינטערעסנ זיינענ פולשטענדיק אונ אינגאַנצנ קעגנזעצלעכ צו די אינטערעסנ פונ דער בורזשואַזיע, ער איז די איינציקע קראַפט, וואָס קאָנ מאַכנ א סאָפ צו דער דיקטאַטור פונ דער בורזשואַזיע, צומ קאַפּיטאַליזמ. דערפאַר טאַקע, וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז די אַגענטור פונ דער בורזשואַזיע אינעמ **אַרבעטער-קלאַס**, וואָס זי צעשפּאַלט דעמ אַרבעטער-קלאַס, רייסט אַראָפּ פונ אינווייניק דעמ קאַמפ פונעמ אַרבעטער-קלאַס, אָט דערפאַר טאַקע איז זי דער סאָציאַלער הויפּט-אָנשפּאַר פונ

דער בורזשואַזיע, די הויפּט־שטערונג פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

אינ די באַדינגונגענ פונעמ אַלגעמיינעמ קריזיס פונ קאַפּיטאַליזמ, מיט דער צעטרייסלונג פונ דער שטאַנדהאַפטיקייט פונעמ קאַפּיטאַליזמ און מיטנ וווּקס פונ דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פונ די מאַס, קומט פאָר א צוויפוואַקסונג פונ די אָנפירנדיקע קאַדרענ און פונ דעמ אַפּאַראַט פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פונ די רעפאָרמיסטישע פּראָפאַריינענ מיט דער בורזשואַזער מעלוכע און מיט די אונטערנעמערישע אָרגאַניזאַציעס, עס קומט פאָר דער פאַשיזירונג־פּראָצעס פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די סאָציאַל־פאַשיסטנ האַלטנ אָפּ די אַרבעטער פונ קאַמפּ קעגנ דעמ אָנגריפ פונעמ קאַפּיטאַל און קעגנ דעמ פאַשיזמ. זיי זײַנענ אַקטיווע מיטהעלפער פונ דער בורזשואַזיע אינעמ צוגרייטנ און אײַנשטעלנ די פאַשיסטישע דיקטאַטור.

אָבער אויכ נאָכנ אײַנשטעלנ די פאַשיסטישע דיקטאַטור הערט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ניט אויפ אויסצופילנ די פונקציע פונעמ סאָציאַלנ הויפּט־אָנשפּאַר פונ דער בורזשואַזיע. די פאַרשאַרפונג פונ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ, דער וווּקס פונ די קאָמפּאַרטייענ און פונ זייער אײַנפלוס, דאָס דעמאַסקירנ די ראָליע פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דאָס, וואָס פונ איר גייענ אַוועק די מאַסנ — אָט דאָס אַלצ צווינגט דעמ סאָציאַל־פאַשיזמ, אונטערשטיצנדיק די פאַשיסטישע דיקטאַטור און קניִענדיק פאַר איר, צו שפּילנ זיכ אינ קלוימערשטער אָפּאָזיציע קעגנ דער פאַשיסטישער מעלוכע און אַזוי אַרומ פּרוּוונ זיכ פאַרהאַלטנ דאָס אַוועקגייִנ פונ די מאַסנ אינ לאַגער פונ דער רעוואָליוציע.

„די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע הערט ניט אויפ צו שפּילנ די ראָליע פונ דעמ סאָציאַלנ הויפּט־אָנשפּאַר פונ דער בורזשואַזיע אויכ אינ די לענדער פונ אָפּענער פאַשיסטישער דיקטאַטור, קעמפנדיק קעגנ דער רעוואָליוציאָנערער אײַנהייט פונעמ פּראָלעטאַריאַט און קעגנ סססר, העלפנדיק דער בורזשואַזיע דורכ צעשפּאַלטנ דעמ אַרבעטער־קלאַס פאַרלענגערנ די עקזיסטענצ פונעמ קאַפּיטאַליזמ" (טעזיסנ פונעמ XIII פּלענומ פונעמ אויספּירקאָמ פונ קאָמינטערנ).

ניט צעשמעטערנדיק די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ניט ליקווידירנדיק דעמ אײַנפלוס פונעמ סאָציאַל־פאַשיזמ אַפ די מאַסנ, קאָנ מענ ניט באַזיגנ די בורזשואַזיע. אָט פאַרוואָס די קאָמפּאַרטייענ, וואָס שטייענ בעראָש און וואָס אָרגאַניזירנ די מאַסנ קעגנ דער דיקטאַטור פונ דער בורזשואַזיע אינ אַלע אירע פאָרמענ, ריכטנ זייער סטראַטעגישנ הויפּט־קלאַפּ קעגנ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דעמ דאָזיקנ סאָציאַלנ הויפּט־אָנשפּאַר פונ דער בורזשואַזיע, דער דאָזיקער הויפּט־שטערונג פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

דרײַ פּעריאָדנ פונעמ אַלגעמיינעמ קריזיס פונ קאַפּיטאַליזמ

דער פאַרשטאַרקונג פונ דער ניטגלײַכמעסיקייט פונ דער אַנטוויקלונג אינעמ פּעריאָד פונעמ אַלגעמיינעמ קריזיס פונ קאַפּיטאַליזמ גיט צו א ניטגלײַכמעסיקנ כאַראַקטער דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָליוציע. דער קראַכ פונ קאַפּיטאַליזמ איז ניט קיינ פּראָצעס פונ אָנופהערלעכע, דורכויסיקע ניצכוינעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט און מאַפּאָלעס פונ דער בורזשואַזיע, באַמ אַלגעמיינעמ וווּקס פונעמ רע-

וואָליוציאָנערנ קריזיס פונ קאפיטאליזמ טרעפנ ניט בלויז ניצכוינעס, נאָר אויכ טיילווייַזע מאפאָלעס פארנ פראָלעטאריאט, וואָס ענדערנ ניט פונדעסטוועגנ די אלגע-מיינע ריכטונג פונ דער באוועגונג. דאָס באשטימט דער גאנצער אנטוויקלונג-גאנג פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונ קאפיטאליזמ, וואָס אינ אימ דארפ מענ אונטערשיידנ דרייַ פעריאָדנ:

דער ערשטער פעריאָד פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס כאראקטעריזירט זיכ מיט א שנעלנ אָנוווקס פונעמ צעפאלונג-פראָצעס פונ קאפיטאליזמ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ בייס דער מילכאָמע, אונ מיט א שנעלנ וווקס אפ דער דאָזיקער באזע פונעמ רעוואָליוציאָנערנ קריזיס אינ דער גאנצער וועלט אונטער דער ווירקונג פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע אינ רוסלאנד. אינ די יאָרנ באלד נאָכ דער מילכאָמע האָט זיכ איבער אייראָפע דורכגעקייַקלט א כוואליע רעוואָליוציעס, אופשטאנדנ אונ מאסנווע פאָליטישע אונ עקאָנאָמישע שלאכטנ. א ריי אופשטאנדנ אונ א מעכטיקע פאנאנדערוויקלונג פונ דער רעוואָליוציאָנער באוועגונג קומט פאָר אינ די קאָלאָניעס.

אינעמ דאָזיקנ פעריאָד פונ גרעסטנ רעוואָליוציאָנערנ אופשטייַג האָט די בור-זשואזיע באקומענ קאָלאָסאלע הילפ פונ דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער סאָציאל-דעמאָקראטיע, וואָס האָט זיכ געשטעלט בעראָש פונ דער באוועגונג, קעדיי זי צו קעפנ. קיינ מאסנווע אויסגעפרווטע קאָמוניסטישע פארטייענ זייַנענ נאָכ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער ניט געווענ. דאָס איז געווענ די הויפט-סיבע, פארוואָס דער בורזשואזיע האָט זיכ אייַנגעגעבנ אָפצוהאלטנ א צייַטווייַליקנ ניצאָכנ איבער דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אָבער דער בורזשואזיע האָט זיכ ניט אייַנגעגעבנ צו צע-ברעכנ דאָס ערשטע לאנד פונ דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט. „די ערשטע פרווונ פונ א רעוואָליוציאָנערער איבערקערעניש, וואָס זייַנענ אויסגעוואָקסנ אפ דער באזע פונ שארפנ קריזיס פונ קאפיטאליזמ (1918—1921 יאָרנ), האָבנ זיכ געענדיקט מיט א ניצאָכנ אונ מיט דער פארפעסטיקונג פונ דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט אינ ססר אונ מיט א מפאָלע פונעמ פראָלעטאריאט אינ א גאנצער ריי אנדערע לענדער... אפ דער באזע פונ די דאָזיקע מאפאָלעס, וואָס האָבנ געשאפנ א מעגלעכקייַט צו פארשטארקנ דאָס עקספלואטירנ די פראָלעטארישע מאסנ אונ די קאָלאָניאלע פעלקער, אפ דער באזע פונ דער שארפער אראָפזעצונג פונ זייער לעבנ-ניוואָ האָט די בורזשואזיע דערגרייכט א טיילווייַזע סטאביליזאציע פונ די קאפיטאליסטישע פארהעלטענישנ" (פראָגראמ פונ קאָמינטערנ).

עס איז געקומענ דער צווייטער פעריאָד פונ אלגעמיינעמ קריזיס פונ קאפיטאליזמ. אינ פארלויפ פונעמ דאָזיקנ פעריאָד שאפט זיכ א רעלאטיווע צייַט-ווייַליקע סטאביליזאציע (שטאנדהאפטיקייַט) סייַ פונ די אינערלעכע סייַ פונ די אויס-ערלעכע פארהעלטענישנ פונ קאפיטאליזמ. אינ די קאפיטאליסטישע לענדער געפינט די דאָזיקע דערשייַנונג איר אויסדרוק אינ דעמ, וואָס אפנ כעזשבנ פונ פארשטארקנ די עקספלואטאציע פונעמ ארבעטער-קלאס („ראציאָנאליזאציע") ווערט „אופגע-שטעלט" די ווירטשאפט, וועלכע איז כאָרעוו געוואָרנ בייס דער מילכאָמע, אינ דעמ, וואָס אינ פארגלייַכ מיטנ פאָריקנ פעריאָד ווערט אינ א געוויסער מאָס פאר-פעסטיקט די פאָליטישע הערשאפט פונ דער בורזשואזיע. אינ די באציונגענ צווישנ די אימפעריאליסטישע מעלוכעס האָט זיכ די טיילווייַזע סטאביליזאציע אויסגעדריקט דע-

דינ, וואָס עס ווערנ ביסלעכווײַז „אופגעשטעלט" די עקאָנאָמישע פארבינדונגענ צווישנ די קאפּיטאליסטישע לענדער, וועלכע זײַנענ צעשטערט געוואָרנ ביז דער מילכאָמע אונ דערינ, וואָס די אימפּעריאַליסטנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צײַטווײַליק צו פאר-שטענדיקנ זיכ אפנ כעזשבנ פונ געמײנזאמענ ראַבירנ דײַטשלאנד (דאוועס-פּלאנ) אונ די קאָלאָניעס.

אָבער די דאָזיקע סטאביליזאציע האָט ניט באטײַט קײנ צוריקער צו די פאר-מילכאָמעדיקע פארהעלטענישנ, זי איז ניט געווענ אונ האָט ניט געקאָנט זײַנ קײנ פעסטע אונ קײנ דויערנדיקע, ווי דאָס האָבנ באהויפּט די סאָציאל-דעמאָקראטיע אונ די רעכטע אָפּאָרטוניסטנ. דאָס איז געווענ א וואקלדיקע, א פוילנדיקע סטאבילי-זאציע, — זי איז פאָרגעקומענ אינ די באדינגונגענ אונ אפ דער באזע פונעם אלגע-מײנעמ קריזיס פונ דער קאפּיטאליסטישער סיסטעמ. גלײַכצײַטיק מיט דער טײלווײַ-זער סטאביליזאציע פונעמ קאפּיטאליזמ איז פאָרגעקומענ דער שנעלער וווּקס אונ די ווײַ-טערדיקע פארפעסטיקונג פונ פססר — דער באזע פונ דער פּראָלעטארישער וועלט-רעוואָליוציע. אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער גופע האָט זיכ פארערגערט די לאגע פונעמ ארבעטער-קלאס אונ עס האָבנ זיכ פארשארפט די קלאסנ-ווידערשפּרוכנ. אי-נעמ דאָזיקנ פעריאָד ווערנ צונויפגעזאמלט די קרעפטנ אונ עס קומט פאָר אנ אי-נערלעכע קאָנסאָלידאציע פונ די קאָמוניסטישע פארטײענ אונטער דער אָנפירונג פונ קאָמינטערנ. דער קלאסנקאמפ האָט זיכ ניט אײַנגעשטילט, ער גיסט זיכ אויס אינ אזוינע בעכטיקע באוועגונגענ, ווי דער אלגעמײנער שטרײַק אונ דער שטרײַק פונ די קוילנגרעבער אינ ענגלאנד אינ 1926 יאָר, ווי דער ווינער אופשטאנד אינ יול 1927 יאָר. אינ דער זעלבער צײַט וויקלט זיכ פאנאנדער די גרויסע כינע-זישע רעוואָליוציע, עס קומט פאָר א פאָלק-אופשטאנד אינ אינדאָנעזיע, עס וואקסט די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג אינ אינדיע.

די אינערלעכע ווידערשפּרוכנ פונ דער סטאביליזאציע פירנ ניט צו קײנ אָפּשוואַ-כונג, נאָר צו דער פארשטארקונג פונעמ אלגעמײנעמ קריזיס פונ קאפּיטאליזמ. „פונ דער טײלווײַזער סטאביליזאציע וואקסט ארויס די פארשטארקונג פונעמ קריזיס פונ קאפּיטאליזמ, דער אָנוואקסנדיקער קריזיס צעוואלגערט די סטאביליזאציע, — אָט אזא איז די דיאַלעקטיק פונ דער אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ אינ געגעבענעמ היסטאָ-רישנ מאָמענט" (סטאלינ, פּאָליטישער באריכט פונ צק. סטענאָגר. באריכט פונעמ XV צוזאמענפאָר פונ אלקפּ(ב).

דער וווּקס פונ די אינערלעכע ווידערשפּרוכנ פונ קאפּיטאליזמ אינעמ סטאבילי-זאציע-פעריאָד פירט צומ דריטנ פעריאָד, וואָס איז אָנגעקומענ אינ 1927/28 יאָר, ווענ די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע איז ארויס פונעמ פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ אונ אינ צוזאמענהאנג דערמיט האָט זיכ זײער פארשארפט דער ווידערשפּרוכ צווישנ די אויסגעוואַקסענע פּראָדוציר-מעגלעכקײטנ אונ די ענגע ראַמענ פונ דעמ מארק. דאָס ארויסגײנ פונ דעמ פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ האָט צוגעפירט די גאנצע קאפּיטא-ליסטישע וועלט הארט צומ טיפנ אונ שארפנ קריזיס. אינ דער זעלבער צײַט גײט אריבער פססר צו דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע אונ צו א פאנאנדערגעוויקלטנ סאָציאַליסטישנ אָנגריפ אפנ גאנצנ פראָנט.

דער דריטער פעריאָד איז א פעריאָד פונ נײַעמ רעוואָליוציאָנערנ אופשטײַג,

א פעריאָד פונעם סאָפ פונ דער טײלווײַזער סטאביליזאציע און פונ איבערגאנג צו א נײַעם טור רעוואָליוציעס און מילכאָמעס, א פעריאָד פונ בוילעטער פאר־שארפונג פונעם אלגעמײנעם קריזיס פונ קאפיטאליזם אפ דער גאנצער ליניע. אינ דער דאָזיקער הינזיכט האָט א באזונדערע באדײַטונג דער איצטיקער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס.

דער איצטי־קער עקאָנאָמי־שער קריזיס

דער נאָכמילכאָמעדיקער קאפיטאליזם האָט איבערגעלעבט אנ א בערפראָדוקציע־קריזיס אינ די יאָרנ 1920 — 1921. אָבער דער דאָזיקער קריזיס האָט ארומגעכאפט ניט אלע לענדער. דײַטש־לאנד האָט ער ניט אָנגערירט. דער איצטיקער קריזיס אָבער, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1929 יאָר און האָט זיכ אנטוויקלט ניט גלײַכמעסיק, האָט ארומגעכאפט אלע קאפיטאליסטישע און קאָלאָניאלע לענדער און אלע פראָדוציר־צווײַגנ (כוץ דער קריג־אינדוסטריע!). „דער איצטיקער קריזיס איז דער ערשטער נאָכ דער מילכאָמע עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס" (סטאלינ, פראגעס פונ לענינים, זײַט 488).

לויט זײַנ טיפקײַט און צעשטערנדיקער ווירקונג שטײַגט דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס ווײַט אריבער אלע קריזיסנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ דער געשיכטע פונ קאפיטאליזם. דאָס איז צו זענ פונ פאָלגנדיקער טאבעלע, וואָס באווײַזט דעם פראָצענט פארקלענערונג פונעם טשוהונ־אויסשמעלצ אינ די קאפיטאליסטישע זעקס לענדער און דעם פראָצענט פארקלענערונג פונעם וועלט־האנדל אינ די פריקע קריזיסנ און אינעם איצטיקנ קריזיס:

קריזיס־יאָרנ	פראָצענט פונ פארקלענערונג: פונעם אלוועלטלעכנ טשוהונ־אויסשמעלצ	פראָצענט פונ פארקלענערונג: פונעם וועלט־האנדל
1874—1873	8,0	5,0
1885—1883	10,0	4,0
1892—1890	6,5	0,5
1901—1900	0,25	1,0
1908—1907	23,0	7,0
1921—1920	44,0	—
1934—1929	66,0	65,0

גלײַכצײַטיק דערמיט האָט דער קריזיס ארויסגערופנ, ווי עס איז שוינ אָנ־געוויזנ געוואָרנ אינ די פאָריקע קאפיטלענ, אזא ווּוקס פונ דער ארבעטלאָזיקײַט און אזא פאלנ פונעם ארבעטלוינ, וואָס האָבנ ניט צו זיכ קײנ גלײַכנ אינ דער געשיכטע פונ די פאָריקע קריזיסנ. לויט די אויסרעכענונגענ פונ די בורזשואזע עקאָנאָמיסטנ, שטײַגנ איבער די אלגעמײנע פארלוסטנ פונ קריזיס די פארלוסטנ, וועלכע עס האָט אָנגעמאכט די אימפעריאליסטישע וועלט־מילכאָמע אינ די יאָרנ 1914 — 1918.

די דאָזיקע גרייס אונ טיפּקײַט פונעם קריזיס דעקנ אופ זײַנ כאַראַקטער אונ אייגנטימלעכקײַט אַלס איבערפּראָדוקציע-קריזיס, וואָס וויקלט זיכ פאַנאַנדער אפ דער באַזע פונעם אַלגעמיינעם קריזיס פונ דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. דערבײַ איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס צום אונטערשייד פונ די פאַרמילכאָמעדיקע קריזיסנ איז פאַר דעם איצטיקנ קריזיס ניט פאָרגעקומענ אַ וויפל-ניט-איז באַדײַטנדיקער אופשטײַג. אַזוי, למשל, האָט אינ דײַטשלאַנד די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע באַטראָפנ לעגאַבע דעם 1928 יאָר: אינ 1927 יאָר — 100%, אינ 1928 יאָר — 100% אונ אינ 1929 יאָר — 102%. אינ די פשא האָט זיכ די פּראָדוקציע פונ דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע פונ 1919 ביז 1923 יאָר פאַרגרעסערט אפ 16,9% אונ פונ 1924 ביז 1929 יאָר — סאַכאַקל אפ 4,7%. אינ ענגלאַנד איז פאַר דעם קריזיס קיינ וווּקס פונ דער פּראָדוקציע בכלל ניט פאָרגעקומענ.

אינעם פּעריאָד, איידער דער קריזיס האָט זיכ אָנגעהויבנ, איז שוינ אינ אַלע לענדער, ווי מיר ווייסנ, געווענ אַ באַדײַטנדיקע ניטדערלאָדונג פונ די אונטערנעמונגענ אונ אַ מאַסעווע סטאַגנירנדיקע אַרבעטלאָזיקײַט.

דער איצטיקער קריזיס אונטערשיידט זיכ פונ אַלע פריערדיקע קריזיסנ מיט זײַנ דויערהאַפטיקײַט. פריער פלעגט דאָס פאַלנ פונ דער פּראָדוקציע אונ פונ די פּרײַזנ אינ פאַרלויפ פונ 1—2 יאָר געוויינלעכ דערגרייכנ זײַנ נידעריקסטנ פּונקט, דער איצטיקער קריזיס אָבער ציט זיכ שוינ דאָס פינפטע יאָר, ער איז דער סאַמע דויערנדיקער פונ אַלע קריזיסנ, וואָס די געשיכטע פונ קאַפּיטאַליזם האָט אַמאָל געוווּסט.

די סיבעס פונעם דאָזיקנ אומגעהייער שווערנ, דויערנדיקנ כאַראַקטער פונעם איצטיקנ עקאָנאָמישנ קריזיס באַשטייענ, ווי כ׳ סטאַלינ האָט אָנגעוויזנ, אָט אינ וואָס:

ערשטנס, האָט דער איצטיקער אינדוסטריעלער קריזיס אַרומגעכאַפּט אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָנ אויסנאַם. ווענ אייניקע לענדער וואָלטנ ניט געווענ אַרומגעכאַפּט מיטנ קריזיס, וואָלטנ אַנדערע לענדער, ווו דער קריזיס איז יאָ פאַראַנ, געקאָנט אָפּזעצנ אַ טייל סכוירעס זייערע אינ די דאָזיקע לענדער. זיי וואָלטנ געקאָנט מאַנעווירירנ אפנ כעשבונ פונ די דאָזיקע לענדער. אָבער אַזוי ווי דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איז די מאַנעווירונג פונ איינע לענדער אפנ כעשבונ פונ אַנדערע פאַרשווערט.

צווייטנס, די איבערפלעכטונג פונעם אינדוסטריעלנ קריזיס מיטנ אַגראַרנ, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אַגראַרע אונ האַלב־אַגראַרע לענדער. אינ רעזולטאַט פונ דעם אינדוסטריעלנ קריזיס האָט זיכ פאַרקלענערט דער נאָכפרעג פונ דער אינדוסטריע אפ לאַנדווירטשאַפטלעכנ רויוואַרג. די אַרבעטלאָזיקײַט אונ די פאַרקירצונג פונעם אַרבעטלוינ פונ די אינדוסטריעלע אַרבעטער פאַרקלענערט דעם נאָכפרעג אפ לאַנדווירטשאַפטלעכע שפּײַז־פּראָדוקטנ. דער קריזיס, ווידער, אינ דער לאַנדווירטשאַפט ברענגט דערצו, אַז די לאַנדווירטשאַפט שטעלט אַרויס אַ קלענערנ

נאָכפרעג אפ אינדוסטריעלע פראָדוקטנ — אפ פראָדוציר מיטלענ אונ אפ אינדוסטריעלע געברויכ־זאכנ. אזויארום האָט די איבערפלעכטונג פונעמ אינדוסטריעלנ קריזיס מיטנ אגרארנ צוגעגעבנ דעמ איצטיקנ עקאָנאָמישנ קריזיס א באזונדער שווערנ אונ דויערדיקנ כאראקטער אינ פארגלײַכ מיט די פריִקע קריזיסנ.

דריטנס, דער אגרארער קריזיס האָט ארומגעכאפט ניט בלויז אלע לענדער, נאָר אויכ אלע צווײַגנ פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער פראָדוקציע, — ניט בלויז די ערדארבעט, נאָר אויכ די פיצוכט. אינ דער קאפיטאליסטישער וועלט איז די לאנדווירטשאפט געקומענ צו א שטארקער יערידע. שטארק האָט זיכ פארקירצט די אָנווענדונג פונ מאשינעס אונ קינסטלעכער באמיסטיקונג אינ דער לאנדווירטשאפט. אזויווי די פראָדוצירונג פונ פראָדוציר־מיטלענ פאר דער לאנדווירטשאפט באטרעפט א באדײַטנדיקנ טייל פונ דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע, האָט די דעגראדאציע פונ דער לאנדווירטשאפט נאָכ מער פארצויגנ דעמ אינדוסטריעלנ קריזיס.

פערטנס, די שטרעבונג פונ די מאָנאָפאָליסטישע אָרגאניזאציעס צו אײַנהאלטנ די הויכע פרײַזנ אפ די סכוירעס. געוויינלעכ איז דאָס פאלנ פונ די פרײַזנ אנ אויסדרוק פונעמ קריזיס אונ עס ווירקט מיט אינ דער זעלבער צײַט בײַצוקומענ אימ: אינ רעזולטאט פונ דעמ, וואָס עס פאלנ די פרײַזנ, צעגייענ זיכ די סכוירע־רעזערוונ אונ עס ווערט געלינדערט די איבערפראָדוקציע. וואָס לאנגזאמער עס פאלנ די פרײַזנ, אלצ מער פארציט זיכ דער קריזיס. אָט דאָס טאקע קומט פאָר מיטנ איצטיקנ קריזיס. אזוי, לעמאָשל, זײַנענ אינ דײַטשלאנד פאר דער צײַט פונעמ קריזיס די פרײַזנ אפ די סכוירעס, וואָס די מאָנאָפאָלנ פראָדוצירנ, געפאלנ בלויז אפ 20 פראָצ. אונ די פרײַזנ אפ די סכוירעס, וועלכע עס פראָדוצירנ די אונטערנעמונגענ, וואָס גייענ ניט ארײַנ אינ די מאָנאָפאָליסטישע פארייניקונגענ, זײַנענ געפאלנ אפ 50 פראָצ. אזויווי די איבערוועגנדיקע מאסע אינדוסטריעלע סכוירעס פראָדוצירנ די מאָנאָפאָלנ, פארציט זיכ באזונדערס שטארק דער קריזיס צוליב דעמ, וואָס עס פארהאלט זיכ דאָס פאלנ פונ די מאָנאָפאָל־פרײַזנ.

פינפטנס, דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס קומט פאָר אינ די באדינגונגענ פונ אלגעמײנעמ קריזיס פונ דער קאפיטאליסטישער סיסטעמ. דאָס איז דער הויפט־פאקטאָר, וואָס גיט צו דעמ עקאָנאָמישנ קריזיס אזא שארפקייט אונ צעשטערנדיקע קראפט, וואָס איז בא די פריערדיקע קריזיסנ ניט געווענ. „דער אינדוסטריעלער קריזיס האָט זיכ פאנאנדערגעשפילט אינ די באדינגונגענ פונעמ א ל ג ע מ ײ נ ע מ קריזיס פונ קאפיטאליזמ, ווענ דער קאפיטאליזמ האָט שוינ ניט אונ קאָנ ניט האָבנ ניט אינ די גרונט־מעלוכעס, ניט אינ די קאָלאָניעס אונ אינ די אָפהענגיקע לענדער יענע קראפט אונ פעסטקייט, וואָס ער האָט געהאט ביז דער מילכאָמע, ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווענ די אינדוסטריע פונ די קאפיטאליסטישע לענדער האָט באקומענ בעירושע פונ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע א כראָנישע ניטדערלאָדונג פונ די אונטערנעמונגענ אונ מיליאָניקע ארמייענ ארבעטלאָזע, וואָס פונ זיי איז ער ניט בעקויעכ מער צו באפרײַענ זיכ" (ס ט א ל י נ, באריכט־פאָרטראָג דעמ XVII פארטיי־צוזאמענפאָר וועגנ דער ארבעט פונ צק אלקפ(ב)).

דער איצטיקער אלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס ווערט באַגלייט מיט גרויסע בענק־קראַכנ אונ מיט דער צעשטערונג פונ דער געלט־צירקוליאַציע אינ א ריי קאַפּיטאַליסטישע לענדער. מע האָט פאַקטיש אָפּגעשטעלט דאָס אויסצאָלנ די מילכאָמע־כויוועס אונ עס פאַלט די וואַליוטע פונ אַזעלכע מעכטיקע אינ פינאַנציעלער הינזיכט לענדער, ווי ענגלאַנד אונ אַמעריקע, וואָס טרעטנ אַרופ אַפנ וועג פונ אינפליאַציע.*

בא די פריערדיקע קריזיסנ פלעגט נאָכנ שאַרפנ פאַלנ פונ די פרײַזנ אונ גאָכ דער פאַרקירצונג פונ דער פּראָדוקציע אָנקומענ א דעפּרעסיע (זע אויבנ, ז. 262), וואָס נאָכ איר פלעגט קומענ אַנ אופשטײַג, אונ דער קריזיס פלעגט אויסשעפּט ווערנ אינ פאַרלויפ פונ 1—2 יאָר. אינעם איצטיקנ קריזיס אָבער איז דער נידעריקסטער פּונקט פונעם פאַלנ דערגרייכט געוואָרנ ערשט צום סאָפ פונעם פערטנ יאָר פונ קריזיס, אינ 1932 יאָר. אינ די פשא, לעמאָשל, האָט די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אינ פאַרגלײַכ מיטנ 1929 יאָר באַטראָפנ אינ 1932 יאָר 53,8 פּראָצ., אונ אינ 1933 יאָר — 64,9 פּראָצ., אינ ענגלאַנד — 83,8 פּראָצ. אונ 86,1 פּראָצ., אינ דײַטשלאַנד — 59,8 פּראָצ. אונ 66,8 פּראָצ., אינ פראַנקרײַכ — 69,1 פּראָצ. אונ 77,4 פּראָצ.

אינ די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אינ פאַרלויפ פונ 1933 יאָר פאָרגעקומענ א פאַרגרעסערונג פונ דער פּראָדוקציע. דאָס האָט זיכ אײַנגעגעבנ דער בורזשואַזיע צו דערגרייכנ אַפנ כעזשבנ פונ דער פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע פונ די אַרבעטער, אַפנ כעזשבנ פונעם פויערטום פונ אירע לענדער אונ פונ די קאָלאָניעס. אָבער דער דאָזיקער וווּקס פונ דער פּראָדוקציע באַטײַט ניט, אַז דער קריזיס האָט זיכ געענדיקט אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אַנ אופשטײַג. קיינ שום ווירקלעכער אופשטײַג אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער קאָנ ניט זײַנ צוליב דער סיבע, וואָס דער דאָזיקער עקאָנאָמישער קריזיס קומט פאָר אינ די באַדינגונגענ פונעם אַלגעמיינעמ קריזיס פונ קאַפּיטאַליזם, וואָס האַלט זיכ אינ איינ פאַרטיפנ. געוויינלעכ קומט דער אופשטײַג נאָכנ קריזיס אַלס רעזולטאַט פונ באַנײַענ דעמ גרונט־קאַפּיטאַל. אָבער אינעם איצטיקנ מאָמענט איז אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פאַראַנ אַזאַ קאַלאָסאַלע נידערלאָזונג פונ די אונטערנעמונגענ, אַז עס קאָנ גאָר קיינ רייד ניט זײַנ וועגנ אַוועלכער־ניט־איז ערנסטער באַנײַונג פונעם גרונט־קאַפּיטאַל.

„עס איז קלאָר, אַז מיר האָבנ צו טאָנ מיט אַנ איבערגאַנג פונעם פּונקט פונ דער גרעסטער יערידע פונ דער אינדוסטריע, פונ דעמ פּונקט פונ דער גרעסטער טיפקײַט פונעם אינדוסטריעלנ קריזיס צו דעפּרעסיע, אָבער — ניט צו א געוויינלעכער דעפּרעסיע, נאָר צו א דעפּרעסיע פונ א באַזונדערנ מינ, וואָס פירט ניט צו קיינ נײַעמ אופשטײַג אונ אופבלי אינ דער אינדוסטריע, אָבער וואָס קערט זי ניט אום צוריק צום פּונקט פונ גרעסטנ פאַלנ" (ס ט א ל י נ, באַריכט־פאָרטראָג דעמ XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר וועגנ דער אַרבעט פונ צק אַלקפּ(ב).

---

* וועגנ אינפליאַציע זע דעמ קאַפּיטל III, זײַט 70—71.

„דאָרט, אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער בושעוועט נאָכ אלצ דער עקאָנאָ־מישער קריזיס" (דאָרט).

דער איצטיקער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס קומט פאָר אינ די באדינ־גונגענ פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונ קאפּיטאליזמ, פארטיפט אונ פארשארפט דעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונ קאפּיטאליזמ.

די דאָזיקע פארשארפונג פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונ קאפּיטאליזמ האָט באקומענ איר אויסדרוק אינ דעמ, וואָס שוינ אינ 1932 י. איז געקומענ א סאָפ צו דער רעלאטיווער סטאביליזאציע פונ קאפּיטאליזמ אונ וואָס דער אלגעמיינער קריזיס פונ קאפּיטאליזמ דערנעענטערט זיכ צו א נייער שטופע פונ זיינ אנט־וויקלונג, צו א נייעמ טור רעוואָליוציעס אונ מילכאָמעס.

דער נייער טור רעוואָליוציעס אונ מילכאָמעס

אינ דער צייט, ווענ די גאנצע קאפּיטאליסטישע וועלט געפינט זיכ אינ קלעמ פונ קריזיס, האָט ססר דערגרייכט דער־פאָלגנ פונ אלוועלטלעכער היסטאָרישער באדייטונג: שטורמישע טעמפּנ אינעמ וווקס פונ דער פּראָדוקציע, אופשטייג פונ מא־טעריעלנ אונ קולטורעלנ ניוואָ פונ די מאסנ, דאָס פארווירקלעכנ דעמ ערשטנ פינפיאָר-פּלאנ אונ דאָס אריבערגיינ צו אויסבויענ די אָנקלאסעווע געזעלשאפט.

„אינ די באדינגונגענ, ווענ עס צעפאלט זיכ די עקאָנאָמיק פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער, בא אנ אומגעהערטער ארבעטלאָזיקייט אינ די דאָזיקע לענדער, הונגער אונ דאלעס איז דאָס אויספילנ דעמ פינפיאָר-פּלאנ אינ ססר ניט אינ פינפ, נאָר אינ פיר יאָר (ריכטיקער, אינ 4 יאָר מיט דריי כאָדאָשימ) א פאקט, איינער פונ די מערקווירדיקסטע אינ דער היינטצייטיקער געשיכטע" (רעזאָליוציע פונעמ פּלענומ פונ צק אינ יאנואר 1933 יאָר). דער פארנעמ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָ־דוקציע (אינ פּראָצענטנ לעגאבע דעמ 1929 יאָר) האָט באטראָפנ אינ 1933 יאָר: אינ ססר — 201,6 פּראָצ., אינ פשא — 64,9 פּראָצ., אינ ענגלאנד — 86,1 פּראָצ., אינ דייטשלאנד — 66,8 פּראָצ., אינ פראנקרייכ — 77,4 פּראָצ. אינ א ריי וויכטיקסטע פּראָדוקציע-צווייגנ האָט ססר פארנ פעריאָד פונ ערשטנ פינפיאָר-פּלאנ געמאכט אנ אנטשיידענעמ שפּרונג אונ האָט דעריאָגט אונ אריבערגעיאָגט די קאפּיטאליס־טישע לענדער. אונ אינעמ צווייטנ פינפיאָר ווערט ססר פארוואנדלט אינ א לאנד, וואָס איז אינ טעכניש-עקאָנאָמישער הינזיכט אומאָפּהענגיק פונ אנדערע לענדער, ער ווערט פארוואנדלט אינ דער סאמע פאָרגעשריטענער מעלוכע אינ אייראָפּע אינ טעכנישער הינזיכט.

די דאָזיקע דערפאָלגנ פונ סאָציאליזמ, וואָס באטייטנ, אז עס וואקסט אונדזער אומאָפּהענגיקייט פונ דער קאפּיטאליסטישער וועלט, אז עס וואקסט אונ עס פעס־טיקט זיכ אונדזער שוצפייִקייט, אז עס שטייגט די רעוואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג פונ ססר אפּ די עקספּלואטירטע מאסנ אינ דער גאנצער וועלט, אז עס וואקסט די באדייטונג פונ ססר אלס אָנשפּאר־באזע פונ דער פּראָלעטאריי־שער וועלט־רעוואָליוציע, — שאפנ א קאָלאָסאלנ איבערדרוק אינ די קעגנ־זייטיקע פארהעלטענישנ פונ די קרעפטנ צווישנ דער סאָציאליסטישער אונ קאפּיטאליסטישער וועלט אונ פארשארפנ דעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונעמ קאפּיטאליזמ.

אונטער דער ווירקונג פונעם קריזיס, פון איין זייט, און פון די שטייגנדיקע דערפאָלגן פונעם סאָציאַליזם אין ססס"ר — פון דער צווייטער, קומט פאָר א שנעלער אָנוווקס פונעם רעוואָלוציאָנערן אופשטייג אין אַלע אימפעריאַליסטישע לענדער און קאָלאָניעס. אין פארלויף פון די לעצטע יאָרן זיינען פאָרגעקומען א ריי גאָר גרויסע מאסן־שטרייקן, וואָס די קאפיטאַליסטישע אייראָפּע האָט ניט געזען זינט דער ערשטער כוואַליע רעוואָליוציעס אין די יאָרן 1918—1923. דערביי נעמען די שטרייקן אָן אַלץ מער און מער א בולטע אויסגעדריקטן פּאָליטישן כאַראַקטער. עס פארמערן זיך די מאסעווע צוזאמענשטויסן צווישן די ארבעטער מיט דער פּאָליציי און מיט די פאשיסטן, עס ברעכן אויס רעוואָליוציאָנערע באוועגונגען אין דער ארמיי, עס וויקלען זיך פאנאנדער אויסטרעטונגען פון די פויערשע מאסן.

עס איז פאָרגעקומען א גוואַלדיקע פארשארפונג פון די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפעריאַליסטן, וואָס גרייטן זיך גאַנץ אָפן מיט א פיבערהאפטן טעמפּ צו א נייער מילכאָמע. שטארק ווערט געגרייט א קאָנטררעוואָליוציאָנערע מילכאָמע קעגן ססס"ר.

אפן גרונט פון די דאָזיקע אַלע פאקטן האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאַל שוין אין 1932 יאָר געקאָנט פעסטשטעלן, אז עס האָט זיך געענדיקט די רעלאטיווע סטאביליזאציע פונעם קאפיטאַליזם און אז עס קומט פאָר דער „איבערגאנג צו א נייעם טור גרויסע צוזאמענשטויסן צווישן די קלאסן און צווישן די מעלוכעס צו א נייעם טור רעוואָליוציעס און מילכאָמעס" (טעזיסן פון XII פּלענום פונעם אויספּירקאָם פון קאָמינטערן).

דאָס יאָר 1933 איז געווען א יאָר פון ווייטערדיקער פארשארפונג פונעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאפיטאַליזם, פונעם ווייטערדיקן רייפווערן פונעם רעוואָליוציאָנערן וועלט־קריזיס.

„די אומגעהייערע אָנגעשטרענגטקייט סיי פון די אינערלעכע קלאסן־ווידערשפּרוכן פון די קאפיטאַליסטישע לענדער און סיי פון די צווישנפעלקערלעכע אנטאגאָניזמען זאָגט אײַדעס וועגן אזא רייפקייט פון די אָביעקטיווע פּאָרהאנאָכעס פונעם רעוואָליוציאָנערן קריזיס, אז אינעם איצטיקן מאָמענט קומט שוין די וועלט צו דעם נייעם טור רעוואָליוציעס און מילכאָמעס" (טעזיסן פונעם XIII פּלענום פונעם אויספּירקאָם פון קאָמינטערן).

דער אופשטאנד פונעם עסטרײַכישן פּראָלעטאריאט און דער אַלגעמיינער שטרייק אין פראנקרייך אין פעברואל 1934 יאָר האָבן פולשטענדיק און אינגאנצן באַשטעטיקט דעם דאָזיקן אנאַליז פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאַל. די דאָזיקע געשעענישן זאָגן אײַדעס וועגן דעם שנעלן קער פון די ברייטע מאסן צום קאמף קעגן דער קאפיטאַליסטישער סיסטעם פאר דער דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט. דער העלדישער קאמף פונעם עסטרײַכישן פּראָלעטאריאט האָט גלענצנדיק באַשטעטיקט כ' סטאַלינס ווערטער, אז „די אידיי פון שטורעם ווערט רייף אינעם באַוווסטזײַן פון די מאסן". ער איז א בולטער באַווײַז אז דער בירגערקריג צווישן דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאריאט שטעלט זיך אין טאָגסיידער, זי איז אן אָנהייב פון די אוואנגארד־שלאכטן פונעם נייעם טור רעוואָליוציעס און מילכאָמעס.

דער נײַער טור רעוואָליוציעס און מילכאָמעס וועט באַטײַטנ א נײַע אנטוויקלונג־שטופע פונ דער פראָלעטארישער וועלט־רעוואָליוציע לויט זײַנ פארמעסט און טיפקײַט וועט ער ווײַט אריבעריאָגנ דעמ ערשטנ טור רעוואָליוציעס און מילכאָמעס. די רעוואָליוציאָנערע שלאכטנ אינ די יאָרנ 1918—1923 זײַנענ פאָרגעקומענ אינ באדינגונגענ, ווענ עס זײַנענ נאָכ ניט געווענ קיינ מאסעווע געניטע קאָמוניסטישע פארטייענ, זיי זײַנענ דורכגעגאנגענ אינ די מערסטע פאלנ סטיכייִש. דאָס איז געווענ דער ערשטער שלאכט־אויספרווו פונעמ ארבעטער־קלאס אינ די קאפיטאליסטישע לענדער נאָכנ דויערנדיקנ פעריאָד פונ „פרידלעכער" קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג.

די פאָרשטייענדיקע אנטשיידנדיקע רעוואָליוציאָנערע שלאכטנ וועלנ פאָרקומענ אינ באדינגונגענ, ווענ עס איז שטארק אויסגעוואָקסנ די עקאָנאָמישע, פאָליטישע און מיליטערישע מאכט פונעמ ראטנפארבאנד, ווענ די מאסע האָבנ הינטער זיכ א רײַכע דערפארונג פונ די שלאכטנ פונעמ ערשטנ טור רעוואָליוציעס, ווענ בעראָש פונ די מאכנ שטייענ צונויפגעשמאָלצענע קאָמפארטייענ, וואָס זײַנענ באַרײַכערט מיט דער באָלשעוויסטישער דערפארונג און וואָס שוינ איצט, אונטער דער אָנפירונג פונ קאָמינטערנ אינעמ שטײַגנדיקנ טאָג־טעגלעכנ קאמפ קעגנ דעמ אָנגריפ פונ קאפיטאל, קעגנ דעמ פאשיזמ, קעגנ מילכאָמע און אינטערווענצ, גרייטנ זיי צו, אָרגאניזירנ, פאריײניקנ און פארהארטעווענ די מאסנ פונעמ ארבעטער־קלאס צו די אנטשיידנדיקע שלאכטנ פאר דער מאכט, פאר דער דיקטאטור פונ פראָלעטאריאט.

דער רעוואָליוציאָנערער פראָלעטאריאט פונ דער גאנצער וועלט, אונטער דער אָנפירונג פונ קאָמינטערנ מיטנ געניאלנ און גרעסטנ פירער פונ דער אלוועלטלעכער פראָלעטארישער רעוואָליוציע כ׳ סטאלינ בעראָש, גרייט זיכ ארויסצוגייענ אלס זיגער פונעמ אָנקומענדיקנ נײַעמ טור רעוואָליוציעס און מילכאָמעס.

„אפנ באָדנ פונ דער אלוועלטלעכער רויִנירונג, וואָס די מילכאָמע האָט געשאפנ, וואקסט אזויארומ דער אלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער קריזיס, וואָס וועלכע לאנגע און שווערע ניסיוינעס ער זאָל ניט דורכמאַכנ, קאָנ ער זיכ ניט ענדיקנ אנדערש ווי מיט דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע און מיט איר ניצאָכנ" (לענינ, באנד XIX, זײַט 75. מײַנ קורסיוו. — י. ס.).

אינהאלט

זייט

קאפיטל I. די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט 3

קאפיטל II. די סכוירע־פראדוקציע און אירע ווידערשפרוכן. 25

1. די סכוירע און אירע אייגנשאפטן 26
2. ווערט איז א געזעלשאפטלעכע פארהעלטעניש 30
3. ווערט־פארם 34
4. די ריאלע פונעם ווערט אין דער סכוירע־פראדוקציע 38
5. סכוירע־פעטישיזם 43
6. די בורזשואזע טעאריעס און די באדייטונג פון מארקס ווערט־טעאריע 47
7. די גרונטיקע געזעצמעסיקייט פונעם איבערגאנג־פעריאד 54

קאפיטל III. געלט. 62

קאפיטל IV. קאפיטאל און מערווערט. 72

1. דער גרונט־ווידערשפרוך פון קאפיטאליזם 72
2. מערווערט 76
3. דער קאפיטאל און זיינע באשטאנד־טיילן 84
4. די מעטאדן פון פארגרעסערן דעם מערווערט. אבסאליוטער און רעלאטיווער מערווערט 88
5. קאפיטאל און מערווערט זיינען א געזעלשאפטלעכע פארהעלטעניש 102
6. די בורזשואזע און סאציאל־פאשיסטישע טעאריעס און די באדייטונג פון מארקס מערווערט־טעאריע 106
7. די סאציאליסטישע פראדוציר־פארהעלטענישן אין פססר 110

קאפיטל V. ארבעטלוין 114

1. דער טאך פון ארבעטלוין 114
2. פארמען פון ארבעטלוין 118
3. די באדייטונג פונעם ארבעטלוין אינעם איבערגאנג־פעריאד 122

קאפיטל VI. די אנזאמלונג פון קאפיטאל און די פאראָרעמונג פונעם ארבעטער־קלאס 124

1. איינפאכע רעפראדוצירונג 125
2. די פארברייטערטע רעפראדוצירונג אדער קאפיטאל־אנזאמלונג 128
3. די קאנצענטראציע און צענטראליזאציע פון קאפיטאל 132
4. די רעלאטיווע איבערבאַפעלקערונג. דער אלגעמיינער געזעץ פון דער קאפיטאליסטישער אנזאמלונג 134
5. די פאראָרעמונג פונעם ארבעטער־קלאס באם קאפיטאליזם 139
6. די סאציאליסטישע אנזאמלונג און דער לעבנס־ניוואָ פונעם ארבעטער־קלאס אין פססר 153

קאַפּיטל VII. די פאָרמענ פונ קאַפּיטאַל און די פאָרמענ פונ מערוועוערט . . . 60

1. די טײלונג פונ קאַפּיטאַל אפּ באַזונדערע פאָרמענ 60
2. די פאַרוואַנדלונג פונ מערוועוערט אינ רעווע‎כ. רעווע‎כ און נאָרמע פונ רעווע‎כ . . 68
3. די אויסבילדונג פונ דער דורכשניטלעכער רעווע‎כ־נאָרמע און די פאַרוואַנדלונג פונ די סכוירע־ווערטנ אינ פּראָדוקציע־פּרײַזנ 71
4. די טענדענצ פונ דער רעווע‎כ־נאָרמע צו פאַלנ 78
5. דער רעווע‎כ פונעמ האַנדל־קאַפּיטאַל 82
6. האַלוואַע־קאַפּיטאַל און האַלוואַע־פּראָצענט 85
7. ערד־רענטע 89

קאַפּיטל VIII. די לאַנדווירטשאַפט באַמ קאַפּיטאַליזמ 199

1. דאָס פּריוואַט־אײגנטומ אפּ ערד אַלס פאַקטאָר, וואָס טאָרמאָזירט די אַנטוויקלונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט באַמ קאַפּיטאַליזמ 199
2. די גרויס און קלײנ־אינדוסטריע אינ דער לאַנדווירטשאַפט 204
3. די עקספּלואַטאַציע פונעמ פּויערטומ באַמ קאַפּיטאַליזמ 208

קאַפּיטל IX. רעפּראָדוקציע און אומלויפּ פונעמ געזעלשאַפטלעכנ קאַפּיטאַל אינגאַנצנ גענומענ 216

1. קריטיק פונ סמיטס טעאָריע 217
2. די רעפּראָדוציר־באַדינגונגענ פונעמ געזעלשאַפטלעכנ קאַפּיטאַל אינגאַנצנ גענומענ . 221
3. די ווידערשפּרוכנ פונ דער קאַפּיטאַליסטישער רעפּראָדוקציע 237

קאַפּיטל X. קריזיסנ 247

1. דער ווידערשפּרוכ צווישנ דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוצירונג און דער קאַפּיטאַליסטישער צוײגענונג איז די סיבע פונ די קריזיסנ 247
2. דער גאַנג פונעמ קריזיס 258
3. די באַדײַטונג פונ די קריזיסנ 267
4. די בורזשואַזע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריעס וועגנ קריזיסנ 269
5. די אומעגלעכקײַט פונ קריזיסנ אינ פּסר 275

קאַפּיטל XI. אימפּעריאַליזמ 279

1. קאָנצענטראַציע און מאָנאָפּאָל 282
2. די נײַע ראָליע פונ די בענק 288
3. עקספּאָרט פונ קאַפּיטאַל 294
4. קאַמפּ פאַרנ פאַרטײלנ די וועלט צווישנ די פאַרבאַנדנ פונ די קאַפּיטאַליסטנ . 297
5. די טעריטאָריעלע צעטײלונג פונ דער וועלט צווישנ די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס און דער קאַמפּ פאַר איר איבערפאַרטײלונג 299
6. אימפּעריאַליזמ איז א באַזונדערער און דער לעצטער עטאַפּ פונ קאַפּיטאַליזמ . 303
7. פאַרשאַרפונג פונ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ באַמ אימפּעריאַליזמ 308
8. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „טעאָריעס“ פונ אימפּעריאַליזמ 314
9. דער געזעצ וועגנ דער ניטגלײַכמעסיקער אַנטוויקלונג און די פּראָלעטאַרישע מעלוכע 324
10. דער אַלגעמײנער קריזיס פונעמ קאַפּיטאַליזמ 329

Редактор перевода Л. Гольдберг. Техред — М. Погостер. Корректор — Иткин. Сдано в произ. 15/IX — 34 г. Подписано к печати 21/XI — 34 г. Ф. б. 62×94 1/16. 22 1/4 п. л. 52.000 зн. в. п. л. Уп. Главлита В — 99018. Тираж 4.000.

Тип. изд-ва „Эмес“, Москва, Покровка, 9. зак. 933